STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01543

MAY IN KAZAN

Boris Mogilner

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Alan Naisuler
in memory of
Bessie (Pessel) & David (Dovid) Perlis

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-01543-1

D:\YIDDISH\TITLES\9780657015435T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע, 1981

באָריס מאָגילנער

[illegible] אין לאנדאן

דערציילונגען און נאָוועלן

С(Евр)2
М 74

באָריס מאָגילנער איז שוין פונלאנג באוווסט דעם ייִדישן לייענער. ער האָט דעביוטירט אין מיטן פון די דרײַסיקער יאָרן מיט לידער אין דער פּעריִאָדישער פּרעסע, זיך געדרוקט אין פארשיידענע אויסגאבעס — צײַטונגען, זשורנאלן, זאמלונגען. נאָך א גרויסן איבערײַס איז ער ווידער טעטיק געוואָרן אין דער ליטעראטור און פארן לעצטן יאָרצענדליק פארעפנטלעכט אינעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" א סאך פּאָעטישע ציקלען, דערציילונגען און נאָוועלן.

די זאמלונג „מײַ אין קאזאן" אנטהאלט צוויי גרעסערע דערציילונגען און אכט נאָוועלן. קלאָרע לויטן אידייִשן פארטראכט, צייכענען זיי זיך אויס מיט אקטועלע פּראָבלעמען, וועלכע ווערן דאָרט געשטעלט, מיט טיפן פּסיכאָלאָגיזם, מיט פּאָעטישע נאטור־בילדער. די געשעענישן אין ב. מאָגילנערס ווערק קומען פאָר הײַנט־צו־טאָג און אויך רעטראָספּעקטיוו — אין דער צײַט פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע. דער בוך פארמאָגט א גאנצע גאלעריי געשטאלטן — מענטשן פון פארשיידענע דורות מיט זייער ניט לײַכטן גורל, אָבער מיט שיינע נעשאָמעס, וואָס קענען בײַקומען שוועריקײַטן און גייען ארויס פון אלע ניסיוינעס מאָראליש בארײַכערטע. אין דעם פילט זיך די לעבנס־דערפארונג פונעם שרײַבער, זײַן קלאָרע אידייִשע פּאָזיציע.

© *Издательство «Советский писатель», 1981 год.*

М $\frac{70303\text{-}376}{083(02)\text{-}81}$ 276-81. 4702200000



מײַ אין קאַזאַן

1

אין וועג האָט באָרעך זיך געלאָזט מיט א האַלבפּוסטן טשעמאָדאַן. גענומען בלויז א פּיזשאַמע, דאָס גאָלמעסער און אַנדערע טואַלעט־קלײניקײַטן. שוין באַם סאַמע אַרויסגאַנג פון שטוב האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אין אײַלעניש פאַרגעסן איבערצובײַסן. האָט ער אַפּגיך אָנגעשטאָפּט פונעם אײַזקעלטער א צעלאָפאַן־זעקעלע מיט עסנוואַרג, וואָס איז דאָרט פאַרבליבן נאָך דעם, ווי ער האָט אינדערפרי אַרויסבאַגלײט דאָס ווײַב און דעם מיזיניק צום יאַם. עס וואָלט אוודאי געווען בעסער אָפּצועסן אין דער היים, האָט אָבער אונטערגעטריבן די צײַט: אין קאַרגע פערציק מינוט אַרום גייט אָפּ דער צוג — ס'וועט קוים קלעקן צײַט אַף צו דערגיין צופוס צום וואָקזאַל.

שפּאַנט באָרעך ברייט און געשווינד אַפן שטעג, וואָס ציט זיך לענגויס דער אײַזנבאַן־ליניע אין א באַלקע מיט פריש, ערשט געבאָרענעם גראָז בײַ די ראַנדן.

עס איז ערעוו דעם ערשטן מײַ. דער אָנקומענדיקער יאָמטעוו פילט זיך דאָ, אין דער פאָרשטאָט, אומעטום זײַנען צעהאַנגען פּורפּור־פאָנען, ברייטע לײַוונטן פון פּלאַקאַטן פלאַטערן אַפן ווינטל. אין רויט־העלן הימל שווענקען זיך ציטעריק טויבן, באַלויכטענע מיט שטראַלן פון שקיִע.

בײַ באָרעכן איז הײַנט א גאַנצן טאָג א גוטע שטימונג. זי איז צו אים געקומען פון קאַיאָר, ווען ער האָט באַגלייט דאָס ווײַב מיטן זון אַף אָפּרו. א סוואָרע דערפּאַר, ווײַל דער פרימאָרגן האָט זיך אָנגעהויבן מיט וווּנדערלעכע פאַרבן. אָט די פאַרבן האָט פריִער פון אַלעמען באַמערקט דער מיזיניק און טומלדיק, מיט אַן אויפגערעגט קעלכל, געצוווּנגען די עלטערן אָפּשאַצן דעם קישעף: די פּראַכטפולע פײַערשײַן — דעם נעס, וועלכן ס'איז

אים אזוי גליקלעך געלונגען אנטדעקן. אָדער, ס׳קאָן זײַן, איבער אן אנדער סיבה. עפשער גאָר דערפאר, וואָס ער, באָרעך, האָט, געזעגענענדיק זיך מיט זײַן פרוי, נאָכאמאָל, דאָס וויפלטע מאָל, אָבער גלײַך ווי אפסנײַ, צום ערשטן מאָל דערזען, אז זי איז ביז איצט צוציִענדיק יונג, האגאם זינט זיי זײַנען מאן און ווײַב זײַנען דורכגעפלויגן פיל יאָרן — שוין די זילבערנע כאסענע געפראוועט.

באָרעך האָט מיט פארגעניגן איבערגעלייענט צוויי לעקציִעס אין אינסטיטוט, נאָכדעם קאָנסולטירט עטלעכע סטודענטן — פאנאנדערגעקליבן די גרײַזן אין זייערע רעפעראטן, איניינעם מיט דער רעדקאָלעגיע פארענדיקט ארויסלאָזן די וואנטצײַטונג פונעם אינדוסטריִעל־פעדאגאָגישן פאקולטעט.

— דוכט זיך, א געראָטענע, — האָט ער שטיל געזאָגט צו זיך אליין, גלעטנדיק זי מיטן בליק פארן שטעלן אף איר אונטערשטן רעכטן ווינקל די כסימע פונעם הויפט־רעדאקטאָר.

פרייד, ווי צאָרעס, קומען זעלטן אליין. די העכסטע אטעסטאט־קאָמיסיע האָט באשטעטיקט דאָס ווײַב זײַנס אלס דאָצענט. דער בכאָר איז סאָפקאָלסאָף מיטביידע פיס שוין געשטאנען אין אוניווערסיטעט. אויס מאנדלען באם מיזיניק אין האלדז — מע האָט זיי אויסגעשניטן, איצטער וועט זײַן א סאָף צו זײַנע קרענק, ביפראט נאָך, ווען ער וועט א גאנצן כוידעש עטעמען מיט יאם־לופט.

שטענדיק קאָן מען אָפזוכן א טערעץ פאר א סימכע, ווי אויך אן אויסרייד בייסן פארלירן דעם מוט, לאנג קלערן איז ניטאָ וואָס. די הענט זײַנען נאָך געגוג שטארק, אף די פיס, קיין אײַנהאָרע, האלט ער זיך נאָך גאנץ פעסט, — איז עס דען ניט קיין סיבע אף זיך צו פרייען? עמעס, דאָס הארץ גיט אים אמאָל צו וויסן, ער זאָל ניט פארגעסן, ווו עס געפינט זיך בא אים, עס האָט א טעווע א שטיף צו טאָן. נאָר סײַווי ווילט זיך אים גלייבן, אז ער איז נאָך געזונט, מונטער, פיל שטייט אים נאָך פאָר אופצוטאָן — פונדעסטוועגן האָט ער דאָך אָפגעלעבט אף דער וועלט בלויז פינף און פערציק יאָר, ניט מער...

באָרעך גייט און פײַפט אונטער, באמערקט גאָרניט, אז ער טוט עס.

אהער פלעגט אָפט אים שלעפן דער מיזיניק — באגעגענען עשעלאָנען, וואָס רײַסן זיך דאָ האסטיק ארויס פונעם שפאלט, און באגלייטן אהין אנדערע צוגן, וואָס פארשווינדן מיט אָפשטארבנדיקן געפילדער אין דער טיפעניש, ווי אין א טונעל. ביידע, ער און יורע, פלעגן קומען אהער ווינטער און זומער, ווען ס׳האָבן געגאָסן רעגנס און ווען די זון האָט געברענט. יורע איז געווען גערן נאָכשפּירן, ווי די פרילינג־וואסערן, לע־

כאטכילע מיט צויבערע גערוישן, שפעטער מורמלענדיק און ענדלעך מיט שוין ברויזנדיק, פאלן ווילד פון ביידע שפּאלט־אָפּנייגן אפן דעק און דראָען צעשמעטערן די איבערבעט פון די רעלסן. באנאנד מיטן מיזיניק פלעגט באַרעך אי פרירן, אי קוויקן זיך, נאס ווערן פונעם רעגן און קוועלן, אָנשטעקן זיך מיט פריידיקער באגײַסטערונג. איינמאָל איז באַרעך געלאָפן מיטן דאָזיקן שטעג, אן אָנגעשראָקענער פון דער מאמעס טעלעגראמע:

„טייקעף קום צו פאָרן — דער טאטע איז ערנסט קראנק".

דערנאָך איז קלאָר געוואָרן, זי האָט אויסבאהאלטן פון אים די שווער־צע ידיעה, טעלעגראפירט, ווען דער פאָטער איז שוין געלעגן א טויטער. „וויאזוי האָסטו זיך עס געקאָנט דערלויבן?" — איז געווען די ערשטע פראגע באַרעכס. שטיל זײַנען אופגעשווומען דער מאמעס פארענטפערונ־גען: „כ׳האָב געציטערט פאר דיר. דער עמעס איז אָפּט אומדערטרעגלעך".

זי איז שטענדיק געווען א שטארקע. אפילע אין פעווראל, ווען ער איז אומגעריכט ארײַנגעפלויגן צו דער מאמען, ס׳איז געווען אין איר גע־בורטסטאָג, האָט ער ניט גלײַך באמערקט, אז ס׳איז איר זייער שלעכט. אין שטוב האָט זי אים ארײַנגעלאָזט אליין און ווי אלע מאָל זיך געפרייט מיט זײַן קומען:

— אזא גאסט! אזא טײַערער גאסט!

פונדעסטוועגן איז בא אים געבוירן געוואָרן א כשאד: דער מאמעס אָטעם איז געווען א צו אָפּטער, אן איבערגעריסענער, און די טיר־קליאמ־קע איז ארויסגעפאלן פון אירע הענט — א שלעכטער סימען...

אומקערנדיק זיך פון די לימודים, האָט דער בכאָר, לייב, דערלויבט דעם טאטן, ער זאָל אים א קוש טאָן, כאָטש די דאָזיקע פּראָצעדור איז, לויט זײַן מיינונג, אן איבעריקע, נאָר וואָס זאָל מען טאָן — אזוי איז שוין אײַנגעפירט. לייב האָט זיך געוווּנדערט: די באָבע איז ניט אין בעט, זיצט אף א שטול, פירט אָן מיטן צוגרייטן די וועטשערע.

— אך, ווי עס שמעקט געשמאק! — האָט ער א זאָג געטאָן, צעבלאָזנדיק די נאָזלעכער און קאָסיענדיק מיט איין אויג אף דער באָבען. — פילסט זיך בעסער?

— לאָמיר וועגן דעם דערווײַל מאכן א שווײַג, — האָט זי מיט א שמייכל געענטפערט.

לייב האָט צונויפגעפירט די ברעמען.

— דער טאטע איז דאָך געקומען, נארעלע, — דערקלערט זי.

— ער פארשפעטיקט קיינמאָל ניט, — באמערקט לייב מיט אַן אָנצוהערעניש, וועלכע די באָבע, אפּאָנעם, פארשטייט.

זי פלאמט אוף:

— דײַן ארבעט? דאָס האָסטו אים ארויסגערופן? געמאסערט?

— ניין. כ׳האָב דיר צוגעזאָגט און געשוויגן.

— נו, גוט, גרייט זיך זעצן צום טיש, וועסט לעקן די פינגער — דײַן טאטע איז א פּייַקער שילער, מע קאָן זיך אף אים פארלאָזן.

נאָך ביז דער זון איז געקומען איז שוין פאר באָרעכן ניט געווען קיין סאָד, אז די מאמע פילט זיך איצט א סאך ערגער.

ווען ער האָט איר פאָרגעלייגט, זי זאָל זיך לייגן אָפּרוען, איז ער ניט געווען זיכער, אז זי וועט אים פאָלגן. נאָר זי איז געהאָרכזאם, פאמעלעך אוועק אין אלקער מיט דער הילף פונעם אייניקל, וועלכער האָט געשיקט אונטערגעשטעלט זײַן האנט, די באָבע זאָל קאָנען זיך אָנשפארן. ס׳איז איר שווער געווען אויסבאהאלטן דעם ציטער פון די ליפּן, און א קרעכץ האָט זיך ארויסגעריסן פון מויל. באָרעך איז פארגליווערט געוואָרן אף א רעגע, אָבער גלײַך זיך גענומען אין די הענט, א שפּאַן געטאָן צו דער מאמען, איר געהאָלפן זיך לייגן אין בעט. דערנאָך, ביז זי האָט זיך אײַנגעמאָסטעט, פאָרזיכטיק פארבויגן די קאָלדרע — אונטערגעשטופּט זי אונטער אירע פיס.

לייב איז אַן אָנגעכמורעטער ארויס אין קיך וואשן די הענט, און באָרעך האָט זיך אוועקגעזעצט אף א נידעריק טאבורעטל לעם דער מאמען.

— איך קלער, אז כ׳בין פארקילט, און דערפאר קלעפּן זיך איצט צו מיר קאָלערליי שלעק, — האָט זי געזאָגט, ענטפערנדיק מיט א זינגעוודיק קאָל אף זײַן פארדײַגעטן בליק. — אליין שולדיק. ארויס נאָך האָלץ ערעוו נײַ־יאָר אין אַן אָדליהע, איבערגעטראָטן די שוועל פונעם שטעלכל און גלײַך ארײַנגעפאלן אין וואסער, א פול שיכל אָנגעשעפּט. כ׳בין דעמלט אפגיך, אָן שפּענער, ארײַן אין שטוב, ארײַנגעשטופּט די פיס אין וואָליקעס, זיך דערוואָרעמט. נאָר עפּעס פיבערט מיך מער, ווי כ׳האָב פארדינט.

אופמערקזאם האָט זיך צוגעהערט באָרעך, געהאלטן דער מאמעס האנט אין זײַנע דלאָניעס.

— אזוי איז בא אונדז אלץ אין אָרדענונג, — האָט זי שטיל פאָרגעזעצט, — ארײַנגעשפּאנט זיך אין אונדזערע כאָמוטעס, ווי עס דארף זײַן: לייב — אינעם לערנען, איך — אין ליידיקגייערײַ. קיין איין קינאָפילם ניט דורכגעלאָזט, מיט דער ראדיאָ בין איך דער בעסטער פרײַנט, אויך דעם טעלעוויזאָר באליידיק איך ניט, כ׳לייען, איך שפּאציר. וואָס קאָן נאָך טאָן

אָן אַלטע פּענס־אָנערקע? ס'איז מיר וואַרעם, אָפּן קאָפּ קאָפּעט ניט, כ'בין זאַט. געשפּײַזט האָבן מיר זיך גוט, מע קאָן, פאַרשטייט זיך, מער געלט אויסגעבן אויפן עסן, וועט מען דאָך אָבער ווערן גרעבער ווי לענגער. לייב פּראָטעסטירט, ער איז גערעכט, און איך בין צופרידן — מיט א דיק לײַב אָטעמט זיך שווער.

זי האָט א ביסל געשוויגן, זיך אײַנגעהערט אין זיך, דערנאָך אומעטיק צוגעגעבן:

— ס'לעבט זיך גוט, נאָר פרייד איז ווינציק אָן דײַן טאַטן. ווען ער זאָל זײַן מיט מיר...

ווי געוויינלעך אין איר געבורטסטאָג, זײַנען געווען באַגריסונגען פון געוועזענע מיטאַרבעטער: פון דער פּאָליקליניק, וווּ זי איז געווען א פעלדשער, פון דער שול, וווּ זי האָט מיט א הייל־פּונקט אָנגעפירט. מ'האָט געבראַכט טאָרטן, באַצירטע מיט איר נאָמען, מיט בלומען פון קרעם. אויפן טיש זײַנען אויסגעוואַקסן, ווי די מינענוואַרפערס, שלאַנקע פלעשער שאַמפּאַניער־ווײַן, קאַגאָר, ריסלינג.

די מאַמע האָט אָנגעטאָן א טונקל־זײַדן קלייד, פּליושעווע פּאַנטאָפל. באַשפּריצט מיט פּאַרפום די גראָווע, קורץ אונטערגעשוירענע האָר, האָט זי זיך באַוויזן פאַר די געסט א מוטיקע, דאָס פאַרויטלטע פּאָנעם האָט געשמייכלט. אַזאַ האָט זי שוין לאַנג באָרעך ניט געזען. די ווונטשן האָט זי אויסגעהערט אָן טרערן, שמייכלענדיק, אָבער בלויז מיט די ליפּן, אין די אויגן איז דאָך פאַרגליווערט געווען עפּעס א מין פּײַן. געכאַפּט א קוק אויף די פלעשער פון פאַרשיידענע קאַליבערן, האָט זי א פליעסקע געטאָן מיט די הענט:

— צו פיל, וואָס צו, איז איבעריק.

און באַקומען א פרײַלעכע אייגנשטימיקע דערוווידערונג:

— מירן זיך ספּראַווען! מירן ניט אונטערפירן! גלייבט אין אונדזערע פייִקייטן! מיר בעטן נאָך, קלאָרע באַריסאָוונע.

— אויב אַזוי... ווו איז לייב? אַהאַ? — דאָס אייניקל פאַרשטייט זי אויפן ווונק. צו דער באַטאַרייע פון געפּערלעכן קליינזײַען, וועלכע איז געשטאַנען גרייט, געוואָרט אויף א באַפעל, האָט זיך אין איין אויגנבליק פאַררייניקט א בוטל באַרימטע מאַשקע — פלוימען־שנאַפּס, וועלכן באָרעך אַכטעט מער פון אַלע געטראַנקען אויף דער וועלט — בלויז זײַן מאַמע איז אויף אַזעלכס א בעריע.

גלײַך נאָך דעם איז אוועק א סעדרע פון פאַרבײַסעכצן.

אַלעמען זײַנען געפעלן געווען די געפילטע פיש, האָגאַם ניט קיין העכט און אַפילע ניט קיין קאַרפּ, נאָר געוויינלעכע טרעסקאַ, וואָס האָט

זיך שוין גרינטלעך דעם אוילעם צוגעגעסן, די געסט אָבער האָבן דאָס ניט באמערקט, עפשער דערפאר, ווײַל דעם טאם פון עכטע יידישע געפעפערטע פיש האָבן זיי ניט געוווסט. מיט היספּײַלעס האָט מען געלויבט דעם רינדערנעם עסיקפלייש, זײַן רויטע בריִענדע פעטע פליסיקײַט, זײַן זאפט, וואָס מע דארף באוויַיזן אויסלעקן, טינקענדיק אין אים שטיקלעך ווייכן קוילעטש, ביז ער ווערט ניט אָפּגעקילט.

אלע האָבן געלויבט די באלעבאָסטע.

זי האָט שמייכלענדיק געלייקנט אירע פארדינסטן:

— רימט דאָס לעבן, ניט מיך. עס קאָכט פארשיידן — אי ביטער, אי זיס, טוט א גלעט און גיט א פאטש, די ליבשאפט — שארפט, די פײַנטשאפט — שארפט. יעדער באקומט זײַן כיילעק, ווערט מיט דערפארונג רײַך, ווילסט ניט, ועסטו זיך אויסלערנען.

— ע, איר באהאלט די סוידעס פון אײַער מײַסטערשאפט.

— איר זײַנט דאָך ניט קיין גײַציקע.

— כ'וייס ניט, וויִאזוי אײַך צו דערקלערן, טײַערע געסט מײַנע. איר פארלאנגט, כ'זאָל גרינדן קורסן פון קעכערנס? אדעראבעו! מײַן זון האָב איך אויסגעלערנט. הײַנטיקע סודע האָבן מיר אינצווייען געגרייט.

דער מאָלצײַט האָט זיך פארצויגן.

אויך די נאכט איז געווען א שלאָפלאָזע. מע האָט געמוזט ארויסרופן די „גיכע הילף”. בא דער מאמען איז אונטערגעשפרונגען דער בלוטדרוק.

דער דאָקטער פון פּאָליקליניק איז אליין צעטומלט געוואָרן, זיך פארלאָרן. דער באוווסטער אין שטאָט דאָקטער, וואָס האָט שטענדיק געהיילט די מאמע, האָט אויך ניט געטרייסט.

באָרעך איז לאנג געשטאנען אין אלקער, געשפּירט, ווי עס דרעמלט די מאמע, ווי עס פיבערן אירע וויִעס, ווי אף איר ברוסט באוועגט זיך די קאָלדרע.

פלוצעם האָט זי צעעפנט די אויגן, טיף אין זיך אײַנגעשלונגען די לופט, עטוואָס א הייב געטאָן זיך און ארויסגעאָטעמט:

— וואָס שטייסטו אזוי, קאָנסט עס מיר דערקלערן?

באָרעך האָט א קנייטש געטאָן די אקסלען.

— געמאכט א גוואלד אף גאָר דער וועלט, — האָט אים די מאמע גענומען מוסערן. — אופגערודערט די גאנצע מעדיצין. ביסט, זעט אויס, אן איבערגעשראָקענער. ס'איז גאָרניט געשען. כ'בין ארויס פון דער קאָלייע. ארויס — וועל איך צוריק ארײַן.

נאָר זיך ארויסשלאָגן איז געווען לײַכטער. ביז איצט איז די מאמע ניט געקומען צו־זיך, כאָטש פון דעמלט אָן זײַנען שוין אדורך פיל טעג.

באָרעכס געדאנקען ווערן טרויעריקע. ער הערט אוף צו פײַפן.

וואָס מער ער דערנעענטערט זיך צו דער סטאנציע, אלץ אָפטער באַגעגענען אים נידעריקע סוועטאָפאָרן מיט דרײַשטאָקיקע דאשעקעס אף די קײַלעכדיקע גרויסע שווארצאפלען, די רעלסן צעצווײַגן זיך, טיילן זיך אָפּ איינס פונעם אנדערן, צעשיידן זיך, ווי בארויגעזע. דעם גערוך פון יונגע גראָזן פארשלאָגן די שארפע רייכעס פון די דורכגעווייקטע שפּאַלעס, דער קוילן־רויך, דער מאזוט.

ווען דער פּארסאפּעטער לאָקאָמאָטיוו מיט זײַן הייזעריקער ברומערײַ רוקט זיך פאָרזיכטיק אָן אפּן פעראָן, שטייט שוין באָרעך אף יענער זײַט שוועל פון דער וואָקזאל־טיר, קוקט זיך ארום, זוכט מיטן בליק זײַן וואַגאָן. דער וואגאָן קײַקלט זיך קרעכצנדיק צו און שווימט אוועק ווײַטער. כאָטש דער צוג שטייט אין מיראָסלאוול פופצן מינוט, דאָך לאָזט זיך באָרעך לויפן. דעריאָגט דעם וואגאָן, שפּרינגט ער ארויף אף די טרעפּלעך. ער איז אָן א היטל, אין א לײַכטן צעשפּיליעטן מאנטל מיט א שארפל, וואָס דער ווינט פרוווט ארויסרײַסן פון זײַן קאָלנער.

ער באקומט א שלעכטע קופּע: די עקסטע, א צווייאָרטיקע און שמאָלע — טו זיך א ריר, פארטשעפּעסטו אָדער די וואנט, אָדער דעם ווינקל פון טיש אָדער מיטן קאָפּ די אייבערשטע פּאָליצע.

אף דער אונטערשטער, א פארדעקטער מיט זויבערן בעטגעוואנט, זיצט, צוגעדריקט מיט א באק צום גראָבן גלאָז פונעם פענצטער, א פרוי.

באָרעך באגריסט זיך.

די פרוי טוט זיך א קער, און ער דערזעט, אוודע ניט מיט איבעריקער באגײַסטערונג, אז אים איז באשערט א האלבן מעסלעס צו פארברענגען מיט אן אלטער, וואָס האָט א סוואָרע ליב עפּעס אומצופרידן צוזשמורען זיך און צונויפפרעסן די ליפּן, זייער דינע, עפּשער בייזע, פארוואקסענע מיט שווארצע וואָנצעלעך.

„קיין שכיינים אין צוג קלײַבט זיך קיינער ניט אויס, מע באנוגנט זיך מיט די, וואָס גאָט שיקט צו”, — טוט א קלער באָרעך און שפּיזט אָן די אויגן אף איר פּאָנעם, א קווארן, טרוקענעם און ברוינעם, גלײַך מע וואָלט עס אין א הארבארניע געגארבט.

— זעצט זיך, — זאָגט די פרוי הארבלעך, — ווהין פאָרט א יונגערמאן?

באָרעך דערקלערט.

— איר האָט דאָרט עמעצן?

— די מאמע און א זון.

די שכיינע זיפצט:

— בא מיר איז אויך א זון אין קאזאן. גוט, וואָס איר פארגעסט ניט די מוטער.

זי קײַעט די ליפּ מיט די וואָנצעלעך, גיט צו:

— האגאם עס איז, פארשטייט זיך, גאָר פּאָשעט — דער יוירעש ציט צו זיך.

באָרעך מאכט זיך ניט הערנדיק, שטופּט ארוף דאָס טשעמאָדאנדל אף זײַן פּאָלקע, שלעפּט אראָפּ פון האלדז דאָס שארפל, רוקט עס ארײַן אין קעשענע פונעם מאנטל.

— ערגערט זיך ניט, כאווער, — רופט זיך אָן די פרוי, ציילנדיק די קנעפּ פונעם כאלאטל, — אָט אזא בין איך, צו אלעמען טשעפּע איך זיך, אָפּט גאָר אומזיסט. האָט ניט קיין פאריבל.

זי טוט א וווּנק אפן פעראָן:

— אַן אייגנארטיקער וואָקזאל. יעדעס מאָל איבעראשט ער. שמעקט מיט אוראלט.

— טויזנט מיט הונדערט יאָר שטייט מיראָסלאוול אף דער ערד. זײַן ייִכעס ציט זיך פון דער צײַט פון די רוסישע בילינעס. איז קיין כידעש ניט, וואָס דער וואָקזאל איז ווי א מײַסעלע: טורעמס פון אַן אוראלטער פעסטונג, אמבראזורעס.

די נײַגעריקע שכיינע לאָזט ניט אָפּ באָרעכן. נאָך ביז דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט איז איר געלונגען פיל אויספרעגן וועגן מיראָסלאוול, זי ווערט אָבער ניט זאט. אָט הוידעט זיך שוין די קופּע אף די רעסאָרן, די רעדער קלאפּן, אין פענצטער שווינדלען די טעלעגראף־סלופּעס, און די אלטע זעצט פאָר פאראקשנט איר גיריקן פארהער, אלץ דארף זי וויסן: צי איז פאראן א טעאטער, ווי טײַער איז פליישׁ, צי איז די שטאָט א גרינע, צי איז זי א ציכטיקע אָדער א ברודיקע, און וויפל, אשטייגער, לעבן דאָ ייִדן.

דער צוג פאָרט איבער דער בריק פונעם טײַך אָקא. פוןביידע זײַטן — מאָטאָר־דאמפערס באם צווייִדעקיקן האפן, שיפלעך פון פישערס לעבן דער פּאָנטאָן־בריק, לענגויס דעם הויכן ברעג — הײַזער פון קלעצער, קלויסטערס, ריזיקע געבײַדעס פון דער וועבער־פאבריק.

באָרעך גליטשט זיך דערווײַל ארויס פון דער קופּע זיך איבערצוטאָן. ער קערט זיך אום אין דער פּיזשאמע, לייגט אוועק אפן טישל זײַן

צעלאָפאַן־זעקל, בייגט זיך אָן און שלעפּט אַרויס פון אונטער דער פּאָליצע דאָס צוזאַמענגעלייגט לייטערל, שטעלט עס אַוועק לעבן טישל, זעצט זיך צו און נעמט איבערבײַסן. ער עסט געשמאַק, אַף ביידע באַקן און האָט פונעם עסן האַנאָע.

די קופּע־שכיינע קוקט אַף באָרעכן, טוט אַ קנייטש מיט די אַקסלען:

— עס קאָן פאַרשאַטן טרוקענערהייט. באַלד וועט מען ברענגען טיי. ווי־אַזוי לאָזט עס אָפּ אַ ווײַב דעם מאַן אַפןליידיקן מאָגן?

— זי איז איצט אויך אַף רעדער, — פאַרענטפערט זײַן פּלוּיִנעסטע באָרעך.

— פאַרוואָס זשע האָט איר זיך, ווי די אָדלערס אַפן קייסער ניקאָלײַס הערב, אין פאַרשיידענע זײַטן אָפּגעדרייט, איר — אַהער, זי — אַהין?

— דעם מיזיניק צום יאַם אַוועקגעפירט.

— אָ, איר זײַנט נעגידים: צוויי גיבוירים האָט איר! היט אָפּ אײַער גוטס, — זאָגט טרויעריק די שכיינע, — מײַדט אויס צו שיידן זיך.

— ניט אַלע מאָל איז עס אין אונדז געווענדט.

צו דער דאָזיקער דערקלערונג באָרעכס טשעפּעט זיך די אַלטע צו, צווינגט אים דערציילן אַלץ, וואָס איז שײַעך דער מאַמעס קרענק.

— ווי אַלט איז אײַער מוטער?

— זיבעציק.

— אָ, קיין אײַנהאָרע.

— אַזעלכע רעציִדיוון, ווי אַצינד, זײַנען אויך פריִער בײַ איר געווען, — דערציילט באָרעך, — די לעבער... נאָר ביז איצט פלעגט זיך אַלץ ענדיקן בעשאָלעם. הײַנט גייט עס זייער שווער. און וועגן מאַכן אַן אָפּעראַציע קאָן אַפילע ניט זײַן קיין רייד.

די אַלטעפּ אַרשטעלט דאָס פּאָנעם מיט ביידע הענט און רעדט אַרויס פון הינטער די צעשפּרייטע פינגער:

— די אַלטע שטאַרבן אָן פּאַכעד. דער טויט איז שרעקלעך נאָר פאַר די יונגע, — שרײַט זי אויס מיט אַזאַ קאָל, גלײַך זי וואָלט באַשולדיקט עמעצן.

בײַ באָרעכן טריקנט איבער אין האַלדז, ער טוט זיך האַסטיק אַ הייב פון אָרט, פּרוּווט עפענען דאָס פענצטער.

די אַלטע, ווי פריִער — די פינגער אַפן פּאָנעם, טײַנעט אירס:

— אײַער מאַמע איז אַ גליקלעכע, אַפן בעסוילעם וועלן זי טראָגן אירע זין, אירע אייניקלעך, ניט קיין פרעמדע מענטשן, ניט קיין ווײַטע קרויווים. ס'איז אַ גליק, ווען נאָך דער מיטע פון די עלטערן גייען די קינדער. אַ סאַך ערגער איז, ווען דאָס איז פאַרקערט.

2

אין קאַזאַן קומט מען אָן גאַנצפרי. באָרעך העלפט דער אַלטער ארויסטראָגן אירע זאַכן. געזעגענענדיק זיך מיט איר, דערפילט ער אַ פאַרלײַכטערונג. ס׳איז אים ווי אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן. דאָך בלײַבט עפּעס אַ שווערקײַט פאָרט. אים ווערט עס קלאָר, ווען ער גייט ארויס אויפן פּוסטן וואָקזאַל־פּלאַץ, אויפן נאַסן, מיט קאַליוזשעס, אַספאַלט — ווײַזט אויס, באַנאַכט האָט דאָ געגאָסן אַ רעגן — און דערזעט די וויטרינע פון „סאָיוזפּעטשאַט”, פון וועלכער דער ווינט רײַסט אָן אָפּגעקלעפּטן ווינקל פון אַ צײַטונג. אינוויייניק נאָגט עפּעס, ווי דעמאָלט, מיט צוועלף יאָר צוריק, ווען די מאַמע האָט אים עקסטרע ארויסגערופן אַהער. דאַן איז באָרעך פלוצעם פאַרגליווערט געוואָרן דאָ, בײַ דער זעלבער וויטרינע, וואָס שטייט אויף צוויי דיקע בעטאָנירטע פיס. באָרעכס ליפּן האָבן פיל מאָל איבערגעכאַזערט דעם טאַטנס נאָמען, גלײַך ער וואָלט געפּרוּווט אים ארויסנאַרן פונעם ענגן שוואַרצן ראַם אין דער צײַטונג. די פינגער האָבן דערבײַ געקנאָטן דער מאַמעס טעלעגראַמע, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן דעם עמעס, געלאָזט אָרט פאַר אַ האָפענונג, וועלכע האָט שוין ניט געקאָנט זײַן.

הײַנט איז אַנדערש, דוכט זיך, די צאָרע וועט נאָך עפּשער אָפּטרעטן, נאָר אינוויייניק, אין ברוסט, נאָגט ניט ווייניקער, ווי דעמאָלט. באָרעך מונטערט זיך, ס׳איז אָבער ניט אַזוי גרינג אָפּנאַרן זיך אַליין.

באָרעך, כאָטש ער איז פונלאַנג ניט קיין ייִנגעלע, פאַרשטייט ערשט איצט, אַז דער פאַרגעניגן פון יעדער רײַזע אַהער, אין קאַזאַן, איז באַשטאַנען ניט נאָר אין דעם, ווײַל דאָס איז די שטאָט פון זײַן ליבע. דעם גרעסטן פאַרגעניגן האָט ער געהאַט דערפון, ווײַל אין פּריוואָלנע־געסל פלעגט ער שטענדיק טרעפן די מאַמע. דער טאַם פון קינדהײַט פלעגט אים אַרומכאַפּן און טרייסטן. אָבער דאָס מאָל וועט ער זי אין דער היים ניט טרעפן, די מאַמע וועט אים אינעם פּריוואָלנע־געסל ניט באַגעגענען — זי איז אין שפּיטאָל...

מיט אַ קלונג און אַ רעדער־קלאַפּערײַ רײַסט זיך ארויס פון הינטער דעם אויסבויג פון גאַס אַ טראַמווײַ. דער צווייטער נומער. דער מאַמעס נומער. ביז דער פּענסיע פלעגט זי פאָרן מיטן נומער צוויי סײַ אין איר פּאָליקליניק, סײַ אין איר שול, סײַ אויפן קאָלווירטישן מאַרק אײַנקויפן פּראָדוקטן.

דעם גאַנצן וועג, לענגויס די צוויי בולוואַרן, נאַרימאַנאָווער און קיראָווער, איבערן בריק, וואָס פאַרבינדט איין ברעג פונעם טײַך בולאַק

מיטן צווייטן, פאָרט באָרעך איינער אליין. ער דערווארעמט זיך, באטראכט דורכן פענצטער די יאָמטעוודיק באצירטע גאסן. אומזיסט פּאטשט און שיפּעט מיט די פנעוומאטישע טירן דער וואגאָנען־פירער, קיינער גייט ניט ארויס, קיינער גייט ניט ארײַן, אזוי ביז דעם קאָמליעוו־אָפּשטעל. דאָ ווערט דער וואגאָן אינגאנצן ליידיק. באָרעך באגלייט דעם טראמווײַ מיטן בליק און לאָזט זיך גיין צום פריוואָלנע־געסל.

דער ערשטער דרײַטרעפּיקער, ווי א ראקעטע, באדעקטער מיט אליר־מיני־פארב סלופּ, אף וועלכן עס הענגט דאָס פּײַקל פון עלעקטרא־זייגער, שטעלט אָפּ באָרעכן. די פּילבארע שווארצע ווײַזערס באווײַזן נאָך זייער א פריִע שאָ. באָרעך צווייפלט: צי עס לוינט וועקן דעם זון? דערנאָך וועט בא אים א גאנצן טאָג וויי טאָן דער קאָפּ. אין שפּיטאָל וועט מען אויך ניט ארײַנלאָזן, אויב אפילע יאָ, וויל ער אליין ניט קומען צו דער מאמען מיט ליידיקע הענט. די פּוטיאָווקע אין סאנאטאָרי, וואָס ער האָט איר צוגערייט, איז דערווײַל נאָך ניט קיין מאטאָנע, דאָס איז אף שפּעטער. איצט איז נייטיקער פון אלץ ברענגען איר עפּעס־וואָס אין מויל ארײַן. ער טוט א טאָפּ מיט די פינגער די ניט ראזירטע קין און לאָזט זיך גיין אין א צווייטער ריכטונג — אויב ניט צו די לעבעדיקע, וועט ער גיין באזוכן דעם טאטן.

שטיל איז קאיאָר אפן ארסקער פעלד. מיט א שטעג, וואָס מע זעט אים קוים, פאָרזיכטיק, כאָלילע ניט ארופטרעטן אף א פאריאָסעמט, פארלאָזט בערגל, קומט באָרעך צום טײַערן קייווער.

ארום וואקסט גרינס. אפילע די קראָפּעווע — צי אין רעגן־טראָפּנס, צי אין דרעמלענדיקן טוי — זעט אויס מילד.

באָרעך שטייט א ביסל, אָנגעשפּארט מיט די עלנבויגנס אף דער צאם, וועלכע די ווינטן און אומוועטערס האָבן גרוי געמאכט, דערנאָך נעמט ער זיך אופראמען ארום דער מאצייווע, קלײַבט צונויף טרוקענע צווײַגן, פארדארטע בלעטער.

אף דער מאצייווע פלעגט שטענדיק אכטונג געבן די מאמע. איינמאָל, ווען באָרעך איז צופעליק געקומען אין קאזאן פרילינג, האָט ער באגלייט די מאמע אהער. געשפּאנט האָט זי אפן בעסוילעם, ווי א באלעבאָסטע בא זיך אין גאָרטן. פאנאנדערגעפלאָנטערט דאָס דראָט, וואָס האָט געהאלטן פארשלאָסן די פאָרטקע פונעם פלויטל ארום דער צאם, א שלעפּ געטאָן דאָס טירל צו זיך, איז זי ארײַן אינעווייניק, לעם צוקאָפּנס אף די קני זיך געשטעלט. ערנסט, ניט געײַלט, מיט פיל איינצלהײַטן אָפּגעגעבן דעם מאן א באריכט וועגן אלץ, וואָס זי טוט, ווי זי לעבט, וועגן וואָס זי טראכט, וועגן איר צאָרן, וועגן אירע צאָרעס, וועגן איר נאכעס — וועגן די איי־

ניקלעך. „הײַנט איז בערעלע געקומען צו דיר, ער שטייט באנאנד מיט מיר״, — האָט זי לעסאָף געזאָגט און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום זון גוט געדענקט באָרעך איר דעמלטיקן אָנגעשטרענגטן, אנטשיידענעם און עטוואָס בעטנדיקן מעכילע־בליק — צי פארשטייט זי דער זון, צי איז ער מאסקים מיט איר, מיט אזא?

באָרעך פארפרעסט די ציין. עס גלוסט זיך אים, ווי דאז די מאמע, פאלן אף די קני, דעם טאטן צוקאָפּנס, שטילערהייט אויסקרעכצן:

— איך בין דאָ, אבאָ! הערסטו מיך?

ער שטרענגט זיך אָן אף ניט צו טאָן דאָס.

וועגן ערדישע דײַגעס דארף מען קלערן. ס'וואָלט גוט געווען באנײַען די צאם. ווייניק צײַט, אין א פּאָר טעג ארום מוז מען זיך אומקערן אין אינסטיטוט. עס גייט צום סאָף דאָס לערניאָר.

מיט זײַן נאָזטיכל רײַבט באָרעך געטרײַ דעם מאצייווע־אופשריפט אפן מירמל־ברעטל. ווישט אויס יעדע אויסיע באזונדער: „דער בעסטער דענק־מאָל דיר — אונדזער לעבן. זאָל עס זײַן געגליכן צו דײַנעם — ערלעכן, ריינעם, איידעלן״.

די מאמע האָט ניט געוואָלט, ניט געלאָזט שטעלן דעם שטיין אפן טאטנס קייווער.

— פארפלאנצט ביימער — זיי וואקסן? וואָס דארפט איר נאָך? א שלעכ־טער אָנדענק? אויב אן איבעריקער גראָשן קלינגט איז בײַטל, געפינט פאר אים א נוצלעך אָרט, לייגט אים אין געזונט ארײַן, וועט איר דער־פרייען דעם טאטן.

מע האָט זי דאפקע ניט געהערט.

שטענדיק פלעגט באָרעך קלערן, אז ער האָט גוט געקענט דעם טאטן, זײַנע טעוועס געוווּסט, זײַנע געדאנקען, זײַנע טועכצן, זײַנע געפילן, נאָר איצט, ווען ער, ווי א זײַטיקער, ווי צום ערשטן מאָל, לייענט ווידער דעם אופשריפט, וועלכן ער, באָרעך, האָט אליין פארפאסט, קלערט ער, אז ער האָט זייער קנאפּ געקענט דעם פאָטער. נו, א שטילער, א באשיידענער בוכהאלטער, מיט גאנאָווים, מיט רויבער א קריג געפירט. אף דער וואך פונעם פאָלקס־גוטס געשטאנען. איז עס דען אלץ? זײַן גאנצער פארמעגן? באָרעך פרווט זיך פאָרשטעלן דעם טאטן אפן אָרט, וווּ ער שטייט אצינד אליין, אונטער די פלאטערנדיקע וועסנע־בלעטלעך פון די בערעזעס, פון די ביימער, וועלכע מע האָט מיט צוועלף יאָר צוריק אפן פרישן טאטנס קייווער פארפלאנצט. זיי וואָלטן געפעלן ווערן דעם טאטן צי ניין? וואָס פאר א בלומען, וועלכע קלאנגען און פארבן האָט ער ליב געהאט? ווער

ווייסט? באָרעך לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ. אלץ קיין צײַט ניט געהאט ארײַנצוקוקן אין טאטנס נעשאָמע. פארשפּעטיקט.

ערגעץ הינטער דער פּלייצע כאַפּט זיך אוף פון שלאָף א פייגעלע, צוויטשערט פריילעך — אי באקאנט, אי אומבאקאנט. ווי הייסט דאָס פייגעלע, וואָס זינגט פאר זיך אליין גאנצפרי, קאָן באָרעך ניט זאָגן, א פייגעלע — און שוין. אפילע ווען ער דרייט זיך אויס, הייבט אוף דעם קאָפּ און דערזעט עס אף א צעהוידעט צווײַגל מיט א ווערעמל אין שנאָבל, איז אים שווער זיך דערמאָנען, ווי מע רופט עס. ער איז בארויגעז אף זיך, באָרעך. דאָס פייגעלע זינגט דען פאר זיך אליין? פאר דער גאנצער וועלט! מוז מען עס קענען! פארוואָס זאָל עס זײַן אומבאוווסט?

3

לאָזט זיך אויס, אז פונעם בעסוילעם קאָן מען מיט דער האנט דערלאנגען דעם טשעכאָוו־מארק. פריִער פלעגט עס באָרעך ניט באמערקן. איצט איז עפּעס פאָרגעקומען מיט באָרעכן. איצט דוכט זיך אים, אז זיי זײַנען גאָר ניט אזעלכע ווײַטע קרויווים, אייביק איז דאָס לעבן באנאנד מיט דער אייביקער רו. ווילסט צי ניין, אָבער א קוינע מוזסטו זײַן.

נאָר דער יאריד וואכט ערשט אוף פון שלאָף.

אף יענער זײַט געגלאָזטע פענצטער פון דער מילך־ריי פּאָרען זיך פויערטעס, צעשטעלן די שווערע פליאגעס אפן דיל, לעם די פיס, בידאָנעס גרינגערע, עמערס, קאסטריוליעס — פונויבן, אף די געהובלטע טאָפּטשאנעס. די קאָלווירטלערנס ציִען ארוף אף די הענט גרוילעכע, פארוואָשענע האלבע ארבל, פארבינדן זיי בא די עלנבויגנס מיט שנירלעך.

באָרעך קוקט, ווי די פויערטעס אייסעקן זיך און באטראכט, בא וועמען ער וועט קויפן דאָס, וואָס ער דארף.

אזוי פלעגט זיך אָנצילן אף די הענדלערנס די מאמע. פריִער פון אלץ — א קוק אין פּאָנעם: אויב א מונטערע, פריילעכע, לעבעדיקע, — הייבט זי אָן טאפּן די סכוירע, אויב דאָס פּאָנעם געפעלט איר ניט, — גייט זי פארבײַ.

— בא א געזונטער באלעבאָסטע מעג מען קויפן פּראָדוקטן, — האָט זי דערקלערט דעם זון, ווען ער, איר גאסט, האָט געהאָלפן איר טראָגן פון מארק אהיים דאָס קוישל. — לאָך ניט. עפּעס לייגט דאָך די פויערטע אויך צו זיך אין מויל, ניט אלץ פירט זי אפן מארק. ווען בא איר איז די בע־

היימע א שלאָפּע, איז עס אויפֿן פּאַנעם אָנגעשריבן. אזוי טאקע. בא א קראנקער בעהיימע קאָן די באלעבאָסטע קיין געזונטע ניט זײַן.

— וואָלסט געווען גערעכט, ווען אלע פאַרקויפֿערנס זאָלן זײַן איינצל־פּויערטעס. אהער אָבער פֿירן פּיל זייער סכוירע גלײַך פֿון די קאָלווירטי־שע פֿערמעס. פּראָדוקטן, באַקומענע פֿאַר ארבעטס־טעג.

— זאָאָטעכניקער, מיינסטו, און וועטערינארן האלט מען אומזיסט? — האָט די מאמע דערווידערט. — זיי ווילן דען דערלאָזן ברוצעליאָז אָדער אַן אנדער אָנשיקעניש.

אויסזוכן אזא מילכיקס, וואָס זאָל באַפֿרידיקן די מאמע, איז געווען ניט קיין גרינגע זאַך. פֿון א צענדליק, אויב ניט מערער, עמערס און קאַסטריוליעס פּרוּווט באַרעך דעם קעז, ביז ער געפֿינט וואָס ער דאַרף. סמעטענע לעקט ער אויך בא א סאך באלעבאָסטעס. און פּוטער כאַפּט באַרעך צאַפּלדיקע, ערשט אויסגעשלאָגענע.

אויסגעפֿילט אָט די וויכטיקסטע פֿאַר דער מאמען זאַך, גייט באַרעך נאָך גרינוואַרג, קויפֿט אלץ מיטאמאָל, ניט דינגענדיק זיך, כאַטש קאָסטן קאָסט עס יאָמטעוודיק טײַער, דערלויבט זיך בלויז א ביסל פֿאַרהאַלטן לעם די אוגערקעס, קויפֿט ציבעלעס, א בינטל רויטע רעטעכלעך. אָט די פֿרילינגנדיקע דעליקאטעסן וויקלט ער אײַן אין א צײַטונג, זיי זאָלן זיך ניט צעקוועטשן, און לייגט ארײַן אין א באַזונדער געשטריקט קוישעלע.

איצט קאָן מען שוין נעמען פֿרוכטן. באַרעך קלײַבט איבער מיט די אויגן קאָלהאָזמינים עפּל, בײַסט אָפּ א פּיצל פֿון די כאַלאַקים, וואָס די פֿאַרקויפֿער גיבן צו פֿאַרזוכן, און קויפֿט סאָפּקאָלסאָף מאָלדאַווישע סע־מערענקעס. אינעם קוישל ליגט שוין אויך א טוץ לימענעס. נאָכדעם נעמט ער זיך פֿאַר די געטריקנטע פֿרוכטן — ראָזשינקעס, אינזשיר, — די מאמע רופֿט זיי „פֿײַגן", — פֿערשקעס, שווארצע פֿלוימען, ווייכע באַרן.

עס וואָלט נאָך געווען גוט און אָף. אָבער עפּעס זעט מען אין ערגעץ ניט קיין היינער.

די מאמע האָט שטענדיק זיך געסטארעט אײַנקויפֿן דאָס בעסטע עסנ־וואַרג. עטלעכע מאָל פֿלעגט זי ארומגיין די פֿאַרקויף־טישן. ניין, קיינער האָט אָף איר זיך ניט געבייזערט, די פּויערטעס פֿלעגן שמייכלענדיק איר נאָכגעבן:

— א טאָפּ אין וואָגן קאָסט קיין געלט ניט. דינג זיך ניט געפֿוילט, צאָל, וואָס סט'געפֿויעלט.

אין דער היים פֿלעגט זי צעלייגן אויפֿן טיש דאָס אײַנגעקויפֿטע, שטרענג עס דורכקאָנטראָלירן. מערסטנטייל פֿלעגט זי בלײַבן צופֿרידן, אָבער צו־מאָל זיך אליין געמוסערט:

— זיך געלאָזט אָפּנארן! אײַ־אײַ־אײַ! אָט האָסטו דיר אַ טאָפּ אין וואָגן! אזא נעווילע אונטערגעשטופּט. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן? אזוינע פײַנע אויגן בא דער פּאַרקויפערן!

דער מאמעס געדיכטע שווארצע ברעמען פלעגן זיך דערבײַ א הייב טאָן אין דער הייך, די ליפּן — פארפּרעסט.

באָרעך דערזעט: אף א צינקענעם בלעכל שטיקער קעלבעריש זאָדיק־פלייש. באשטימט ער: קיין אויפעס ניטאָ, וועט ער נעמען קאלבן־פלייש. די מאמע האָט שטענדיק געהאלטן פון אזעלכע גוט אָנגעהאקטע שטיקלעך.

— נאָך פעטס איז שווער צו וואשן דאָס געפעס, — פלעגט זי דערקלערן.

פארן טאטן אָבער פלעגט זי מאכן אן אויסנאם. ער האָט זייער ליב געהאט געבּדזענע גריוון מיט ציבעלעס.

פון דער יאטקע איז באָרעך ארויס א פריילעכער, דאָך באשטימט ער א שמעק טאָן אין יענעם ווינקל, ווו מע פארקויפט געווײנלעך פיש. באלד דערטאפּט ער דאָס, וואָס ער דארף — א שטעכיקן סאָנדעק. אָבער זע נאָר: א הענדלו אן אָפּגעפּליקטס, כאָטש גלײַך אין דער יויך ארײַן. פארשטייט זיך, אז ער וועט עס נעמען.

אָנגעלאָדן מיט אלדאָס גוטס, לאָזט זיך באָרעך אוועק צום פּריוואָלנע־געסל.

דער זון באמערקט אים פון דער טעראסע, ווו ער פארנעמט זיך מיט די פרימאָרגנדיקע ספּאָרט־איבונגען, פאָכעט באגריסנדיק מיט די גאנטעלן און לאָזט זיך לויפן פון באלקאָן אראָפּ באגעגענען דעם טאטן. ערשט אפן גאנעק כאפּט ער זיך, אז די גאנטעלן זײַנען איצט איבעריקע, ווארפט ער זיי אוועק, און זיי פאלן מיט א טויבן קנאק אף די הילצערנע טרעפּלעך.

— וויאזוי האָט זיך עס דיר אײַנגעגעבן אלץ צו דערשלעפּן? — פרעגט ער און נעמט באם טאטן דאָס טשעמאָדאנדל און דאָס שווערע קוישל. — דאָ מוז מען אמווייניקסטן דרײַ הענט האָבן.

— האָבער איז פארן פערד ניט קיין לאסט, — ענטפערט באָרעך, — בא דיר איז שוין דער שפּײַז־שראנק אוואדע אויסגעליידיקט?

— האָסט געטראָפן. ביזוואנען די באָבעשי איז אין שפּיטאָל, בין איך אריבער אף א לײַכטן ראציאָן.

— ביסט א כיטריוק. נוצטסט אויס די געלעגנהײַט.

— וואָדען, ווי נאָר זי וועט זיך אומקערן, וועט זיך ווידער אָנהייבן: „עסן, עסן!"

— וואָס הערט זיך בא איר? — פרעגט באָרעך.

— די ווייטעקן לאָזן זי ניט צורו, — ענטפערט לייב און ווערט אומעטיק. — זי פילט זיך דערווײַל ניט גוט. די דאָקטוירים גלייבט זי, נאָר לאנג ליגן אין שפּיטאָל קלײַבט זי זיך ניט.

א שאָטן פארטונקלט באָרעכס פּאָנעם.

— ס'איז גוט, וואָס זי וויל זיך ניט פארהאלטן אין שפּיטאָל, — זאָגט ער שטיל. — נו, און דו, באָכער, עסן אָנבײַסן האָסטו הײַנט פּלאַנירט?

— ביכלאל, יאָ.

— וואָס זשע, אויב ס'איז ניט קיין סאָד?

— טרינקען טיי.

— גאָר א רײַכער, יאָמטעוודיקער אָנבײַסן.

— צי לוינט פון עסן מאכן א קולט? אָט, אשטייגער, האָט נאָך אָסטאפּ בענדער...

דער טאטע ווייסט ניט, וואָס אים צו ענטפערן, אָבער דערווײַל טוט ער א שמייכל:

— אָ, בא דיר איז א גאנץ אינטערעסאנטע פילאָסאָפיע!

— אייסעך וואָס. פּאָשעט שלעכט אויסגערעכנט, — קלינגט פארשעמט דעם זונס קאָל. — כ'בין צוגעוווינט צו דער באָבעס זאָרגן. כ'האָב זיך נאָך אפן קריגס-צושטאנד ניט איבערגעבויט.

לייב הייבט זיך אוף אף די טרעפּ. שפּאנענדיק, קוקט ער זיך ניט אום אף צוריק. באָרעך טופּעט פּוסטריט נאָך אים און קלײַבט נאכעס פון דעם זונס שלאנקער, עלאסטישער, פעסט-געבויטער פיגור. דער גוירל איז זיך פײַן באגאנגען מיט זײַן יוירעש — אים געגעבן די פיגור פון דער מוטער. ערגער וואָלט געווען, ווען דער זון וואָלט זײַן געראָטן אין אים, אינעם טאטן — קליינוווקסיק און געזעצט.

באָרעך טרעט אריבער די שוועל פון דער וווינונג און שטעלט זיך אָפּ דערשטוינט. אומעטום איז ריין, דער דיל אויסגעוואשן, די געלעגערס פארבעט, די פענצטער צעעפנט, אָבער עפּעס איז פּאָרט ניט אזוי, עפּעס פעלט דאָ, גלײַך ס'וואָלט פון די צימערן אנטרונען די נעשאָמע אליין.

4

פריִער האָט די גאנצע קיך פארנומען א מעגושעמדיקער אויוון. מע וואָלט געדארפט מאכן א נײַעם, נאָר די פּאראקשנטע שכיינע — איינמאָל ניין, זי וויל ניט, זי דארף אים האָבן, אָן אים איז דאָס פײַער קיין פײַער ניט. די מאמע פלעגט דערווײַזן, אז פון אָט דער היימישער דאָמנע קאָן

מען אָן שום פארלוסט איבערלאָזן א פערטל, נאָר ס'האָט איר גאָרנישט ניט געהאָלפן, ביז איר איז אײַנגעפאלן אזא געדאנק: זי האָט געזאָגט דער שכיינע, אז זי נעמט די הויצאָעס פונעם רעמאָנט אף זיך. דערנאָך האָט די שכיינע אויך שטילערהייט זיך געפרייט: אף איר העלפט איז א סאך געראמער געוואָרן — כוץ דעם טיש און דעם אײַזקעלטער לעם פענצטער, איז איר געלונגען ארײַנצושטופן אהער די שפּין־ראָד, וואָס האָט פריִער ניט געהאט קיין אָרט. ביפראט, אז צום נײַעם אויוון, א פערטכיילעק פון געוועזענעם, האָט זי קיין שום טײַנעס ניט געהאט: היץ גיט ער ניט ווייניקער, ווי יענער, וואָס מע האָט ארויסגעוואָרפן.

צוערשט האָט זיך באָרעכן געדוכט, אז ער האָט פארגעסן וועגן זײַן אומרו, ווײַל ער האָט אינגאנצן זיך פארטאָן אין גרייטן דאָס געקעכץ פאר דער מאמען. אָבער אינגיכן, נאָך דעם, ווי לייב האָט פלינק א כאפ געטאָן פון דער קיך־באנק צוויי עמער, וועלכע זײַנען געשטאנען קאָפ אראָפ, האָט, קלינגענדיק מיט זיי, אוועקגעיאָגט נאָך וואסער צום הידראנט און באלד לײַכט אומגעקערט די עמער צוריק פולינקע — קיין טראָפן אפן דיל ניט פארגאָסן, נאָך דעם, ווי ער זעט, ווי דער זון, אומגעשיקט, דאָך מיט כיישעק, שיילט קארטאָפל און ציבעלעס, און איבערהויפט נאָך דעם, ווי ער הערט, וויאזוי דער זון דערציילט, געפעפערט מיט וויצן, וועגן זײַן לעבן אָן דער באָבען, — פארשטייט באָרעך, פארוואָס איז בא אים די שטימונג געוואָרן א בעסערע. אזא האָט באָרעך טאָמיד געוואָלט זען דעם זון — א קרעפטיקן, מונטערן, האגאם מיט דער באָבעס קרענק האָבן זיך אף אים פיל שווערקײַטן ארופגעוואלגערט.

באָרעך כאפט א קוק, ווי דער זון גאָלט זיך. די באקן גלאנצן אזש, אָבער ס'איז אים נאָך אלץ קארג, ער הערט ניט אוף זיי צו רײַבן מיטן זשומענדיקן עלעקטרישן גאָלמעסער. „מיסטאם א באגעגעניש באם יאט", — טוט א קלער דער פאָטער. עס פארשאפט אים פארגעניגן, וואָס דער באָכער האָט א מיידל. שוין צײַט. ער, באָרעך, אין זײַנע יאָרן איז שוין פונלאנג געוועזן א טאטע.

העכער מיט פינף און צוואנציק יאָר צוריק האָט ער צום ערשטן מאָל געבראכט אהער אהיים לענען — באווײַזן זי די עלטערן. איין באגער איז בא אים געווען: זײַן אויסדערוויילטע זאָל זיי געפעלן. די מאמע האָט דאן דערלאנגט צום טיש א נאשערײַ, לויט יענע צײַטן, קאָרענע האָניק־פלעצעלעך און קאווע אין טאָטערשע פיאלעס מיט געגאָלדנטע רינגעלעך. באשיידן, שעמעוודיק פרווט לענע דאָס געבעקס, דעם געטראנק, באדאנקט פאר אלץ — אזוינס ווי אזעלכס, אויסערגעוויינלעך, א מעכײַע, און רופט זיך ארויס דאָס געפעס וואשן. די מאמע דערווידערט: וואָס הייסט, אָנ־

וואלגערן אפן גאסט ארבעט? וואָס פאר א פּאָנעם וועט עס האָבן? עטוואָס שפּעטער פונדעסטוועגן טרעט זי אָפּ. מיילע, זאָל לעבּע איר העלפן, אויב זי וויל.

דערנאָך, פארן שלאָפן, ווען די שײַן אין שטוב איז שוין געווען אויס־געלאָשן, דער טאטע איז שוין געלעגן אין בעט, דער זון איז אויך געזעסן אפן געלעגער, האָט די מאמע פאַרזיכטיק זיך אָנגערופן:

— דײַן כאַווערטע, בערעלע, איז גאָר ניט אזא באַלעבאָסטע, ווי ס׳וואָלט זיך געוואָלט. כ׳האָב געמוזט נאָך איר די פּיאַלעס איבער־וואשן.

— עך, מאמע, צי דען קלערסטו, אז א פלעק אפן געפעס קאָן ווארפן א שאָטן אפן בעסטן מיידל אין דער וועלט?

— ווארט אויס, — זאָגט טרויעריקלעך די מאמע, — גרויסע הענט בא איר, א צעוואקסענע...

דער זון פארטיידיקט זײַן לעבען. פאר אים זײַנען קיין ווייכערע הענט ביכלאַל ניטאָ אף דער ערד. און וואָס איז שײַעך לענעס וווקס, איז עפּ־שער טאקע די מאמע גערעכט, זי איז העכער, א סאך העכער פון אים אין וויסן, אין פארשטיין, כאָטש זי איז פון אים עלטער בלויז אף צוויי יאָר.

— עפּשער וואָלט געווען גענוג? — מישט זיך אריַין דער טאטע. — לאָמיר שלאָפן.

— אלץ אף העפקער לאָזן? — פרעגט א קאפּעלע פארוווּנדערט די מאמע.

דער פאָטער ענטפערט בייזלעך און דערפאר, ווײַזט אויס, הייזעריק:

— זעסט דאָך, כײַטשיק, אז דײַן כאָסן־באָכער הערט דיך, ווי דעם נעכטיקן טאָג. צו וואָס זשע אומזיסט פּאטערן צײַט? ער איז טויב צו דײַנע רייד.

— ניין, ער הערט גוט. אן אקשן איז ער.

— אלע פארליבטע זײַנען אקשאָנים, א דאנק כאָטש דערפאר, וואָס ער האָט אונדז געוויזן, ווער זײַן קאלע איז.

— מיט צאָרעס דארף מען איבערנעכטיקן, ווערן זיי גרינגער, היימי־שער. — די מאמע הייבט זיך אָן אויסטאָן. — גיי וויים, פון וועמען ווערסט כאפּן א פּאטש. אָט האָבן מיר, יעהודע, די ערשטע רוסישע שנור אין אונדזער מישפּאָכע...

— די ערשטע — ניט די לעצטע.

באַרעך פאַרפּרעסט די ציין, רוקט זיך שווײַגנדיק אריַין אונטער דער

מולטענער קאַלדרע. ער ווייסט, קיין פרייד האָט ער די עלטערן ניט אָנגעטאָן. דאָס בעטל זײַנס האָט נאָך לאַנג געסקריפּעט, גלײַך ווי עס וואָלט פּראָטעסטירט, וואָס ער האַלט זיך אין איין דרייען. ווען באָרעך האָט שוין געמיינט, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען שלאָפן און זײַנע וויִעס זײַנען אויך געוואָרן שווער, אָט־אָט וועלן זיי זיך פאַרמאַכן, דערהערט זיך פּלוצעם דער מאַמעס ניכטער קאָל:

— ווייסט, ס׳איז דאַפקע גוט, וואָס זי איז אַף אַ קאָפּ העכער פון בערעלען, — לעבּעס נאָמען רופט די מאַמע ניט אָן, — אויב זי איז אים באַשערט, זאָל זי זײַן געזונט און שטאַרק, וועלן זייערע קינדער ניט זײַן קיין קלייניטשקע.

— אויסגעקראַצט אַ ראַציאָנעלן קערן, — הערט זיך אינעם טאַטנס ווערטער אַ שמייכל.

— לאַך ניט, ווער לייקנט עס איצט יערושע?

באָרעך פילט, ווי עס ווערט אים מיטאַמאָל וואַרעם, די קלעמען, וועלכע האָבן אים געפּרעסט ביז אַהער, זײַנען אַנטרונען, ער דרייט זיך אויס אַף דער רעכטער זײַט, מאַכט צו די אויגן, נאָר ניט אַף אַנשלאָפן צו ווערן. ניין, ער וועט קיינמאָל דערנאָך די נעגל ניט בײַסן, ניט שעלטן דאָס מאַזל דערפאַר, וואָס לעבע איז אים אין האַרץ אַרײַנגעפאַלן. נאָר מינוטן, ווען ס׳פלעגט אים ווײַ טאָן פאַר די עלטערן, פאַר זייערע פריצײַטיקע קנייטשן, פאַר זייערע איבעריקע פאַסמעס גראָווע האָר, זײַנען בּאַ אים געווען, כאָטש די מאַמע האָט אים אַלע מאָל געטרייסט: „זאָל דיר ניט באַנק טאָן, זאָל דיר גאָרנישט ניט באַנק טאָן״. אַזאַ איז געווען דעם זיידנס צוואָע, דעם זיידנס, וועמענס נאָמען באָרעך האָט געיאַרשנט. יענער, דער זיידע, דער שויכעט באָרעך־אײַזיק מיטן צונעמעניש — מוירעד, ווײַל עס האָט טאַקע אין אים שטענדיק געבּרויזט דאָס בלוט, פלעג טײַנען צו דער טאָכטער, אַז בעסער כאַראָטע האָבן אַף דעם, וואָס ס׳איז אופגעטאָן, איידער אַף דעם, וואָס ס׳איז ניט אופגעטאָן. דעם זיידנס בלוט איז, ווארשײַנלעך, צום אייניקל איבערגעפלאָסן, דאָס לעבן אים פאַרשווערט, אָבער קיין אָרט אַף קימערן און קלאָגן זיך ניט איבערגעלאָזט. אַ סאַך וואַסער איז אָפּגעשווומען, ביז באָרעך האָט געקאָנט אָפּשאַצן די עמעסע פרײַז פון די ליידן, וואָס ער האָט אָנגעטאָן די עלטערן אין דער נאַכט נאָך זייער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט דער קינפּטיקער שנור. דערווײַל איז ער געווען צופרידן. אים, באָרעכן, איז גוט, דאַרף אַלעמען זײַן גוט. עס קאָן ניט זײַן שלעכט די עלטערן, אויב אים איז ליב. וואָס שײַעך די פאָרורטיילן, ווייסט ער נאָר איינס: מע דאַרף זיי אָפּוואַרפן. אָט אַזוי, ווי ער טוט עס. באָרעכן ווײַזט זיך אויס, אַז די עלטערן דרעמלען שוין, און ער

מאכט אויך צו די אויגן, אָבער דער מאַמעס קאָל רײַסט זיי ווידער אוף:

— הערסט, בערעלע? בא אונדז אין שטעטל איז בא א גוויר א טאָכטער געווען. א שיינהײַט — אף דער גאָרער וועלט אזא ניט אָפּצוזוכן. אָבער א שוידערלעכער נאַר. א שײַטל האָלץ, א פּניאָק — מיין גאָרניט. דער הארבאר האָט בעשום־אויפן ניט געוואָלט גלייבן, אז זײַן טײַבעלע, זײַן מאַלעכל האָט ניט קיין סייכל אפילע אף קיין האָר. אײַנריידן קאָן מען זיך, וואָס מע וויל, פויעלן בא זיך אליין, וואָס מע דארף, קאָן מען אויך. איז ניט געדײַגעט, אלע קינדער, ביז זיי וואקסן אויס, זײַנען טיפּשים, ווער מער, ווער ווייניקער, כאַפּט ניט, ראַבויסײַ, ווארט א ביסל צו מיטן ענדגילטיקן אורטייל. שטעלסט זיך פאָר, וואָס עס איז פאָרגעקומען, ווען דער אוישער האָט דערזען בא זײַן אונטערגעוואקסענער באַסיעכידע אײַזלשע אויערן? ס'האָט זיך געטאָן כוישעך. ווי באוואָרנט מען דעם זאק מיט געלט? דער ווינט וועט דאָך עס בא דער טאָכטער פון די הענט ארויסרײַסן און צעבלאָזן! איין אויסוועג — אײַניקלעך. אזעלכע, וואָס זאָלן האָבן קעפּ אף די אקסלען. ווי נעמט מען זיי אָבער? ווער דער רעבע איז, אזעלכע זײַנען די כסידים. פון א יאָלעפּ וועסטו זיך קיין כאָכעם ניט דערווארטן. איין האָפענונג — א קלוגער איידעם, געקלערט — און געמאכט. אמאָליקע יאָרן פלעגט די דייע זײַן בא דער מייע, האָסטו געלט — קויפסטו די וועלט. א וואָגן שאדכאָנים צעשיקט אין אלע עקן. האָבן זיי געבראכט. דאָס, וואָס ס'איז געווען באשטעלט. אָרעם, דערפאר גאָלע יִכעס, א כאָכעם — קיין גרעסערן פאר קיין שום געלט ניט צו קריגן. איין כיסאָרן: מ׳עס, ווי דער טויט. טוסט א קוק אף אים — קענסטו כאַלעשן. א רעטעניש פארגעבן דעם הארבאר. זיצט ער, די באָרד אין פויסט פארקוועטשט, קלערט. נו, מיילע, די טאָכטער וועט ער ווי־ס'ניט־איז איבערצײַגן, מיט נויט כאסענע מאכן, סאָפּקאָלסאָף וועט זי זיך ניט סאמען מיט אזא מאָן. ווײַטער? כאָטש דאָ קיין גרײַז ניט דערלאָזן. לאָמיר זאָגן אזוי: די אײַניקלעך וועלן אלע אין דער מאַמען זײַן געראָטן — פּע, ניט דאָס, וואָס מע דארף. לאָמיר טראכטן אנדערש: אלע אין אים געראָטן. דאָס קאָן מען שוין לײַדן — קלוגשאפט דעקט אלע אנדערע פעלערן. עס וואָלט געוויס געווען בעסער, די אײַניקלעך זאָלן יארשענען בא דער טאָכטער — דאָס פּאָנעם, באם איידעם — דעם מויעך, און גאָט זאָל אָפּהיטן — קאפּוויר! גיי ווייס אָבער, וואָס עס ווארט אף דיר פאָרויס? די אײַניקלעך, איינס צו איינס, אלע, א האלבער טוץ, זײַנען טאקע מיטן סייכל אוועק נאָך דער מאַמען און לויטן פּאָנעם — נאָכן טאטן. די האָר האָט אף זיך דער נאָגיד געריסן. סטײַטש, פארוואָס קומט עס אים? אָבער

שרײַ כּיִוועקײַעם, וועט עס דען העלפן? אָט אזוי, בערעלע. מאכמעס וואָס דערצייל איך דיר די דאָזיקע געשיכטע? פאַרלאָז זיך אפן הארץ. דער איקער איז דאָס הארץ.

אָט וועגן וואָס באָרעך האָט זיך דערמאָנט, קוקנדיק ווי דער זון זײַנער גאָלט זיך.

— אף לאנג גייסטו אוועק? — פרעגט ער אים.

— ניין, פון דער דעמאָנסטראציע — גלײַך אהיים, — רופט זיך אָפּ לייב עטוואָס פארלאָרן, ווי עס דוכט זיך דעם טאטן.

— פארוואָס זשע? שפאציר, וויפל עס גלוסט זיך.

— מע דארף די באָבעשי באזוכן.

מער פארגיט באָרעך קיין פראגעס ניט. ער כאַפּט א קוק אפן זייגער: דאכט זיך, צײַט דעם סאָנדעק אף א צווייטער זײַט איבערקערן, האגאם צוגעברענט דארף ער ניט ווערן, ווײַל ער פרעגלט זיך אף א קליין פײַערל, ווי די מאמע האָט געלערנט.

פון שטוב זײַנען זיי בײדע ארויס אינײנעם. דאָס קוישל מיטן עסנווארג פאר דער באָבען טראָגט לייב. ער האָט געקאָנט אויסנוצן דעם קירצסטן וועג צום סטודענטישן זאמלפונקט: איבערגיין די קאלינין־גאס, פארקערעווען אף דער ציגל־זאוואָדישער, עטוואָס לינקס נעמען און ווײַטער שוין — גלײַך, ביזן סאמע אוניווערסיטעט, נאָר ער איז אוועק מיט דער ווישניעווסקי־גאס, קעדיי כאָטש א קאפּל פארלײַכטערן דעם טאטן.

באָרעך האָט אָנגעפּאקט דאָס קוישל, מיט וועלכן די מאמע האָט זיך יאָרנלאנג ניט צעשיידט.

דער טאָג איז געווען לויטער, אָבער נאָך ניט צעגליט. די גאסן — שיין באצירט, בונטע, אופגעלעבטע, אפילע די סאמע זײַטיקע, די הינטער־געסלעך, אף וועלכע עס קומען קיינמאָל נישט פאָר ניט קיין פאראדן, ניט קיין דעמאָנסטראציעס.

פון דער הייך דערטראָגן זיך עפּעס מאָדנע קלאנגען. לייב פארײַסט דעם קאָפּ, הערט זיך צו.

— שוואנען?!

באָרעך הייבט אוף די אויגן. אין בלאסן הימל שווימען איינס נאָכן אנדערן דרײַ ווינקלען באפעדערטע וואנדערער.

— בושלען?

— ניין, שוואנען, שוואנען!

דער פויגל־צוג רוקט זיך מאיעסטעטיש פאָרויס. וואָס האָט עס אהער

געבראַכט די צאַרטע פייגל, אַהער, צום אַעראָדראָם, צום גערויש פון טור־בינעס און מאָטאָרן? וווּהין שוועבן זיי?

— גרויסאַרטיק! — זאָגט לייב.

— אויסערגעוויינלעך, — רופט זיך אָפּ דער פאָטער.

זיי באַגלייטן די פייגל מיטן בליק, ווינקען אײנער דעם אַנדערן און צעשיידן זיך.

קיין טראַמוויַען און קיין טראָלייבוסן גייען איצט ניט איבערן צענ־טער פון דער שטאָט. די וועגן האָבן פאַרפלייצט דעמאָנסטראַנטן מיט מוזיק, פאָנען, טראַנספּאַראַנטן. באָרעך האָט זיך געלאָזט מיטן מאַמאַדישן שליאַך, וואָס ליגט גאַנץ ווײַט פון די איבערגעפּולטע הויפּט־גאַסן. ווען־ניט־ווען יאָגן אים איבער לאַסט־אויטאָמאָבילן. באָרעך טוט א קלער, אַז עס לוינט אופהייבן די האַנט — עפּשער וועט אים עמעצער א ביסל אונ־טערפירן. און טאַקע, א גרויסער סאַמאָסוואַל שטעלט זיך אָפּ לעבן אים. דער שאָפער צעפּראַלט דאָס טירל פון קאַבינע, לאָזט שווײַגנדיק ארײַן צו זיך באָרעכן און יאָגט ווײַטער, דערפירט אים קימאַט ביזן ציל.

לעבן דורכגאַנג־שטיבל פון שפּיטאָל קוקט באָרעך ארײַן אין קאָרב צו דער בלומען־פאַרקויפערן: עפּשער זײַנען דאָרט פאַראַן לאַנדישן — דער מאַמעס באַליבטע קווייטן. שטענדיק, דעם גאַנצן מײַ פלעגט שמעקן בא איר אין הויז מיט לאַנדישן. ניין, אין קאָרב זײַנען קיין לאַנדישן ניטאָ. א שאָד. ער קויפט א בוקעטל פאַרשפּעטיקטע שניי־גלעקלעך, נעמט זיי אין דער האַנט און טוט א טראַכט, אַז ער האָט שוין לאַנג קײנעם קיין בלומען ניט געשענקט — אַזוי טויג ניט...

5

אין געראַמען וואַרט־צימער קומט אים ניט אויס לאַנג צו וואַרטן. די קורצע ריי נאָך ארײַנלאָז־צעטעלעך צעגייט זיך באַלד, נאָך אײידער ער באַוויַזט באַטראַכטן די מירמל־געפּאַרבטע ווענט, די טרעפּ, וועלכע פירן אין וועסטיביול. בא באָרעכן פרעגט מען בלויז דער מאַמעס פאַמיליע־נאָמען.

די גאַרדעראָבשטשיצע פאַרבײַט באָרעכס מאַנטל אף א ווײַסן כאַלאַט.

— הײַנט איז יאָמטעוו, מע לאָזט ארײַן צו אַלעמען, — זאָגט זי גוט־מוטיק. — אין א וואָכעדיקן טאָג קריגט מען א דערלויבעניש נאָר צו א שוווער־קראַנקן.

באָרעך פילט ניט די טרעפּ. ערשט אפן זעקסטן שטאָק, אָפּשטעלנדיק

זיך לעבן דער שוועל פונעם קאָרידאָר, קעדיי זיך ארומקוקן וווהין צו גיין ווײַטער — אף רעכטס אָדער אף לינקס, דערפילט ער, ווי דאָס הארץ הייבט אָן אלץ האסטיקער צו קלאפּן. נו, יאָ, עס דערנעענטערט זיך דאָך די רעגע פון דער באגעגעניש מיט דער מאמען.

ער זוכט דעם נייטיקן צימער און פארקערעוועט אף רעכטס, שפּאנט איבערן ווייכן טעפּיך, פרייענדיק זיך, וואָס ארום איז בלענדנדיק־זויבער, פּריש, פּיל שײַן לאָזן דורך אהער די גרויסע פענצטער, וואָס קימאט בא יעדן פון זיי וואקסט גרינס אין פּעסלעך. לייב איז גערעכט — טאקע א גוטער שפּיטאָל.

די טיר פון דער מאמעס פּאלאטע טוט אף באָרעכן א ווייע מיט פראָסט פון ווײַסער פארב. ווען ער רירט זיך צו איר צו עטוואָס מיטן פינגער, עפנט זי זיך שטיל, און ער דערזעט א יונגע ברוינע פרוי אין א צעפּראלטן שלאָף־ראָק.

— אָך! — שרײַט זי אויס, פּירט צונויף די פּאָלעס פונעם כאלאט, פרעגט בארויגעזלעך: — ווע‏מען זוכט איר?

באָרעך דערקלערט שעפּטשענדיק.

— דאָ, — זאָגט די פרוי און טרעט אָפּ פון דער שוועל, פארבעט אים מיטן בליק ארײַנגיין.

די מאמע איז געלעגן אף איר בעט אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דער וואנט. שלאָפט? ניין — עס ציטערן די וויִעס. זי איז פארטראכט. באָרעך שטעלט אוועק לעבן די פיס דאָס קוישל, זעצט זיך צו אף די פיס בא דעם בעטל, טוט אומפּאָרזיכטיק א רוק דערבײַ דעם שטול, אף וועלכן עס וויגן זיך דער מאמעס זאָקן מיט קליינע קינדערשע פיאטקעס. אָבער אויך דער ראַש פונעם שטול רײַסט ניט ארויס די מאמע פון איר פארקלערטקײַט. זי איז אָבער ניט געשלאָפן, זי האָט אפילע ניט געדרעמלט — די פינגער פון דער רעכטער האנט האָבן זיך באוועגט אף דער קאָלדרע, ווי זיי וואָלטן איבערגעקליבן קלאווישן פון א ראָיאל.

באָרעך רירט זיך לײַכט צו צו איר דלאָניע.

די מאמע טוט א קער דאָס פּאָנעם פון דער וואנט, הייבט זיך אוף אפּן עלנבויגן, פּרוּווט, נאָר קאָן ניט עפענען דאָס מויל — עפּעס שטערט איר.

אין הארץ בא באָרעכן טוט א ריס. אָט ערשט ניט לאנג, ניט מער ווי אָנדערהאלבן כאדאָשים צוריק, האָט ער זי געזען אף איר געבורטסטאָג גאָר אַן אנדערע. איצט איז דאָס פּאָנעם אירס ניט צו דערקענען: אויס־געדארט, די קינבאקן פארשפּיצט, דראָענדיק העגגען אראָפּ די ברעמען. בלויז די אויגן זײַנען געבליבן די פריִערדיקע. באָרעך וויל אויסבאהאלטן זײַן פארלוירנקײַט מיט א שמייכל, גיט זיך עס אָבער אים ניט אײַן: פאר־

פרוירן די ליפּן. אומזיסט פּלײַסט ער זיך עפענען זיי — דער ווייטעק האָט זיי פעסט פארשלאָסן.

ביידע שווײַגן — ער און זי — ניט מער ווי עטלעכע סעקונדעס. וואָס קלערט דערבײַ די מאמע, קאָן באָרעך זיך בלויז אָנשטויסן. זיך אָבער פרעגט ער ביטער: „ווײַטער — וויאזוי? ניט באמערקן די ענדערונגען? זיך מאכן ניט זעענדיק?"

די מאמע איז געקומען צו־זיך פריער פון באָרעכן. באמיענדיק זיך אופזעצן, זאָגט זי ווי געוויינלעך:

— אזא גאסט! א טײַערער גאסט!
איר קאָל אָבער איז אָפּגעשוואַכט, עס קלינגט ניט, עס וויינט.
באָרעך טוט זיך א ריס פאָרויס — העלפן דער מאמען.

— כ'וועל אליין! — רוקט זי אָפּ זײַנע הענט, נאָר באלד ציט זי אויס צו אים אירע, נעמט אים ארום, פאלט צו מיט די ליפּן צו זײַן קאָפּ, — כ'האָב געמיינט, אלע האָבן מיך שוין פארגעסן, — זי כאפּט איבער דעם אָטעם, פרעגט: — אָן דער באלעבאָסטע איז, מיסטאם, די שטוב א פּאריאָ־סעמטע? ווי ספּראוועט איר זיך אָן מיר?

— שלעכט. שטעל זיך גיכער אף די פיס.

— אדערבא, אָט שטיי איך אוף, — טוט זי ביטער א שמייכל.

דערזעענדיק, ווי זי לאָזט פלינק אראָפּ פונעם בעט די פיס, טאפּט אָן מיט זיי די שטעקשיך, בארויקט זיך א ביסל באָרעך:

— וואָס זאָגן די דאָקטוירים?

— זיי זײַנען שטום און טויב, ווי די ווענט, — ענטפערט די מאמע, אָנטוענדיק דעם כאלאט. — זיי האלטן אין איין פּאלפּירן מיך: צוואנציק מאָל אויסגעקלאפּט מיט די פינגער ארום און ארום, קיין איין אייווער ניט דורכגעלאָזט. אלע געוויינלעכע און אויסערגעוויינלעכע אנאליזן געמאכט. דער פּראָפעסאָר דארף מיך נאָך באטראכטן.

— אלץ וועט זײַן גוט.

— הלעוואַי.

— אומבאדינגט.

— כ'בין בא זיך ניט געפאלן, דעם מוט ניט פארלאָרן. כ'בין איבער־צײַגט: יעטווידן אומגליק דארף מען זיך קעגנשטעלן מיט אלע קויכעס, בעשום־אויפן ניט אונטערגעבן זיך.

— דעם געבאָט דײַנעם געדענק איך גוט. האָסט מיר וועגן אים ניט איין מאָל אפן פראָנט און אין טאגיל געשריבן.

— ווי־ס'ניט־איז וועלן מיר איבערווינטערן.

6

די מאַמע שטייט א שטיקל צײַט בא דעם פענצטער, קוקנדיק אין דער טיפקײַט פונעם בלויען הימל, דערבײַ פארקעמט זי די ווײַכע זילבערווײַסע האָר. א שמײכל רירט אָן אירע טרוקענע ליפּן.

באָרעך קוקט אף איר, און דאָס האַרץ הייבט אָן ביסלעכווײַז אָפּטײַען.

— אך, ווי שיין עס איז אין דרויסן,— רופט זיך אָן די מאַמע מיט א זיפץ. דערנאָך שטעקט זי ארײַן דעם קעמל אין די האָר, רײַבט די קליינע, קינדערשע דלאָניעס.— גאָט האָט א גוטן גאסט צוגעשיקט, וועל איך אויך עפּעס־וואָס נאשן.— זי מאכט פאָרזיכטיק א שפּאַן.

און ווידעראַמאָל קײַקלט זיך צו צו באָרעכס גאָרגל א ביטערער קנויל. ער איז צוגעוווינט, אז די מאַמע איז א סאך נידעריקער פון אים, אָבער איצט איז זי געשטאַנען אָן אויסגעדאַרטע, גלײַך ווי א פרעמדע, בלויז די אויגן זײַנען געבליבן אירע. דער שפּיטאָל־כאלאט, וואָס איז געהאנגען אף אירע שפּיציקע אקסלען, האָט אונטערגעשטראָכן די אײַנגעשרומפּנקײַט. ווען באָרעך פלעגט בלעטערן דעם אלטן מישפּאָכע־אלבאָם און באַטראַכטן דער מאַמעס פאָטאָגראַפיעס פון דער יוגנט, איז אים זייער שווער געווען צו גלייבן, אז דאָס שלאַנקע מיידל מיט די שווארצע לאָקן און גלײַענדיק־הייסע אויגן, וואָס טרעפן זיך בלויז בא די פרויען פון פּארצײַטיקן נאָענטן מיזרעך, אז אָט די שיינהײַט איז זײַן מאַמע. ביז דער סאמע עלטער איז דאָס פּאָנעם אירס געווען אופגעלעבט, באלויכטן מיט אָט יענער יוגנטלעכער שיינקײַט. באָרעך פלעגט פּאָשעט ניט קאָנען פאָרשטעלן זיך די מאַמע א שלאַנקע. מיט א דינער טאַליע.

— איך גיי וואשן די הענט,— זאָגט זי און טוט זיך א וואקל.

באָרעך האלט זי אונטער:

— באגלייטן דיך?

— ניין, כ׳וועל אליין,— און זי גייט ארויס פון דער פּאלאטע.

די מאַמע קערט זיך אום פריִער, ווי ער באווײַזט פארלעשן אף זײַן פּאָנעם דעם אומרו. מיט פאַרדאכט און פאָרוואורף קוקט זי אף די שכיינים.

— לאָמיר, בערעלע, באַטראַכטן, וואָס האָסטו געבראַכט. רוק נאָר צו נעענטער דאָס פּעקל,— זאָגט זי, פארבייגט זיך איבערן קוישל און הייבט אָן ארויסנעמען גלעזערנע סלאָיקלעך, טעלערלעך, קאסטריולקעס. דאָס שאַפקעלע לעבן בעט איז געווען ניט אזוי גרויס, עס זאָל זיך אין דעם אלץ אויסשטעלן. די מאַמע האָט ארײַנגערוקט די האַנט אינווייניק, עפּעס דאָרטן צונויפגענומען, אָפּגערוקט, פריילעך א ווונק געטאָן דערבײַ באַרעכן, ווי איינער רעדט: אָרט פאר דײַן גוטס וועט קלעקן.

— דאָס עסן, וואָס מע גיט מיר דאָ, שטופּ איך אַרײַן מיט גוואַלד, איצט וועל איך אויפֿלעבן. אַז דו ביסט דאָ, וועל איך זיך גיך אויסהיילן.

באָרעך גלייבט אויך, אַז די מאַמע וועט גיך געזונט ווערן. מיט דעם זעלבן פֿריידיקן געפֿיל, וואָס ברענגט אים אַ גוט אויסגעפֿילטע אַרבעט, וואַרט ער אויף יענער ווײַלע, ווען די מאַמע וועט ענדלעך אָנהייבן פּרוּוון זײַנע געקעכצן, נאָר זי טוט זיך פּלוצעם אַ קער צו אירע שכנים:

— שיר ניט פֿאַרגעסן אין אײַך. העלפֿט, מײַנע טײַבעלעך, עסט!

ניט די יונגע, אָט יענע ברוינע, אויף וועלכער באָרעך האָט זיך אָנגעשטויסן, עפּענענדיק די טיר פֿון דער פּאַלאַטע, ניט די באַיאָרטע מיט די גראָבע ליפּן כאַפּן זיך אָבער ניט אויספּילן דער מאַמעס באַפֿעל. איינע נאָך דער אַנדערער צעפּראַלן זיי די טירלעך פֿון זייערע שאַפֿקעלעך און ווײַזן באָרעכן, אַז עסנוואַרג האָבן זיי אויך איבערגענוג. וויפֿל דאַרף אַ מענטש?! די מאַמע לאָזט אָבער זיי ניט אָפּ:

— בא אונדז איז פֿאַראַן אַזאַ מין ווערטל: גיט מען מיר — פּיק איך, גיט מען ניט, נעבעך, קוק איך.

און שטופּט אַרײַן די שכנים אַ פּאָר עפּל. בלויז נאָך דעם דערלויבט זי זיך נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן.

עס האָט זיך באַקומען פּונקט אַזוי, ווי באָרעך האָט געוואָרט: אַלץ האָט אַרויסגערופֿן דער מאַמעס וווּנדער, אַלע מײַכאָלים זײַנע האָט זי געלויבט נאָך פֿאַר דעם, ווי זי האָט זיך צו זיי מיט דער צונג צוגערירט. ווײַזט אויס, אַז די היימישקײַט פֿון איר געפֿעס האָט איר געמאַכט אַ גוטע שטימונג.

— דער ערשטער ביסן איז אַן עגבער, — זאָגט זי עטוואָס שעפּעליאַווע, ווײַל דאָס מויל איז בא איר איבערגעפֿולט. — דער צווייטער מאַכט אַ לאָך. דער דריטער — בעט נאָך.

זי שפּאַסט ניט, זי איז ערנסט, דער פֿאַרגעניגן אירער איז אַ שטרענגער. אַלנפֿאַלס, אַזוי דוכט זיך באָרעכן. ער קוקט אויף דער מאַמען מיט האַנאָע, האָט מוירע, זי זאָל זיך ניט פֿאַרכלינען.

— אַזוי פֿלינק אײַנקויפֿן, צוגרייטן, אָפּקאָכן! — טײַנעט זי אָן אויפֿהער. — ביסט געשיקט, געזונט זאָלסטו מיר זײַן, בערעלע. סאַלפֿעטקעס האָסטו געבראַכט? ניין? ברענג אומבאַדינגט, — הייסט זי, ווישט אָפּ מיטן עק האַנטעך די ליפּן און רוקט צו נעענטער דאָס זאַלץ אין שאַכטל פֿון שוועבעלעך — דער סאַלאַט ווײַזט זיך איר אויס צו זיס.

איר פֿרייד דויערט אָבער ניט לאַנג. אַלץ האָט זי אויסגעשמעקט, אַרומגעטאַפּט מיטן בליק, דאָס געפּרוּווט, יענץ אַ לעק געטאָן, נאָר עסן, וויפֿל דאָס האַרץ פֿאַרלאַנגט — ניין, עס באַקומט זיך ניט.

— מער קריכט ניט, — קלאָגט זיך די מאמע. — דאָס אויג איז א פּרעסער, אָבער די ציינער פוילן זיך. — די מאמע טוט א גלעט באַרעכס האָר, ווי אמאָל, ווען ער איז געווען א קלייניקער.

— ניט געשמאַק? — פרעגט ער צעראַשט.

— ניין, בערעלע, דו ביסט ניט שולדיק, נאָר מע דאַרף זיך ניט שרעקן, — זאָגט זי און כאַפּט אליין א ציטער, ווײַל טרערן שטייען איר אין די אויגן. צעווייִנען זיך איצטער טאָר זי בעשום־אויפן ניט. — מיט צען יאָר צוריק האָב איך די לעבער איבערגעשפּארט. מיר וועלן אויך אצינד זיך אונטערגאַרטלען. קיין אנדער ארבעט האָב איך דאָך ניט, ליג איך און אמפּער זיך מיט דער קרענק.

— אַף צו אמפּערן זיך דאַרף מען האָבן קויכעס.

— אָט דאָס איז דאָך די גאַנצע כאָכמע. מע טאָר ניט ווערן אָפּגעשוואַכט. הונגערנדיק קאָן מען דען זײַן שטאַרק? דו ווייסט, וואָס עס לאָזט מיך ניט עסן? כ׳וועל דיר דערקלערן. נעכטן האָט דער רענטגען באַוויזן: דאָס, וואָס איך עס, פאַרהאַלט זיך אין מאָגן. א גאַנצן מעסלעס פאַרן רענטגען האָב איך אין מויל גאָרנישט ניט גענומען, מײַן מאָגן איז אָבער געווען פול — די פר:ערדיקע שפּײַז איז דאָרט געלעגן.

— די דאָקטוירים האָבן דיר געזאָגט?

— איך בין טאַקע נאָר א פעלדשער, אָבער עפּעס־וואָס פאַרשטיי איך אויך. מירן זיך ראַנגלען ביז דער לעצטער מעגלעכקײַט.

די דאָזיקע פאַרזיכערונג דערפרייט ניט באָרעכן. פאַרקערט, טאָמיד, ווען די מאמע הייבט אָן טײַנען קריגעריש, איז א סימען, אז ס׳איז איר זייער שלעכט.

אָנגעשטרענגט הערט זיך צו באָרעך צו דער מאַמעס קאָל, קיין באַרו:קונג ברענגען ניט אירע רייד. דער מאַמעס ווערטער דרייען זיך אום ארום אים, זשומען, ווי בינען — קאָנען געבן האָניק, קאָנען געבן א שטאָך.

— לייגן זיך אין שפּיטאָל האָבן מיך געניויט מײַנע נאָגנדיקע ווייטעקן. אָט איז, דוכט זיך, שטיל, און אָט גאַרטלען זיי מיך ארום, פאַרקוועטשן אין אײַזערנע קלעמען, בײַסן, רײַסן שטיקלעך — קיין שום רעטונג. — די מאמע ווערט פּלוצעם אנשוויגן, פאַרפּרעסט די צונג צווישן די ציינער: צוליב וואָס דערציילט זי עס? זי טוט א טראַכט און פאַרפירט אָן אנדער געשפּרעך. — אײַערע לימענעס פלעגן לינדערן מײַנע שמערצן. ס׳קאָן זײַן, אז אין די לימענעס איז עפּעס פאַראַן. זײַנען זיי מיר אָבער נימעס געוואָרן. ווי נאָר איך גיב אַף זיי א קוק, ווערט מיר זויער אין מויל. זיי האָבן שוין אָנגעהויבן פוילן, און איר שיקט און שיקט! לייבל לאַכט,

באַרויִקט מיך, ער וועט זיי אַלע אופעסן... און ער טוט עס, דײַן זון. יעדן טאָג, קלײַבנדיק זיך אין אוניווערסיטעט, פלעגט ער נעמען עטלעכע לי־מענעס, זיי פאַרשיטן מיט זאַמדצוקער, צערײַבן, ווי א גאָגל־מאָגל, און אויסזשליאָקען. מיטיק עסן פלעגט ער ניט אַלע מאָל באַווײַזן, נאָר די לי־מענעס זײַנען אים דאָפקע געפעלן.

קיין איין וואָרט דער מאַמעס לאָזט ניט דורך באָרעך, ער הערט אָבער אויך בוילעט, ווי אין איר קאָל פלעכט זיך אַרײַן לייבלס, ער הערט, ווי לייבל וויצלט זיך, זעט די מאַמע, ניט דאָ אין דער פּאַלאַטע, נאָר דאָרט, אפן פּריוואָלנע־געסל. א פאַרזאָרגטע, שטייט זי לעם די געפּאַטערטע לי־מענעס. ער האַלט קוים אײַן דעם שמייכל, וואָס וויל זיך צעלייגן אף זײַנע ליפּן. יאָרן, יאָרן, ווי האַסטיק זיי יאָגן! דוכט זיך, ערשט נעכטן איז ער, באָרעך, געווען אַזאַ, ווי לייבל, און האָט אויך געשפּאַסט, און די מאַמע פלעגט ניט שטענדיק זיך קאָנען אויסדרייען פון זײַנע וויצן, אָבער ער האָט זי אין די מינוטן ליב געהאַט נאָך מערער, ווי געווײַנלעך, טאַקע אַזאַ, מיט א פאַרלוירן פאַרוויטלט פּאָנעם.

דאָס בילד, וויִאַזוי לייבל קלײַבט זיך אין אוניווערסיטעט, מאָלט באָ־רעך גרינג זיך אויס. ער געדענקט זיך גוט אין אָט דעם עלטער. וווּנדער־לעך, נאָר יונגערהייט פלעגט ער, באָרעך, זיך בייזערן, וואָס די מאַמע דרייט זיך אַרום אים, ווי א קוואָקע, שטופּט אים אונטער א שטיקל קעז, א שטיקל ווורשט, א גלעזל קאַווע און דערווײַזט אָן אופהער די נויט־ווענדיקײַט פון א זאַטן פאַרשיידנאַרטיקן פרישטיק פאַר יענע, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט גײַסטיקער אַרבעט, ביפראַט פאַר יונגע מענטשן, וואָס לערנען זיך. באָרעך פלעגט זיך אָנזעטיקן פריִער, ווי די מאַמע האָט פּלאַ־נירט. מיסטאָם באַגלייט זי איצט אַרויס לייבלען אין אוניווערסיטעט, פּונקט ווי זי פלעגט אַרויסבאַגלייטן אים, באָרעכן. זי שטייט אף דער טעראַסע, ביז ער פאַרשווינדט הינטער דעם שכייניִשן פּלויט, און שעפּ־טשעט דערבײַ דרײַ מאָל:

— יעוואָרעכיכאָ!

דאָס דאָזיקע צויבערהאַפטע שייד־וואָרט האָט באָרעך געהערט אַלע מאָל, ווען ער פלעגט אַוועקגיין אָדער אַוועקפאָרן פון דער היים. קיינמאָל האָט ער זיך ניט אָנגעפרעגט, וואָס באַטײַט דאָס דאָזיקע וואָרט, אַדהײַעם ווייסט ער ניט, ווי עס אויסטײַטשן, נאָר ער שטויסט זיך אָן, אַז אין אים איז אומבאַדינגט פאַרבאָרגן א גוטער ווונטש.

...באגלייט דאָס אייניקל, קערט זיך אום די מאמע א פארקלערטע צוריק אין די צימערן, אָבער לייגט זיך ניט גלײַך אפן געלעגער. פריער גייט זי צו צום שופלאָד מיט די לימענעס, באטראכט זיי אופמערקזאם, קעדיי ניט איבערלאָזן דאָרט קיין איין פארפוילטע.

— ביסט געקומען אומגעריכט, — רײַסט איבער די מאמע באָרעכס זעונגען. — איך האָב הײַנט געווארט אף לייבלען.

— ער וועט אויך זײַן בא דיר. איצט איז דאָך די דעמאָנסטראציע.

— זאָגן דיר, ווער דײַן יוירעש איז? דו ווילסט? נעכטן האָט ער, דוכט זיך, ניט דעמאָנסטרירט, פארוואָס זשע האָט ער מיך ניט באזוכט? מיר האָבן זיך טאקע צונויפגערעדט מיט אים, אז ער וועט מיך געוואָרע ווערן ערשט הײַנט, אָבער איך האָב דאָך אים נאָכדעם באזונדערס אף נעכטן פארבעטן.

— ווי האָסטו עס געטאָן?

— א קארטל אים געשיקט. צוויי מעסלעס געליטן, און ניט אויסגעהאלטן. די ניאניעטשקע האָט אראָפגעלאָזט אין פּאָטשט־קעסטל באם ארײַנגאנג אין שפּיטאָל.

— דײַן בריוול ליגט נאָך דאָרטן, מיסטאם, ביז איצט.

— אזוי קלערסטו?

— אין דער היים האָב איך אלנפאלס דײַן קארטל ניט געזען.

— ס'קאָן זײַן, — דערפרייט זיך די מאמע, — אינעם ערעוו־יאָמטעוודיקן טאראראם האָט די פּאָטשט געוויס געקאָנט זיך פארהײַען. ביכלאל איז לייבל א וואָרט־מענטש. איין כיסאָרן האָט ער — א ווילדע טעווע: ער פארגעסט עסן. ביז איך שטעל אים ניט צו דעם כאלעף צום גאָרגל, דערמאָנט ער זיך ניט. ווי פירט ער זיך אָן מיר?

באָרעך טוט א קנייטש מיט די אקסלען:

— ווען ניט איך, וואָלט ער הײַנט אָן אָנבײַסן פון דער היים אוועק.

— אָט אזא איז ער, — באמערקט שטיל די מאמע, שווײַגט א ביסל, קוקנדיק דורכדרינגענדיק אפן זון, און זעצט פאָר אומגעריכט: — ווען מיר זאָלן קאָנען א ביסל שפּאָרעוודיקער טרענצלען אונדזערע יאָרן, וואָלט געווען גלײַכער. מיר ווארפן זיך אהער און אהין, קריכן אף די הוילע ווענט, העלפנדיק קלוימערשט איינער דעם צווייטן, צופיל אומנוצלעכער אומרו בא אונדז. וויפל מאָל האָב איך דיך אָפּגעשטעלט — שיק ניט קיין טעלעגראמעס. דו אָבער טוסט דײַנס, דאָ טוט א פלי א פלוי אין מויעך ארײַן, דאָרט טוט א צווייפל דיך א קיצל: עפשער, כאָלילע, האָט זיך דאָ בא אונדז עפעס געטראָפן. באלד קלאפּסטו א טעלעגראמע. דיר איז גוט, אָפּגעקלאפּט — און ווארט. איך אָבער מוז ענטפערן, און טאקע באלד,

ביז לייבל קערט זיך אום, אַניט ווערסטו זיך קיין אָרט ניט געפינען, איך קען דיך גוט, ווערסט פון זינען אראָפּ. אין דרויסן גיסט א מאַבל, אָדער א פראָסט ברענט, איך אָבער מוז אפן טעלעגראַף לויפן.

— דײַן קריטיק נעם איך אין אכט.

— כ'האָב דיר נאָך ניט דערציילט, וויאַזוי כ'בין אהער ארײַנגעפאלן. פּאָלינע נאומאָוונען געדענקסטו, דײַן כאַווערס מיידל — פּעסעלע?! זי האָט זיך דערוווּסט, אַז כ'בין קראַנק, און איז געקומען צו לויפן. עטלעכע מאָל איז זי געווען בא מיר אינעם פּריוואָלנע־געסל. אויסגעטאַפּט, אויסגעהערט אַלע אייוורים. און אײַנגערעדט פונדעסטוועגן אין שפּיטאָל זיך לייגן. אָן אָרט פאַר מיר באַוואָרנט.

— ווו ארבעט זי איצט? — פרעגט באָרעך.

— דאָ, — ענטפערט קורץ די מאַמע. — דער פירנדיקער כירורג.

און איר קאָל לאָזט זיך דײַטלעך הערן אנציקונג.

צי געדענקט באָרעך פּאָלינע נאומאָוונען? זייער גוט! בײַס דער מילכאָמע האָט די מאַמע געדינט מיט איר אין איין מיליטערישן שפּיטאָל. באָרעך געדענקט גוט פּעסעלען אויך מאַכמעס דעם, וואָס אין זייער סטודענטן־קרײַז האָט זי זיך אויסגעטיילט מיט איר שיינקײַט, מיטן היפּשן, אָבער פײַן געטאָקטן פעסטן קערפּער. פּעסעלע איז געווען דער שטאָטטשעמפּיאָן פון סקי־לויפער. זי פלעגט אָפּט איבעראַשן מיט איר אופריכטיקײַט, מיט איר שאַרפער קריטיק — וואָס אף דער לונג, דאָס אף דער צונג, מיט איר איז שטענדיק געווען אינטערעסאַנט. זי האָט זיך ניט געכאַפּט כאַסענע האָבן, אָפּגעלייגט אף שפּעטער, ביז זי וועט פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט. די מילכאָמע האָט א סאַך ווײַטער אָפּגערוקט די דאָזיקע זאַך. פּעסעלע איז ניט גלײַך געקומען אהיים. דער יאַט, וועלכן זי האָט געהאַלטן פאַר איר באַשערטן, האָט זיך אומגעקערט אין קאַזאַן פיל פריִער, צו די עלטערן, וועלכע האָבן זיך אהין עוואַקויִרט פון א כאָרעוו געוואָרן יִדיש שטעטל. עמעס, שפּעטער, ווי זי האָט געוואַרט, האָט פּעסעלע זיך פאָרט באַגעגנט מיט איר כאָסן. באָרעך האָט דעמלט געוואַלגערט בײַמער אין טאַגילער וואַלד, און ווען ער איז אין א יאָר אַרום געקומען קיין קאַזאַן, איז שוין זײַן כאַווער ניט געווען אף דער וועלט. מע האָט געשמועסט, אַז יענער, שוין א שווער קראַנקער, האָט זיך ניט דערלויבט כאַסענע האָבן מיט פּאָלינע נאומאָוונען — ניט געוואָלט פאַרבינדן אירע הענט. ווער ווייסט? נאָר ביז איצט, שוין אַדורך עטלעכע יאָרצענדליק, פאַרבײַט אים ניט פּאָלינע נאומאָוונע אף קיינעם.

— אָט אַזוי, בערעלע, — רופט זיך ווידער אָן די מאַמע. — צאָרעס קומען ניט אליין, זיי ברענגען מיט זיך ניט נאָר אנגסטן, אויך פרײַנט.

— אויב זיי זײַנען פֿאַראַן.

— מע דאַרף, זיי זאָלן זײַן.

— ביסט געוויס גערעכט.

— כ׳האָב שוין געצווייפֿלט, אופֿגעהערט גלייבן, אַז כ׳וועל זיך אויסהיילן, אַז כ׳וועל זיך פֿון מײַן שלימאַזלדיקער קרענק אויסדרייען. פּעסעלע האָט געטײַנעט: „מיר וואָלטן אײַך דאָ דען געהאַלטן, ווען עס זאָל קיין פּערספּעקטיוו ניט זײַן?‟ און ס׳איז טאַקע עמעס.

— פֿאַרשטייט זיך, אומבאַדינגט אַזוי! — באָרעך רוקט ארײַן די האַנט אין בוזעם־קעשענע, ציט פֿון דאָרט אַרויס אַ קנאַקנדיק־שטײַפֿע פּוטיאָווקע. — דאָס, מאַמע, איז דיר. נאָכן שפּיטאָל וועט זי צוניץ קומען.

— וווּהין איז זי?

— קרים, אַלושטע.

די מאַמע שטרעקט אויס די האַנט:

— דערלאַנג מיר די ברילן! אין טומבע זײַנען זיי. כ׳פֿויל זיך אָנבייגן אַן איבעריק מאָל.

די מאַמע לייענט איבער אַלץ, וואָס דאָרט איז אָנגעשריבן, טוט אַ טיפֿן אָטעם.

— קרים איז בעסער, ווי קאַווקאַז. קלענער די היץ. פּונקט פֿאַר מיר אַ פּוטיאָווקע, — זאָגט זי. — ס׳וואָלט געווען אַ מיצווע זיך דורכפֿאָרן צום יאַם. כ׳ווייס אָבער ניט, צי עס וועט זיך אײַנגעבן.

— פֿאַרוואָס זשע ניט?

— מײַן צײַט איז, ווײַזט אויס, פֿאַרבײַ. — די מאַמע טוט זיך אַ קער מיטן גאַנצן גוף צו די שכיינעס. — ווי קלערט איר, מיידלעך, כ׳וועל זיך אויסהיילן?

— עס ווענדט זיך אין אײַך אַליין, קלאַרע באָריסאָוונע, — רופֿט זיך אָן די יונגע, — איר האָט דאָך מיך איבערצײַגט, אַז דער מענטש קאָן אַלץ. איר וועט זיך אַרויסקאַראַבקען! איבערהויפּט מיט אַזאַ זון, — זי כאַפּט אַ קוק אױף באָרעכן. — אָט פֿון אַזאַ מאַן וואָלט איך זיך ניט אָפּגעזאָגט...

— מיט אַ פֿרעמדן ביסן קאָן מען זיך דערוואַרגן, — באַמערקט בײַן די באַיאָרטע שכיינע.

— כ׳וואָלט ווי־ס׳ניט־איז אַראָפּגעשלונגען...

— די אויגן זײַנען געווען בא דיר אין די הענט, פֿאַרוואָס זשע האָסטו אַ טאָעס געהאַט באַם אויסקלײַבן? זײַ קיינעם ניט מעקאַנע.

— פֿאַרזיכטיקער, טײַבעלעך! — מישט זיך אַרײַן די מאַמע. זי קערט זיך אָפּ צום זון. — ס׳איז זיי אומעטיק, שטשיפּען זיי זיך. דו ווײַז מיר בעסער דײַן פּאַרטיי־בילעט.

— קיין בילעט האָב איך נאָך ניט, דערווײַל א קאנדידאט־קארטל.

— נו איז וואָס? אין פארטיי האָט מען דאָך דיך ארײַנגענומען?

— פארשטייט זיך.

— א שאָד, דער טאטע האָט ניט דערלעבט ביז דײַן גליקלעכער שאָ. דאָס וואָלט פאר אים געווען א יאָמטעוו! און ביכלאל האָט ער נאָך געקאָנט לעבן און לעבן. פארוואָס איז ער אזוי פרי אוועק פון אונדז?

אין איין האנט פארקלעמט די מאמע איר פוטיאָווקע, מיט דער צווייטער קלאפט זי אוף די קישן. באָרעך העלפט איר אוועקלייגן זיך.

— נישקאָשע, סײַוויסײַ וועלן מיר זיגן, — זאָגט זי צום זון. — ציטער ניט, אלץ וועט זײַן גוט.

באָרעך לאָזט זיך אראָפּ אף די קני לעם דער מאמע, נעמט ארײַן אין זײַנע פוכקע, פולע, ווי ערשט ניט לאנג בא איר אליין, דלאָניעס איר פרײַע אויסגעדארטע האנט, פאלט צו איר צו מיט די ליפּן. פיל דארף ער דער מאמען זאָגן. גוטע, נייטיקע ווערטער רודערן אין אים, דרייען זיך אף דער צונג, רײַסן זיך פון מויל, אָבער ער לאָזט זיי ניט ארויס. ער זידלט זיך אומבעראכמאָנעסדיק פאר אָט דער ניט צו דער צײַט געקומענער אָפּגעהאלטנקײַט, גלעט דער מאמעס בלייכע האנט און שווײַגט.

7

ווען די טיר פון פאלאטע טוט זיך עטוואָס אָן עפן און צווישן איר און דעם בײַשטידל רוקט זיך ארײַן א בוקעטל לאנדישן, פארקלעמט אין א פויסט פון א האָריקער, הוילער ביזן עלנבויגן, האנט, נאָכדעם לייבלס פּאָנעם מיט צונויפגעשלאָסענע ליפּן, און ערשט צום סאָף ער אינגאנצן, פּאָרזיכטיק, אף די שפּיץ פינגער, פילט זיך שוין די מאמע גוט אָפּגערוט.

— א, דאָס ביסטו? — באגעגנט זי אים אופגעלעבט.

— גוטמאָרגן, — ענטפערט לייב שטיל און טראָגט איר אונטער די בלומען.

— אך, ווי זיי שמעקן!

דער באָבעס לענגלעכע נאָז טוקט זיך אײַן אין די קווייטן.

— ביסט צו דער צײַט געקומען, לייבעלע. בא מיר ווערט דאָ פארפאלן אָן א שיר גוטס. זעץ זיך עסן, טאכשיט מײַנער.

— א דאנק, כ׳בין זאט.

— ס׳קאָן זײַן. כ׳גלייב. דײַן טאטע איז צו מיר געגליכן. מיט אים וועסטו ניט ווילנדיק עסן. גיב נאָר א דריי צו מיר דעם נאקן, — די באָבע

ווײַזט מיט דער האנט, וויאזוי לייב זאָל זיך א קער טאָן. — מע האָט דיך פײַן אונטערגעשאָרן, — באמערקט זי צופרידן. — בעסער ווי דעם טאַטן.

זי טוט א זוך מיט די אויגן עפּעס א געפּעס פארן בוקעט, בייגט זיך אָן, שלעפּט ארויס פון טומבע א פוסט סלאָיִקל:

— אָט אהער וועלן מיר זיי ארײַנשטעלן. ברענג וואסער, לייבעלע.

— באלד, באָבע, איין אויגנבליק.

— א הארט ניסל האָסטו מיר אונטערגערוקט, בערעלע, — זאָגט די באָבע, איבערפירנדיק דעם בליק פונעם אייניקל אפן זון. — גענוג זיך אָנגעמאטערט. עפּעס־וואָס פונדעסטוועגן דערגרייכט. כ'באַרים זיך ניט. לעכאטכילע אין אוניווערסיטעט ניט אײַנגעהאלטן. מײַן זינד. כ'וועל זיך קיינמאָל עס ניט מויכל זײַן. דערנאָך, ווען ער איז א שלאָסער געווען, אפן קאָמפּרעסאָרנעם, האָב איך בעשום־אויפן ניט געקאָנט די האָר אים אונטערשערן. ער האָט זיי געלאָזט וואקסן, ווי באם גאלעכס אייניקל, שווער געווען צו דערקענען: צי איז עס א באָכער, צי א מויד? דאָס פּאָנעם איז איידל, די וויִעס — לאנגע, שווארצע, ווי געפארבטע. מיילע, אפן זאָוואָד האָט מען מיר אומדערוואַרט געהאָלפן. וויאזוי? אָט איז ער, פרעג בא אים.

— אן אוראלטע געשיכטע. א מײַסע מיט א באָרד, — שמייכלט לייב.

— נישקאָשע, דערצייל. זאָל דער טאַטע הערן.

לייב קראצט די פּייע, קאָסיעט די אויגן אף דער באָבעס שכיינעס. אויב מע דארף, אויב מע הייסט, מאכעטייסע. אף א פארזאמלונג איז עס געשען, זייער צעך האָט סאָציִאליסטישע פארפליכטונגען גענומען אף זיך. ער, לייב, האָט באגלײַך מיט אלעמען געהויבן די האנט און געטראכט וועגן מיטיק, ער פלעגט דעמלט דרײַ־פיר וואָרמעסן אײַנשלינגען. די באָבע איז דערפון געווען זייער צופרידן.

— איך האָב אים דען געקאָנט באזאָרגן מיט אזא אויסוואל, ווי אין סטאָלאָווע? אָנבײַסן און וועטשערע פלעג איך, פארשטייט זיך, פון די הענט ניט ארויסלאָזן, וויפל מע דארף וויטאמינען, פעטס, פלעגט ער בא מיר באקומען, אָבער אף וואָרמעס — גיי אין סטאָלאָווקע. טרײַבן אהין האָט מען אים ניט געדארפט.

מע קאָן ניט זאָגן, אז דער באָבעס לעצטע באמערקונג האָט זייער שטארק דערפרייט לייבלען. פאָרגעזעצט האָט ער שוין ניט אזוי גאדלעסדיק.

וואָס איז ווײַטער אף דער פארזאמלונג געווען? זי איז שוין צום סאָף געגאנגען. דאָס מעזומען אין טאַש קלינגט. קיין שום שלעכטע פאָרגעפילן.

נאָר אָט הינטער זײַן פּלײצע, הערט לײב, בעט א וואָרט אײנער א טאָקער. ער בעט אַרײַנשרײַבן: „דעם כּאַווער, וואָס זיצט אָף דער ערשטער באַנק, אונטערשערן״, דאָס האָט ער געמײנט אים, לײבלען. דער דאָזיקער פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופן א פליעסקערײַ, מע האָט אײנשטימיק באַשלאָסן — אונטערשערן! כאָטש דער פאָרזיצער פון דער פארזאַמלונג האָט קײנעמס מײנונג ניט געפרעגט. און לײב האָט זיך געמוזט אונטערגעבן.

לײב פאַרויטלט זיך, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. דער באָבעס שכײנעס קוקן זיך איבער. בײדע מיטאַמאָל הײבן זיך אָן פּאָרען אין זײערע שאַפּקעלעך.

באָרעך אײַלט זיך ניט צעשטערן די שטילקײַט, וועלכע האָט זיך אַרײַנגעריסן אין פּאַלאַטע. ער איז פאַרטראַכט. אים דוכט זיך, אז ער ווײסט, וועגן וואָס עס קלערט אצינד די מאַמע און וואָס פאַר א וואָרעם טאָטשעט דעם זון.

עס איז קימאַט אזוי. הען די באָבע, הען דאָס אײניקל זײַנען טיף אַרײַנגעטאָן אין זיך, אײנצײַטיק, שווײַגנדיק וועקן זײ דערינערונגען טאַקע וועגן דעם, וואָס באָרעך פּרוּווט זיך אופשטעלן אין זיקאָרן. עפשער איז גאָרניט קײן כידעש, וואָס בײדע דערמאָנען זײ זיך וועגן יענעם הײסן זומער, ווען לײב, נאָך דער מיטלשול, איז געקומען צו פּאָרן מיט טאַטע־מאַמע אין קאַזאַן אַרײַנטרעטן אין אוניווערסיטעט. קײן כײשעק ווײַטער זיך לערנען איז באַם יאַט ניט געווען, ער וואָלט גערן בעסער געגאַנגען אַרבעטן ביזן פּריזיוו. אָבער די עלטערן זײַנען געווען בלינד, ניט געוואָלט — ניט געקאָנט זען, וואָס עס קומט פּאָר מיטן זון. הויך־קוואַליפיצירטע לערער, האָבן זײ געדאַרפט גוט וויסן און האָבן געוויס פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַן אוולע אזוי זיך צו באַגײן מיט א יונגן מענטשן אָף דער שוועל פון זײַן זעלבשטענדיקן לעבן. ווען עמעצער זאָל געווען זיך ווענדן צו זײ, ווי צו לערער, מיט א שײַלע, וויאַזוי זיך באַגײן מיט א באָכער, וועלכער בעט זיך אפן זאַוואָד אַנשטאָט דער הויכשול, וואָלטן זײ, לײבלס טאַטע־מאַמע, אוואַדע געײצעט די פרעמדע עלטערן לאָזן זײער זון אויסקלײַבן זײַן וועג אַלײן. אויב ער וועט אַפילע זיך טויע זײַן, איז עס אויך ניט געפערלעך. פרעמדע וואָלטן באַקומען א ריכטיקע קאָנסולטאַציע, אָבער זיך אַלײן האָבן לײבלס טאַטע־מאַמע אָפּגענאַרט. וואָס הײסט, אַזאַ לײב, מיט אַזעלכע גלענצנדיקע פײִקײַטן, זאָל ניט פאָרזעצן די בילדונג?! זײ האָבן אײַנגעלײגט די וועלט, קעדײ דערווײַזן דעם זון, אַז ער איז ניט גערעכט. און זײ האָבן אים אײַנגערעדט.

די עקזאַמענעס אין אוניווערסיטעט זײַנען באַ אים דורכגעגאַנגען אויסגעצײכנט, געבראַכט פיל נאַכעס די עלטערן. לײב וואָלט, נאַטירלעך,

געקאָנט „דורכפאלן״ — אף דעם דארף מען קיין גרויסער כאָכעם ניט זײַן. די זעלבסטליבע האָט אים אָבער עס ניט דערלויבט. ער איז געוואָרן א סטודענט פונעם אוניווערסיטעט.

גליקלעכע זײַנען אוועקגעפאָרן אהיים די עלטערן. די באָבע און לייב זײַנען געבליבן. אָנגעהויבן האָבן זיך די יעסורים שטורמיש. אין א כאדאָשים אָנדערהאלבן ארום, לייב איז געקומען פון אוניווערסיטעט א פארשמאכטער, א פארשווארצטער, שווער זיך צוגעזעצט אף איינעם פון די פיר געשניצטע דעמבענע שטולן, וועלכע האָבן זיך פארהיט בא דער באָבען פון איר כאסענע — דראָשע־געשאנק פון אירע פרײַנט, און נאָך איידער די באָבע האָט באמערקט, אז ער איז צעטומלט, שטיל געזאָגט:

— איך וועל מיסטאם לאנג ניט לעבן.

א גרויל איז אדורך איבער דער באָבעס לײַב. פון שרעק איז זי ווי צעמישט געשטאנען, פארלאָרן געקוקט מיט די ברייט־צעעפנטע אויגן אפן אייניקל. אף איבערכאפן דעם אָטעם און שטיקן די מוירע איז דער באָבען גענוג געווען איין רעגע. אופוואכנדיק, איז זי באלד צוגעגאנגען צום אייניקל, די האנט אף זײַן אקסל ארופגעלייגט, געלאסן געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

— גאָרניט. דער קאָפּ צעשפּאלט זיך. אומזיסט האָט מען מיך אין אוניווערסיטעט ארײַנגעשטופּט.

עס קאָן זײַן, אז דערפאר, ווײַל זי איז געשטאנען באנאנד מיט אים און האָט געהערט, ווי עס קלאַפּט זײַן הארץ, האָט זי דערפילט, אז מע דארף זיך ניט אײַנשטעלן פאר זײַן טאטע־מאמע, ס׳וועט קומען א צײַט, וועלן זיי זיך אליין אויסטײַנען מיטן זון. דעם יאט מוז מען העלפן — ער איז בא זיך עפּעס געפאלן.

— ביסט פּאָשעט מיד, מײַן טײַערער פרײַנט, — האָט זי גענומען אים טרייסטן. — רו זיך אָפּ, וועלן אלע דײַנע שווערע געדאנקען פארבײַגיין.

— ניין, דו ווייסט ניט, דו ווייסט גאָרניט. איך בין שטענדיק א שוואכער געווען, פון קליינערהייט. די כאַווײרים פלעגן מיך דערפאר שטענדיק נעריקן. די מאמע און דער טאטע ווייסן אויך גאָרניט. כ׳פלעג אויסבאהאלטן פון זיי מײַן כארפּע. און פייקײַטן, ניטאָ וואָס זיך צו גרויסן — אזוי זיך, מיטלמעסיקע. אויב איך האָב עפּעס דערגרייכט, איז בלויז מיט מײַן אקשאָנעס. ווו עמעצער גיט אויס איין שאָ, פּאטער איך דרײַ. אף וואָס דארף איך אים, דעם אוניווערסיטעט?

בא דער באָבען האָבן זיך גענומען טרייסלען די הענט. ווײַזט אויס, אז לייבל איז ניט פּאָשעט מיד. קארג ניסיוינעס איז אים אויסגעקומען פאר זײַן קורצן לעבן איבערטראָגן? נאָך אין דער מאמעס בויך האָט ער

שוין פון דײַגעס געוווּסט — לענעס שטענדיקע אופגערעגטקײַט, דאָס שמאָל צימערל אין צוזאמענוווינונג, קיין קאפל פרישע לופט, אַן אייביקע כאַפּעניש, קעדיי אומעטום באַוויַיזן: אף די לעקציעס, אין ביבליאָטעק, פאַרנעמען אַן אָרט אין דער סטאָלאָווקע, אין קלייט... דאָס אַלץ האָט דען ניט געווירקט אפן נאָך ניט געוואָרענעם, ניט געבוירענעם מענטשעלע? סטודענטקעס טאָרן ניט זײַן שוואַנגער. און אַז עס האָט זיך אַזוי געטראָפן, האָט לענע געדאַרפט זיך איבערקלײַבן אפן פּריוואַלנע־געסל. און די פיר האַלב־הונגעריקע מילכאָמע־יאָרן? אין א העק, אין א טאָטערשן דערפל — אין אוזייעוואָ, קימאַט צווישן הימל און ערד, אָן לאָשן, אָן בגאָדים, אָן געלט. דער געהאַלט פון א לערערקע האָט קנאַפּ באַטײַט אין די אָן אופּהער וואַקסנדיקע מילכאָמע־פּרײַזן. באָרעכס געלט־אַטעסטאַט, וועלכן ער האָט פון פראָנט צוגעשיקט, איז אויך געווען ווי א טראָפּן אין יאַם. און יאָרן אָן א טאַטן איז אויך ניט קיין צימעס.

אף מאָרגן אינדערפרי, נאָך דעם מאָרעשכוירעדיקן צופאַל מיטן אייניקל, האָט די באָבע לייבלען ניט געוועקט, געלאָזט שלאָפן, וויפל ער וויל. אין אוניווערסיטעט איז ער ניט געגאַנגען — ער איז געהאָרכזאַם אַוועק מיט דער באָבען אין פּאָליקליניק. א גאַנצע וואָך האָבן אים די דאָקטוירים געפּאָרשט, בלוט גענומען אף אַנאַליז און נאָך קעדוימע אַזעלכע זאַכן געטאָן מיט אים, ביז ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז בא לייבלען איז דאָס האַרץ א סאַך קלענער, ווי געוויינלעך בא א באָכער פון זײַן וווּקס, אין מעדיצין הייסט אַזאַ — טראָפּן־האַרץ, עס איז ניט בעקוייעך זיך ספּראַווען מיט זײַנע פליכטן: טרײַבן דאָס בלוט איבער די אָדערן. לייבלס צושטאַנד איז ניט געפערלעך, אָבער מאַכן אַן איבערײַס אינעם לערנען וועט מען מוזן.

ערשט איצט האָט די באָבע געשיקט א דעפּעש צום זון און צו דער שנור.

אקאַדעמישן אורלויב האָט דער אוניווערסיטעט געגעבן לייבלען דערווײַל אף א יאָר.

אין מיראָסלאַוול, בא די עלטערן, האָט ער עטלעכע וואָכן מיט האַנאָע געניסן פון דער מעגלעכקײַט גוט זיך אויסשלאָפן. אָבער אינגיכן איז עס אים נימעס געוואָרן. מע דאַרף אונטערזוכן פאַר זיך אַן אַרבעט. נאָר לייבלס באַגער איז ווידער געבליבן הענגען אינדערלופטן. מע האָט אים געמאָלדן, אַז אַרבעטן טאָר ער ניט — אויב ס׳איז פאַראַן א געלעגנהײַט, דאַרף מען זי אויסנוצן. איצט איז דעריקער — זיך היילן, און די בעסטע רעפואע איז רו. דאָס האָט אַרויסגערופן בא לייבלען ניט בלויז פאַרדראָס, נאָר אויך א טויבן אינערלעכן ווידערשטאַנד.

אז דעם זונס אומצופרידנקייַט איז געפערלעך, איז פאר באָרעכן און פאר לענען קיין סאָד ניט געווען, פונדעסטוועגן האָבן זיי געהאָפט, אז אלץ וועט זייַן גוט. דער פעלער, וועלכן זיי זייַנען איינמאָל באגאנגען בענעגייע זייער זון, שטערנדיק אים אָנעמען א זעלבשטענדיקן באשלוס, האָט זיי געפירט וויַיטער. ס׳איז געווען קלאָר, אז דער זון איז גערעכט, דאָך האָבן זיי אים געשלעפט אף אן אנדער וועג, כאָטש זיי האָבן פארשטאנען, אז אין דעם פאל איז מעגלעך אן אויסברוך. דער אויסברוך איז טאקע געשען, עמעס, שפעטער, ווען לייב האָט זיך מיט זיי דאָס צווייטע מאָל צעשיידט, נאָר ניט גלייַך נאָכן אומקערן זיך קיין קאזאן. וויַיזט אויס, אז דאָס נייַע לערניאָר אין אוניווערסיטעט האָט ער אָנגעהויבן גערן. לייבלס טעלעגראמעס זייַנען געווען קורץ. די ערשטע: „מע האָט מיך באַגעגנט בעסער, ווי כ׳האָב געוואָרט. גאָר גוט”, די צווייטע: „צום רעקטאָר גיין דארף מען ניט — דער דעקאן וועט אלץ מאכן אליין”. און וויַיטער: „מאָרגן וועט זייַן דער באפעל”, דערנאָך: „אין רעשימע אריַינגעטראָגן”. די לעצטע טעלעגראמע מיט אן אויסרופצייכן: „דעם סטודענטישן בילעט באקומען!”

דער באָבעס בריוו קיין מיראָסלאוול פון יענער צייַט זייַנען געווען אומרו׳קע, אָבער ניט קיין אומעטיקע. איר געפעלט ניט, אשטייגער, וואָס לייב עסט לאנגוויַיליק, צום סאָף אָנבייַסן הייבט ער זיך אָן כאפן, וויַיל ס׳איז שוין צייַט לויפן אין אוניווערסיטעט. זי איז ניט צופרידן מיט דעם, וואָס אין די העפטן קוקט דאָס אייניקל אריַין ערשט פארן שלאָפן און פאָרעט זיך מיט זיי וויינִיקלעך, א מינוט פופצן־צוואנציק, ניט מער, זי מוסערט אים, וואָס ער האָט נאָך דעם טעאטער ניט באזוכט, דעם נייַעם צירק...

ווען די באָבע זאָל געווען זיך א ביסל אופמערקזאמער צוקוקן צו לייבן, וואָלט זי מיסטאם פארשטאנען, אז דאָס זייַנען גאָרניט קיין קלייניקייַטן, אז דאָס גיבן וועגן זיך צו וויסן לייבלס פאראיאָריקע געשעפטן. ווו זשע נעמט מען אָבער קויעך און צייַט אלץ באנעמען? דער מארק, דאָס קאָכן, באקן, אייסעקן זיך מיטן געפעס, דאָס ראַמען און פוצן די צימערן, דאָס וואשן און פרעסן — אָט דער בארג פליכטן האָט אייַנגעשלונגען אלע אירע קויכעס. איר האָט זיך געדוכט, אז לייבל האָט פון אלץ האנאָע: אי פון די מייַכאָלים, מיט וועלכע זי האָדעוועט אים, אי פון זייַנע בגאָדים — פון דעם פידזשאקל פון געקעסטלטן געוואנט, וואָס זיצט אף אים אזוי שיין און באקוועם, פון די נייַע שמאָלע הויזן, זייַדענע העמדלעך, אלע מאָל פרישע און ציכטיקע. וויַיזט אויס, אז אזוי איז עס טאקע פאָרגעקומען. פארגעניגן האָט לייב באקומען פיל. איינס אָבער האָט די באָבע ניט

באמערקט: אז דאָס אייניקל וויל וואָס גיכער זיך באפרײַען פון אירע פענטעס.

אין סאָף פון דער דריטער סענטיאבער־וואָך, נאָכן ווארמעס, האָט לייב געזאָגט דער באָבען:

— איך דארף גיין צו א כאווער נאָך א לערנבוך. אין א שאָ ארום האָסטו מיך צוריק.

מאכעטייסע. די באָבע האָט אים באגלייט מיט איר אומבאדינגטן שייד־וואָרט — „יעוואָרעכיכאָ", און זיך דערווײַל צוגעלייגט א דרעמל טאָן. א זייגער עלף האָט זי זיך אופגעכאפּט — לייב איז נאָך ניטאָ. האלב צוועלף, צוועלף — ניטאָ. פון טעאטער, קלערט זי, קערט מען זיך אום צוועלף, האלב איינס, ניט שפּעטער — קומט מען פונעם לעצטן קינאָ־סעאנס. איינס אזייגער — ניטאָ! יעדע מינוט ציט זיך, ווי א שאָ. די הענט און די פיס ציטערן בא איר: ניט אנדערש — אן אומגליק...

די באָבע האָט גענומען וועקן די שכיינים: זאָל עמעצער זי באגלייטן אין מיליציע־באצירק. פון דאָרטן האָט זי זיך שוין אָנגעפרעגט אין דער „גיכער הילף", צי איז אהין ניט ארײַנגעפאלן אזא און אזא. האקלאל, זי האָט אופגעהויבן אלעמען און אומעטום, וועמען נאָר מע האָט געקאָנט. ניין, ניטאָ אין ערגעץ. די באָבע איז אין אָנמאכט געבליבן זיצן אין מי־ליציע — עפּשער וועט זיך עפּעס אויסקלאָרן, די שכיינים אירע זײַנען אוועק צוריק, צוזאָגנדיק אָנקלינגען, אויב לייב איז ניטאָ אין דער היים.

ביטערע געדאנקען זײַנען דער באָבען געקראָכן אין קאָפּ, דאָס הארץ האָט געקלעמט... וויאזוי מוידיע זײַן די עלטערן? און וואָס וועט זײַן מיט דער שנור? זי וועט עס ניט איבערטראָגן...

אן ערעך אָן פינף מינוט צוויי האָבן זיך אף דער שוועל פון מיליציע באוויזן דער באָבעס שכיינים אינאיינעם מיט לייבלען — לעם דער שטוב אים באגעגנט.

די באָבע האָט זיך צעיאָמערט, געכאפּט קושן דאָס אייניקל, זיך ניט באקלאָגט. שווײַגנדיק אויסגעהערט זײַן דערקלערונג: באם כאווער זיך פארהאלטן, יענעם גיט זיך אײַן שווער די פראנצויזישע שפּראך, האָבן זיי אינאיינעם געלערנט.

אף מאָרגן נאָכן ווארמעס, פונקט עס זאָל נעכטן גאָרניט פּאסירן, קלײַבט זיך לייבל ווידער צום כאווער: מע דארף מיט לאטײַן זיך פאר־נעמען. אראָפּגעלאָזט די אויגן, זאָגט ער צו, אז צוריק וועט ער קומען נאָך ביז נײַן אזייגער. אומגעקערט האָט ער זיך אָבער האלב־נאכט. דעם דריטן טאָג — דאָס זעלבע. ווען לייב איז אהיים געקומען, איז שוין די

באָבע געשלאָפֿן. די גאַנצע צײַט האָט זי ניט געזען, אַז לייב זאָל עפּעס וואָס לערנען. פֿריִער פֿלעגט ער פֿונדעסטוועגן אַ ביסל אַרײַנקוקן אין זײַנע העפֿטן, אין די ביכלעך.

אַ וואָך און נאָך אַ וואָך האָט זיך דער דאָזיקער שוואַרצער פּאָדעם געצויגן. פֿון טאָג צו טאָג פֿלעגט דער באָבען ווערן אַלץ שווערער און שווערער אויפֿהייבן לייבלען פֿונעם געלעגער. לאַנג לײַדן אַזעלכס האָט זי ניט געקאָנט. זי איז אין כּעס געוואָרן: מער וועקט זי אים ניט, גענוג, אויס, זאָל ער אַפֿילו פֿאַרשלאָפֿן דעם אוניווערסיטעט אינגאַנצן מיטן מי־טיק, ביז האַלב־נאַכט זיך אַרומשלעפּן דער רוער ווייסט ווו און נאָכדעם ניט קאָנען, ניט וועלן אויפֿשטיין... נאַ דיר גאָר אַזאַ אויפֿקלערעכץ... אויב ער איז מעכוּיעוו גרייטן די לימודים מיטן כּאָווער, טאָ זאָל ער עס טאָן דאָ, בײַ זיך, אין פּריוואָלנע־געסל...

אָבער לייב גייט אַף אַזוינס ניט אײַן. ניט בײַ זיך און ניט ערגעץ אַנדערש וועט ער מיט די לימודים זיך ניט באַשעפֿטיקן. פֿאַרוואָס האָבן אים די עלטערן ווידעראַמאָל אַרײַנגעשטופּט אין אוניווערסיטעט, צוליב וואָס קומט עס אים אַזאַ אָנשיקעניש? זיי ווייסן דאָך, אַז ער איז אַ נאַר און וועט זיך ניט קאָנען לערנען! גאָרנישט קריכט ניט אין קאָפּ, גאָרנישט פֿאַרשטייט ער ניט.

דאָ האָט די באָבע פֿאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף עטוואָס אָפּקילן איר כּעס. פּאַראַיאָריקע טײַנעס האָט זי דערהערט און געכאַפּט אַ ציטער. מע דאַרף זײַן פֿאָרזיכטיק און אָנגרײַפֿן אַפֿן אייניקל פֿונדערווײַטנס. זאָל ער אַף אַ רעגע זיך פֿאָרשטעלן, אַז ער איז אַ זעלנער און דאַרף גיין אין שלאַכט. קאָן מען דען מיט אַזאַ שטימונג זיגן? אויב ער, לייב, וויל עפּעס דער־גרייכן — און פֿאַרוואָס זאָל ער טאַקע ניט וועלן?! — מוז מען זיך מאַטריִען זײַן אָנשטרענגען אַלע קויכעס.

דער באָבעס רייד האָבן זיך אָבער אָנגעשטויסן אַף אַ ווידערשטאַנד. סײַווי איז זײַן לערנען אומזיניק. סײַווי וועט פֿון דעם זיך גאָרניט באַקו־מען. די לערער אינעם אוניווערסיטעט ווייסן וועגן דעם און האָבן שוין אַ מאַך געטאָן אַף אים מיט דער האַנט...

די באָבע האָט פֿאַרביסן אַ ליפּ. וואָס זשע טוט מען? נאָר בעסער פֿון אַ גוט וואָרט איז, אַ סוואָרע, ניטאָ. סאָפּקאָלסאָף איז דער באָבע געלונגען צו דערווײַזן, אַז לייבלען וועט קיינער ניט מאַכן קירצער אַף אַ קאָפּ, אויב ער וועט, כאָלילע, ניט קאָנען ווערן קיין אויסגעצייכנטער סטודענט. ס׳וועט זײַן גענוג, אויב ער וועט זיך לערנען מיטלמעסיק.

לייב האָט ווידער יעדן אינדערפרי זיך אָנגעהויבן וואַשן מיט קאַלטער וואַסער — א טאָג דריַי ביז דעם איז אים געווען אומעטיק זיך פאָרנעמען מיט אזא איניען. ער האָט פליַיסיק געריבן מיטן נאַסן האַנטעך די אַקסלען, כאָטש די ליפּן האָבן געשעפּטשעט: „סיַיוויסיַי — אומזיניק”. ער איז איבערלעך מאַסקים געווען מיט דער באָבען: כאָזער איבער אָן אופהער, אַז עס וועט זיך גאָרניט באַקומען, וועט זיך טאַקע גאָרניט באַקומען, מע דאַרף גלייבן אין די אייגענע קויכעס, מע דאַרף זיך ראַנגלען, בלויז דאַן קאָן עפּעס זיַין. אָפּן גוירל האָט זיך לייב אופגעהערט קלאָגן. די באָבע וואָלט געמעגט גלייבן, אַז אַלץ איז באַ אים גוט, איז איר אָבער זייער ניט געפעלן, וואָס ער הערט ניט אוף צו וויַיזן קונצן, אָפּט קומט אויס וואַרטן אַף אים ביז האַלבער נאַכט און דערנאָך ליגן מיט אָפענע אויגן און טראַכטן וועגן דעם, ווו שפּאַצירט ער, וויִאזוי באַקומט זיך עס, אַז דער טאָג קלעקט אים ניט אַף אַזעלכע געננג? אַמאָל הייבט זיך לייב אוף אַזייגער עלף־צוועלף באַנאַכט און ווערט נעלעם, דער רועך ווייסט וווהין. אָט, דאַכט זיך, זיצט ער, לייענט עפּעס, מורמלענדיק, און פּלוצעם ווערט ער אַנשוויגן. טראַכט די באָבע: עפשער איז ער אַנשלאָפן געוואָרן, און טוט אים א רוף — ענטפערט ער ניט. קריכט זי אַראָפּ פונעם געלעגער: נישטאָ ניט לייבל, ניט זיַין מאַנטל. און אַז עס גייען אויס די קויכעס צו וואַרטן, וואַרפט זי איַילנדיק אָן אַף די אַקסלען דאָס אַלטע פעלצל, נאָר גיי זוך דעם ווינט אין פעלד. וווהין וועסטו אין דער פינצטערניש לויפן? סיַידן ווידעראַמאָל אין מיליציע מאַכן א ראַש? וואַרט זי א דערשראָקענע, ביז לייבל קערט זיך אום. און מע דאַרף נאָך מאַכן אָן אָנשטעל, אַז דו ביסט קלוימערשט געשלאָפן און גאָרנישט ניט געזען, גאָרנישט ניט געהערט — אויסמיַידן איבעריקע אומאָנגענעמע רייד.

וויפל געזונט האָבן אָפּגענומען באַ דער באָבען לייבלס באַנאַכטיקע שפּאַצירן, דערציילט זי קיינעם ניט. אָבער וואָס האָט עס געהאָלפן? דאָס, פאַרוואָס זי האָט מוירע געהאַט, איז טאַקע געשען, ס'איז נאָך א נעס, וואָס אַזוי, ניט ערגער.

פּאַסירט האָט עס ערעוו לייבלס עקזאַמענעס. א גאַנצע וואָך איז אין זיַין רעשוס געווען אַף זיך גרייטן צו זיי. די באָבע האָט פונקט אין יענע טעג זיך שווער פאַרקילט, געלעגן מיט הויכער היץ, לייבלס דיַיגעס זיַינען געווען וויַיט פון איר: ער פלעגט אַלע מאָל זיך אומקערן אַהיים ניט פריִער פון צוויי־דריַי אַזייגער באַנאַכט. אַפילע מיט קיין איינציקן קרעכץ האָט די באָבע אים ניט געערגערט. מיילע, זאָל ער לערנען, אַבי ער סטאַרעט זיך. אָ, ווען זי וואָלט געווען וויסן, וויִאזוי ער סטאַרעט זיך! קיין פיַיער קאָן מען אָבער אין פאַפּיר ניט באַהאַלטן. איינמאָל אינדערפרי

עפנט אוף די באָבע די אויגן און זעט, אז לייב איז אהיים ניט געקומען נאָך זײַנע באנאכטיקע בלאָנקענישן. ס'איז איר גלײַך פינצטער געוואָרן די וועלט. לאנג קלערן האָט מען ניט געטאָרט. די היץ האָט זי אופגעהויבן און זי אַוועקגעטראָגן. גוט האָט זי זיך אָנגעמאטערט, זוכנדיק לייבלען. אז איר הארץ האָט ניט געפלאצט, איז טאקע א כידעש, עס איז, ווײַזט אויס, בא איר פון אײַזן.

געפונען האָט זי דעם אייניק בא זײַנעם א כאווער, ניט בא יענעם, וועמענס נאָמען איז איר געווען באוווּסט, בא אן אנדערן, א סאך אן עלטערן פון אים. דערזען האָט די באָבע לייבלען גלײַך, באלד ווי זי האָט די שטוב פון אָט יענעם שעד אָפּגעזוכט: לייב איז אפן פארשנייטן גאנעק געזעסן אָן א מאנטל, אָן א היטל, אָן הענטשקעס, ער האָט מיט א פארלאָשענעם בליק געקוקט אף דער באָבען און זי ניט דערקענט. דער פראָסט האָט שוין באוויזן באדעקן זײַנע באקן מיט ווײַסע פלעקן. ער אָבער איז גלײַכגילטיק געווען צו דעם. ער איז שיקער און וויל פון גאָרניט וויסן, דרייט מיטן קאָפּ, די באָבע זאָל אים די באקן מיט קיין שניי ניט רײַבן, וויל ניט זיך אופהייבן. די באָבע שלעפּט אים מיט די לעצטע קויכעס אין שטוב ארײַן, ער קוקט איר אין די אויגן, ווי א באָק, פּרוּווט זיך פון איר אָפּשטופּן, נאָר ער האלט זיך קוים אף די פיס און די באָבע לאָזט אים ניט אָפּ פון זיך. זי זידלט אים. זשליאָקען ווײַן פעלט נאָך אים! פון וועמען נעמט ער עס א בײַשפּיל? דער טאטע טרינקט ניט, די מאמע אוואָדע ניט. פּײַנע כאווײרים בא אים!

נאָר ניין, די כאווײרים וועט לייבל ניט לאָזן באליידיקן. מיט אים מעג מען טאָן, וואָס מע וויל, אפילע אף לאָקשן בראָקן, נאָר די כאווײרים זײַנע — ניין, טשעפּעט זיי ניט, ער דערלויבט ניט. ווײַזט אויס, אז לייבלס צונג איז פעסט פארפרוירן, ווײַל די באָבע מוז זיך גוט אָנשטרענגען, קעדיי פארשטיין, וואָס ער פּלאפּלט.

א ביסל מיט א פארשפּעטיקונג, נאָר זי האָט זיך פאָרט דערוווּסט, ווער עס האָט לייבלען דעם קאָפּ פארדולט. צוליב דעם האָט זי אײַנגעאָרדנט א מאָלצײַט בא זיך אינעם פּריוואָלנע־געסל ספּעציעל פאר זײַן עלטערן כאווער, גלײַך נאָך דעם, ווי לייב האָט זיך אויסגעניכטערט. ער האָט געבעטן און געפּויעלט בא איר, זי זאָל ניט מאכן קיין טאראראם, פארן דעקאן זיך ניט אָנקלאָגן.

קוויקנדיק זיך מיטן אָנגעריבענעם רעטעך אין גענדזן־שמאלץ, מיטן פעטן ראָסלפלייש און, פארשטייט זיך, מיט דער באָבעס אייגענער מאשקע, האָט זיך לייבלס כאווער דערפילט ווי אין דער היים. און דאָס טאקע איז דער באָבען געווען גענוג, ווײַל בא אים האָט זיך באקומען, ווי מע

זאָגט: וואָס אף דער לונג, דאָס אף דער צונג. ס'איז ניט קיין וווּנדער, וואָס לייב איז צו אים צוגעקלעפּט געוואָרן. אָט דער זיבן־און־צוואנציק־יאָריקער יונגערמאַן איז צוגעווינט צו באַפעלן, צו דעם, אַז זײַן וואָרט איז אַ געזעץ. אין אים איז פאַראַן פיל צוציִענדיקס פאַר לייבלען. עס קאָן זײַן, אַז ער מאַכט זיך, נאָר עפּשער איז ער טאַקע אינדערעמעסן אָפנהאַרציק און דרייסט, אומאָפּהענגיק און אָריגינעל, עפּשער זײַנען באַ אים די געפילן פון כאַווערשאַפט, פון סאָלידאַריטעט ניט קיין קלוימערשטע? ווען ער זאָל זײַן אַן ערנסטער מענטש, וואָלט מען דאַפקע געמעגט באַגריסן לייבלס פרײַנטשאַפט מיט אים. אָבער אָט צערעדט ער זיך פלוצעם וועגן איינעם אַ סטודענט, וועלכער איז באַגאַנגען אַ נידערטרעכטיקײַט — באַליידיקט אַ מיידל, און דערבײַ פאַרטיידיקט דעם נעפּעש, באַרעכטיקט אים גאָר! ניין, אַזאַ כאַווער קאָן לייבלען גיך אַראָפּפירן פון וועג. און ביכלאַל, די רייד פון דעם באָכער זײַנען גאָר ניט קיין ציכטיקע — געפערלעכע פאַר אַ יונגן יאַט, פאַר איר לייבלען, וועלכער שטייט נאָך ניט פעסט אף די פיס. מע מוז אומבאַדינגט אַראָפּרײַסן דעם רייצנדיקן אָרעאָל פון זײַן כאַווער. ווו נעמט מען אָבער די נייטיקע ווערטער, די נייטיקע באַווײַזן, זיי זאָלן ווירקן אף לייבלען, ער זאָל זיי ניט קאָנען אָפּוואַרפן, אַז אויך די וועטשערינקע, ווו ער איז שיר ניט פאַרפרוירן געוואָרן, אפילע אויך אָט דעם כעט נעמט לייבל אף זיך. דאָס האָט ער קלוימערשט צונויפגעקליבן באַ איין קײַלעכדיקן טיש יענע כעוורע, און ער, לייב, איז דער איניציִאַטאָר פונעם סאַבאַנטוי. אומזיסט ערגערט זיך די באָבע. גוטע כעוורע רינגלען אים אַרום, לײַטישע, ערלעכע. זיי זײַנען באָקי אין פּאָליטיק, דאָס לעבן אינטערעסירט זיי, און זיי פאַרשטייען עס. ס'איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן — דאָס זײַנען ניט קיין כײַעס, ניט קיין מענטשנפרעסער, נאָר גאַנץ געוויינלעכע יאַטן, אַזעלכע, ווי ער, לייב. איינער פון זיי האָט ליב דזשאַז — אָבער אויך ער, לייב, האָט ליב אַזאַ מוזיק. דער צווייטער איז פאַרליבט אין דאָסטאָיעווסקין און לעאָניד אַנדרייעוון — האָט מען געפונען געמיינזאַמע אינטערעסן. אײַ, וואָס מע האָט באַשלאָסן צו נעמען איינעם אַ גלעזל בראָנפן? איז מיט וואָס זײַנען זיי ערגער פון אַנדערע יונגעלײַט? און אויב מע נעמט שוין דאָס גלעזל, דאַרף מען דאָך שוין ווײַזן, אַז מע קאָן טרינקען. ער, לייב, האָט באַוויזן, אף וואָס ער איז פייִק, און זײַן קונסט איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן. דערנאָך האָט מען דעקלאַמירט לידער און געזונגען אָפּערע־אַריִעס. די באָבע דאַרף פאַרשטיין, אַז דער מאָלצײַט איז דאָך געווען אַ טיפּיש סטודענטישער — מע האָט געשטיפט, זיך געוויצלט, און דאָס, וואָס ער איז שיר ניט פאַרפרוירן געוואָרן, איז ניט געדײַגעט, ווײַל שיר גייט ניט אין כעזשבן...

שרײַבן קיין מיראָסלאוול האָט זיך די באָבע לאנג אָפּגעהאלטן, ערשטנס, ווײַל מיט וואָס וועלן איר די קינדער העלפן. כוץ דעם, האָט זי טאקע געהאָפט, אז עפּשער וועט זיך אלץ ענדיקן גוט. דאָך האָט זי אָנגעשריבן, ניט אויסגעהאלטן, אָנגעשריבן נאָך דעם, ווען לייב האָט אין שטוב ארײַנגעבראכט א ייִנגל מיט פּאטלעס, וואָס זײַנען בא אים געהאנגען אף די אקסלען. לייב האָט געבעטן בא דער באָבען א שער. די באָבע איז געווען פּארטאָן באַם אויוון און פונווײַטן אויסגעמאָלט, ווו די שער ליגט. זי האָט געמיינט, אז לייב וויל אונטערגלײַכן א ביסל דעם יאטס לאָקן. גיי ווייס, וואָס זיי האָבן פארטראכט... ווען זי איז אין צימער ארײַן, איז זי געבליבן פארשטיינט: האָר, אומעטום האָר... אפן דיל, אפן שטול, אף די קליידער בא ביידע באָכערים, אפן פענצטער, לעם וועלכן זיי האָבן זיך געפּאָרעט... און ניט ווײַט — עסנווארג. לייב האָט נאָך גענומען טרייסלען דעם האנטעך, דאָ גלײַך אין צימער... די באָבע האָט זיך צעשריִען, ארויסגעטריבן די כעוורע אפן באלקאָן — זיי זאָלן זיך רייניקן, און גענומען צונויפקערן די האָר. ביז זי האָט אויסגעגלײַכט דעם רוקן, זײַנען די יאטן נעלעם געוואָרן, אפילע קיין איין מײַכל ניט פארזוכט, און זי האָט זיך געסטארעט, אלץ צום ווארמעס צוגעגרייט. פאר וועמען האָט זי זיך געסטארעט? דאָס, קאָן זײַן, האָט איר פארדראָסן מערער פון אלץ.

אָן אומעטיקער האָט זיך באקומען דער בריוו קיין מיראָסלאוול. זי איז זיך מוידע געווען — ניט געקלאָגט זיך, פּאָשעט מיטגעטיילט: ניט אזוי גוט, ווי עס ווילט זיך, פילט זי זיך, זי האָט, זעט אויס, זיך אָנגעהויבן אונטערפוילן אף דער עלטער, עס טרעפט אמאָל, אז עס ווילט זיך גאָרנישט ניט טאָן, אפילע פּאמעלעכן. אין שטוב איז צומאָל שמוציק, און כאָטש זי קאָן עס ניט לײַדן, לאָזט זי אלץ איבער און לייגט זיך אין בעט... דער צושטאנד אירער בײַט זיך אָבער. אָט ווערט איר ערגער, אָט עטוואָס שפּעטער — אינגאנצן גוט. איצט ווייסט זי, וויִאזוי זיך צו באגיין מיט זיך: שטילינקערהייט, ניט געכאפּט זיך, פּאָרען, און דעריקער — זיך ניט ערגערן.

זי האָט לאנג געזוכט די סיבע, וואָס האָט ארויסגערופן איר איצטיקן צושטאנד, ביז ס'איז איר קלאָר געוואָרן — שרעק! פון שרעק איז די צאָרע. קאָן מען דען זײַן גלײַכגילטיק, ווען א מענטש טײַנעט, אז ס'איז אים אומדערטרעגלעך דאָס לערנען און ער וועט פון זינען אראָפּ? פיל מאָל האָט זיך איר געדוכט: יאָ, בא לייבלען איז טאקע ניט אלץ אין אָרדענונג, עס קלעקן ניט קיין שרײַפעלעך אין מויעך. אוי, האָט עס איר ווי געטאָן! איינמאָל קומט ער צו גיין און רופט זיך אָן: „באָבעניו, קוק מיר

אין די אויגן אַרײַן — זיי זײַנען, ווי בײַ אַ מעשוגענעם, זעסט?״ זי האָט צוערשט, אַ דערשראָקענע, פאַרלאָרן דאָס לאָשן, נאָר באַלד צו־זיך געקומען און אַף אים אַזוי אָנגעפאַלן, אַז ער האָט, דוכט זיך, פאַרלאָרן דעם כיישעק כאָטש מיט איין וואָרט נאָכאַמאָל וועגן דעם צו דערמאָנען, דאָך אַ פּאָר מאָל נאָך דעם איז ווידער געווען אַ רייד, אַז אַלץ איז אים נימעס, און צוליב וואָס דאַרף מען דאָס, אַז לאַנג לעבן וועט ער ניט. עטלעכע כאַדאָשים, ניט מער. זי האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק, פאַרוואַנדלט אין אַ שפּאַס די דאָזיקע דיבורים. אָבער וויפל געזונט האָט עס בײַ איר צוגענומען! אַגעוו, די לעצטע צײַט האָט שוין מער לייב ניט געכקירעט וועגן טויט. אויס... באַמערקט צווישן אַנדערן, אַז שטאַרבן גלוסט זיך דערווײַל ניט, נאָך אַ יאָרעלע וועט ער פּרווון לעבן... און אויס... פאַרגעסן. ווי ניט געווען. זי איז פריילעכער געוואָרן, אַ קלייניקײַט — אַ יאָר!

און פּלוצעם: לייבל ווערט פאַרפאַלן. אינמיטן דער נאַכט אַוועק — מיילע, צו דעם איז זי שוין קימאַט געוווינט, אָבער אינדערפרי ניטאָ — דאָס איז שוין עק וועלט. אין אוניוווערסיטעט, וווהין זי איז געקומען צו לויפן — געמוזט וואַרטן ביזן סאָף פון דער לעקציע, ביזן קלונג — אויך דאָרטן ניטאָ! אַזעלכס שלײַדערט שוין פון די פּיס.

עפּשער וואָלט זי דעם בריוו ניט אָפּגעשיקט, נאָר לייבלס עקזאַמענעס גייען שוין צום סאָף, ער וועט מינאַסטאַם פאָרן אַף קאַניקולן קיין מיראָסלאַוול, זאָלן די עלטערן פאָרט וויסן. זיי דאַרפן וויסן אַלץ. זי האָט נאָר געבעטן, אַז באָרעך און לעבע זאָלן ניט יאַדען דעם זון, ווען ער וועט זײַן בײַ זיי: אַ יאַט איז ער אַ גוטער, אַ מענטש פון אים קאָן זײַן, מע דאַרף נאָר טאָן אַלץ, ער זאָל זיך גוט פילן, עס זאָל זיך אים גלוסטן לערנען.

געטאָן האָבן אַלע דאָס, וואָס עס איז פון זיי געווען געוועגדט, אָבער דער באָבעס פאָרגעפילן האָבן זי ניט אָפּגענאַרט — ניט געווען באַשערט דעמלט לייבלען צו לערנען זיך.

נאָך די ווינטער־קאַניקולן האָט לייב ביז מײַ כוידעש גערן באַזוכט דעם אוניוווערסיטעט, דאָך פלעגט די גאַנצע צײַט בײַ דער באָבען ציטערן דאָס האַרץ: מיט זײַנע געפערלעכע כאַווײרים האָט ער ניט אויפגעהערט זיך צו פירן, ניט אָפּצורײַסן אים פון זיי.

אַ פּאָר טעג פאַרן ערשטן מײַ זײַנען פיר באָכערים האַלב צוועלף באַנאַכט אַרויס פון רעסטאָראַן: לייב, זײַן עלטערער כאַווער, בײַ וועלכן מע האָט יענץ מאָל געפּראַוועט די ליאַמע, און נאָך צוויי — יענער, וואָס האָט זײַנע לאַנגע האָר בײַ דער באָבען אין אַלקער איבערגעלאָזט, און דער פערטער, אַ טאָטער, ניט קיין שלעכט יאַטל. לייב טײַנעט, אַז ער

גופע האָט ניט געטרונקען, בלויז דער כאווער האָט צוליב דרייסטקייט גענומען הונדערט פופציק גראם. אָט דער פאַטלאַטער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר צו עפּעס א מיידל, דאַפקע ניט קיין סטודענטקע. ארויס איז ניט זי — איר ברודער. א וואָרט פאר א וואָרט, און ס'איז אוועק א געשלעג. דער עלטערער כאווער לייבלס איז גלייך נעלעם געוואָרן. דער טאַטער איז אויך אנטלאָפן. לייב איז געבליבן, ער האָט געהאַלטן, אז ס'איז זיין כויוו — העלפן דעם כאווער.

דאָ איז א מיליציאָנער אויסגעוואַקסן לעם זיי, פּונקט ווי פון אונטער דער ערד. אין מיליציע, ווי עס פירט זיך, האָבן זיך באלד אָפּגעזוכט א פּאָר איידעס — צוויי אלטיטשקע.

אף מאָרגן האָט מען די דאָקומענטן זיי אומגעקערט, אָבער דעם פּראָטאָקאָל אין אוניווערסיטעט איבערגעשיקט, און דאָרט האָט זיך דאָס רעדל פארדרייט. געענדיקט האָט זיך דערמיט, אז לייבלען האָט מען אי פונעם קאָמסאָמאָל, אי פונעם אוניווערסיטעט אויסגעשלאָסן.

ווען לייב איז א שלאָסער געוואָרן אפן קאָמפּרעסאָר־זאוואָד, פלעגט די באָבע אָפּט זאָגן, אז אלץ איז צום גוטן. איניינעם מיטן אוניווערסיטעט האָט ער זיינע טייערע כאוויירים אָנגעווירן, אימירצעהאשעם, אף שטענדיק.

א ניי אָרט ברענגט נייע צאָרעס. אזא איז די וועלט, אָבער פון די אַלטע איז ער אויסגעלייזט געוואָרן. און דאָס איז דער איקער.

פיר יאָר זיינען אוועק, און לייבל איז ווידער אָנגעקומען זיך לערנען. פיר יאָר פארשוווּנדן... פיר יאָר! עפּעס א קלייניקייט! דאָך האָט די באָבע טאַקע ארויסגעשלעפּט לייבלען פונעם זומפּ, אין וועלכן ער וואָלט, ווען ניט זי, פארזונקען. דארף מען דען זיך ניט פילן גליקלעך?

א סוואָרע, באָרעך האָט טאַקע געטראָפן, וועגן וואָס די מוטער און דער זון, יעדערער אף זיין אויפן, זיינען פארזאָרגט: וואָס, קלערט זי, וואָס פאר א וואָרעם טאָטשעט אים?

די שטילקייט, וועלכע איז אין פּאַלאַטע ארייַנגעדרונגען, האָט מיטאַמאָל דער באָבעס אומעטיקער זיפץ צעבויטעט:

— פרי בין איך אראָפּ פון מארק. ער וועט מיך נאָך דארפן האָבן, לייבל. ווי קלערסטו, א, טרייסט מיינע?

אָפּזוכן א פּאַסיקן ענטפער דער באָבען, אזא, וואָס זאָל זי דערוואַרעמען און טרייסטן, איז בא לייבלען קיין צייט ניט געווען, נאָר אפילע די ווערטער, וועלכע ער וואָלט געקאָנט איר זאָגן ניט טראַכטנדיק, זיי־

נען באַ אים אַ לאַנגע רעגע געבליבן שטעקן אין האַלדז. עפּשער איז עס דערפאַר, ווײַל ער האָט צום ערשטן מאָל דערהערט אַזאַ טיפן זיפץ פון דער באָבען.

מיט עטוואָס צוגעמאַכטע אויגן האָט זי אויסגעשטרעקט צו לייבלען אַ האַנט — דער ברייטער אַרבל פון עם כאַלאַט האָט אונטערגעשטראָכן איר אויסגעדאַרטקײַט. אירע דינע פינגער האָבן זיך באַהאַלטן אין לייבלס שטאַרקע דלאָניעס:

— ביסט באַ מיר אַ געטרײַער...

זי האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צום זון און מיט איבערצײַגונג באַמערקט:

— זעסט, בערעלע, ווער עס פלאַנצטביימער, דער באַקומט, פרי׳ער אָדער שפּעטער, רײַפע פּיירעס.

און מיטאַמאָל, אָן פאַרבינדונג, אָבער מיט אַ געזועצמעסיקן אינערלעכן געדאַנקענגאַנג, וועלכן באָרעך האָט דערפילט, בייזלעך אַ פרעג געטאָן:

— באַם טאַטן ביסטו געווען?

— וואָדען. נאָך קאַיאָר.

— אַזוי האָב איך טאַקע געקלערט. אַנדערש טאָר ניט זײַן. — אירע אויגן האָבן זיך פאַוואָלינקע, קימאַט אײַנגאַנצן צוגעמאַכט. — דײַן טאַטן איז גוט, בערעלע, עס טוט אים שוין גאָרניט וויי...

דערהערנדיק די אייגענע ווערטער, וועלכע זײַנען פון איר מויל אַרויסגעפלויגן, האָט זי זיך אַליין איבערגעשראָקן.

אויך ביידע אירע געסט, דער זון און דאָס אייניקל, זײַנען מעטושטעש געוואָרן. לייב האָט פאַרשעמט אָנגעהויבן שמאָרען מיט דער נאָז, באָרעך האָט אונטערהוסטנדיק שטיל דערקלערט:

— איך האָב אופגעראַמט אַרום דער מאַצייווע.

זי איז מיט אַ געקנייטשט אויסגעבלאַסט פּאָנעם געלעגן אָנגעשטרענגט און שטיל, איין זאַך האָט זי פונדעסטוועגן יאָ באַוויזן בעטן:

— וואַרט אַ ביסל צו...

אײַלן זיך איז באַ זיי הײַנט ניטאָ וווּהין. דער זון איז אַהער ספּעצי׳על צו דער מאַמען געקומען, דאָס אייניקל האָט אויך זײַן צײַט אויסגעפּלאַנירט אַזוי, ער זאָל דעם יאָמטעוו באַ דער באָבען פאַרברענגען. אָבער זײַן באַנאַנד מיט איר, וויסן, אַז עס מאַטערן זי די ווייטעקן און ניט קאָנען טאָן פאַר איר גאָרנישט, ניט קאָנען אַפילע אַף קיין קאַפּעלע לינדער מאַכן אירע ליידן — דאָס איז געווען זייער שווער פאַר באָרעכן.

געצויגן האָט זיך די שטילקייַט, ביזוואַנען די מאַמע האָט זי ניט צעשטערט. אירע פּאַלאַטע־שכיינעס זייַנען דערבייַ אויך שטום געווען, פּונקט זיי וואָלטן ערגעץ־ווו נעלעם געוואָרן.

באָרעך האָט אַ ציטער געטאָן, ווען די מאַמע האָט אים געזאָגט:

— וואָס איז באַ דיר אַזאַ זויערע צורע, בערעלע? ביסט באַרויגעז, וואָס דו האָסט מייַן אַרבעט אָפּן בעסוילעם אויסגעפּילט?

— עפּשער טאַקע יאָ. נאָר ניט אָף דיר, פֿאַרשטייט זיך... ערגער קאָן ניט זייַן...

געענטפֿערט האָט אים די מאַמע שטרענג:

— מע דאַרף קיינמאָל ניט טראַכטן, אַז ערגער קאָן ניט זייַן. ווי עס איז ניט שלעכט, לאָקערט שטענדיק אַ געפֿאַר, עס זאָל ווערן נאָך ערגער. זינדיקט ניט. ס'איז גוט, ווי עס איז, — איר קאָל האָט געקלונגען עטוואָס טויבלעך, ווייַזט אויס, דער ווייטעק האָט זי ניט אינגאַנצן אָפּגעלאָזט. — מיין ניט, אַז איך לערן אייַך, איר זאָלט זייַן, ווי יענע ווערעם, וועלכע ליגן אין כריין און קלערן, אַז קיין זיסערס איז ניטאָ. אומצופֿרידנקייַט איז גוט בלויז דעמלט, ווען זי שטופּט פֿאָרויס. ווען זי הענגט אָבער אָף די פֿיס, ווי שטיינער, פּענטעט זי דעם מענטשן.

זי האָט אַ ביסל געשוויגן, אָפּגערוט, טיף געעטעמט און, ס'קאָן זייַן, באַרעכנט, צי ס'איז גענוג דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט, צי האָט מען זי פֿאַרשטאַנען. זי האָט אָבער באַשטימט, אַז מיסטאָם — ניין, ס'איז קאַרג, צו אַלגעמיין, און פֿאָרגעזעצט:

— ווען איך בין נאָך אַ קלייניטשקע געווען, האָט מען מיר דערציילט אַ מייַסעלע. אין איינער אַ מעדינע מיט ווייַנגערטנער גרינע, איז, אַ מייַל יאָרן צוריק, באַ האָרעפּאַשניקעס — פּויערים, דאַלפֿאָנים, אין אַ ליימענער שטוב, אַ מיידעלע געבוירן געוואָרן, ניט קיין פּאָשעט קינד — אַ וווּנדער. ווי נאָר זי איז אָף דער וועלט געקומען, האָט זי זיך אָף די פֿיס געשטעלט און ווי אַ דערוואַקסענע אָנגעהויבן ריידן, גלייַך מיט אַ טייַנע: פֿאַרוואָס האָט מען זי אַהער געבראַכט, ניט געוואָרנט, ניט געפֿרעגט — אָן איר ווילן? זי דאַרף עס ניט, זי וויל עס ניט... קיין גרעסערער אומגליק איז אָף דער וועלט ניטאָ. די עלטערן אירע האָבן ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן — פֿרייען זיך צי וויינען? האָבן זיי אָפּגיך פֿון די וויקעלעך, וואָס מע האָט פֿאַרן קינד נאָך פֿרי:ער צוגעגרייט, אַ בונדע אופֿגעבייט, די טאָכטערקע אָנגעטאָן און איר געזאָגט: „קיינמאָל קלאָג זיך ניט, טייַערינקע, דער, וואָס זיצט אין דער הייך — דער ריבוינעשעלוילעם, ווייסט, וואָס ער טוט. זייַ אַ כאַכאָמע און שווייַג". „ע, ניין, דאָס איז ניט פֿאַר מיר, — ענטפֿערט אָפּ דאָס מיידעלע. — מע זאָל טאָן מיט מיר אַלדאָס בייז, און איך זאָל זיך מאַכן

טאמעוואטע, קלוימערשט ניט מיך מיינט מען, לײַדן פון דעם, וואָס עס געפעלט מיר ניט, און אָנעמען א מויל מיט וואסער? אז עס בײַסט, זאָל איך זיך ניט דערוועגן א קראַץ טאָן און זײַן שטום? ניין, קיין גרעסערער אומגליק איז אף דער וועלט ניטאָ". אלץ אין איר האָט געקאָכט און געזאָטן, די מינהאָגים פון איר שייוועט האָבן בא איר ארויסגערופן עקל. א שווער לעבן האָט זי געהאט, דער דאלעס ארום איר האָט זי געמאטערט, די נויט האָט דערעסן, דערצו נאָך האָט זי כאסענע געהאט פאר א כאָסן אָן ייִכעס, האקלאל, זי האָט זיך געפילט אומגליקלעך... וויפל די עלטערן האָבן זיך ניט געסטארעט איבערצומאכן זי, איז עס זיי ניט געלונגען. ווײַזט אויס, אז דעם אייבערשטן איז נימעס געוואָרן איר קלאָגערײַ, און ער האָט זיך פארטראכט, מיט וואָס זי צו באלוינען, זי זאָל לעסאָף פארשטומט ווערן. איין מעסלעס געקלערט, דעם צווייטן, די קנייטשן אפן שטערן ניט אָפגעמעקט, ערשט אפן דריטן זיך דערלויבט א שמייכל צו טאָן, בלויז מיט די ווינקלען פון די ליפן — אויסגעזוכט פונדעסטוועגן: א זשעדנע מענטשעלע, א מאלפעלע באשאפן און אף איר אקסל אוועקגעזעצט. ווען זי האָט געוואָלט עפעס אין מויל נעמען, פלעגט דאָס באשעפענישל, וואָס דער אייבערשטער האָט צו איר צוגעקלעפט, פלינק די האנט אויסשטרעקן און ארויסרײַסן בא איר דעם ביסן. ווי געוויינלעך, איז זי שוין געוועזן גרייט אויסשרײַען, אז קיין גרעסערער אומגליק איז אף דער וועלט ניטאָ, נאָר... זיך אָפגעהאלטן — צום ערשטן מאָל: ניט מיט גאָט שפילט זי זיך, מיטן טײַוול... געַנוג, כאָטש אף דער עלטער קיין שויטע ניט זײַן...

— עס האָט איר דערנאָך ניט באנק געטאָן?

דאָס איז געווען לייבלס פראגע.

אופמערקזאם קוקט ארײַן די באָבע אין אייניקלס פּאָנעם און זאָגט:

— ווער ווייסט? עפשער האָט זי כאראָטע געהאט, ס'איז אָבער געווען שפעט כאפן צוריק. גיסטו זיך איין מאָל אונטער, איז פארפאלן אף אייביק, אָדער אלנפאלס אף לאנג...

— עפעס ווידערשפּרעכסטו זיך, באָבעשי. דו באשטעטיקסט דאָך, אז מע דארף זיך שטענדיק קעגנשטעלן דעם בייז. אזוי?

— איך — יאָ.

— פארוואָס זשע, ווען ס'איז שלעכט, הייסטו זיך ניט קלאָגן, אז ערגער קאָן שוין ניט זײַן?

— ווײַל אין דעם איז קיין טאָך ניטאָ. ערגער קאָן ווערן אין איין אויגנבליק. מע טאָר זיך ניט אונטערגעבן. „אוי־וויי" האָט נאָך דערווײַל קיינעם פון יענער־וועלט ניט ארויסגעשלעפט.

— איך פֿאַרשטיי דיך זייער גוט, מאַמע, — האָט זיך באָרעך אַרײַנגעמישט. — די באָבע איז גערעכט, לייב, קעמפֿן דאַרף מען, פֿאַרפּרעסן די ליפּן.

מיט אַ ווונק האָט די באָבע צוגערופֿן נעענטער צו זיך דאָס אייניקל, אַ גלעט געטאָן זײַנע האָר:

— דו ווייסט דאָך שוין אַ ביסל, באָכער, וואָס קעמפֿן הייסט. אַ דאַנק גאָט, עטלעכע שלאַכטן אויסגעוווּנען.

— געשלעגן מיינסטו, באָבעשי?

— ניין, טאַקע שלאַכטן. עמעס, אָן האַרמאַטן. נאָר אַז עס פֿליִען שפּליטערס שאַ־שטיל, איז גאָר ניט לײַכטער.

— גאָלע קריגס־פֿאַרגלײַכן באַ דיר.

— פֿיר יאָר דינסט אין אַרמיי איז ניט קיין שפּילכל. אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער אַ מיליטער־פֿעלדשער בין איך ביז איצט, עמעס, אין רעזערוו.

די באָבע האָט מיטן פֿינגער אָפּן זון אַ ווײַז געטאָן:

— דײַן טאַטע איז ניט אָף קיין סאַך פֿריִער פֿון מיר געוואָרן אַ סאָלדאַט, האַגאַם גלײַך ווי היטלער איז אָף אונדז אָנגעפֿאַלן, איז ער אַוועקגעלאָפֿן אין וואָיענקאָמאַט. ווען ער איז פֿרײַוויליק אָפּן פֿראָנט אַוועק, פֿונעם פֿערטן קורס פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, דיך, אַ פּיצל, אָף דער מאַמעס הענט איבערגעלאָזט, האָבן מיר מיט דײַן זיידן איינער דעם אַנדערן אײַנגערעדט, אַז צאָראַס ראַבים כאָצי נעכאָמע — אַלעמענס צאָרע איז אַ האַלבע טרייסט. נאָר סײַווי האָב איך זיך שטילערהייט מיט טרערן באַוואַשן. דעם יאָך פֿון מײַנע דעמלטיקע איבערלעבונגען וועסטו ניט קאָנען דערפֿילן.

— פֿאַרוואָס קלערסטו אַזוי?

— ווײַל צוליב דעם דאַרף מען זײַן אַ מאַמע.

באַגלייטנדיק דעם עשעלאָן, וואָס האָט איר זון אָף דער מילכאָמע אַוועקגעפֿירט, האָט זי דורכאַנאַנד געשעפּטשעט: „ערגער קאָן שוין ניט זײַן“. אין יענער רעגע האָט זי, ווײַזט אויס, פֿאַרגעסן אין דעם מײַסעלע, וואָס מע האָט איר קינדווײַז דערציילט, זי האָט, אַ סוואָרע, פֿאַרגעסן, אַז ערגער קאָן שטענדיק זײַן.

ערגער איז געוואָרן ניט דאָן, ווען מע האָט זי אַליין אין וואָיענקאָמאַט אַרויסגערופֿן און אין אַרמיי מאָביליזירט, ווײַל פֿון דער היים האָט מען זי ניט אָפּגעריסן, געבליבן איז זי הי, מע האָט זי געשיקט אַרבעטן אין אַ קאַזאַנער מיליטער־שפּיטאָל. אירע עטלעכע רײַזעס אין פֿאַרשיידענע סאַניטאַר־באַטאַליאָנען, צו דער בײַפֿראָנט־ליניע, גייען ניט אין כעזשבן,

דעם טאם פון שלעכטס, וואָס שלעכטס הייסט, איז אויסגעקומען פארזוכן שפּעטער, אין דרײַ־און־פערציקסטן, ווען באָרעך איז מיטאמאָל אנשוויגן געוואָרן אף גאנצע פיר כאדאָשים, גלײַך אן אָפּגרונט וואָלט אים אײַנגעשלונגען. אין די ראיוינעס האָט מען אים שוין ניט איין מאָל מעקאבער געווען, נאָך אים שיווע געזעסן, דאָך, זיצנדיק, פונדעסטוועגן געהאָפּט, געגלייבט, אז ער וועט ניצל ווערן — עפּעס וועט אים ראטעווען, פון אלע פּלאָגן פארהיטן. אף זײַן דרײַעקיק בריוול האָט מען זיך סאָפּקאָלסאָף דערוואַרט, באָרעכס יעדיִע איז אָנגעקומען...

8

פונדעסטוועגן איז עס א מאָדנע זאך: וויפל צײַט איז שוין אוועק, זינט יעהודע איז ניטאָ, און זי הערט ניט אוף נאָך אים בענקען, און ניט פּאָשעט בענקען, נאָר גלײַך זי וואָלט נאָך א יונג מיידל געווען, א פארליבטע קאלע.

ליבע? וואָס זשע איז עס אזוינס? א לעבן אָפּגעלעבט — פּרווו ענטפערן... זאָל זי אזוי וויסן פון ווייטעקן, ווי זי ווייסט, ווי מע ענטפערט אף אָט אזא פראגע. דאָס לעבן — אָט וואָס ליבע איז, דאָס גאנצע לעבן — פון דער וויג ביז דער גרוב. א נאר געווען, א נאר פארבליבן — וועגן וואָס עס טרוימט זיך, אז? ליבע? פארוואָס א נאר? א פרוי איז א פרוי ביזן סאָף... אויב ליבע — איז וואָס? ווען ניט די ליבע, וואָלט זי דען געקאָנט איבערקומען אלע אירע צאָרעס? האָט דען ניט די ליבע זי אוועקגעפירט פונעם היימשטעטל אזש קיין וויניצע, ווו דער כאָסן אירער האָט געדינט פאר א סאָלדאט? אויב ניט די ליבע, איז וואָס זשע האָט איר געהאָלפן אָפּזוכן איר באשערטן, זיך דורכרײַסן צו אים דורך די אײַזערנע קאזארמע־טויערן, אים טרייסטן, צוגעבן מוט?

צוריקנעמען אים קיין סלאָוועשניע איז איר, פארשטייט זיך, ניט געלונגען. די ליבע האָט זי אָבער אויסגעלערנט אן אנדער זאך — וואַרטן. לאנגע יאָרן וואַרטן, ביזוואנען דער קייסער ניקאָלקע ראנגלט זיך מיטן קײַזער ווילהעלם. אונטערטרײַבן די צײַט איז זי ניט בעקויעך געווען.

מע האָט זיך געמוזט באנוגענען מיט בריוו. זי צו אים — אפן פראָנט, ער צו איר — פונדאָרטן. „טײַערער יעהודע", „כײַטשיק, הארציקע מײַנע", — איינע דעם אנדערן געטרייסט אף פיר שפּראכן: צווערשט אף העברעיִש און יידיש, נאָכדעם אף אוקראַיִניש און לעסאָף אף רוסיש.

נאָך פּעווראל נײַנצן הונדערט זיבעצן איז צו איר אין סלאָוועשניע

פלוצעם אָנגעקומען א בריוול אין א קאָנווערט מיט א שטעמפּל פון פּעטראָגראַד. לאָזט זיך אויס, אז איר באַשערטער היילט זיך אין א דאָרטיקן שפּיטאָל. איר געדולד האָט געפּלאַצט: „אהין, און מער גאָרניט". וויפל מע האָט זי ניט אָפּגערעדט — קיין זאַך מיט געלט איז בא דעם טאַטן ניטאָ, — האָט זי אָפּגעשפּאָרט א קניפּל פונעם סכאַרלימעד, וואָס עס האָבן איר געצאָלט די עלטערן פון די מיידלעך, וועלכע זײַנען צו איר אין כיידער געגאַנגען. זי האָט געוווסט אײנס: וואָס גיכער אין וועג אַרײַן!

דערזעענדיק די קאַלע אפן גאַנעק פונעם שפּיטאָל, איז יעהודע מיטאַמאָל ווי דול געוואָרן. אין די אויגן האָט געגומען שווינדלען.

— כײַטשיק?! — האָט ער שטילערהייט געשעפּטשעט. עטלעכע רגעס זײַנען זיי ביידע געווען פאַרשטיינערט. ווען יעהודע איז געקומען צו־זיך, האָט ער א שפּרונג געטאָן צו איר פון אַלע טרעפּ.

— ווי קומסטו אהער, טײַערינקע?

— באַלד וועסטו האָבן א פולן דין־וחשבון. וואָס מאַכסטו? ווי איז דײַן געזונט?

— א לויב דעם אייבערשטן. איך בין שוין אף די פיס. זעסט דאָך, נאָר די אויגן...

— וואָס איז מיט זיי?

— ניט שרעקלעך. עפּעס שטעכט דאָרטן, ווי מיט פּיטשימאָנטשיקע נאָדלען. מײַן עסקאַדראָן האָט דער דײַטש באַשפּריצט מיט א נײַעם מין פאַרפום, מיט אזא גאַז... פאַרשטייסט, צי ניין?

ניט אַלץ איז קלאָר געווען, נאָר אויב יעהודע שטייט לעבן איר א לעבעדיקער, וועט זײַן גוט.

און אזוי איז טאַקע געווען.

לאַנגע יאָרן פלעגן ביידע דערמאָנען די טעג, וועלכע זיי האָבן פאַרבראַכט דעמלט באַנאַנד אין פּעטראָגראַד, די בעסטע טעג אינעם גאַנצן לעבן זײַנען דאָס געווען. און דאָס איז גאָר קיין כידעש ניט. ווײַל אזוי יונג און פאַרליבט, אזוי גליקלעך פון דער באַגעגעניש קאָן מען דאָך בלויז איין מאָל זײַן.

אין איינעם אָן אָפּדערנאַכט, באַקוקנדיק זײַן קאַלע, גלײַך ווי ער וואָלט זי צום ערשטן מאָל דערזען, האָט יעהודע, שווײַגנדיק, פאַר זיך, אָפּגעמערקט, אז אָנגעטאָן איז זי פונדעסטוועגן ניט ווי א גרויסשטאָטישע, דאָס היטעלע אפן קאָפּ איז צו אַלטמאָדיש, דער שאָפּענער קאָלנער אף איר לאַנגן מאַנטל, וואָס דערגרייכט קימאַט ביז די אָפּצאַסן פון די געשנירלטע שטיוועלעך, הייבט שוין אָן אויסקריכן, און דער ברייטער, מיט א דיקער מעשענער פּריאַזשקע גאַרטל זעט עפּעס אויס דאָ, אין דער הויפּטשטאָט,

ווי אַ שאָליעך פֿון אַ ווײַטן פֿרעמדן קאַנט. נאָר אַ קלער געטאָן האָט יעהודע וועגן דעם בלויז איין רעגעלע, ווײַל דאָס זײַנען קלייניקײַטן אין פֿאַרגלײַך מיט דער קאַלעס הימלשע אויגן, מיט איר מילד פּאָנעם און היפּשזאַכלעך מיט איר נעשאָמע.

— מירן הײַנט גיין צום פֿינלענדישן וואָקזאַל, וועלן מיר...

כײַטשיק איז אַף אַלץ געווען מאַסקים. אויב מע דאַרף, וועט זי מיט אים, מיט איר באַשערטן, אין עק וועלט אַוועק. צוליב וואָס, צוליב ווען — פֿרעגט זי ניט. נאָר יעהודע האָט אַליין דערקלערט:

— עס קומט צו פֿאָרן לענין...

ווער לענין איז, האָט זי שוין געהערט ניט נאָר פֿון אים. און געמאָלט האָט זיך איר אָט דער מענטש, ווי אַ ריז, ווי אַ גיבער מיט גרויסע פֿויסטן, ברייטע פּלייצעס, וואָס איז בעקויעך איבערקערן דאָס איצטיקע לעבן מיטן קאָפּ אַראָפּ. אַלנפֿאַלס, יעהודעס באַגערן, זײַנע פּלענער און צו־זאַמען מיט זײַנע אויך אירע, האָט ער שוין באַוויזן פֿאַרקערעווען פֿונעם אויסגעטרויטן וועג. זי איז דערווײַל אין קיין גרויס היספּײַלעס ניט אַרײַן, אָבער דעם כאָסן האָט זי געגלייבט: אויב ער האָט באַשטימט, אַז לענין איז גערעכט און מע דאַרף אים נאָכפֿאָלגן, מיסטאַם איז עס ריכטיק.

וויאַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז ער, אַ געוועזענער יעשוווענִיק, אַ באַ־שיידן באָכערל פֿון אַ יידיש שטעטל אין די פּאָלעסיער וועלדער, האָט זיך פֿאַנאַנדערגעקליבן, ווהין פֿירט לענין און פֿאַרוואָס מע דאַרף זיך האַלטן לעם אים, דאָס איז ניט פּאָשעט פֿעסטשטעלן. אַפֿילע ער אַליין, יעהודע, דערקלערנדיק עס כײַטשיקן, האָט איינזײַטיק באַלויכטן דעם וועג, וואָס האָט אים צו זײַן אויסוואַל געבראַכט. לויט זײַן מיינונג קומט אויס, אַז דאָס אַלץ שטאַמט פֿון די צײַטונגען, פֿון די פּילצאָליקע בלעטער און פֿלוגבלעטלעך מיט פֿאַרשיידענע קאָלירן — ווײַסע, שוואַרצע, געלע, רויטע, וועלכע אים איז אויסגעקומען לייענען אי זעלבשטענדיק, בלויז פֿאַר זיך, אי פֿאַר די סאָלדאַטן, מיט וועלכע ער האָט געדינט. אָפּט פֿלעגן זיך צו אים זײַנע כאַווייִרים ווענדן, ער זאָל זיי אַף אַ קאָל פֿאָרלייענען דאָס אָדער יענץ אַרטיקל, און יעהודע פֿלעגט לייענען קאָלערליי בלעטלעך — קאַדעטישע, עסערישע, באָלשעוויסטישע, און, לייענענדיק, פֿלעגט ער קלערן וועגן אַלץ: וואָס זאָגן צו די קאַדעטן? וווהין פֿירן עס די עסערן? וויאַזוי וועלן זיך באַגיין מיט די יידן די קאָמוניסטן? זײַן מויעך האָט אָן אויפֿהער געאַרבעט, געוואָלט דערגיין דעם עמעס. אָבער סאָפּקאָלסאָף האָט ער אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, אַז מיט קיינעם דאַרפֿן די יידן זיך ניט פֿאַר־בינדן, כוץ ווי מיט די באָלשעוויקעס, ווײַל קיינער וועט זיי ניט העלפֿן — ניט די כיטרעוואַטע מענשעוויקעס, ניט די עסערן און אַוואַדע ניט דער

פריש געבאַקענער מאָשיעך דאָקטער הערצל. בלויז מיט די באָלשעוויקעס קאָנען די ייִדן, וואָס פאַרמאָגן גאָרניט, — דאַלפאָנים, קאַפּצאָנים, עוויוינים, — ווערן מענטשן מיט מענטשן גלײַך.

ווען יעהודע און כײַטשיק האָבן זיך דערנעענטערט צום פינלענדישן וואָקזאַל, איז שוין דער גאַנצער פּלאַץ געווען איבערגעפּולט מיט אַרבעטער, סאָלדאַטן, מאַטראָסן, מיט פרויען. אַפילע קינדער זײַנען געווען צווישן דעם האַמוין. פּרווון זיך דורכשטופּן עטוואָס פאָרויס איז געווען אָן אומזיסטע טירכע, דער אוילעם איז געשטאַנען געדיכט. פאַרהײַעט האָבן זיך די סלאָוועשניער דערפאַר, ווײַל זיי האָבן געבלאָנדזשעט איבער די אומבאַקאַנטע גאַסן, האַגאַם יעהודע האָט געהאַלטן אין די הענט אַ געניע קאַרטע פון דער הויפּטשטאָט — ער האָט זי געקריגן בא אַ כאַווער, וועלכער האָט זיך אויסגעשריבן פונעם שפּיטאָל. מע האָט געמוזט בלײַבן שטיין דאָרט, ווהין מע איז אָנגעקומען. פונדאַנען אָבער האָט מען קוים געזען די אייבערשטע טרעפּ פונעם וואָקזאַל, וועלכע פירן צו דער טיר אַפן פעראָן, און אַז לעבן די אונטערשטע טרעפּ פונעם גאַנעק האָט זיך צוגעטוליעט אַ בראָנעוויק, וואָלט זיך כײַטשיק אַפילע ניט אָנגעשטויסן, ווען יעהודע זאָל איר ניט געווען אָנווײַזן מיט דער האַנט אַפן טורעם פון אָט דער געפּאַנצערטער מאַשין.

קאָלזמאַן זיי זײַנען אײַלנדיק געגאַנגען, האָט זיך דאָס פּרעסטל ניט געפילט, אָבער אַז זיי זײַנען געבליבן שטיין, האָט גלײַך די קעלט אָנגעהויבן שטשיפּען — כײַטשיקס פינגער, אַפילע אין וואָלענע הענטשקעס, זײַנען פאַרפרוירן געוואָרן. פון ערגעץ איז אַראָפּגעפאַלן אַ שנייעלע, אַף איר באַק זיך צוגעזעצט. זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּאָנעם. דער הימל איז געווען פינצטער, פאַרנעפּלט.

מיטאַמאָל האָט זיך דער אוילעם אַ וויג געטאָן. כײַטשיק האָט ניט באַוויזן זיך אָנשטויסן, וואָס עס איז געשען, איר האָט זיך געדוכט, אַז אַ ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן, דער וואָקזאַל־פּלאַץ איז באַלויכטן געוואָרן מיט אַזאַ העלער שײַן, וואָס כײַטשיק האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען.

— פּראָזשעקטאָרס, — האָט דערקלערט יעהודע. — לעמפּ אַזעלכע גרויסע, לאַמטערנס.

עס האָט זיך געקאָנט אויסווײַזן, אַז גראַדע די דאָזיקע שײַן האָט אויפגעוועקט דעם האַמוין — פאַרשיידענע הילכיקע אויסרופן און באַגריסונגען האָבן זיך אַ הייב געטאָן צו אָט דער שײַן, ווי אויפגעוואַכטע טויבן. אינדערעמעסן אָבער האָט דער גערויש זיך אויפגעהויבן דערפאַר, ווײַל דאָרטן, אינדערווײַט, האָט זיך ברייט צעפּראַלט די דיקע גלעזערנע וואָקזאַל־טיר, און אַף איר שוועל האָט זיך באַוויזן אַ מענטש אין אַ צע־

שפּיליעטן טונקעלן מאַנטל. אַף א ווײַלינקע האָט ער זיך פאַרהאַלטן, א דערשטוינטער פון אומדערוואַרטקײַט — ניט געקלערט, אז א יאַם מענטשן וועלן אים באַגעגענען, א קער געטאָן דעם קאָפּ צו זײַנע באַגלייטער, וועלכע האָבן אים, ווײַזט אויס, אַפן פּעראָן, לעם וואַגאָן מעקאַבל־פּאָנעם געווען. יענע האָבן אים, מיסטאָם, אַזעלכס געזאָגט, וואָס עס האָט אים אומגעהייער דערפרייט און א טרײַב געטאָן פאָרויס אַזוי גיך, אז אין איינאיגנבליק האָט ער זיך אָפּגעריסן, אָפּגעטיילט פונעם הײַפל מאַנצבלען, וועלכע זײַנען נאָך אים נאָכגעגאַנגען, און ארײַנגעשפּאַנט גלײַך אינעם פּײַערלעכן הו־הא פונעם האַמוין. ער האָט פלינק פון קאָפּ אראָפּגעריסן זײַן היטל און גענומען מיט דעם פאָכען צום אוילעם. נאָך אַפן ערשטן טרעפּל פונעם גאַנעק האָבן א פּאָר צענדליק מאַנצבלען — אַרבעטער אין ציווילע קליידער, מאַטראָסן, סאָלדאַטן — אים אַרומגערינגלט. בלויז מיט יעהודעס הילף האָט זיך כײַטשיק פאַנאַנדערגעקליבן, וואָס עס איז געשען. דער אָנגעקומענער גאַסט האָט זיך אינדערלופטן, ווי אַף כוואַליעס, געוויגט אַף די פעסטע הענט פון זײַנע באַגײַסטערטע אָנהענגער.

„גאָ דיר, ביטע, ניסים־וועניפלאָעס, — האָט א קלער געטאָן כײַטשיק א פאַרוווּנדערטע, — גאָר ניט קיין ריז איז ער, — זי האָט שוין אָן סאָפעק געוווּסט, אז דאָס איז לענין. — א געוויינלעכער מענטש, עפּשער נאָר עטוואָס העכער פון איר יעהודען”.

וויאַזוי מע האָט אים אופגעהויבן אַפן טורעם פונעם פּאַנצער־אווטאָמאָביל, האָט כײַטשיק אויך געזען, און כאָטש פונדערווײַטנס, אָבער זי האָט באַמערקט, ווי לענין האָט מיט דער דלאָניע צוגעדעקט א ביסל די אויגן, פאַרטיידיקנדיק זיך פון די בלענדנדיקע פּראָזשעקטאָר־שטראַלן. דאָס האָט געדויערט ניט לאַנג, בלויז א ווײַלינקע, ביזוואַנען ער האָט זיך צוגעוווינט צו דער פּראָזשעקטאָר־שײַן.

די מערהײַט ווערטער, מיט וועלכע לענין האָט זיך צום אוילעם געווענדט, זײַנען ניט דערגאַנגען צו כײַטשיקס אויערן, נאָר קוקנדיק אַף אים, אפילע פון איר ווײַטעניש, האָט זי זיך איבערצײַגט, אז לענינס פויסטן זײַנען טאַקע פויסטן פון א גיבער, און די אַקסלען זײַנען ריזיקע און איבערהויפּט דער קאָפּ, כאָטש עפּשער האָט זיך עס איר אַזוי אויסגעוויזן מאַכמעס דער שפּיל פון שאָטנס און פּראָזשעקטאָר־שטראַלן.

לענינס לעצטן אויסרוף האָבן זיי, כײַטשיק און יעהודע, דערהערט בוילעטער, ווײַל אין דער רעגע האָט ער זיך א קער געטאָן מיטן פּאָנעם אין זייער ריכטונג.

— זאָל לעבן די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע! — האָט ער אויסגערופן.

— אָט וואָס דער איקער איז, — האָט יעהודע צוריקוועגס פאַרטײַטשט כײַטשיקן. — בלויז די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע וועט אונדז, ייִדן, גלײַכבארעכטיקונג געבן.

כײַטשיק האָט פונדעסטוועגן געפרעגט:

— און די אליִע קיין פּאַלעסטינע?

יעהודע האָט אנטשיידן זיך אָפּגערופן:

— דאָ, טײַערע מײַנע, איז לי האשאָמאַיִם ווע לי האָאָרעץ. אונדזער הימל און אונדזער ערד.

9

דער באָבעס זיכרוינעס זײַנען געשטאנען, ווי געטרײַע שאָמרים בא איר צוקאָפּנס, דאָך האָט זיך צו איר אונטערגעכאַפּט אַן אומגעלומפּערטער געדאנק, איינמיטנדערינען, זי האָט ניט באמערקט, פונוואַנען איז ער געקומען, ניט געוווּסט, ווי שטופּט מען אים אָפּ פון זיך, ער האָט זי גענאַרט, צוגעזאָגט, אַז עס וועלן זי טייקעף אופהערן און דערנאָך קיינמאָל נישט טשעפּען ניט די ווייטעקן, ניט די ליידן, ניט די שמערצן, זאָל זי נאָר צוליב דעם מאַסקים זײַן פארלירן די פייִקײַט פארגעדענקען, זאָל זי אַלץ פארגעסן — אי דאָס גוטס אינעם אָוואַר, אי די קלעפּ, וועלכע זי האָט באקומען אין פארגאנגענהײַט. זאָל זי נאָר צומאַכן די אויגן, וועלכע זאַפּן אין זיך אײַן די אַרומיקע פארבן, קומט גלײַך א סאָף צו איר מאַרטערניש... פאַרוואָס זאָגט מען: אוועק אף אייביק? איז עס דען אזוי? ניין, ניט אוועק — אף אייביק געבליבן. דעם זיקאָרן אָנווערן? א פײַנער באַגער! איבערלאָזן יעהודען אליין? קאָלזמאַן זי, כײַטשיק, איז דאָ, איז אויך ער, יעהודע, דאָ. ס'קאָן זײַן, אַז ער וועט אויך נאָכדעם בלײַבן הי — אינעם זון, אין די אייניקלעך, די צײַט וועט באַווײַזן, געוויס איז שווער צו באַשטעטיקן, אָבער אַז ער איז דאָ מיט איר — איז אומבאַשטרײַטבאַר. צוליב דעם אַליין לוינט צו לײַדן. כאָטש, אויב אופריכטיק, איז די מאַטערניש אַן איבעריקע זאַך, מע וואָלט זיך גאַנץ שיין באַגאַנגען אָן איר. אָן איר? עפּשער... די מאַמע דאַרף מען, ווען ס'איז שלעכט, ווערט גוט — דאַרפן ניט די קינדער די מאַמעס, און די אייניקלעך די באָבעס...

— וואָס כאָלעמט זיך דיר אזוינס? — באָרעך לייגט אוועק זײַן דלאָניע אף דער מאַמעס פינגער.

— גאָרניט מיט נישט. כ'האָב דען עפּעס געזאָגט? זיך געקלאָגט? ניין? עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער טאַטע גייט אַהער... אין דרעמל...

טאקע אין דער רעגע, אומדערוואַרט צעפּראַלט זיך די טיר אין פּאַלאַטע און אַף דער שוועל באַווײַזט זיך אַ שלאַנקע, הויכע פרוי אין אַ בלויווײַסן כאַלאַט און אין אַ זויבער היטעלע אַפן קאָפּ מיט העל־בלאָנדע, מיסטאַם, געפאַרבטע האָר, פאַרקעמט אין אַ קובליק אַפן נאַקן. די מאַמע און אירע שכיינים אײַלן זיך באַגריסן זי, לייב אויך. זי ענטפערט גלײַך אָפּ, ווינטשנדיק אַלעמען, דער יאָמטעוו זאָל אַ פריידיקער, אַ דערבאַרעמדיקער זײַן, די כאַלאָים זאָלן איַנגיכן געזונט ווערן.

אַ דערשטוינטער, הייבט זיך אוף באָרעך פון דיל, ווו ער איז אַף די קני לעם דער מאַמען געשטאַנען, אָבער באַווײַזט ניט אַפילע מאַכן קיין טראָט — די פרוי, וועלכע ער האָט אין דער ערשטער ווײַלע ניט דערקענט, דערנעענטערט זיך פלינק, שטרעקט אויס צו אים שווײַגנדיק איר דלאָניע. ער דערלאַנגט איר זײַנע:

— פּעסעלע?

— ווי דו זעסט.

— אַ פּעסט העניטעלע באַ דיר. מיט מאַנצבלשן קויעך.

— איך בין דאָך אַ כירורג.

די צײַט האָט געטרײַ באַאַרבעט פּאָלינע נאַומאָוונעס פּאָנעם: ווײַזט אויס, ניט געזשאַלעוועט אַף אים דעם אָקרעפּ פון שוואַרציאָרן — גוט אָפּגעבריט. אָבער בלויז דאָס פּאָנעם. דער גוף אירער איז געבליבן דער פריִערדיקער, אַ יונגער, דאָס זעט מען בוילעט. זי איז אַפילע אַ ביסל דינער געוואָרן. איר האַנט פאַרהאַלט באָרעך אין זײַנער עטוואָס לענגער, ווי עס פּאַסט בייס אַ באַגעגעניש פון אַלטע פרײַנט, אויב אַפילע זינט זייער צעשיידונג זײַנען אַדורך עטלעכע יאָרצענדליקער.

פּאָלינע נאַומאָוונע קערט זיך אָפּ פון באָרעכן צו זײַן מוטער, אָבער דער אומרו אירער פאַרשווינדט ניט, פאַרקערט, וואַקסט אויס נאָך מערער. באָרעך זעט, ווי זי זעצט זיך צו פאַרזאָרגט צו דער מאַמען אַפן בעט און מײַדט אויס אין די אויגן אירע אַרײַנקוקן. ער וואַרט אָנגעשטרענגט. ער ווייסט ניט, וואָס עס קומט פאָר, פאַרוואָס איז פּעסל אופגערעגט.

— מיט אײַער דאָקטער, קלאַרע באָריסאָוונע, האָט איר שוין געשמועסט נאָכן רענטגען? — פרעגט זי, קלוימערשט גלײַכגילטיק, אָבער באָרעך פילט, ווי אומרוִק עס קלינגט איר קאָל.

— ניין, — ענטפערט די מאַמע, אָנשפּיצנדיק די אויערן.

— זייער גוט.

און ווידעראַמאָל דערהערט באָרעך אין אָט דעם אויסרוף ניט פרייד, נאָר אומרו.

— יאָמטעוו איז יאָמטעוו פאר אלעמען, — באמערקט פאָלינע נאוּמאָוונע.

— בא מיר איז ער א דאָפּלטער, — רופט זיך אָן די מאמע.

— כ׳פארשטיי: באָריס איז געקומען צו פאָרן.

— איצט וועט איר מיך אוודע געזונט מאכן — אלע איבּיינעם...

די מאמע פרוווט אונטער די ברעמען געפינען פאָלינע נאוּמאָוונעס בליק, אָבער דאָס גיט זיך איר ניט איַין, וויַיל יענע לאָזט פלוצעם אראָפּ דעם קאָפּ — פאריכטן דעם האָר־קנויל אפן נאקן. און ס׳קאָן זיַין דערפאר פארקלעמט א שטעכיקע קעלט באָרעכס הארץ.

— פון קינדוויַיז אָן בין איך צוגעוווינט צו צאָרעס, פארהארטעוועט, — זעצט פאָר די מאמע, קוקנדיק אפן זון, וועלכער איז, ווי זי האָט דערזען, מיטאמאָל בלייך געוואָרן, — מירן צווינגען די קרענק, אָט די וויסטע מאַכעשייפע, אָפּטרעטן. ניט געדיַיגעט. ס׳וועט זיך איבערמאָלן, וועט זיַין מעל.

אונטערמונטערנדיק זיך, טוט זי א קער דאָס פאָנעם צום אייניקל און זאָגט אים:

— און אז עס וועט זיַין מעל, וועל איך נאָך אף דיַין כאסענע אָפּבאקן א פרעכטיקן טאָרט. דעם סאמע בעסטן אין מיַין לעבן. דו ווייסט, וואָס פאר א טאָרטן כ׳האָב געבאקן? פרעג דעם טאטן. דו האָסט נאָך בא מיר אזעלכע ניט געזען. אייניקע פון זיי פלעגן זיך אזוי צעוואקסן, אז כ׳פלעג זיי קוים פון אויוון ארויסשלעפן אפן טשירין...

— און אויב איך וועל ניט כאסענע האָבן?

— פון דיר קאָן מען אלץ דערוואַרטן.

— האלטסט נאָך ביז איצט, אז איך בין איידעלער וויַין אין א שלעכטער פאס?

— וואָס זאָגט איר אף אים? ער קאָן מיר מיַין קריטיק ניט מויכל זיַין. געוואָרן ביסטו א מאָלאָדיעץ, אזא יאָר אף מיר.

פאָלינע נאוּמאָוונעס אויגן טוען זיך א גליטש אף באָרעכן, נאָר קערן זיך גליַיך אָפּ צוריק. און דאָס דערוויַיזט אים נאָכאמאָל, אז זי האָט מוירע אים קוקן אָפן אין פאָנעם. גלאָצן אף אים די אויגן איז זי ניט מעכויעוו, נאָר פארוואָס באהאלט זי זיי? דאָס באליידיקט. דאָס צווינגט ווערן אופמערקזאם. ווען אלץ זאָל זיַין אין אָרדענונג, וואָלט זי זיך נישט אזוי געדארפט באגיין ניט מיט אים, ניט מיט דער מאמען.

די שטילקיַיט, וואָס האָט ווידעראמאָל, ווי א שטיקנדיקער נעפל, זיך איַינגעשטעלט אין דער פאלאטע, געפעלט ניט דער מאמען. זי באטראכט אלעמען, פארגינט זיך א קארגן שמייכל.

— לאָמיר א ביסל ווערן מונטערער. אמאָל דוכט זיך מער, ווי ס׳איז, — איר אײַנגעפאַלענע ברוסט הייבט זיך האסטיק אוף און טוט באלד א פאל אראָפּ. — הײַנט דארף מען זײַן פריילעך, כאוויירימלעך. האלעמײַ אָפּזאָגן די עטלעכע גראָשן פריִער, ווי דער מאלכאמאָוועס האָט איבערגעגעבן א גרוס? אויב ער איז אן אקשן און קריכט, מוז מען זײַן אן אזעספּאָנעם און זיך אָפּשלאָגן פון אים! איך בין נאָך ניט אינגאנצן אויסגעוועפּט... דײַן זיידע, בערעלע, פלעגט אין אזעלכע פאלן זאָגן: „אָגל וועסמאך: כ׳וועל זיך פרייען און לוסטיק זײַן"...

— כ׳בין מעקאנע אײַער מוט, קלארע באָריסאָוונע.

ערשט איצט באקומט די מאמע א מעגלעכקײַט ארײַנקוקן גלײַך אין די אויגן פאָלינע נאומאָוונען, און עס ווײַזט זיך איר אויס, אז זיי זײַנען פײַכט פון טרערן. דאָס זאָגט איר א סאך מערער וועגן איר לאגע, ווי עס וואָלטן איר געקאָנט זאָגן פיל ווערטער. נאָר דערשיטערט און אנ־שוויגן ווערן לאָזט זי זיך ניט.

— מיך, טײַערע מײַנע פאָלינע נאומאָוונע, האָט דאָס לעבן, ווי גאָט איִעוון אין דער ביבל, מיט קאָלערליי צאָרעס געפּרוווט. קיין אנדער ברייִרע, ווי איבערקומען זיי, האָב איך ניט געהאט. אָט אזוי פארהארטע־וועט מען זיך, אָט אזוי ווערט מען פעסט. לעכאטכילע איז שווער, דער־נאָך געוווינט מען זיך צו. צי דארף מען זײַן צופרידן, צי ניין, ווייס איך ניט, נאָר מײַן מישפּאָכע, און מיך, פארשטייט זיך, האָט ניט אויסגעמיטן קיין איין אומגליק פון אונדזער צײַט. דערפאר אָבער זײַנען אויך אלע פריידן אירע אונדזערע געווען.

די פּרוזשינעס פון איר בעט טוען א קלונג — דאָס בייגט זי זיך אָן פאמעלעך צום שאפקעלע און זאָגט דערבײַ מיט איר זינגעוודיק קאָל:

— קיין ווײַן, טײַערע מײַנע, האָב איך ניט, בלויז קאָמפּאָט. וויל איך, איר זאָלט אויסטרינקען א גלעזל.

— ווײַ איז מיר, שיר ניט פארגעסן, — טוט א פליעסקע מיט די הענט פאָלינע נאומאָוונע. — כ׳האָב דאָך פאר אײַך אײַערע באליבטע זעפיר אין שאָקאָלאד געבראכט. נעמט, כ׳בעט אײַך, און האָט ניט קיין פאריבל.

זי ציט ארויס פון דער כאלאט־קעשענע א פארביק שאכטעלע און שטעלט עס אוועק אף דער טומבע.

— א גרויסן דאנק, טײַערע. מירן זיי טאקע באלד אלע פארזוכן. כ׳האָף, אז קיינער וועט זיך ניט אָפּזאָגן.

דער מאמעס שכיינעס פרוּוון דערווידערן, נאָר זי וויל אפילע ניט הערן:

— איַי, מאכט זיך ניט נאריש, מיידלעך. כאַפּט, ביזוואַנען כ'האָב ניט איבערגעקלערט. שעמט זיך ניט. אָט אזוי. א שאָד, וואָס קיין בראָנפן האָסטו ניט געבראכט, בערעלע. אגעוו, פּאָלינע נאומאָוונע, מאשקע איז מיר פארבאָטן?

— איר מעגט אלץ, אבי נאָר איר קאָנט.

— כאָטש אף דער עלטער ווערן א שיקער, — טוט א ווונק די מאמע אף אירע שכיינעס.

אין פּאלאטע איז טומלדיק, ביז פּאָלינע נאומאָוונע דערמאָנט זיך, אז אין דער היים וואַרט מען אף איר.

— צו מיר איז אויך געקומען א גאסט, קלארע באָריסאָוונע, — זאָגט זי עטוואָס שולדיקלעך. — די שוויגער.

— וואָס זשע פּאטערט איר דאָ צײַט? לויפט אפּגיך פונדאנען. בערעלע, באגלייט פּאָלינע נאומאָוונען.

אין שטילן, פּוסטן קאָרידאָר, שפּאנענדיק באנאנד מיט איר אפן ווייכן לאנגן טעפּיך, ברענגט באָרעך שעפּטשענדיק ארויס:

— בייזערסט זיך, פּעסעלע?

— פונוואַנען נעמסטו עס?

— קוקסט אף מיר, ווי א באַרויגעזע.

— האָסט א טאָעס, באָריס, די באגעגעניש מיט דיר איז מיר זייער אָנגענעם.

— זאָג מיר, פּעסעלע, וואָס באהאלטסטו די אויגן פון דער מאמע, צי דען האלט עס אזוי שלעכט מיט איר?

פּאָלינע נאומאָוונע קווענקלט זיך א ווײַלע, אירע געגארבטע באקן צעפלאמען זיך:

— איך וועל דיר גאָרנישט ניט זאָגן. דערווײַל.

— טײַערע מאמע, — שאָקלט מיטן קאָפּ באָרעך.

עטלעכע טריט מאכט פּאָלינע נאומאָוונע שווײַגנדיק.

— א נעס קאָן מען דערוואַרטן אין אָנפאנג, ניט אין סאָף, — זאָגט זי דערנאָך מיט אומעט.

— הייסט עס, די סאקאָנע איז גרויס?

— כ'ווייס ניט. דערווײַל ווייס איך ניט.

— לעסאטע זע איך, אז דו ביסט צעמישט.

— איך האָב אייגענע דײַגעס, און גאנץ גענוג, — פארענטפערט זי זיך. — די שוויגער האָט פולע פּאָלעס מיט פּראָבלעמען, און גאָר ניט קיין איינפאכע.

— זאָל זײַן אזוי. מיילע, אלדאָס בעסטע דיר.

— איך געזעגן זיך ניט, באָריס, איך וואַרט אף דיר. פארנאכט. קום מיטן זון. ער ווייסט, ווו איך וווין.

א פארגליווערטער, איז באָרעך געבליבן שטיין. צו אים איז מיטאמאָל דערגאנגען, ווי גרויס עס איז די געפאר, וועלכע האָט זיך אָנגערוקט אף דער מאמען. און כאָטש ער פלײַסט זיך באַרויִקן, וויל זיך אײַנריידן, אז ס׳איז ניט שרעקלעך, אָבער ניין — איצט איז קלאָר: עס איז געשען דאָס ערגסטע.

10

צוריק אין פאלאטע גייט באָרעך ארײַן שטילערהייט מיט אזעלכע פאָרזיכטיקע טריט, גלײַך ער וואָלט געווען שיכער. ער זעט אויס פארלאָרן, געעלטערט, דאָס מויל פארקרימט — אויסבאהאלטן דעם צושטאנד זײַנעם איז ער ניט בעקויעך, נאָר מערער שטיין אין קאָרידאָר באם פענצטער איז אומעגלעך. אזוי אָדער אנדערש וועט עס ארויסרופן פארדאכט. אומקערן האָט מען זיך געמוזט.

פון די פיס ביז דעם קאָפּ מעסט אים אָפּ די מאמע מיט אן אופגעררודערטן בליק, קוקט ארײַן אין זײַנע פארדײַגעטע אויגן.

— ווייסט, וואָס מירן באלד טאָן? — זאָגט זי, ווען ער, א פארשטומטער, מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, שטעלט זיך אָפּ לעם איר. — נעם לייבלען — און מארש פונדאנען. זיך מאטערן א נאכט אין צוג איז עפּעס ווערט. מיסטאם האָסטו, ווי געוויינלעך, דעם גאנצן וועג פון מיראָסלאוול ביז קאזאן קיין אויג ניט צוגעמאכט. דארפסט זיך אויסשלאָפן.

— אין ערגעץ וועל איך ניט גיין. כ׳וויל זײַן דאָ, לעם דיר.

— טו מיר צוליב, בערעלע. און די שכיינעס מײַנע וואָלט אויך ניט געווען איבעריק צו שוינען. אז ס׳איז פאראן יוישער אף דער וועלט, האָט איר אמאָל געהערט?

— מיר, לעמאָשל, שטערן די יאטן קיין קאפּל ניט, — רופט זיך באלד אָפּ די עלטערע פרוי, אָנבלאָזנדיק די ליפּן.

— בירגערן, כ׳האָב אײַך קיין וואָרט ניט געגעבן, — ברענגט שטרענג ארויס די מאמע, און בלויז א מאמזעריש פונקעלע אין אירע שווארצאפּלען באווײַזט, אז די דאָזיקע בייזקײַט איז א קאטאָוועסדיקע און בעט, אז די כאוועדטע זאָל איר מויכל זײַן.

— שטערט ניט אונדזער געהויבענע שטימונג, — פאַלט אַרײַן די צווייטע אין געשפּרעך. — טרײַבט זיי ניט, קלאָרע באָריסאָוונע, מיט זיי איז דער יאָמטעוו פרייליכער.

— אָט האָסטו נאָך איין פּאַרטיידיקער אויף מײַן קאָפּ. שווײַגט, מיידלעך. כ׳וועל זיך אָן אײַער שטיצע מיט מײַנע יונגעלײַט ספּראַווען. שפּאַנט, כעוורע, אַהיים.

— די היים איז דאָרט, ווו דו געפינסט זיך, מאַמע.

— זייער פײַן. נאָר פון איין זײַט. אָבער פון דער צווייטער, וואָס פאַר אַ בײַשפּיל ווײַזסטו דעם זון? אַז דער באַפעל איז אָפּגעגעבן, פילט מען אים אויס אָן דערווידערונגען. דו דאַרפסט עס וויסן, ביסט דאָך אַן אָפיצער.

— געכאַפּט אַ פּסאַק? — שמייכלט לייב. — אַמפּערן זיך מיט דער באָבען איז געפערלעך.

באָרעך צעפירט ברייט די הענט, מאַכט צו די אויגן־לעפלעך: אַ סוואָרע, די מאַמע הייבט זיך אָן ערנסט באַומרויִקן.

נאָר דערווײַל איז זי נאָך ניט שטאַרק אויפגערעגט. זי לאָזט ניט אַראָפּ פון אירע כעוורע די אויגן — אַז מע קאָן ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער, סײַווי וועט זי זיי אַרויסבאַגלייטן פון שפּיטאָל אויף דער פרישער לופט, זי וועט זיי צווינגען מאַכן אַן איבערײַס. אַן אויפגאַבע פאַר זיי האָט זי שוין. פון אירע הענט וועלן זיי זיך ניט אַרויסגליטשן, נאָך איין אַרבעט וועלן זיי איר מוזן פאַרשפּאָרן. זי האָט שוין לאַנג זיך געקליבן אויספאַרבן די צאַם אַרום דעם טאַטנס מאַציייווע, אָבער אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, ווען ס׳וועט זײַן מערער צײַט. ווײַזט אויס, אַז איצט וועט זי זיך שוין ניט אַזוי גיך מיט דעם קאָנען באַשעפטיקן. וועלן זיי עס טאַקע הײַנט אויפטאָן, ער, בערעלע, און לייבל. קיין בעסערע געלעגנהײַט דאַרף מען ניט. בײַ איר איז צוגעגרייט אַלץ: פאַרבן — בראָנזע און זילבערפּודער, אייל, בערשטלעך...

ניטאָ קיין ברייראַ. אַז מע דאַרף — איז ניט שײַעך. האַגאַם, ער, באָרעך, האָט אינדערפרי אַליין געקלערט, אַז עס וואָלט גוט געווען צו באַנײַען די צאַם, ווען צײַט זאָל קלעקן.

אויף צוריק פאָרן דער פאָטער און דער זון צוערשט מיטן טראַמווײַ, ווײַטער זעצן זיי זיך איבער אין אַן אווטאָבוס, וואָס ברענגט זיי פּונקט אַנטקעגן דעם ראָג פון זייער פּריוואָלנע־געסל. דעם גאַנצן וועג הערן זיי ניט אויף צו שמועסן, קאָלהאַמינים פּראַגעס באַהאַנדלען זיי, אויסער איינער — דער וויכטיקסטער, וועלכע מאַטערט באָרעכן. ער האַלט זיך אײַן אָנרירן די ווונד, וואָס קאָן שאַפן, ווי ער האָט מוירע, איבעריקע, פּריצײַ־

טיקע דערשיטערונג לייבלען. ערשט שפּעטער א ביסל, נאָכן איבערבײַסן, נאָך דעם, ווי זיי, איבערגעטאָנענע אין אלטע בגאָדים, דערגרייכן צופוס דעם בעסוילעם, און מיט דעם זעלבן, קוים וואָס מע זעט אים, שטעג, מיט וועלכן באָרעך איז הײַנט גאנצפרי געגאנגען, שפּאנענדיק פּאָרזיכטיק, כּאָלילע ניט אָנטרעטן אף א פּאריאָסעמט, פּארלאָזט בערגל, קומען ביידע צום טײַערן קייווער. זיי צעפירן באלד טאקע אין גלעזערנע סלאָיעס די פּארבן מיט אייל און הייבן אָן בא צוויי קעגניבערדיקע זײַטן רייניקן די טרויבן פון דער צאם, אָפּשאָבן זי פון זשאווער. זיי רײַבן געטרײַ מיט שמירגל־פּאפּיר, און דעמלט באמערקט באָרעך, אז דער זון זײַנער איז שוין גאָר ניט קיין קלייניטשקער, אלנפּאלס א סאך ערנסטער, ווי פיל באָכערים פון זײַן עלטער.

— וואָס אזעלכס האָט דיר פּאָלינע נאָומאָוונע אופגעקלער"ט? — פרעגט לייב דעם טאטן, אזוי זיך, קלוימערשט דערעכאגעוו.

— גאָרניט.

— כ'בעט דיך, דריי ניט דעם קאָפּ. ביסט פון דער באָבעס פּאלאטע ארויס באגלייטן פּאָלינע נאָומאָוונען א לוסטיקער, און אומגעקערט האָסטו זיך א פּארכוישעכטער.

צום ערשטן מאָל כאפּט זיך באָרעך, אז עס טוט אים זייער באנק, וואָס בא אים, ווי, אגעוו, בא דער גאנצער מישפּאָכע זײַנער, ליגט שטענדיק אפן פּאָנעם אלץ, וואָס עס ברענט אינווייניק.

— ס'קאָן זײַן, אז כ'בין אומזיסט אופגערודערט, — רופט ער זיך אָן, פּאָרזעצנדיק ארבעטן. — כ'וואָלט ניט וועלן, זאָלסט זיך פאר דער צײַט ערגערן.

— ווען, קלערסטו, דארף איך ווערן א מאנצבל?

באָרעך הייבט אוף אפן זון די אויגן. זייערע בליקן באגעגענען זיך.

— צו דער באָבען, לייב, פּויזעט דער מאלעכהאמאָוועס, — זאָגט באָרעך מיט צאר.

— פּאָלינע נאָומאָוונעס מיינונג? — לייבלס פּאָנעם ווערט אָנגעשטרענגט.

— ניין.

— פונוואנען זשע נעמסטו עס?

— פּארשטייסט, זי טרייסט ניט. אף קיין גראָשן אפילע טרייסט זי ניט.

לייב האָט ניט קיין כאראָטע, וואָס ער האָט געצווונגען דעם טאטן צעבינדן די צונג.

— עפּשער טרײַבסטו איבער, — זאָגט ער בעטנדיק. אז די באָבע איז מעסוקן קראנק, זעט ער אליין גאנץ גוט, אָבער דעם פּאָטערס שרעקלע־

כע ווערטער איז שווער צו באזיניקן. עס ווילט זיך ניט גלייבן, אז דער באָבעס מאצעוו איז אזא שרעקלעכער.

קעדיי ניט זען די טרערן אין די אויגן פונעם טאטן, קערעוועט ער זיך אָפּ און נעמט האסטיק פּאָלירן די פּרענטעס אײַזן. מיטאמאָל קומט אים אפן זינען, אז אין דער באָבעס קרענק האָט ער א היפּשן כיילעק. וואָס מער ער קלערט, ווערט אים אלץ קלאָרער, אז זײַן כעט וועט ער בעשום־אויפן ניט קאָנען כאפּן צוריק און זײַן פארשפּעטיקטע כאראָטע איז אָנמעכטיק עפּעס צו העלפן.

לייב האָט א קלער געטאָן, אז דאָס לעבן איז גאָר ניט אזוי פעסט, ווי עס שטעלט זיך אים פאָר, עס קאָן זיך פלוצעם א וואקל טאָן. נאָר סײַוויסײַ לויכט די זון, עמעס, א ביסל צוגעלאָשן. מינאסטאם איז עס, ווײַל ס'איז קאלעמוטנע אפן הארצן, און נאָך דערפאר, וואָס אפן וועג פון די שטראלן האָבן זיך געשטעלט דעם זיידנס בערעזעס, ווי א הרעבליע פון איבערגעפלאָכטענעם גרינס. עפּשער... האגאם צווייפלען איז ניטאָ וואָס, א שאָטן פונעם טאטנס אומרו שמוגלט זיך מערקבאר ארײַן אין זײַן הארץ. דאָך קלערן וועגן דעם, אז די באָבע שטארבט, קאָן ער ניט, ס'איז אן אומעגלעכע זאך פאר אים. וויפל ער געדענקט זי, דערמאָנט ער זיך ניט, זי זאָל זײַן א נעבעכדיקע. א שטרענגע, פאָדערנדיקע, בארויגעזע, אן אופגערעגטע און פארצאָרנטע, א שפּאָטישע, אפילע כויזעקמאכנדיקע פון אים — דאָס יאָ, איר צונג האָט אים גענוג עמעסן ארויסגעזאָגט, געוויס האָט ער עס ערלעך פארדינט, אָבער קיין קליינמוטיקע, קיין אָפּגעשוואכטע איז זי נאָך ניט געווען, אלנפאלס ביז הײַנט.

ער ווייסט ניט, פארוואָס עס שווימט מיטאמאָל אוף אין זינען איינער א ווינטערדיקער פרימאָרגן מיט פארפרוירענע, ווי געשוואָלן געוואָרענע, טונקעלע פענצטער, גיי ווייס, ווי עס פאסירט. וויאזוי פארהאלט אין זיך דער זיקאָרן די געשעענישן, וועלכע קומען פאָר מיטן מענטשן? מעגלעך, אז ער פארשרײַבט אומדערמידלעך אלץ אף אומזעבארע טאשמעס און שליסט דערנאָך אומדערווארט אײַן א טייל נאָך א טייל פון דעם פארגאנגענעם. אָבער ווי גיט זיך עס אים אײַן אײַנשליסן פּונקט יענעם טייל, וועלכער איז נייטיק אין דער געגעבענער רעגע? אגעוו, קיינער קאָן ניט באשטעטיקן, אז דער זיקאָרן באגייט זיך טאקע אזוי. פיל מאָל שליסט ער אײַן אזעלכע ערטער, וועלכע וואָלטן געמעגט אף אייביק אויסגעמעקט ווערן. אמאָל טרעפט זיך... דער זיקאָרן איז ניט שטענדיק דעם מענטשנס גליק, ער פארוואנדלט זיך צומאָל אין זײַן פּײַן. וועגן דעם האָט שוין לייב א קלער געטאָן אין לעצטן אויגנבליק, ווען פאר אים איז ווידעראמאָל אופגעשווומען דער אלקער אפן פריוואָלנע־געסל מיט די פארפרוי־

רענע, ווי געשוואָלן געוואָרענע, פענצטער, און דער באָבעס גראָווע האָר לעם דעם רעפּראָדוקטאָר, וואָס האָט שוין דאָס צווייטע מאָל געמאָלדן און גענומען אַפּסניי איבערכאַזערן, אַז די לימודים אין אַלע צען קלאַסן פון די מיטלשולן ווערן אָפּגעשאַפט אין צוזאַמענהאַנג מיטן פראָסט. לייב האָט אומגערן אַרויסגערוקט זײַן נאָז פון אונטער דער וואַרעמער קאָלדרע און זיפּצנדיק געזאָגט, אַז עס זײַנען דאָ אויף דער וועלט מענטשן, וועמען עס גליקט אָפּ, אָבער אים, לייבלען, פידלט ניט, ער מוז, נעבעך, גיין האָרעווען, האַגאַם אין דרויסן ווילדעוועט אַ מוירעדיקע קעלט. די באָבע האָט געזאָגט, אַז ס׳איז ניט אַזוי שרעקלעך, דערצו וועט ער, לייב, מיסטאָם ניט זײַן דער איינ־און־איינציקער אויף דער גאַס, כאָטשבי דערפאַר, ווײַל באַנאַנד מיט אים וועט שפּאַנען אַמווייניקסטן נאָך איין נעשאָמע — זי, זײַן באָבע. לייב צעעפנט ברייט די אויגן און באַמערקט, בעטנדיק פאָרויס מעכילע, אַז פאַר נאַראָנים שרײַבט מען ניט קיין געזעצן. וואָס, אַשטייגער, האָט זי, די באָבע, פאַרגעסן אין שול, דעם נעכטיקן טאָג? ס׳וועט דאָך קיינער דאָרט ניט זײַן.

— ביסט זיכער? — האָט די באָבע אָפּגעענטפערט דעם אייניקל מיט אומרו אין דער שטים. — און עפּשער האָט עמעצער פאַרשלאָפן די ראַדיאָ? עפּשער וועט עמעצער קומען צו לויפן אין שול מיט אָפּגעפרוירענע באַקן? ווער וועט דאַן די ערשטע הילף אַרויסווײַזן?

אינצווייען האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ אין מאַנטלען, פאַרשפּיליעטע אויף אַלע קנעפּ, מיט באַצײַטנס אויפגעהויבענע קאָלנערס, וועלכע האָבן קימאַט פאַרהילט זייערע פוטערנע היטלען מיט די לאַנגע אויערן, פאַרבונדענע מיט שנירלעך אונטער דער קין. עפענען די אויסערלעכע טיר איז געווען ניט אַזוי לײַכט: דעם שניי, וואָס איז אַ גאַנצע נאַכט, טראָץ דער קעלט, געפאַלן, האָט זיך אײַנגעגעבן זי צו פאַרוואַלגערן אויף אַ העלפט. לייב האָט געמוזט זיך אָנשטרענגען, עטלעכע מאָל גוט אַ שטויס טאָן, קעדיי זי צעפּראַלן.

אויך דאָס פריוואָלנע־געסל איז פון אָנהייב ביזן סאָף געווען פאַרשאָטן מיט שניי. ניט לאַנג געטראַכט, אַפילע זיך ניט אַרומגעקוקט, האָט די באָבע אָנגעהויבן צעשאַרן אין אים אַ סטעזשקע.

— ע, ווילסט זײַן קליגער פון מיר? — האָט לייב זי ניט געלאָזט מאַכן קיין שפּאַן. — אַקערן דעם שניי איז ניט דײַן זאַך.

די באָבע האָט געפּרוּווט אויף אים אָנשרײַען:

— מײַנע פיס זײַנען בעסער באַשיצט.

— אוואַדע, דײַנע וואָליקעס זײַנען אויף אַ מײַל העכער פון מײַנע שיך, עך, דו... אַזוי דערציט מען אַן אייניקל?

— נו, נו, כ׳גיב זיך אונטער. האלט, אז דו האָסט געזיגט. אָבער זײַ זיך מאטריעך די הויזן אין די זאָקן אַרײַנשטופּן.

ווען זיי זײַנען ארויס אף דער גרויסער גאס, איז געוואָרן א סאך גרינגער צו שפּאנען און צו עטעמען. דער שניי אונטער די פיס האָט פרייליכער זיך צעסקריפּעט, די באָבע אָבער האָט נאָך לאנג זיך ניט בארויִקט, אלץ שטילערהייט געברומט, אז נאָך אזא מין שוויצן איז גאָר פּאָשעט זיך צו פארקילן. זאָל ער, לייבל, שטארקער מיטן שאלכל פארדעקן דעם האלדז, זי וועט זײַן גליקלעך, אויב עס וועט זיך אלץ גוט ענדיקן.

ווי עס טרעפט אָפט אין אָט אזא גאנצפריִענדיקער צײַט, ווען מע ווארט זייער אומגעדולדיק אפן טראמווײַ, פארהאלט ער זיך, דער שעד, ווייסט ווו, און בײַזוואנען מע דערוואַרט זיך אף אים, קלײַבט זיך צונויף א היפּשער אוילעם. די באָבע האָט ניט קיין טעווע צו שפּארן זיך מיט די עלנבויגנס — אף דערוף קלעקן איר ניט קיין קויכעס. לייב וואָלט דאפקע יאָ א באלן געוועזן זיך ארויסרוקן פאָרויס, נעענטער צו די רעלסן, קעדיי עס זאָל באקוועמער זײַן ארײַנכאפּן זיך אין טראמווײַ, נאָר די באָבע... פלוצעם, ווען עס האָט זיך שוין בוילעט דערטראָגן דער רויש פונעם טראמווײַ, האָט זיך דערהערט א רוף:

— קלארע באָריסאָווגע, גוטמאָרגן! קומט אהער, צו מיר, ביטע.

ניט די באָבע, ניט לייב האָבן צוערשט ניט פארשטאנען, ווער עס רופט זיי. צי ניט יענער הויכער לייטענאנט, וואָס קוקט גלײַך אף זיי? לאָזט זיך אויס, אז טאקע ער.

— איר האָט מיך ניט דערקענט, קלארע באָריסאָוונע? — זאָגט דער אָפיצער מיט בלוילעכע פּאָגאָנעס פון א פליִער און שמייכלט דערבײַ. — איך בין דאָך אײַערער א פּאציִענט, כ׳האָב זיך אין אײַער שול געלערנט, אײַער שול געענדיקט.

דערווײַל איז דער טראמווײַ מיט א גערויש צוגעגאנגען, געגוי פאנאנדערקלײַבן זיך ווער־וואָס־ווען איז קיין מעגלעכקײַט ניט געבליבן, דער לייטענאנט האָט אונטערגעכאפּט קלארע באָריסאָוונען אונטער די אָרעמס, א הייב געטאָן, אוועקגעשטעלט זי פלינק אפן אייבערשטן טרעפּל פונעם טאמבור. לייב האָט אויך באוויזן ארײַנקריכן אין וואגאָן, און ווען ער האָט זיך צו זיי דורכגעשטופּט, האָבן זיי שוין פריידיק געשמועסט, די באָבע מיטן לייטענאנט.

— ביסט דאָך אָט ערשט ניט לאנג געווען צוויי מאָל קלענער פון מיר, — האָט זיך די באָבע געוווּנדערט, — ווי זשע האָט זיך דיר אײַנגעגעבן ווערן צוויי מאָל העכער? אף הייוון, ווײַזט אויס, וואקסטו?

— ס'קאָן זײַן, קלאַרע באָריסאָוונע, נאָר גיכער פון אַלץ איז דאָס פון אײַערע אײַנשפּריצונגען. איבער אײַערע אײַנשפּריצונגען וואַקסן מיר אַזעלכע לאַנגע דראָנגען. און אַ מאָדנע זאַך, קלאַרע באָריסאָוונע, איר פּלעגט אונדז שטעכן, און עס האָט טאַקע וויי געטאָן, אָבער מיר האָבן אײַך ליב געהאַט. פאַרוואָס האָבן מיר עס אײַך ליב געהאַט?!

פאַרוואָס גראַדע די דאָזיקע דערמאָנונג שווימט אויף אין זיכּאָרן, איז אומבאַגרײַפלעך, נאָר אַזוי פּאַסירט. ווי איצט זעט פאַר זיך לייב דער באָבעס פּאָנעם — פאַרפלאַמט אי פון פראָסט, אי פון פאַרגעניגן...

אַ היפּשע צײַט פאָרען זיך זאַלבעצווייט באָרעך און לייב מיט דער אײַזערנער צאַם. לייב פאַרשטייט, אַז דער טאַטע איז ניט אומזיסט אומרויק. אוועקמאַכן דעם עמעס מיט דער האַנט איז אוממעגלעך, ער פאַרשטייט, ס'איז שלעכט — מע דאַרף זײַן אָרנטלעך מיט זיך אַליין. ס'איז אָבער שווער זיך צוגעוווינען צו דעם דאָזיקן געדאַנק, פונדעסטוועגן איבגאַנצן אַראָפּלאָזן די נאָז דערלויבן ניט זײַנע ספּייקעס.

— און עפּשער איז דײַן כּשאַד איבערגעטריבן?

— האַלעוואַי וואָלט אַזוי געווען. נאָר דערווײַל פיל איך, אַז די לאַגע איז ערנסט.

— נו, און די באָבע פאַרשטייט, ווי עס האַלט מיט איר?

— כ'האָב מוירע, אַז יאָ, זי שטויסט זיך אָן.

עטלעכע רעגעס קוקט לייב דעם טאַטן גלײַך אין די אויגן, און באָרעך לאָזט זיי ניט אַראָפּ — האַלט אויס דעם זונס בליק.

— אַ מוטיקע איז זי, — זאָגט לייב מיט ציטער אין דער שטים.

„אויסגעוואַקסן דער זון", — טוט אַ קלער באָרעך.

פון אַ זײַטיקער אַלייע דערטראָגט זיך מיטאַמאָל פּאָלינע נאַומאָוונעס קאָל:

— דאָ זײַנען קיין ליידיקגייער ניטאָ.

באָרעך און לייב דרייען אייַנצײַטיק אויס זייערע קעפּ. באָרעך איז געפּלעפט: לעם פּאָלינע נאַומאָוונען שטייט די אַלטע, מיט וועלכער ער איז געפאָרן אין איין וואַגאָן קיין קאַזאַן.

— מיר זײַנען, דוכט זיך, באַקאַנט מיט אײַך, יונגערמאַן, — זאָגט זי, ווענדנדיק זיך צו אים.

— אַזוי גאָר?! — רופט זיך אָן פּאָלינע נאַומאָוונע.

— און דער יאַט, — ווײַזט אָן מיטן פינגער די אַלטע אויף לייבלען, — דאָס איז, אַ סוואָרע, אײַער עלטערער? וואָס מאַכט אײַער מאַמע?

— עס וואָלט געמעגט זײַן בעסער...

צוערשט די אלטע, נאָך איר פאָלינע נאומאָוונע גייען צו נעענטער. די אלטע לייענט דעם אופשריפט אפן זיידנס מאציווע.

— גוט פארפאסט, אָבער לענגלעך, — באמערקט זי. — אף אונדזערער איז אויסדריקלעך. קורץ. איר ווילט א קוק טאָן? צי עס אינטערעסירט אײַך ניט?

— כ׳זע, שוויגער, אז איר זײַט נאָך וויניק באקאנט מיט אָט דעם יונגערמאן, — מישט זיך אַרײַן פאָלינע נאומאָוונע, — באָריס איז איינער פון אײַער זונס פארמילכאָמעדיקע כאוויירים.

די אלטע כמורעט זיך אָן:

— ניט דער, וואָס האָט לאנג געשוויגן, קיין יעדי׳ע ניט געשיקט?

פאָלינע נאומאָוונע שאָקלט מיטן קאָפּ.

— אויב אזוי, קומט, — באפעלט די אלטע און שפאנט אוועק פאָרויס. אפן דענקמאָל פון שווארצן מירמלשטיין, צו וועלכן די אלטע פירט צו אלעמען, איז אויסגעקריצט: „דעם איין־און־איינציקסטן“. פײַן. איין זון בא דער אלטער, בא פאָלינע נאומאָוונען — אויך בלויז ער, איינער.

— אָט אזוי, טײַערינקע. ווען־ס׳ניט־איז פאסירט מיט יעדן אזעלכס, — זאָגט די אלטע שטרענג, — פארהאקן אָט יענע טיר איז נאָך דערווײַל קיינעם ניט געלונגען.

די אלטע כאפט איבער דעם אָטעם, טוט א קוק אף פאָלינע נאומאָוונען.

— ווער ווייסט, ווען וועל איך ווידער קומען אהער?

— בלויז פון אײַך איז עס געווענדט, שוויגער, — רופט זיך אָפּ פאָלינע נאומאָוונע פילבאַדײַטנדיק.

— איך האָב באשטימט פעסט.

— ס׳איז א פעלער, שוויגער.

— וועסט נאָך מיר מעקאנע זײַן.

— קיינמאָל ניט! אהינצו, אײַוועך לעיאָם, וועט מען מיך ניט פאַרנאַרן.

11

דאָס גאנצע לעבן איז קלארע באָריסאָוונע געווען געטרײַ איר טאטנס צאוואָע: זיך ניט באקלאָגן אפן גוירל. וואָס עס זאָל ניט געווען געשען, פלעגט זי איבערכאזערן: גאם זו לעטויווע, אלץ צו גוטן... אויך הײַנט, ארויסבאגלייטנדיק דעם זון און דאָס אייניקל פון שפיטאָל, איז זי געווען צופרידן, אָבער די ווייטעקן לאָזן ניט צורו. די דאָזיקע בייזע קלאָווים

האָבן, ווײַזט אויס, געוואָרט, זי זאָל בלײַבן אַליין, קעדיי אָנפאַלן אַף איר. ווען לעבן איר זײַנען געשטאַנען אַף דער וואַך צוויי מאַנצבלען, האָט קיין גוורע באַ דער קרענק ניט געסטײַעט, קיין אַזעס זיך אָנוואַרפן אַף איר. דערפאַר איצט, ווען קיינער פאַרשטעלט ניט דעם וועג, איז פאַרוואָס זיך ניט נויקעם זײַן אין דער אַלטער?

אין ריינעם פרישן קאָרידאָר מיט די צעוויקלטע ווייכע טעפּיכער שטייט קלאַרע באָריסאָוונע איינע אַליין. אָט אַזוי איז גלײַכער — זי וויל ניט, עמעצער זאָל באַמערקן אירע צעביסענע ביז בלוט פאַרשמאַכטע ליפּן. ס'איז איר שווער, אָבער די פיס האַלטן זי נאָך דערווײַל, און קאָלזמאַן עס איז מעגלעך, צווינגט זי זיך ניט אונטערגעבן. אַלנפאַלס, קלערט זי, איר בעט וועט אין ערגעץ ניט אַנטלויפן פון פּאַלאַטע.

פון יענער זײַט פענצטער וואַקסן יונגע קליאָנען. קלאַרע באָריסאָוונע באַמערקט, אַז זיי שטייען אַרום דעם נידעריקן בלוי־געפאַרבטן פּלויט. ווײַטער ציִען זיך, שוין אויך פאַרהילטע אין גרינס, סעדער, וואָס דערמאָנען אין שטרענגע סאָלדאַטישע רייען. נאָך זיי זעט זיך די אײַזנבאַן־ליניע. אָט שלענגלט זיך אַן אומענדלעכער לאַסט־צוג. דאָס הילכיקע קלאַפּערײַ פון די רעדער דערגרייכט אַזש אַהער, צום שפּיטאָל.

לעבן דער אײַזנבאַן האָבן זיך געשפּילט אין קאַלטן וואַסער ערשט־מײַיִקע זון־שטראַלן און אַרײַנגעפּליעסקעט אין קלאַרע באָריסאָוונעס נע־שאָמע אַ היפּש ביסל אומעט: ווער ווייסט, ווען וועט זיך איר אײַנגעבן ווידעראַמאָל קומען אַהין, צום פּליאַזש פון דעם קאַזאַנקע־טײַך.

אויפן קעגנאיבערדיקן ברעג, ווי ווײַט די אויגן דערלאַנגען, געפינט זיך דער זאַוואָדישער טייל פון דער שטאָט מיט נײַע קוואַרטאַלן פון הויכ־שטאָקיקע מויערן און פאַבריק־קוימענס.

עס איז עפּשער גאָר ניט קיין כידעש, וואָס די אומגעהייער ווילדע וויטעק־אַטאַקעס האָבן זי געשטויסן אַ טראַכט צו טאָן: „ס'איז שוין ניט מײַן וועלט". מעגלעך, אַז די דאָזיקע ווערטער האָט זי אַפּילע אַרויסגע־בראַכט פאַרן מויל. יעדנפאַלס אין די אויערן האָט, ווי אין אַ פּוסטער פאַס, געקלונגען:

— ס'איז שוין ניט מײַן וועלט!

עטוואָס פאַרוווּנדערט הערט זיך צו קלאַרע באָריסאָוונע צום ווידער־קאָל פון אָט דעם געדאַנק, וועלכער דונערט, קײַקלענדיק זיך, ווי עס דוכט זיך איר שוין איצט, ניט דאָ, אינעם פּוסטן שפּיטאָל־קאָרידאָר, וווּ זי שטייט אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אַפן פענצטער־שטידל, נאָר ער־געץ ווײַט פונדאַנען, ס'קאָן זײַן אין קאַווקאַזער הויכענִיש — זי איז געווען

דאָרטן איין מאָל לעבן דער אָזערע ריצא מיט בערעלען, אַף א שפּיץ בארג ארופגעשטיגן. פון אונטן, פון די טאָלן, דערטראָגט זיך צו איר:

— ס׳איז שוין ניט מײַן וועלט!

פארוואונדערט און צערודערט א ביסל איז קלארע באַריסאָווגע ניט בלויז מאכמעס דעם, וואָס זי האָט שארף דערפילט, אז עס רוקט זיך אָן דער פינצטערער שאָטן, זי ווייסט גוט, אז דאָס איז אומפארמײַדלעך. איר פארלאָרנקײַט שטאמט פון דעם, וואָס די שווארצע בסורע, וועלכע האָט זיך ווי פון א פּראָסטיקן קוואל ארויסגעריסן, איז געגליכן צו בר׳יענדיקן אָקרעפּ. אַף אזעלכס האָט קלארע באַריסאָווגע ניט געווארט. אָפּגעלעבט? געגוג! איז ניין, עס טוט באנק, עס ווילט זיך ניט אוועק פון דער וועלט.

פון פארבאָרגענע היילן זײַנען פלוצעם אופגעשווומען אין איר זיקאָרן דעם טאטנס לעצטע טעג — א דערמאָנונג וועגן זײַנע שמערצן, מיט וועלכע די נירן־קרענק איז אים דאָן באפאלן און צום בעט צוגעשמידט. ערשט איצט באנעמט קלארע באַריסאָווגע אין דער פולער מאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, קעדיי אופריכטיק פאנאנדערפּעגען די נעשאָמע פאר זײַנע שטוביקע, קוידעמקאָל פאר איר, פאר דער מעובערעסער טאָכטער זײַנער.

דאָס גרינע, צווישן וועלדער פארלאָרענע היימשטעטל איז אין געהאקטע ווונדן געלעגן אין בלוטיקע פלעקן, אין פלאמען פון פּאָגראָמען. מיסטאם דערפאר, ווײַל ניט בלויז דעם טאטנס גוירל, נאָר אויך אירס און בערעלעס, וואָס איז דעמלט נאָך ניט געבוירן געוואָרן, זײַנען געהאנגען אַף א האָר, איז איר הארץ געווען א סאך פילבארער, ווי געוויינלעך, און ארײַנגעזויגן אין זיך אזעלכע איינצלהײַטן, וועלכע דער געוויינלעכער זיקאָרן איז ניט אימשטאנד צו פארהיטן. ביז איצט געדענקט קלארע באַריסאָווגע אפילע דעם גלאנץ פונעם טאטנס אויגן, בייס ער, א שטארק ענלעכער צו לעוו טאָלסטאָיען, — מיט אזא באָרד, ווי בא אָט דעם ריזיקן רוסישן מאָן, מיט אזא הויכן שטערן, און אפילע מיט אזעלכע קנייטשן, ווי בא יענעם, מיט א קוטשמע צעפּאטלטע גראָווע האָר אונטער דער שווארצער יארמלקע, — האָט גערעדט ניט זייער הויך, אָבער דײַטלעך, כאָטש פּעסטשטעלן איז געווען שווער, צי ער קלאָגט זיך, צי ער איז אין קאס און קאָן ניט מויכל זײַן דעם אייבערשטן:

— אז דער מענטש שרײַט, ווען ער ווערט ערשט געבוירן, איז מיילע, אלע אומגליקן, אלע צאָרעס ווארטן נאָך אַף אים. אפילע א קומענדיקער גיבער פארגייט זיך אין אָט אזעלכע אומשטענדן פון געוויין. אָבער אויב עס איז שוין דער סאָף, מעג מען דאָך דעם מענטשן פארגינען שטיל אנשלאָפן ווערן, און אויס!

איינִיקע ווערטער דעם טאַטנס פֿלעגן זיך צומאָל אײַן א מײַסע־קראַנץ פֿאַרפֿלעכטן און שטייען דערפֿאַר, ווײַזט אויס, אויף אַזוי פֿריש און צאַפּלדיק אין דער נעשאָמע. נאָר א מאָדנע זאַך, כאָטש קלאַרע באָריסאָוונע איז שוין א דערוואַקסענע געווען, שוין א כאַסענע געהאַטע, דעם לעצטן כוידעש בערעלען געטראָגן, פֿונדעסטוועגן איז דער טאָך פֿונעם טאַטנס טײַנעס ניט שטענדיק דערגאַנגען צו איר סייכל. ערשט איצט, דוכט זיך איר, הייבט זי אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס ער האָט געמיינט.

לײַדן איז אים שווער געווען, און אָפט פֿלעגט ער מיט פֿאַרפּרעסטע ציין אַרויסברענגען זײַנע ניגונים, פֿאַרפֿלאָכטענע אין קראַנצן:

— א באַרג צעשטערט אײַזן, אָבער דעם אײַזן שמעלצט פֿײַער. דעם פֿײַער לעשט וואַסער, נאָר דאָס וואַסער זויפֿן אויס וואָלקנס. די וואָלקנס צעטרײַבט דער ווינט, אָבער דער ווינט צענעריקט זיך אינעם גוף. דעם גוף ברעכט די שרעק, אָבער די שרעק שטילט אײַן דער ווײַן. דעם ווײַן פֿאַרוויגט דער שלאָף, אָבער דעם שלאָף צעוועקן די ווייטעקן. די ווייטעקן קאָן, א סוואָרע, איבערײַסן בלויז דער טויט...

דעם טאַטנס טאַבעק־פּושקעלע איז געלעגן איניינעם מיט אים אפֿן בעט — אונטער דער קישן. קעדיי דערלאַנגען דאָס, האָט ער געדאַרפֿט בלויז א קער טאָן דעם אַקסל און אויסציִען די האַנט. ביזן סאָף, מיסטאָם, וועט קלאַרע באָריסאָוונע ניט פֿאַרגעסן, ווי דער טאַטע צעעפֿנט פֿאַמעלעך מיט ביידע ברייטע דלאָניעס דאָס פּושקעלע, שטופּט אַרײַן דעם דיקן און דעם טײַט־פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט אַהין און נעמט פּאָרזיכטיק אַרויס א ביסעלע טאַבעק, וואָס ער האָט פֿאַרקלעמט צווישן ביידע פֿינגער, ער טראָגט צו דעם טאַבעק צו די נאָזלעכער און ציט אין זיך אַרײַן דעם רייצנדיקן רייעך.

— מיר האָבן אַנומלטן געשמועסט וועגן גליק, — זאָגט דער טאַטע און באַטראַכט זײַן טאָכטער, וואָס שטייט לעבן אים א צעטומלטע און דערשלאָגענע. — וואָס איז עס אַזוינס, גליק? אַן אַלטע קאַשע. יעדער צײַט גיט אַף דעם אַן אַנדער ענטפֿער. איצט וואָלט איך געענטפֿערט אַף דער פֿראַגע אַזוי: גליקלעך איז דער מענטש דעמלט, ווען ער פֿילט ניט קיין שום ווייטעק. ס'איז ריכטיק, און ניט ריכטיק. ווײַל דער הון כאָלעמט זיך פּראָסע. פֿאַרשטייסט, צי ניין? דאָס, וואָס דער מענטש מיינט, אַז ס'איז גליק, איז פּאָשעט א צײַטווײַליקער פֿאַרגעניגן. א גליקלעכער פֿילט ניט זײַן גליק. דער גרויסער סאָד באַשטייט אין דעם, וואָס עמעס גליק האָט ניט קיין טאַם און קיין גערוך.

איצט ווייסט שוין קלאַרע באָריסאָוונע געוויס, אַז דער טאַטע האָט ניט סתּם אַזוי פֿילאָסאָפֿירט — האַגאַם אַזאַ טעווע איז בא אים געווען.

דער טאַטע האָט געמוסערט זיך אַליין, עפּשער אַפּילע ניט געמוסערט, ניט באַדויערט, פּאַשעט — פּעסטגעשטעלט, וואָס מיט אים איז געשען אין לעבן.

ער איז געווען אַ שויכעט און געמוזט זײַן אַ פרומער. ער האָט געוואָלט גלייבן אין גאָט, אַנדערש לעבן איז אים געווען דערווידער, זײַן געוויסן האָט אים פאַרבאָטן — לײַגן איז געווען אויסגעשלאָסן. סייכל און גוטהאַרציקײַט האָט ער אָבער געהאַט עטוואָס מערער, ווי עס באַדאַרף האָבן אַ געוויינלעכער קלייקוידעש, און דאָס פּלעגט אים פאַרשאַפן גענוג צאָרעס.

אַצינד צווייפלט ניט קלאַרע באָריסאָוונע, אַז ווען ניט דאָס, וואָלט דער טאַטע אירער אַן אַנדער מענטש געווען, ניט באָרעך־יִצכאָק־אײַזיק — ניט באָרעך־אײַזיק, ווי סלאָוועשניע האָט אים גערופן. און זי, באָרעך־אײַזיקס טאָכטער, איטע־כײַע, וואָלט אויך ניט געוואָרן כײַטשיק, זי וואָלט גאָר אַן אַנדער פּעקל געהאַט אַף זיך.

וועגן איר פאָטערס לעבן, ביז זי איז אימשטאַנד געוואָרן אַליין עס צו באַאָבאַכטן, האָט קלאַרע באָריסאָוונע געהערט אַ סאַך, נאָר מער פון אַלע געשעענישן האָבן זיך פאַרקריצט אין זיקאָרן צוויי.

נאָך גאָר אַ יונג באָכערל, האָט באָרעך־אײַזיקל אַרײַנגעשלאָגן זיך אין קאָפּ, אַז ער וועט אוועקפאָרן קיין פּאַלעסטינע. פון קינדווײַז איז ער גע־ווען צוגעוווינט זײַן אָפנהאַרציק און ערלעך, דערפאַר האָט ער זיך קוי־דעמקאָל געווענדט צום טאַטן, צו קלאַרע באָריסאָוונעס זיידן, יענער זאָל אים בענטשן אַף אָט דער זאַך. נאָר אָנשטאָט דער געגאַרטער דערלויבע־ניש האָט ער באַקומען, ווי אַ פּאַטש אין באַק, אַן אומדערוואַרטן פאַר־באָט.

— פאַרוואָס? צי דען איז עס אַן אווירע?

— יעדער פּירע האָט איר צײַט אַף רײַף צו ווערן, — איז געווען דער ענטפער פון זײַן טאַטן, וועלכער האָט ניט פאַרלאַנגט צוויי מאָל איבער־כאַזערן איינס און דאָס זעלבע. געפּאַסקנט — און אַן עק. זײַן וואָרט — אַ געזעץ, זײַן באַפעל — אַ דין. מער איז ניטאָ וואָס צו טײַנען מיטן יוירעש.

באָרעך־אײַזיקל איז, ווײַזט אויס, געווען דעם טאַטנס אַ זון, ניט אומ־זיסט זאָגט מען, אַז דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווײַט פונעם ביימעלע. דאָס קוואַרע יִנגל מיט די קורצע פּייעס האָט באַשטימט, אַז די פּירע איז שוין רײַף. אָן אַ גראָשן געלט אין קעשענע. בלויז אַ טאַלעסקאָטן אונטער דער קאַפּאָטע, אַ טאַלעסקאָטן מיט ציצעס, גאָר ניט קיין סאַך לענגערע

פון זײַנע פּייעס, איז באָרעך־אײַזיק צופוס אנטלאָפן פון דער היים. ערשט לעם אָוורוטש האָט אים דער טאטע אָנגעיאָגט אף א באלעגאָלישן וואָגן.

קלארע באָריסאָווּנעס זיידן וואָלט געקלעקט אי קאס, אי קויכעס אראָפּצײַען באם זון די הויזן און גוט אים א שמײַס טאָן מיט א בערעזע־רוט, עס האָט אים אָבער אויך געסטײַעט סייכל צו פארשטיין, אז זײַן זון איז צו אים געגליכן, אז דער באָכער איז שוין פון די וויקעלעך אויס־געוואקסן, און שמיץ זײַנען פאר אים ניט קיין שטראָף. דערפאר האָט ער בלויז בייז א ברום געטאָן, מער צוליב זיך, ווי צוליבן בעניאָכיד:

— דער קאָפּ לערנט דעם הינטן, ניט קאפויר. כאָטש ס'וואָלט א מיצ־ווע געווען דיך גוט א לאסעווע טאָן אין טאטנס טאטן ארײַן...

ער האָט געציטערט, אז די רייד וועלן דאָ ניט העלפן און דעריבער אָנגעכמורעט די צעשויבערטע ברעמען, ארײַנגעקוקט טיף אין באָרעך־אײַזיקס אי פארכאָלעמטע, אי אײַנגעשפּארטע אויגן.

— פײַן, ניטאָ וואָס צו זאָגן, — האָט ער שטרענג, כאָטש שטיל ארויס־געבראכט. — ווילסט גוטס אויסשליסלעך פאר זיך אליין. מיך לאָזסטו איבער דאָ, דײַן מאמע — מיט מיר, די פרײַנט דײַנע — אויך דאָ, אין גאָ־לעס. מיר מעגן זיך דאָ דרייען, ווי ווערעם אין כריין, — דו טאָרסט ניט. ביסט א מעיוכעס. ווי קאָן דען אנדערש זײַן? אזוי פירט מען זיך ניט. ווען אלע זאָלן קאָנען אהין, איז אדעראבע. מירן זיך לאָזן אהין, ווען גאָט וועט הייסן. דערווײַל זיך אין דער היים... אָט דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן. איצט טו, וואָס דו ווילסט. שפאן. איך האלט דיך ניט פאר דער פּאָלע...

קלארע באָריסאָווּנעס זיידע האָט זיך אָפּגעקערט פונעם זון, פארקלעמט די באָרד מיט דער ברייטער, פארהארטעוועטער און שווערער דלאָניע.

פארקלערט, איז באָרעך־אײַזיקל געשטאנען מיט אן אראָפּגעלאָזטער נאָז. „עפּשער איז ער גערעכט, דער טאטע? — האָט ער מיט זיך אליין געטײַנעט. — א סוואָרע, אז ער איז גערעכט. ס'איז טאקע מ׳עס. אויב אלע קאָנען דערווײַל ניט מאכן די פלייטע, טאָר ער, באָרעך־אײַזיק, אויך זיך ניט פארגינען אזעלכס. ער איז ניט בעסער פון אנדערע, א געוויינ־לעכער באָסאָר־ווערדאָם"...

אומגעקערט קיין סלאָוועשניע האָט מען זיך אפן באלעגאָלע־וואָגן.

פונדעסטוועגן איז באָרעך־אײַזיקל אייגנארטיק באשטראָפט געוואָרן — דער טאטע האָט אים פריצײַטיק כאסענע געמאכט: די פליגל אונטערגע־שניטן, צוגעבונדן צו דער היים, ער זאָל אפילע ניט וואגן טרוימען נאָכאמאָל זיך אופהייבן פון דער נעסט.

מיסטאם דערפאר טאקע האָט באָרעך־אײַזיק פײַנט באקומען זײַן ווײַב נאָך אײדער ער איז מיט איר די ערשטע נאכט אונטער איין קאָלדרע איבערגעשלאָפן. אזוי צי אנדערש, נאָר דאָ הייבט זיך שוין אָן א צווייטע געשיכטע, וועלכע איז פעסט פארקריצט אין קלארע באָריסאָוונעס זיקאָרן. האגאם קיין אײדעס פון אָט דער געשעעניש האָט זי, פארשטייט זיך, ניט געקאָנט זײַן.

צוגעוווינען זיך צו דעם ווײַבל, מיט וועלכן דער טאטע האָט אים, נאָך גאָר א רויען, א יונגיטשקן, פארשלייערט, איז באָרעך־אײַזיקן ניט געלונגען. בייזע צינגער פלעגן פלאפלען, און דערפאר ווייסט עס קלארע באָריסאָוונע, וויאזוי באָרעך־אײַזיקל איז איינמאָל געשטאנען אף א לאָנקע הינטערן שטעטל, געקוקט אף א שפרינגענדיק ביקל און גערעדט צו דעם: „טאנץ, פריי זיך, בריקעווע מיט די קאָפּיטקעס, טײַערינקער, ביז מע וועט דיר ברענגען א קאלע. ווײַל אז מע וועט דיך אונטער דער כופּע אוועקפירן מיט א נארישער טעלעצע, איז קאפּוט, טייגו וואָ ווייגו, אויס, עק וועלט“.

באָרעך־אײַזיק אָבער וואָלט ניט זײַן דער, וואָס ער איז, ווען ער זאָל זיך אונטערגעבן. א ביידער האָט ער זיך געגעבן — פּאָטער ווערן פון זײַן פלוינעסטע. דאָס געוויסן אָבער איז א צײַט געווען, ווי א פּענטע אף זײַנע פיס. נאָר סאָפּקאָלסאָף האָט דער געדולד געפּלאצט. אופטאָן עס איז אן איינפאכע זאך. ס'איז אפילע געגוג, די יויך זאָל זײַן איבערגעזאלצן, דער מאן זאָל האָבן א טערעץ צו געבן א געט. וויאזוי איז זיך באגאנגען באָרעך־אײַזיק? ער האָט אף א שטיקל פּארמעט אָנגעשריבן דאָס וואָרט: „געגעט“, אופגעהאנגען עס אף א שנירל און אף זײַן ווײַבס האלדז עס אָנגעטאָן. ער האָט עס אָפּגעטאָן אומדערוואַרט פאר איר, פלינק, מיט עפּעס אן אומהיימלעכער פריילעכקײַט. און אין איין אויגנבליק איז זי אים געוואָרן אויס ווײַב. פּראָסט און ברוטאל.

דאָס איז פארלאָפן מיט באָרעך־אײַזיקן, ווען ער האָט שוין דעם טאטנס כאזאָקע צו זיך אין די הענט ארײַנגענומען און שוין פונלאנג א זעלבשטענדיקער מענטש געוואָרן. דאָס צווייטע ווײַב זײַנס, מאלקע, קלארע באָריסאָוונעס מאמע, קימאט צוויי מאָל ייִנגער פון באָרעך־אײַזיקן, איז געווען מיט אלע מײַלעס. דאָך האָט ער איין כיסאָרן בא איר אָפּגעזוכט — א לאנגע צונג האָט זי געהאט. אן אומדערמידלעכע פּלאפּלערן איז זי געווען, אפילע אײַנשלאָפן האָט זי ניט געקאָנט שווײַגנדיק.

קיין גוויר איז באָרעך־אײַזיק ניט געווען, אָבער אויך ניט דער גרעסטער קאפּצן אין סלאָוועשניע. די רעכטע פּאָלע פון זײַן קאפּאָטע מיט

דער לינקער פלעגט ער ווי־ניט־איז צונויפירן. פון יעדער געשאָכטענער
קו, ווי ביכלאַל פון יעדן שטיקל פי, פלעגט אים איבערבלײַבן די מילץ,
א שפּיץ לעבער און א היפּש שטיקל צוועלף־פינגעריקע קישקע, יעדער
וואָך האָט אים די קעהילע געצאָלט א דרײַערל שכיטע־געלט. מיט אזא
קאַפּיטאַל וואָלט מען דאַפּקע געקאָנט אוועקלייגן די ציין אף דער פּאָלי־
צע. די וועלט איז אָבער אזוי באַשאַפן, אז פאַלן אינמיטן גאס און אויס־
ציִען די פיס לאָזט ניט דער אייבערשטער קיינעם, ער שיקט צו זײַן פּאַר־
נאָסע. צוליב באָרעך־אײַזיקן האָט ער זיך אויך געסטאַרעט — לעבנס־
מיטלען אים געשענקט, געלאָזט פאַרדינען, מע דאַרף ניט זינדיקן. ריישיס,
האָט ער אים געעפנט דעם סאָד, וואָזוי אײַנקויפן שעפּעלעך, זייערע
פעלכלעך באַאַרבעטן, פאַרקויפן און בלײַבן מיט רעווער. וועהאַשייניס,
האָט ער אײַנגערוימט באָרעך־אײַזיקן, אז קליגער פון אלץ איז ערלעך
האָרעווען. און באָרעך־אײַזיק האָט געהאָרעוועט ביזן געזאלצענעם שווייס
אויך דאָן, ווען ער פלעגט לערנען די שטעטלשע באָכערים, וואָס זײַנען
שוין דעם געוויינלעכן כיידער איבערגעוואַקסן, ווען דער פּאָשעטער
שטעטלשער מעלאַמעד איז שוין ניט אימשטאַנד געווען עפּעס נוצלעכס
ברענגען. קיין גימנאַזיע, פאַרשטייט זיך, איז עס בא באָרעך־אײַזיקן ניט
געווען, נאָר די טוירע האָבן בא אים די יִנגלעך שטודירט גוט, ער איז
געווען באָקי אין געמאָרע, א קענער, און דערצו נאָך א פּלײַסיקער מוירע,
א באַגאַבטער לערער מיט טיפע פאַרכאָלעמטע אויגן און אייביקע פּערל־
טראָפּנס אפן הויכן געקנייטשטן פּאַרמעטענעם שטערן. דער שעם פון באָ־
רעך־אײַזיקס שטעטלשער „הויכשול” איז געווען זייער א גרויסער. איניי־
נעם מיטן שווייס פלעגט אין די טעפּ פון זײַן מאַלקען פונדעסטוועגן
ארײַנקאַפּען עפּעס־וואָס סכאַרלימעדיקס. אָט אזוי האָט באָרעך־אײַזיקס
מישפּאָכע געצויגן איר כאַיונע.

דער שטעטלשער וואַסערפירער, וועלכן באָרעך־אײַזיק האָט ליב גע־
האַט, ווײַל געווען איז יענער פונקט אזא האָרעפּאַשניק, ווי ער אליין,
פלעגט אלע מאָל ארויסברענגען פאַרן שויכעט פאַרשיידענע שפּאָט־קאַ־
שעס. איינמאָל האָט דער וואַסערפירער געפרעגט, פאַרזשמורענדיק איין
אויג אונטער דער געלער ווִיע:

— רעב באָרעך־אײַזיק, קוגל פאַרזוכט איר אמאָל, צי איר באַנוגנט
זיך מיט בעהיימישע קישקעס?

באָרעך־אײַזיק איז ניט באַרויגעז געוואָרן, געענטפערט מיט א גאַד־
לעסדיקן ניגן, גלײַך ער וואָלט זיך באַרימען:

— דער, וואָס האָט געבענטשט אווראָמען און יִצכאָקן, האָט מיך אויס־
געלערנט עסן קוגל פון פלייש...

דער וואסערפירער איז קיין טיפעש ניט געבוירן געוואָרן און האָט באָרעך־אײַזיקן פארשטאנען. נאָר זײַן אָנצוהערעניש האָט פונדעסטוועגן אָנגערירט דעם שויכעטס שטאָלץ. פלייש, פלייש, שטענדיק פלייש... זינדיקן דארף מען ניט, אָבער וואָס צו, דאָס איז איבעריק. עס ווערט נימעס דער ניטגעזאָלצענער, ווי בא ייִדן פירט זיך, געבראָטענער לעבער, עס איבלט צומאָל, ניט פאר קיינעם געדאכט, ווען זײַן מאלקע אייסעקט זיך אין קיך מיטן פלייש, לייגט עס לעכאטכילע אף א האלבער שאָ אין וואסער ארײַן אף אויסצווייקן דאָס בלוט, דערנאָך באזאלצט זי דאָס און לאָזט עס ליגן אפן ברעטל א גאנצע שאָ, און שפעטער, אז פון דער זאלץ בלײַבט קיין זייכער ניט, וואשט זי עס, שווענקט אין דרײַ וואסערן, און ערשט שפעטער נעמט זי עס בראָקן מיטן האקמעסער, מאכט קאָטלעטן פון דער מילץ אָדער קאָכט זי מיט קארטאָפליעס. און אז עס הייבט שוין אָן שמעקן דער ראָסלפלייש, אָט דעמלט, נעבעך, מוז ער, באָרעך־אײַזיק, ווארטן, ביז דער הונגער נעמט ניט די אויבערהאנט איבערן עקל. דער טאָנעס זײַנער דויערט ניט לאנג — ווילסטו ארבעטן, דארפסטו האָבן דערעכערעץ צו דער אכילע. מאכמעס דעם טאקע פלעגט באָרעך־אײַזיק קאיאָר לויפן אין קלויז, ער זאָל באקומען רעכט פרי עסן — פארן דאוונען איז פארווערט. אלע סלאָוועשניער פלעגן טראכטן וועגן אים: עס שאריִעט ערשט, און ער איז שוין אף די פיס, אין וועג צום בעסמעדרעש, פרום, וואָס פרום הייסט. געוויס, פרום! וואָס דען, ניין? דאוונען איז באָרעך־אײַזיקן אויסגעקומען מערסטנטייל מיט די שטעטלשע באלמעלאָכעס — פלייצע צו פלייצע מיט א שנײַדער, מיט א קירזשנער אָדער מיט א שוסטער — מיט יענע, וועלכע האָבן, ווי ער, געדארפט אָנהייבן זייער ארבעטסטאָג אינדערפרי. צווישן זיי אין מיניען האָט זיך אויך געשאָקלט זײַן שטענדיקער מיטגייער — דער וואסערפירער. מיט אים פלעגט באָרעך־אײַזיק זיך אומקערן אהיים פון בעסמעדרעש, מיט פארגעניגן געהערט זײַן פילפארביקע פלאפלערײַ, האנאָע געהאט פון זײַנע שפאסן. אלע מאָל פלעגט דער לעץ ארויסברענגען א נײַעם וויץ, אויסטראכטן עפעס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, און באָרעך־אײַזיק האָט זיך געקאטשעט פון געלעכטער.

— רעב באָרעך־אײַזיק, זײַט זיך מאטריִעך, דערקלערט מיר, צוליב וואָס דארף א ייִד יעדן טאָג זאָגן הונדערט בראָכעס, און לערנט מיך אויס, איך בעט אײַך, ווו נעמט מען אזויפיל? — פרעגט גאנץ ערנסט דער וואסערפירער, בלויז אין די ווינקלען פון די ליפן איז באהאלטן א שמייכעלע. — יעדן טאָג מוז איך א פאָר טוץ אשעיאָצערס אָפדאוונען, ניט ווייניקער, קעדיי דעם אייבערשטן זײַנס דערלאנגען. זעכציק כאטאָים איז

גרינגער אָפּזוכן. מײַן פלוינעסטע שעלט מיך ביטער, איר קלעקט ניט קיין צײַט אף צונייען קנעפּלעך צום קראָק, כאָטש לאָז אים אף העפקער, פאַרשפּיליע ניט... ווען איך זאָל זײַן גאָט, וואָלט איך אלע בראָכעס אָפּגעשאפּן. נאָר פּוסטע כאלוימעס, די ווילט פירט דערווײַל ער, איך פיר וואסער.

באָרעך־אײַזיק גלעט שווײַגנדיק די באָרד, איז ניט אין קאס אף דעם וואסערפירערס גראָבקײַט. מיילע, צווישן זייביידן וועט עס בלײַבן.

— בא יעדן זײַנען גאָלדענע צאָרעס פאראן, — רעב באָרעך־אײַזיק, — זעצט פאָר פלוידערן דער וואסערפירער. — אָט גיי איך און ציטער, אז מײַן אישטע וועט מיך ווידער באגעגענען מיט אזא מישעביירעך, אז ווען דו זאָלסט אפילע ווען, וועסטו ניט אויסטראכטן אזעלכס. הערט זשע, רעב באָרעך־אײַזיק, און זײַט מיר ניט מעקאנע. נעכטן, נאָכן דאוונען, נאָך נעגלוואסער, רוף איך זיך אָן צו איר, צו מײַן ריפּ: „באווײַז, וואָס פאר אן אָנבײַסן האָסטו צוגעגרייט, גאָטסגעגעבענע!“ שווײַגט זי. כאזער איך איבער די פראגע. ווערט זי אין קאס, טוט א שאָס מיט אירע לאָמטערנס אזוי, אז ווען איך זאָל זײַן אן אנדערער, וואָלט איך, מיסטאָם, געפּלאצט אפן אָרט. „וואָס פארא פרישטיק פרעגסטו, גאזלען, האָב איך אָפּגעקאָכט פאר דיר? קאדאָכעס אין א קליין טעפּעלע, כוואָראָבע, עס געזונט“. האלט איך זיך ניט אײַן, קער איר אום דעם שמיץ: „פארוואָס אין א קליין טעפּעלע? וואָלסט געמעגט נעמען עטוואָס א גרעסערס, עס זאָל אויך דיר א ביסל פונעם דאָזיקן געקעכץ בלײַבן“...

גאָלדענע צאָרעס זײַנען בא באָרעך־אײַזיקן געווען גענוג אייגענע. ניין, מיטן ווײַב, מיט זײַן מאלקען, פלעגט ער זיך ניט קריגן, ווי דער וואסערפירער, יעדנפאלס, זייער זעלטן — ער האָט זי ליב געהאט, און זי אליין פלעגט זיך קיין נארישקײַטן ניט דערלויבן. שטרײַטן איז אים אָפּט אויסגעקומען מיטן ראָוו, מיטן שאמעס, אפילע מיט דער מאכט.

פארוואָס איז דער ראָוו באַרויגעז געוואָרן אף די סלאָוועשניער טוישווים, ווייסט קיינער ניט, נאָר איינמאָל האָט ער געהייסן ארויסווארפן דאָס גאנצע עסנווארג, וועלכע זיי האָבן אף פּייסעך אָנגעגרייט: דאָס שפּײַז איז קלוימערשט פארכאָמעצט געוואָרן איבערן ניטפּייסעכדיקן פּעפער, וועלכן זיי האָבן געברויכט. אָט אָ־דער באפעל וואָלט געקאָנט פארוויסטן, אינגאנצן רוינירן די שטעטלשע אָרעמשאפט. באָרעך־אײַזיק האָט זיך דרייסט אײַנגעשטעלט פאר די קאפּצאָנים.

— איך נעם דעם כעט אף זיך! — האָט ער געמאָלדן דעם ראָוו.

דער ראָוו איז אן אײַנגעשפּארטער געווען, אן אקשן, אָבער באָרעך־אײַזיק — ניט ווייניקער. און ס'האָט זיך פארקניפּט א געראנגל. דער ראָוו

טײַט מיטן פינגער אין סײפער אף א געזעץ, וואָס באַרעכטיקט זײַן פאָדערונג. באָרעך־אײַזיק ווײַזט אָן טאקע דאָרטן, ארײַנרוקנדיק אין די אויסיִעס זײַן ברײטע דלאָניע, אף א צווייט אָרט, וואָס זאָגט קאפויר. דער ראָוו זוכט אויס אנדערע באווײַזן, באָרעך־אײַזיק בלײַבט ניט קײַן באלכויוו, ער בלעטערט איבער, ווו עס איז נאָר מעגלעך, אלע הײליקע קסאָווים, געפינט, ציט ארויס פון דאָרט אזעלכע ווערטער, וואָס טײַטשן דעם דין קאפויר, און מע אמפערט זיך אזוי לאנג, ביז וואנען דער ראָוו איז סאָפקאָלסאָף בעאל קאָרכאָם געווען, איז מאסקים מיט באָרעך־אײַזיקן.

פארגלוסט האָט זיך דעם פריסטאוו, די ייִדן זאָלן טראָגן קוילען זייערע אויפעס ניט צו באָרעך־אײַזיקן אהיים, נאָר אין שעכט־הויז, דרײַ מײַלן ווײַט פון סלאָוועשניע. באָרעך־אײַזיק האָט ניט געפאָלגט און פאָרגעזעצט די שכיטע בא זיך אין שטאל. אײנמאָל האָט דער אוריאַדניק געפאקט באָרעך־אײַזיקן און געפרוווט אָפנעמען בא אים דעם כאלעף. באָרעך־אײַזיק אָבער האָט אים אָנשטאָט דעם כאלעף א דיקע רויטלעכע פײַג באוויזן. וואָס האָט געקאָנט טאָן דער אוריאַדניק? מיט גוואלד זײַנס דערווײַזן. באָרעך־אײַזיק האָט זיך צעבײזערט און אזוי א שטורץ געטאָן דעם אוריאַדניק, אז יענער האָט זיך אף די פיס ניט אײַנגעהאלטן און א פאָר מאָל זיך איבערגעקערט אף דער ערד. באָרעך־אײַזיק איז געווען א היציקער און א געפערלעך שטארקער אין צאָרן. פארביטערט איז דער אוריאַדניק אופגעשטאנען, שווײַגנדיק אוועק. דאָס אלץ איז אף כײַטשיקס אויגן פאָרגעקומען. שפעטער א ביסל, ווען ס׳איז קלאָר געוואָרן, אז דער אוריאַדניק האָט צונויפגעשטעלט א פראָטאָקאָל, האָט כײַטשיק אויך געזען, ווי דער טאטע איז א דערשראָקענער אוועקגעלאָפן צום גרעסטן אוישער פון שטעטל נאָך אן אײצע.

אז מע מוז ראטעווען דעם שויכעט, איז דאָך ניט שײַעך. א גאָלדן פינפערל איז פון גווירס האנט אין פריסטאווס קעשענע איבערגעגאנגען, און דער פראָטאָקאָל, וועלכן דער אוריאַדניק האָט צונויפגעשטעלט, איז נעלעם געוואָרן. ווען דער אוריאַדניק איז צום פריסטאוו געקומען מיט א טײַנע, לעמײַ ווערט דער שויכעט ניט באשטראָפט, האָט דער פריסטאוו אים אָפגעענטפערט:

— ביסט א טיפעש און פארשטייסט גאָרניט. אָן אײדעס איז דײַן פראָטאָקאָל בלויז א פאפירל, דערפאר האָב איך אים צעריסן.

א באלײדיקטער, איז דער אוריאַדניק אוועק קיין אָורוטש זוכן גערעכטיקײַט, זיך אָנקלאָגן דעם איספראווניק, אז דער פריסטאוו איז א כאבארניק. דער איספראווניק האָט צוגעשיקט אן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע.

באָרעך־אײַזיק איז טייקעף אַרויסגערופֿן געוואָרן אַף אַ פֿאַרהער:

— דעם פּריסטאַוו האָסטו כאַבאַר געגעבן?

די דאָזיקע פֿראַגע איז פֿאַר אים ניט קיין איבעראַשנדיקע געווען.

— כ׳האָב אים אין די אויגן ניט געזען, — האָט ער אַנטשיידן געענטפֿערט.

און טאַקע עמעס, ווײַל דאָס פֿינפֿערל האָט פֿונעם גווירס האַנט, ניט פֿון באָרעך־אײַזיקס, אין פּריסטאַווס קעשענע זיך איבערגעקליבן.

וועגן דעם, אַז באָרעך־אײַזיק האָט אַ שלײַדער געטאָן דעם אוריאַדניק אַף דער ערד, איז קיין רייד ניט געגאַנגען — דער אוריאַדניק האָט זיך געשעמט אַף דעם קלאָגן: סטײַטש, אַ זשיד, אַ פֿאַרכאַטער, האָט אים, דעם אוריאַדניק, אַ פֿײַנעם שטורך דערלאַנגט, באַזיגט, עס איז דאָך אַ בזיאָיען.

דער הויפּט־פֿאָרשער פֿון דער קאָמיסיע האָט געפּרוווט אָפּנאַרן באָרעך־אײַזיקן:

— בײַ מיר זײַנען דאָ איידעס.

באָרעך־אײַזיק האָט האַרטנעקיק געטײַנעט זײַנס:

— איך? איך האָב קיין כאַבאַר דעם פּריסטאַוו ניט געגעבן.

— פֿאַר ליגן זאָגן קומט טורמע. דאָס ווייסטו?

— כ׳קאָן שווערן מיט וואָס איר ווילט: איך האָב קיין כאַבאַר קיינמאָל קיינעם ניט געגעבן.

באָרעך־אײַזיקן האָט מען פֿונדעסטוועגן פֿאַרשפּאַרט אין קוטוזקע:

— דערמאָן זיך, באַקלער זיך. מע וועט דיך פֿונדאַנען ניט אַרויסלאָזן, ביז דו וועסט דעם עמעס ניט זאָגן.

באָרעך־אײַזיק האָט איבערגענעכטיקט אינעם קאַלטן פֿינצטערן פּריסטאַווס שטראָף־ביידערל. „די ערשטע נאַכט אין טפֿיסע איז ווי די ערשטע נאַכט אין קייווער“, — צו אַזאַ מין אויספֿיר איז ער געקומען.

אינדערפֿרי — דאָס זעלבע:

— האָסט זיך באַקלערט? זאָג דעם ריינעם עמעס!

— איר נייגט מיך, איך זאָל לײַגן?

— וועסט אַף קאַטאָרגע אין סיביר פֿאַרפֿוילט ווערן!

מע האָט געוואָלט אָנוואַרפֿן אַפֿן שויכעט אַ פּאַכעד. ס׳האָט זיך אָבער ניט באַקומען.

— אַזוי, הייסט עס? פֿאַרפֿוילט ווערן?! גוט. דערקלער איך ווידעראַמאָל — דעם פּריסטאַוו האָב איך ניט געזען, קיין כאַבאַר אים ניט געגעבן.

ווען די קאָמיסיע איז אַוועקגעפֿאָרן, האָט דער פּריסטאַוו געבעטן איבערגעבן דעם שויכעט, אַז וויפֿל ער וועט לעבן, וועט ער זײַן דאַנקבאַר אים, באָרעך־אײַזיקן.

פיל געשעענישן פונעם טאטנס לעבן האָבן זיך פאנאנדערגעוויקלט אין קלארע באָריסאָוונעס אָנוועזנהייַט, אָבער זי איז ניט אימשטאנד געווען אלץ פארשטיין. גרינג איז דאָס אויסערלעכע בילד באמערקן, אָבער דאָס אינווייניקסטע, דעם איקער זייַנעם באזיניקן — איז ניט אלע מאָל מעגלעך. ווען דער טאטע פלעגט מיט זיך אליין זיך ראנגלען, האָט קיינער אפילע ניט געקאָנט זיך אָנשטויסן, וואָס עס קומט פאָר.

איינמאָל האָט דער וואסערפירער געבראכט צו שלעפן אף א שטריקל זייַן קו — שעכטן. ווי שטענדיק, פריילעך, פלוידערנדיק. כייַטשיק האָט געזען און געהערט אלץ: אי ווי ער האָט דאָס שטריקל צום רינג אפן סלופ צוגעבונדן, אי ווי ער האָט געפלאפלט, שפעטער אפילע אריַינגעקוקט צום טאטן אין שטאל, ווו ער האָט מיט דער הילף פונעם וואסערפירער געארבעט, אָבער וואָס עס האָט דעמלט פאסירט צווישן זיי, האָט זי ניט געווסט. און ערשט אפן טויט־בעט האָט באָרעך־אייַזיק זיך מוידע געווען אין זייַן זינד.

קלארע באָריסאָוונע געדענקט גוט, אז דאן, אין שעכט־הויז, ווען די קו איז שוין מיט אן איבערגעשניטענעם האלדז און פארווונדערט אויסגעגלאָצטע, נאָר ניט אינגאנצן פארלאָשענע אויגן געלעגן, האָט דער וואסערפירער געזאָגט:

— רעב באָרעך־אייַזיק, איר זייַנט א מאלכאמאָוועסל...

ביז איצט, דוכט זיך, איז קלארע באָריסאָוונע איבעראשט פון אָט יענעם שוידערלעכן געדאנק, נאָר דעמלט איז זי ביכלאל פון שטוינונג פארגליווערט געוואָרן. דער וואסערפירער האָט שפילעוודיק פאָרגעזעצט:

— מע דארף פאר אייַך מוירע האָבן, רעב באָרעך־אייַזיק. א לעבעדיקן באלעכיַי ברענגט מען אהער, און איר לאָזט אים פון די נעשאָמע ארויס. דער מענטש איז דאָך אויך מער ניט, ווי א באשעפעניש, א מין באלכיַי...

אין עטלעכע מינוט ארום, ווען באָרעך־אייַזיק, פראוועַנדיק געניט די פליכטן פון א שויכעט, האָט אין טרעלבויך פונעם וואסערפירערס בעהיימע אומדערווארט א נאָדל געפונען, איז ער גרויליק צערודערט געוואָרן. נעוויַשע ווערטער האָט אָקאָרשט דער וואסערפירער ארויסגעבראכט: ס׳איז פאראן א גרונט מוירע האָבן פאר אים, פארן שויכעט, פארן מענטשן מיטן שארפן כאלעף, אליין ער, באָרעך־אייַזיק, האָט מיט מוירע געקוקט פונדערזייַט אף זיך, דעם מענטש מיטן כאלעף, געקוקט און געווארט, ווי וועט ער זיך איצט באגיין. פארלאָרן געווארט. איבער צוויי נעשאָמעס איינצייַטיק איז א סאקאָנע געהאנגען אף א דין הערעלע, אן אומפאָרזיכטיקע באוועגונג — און דער כאלעף וועט גלייַך זייַנס אופטאָן. די שווערקייַט פון דער לאגע איז באשטאנען אין דעם, וואָס איינע פון די צוויי

נעשאָמעס, ווי עס האָט זיך אפן ערשטן אויגנבליק געדוכט, וועט מוזן ווערן א מארטירערן, מיטאמאָל ראטעווען ביידע איז אומעג־לעך.

באָרעך־אײַזיק וואָלט געדארפט, אָנשטויסנדיק זיך אף דער נאָדל, טײַ־קעף פאסקענען, אז דעם וואסערפירערס בעהיימע איז א טרייפע. און ער וואָלט עס געטאָן, מיסטאם, ווען ער זאָל קיין הארץ ניט האָבן. טרייף פלייש איז זעקס מאָל ביליקער, ווי קאָשערס! און אויב אזוי, וועט דער וואסערפירער לײַדן אזא פארלוסט, אז עס קאָן אים פּאָשעט, כאסוועכאָ־לילע, ברענגען צו דעם, ער זאָל מוזן גיין איבער די הײַזער. בלויז באָ־רעך־אײַזיקן איז געגעבן די מעגלעכקײַט צו ראטעווען דעם וואסערפירער פון אזא צאָרע. און דאָס, וואָס ער, באָרעך־אײַזיק, און מער קיינער, איז בעקויעך ניט דערלאָזן אזא מין אומגליק, האָט אים געבראכט גרויסע ליידן. מאכן פון טרייף קאָשער דארף ער האָבן רעכט. דער שויכעט איז פאראנטוואָרטלעך קוידעמקאָל פאר גאָט און נאָכדעם פאר קאָהאָל — אים פארטרויט מען. מע קאָן זיך מאכן ניט וויסנדיק — סאָפקאָלסאָף וועט קיי־נער זיך ניט דערוויסן וועגן דער נאָדל. אָבער מיטן ריבוינעשעלוילעם וואָס טוט מען? דעם אייבערשטן וועסטו ניט אָפּנארן, פון זײַן אומדער־גרייכבארער הויכעניש זעט ער אלץ, וואָס עס קומט פאָר אף דער וועלט.

— רעב באָרעך־אײַזיק, איר זײַנט הי צי ערגעץ ווײַט פונדאנען? — האָט אים איבערגעשלאָגן די געדאנקען דער וואסערפירער. — עפּעס איז געשען?

— גאָרניט. גלאט אזוי.

— פונדעסטוועגן? איר זײַנט מעסוקן בלאָס...

באָרעך־אײַזיק קוקט אופמערקזאם אפן וואסערפירער:

— ס׳קאָן זײַן...

אָנגעשטרענגט בלעטערט דער שויכעט אין זיקאָרן די אָנגעזאמלטע דאָרטן פילצאָליקע פּסאָקים, זוכנדיק א פּאסיקן פאר דער נאָדל, וועלכע האָט זיך אין זײַן נעשאָמע מיטן שארפן שפּיץ ארײַנגעשטאָכן.

פיל געבאָטן איז מעגלעך אי אזוי, אי אנדערש פארשטיין, און באָרעך־אײַזיק וויל געפינען א שפּארונקעלע, פונוואנען עס זאָל זיך אײַנגעבן ארויסשלעפּן א דערלויבעניש מאכן קאָשער דעם וואסערפירערס קו. מיטאמאָל טוט ער זיך א פּאטש אין שטערן: יאָלד איינער, און פּיקועך נע־פעש איז אף וואָס?! פּיקועך נעפעש קאָן מען דאָך אויסטײַטשן, ווי אים, באָרעך־אײַזיקן, איז נייטיק! ווײַל וואָס באטײַט עס? דער טאָך פון אָט דעם דין באשטייט אין דעם, אז צוליב ראטעווען א מענטשן מעג מען אפילע איבערטרעטן די געזעצן, די סאמע הייליקסטע. ער, באָרעך־אײַ־

זיך, מוז ראטעווען דעם וואסערפירער פון ווערן בעדיל האדאל — האָט ער, באָרעך־אײַזיק, די רעכט איבערטרעטן די געזעצן, עמעס, ער פילט, אז דאָס, וואָס ער וועט טאָן, איז בעפיירעש שטרײַטבאר, אָבער קיין אַנ־דער ברײרע איז ניטאָ. דעם וואסערפירערס בעהיימע דארף זײַן קאָ־שער...

גאָט האָט דעם שויכעט ניט באשטראָפט, בלויז עפשער דערפאר, ווײַל באָרעך־אײַזיק, קעדיי דעם אייבערשטנס גנאָד ארויסרופן, איז נאָך יענעם פאל צוויי כאדאָשים נאָכאנאנד יעדן טאָג ביז טיף־נאכט באם טיש גע־זעסן — א סייפערטוירע געשריבן. אלע מאָל פארן אָנהייב פון אָט דער הייליקער ארבעט פלעגט באָרעך־אײַזיק וואשן פלײַסיק די הענט, ניט פּאָ־שעט נעגלוואסער אָפּגיסן, ווי געוויינלעך — מיט זייף גוט געריבן די דלאָ־ניעס און הענער, ביז די עלנבויגנס. ער פלעגט אויך זיך איבערטאָן אין ריינע בגאָדים, די האָר פארקעמען. יעדן אָוונט פלעגט ער א קאפּיטל אי־בערשרײַבן און, שרײַבנדיק, טראכטן, אז אָט, ער וועט די סייפערטוירע אין בעסמעדרעש איבערגעבן, מע וועט זי אלע שאבעס אין מעשעך פון א גאנץ יאָר לייענען קאפּיטלווײַז — יעדן שאבעס א פארשע, ביז סימ־כאסטוירע, ווען מע הערט אויס דאָס לעצטע קאפּיטל, מע קאטשעט אי־בער די סייפערטוירע און מע הייבט אָן לייענען אפסנײַ פון דעם ערשטן טײל. און ס׳קאָן זײַן, אז עמעצער וועט אים דערמאָנען: „ראבויסײַ, איר ווייסט, ווער די דאָזיקע סייפערטוירע האָט איבערגעשריבן? אונדזער שוי־כעט, רעב באָרעך־אײַזיק״.

צוויי פארשעס האָט דער שויכעט ניט באוויזן איבערשרײַבן: אפן שטעטל איז א סרייפע אָנגעפאלן.

קלארע באָריסאָוונע געדענקט, ווי די גאנצע מישפּאָכע האָט אײַלנ־דיק די בעבעכעס פון שטוב אין דרויסן געטראָגן — ווײַטער פונעם פײַער, נאָר די סייפערטוירע האָט דער טאטע געהייסן איבערלאָזן אינײנעם מיטן קאָמאָד, ווו זי איז געלעגן, בא אים אין קליינעם כיידער.

— גאָט וועט זײַן טוירע אָפּהיטן פון פלאם, — האָט ער געטײַנעט. — און אינײנעם מיט איר — אונדזער הויז.

ער האָט געגלייבט געטרײַ, נאָר זײַן האָפענונג איז געווען אן אומ־זיסטע: די שטוב איז פארברענט געוואָרן, און די ניט דערשריבענע סיי־פערטוירע — אויך, זי האָט אפילע איבערנעכטיקן אין אָרנקוידעש ניט באוויזן. אָט ווען באָרעך־אײַזיק איז ארײַנגעפאלן אין ייִעש. זײַן געוויינ־שאפט דענקען לאָגיש האָט אים אונטערגעזאָגט, אז עפשער איז עס גאָטס א סימען אים, דעם שויכעט: דער אייבערשטער איז ניט צופרידן, בייזערט זיך... אָבער דער אומרו־גײַסט בא באָרעך־אײַזיקן איז סײַווי ניט פאר־

לאָשן געוואָרן — געבליבן אזא, ווי געווען, געוועקט אין אים אזעלכע טאטן, וועלכע פלעגן ארויסרופן צאָרן בא יענע ייִדן, וואָס זײַנען פרומער געווען נאָך פונעם טשערנאָבילער רעבן אליין. זיי האָבן ניט געקאָנט איבערטראָגן, וואָס באָרעך־אײַזיק פלעגט טויוולען דאָס געפעס ניט אין דער מיקווע, ווי דער מינהעג פאָדערט, נאָר אין טײַך. זיי האָבן אים ניט געקאָנט פאַר־געבן, ווי באָרעך־אײַזיק דערציט זײַן טאָכטער ניט אזוי, ווי אלע ייִדן דערציִען זייערע טעכטער. סטײַטש, א שויכעט, א מענטש, וועלכער דאַרף באַווײַזן א בײַשפּיל פאַר אלע אנדערע, דערלויבט זײַן טאָכטער אזעלכע זאכן, וואָס מע טאָר בעשום־אויפן ניט.

איצט, ווען קלארע באָריסאָוונע קוקט זיך ארײַן אף צוריק, אין איר קינדהײַט, אין איר יוגנט, פרעגט זי זיך פארכידעשט, פארוואָס האָבן די סלאָוועשניער דייעזאָגערס אזוי געמוסערט דעם פאָטער צוליב איר? ער איז פאָשעט געווען א פאָרויסזעענדיקער מענטש, מער גאָרניט.

צי האָט דער טאטע אמאָל זיך געשפילט מיט איר, א קלייניטשקער, קאָן זי זיך ניט דערמאָנען. זי געדענקט בלויז, אז איינמאָל האָט ער זי פונדעסטוועגן געשמיסן. פארוואָס — קאָן זי זיך ניט דערמאָנען. איינמאָל האָט ער זי אָנגעשראָקן. ערעוו פייסעך איז עס געווען. נאָך דעם, ווען מע האָט אין שטוב אויסגעקאשערט אלע טישן מיט די טאָפּטשאנעס, דאָס געפעס, האָט דער טאטע אומדערוואַרט זי ארײַנגענומען אין זײַנע אָרעמס, מיט דער באָרד די בעקלעך א קיצל געטאָן און געזאָגט, אונטערוויִנקענ־דיק דער מאמען:

— נו, מאלקע, אצינד דאַרף מען אויסקאשערן כײַטשיקלס מויל...

— ניין, ניין! — קלינגט ביז איצט בא קלארע באָריסאָוונען אין די אויערן איר דעמלטיקער געשריי.

מער האָט דער טאטע זי קיינמאָל ניט געשראָקן, ניט געצווונגען עפּעס טאָן אזעלכס, וואָס איר איז געווען דערווידער. זי איז פרײַ געוואקסן. בא באָרעך־אײַזיקן אין שטוב פלעגט זיך צונויפקלײַבן די סלאָוועשניער יוגנט, פריילעך פארברענגען. טאקע אָט אָ־דאָס האָבן די פרומאקעס מער פון אלץ ניט געקאָנט מויכל זײַן דעם שויכעט. וואָס הייסט מיידלעך מיט ייִנגלעך צוזאמען?! א ניט געהערטע זאך! איינמאָל האָט מען אים אין מערכעץ, א נאקעטן, שיִר ניט געשלאָגן דערפאַר...

קלארע באָריסאָוונע האָט מיטאמאָל דערפילט, אז עס טוט איר קיין זאך ניט וויי. און זי האָט ווידער דערזען, וואָס עס טוט זיך פון יענער זײַט פענצטער: די גרין־צעפלאקערטע יונגע קליאָנען, דעם בלוי־גע־

פאַרבטן נידעריקן פּלויט, די פאַרהילטע אין גרינעם זײַד סעדער, די אײַזנבאַן־ליניע. דאָס אַלץ האָט זי ווידעראַמאָל פּלוצעם דערזען מיט פרישע אויגן. „עפשער איז עס נאָך מײַן וועלט?“ — האָט זי מיט האָפענונג אַ קלער געטאָן. און זיך פרײלעך דערמאָנט, וויאַזוי זי איז אַ לערערן געוואָרן.

פּאַסירט האָט עס, ווען זי איז אַלט געווען קנאַפּע פופצן יאָר, און שולדיק איז געווען דער סלאָוועשניער מעלאַמעד. אוועקפאָרנדיק נאָך פּאַרנאָסע אין אַ גוט פון אַ רײַכן אַרענדאַר אויף אַ לאַנגער צײַט — לערנען מיטן אַרענדאַרס באָכערים, האָט דער מעלאַמעד געוואָלט, אַז דאָס ווײַב זײַנס זאָל אים שרײַבן בריוו. אָבער יענע האָט אַפילע ניט געקענט זיך כאַסמענען. האָט זיך דער מעלאַמעד געווענדט צום שויכעטס טאָכטער, ווײַל אויב ניט זי, ווער זשע וועט זיך אונטערנעמען אויסלערנען דעם מעלאַמעדס אישטע שרײַבן? באָרעך־אײַזיק האָט דערלויבט, און כײַטשיק איז מאַסקים געווען. איינגיכן האָט די מעלאַמעדקע אוועקגעשיקט דעם מאַן איר ערשט בריוול.

אומקערנדיק זיך אַ באַגײַסטערטער פון דער פּאַרנאָסע־רײַזע, האָט דער מעלאַמעד געבראַכט צו פירן צום שויכעטס טאָכטער זײַנע צוויי קינדער — די עלטערע און די מיזינקע. די דאָזיקע מיידלעך זײַנען געוואָרן די ערשטע טאַלמידים פון כײַטשיקס כיידער.

פּונקט ווי אַ רעוואָליוציע האָט אויסגעבראָכן. ביז אהער האָט אין יענע קאַנטן קיינער ניט געהערט, קיינער ניט געזען קיין מיידלשן כיידער. ייִנגלשע כאַדאָרים, אַדעראַבע, אין יעדער שטעטל, אין יעדן ייִשעוו, וויפל דאָס האַרץ גלוסט. אָבער מיידלשע? אַ דונער מיט אַ בליץ, מיט אַ שניי־געוויטער אײַנעם וואָלט ניט אַזוי איבעראַשט סלאָוועשניע, ווי כײַטשיקס כיידער. עס האָט זיך געטאָן כווישעך אין שטעטל, נאָר איר כיידער, דער מיידלשער כיידער, ס׳קאָן זײַן דער איינציקסטער אין פּאָלעסיע, האָט זיך געהאַלטן פעסט...

12

קלאַרע באָריסאָוונע דערהערט מיטאַמאָל עמעצנס שטילע טריט, זי טוט זיך אַ קער מיטן גאַנצן גוף: צו איר דערנעענטערט זיך, שמייכלענדיק, די יונגע פּאַלאַטע־שכיינע.

— וווּ זײַנט איר עס געווען? — רופט זיך אָן דאָס מיידל, צורירנדיק

זיך צאַרט מיט דער דלאָניע צו קלאַרע באָריסאָװנעס אויסגעדאַרטן אַקסל און אַרײַנקוקנדיק אין אירע פאַרטרערטע אויגן.

— זײער װײַט פונדאַנען...

— כ'פאַרשטײ, דערינערונגען. ס'איז גוט, אַז מע האָט װאָס זיך דער־מאָנען.

— בעסער, אַז אַלץ איז נאָך פאָרויס, ניט אין דער פאַרגאַנגענהײַט, — זאָגט קלאַרע באָריסאָװנע און לאָזט זיך גײן צו דער פּאַלאַטע. — אַנטשול־דיק, איך מוז זיך צולײגן.

— כ'װעל אײַך העלפן, — האַלט אונטער איר עלנבויגן דאָס ברוינע מײדל.

— אַ דאַנק, די פיס טראָגן נאָך מיך דערװײַל.

אין פּאַלאַטע, שוין אויפן בעט, נעמט זי מיט ציטערנדיקע פינגער דאָס גלעזערנע סלאָיִקל קאָמפּאָט, װאָס בערעלע האָט געבראַכט, און מאַכט עטלעכע שלונג.

— קלאַרע באָריסאָװנע איז מיד, זי האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן װעג. — באַמערקט די יונגע שכײנע, — זי איז געװען באַ זיך אין דער יוגנט צו־גאַסט.

— און איך געדענק שוין ניט, װען איך בין אַ מײדל געװען, — זיפצט די עלטערע, — מיר דוכט זיך, אַז אַזוי בין איך געבוירן געװאָרן, גלײַך באַקומען אַ צוגאָב — דעם מאַן, אַ סטרעלאָטשניק אויף דער אײַזנבאַן. אָך, זײַנען מיר נימעס געװאָרן די קימפּעטן, די װיגעלעך, די פּעלישקעס. אַרויסגעװאַלגערט אַ טוץ קינדערלעך. פּרוּװ אַזאַ מין כאָפּטע אויסכאָװען, דערציִען! יעדערן אײן פּלעצל אין מויל — דאַרפסטו ניט װײניקער פון צװעלף! פון די געװעשן און פונעם ברויט באַקן טוען װײ די הענט ביז איצט. ברויט פלעג איך איבער אַ טאָג זעקס לעבלעך באַקן. דו װײסט, װאָס עס הײסט אַ דײזשע טײג אויסקנעטן?! און גרעט װאַשן איז אויך אָפּט אויסגעקומען, קײן איבעריקס איז ניט געװען — פון לײַב אין מול־טער. געלעבט!.. ניט װי מײַן שנורל — אויפן האַלדז באַם זון זיך אָװעקגע־זעצט, די פיס אַראָפּגעלאָזט און טרײַבט אָן...

די עלטערע שכײנע שװײַגט אַ ביסל, קוקט אויפמערקזאַם אויף דער יונגער:

— ביסט ניט קײן כאַסענע געהאַט. פאַרװאָס? אַ מאַן דאַרף מען האָבן. און ליבע אװאַדע...

— געהאַט שוין. איבערגענוג. אי אַ מאַן, אי ליבע. ניט קײן ליבע, עפּעס אַ מאַליאַריע מיט אַטאַקעס, מיט אָנפאַלן, אַ קאַדאָכעס, אַ טרײסלענ־דיקע קרענק.

— ס׳איז געוויס אַן אוולע. אַ פרוי אָן אַ מאַן און אָן ליבע איז ניט קיין פרוי.

— איר האַלט אויך אַזוי, קלאַרע באָריסאָװנע?

— וואָדען?! ליבע איז לעבן.

— איך קוק אויף אײַך און קלער, אַז איר זײַנט פון אַ פרעמדער פּלאַנעטע אַראָפּ אַהער, — רופט זיך בײַז אָפּ די יונגע שכנה. — אין הײַנטיקע צײַטן האָט די ליבע אַ קליינע ווערט. מענטשן גייען זיך צונויף און גייען זיך פונאַנדער, ווען עס איז נייטיק, אָן כאַרפּע, אָן בושה, אָן דערהויבענע געפילן.

— ווער זשע האָט עס דיך אַזוי באַליידיקט? — טוט זיך אַ הייב אויף די ערנבויגנס קלאַרע באָריסאָװנע. — וועמען קאָנסטו עס ניט מוחל זײַן?

— קוידעמקאָל זיך אַליין.

— דו טרײַבסט רעכילעס אויף זיך אַליין.

— ווער ווייסט? רעטעך איז ניט זיסער, ווי כריין. ליבע און האַס צאַפּט מען פון איין פאַס.

— יעדערער האָט אַ ברירה: אָדער זײַן אַ מענטש, אָדער ניין.

— ס׳איז ניט אַזוי פּאָשעט, קלאַרע באָריסאָװנע. נו, מילא, לאָמיר ריידן פון פריילעכערע זאַכן.

— פונדעסטוועגן איז מיר שווער צו באַנעמען, פאַרוואָס אַ מענטש באַרויבט זיך אַליין.

— אויב איר מיינט, אַז מיר איז עס קלאָר, האָט איר אַ טאָעס...

— ערגער זיך ניט, טײַערע מײַנע, דײַנס וועסטו באַקומען. אָבער מיט אַ טנײַ, זאָלסט ניט שטערן זיך אַליין, זײַ זיך ניט קיין סוינע.

— באַ וועמען פרעגן, ווו עס ענדיקט זיך דער סוינע, און ווו עס הייבט זיך אָן דער פרײַנט?

— גלייב, אַז אַלץ וועט זײַן גוט, דעמלט וועט אַלץ טאַקע זײַן גוט. — קלאַרע באָריסאָװנע הייבט זיך אַנטשיידן אויף און בלײַבט זיצן. — ווען איך בין נאָך אַ קאַלע געווען, איז מײַן קינפּטיקע שוויגער אַרומגעגאַנגען מיט אָנגעבלאָזענע ליפּן. וואָסי? איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פון אַזאַ פּיצל, ווי איך, וועט מען אויף קיין אייניקלעך זיך ניט דערוואַרטן. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך אויך מוירע געהאַט, נאָר כ׳בין זיך ניט מוידע געווען. כ׳האָב געגלייבט, און דערפאַר בין איך געווען באַוואָרנט, זיך אַליין איבערצײַגט, אַז כ׳בין געווען גערעכט.

— איר געדענקט נאָך אײַער כאַסענע, קלאַרע באָריסאָװנע?

— אַזעלכס פאַרגעסט זיך ניט.

— דערציילט, כ׳בעט אײַך, וועגן איר.

— ס'איז פאראן אזא ליד: „די באָבע דערמאָנט זיך, ליגנדיק אין בעט, ווי מע האָט איר דעם זיידן פאר א כאָסן גערעדט״. פונקט ווי פאר מיר אָנגעמאָסטן.

די כאסענע איז, ווײַזט אויס, פאָרגעקומען אין אן אנדער וועלט, עפּשער אף א ווײַטער פרעמדער פּלאַנעטע, פון וועלכער, ווי עס קלערט די יונגע שכיינע, קלארע באָריסאָוונע האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף דער ערד.

מיט איר איז עס פּאָרגעקומען, צי דאָס האָט פּאסירט מיט עמעצן אנדערש, און זי, קלארע באָריסאָוונע, זעט פּאָשעט א כאָלעם? מיט איר, מיט איר! זי ווייסט געוויס!

צווישן איר און יעהודען איז אין פּעטראָגראד געווען אָפּגערעדט, אז גלײַך ווי ער וועט זיך אומקערן פון ארמיי, ווערן זיי מאן און ווײַב. אָבער אוועקמאכן מיט דער האנט די אײַנגעשטעלטע מינהאָגים, איבערטרעטן זיי, האָט קיין האָזע בא זיי ניט געקלעקט. אין דעם זעלבן טאָג, ווען יעהודע איז געקומען אהיים מיט דער ביקס, וואָס איז געווען פארוויקלט אין א לײַוונט, איז א שאדכן געקומען צום שויכעט באָרעך־אײַזיקן.

די טנאָים זײַנען געמאכט געוואָרן בעקיצער. כײַטשיק און יעהודע האָבן עס ניט געדארפט, טאטע־מאמע אוואדע ניט, נאָר אי טאָרט, אי מאשקע, אי קיכלעך, אי מאָן־טייגלעך, אי שטרודל — דאָס אלץ איז, ווי געוויינלעך, געשטאנען אפן טיש. אלע נייטיקע רייד, אלע ווונטשן האָט מען דערבײַ ארויסגעבראכט און געבראָכן טעלער.

א גאנצע וואָך ביז דער כאסענע, די לעצטע וואָך, האָט אין אויוון געברענט. אין פלאם האָבן זיך געפורעמט פארשיידענע פּוכקע געבעקסן מיט צימרינג, מיט אײַנגעמאכטס, מיט ראָזשינקעס, דרײַעקיקע האָמענטאשן, האָניק־זעמלעך, געשוואָלענע לעקעכן, זיס, וואָס זיס הייסט — זאָל בא די יונגע זײַן זיס דאָס לעבן. די פליישיקע מײַכאָלים, טייגעכצן, געפילטע פיש — דאָס וועט מען א טאָג פאר דער סימכע באקן און קאָכן.

צוגרייטן פאר די געסט געפעס — טיפע טעלער, פלאטשיקע טעלערלעך, לעפל, גאָפל, מעסערס, גלעזער און שאָלן, בעכערלעך, קויסעס — איז אויך ניט קיין פּאָשעטע זאך.

כײַטשיקן האָט מען פון די קיך־זאָרגן באפרײַט, בא איר אין מיידלשן ביידערל איז געזעסן א שנײַדער — נײַע מאלבושים גענייט, און זי האָט דאָרטן באלעבאטעוועט.

שפּעט אין אָוונט ערעוו דער כאסענע איז די מאמע צו איר מיט א געשמאקער וועטשערע ארײַנגעגאנגען — זאט אָנהאָדעווען געפּרווט, עס זאָלן איר קלעקן קויכעס איבערטראָגן דעם מאָרגנדיקן טאָנעס, ווײַל אזא

אין דער מינהעג: די יונגע מוזן פאסטן פאר זייער כאסענע. כײַטשיקן אין דער ביסן אין מויל ניט געקראָכן.

די קלעזמער האָבן אָנגעהויבן שפּילן מיטיק־צײַט, גלײַך נאָך דעם, ווען אירע כאווערטעס האָבן זי, א פארשלייערטע אין ווײַסע קליידער, צוגע־פירט צום ברייטן שטול, וואָס איז געווען פון דרײַ זײַטן פארהאנגען מיט זויבערע לײַלעכער, און איבערגעלאָזט זיצן.

— מאזלטאָוו! מאזלטאָוו! מאזלטאָוו! — האָבן די כאווערטעס פײַערלעך ארויסגעבראכט.

קיין מאנצבלען זײַנען נאָך דאָ דערווײַל ניט געווען. זיי האָבן עטלעכע שאָ פארבראכט בא יעהודעס עלטערן אין שטוב.

נאָר אלץ האָט א סאָף. עס קומט די מינוט, און דער באדכן טוט א פליעסקע מיט די דלאָניעס און שרײַט אויס הילכיק:

— הויכגעשעצטע לײַט, איצט איז שוין צײַט זיך שטעלן אין א זײַט!

און אין איין אויגנבליק ווערט שאַ־שטיל. דער באדכן באפוילט:

— ווײַבער, באַזעצט די קאלע!

ביידע צדאָדים טיילן אויס די באיאָרטע פרויען, וועלכע שטעלן אוועק די שטול אינמיטן צימער, גייען צו צו דער קאלע, נעמען זי פון ביידע זײַטן אונטער די עלנבויגנס, קאלעס־צאד פון רעכטס, כאָסנס־צאד פון לינקס, און פירן פּאמעלעך, פאָרזיכטיק פאָרויס.

קלארע באָריסאָוונען דוכט זיך, אז דאָס איז ערשט ניט לאנג געשען, אזוי פריש איז אלץ אין זיקאָרן, אזוי פילנדיק ציטערט דאָס הארץ.

קלארע באָריסאָוונע קערט פלוצעם אָפּ דאָס פּאָנעם פון אירע פאלאטע־שכיינעס, זי וויל עפּעס זאָגן, נאָר צעכליפּעט זיך, וויינט, ווי דעמלט, יונגערהייט, ווען די ווײַבער האָבן אירע האָר צעלאָזט, און איטלעכע אין שטוב איז צו איר נאָענט צוגעגאנגען און אירע צעלאָזטע לאָקן אָנגערירט, זיך געזעגנט מיט זיי — מאָרגן וועלן זיי שוין ניט זײַן, מאָרגן וועט מען זיי אָפּשערן, ווי בא יעדער כאסענע געהאטער. און פונקט ווי דאן די געסט אף דער כאסענע, האָבן איצט קלארע באריסאָוונעס פאלאטע־שכיי־נעס זיך צעיאָמערט אינאיינעם מיט איר.

די ערשטע האָט אָפּגעווישט מיטן האנטעך דאָס פארוויינטע פּאָנעם קלארע באָריסאָוונע. ס׳קאָן זײַן, אז איר איז געווען גרינגער, איידער די שכיינעס, אָפּטרייסלען פון זיך די שווערע געדאנקען, ווײַל אין דער רעגע איז פאר אירע אויגן אופגעשווומען איר יונגער יעהודע, איר געטרײַער איבערגעשראָקענער כאָסן מיט גרויסע, ברייט־צעעפנטע אויגן, ווי דעמלט אף זייער כאסענע.

13

ווען דער ראָוו האָט דערלאנגט יעהודען א גרויסע זײַדענע פאטשיילע, מיט וועלכער דער כאָסן האָט געדארפט פארדעקן דער קאלעס קאָפּ, איז יעהודע ווי פארשטיינערט געוואָרן, האלטנדיק דעם זײַדענעם טוך אין די הענט. פאסירט האָט עס, ווי ער האָט זיך שפּעטער מודע געווען פאר איר, ווײַל ער האָט זי ניט דערקענט: איר פּאָנעם איז געווען פאר אים מעשו־נעדיק, אומגעוויינלעך נײַ, נײַגעריק, לעכצנדיק. זײַן דעמלטיקע בעהאָלע האָט זיך אַף שטענדיק פארקריצט אין הארצן, אָבער נאָך פאר דעם, ווי זי האָט אים דערזען אָן איבערגעשראָקענעם, איז זי אליין אויך געווען שטארק צעטומלט. וויאַזוי עס קומען פּאָר כאסענעס, איז פאר איר קיין סאָד ניט געווען. אָבער אליין דאָס איבערלעבן איז גאָר אַן אנדער זאַך. ס'איז א סאך לײַכטער צו קוקן, ווי די ווײַבער קושן זיך מיט דער באַ־זעצטער קאלע, זען, ווי זיי צעפלעכטן בא איר די צעפּ, שלעפּן ארויס פון איר פארקעמטן קאָפּ די האָרנאָדלען, שעפּטשען קאָלערליי ווונטשן:

— א לײַטיש ווײַב זאָלסטו זײַן!

— א פרומע! אַן ערלעכע!

— וויפל אַף די הענט פינגער, אזויפיל זאָלסטו האָבן קינדער...
און אָט שטעלט זיך אוף אַף א בענקל דער באדכן:

קאלעניו, קאלעניו, וויין,
סע וועט שוין מער ניט זײַן, וואָס ס'איז געווען.
דײַנע יונגע יאָרן גייען אוועק —
דו שווימסט שוין צו צו א פרעמדן ברעג...

די קאלע הערט דאָס קלאָגעוודיקע קאָל פונעם באדכן, ווי אין א פאר־נעפּלטן כאָלעם. זי דארף ניט זען, ווי מע באזעצט דעם כאָסן. די זײַדענע פאטשיילע, וואָס דער ראָוו האָט אָקאָרשט אים אין די הענט ארײַנגעלייגט, פארלעשט די שײַן אין אירע אויגן, פונקט ווי זי וואָלט אינדערעמעסן געדארפט פון אָט דער רעגע אָן ווערן א בלינדע: בלינד לעבן, בלינד זײַן געטרײַ דעם מאן, בלינד גלייבן, בלינד לײַדן... עפּשער דערפאר טאקע, וואָס די יידישע פרויען פלעגן גלייבן בלינד זייערע מאנצבלען, זײַנען די מישפּאָכעס געווען אזעלכע פעסטע, דויערהאפטע.

— מיר דאכט, אז אויך איצט זײַנען די יידישע מישפּאָכעס שטאר־קע, — זיפצט טיף די יונגע שכיינע.

— כ׳ווייס ניט, — זאָגט קלאַרע באַריסאָוונע פּאַרקלערט. — אַלץ האָט זיך איבערגעמישט. מײַן זון האָט קיין כאַסענע ניט געפּראַוועט. בא זײַנע עלטערן קיין דערלויבעניש אַף אַ קנאַסמאָל ניט געבעטן...

— פאַרוואָס אַזוי?

— מיסטאַם מײַן שולד.

— איר זײַנט אַ שלאַק אַ שוויגער?

— ניין, כאַסוועכאָלילע. אַ נאַר. מער גאָרניט. און דאָס קאָן איך זיך ניט מויכל זײַן.

פּיל יאָרן פלעגט קלאַרע באַריסאָוונע מיט אַ טרויעריקן שמייכל קלערן און אַמאָל אויך וויצלען זיך צווישן די אייגענע, אַז אַף איר כאַסענע איז אַלץ איר געווען צוגעוווּנטשעוועט — כוץ אַ גוטער שנור. שפּעטלעך האָט זי פאַרשטאַנען, סאַראַ אוולע דאָס איז געווען. קיין שום כאַטאָים קאָן מען אַף לענען ניט אָנהענגען, אַפּילע קריך פון דער הויט אַרויס. דערפאַר נאָר אַליין, וואָס זי האָט אַף בערעלען געוואָרט די גאַנצע מילכאָמע, און נאָכדעם — ביז וואַנען ער האָט געוואַלגערט ביימער אין טאַגילער וואַלד, פאַר דעם בלויז אַליין דאַרף מען זי אַף די הענט טראָגן.

די דיקע עלטערע פּאַלאַטע־שכיינע האַלט ניט אויס, מישט זיך אַרײַן מיט איר באַמערקונג:

— זעלטן־ווען אַ שנור געפעלט דער שוויגער.

אַ מאָדנע שטילקײַט פיזעט ווידער אַרײַן אין פּאַלאַטע. אין אָט אָ־דער שטילקײַט דערפילט יעדערע פון די דרײַ פרויען, ווי זיי זײַנען פונדעסט־וועגן איינזאַם איבנײַנעם.

אָבער קיין פולע איינזאַמקײַט אַף דער ערד איז ניטאָ. דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט מיטן מענטשן, בלײַבט מיט אים, ער טראָגט שטענדיק אין זיך אַ גאַנצע וועלט, און אַלע מאָל, צי וויל ער, צי אַפּילע אָן זײַן האַסקאָמע, רײַסן זיך אַרויס פון אינווייניק הילכיקע קלאַנגען פון יענע ווירבלס, וועל־כע האָבן אים געטראָגן.

קלאַרע באַריסאָוונע וואָלט, ווײַזט אויס, געוועזן גערן, צו פאַרלעשן אירע זיכרוינעס, ווײַל זי פילט שוין, ווי עס דערנעענטערט זיך דער קלעם פון אירע ווייטעקן, אָבער אָפּשטעלן זיך איז אוממעגלעך. און זי דערמאָנט זיך, אַז נאָך ביז דעם, ווי די זײַדענע פּאַטשיילע האָט פאַר־בלענדט אירע אויגן אַף דער כאַסענע, באַווײַזט זי דערזען, ווי אַף איר יעהודען טוט זיך אַ שיט אַ שניי־פּאַל פון פילפאַרביקע פּאַפּירלעך, דריבּ־נע, ווי האָפּן, זי באַווײַזט אויך דערזען דעם באַדכן מיטן ציגן־בערדל, וואָס איז פאַריסן צו דער סטעליע, און הערן, ווי ער שרײַט באַפוילנדיק, הייזע־ריקלעך:

— אלטע ווײַבער, בענטשט דעם כּאָסן!

און די פרויען ענטפערן, אלע צוזאמען, פילקאָליק:

— זאָל אים גאָט בענטשן, ער זאָל ניט דארפן אָנקומען צו מענטשן...

דעם גאנצן וועג אראָפּ־בארג, פונעם טאטנס שטוב ביזן הויף פונעם בעסמעדרעש, ווו עס איז שוין געשטאנען די כופּע — פיר הויכע שטעקנס און א סאמעטענער צודעק אף זיי, — אָט דעם לאנגן וועג האָט מען זי, כײַטשיקן, אונטער די הענט געפירט. איר רעכטן עלנבויגן האָט געהאלטן דעם טאטנס כאווער — דער וואסערפירער. ביז די קלעזמער האָבן געצויגן זייערע לאנגזאמע אומעטיקע ניגונים — די פידלער אף זייער אויפן, דער קלארנעטיסט אף זײַן לאד, דער קאָנטראבאס — זיפצנדיק, הויך, הילכיק — דער טרומפייטער, דער פײַקלער אויך אזוי, — איז דער וואסערפירער געגאנגען לעבן כײַטשיקן א שטומער. נאָר אין די קליינע איבעררײַסן, ווען די מוזיקאנטן פלעגן אופהערן שפילן, האָט ער געשעפּטשעט דער קאלע איינס און דאָס זעלבע: זאָל זי פארגעדענקען, אויב זי וויל זײַן אין דער מישפּאָכע דער רעדלפירער, זאָל זי, לעמאַנהאשעם, אונטער דער כופּע ארופטרעטן מיט איר פוס אף דעם כאָסנס שטיבלעט — ס'איז אן אלטער זיכערער צייכן, אלע קאלעס סטארען זיך דאָס טאָן.

כײַטשיק איז אָבער געווען אזוי אופגערעגט, אזוי פארקישעפט מיט דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, אז ביז זי איז צום בעסמעדרעש דערגאנגען, האָט זי פארגעסן פונעם וואסערפירערס אייצע. און עפּשער גאָר דערפאר האָט זי דעם וואסערפירערס אייצע פארגעסן, ווײַל אפן קלויזהויף, ווען די אונטערפירער האָבן, ווי דער מינהעג פאָדערט, זייערע ערטער בא דער קאלע אָפּגעטראָטן דעם טאטן מיט דער מאמען, האָט זיך די זײַדענע פאטשיילע אף כײַטשיקס קאָפּ פלוצעם צעבונדן, און כײַטשיק, האגאם מיט עטוואָס פארבלענדטע פון דער העלער שײַן אויגן, האָט דערזען צווישן די פיר הויכע שטעקנס אונטערן סאמעטענעם לײַוונט, צווישן דעם הײַפל בערדיקע מאנצבלען אין לאנגע קאפּאָטעס, איר כאָסנס פארלאָרן, צערויטלט פּאָנעם. די אייבערשטע ליפּ האָט געציטערט, גרויסע, ווי פינקלענדיקע ארבעסלעך, טראָפּנס שווייס האָבן זיך געקײַקלט איבער די שווארצע, קורץ אונטערגעשאָרענע וואָנצעלעך. דערזעענדיק איר יעהודען אזא צעטומלטן, האָט כײַטשיק זיך דערמאָנט, וואָס דער וואסערפירער האָט איר געייצעט, און איז געוואָרן בײַז אפן אייצעגעבער: ניין, זי וועט יעהודען ניט פארשאפן קיין שלעכטס — אפן פוס וועט זי אים ניט אָנטרעטן. שפּעטער האָט זי קיינמאָל ניט באדויערט איבער דעם. דאָס אייבערשטע פון שטייסל אין זייער מישפּאָכע האָט איר יעהודע סײַווי ניט געוואָלט ווערן. ניט געשטערט איר באלעבאטעווען. עמעס, אפן העסע־בעט באם

פראווען דעם פייסעכדיקן סיידער, איז ער געווען דער ראָש־ווערישן, ווי דער מינהעג פירט זיך, און ניט מער.

קלארע באָריסאָווגע נעמט ארום מיט אירע דינגעוואָרענע הענט די אויסגעדארטע אקסלען, זיצט עטלעכע רעגעס אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. נאָכ־דעם טוט זי אַ פרעג:

— מיידלעך, מײַן דראָשע איז נאָך אײַך ניט נימעס?

— ניין, ניין.

— דערציילט ווײַטער, ביטע.

— איך האָב געמיינט, אז אײַך איז שוין דערווידער. עלע ניט, וועל איך פאָרזעצן. דער האָן קרייט אפילע אינעם שויכעטס הענט...

קלארע באָריסאָווגעס שכיינעס הערן אינדערעמעסן מיט נײַגער. אירע זיכרויגעס צעעפּענען דעם פאָרהאנג פון אן אומבאוווסטן פאר זיי לעבנ־שטייגער, פון אזא מין ווינקל זײַנעם, וואָס איז שטענדיק צוצ׳ענדיק פאר פרויען. ביידע, די יונגע — מיט בלימלענדיקע אויגן, און די עלטערע — פארכאָלעמט, לאָזן ניט דורך קיין איין וואָרט, אלץ איז זיי אינטערעסאנט: אין וואָס פאר א קלייד איז קלארע באָריסאָווגע צו דער כופּע געגאנגען, ווי׳אזוי איז געווען אָנגעטאָן איר באשערטער, און ביכלאל — ווי׳אזוי האָט זי זיך געפילט, שטייענדיק אונטער דער כופּע...

אונטער דער כופּע איז כײַטשיקן געווען ניט איינגאנצן באקוועם, אומעטיקלעך בייס דער באדכן האָט געלייענט מיט זײַן קלאָגעווודיק קאָל דעם כאסענע־קאָנטראקט. דאָרט איז געזאָגט געוואָרן, אז יעהודע־זייוו בערעב אריע־יויסעף נעמט אף זיך פרײַוויליק אלע היסכײַיוועסן פון א מאַן, און קוידעמקאָל די פליכט צו נערן און דערהאלטן זי, איטע־כײַען, און אויב ער, יעהודע־זייוו, וועט וועלן זי געטן, וועט ער מוזן איר אויס־צאָלן א געוויסע פויטעקע... נאָך פיל באדינגונגען זײַנען אינעם קאָנטראקט געווען פארשריבן, נאָר איינס — א קלייניקײַט! — האָט מען פארגעסן ארײַנטראָגן: וועגן ליבע, וועגן טרײַשאפט, וועגן איבערגעגעבנקײַט. און דאָס וואָלט, ווי זי פארשטייט, געדארפט זײַן דאָס וויכטיקסטע אינעם כאַ־סענע־קאָנטראקט, ווײַל עס איז דאָך דער סאמע איקער! ווען יעהודע איז געשטאנען קעגן איר מיטן קדושן־פינגערל, וועלכן עס האָט אים דער־לאנגט דער ראָוו, און הילכיק, מיט פרייד איבערגעכאזערט פאר איר זײַן פראגע, וואָרט נאָך וואָרט, יעדעס באזונדער:

הארײ אט — צי דו
מייקודעשעס — געהערסט
לי — מיר

בטאכאס — מיטן פינגערל —
זו? — אָט דעם?

דערפאר האָט זי, כּײַטשיק, בלויז מיטן קאָפּ א שאָקל געטאָן, אז יאָ, זי געהערט אים, און שווײַגנדיק אויסגעשטרעקט דעם טײַט־פינגער פון דער רעכטער האנט.

יעהודע האָט פלינק אָנגעטאָן אף אים דאָס פינגערל, אָבער איר שטימונג — זי האָט געשוויגן מיט פארפרעסטע ליפּן און איר האנט איז געווען אײַז־קאלט, בייס ער האָט זיך צוגערירט צו איר באם אָנטאָן דאָס פינגערל, — האָט זיך אים איבערגעגעבן, און ביידע זײַנען זיי טרויעריקלעך געשטאַנען אונטער דער כופּע, ביזוואַנען דער ראָוו מיט א קויסע ווײַן אין האנט האָט זײַן בראָכע געזאָגט: „א דאנק דיר, גאָט, עלעהיינישו באשאָמאִים, וואָס דו האָסט פארייניקט די דאָזיקע יונגעלײַט, זאָל שאלן דאָס קאָל פון פרייד, דעם כאָסנס קאָל און דער קאלעס קאָל, זאָל יאָמטעוו זײַן!”

צי דעם ראָווס בראָכע האָט כּײַטשיקס לוסט אופגעוועקט, צי זי איז פריילעך געוואָרן, ווײַל דער ראָוו, אָפּטרינקענדיק א שלוק ווײַן פונעם גלעזערנעם בעכער, האָט באַנעצט בייסמײַסע זײַן געקרײַזלטע באָרד און מעכײַעדיק א טשמאָקע געטאָן, אָדער דערפאר, ווײַל אויך יעהודען — דעם כאָסן, דער מינהעג הייסט אזוי, און איר, דער קאלע, האָט דער ראָוו אונטערגעטראָגן אין קעלישעק די מאשקע, וועלכע ער האָט אָקאָרשט אליין פארזוכט, און זיי, צוערשט יעהודע, און נאָכדעם זי, האָבן אויך, ווי דער ראָוו, זיך צעטשמאָקעט, — אזוי צי אזוי, נאָר ווען דער ראָוו האָט דעם קעלישעק אף דער ערד צו אירע פיס א וואָרף געטאָן, האָט כּײַטשיק, ווי עס פאָדערט זיך אין דעם פאל, שוין פריילעך, לוסטיק, עטלעכע מאָל געטאָפּטשעט מיטן אָפּצאס דעם בעכער, צעברעקלט אים אף דריבנע שפּליטערס.

צוריק פון דער כופּע פירט מען די קאלע נאָך מיט פארמאכטע אויגן. באַנאנד מיט איר האָט געשפּאנט יעהודע, שוין ניט קיין כאָסן, נאָר א מאן. זיי גייען דורכן גאנצן שטעטל. און דאָס גאנצע שטעטל באגעגנט און באגלייט זי, פון ביידע זײַטן וועג — ווונטשן און מאזלטאָוון. פאָרויס גייען די מוזיקאנטן, איצטער שפּילן זיי שוין ניט טרויעריקע, נאָר פריילעכע ניגונים, מיטן זייער מילדן „מארש פּוטיעיעווסקי”, וואָס האָט זיך דערנאָך אפן גאנצן לעבן פארגעדענקט יעהודען, ער פלעג אָפט אים מורמלען פאר זיך. שפּעטער האָט זיך יעהודע דערוווסט, אז אָט דעם מארש האָט פארפאסט יאָהאן שטראוס און אים אָנגערופן „פּערסישער

מאַרש", נאָר דעמלט, אַף זייער כאַסענע, אין דער אינטערפּרעטאַציע פֿון די ייִדישע קלעזמער, האָט דער מאַרש געהייסן „פּאָטיעיעווסקי" — און אַזוי האָט ער געהייסן סײַ בא יעהודען, סײַ בא איר, כײַטשיקן. אַ טאָג ערעוו זײַן פּלוצעמדיקן טויט, האָט יעהודע, קוקנדיק אַף איר מיט בענקענדיקע, פֿײַכטע, מאָדנע פֿינקלענדיקע אויגן, דאָס לעצטע מאָל דערהויבן און טרויעריק געמורמלט אָט דעם מאַרש. זי האָט זיך אויך אַרײַנגעצויגן, אונטערהאַלטנדיק אים, און ביידע זײַנען זיי ווידער יונג געוועזן.

קלאַרע באָריסאָוונעס שכיינעס האָבן זיך ניט פֿאַרוווּנדערט, ווען זי האָט אומדערוואַרט זיך צעזונגען. אַרויסגעבראַכט האָט זי, דוכט זיך, אַ באַקאַנטן ניגן, זיי האָבן אָבער ניט געוווּסט, אַז דאָס איז יאָהאַן שטראַוסעס „פּערסישער מאַרש"... אָט דער ניגן פֿלעגט שטענדיק איר העלפֿן בײַקומען קאָלהאַמינים נויטן און אומגליקן.

מיטן „מאַרש פּאָטיעיעווסקי" האָבן די קלעזמער געבראַכט כײַטשיקן פֿון דער כופּע אַהיים, אָבער מיטאַמאָל, ניט ווײַט פֿונעם טאַטנס שוועל, זײַנען זיי אַנשוויגן געוואָרן, איבעררײַסנדיק דעם ניגן, ווײַזט אויס, ספּעציעל צוליב דער קאַלע. זי זאָל קאָנען דערהערן, ווי אַלע שרײַען צו איר:

— מיט דעם רעכטן פֿוס! מיט דעם רעכטן...

פּונקט אַזוי האָבן די קלעזמער איבערגעריסן זייער שפּילן לעבן בעסמעדרעש, פֿאַר דער כופּע, ווען פֿון אַלע זײַטן האָט זיך צו כײַטשיקן דערטראָגן:

— מיטן רעכטן פֿוס!

„אַלע מיט דעם לינקן, מיר — מיט דעם רעכטן", — האָט זי איצט אַ טראַכט געטאָן, נאָר ניט אַרויסגעזאָגט פֿאַר די שכיינעס אירע אין פּאַלאַטע.

די שכיינעס האָבן אַפֿילע ניט געלייגט קיין אַכט אַף דער קלייניקײַט פֿון קלאַרע באָריסאָוונעס כאַסענע־צערעמאָניאַל. זיי האָט מער אינטערעסירט, וואָס פֿאַר אַ סודע האָט געוואַרט אַף די געסט? מיט וואָס איז מען זיי מעכאַבעד געוועזן?

פֿאַרשטייט זיך — מיט טראַדיציאָנעלע מײַכאָלים: מיטן עסיקפֿלייש, וועלכן כײַטשיקס מאַמע, מאַלקע, איז געוועזן אַ בעריע קאָכן, געפֿילטע פֿעפֿערדיקע פֿיש, אַ גאָלדענע יויך, געגדזענע גריוון, העלדזלעך, געפֿילטע מיט אַ געמיש פֿון געהאַקטן פֿלייש, רײַז, מעל, קנאָבל, צימרינג און קעדוימע אַזעלכע פּראָדוקטן. אַף די טישן זײַנען געשטאַנען טעלער מיט געריבענעם רעטעך, בלוילעכן כריין אין צוגעדעקטע קריגעלעך — ער זאָל זיך ניט אויסוועפּן. און, געוויינלעך, צימעס, פּאָלירטשיקעס, קרעפּלעך.

הײַנט געבעקס — וואָס נאָר דאָס האַרץ פאַרלאַנגט: פלאָדן, שטרודלען, קנישעס, האָמענטאַשן, קיכלעך, האָניק־קניידלעך, מאָן־טייגלעך, שוין אָפּגערעדט פֿון לעקעך. ס'איז געווען אויך קאָלערליי מאַשקע: בראָנפן, ביר, וועלכן דער מאַמעס טאַטע, כײַטשיקס זיידע, א מעכאַניקער אין ליפּניקער גוראַלניע, האָט געבראַכט צו פירן קיין סלאָוועשניע עטלעכע פעסער. זיסע קאָמפּאָטן זײַנען אויך געווען: טרינקט, ווײַבער, און האָט פאַרגעניגן...

ביזוואַנען די געסט זײַנען אַרום די טישן געזעסן, מיט לעפל־גאָפּלען געהאָרעוועט, האָט דער באַדכן ניט געדרעמלט, נאָר זײַן קאָל איז שוין מער ניט קלאָגעוודיק געווען. שטייענדיק אַף א שטול, האָט ער מונטער, הויך געקנאַקט:

— כאָסנס־צאַד, דראָשע־געשאַנק!

און כאָסנס־צאַד האָט באַוויזן, אַף וואָס ער איז פייִיק.

— קאַלעס־צאַד, דראָשע־געשאַנק!

די קלעזמער שפּילן א „וויוואַט" אַלע מאָל, ווען אַפן מאַטאָנע־טיש באַווײַזן זיך די פּרעזענטן. און א מער דויערנדיקער „וויוואַט", ווען דער באַדכן מעלדעט:

— דעם כאָסנס און קאַלעס פרײַנט טראָגן אונטער א געמיינזאַמען געשאַנק: א דעמבענעם גאַרניטור, צוויי בעטן, א שאַפע, א טיש, א סאַמאָוואַר־טישל, זעקס געשניצטע שטולן...

כײַטשיק טוט א שמייכל, ווען זי דערמאָנט זיך, אַז אַדהײַעם שטייען אַפן פּריוואָלנע־געסל דאָ, אין קאַזאַן, די סלאָוועשניער בענקלעך פון אייביקן דעמב, וועלכע כײַטשיק און יעהודע האָבן זיך ניט געפוילט פירן מיט זיך אומעטום.

צי האָט מען אַף דער כאַסענע געטאַנצט? ביז דער כופּע — ניין. ערשט נאָך דעם דראָשע־געשאַנק.

טאַנצן מיט דער קאַלע איז געווען א באַזונדערער קאָוועד — ניט אַלעמען האָט עס געלונגען, בלויז די הויכגעשעצטע געסט.

די מאַנצבלען האָבן געטאַנצט מיט דער קאַלע, האַלטנדיק אין האַנט א נאָזטיכל; צורירן זיך צו דער קאַלע, אפילע צו איר דלאָניע, האָט מען ניט געטאָרט. אַזוי, איין עק נאָזטיכל בא דער קאַלע, דער צווייטער עק — באַם גאַסט, האָט מען זיך געדרייט אַהין און צוריק, אַף רעכטס און אַף לינקס אין א קאָשער־טאַנץ צי אין א באַרויגעז־טאַנץ. די ניגונים, וואָס די קלעזמער האָבן געשפּילט דערבײַ, זײַנען זייער געווען געגליכן צו דער מוזיק פון „אָסקאָלדס קייווער" און פון אָגינסקיס פּאָלאָנעז.

יעדער גאַסט האָט געקאָנט באַשטעלן בא די קלעזמער א שער, א פריילעכס, א קאַראַהאָד. געטאַנצט האָט מען א גאַנצע נאַכט — קליין און

גרויס, יונג און אלט. אף מאָרגן האָט מען ווידער געטאנצט — אפן שלייער־ווארמעס באם כאָסנס עלטערן.

קלארע באָריסאָוונע וויל נאָך דערציילן אירע שכיינעס, וואָס עס איז אזוינס קעסט און אז איר יעהודע האָט אף קעסט ניט געדארפט גיין — צו יענער צײַט איז ער שוין א זעלבשטענדיקער פארדינער געוואָרן, א כעזשבנפירער בא איינעם א פּאָלעסיער וואלד־סויכער. נאָר ווידער כאפּן זי ארום אנגסטן. פארפרעסנדיק די ציין, פארמאכט קלארע באָריסאָוונע די אויגן און טוליעט זיך צו צום קישן.

14

דער דרעמל האָט זי פארהילט אין א פוכיקן נעפּל, אָבער ניט אף לאנג, בלויז אף עטלעכע מינוט. אין שלאָף האָט קלארע באָריסאָוונע געגראָבן ערד, שווער געהאָרעוועט, טאקע בא זיך אין גאָרטן, ניט ווײַט פון עם פּלויט, וווּ עס זײַנען געוואקסן די מאלינעס, וועלכע זי האָט פארפלאנצט פאראיאָרן. אף איין צווײַגל הענגט א היפּשע רויטע יאגעדע, אראָפּנעמען זי — איז געגוג די האנט אויסציִען. די אראָפּגעריסענע מאלינקע גליטשט זיך ארויס פון האנט. קלארע באָריסאָוונע קלערט: „דאָס איז א באווײַז, אז עס רוקט זיך אָן א צאָרע... פאלט עפּעס ארויס פון דער האנט — ווארט אף אן אומאָנגענעמלעכקײַט”.

דער פארדראָס וועקט אוף קלארע באָריסאָוונען. פּאמעלעך זעצט זי זיך אוועק אין בעט, שלעפּט ארויס פון אונטער דער קאָלדרע די פיס, קריכט ארײַן אין די שטעקשיך, זיפצנדיק דערבײַ:

— אויגן מײַנע, אויגן, פארוואָס שלאָפט איר ניט?

די שכיינעס באטראכטן זי. אך, ווי עס פאָרט זיך ניט אָט אָ־די קוואָרע אויסגעמאטערטע פרוי מיט יענער, וועלכע מע האָט נאָרוואָס צו דער כופּע געפירט...

קלארע באָריסאָוונע הייבט זיך אוף, גייט ארויס פון דער פּאלאטע.

אין קאָרידאָר באמערקט קלארע באָריסאָוונע א יונגנמאן מיט זייער א באקאנטן אָנגעשטרענגטן בליק. דערמאָנען זיך, ווער עס שטייט דאָ, איז איר געלונגען ניט גלײַך. נאָר איינגיכן ווערט איר קלאָר, ווועמען זי זעט פאר זיך. ווען אָט אָ־דער שעד וואָלט זיך באוויזן בא איר אין שטוב אפן פּריוואָלנע־געסל, וואָלט זי אים מיט פארגעניגן אראָפּגעוואָרפן פון די טרעפּ. נאָר אין שפּיטאָל איז זי ניט קיין באלעבאָסטע. דאָך באטראכטן אים מיט עקל קאָן איר קיינער ניט פארבאָטן. און זי קוקט אפן ריין־גע־

גאָלטן, נאַקעט אונטערגעשאָרענעם פארשוין מיט אזא האס, אז יענער האלט ניט אויס.

— אנטשולדיקט, וואָס כ'האָב אײַך באומרויקט, — פארטיידיקט זיך דער יונגערמאן, ווישנדיק מיט בײדע, פלוצעם פארשוויצט געוואָרענע דלאָניעס די פאָלעס פון פונקט אזא, ווי בא קלארע באָריסאָווגען, אויסגעבליאַקע־ווען כאלאט, וועלכער הענגט אף אים קימאט אזוי גערא, ווי אף איר. — שרעקט זיך ניט, קיין כײַע־ראָע בין איך ניט. כ'האָב הײַנט פונדערווײַטנס דערזען לייבלען, זיך דערוווסט אין וואַרט־צימער, ווו איר ליגט. און אָט בין איך דאָ. טרײַבט מיך ניט, ביטע. כ'בין ניט מיט קיין בייז געקומען, האָט ניט מוירע.

וואָס עמעס — איז עמעס. קלארע באָריסאָוונע האָט טאקע געכאפּט א ציטער. איבער אים, אָט דעם אויסוורף, איז לייב פונעם אוניווערסיטעט ארויסגעפלויגן, בא אים אפן גאנעק איז ער שיר ניט פארפרוירן געוואָרן, איבער אים האָט ער פיר יאָר געפּאטערט. זי האָט געהאַפּט, אז אָט דער שווארציאָר איז אף אייביק אנטרונען, איז נא דיר גאָר אזא מין באגע־געניש, אזא אָנשיקעניש.

קלארע באָריסאָוונע פרעגט שטרענג:

— צוליב וואָס זײַנט איר געקומען?

— עס איז ניט פּאַשעט צו דערקלערן. איך וויל, איר זאָלט וויסן, אז איך האָב גרויס אָפּשײַ צו אײַך.

— אונדזערע אָוועס פלעגן אין אזעלכע פאלן זאָגן: זײַ מיר ניט קיין פעטער און ניי מיר ניט קיין שיך.

— פארשטייט מיך ריכטיק. כ'ווייס, בא אײַך אין די אויגן בין איך אן אויסוורף. איר האלט, אז לייבלס גוירל האָב איך פארשווארצט. אלע און שטענדיק זוכן, וועמען באשולדיקן אין זייערע צאָרעס. אָבער איך פארזיכער אײַך — פאר אײַך בין איך נעשאָמע־ריין, אײַער אייניקל האָב איך אף קיין שווערע כאטאָים ניט געשטויסן. און ביכלאל האָט ער ניט געזינדיקט. און איך אויך. אן אומגעלומפערטער צופאל האָט זיך ארײַנ־געמישט. לייב איז א דענקענדיק ייִנגל, א ביסל צופיל ערלעך... אגעווו, ערלעך קאָן מען ניט זײַן צופיל — אָדער ערלעך, אָדער ניט. איינס פון די בײדע. לייב איז געווען ערלעך. און דעריבער זיך צעצאָלט. איך בין געווען פאר אים, ווי א שארפשטיין, ניט מער. מײַן קרענק האָט מיך בא־צײַטנס ניט געלאָזט זיך לערנען, שפעט מיט לייבלען צונויפגעפירט. מײַן כאלאס לאָזט מיך אויך איצטער ניט לעבן, ווי איר זעט, ווידער אין שפּי־טאָל פארשפּארט, ניט דאָס לעצטע מאָל, ווײַזט אויס. נאָר סײַווי, אויב ניט מיך, וואָלט אײַער לייב אן אנדערן, אזא ווי איך, אָפּגעזוכט. קיין

שלעכטס האָב איך אײַער אייניקל ניט געטאָן. און כ׳וועל אים ניט טאָן. אײַער פֿאַראַכטונג האָב איך ניט פֿאַרדינט. מיינט ניט, אַז ס׳איז גרינג צו טראָגן אַזאַ שטיין אױפֿן האַרצן. נעמט אים אַראָפּ.

— ער איז צו שווער פֿאַר מײַנע שוואַכע הענט, — ענטפֿערט אָפּ אַנטשיידן קלאַרע באַריסאָוונע און שפּאַרט זיך אָן מיט די עלנבויגנס אױף דער פֿענצטער־ברעט. צו זיך אַליין זאָגט זי: „אויב אָט אָ־דער דאָווערראַכער איז ניט כאָסערדייע, איז ער אַן אומפֿאַרשעמטער, געפֿערלעכער נעפֿעש״. זי איז אויפֿגערעגט. קיין קויכעס אױף לאַנגע דיבורים האָט זי ניט. זי האַלט זיך אָפּ, שרײַען וויל זי ניט, דערפֿאַר שעפּטשעט זי:

— דאָס פֿאַרגאַנגענע איז אומעגלעך איבעראַנדערשן, יונגערמאַן. וואָס ס׳האָט פּאַסירט, וועסטו ניט פֿאַריכטן. פֿאַרגעסט אונדז, טשעפּעט זיך אָפּ. איך קאָן אײַך ניט נייטן, אָבער אויב איר זײַנט אַ מענטש... לאָזט צורו לייבלען... האַגאַם... די האַגאָדע דערציילט, אַז ווען דאָס קעמל איז געקומען בעטן הערנער, עס זאָל האָבן מיט וואָס זיך צו פֿאַרטיידיקן, האָט מען בײַ דעם די אויערן אָפּגעשניטן. איצט פֿאַרשטיי איך, פֿאַרוואָס: אַן אומבאַהאָלפֿענער האָט געבעטן... מיר זײַנען ניט קיין הילפֿלאָזע.

נאָך דער אומגעריכטער באַגעגעניש איז קלאַרע באַריסאָוונע צעררודערט אַרײַן אין פּאַלאַטע, אױף די שכיינים אַפֿילע זיך ניט אומגעקוקט, גלײַך זיך אַראָפּגעלאָזט אָנמעכטיק אין בעט. צו שטאַרק איז די איבערלעבונג פֿאַר איר געווען. ליגנדיק אָפּגעקערט צו דער וואַנט, האָט זי אָנגעשטרענגט געקלערט. אַלע אירע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט אַרום דער נײַער סאַקאָנע. מע דאַרף זיך קעגנשטעלן.

אַז די געפֿאַר רוקט זיך ווידער אָן אױף לייבלען, דאָס האָט זי געפֿילט. זײַן געוועזענער כאַווער איז ניט פֿון יענע באָכערים, וועמענס רייד מע מעג גלייבן. אויב ער איז הי, איז שוין אַן אומגליק. ווײַל ער איז אַ שלאַנג. די צאָרע באַשטייט ניט דערין, וואָס די שלאַנג איז שערעך, אַ רויפּ איז אויך שערעך. די געפֿאַר איז אין דעם, וואָס די שלאַנג בײַסט גיפֿטיק, זי וואָלט עפּשער ניט וועלן בײַסן, קאָן זי ניט, זי מוז. דער בעסטער שלאַנג דאַרף מען אָפּהאַקן דעם קאָפּ!

ווײַזט אויס, אַז קלאַרע באַריסאָוונע איז געווען גוט אײַנגעמידט, ווײַל זי איז אומדערוואַרט, האַגאַם אַן אויפֿגערעגטע, ניט ווילנדיק אײַנגעשלאָפֿן.

ווען זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז לעבן איר געזעסן לייבל. פֿאַרוווּנדערט טוט זי אַ פֿרעג:

— ווו זשע האָסטו דעם טאַטן פֿאַרלאָרן?

— אױף דער פּאָטשטע, ער שרײַבט אַ בריוו דער מאַמען, — ענטפֿערט

ערנסט לייב. — זי האָט אַ טעלעגראַמע צוגעשיקט, דערפאָרן גוט, אַלץ אין אָרדענונג, ער איז אָבער אומרויִק. דײַגען זיך איז זײַן האָבי.

— ס'איז דאַפקע אַ פײַנער כיסאָרן, כ'לעבן, — באַמערקט די באָבע. — ווי דענקסטו, עפשער לוינט עס בײַ אים יאַרשענען?

— צו אַ שווערער אָל.

— יאָ, ניט קיין גרינגער.

די באָבע הייבט זיך אָן אײַסעקן מיט אירע צעשויבערטע האָר, צו־נויפקלײַבנדיק זיי אונטערן קעמעלע. ביזוואַנען זי ווערט פאַרטיק דער־מיט, באַטאַפּט זי גוט אַרום־און־אַרום מיט די אויגן לײַבלען. זי וויל און זי האָט מוירע אים דערציילן, אַז זײַן געוועזענער פרײַנט איז דאָ אין שפּיטאָל. זי קלערט: „ווען דער רועך שלאָפט, איז בעסער אים ניט וועקן״, כאָטש זי ווייסט, אַז אַזעלכע געדאַנקען זײַנען פאַלש, פונדעסטוועגן וואַרט זי דערווײַל צו מיט אָט דער נײַס.

— ווייסט, וואָס עס האָט זיך מיר ערשט געכאָלעמט? — זאָגט זי, טוט זיך אַ קער, מאָסטעט זיך אײַן אין בעט, ווי עס דוכט זיך איר, באַקווע־מער. — מיר האָט זיך געכאָלעמט, אַז אַלע מײַנע כאַלאַסן ליגן אין אַ טעלער מיט מעל, און דער רויפע, וואָס היילט מיך, דרייט זיך אַרום דעם טעלער אַכצן מאָל. אַכצן! אָט ווײסטו זען, אַז אַלע מײַנע קרענק וועלן פאַרשווינדן. פאַרוואָס האָב איך אַזוי פויסער־כאָלעם געוועזן? כ'האָב דער־פאַר אַזוי דעם כאָלעם אויסגעטײַטשט, ווײַל געציילט האָב איך אויף לאָשנ־קוידעש, און אין העברעיִש אָנשטאָט ציפערן גייען אויסיִעס, און אַכצן — דאָס איז כײַ, און כײַ באַטײַט אויך — לעבן. פאַרשטייסט, צי ניין? לעבן! כ'וועל ניצל ווערן פון מײַנע כוואָראָבעס, כ'וועל לעבן! לייב, וואָס דאַרף מען זאָגן, אַז מע דערציילט אַ כאָלעם?

— כאַלמאָ טאָווע כאַזיס.

— מאַלאָדיעץ, געדענקסט. מיר האָט זיך טאַקע אַ גוטער כאָלעם גע־כאָלעמט.

איצט איז, אַ סוואָרע, שוין צײַט דערלאַנגען לייבלען די יעדיִע וועגן זײַן כאַווער. נאָר סײַוויסײַ אײַלט זיך ניט קלאָרע באַריסאָווגע מיט דער דאָזיקער בסורע. זי פאָרט צו פונדערווײַטנס, דערציילט צוערשט אַ מײַ־סעלע, וועלכע זי האָט פון איר טאַטן געהערט.

אין פאָלעסיער העק, צווישן וועלדער און בלאָטעס, איז אַמאָל אַ שטעטל געווען, ניט קיין געוויינלעכס, אַ וווּנדערבאַרס: אַלע אײַנוווינער, אָן אויסנאַם, האָבן ביז זיבעציק יאָר געלעבט, ניט ווייניקער. פאַרוואָס? קיינער פון זיי איז קיין ליגנער ניט געווען, אַפילע קיין איינציק מאָל ניט געלײַגט. איז דאָך גוט? קומט צו גיין אין שטעטל אַ פרעמדער ייִד מיט

א לאנגער, שיינער באָרד, מיט ריינע, ערלעכע אויגן, און בעט זיך, מע זאָל אים לאָזן דאָרטן זיך באזעצן. אזא פײַנער מענטש, וויאזוי זאָל מען אים ניט גלייבן? מיילע, זאָל ער זיך באזעצן, נאָר מיט א טנאַי — מיט דער צונג ניט זינדיקן, שטענדיק ריידן בלויז עמעס, קיין שום שעקער. דער פרעמדער איז מאסקים. אין א שטיקל צײַט ארום שטארבט פלוצעם א קליין מיידל. סטײַטש? ווערט א בעהאָלע אין שטעטל. לאָזט זיך אויס, ס׳איז דעם נײַ־געקומענעמס אופטו. ער איז זיך מוידע געוועזן: דעם טנאַי ניט אויסגעפילט.

לייבלען זײַנען גוט באקאנט דער באָבעס געננ, גלאט אזוי וועט זי קיין מײַסעס ניט דערציילן. ער טוט א שמייכל:

— איך בין דיר עפּעס שולדיק, באָבעשי?

זי רופט זיך אָפּ מיט א פראגע אף א קאשע:

— וועסט מיך ניט אָפּנארן, אויב כ׳וועל דיך עפּעס בעטן?

— כ׳בין דאָך א טוישעוו אין דײַן שטעטל, ניט קיין נײַ־געקומענער.

די באָבע מיטן אייניקל קוקן זיך איבער — אלץ איז קלאָר. זי טוט א טיטשע מיטן פינגער אין זײַן קני:

— ווען האָסטו דאָס לעצטע מאָל געזען דײַן כאווער, אף וועמענס גאנעק דו ביסט שיר ניט פארפרוירן געוואָרן?

— א יאָר פיר צוריק.

— ער איז דאָ, אין שפּיטאָל.

— נו איז וואָס?

— ער קאָן דיך ווידעראמאָל אין זײַן שפּינוועבס ארײַנשלעפּן.

— אָט וואָס עס קימערט דיך! אומזיסט.

— ער איז א רעצייעך, אן אכזער.

— עפּעס־וואָס איז אין מיר געוועגדט, צי ניין? איך האָב א גוטע דערפארונג. ציטער ניט.

— זאָג מיר צו, אז דו וועסט פאר אים פארהאקן דײַן טיר.

— אדעראבע.

— מע דארף זיך קעגנשטעלן. הערסטו? דאָס איז מײַן צאוואָע.

א קעלט לויפט איבער לייבלס לײַב.

— זאָרג זיך ניט פאר מיר, טײַערע מײַנע, — זאָגט ער שטיל. — כ׳בין דאָך שוין א דערוואקסענער.

זי איז אײַנשטימיק מיט אים, געוויס איז ער שוין ניט קיין אומבאַ־האָלפן אייפל, א מאנצבל איז ער, מיט פויסטן, מיט פארשטאנד, מע דארף אים פארטרויען.

— ביסט געראכט, כ'זע, — טאפּט זי אָן מיט אירע אויסגעדאַרטע פינ־גער זײַן האנט און פארקלעמט זי.

— זייער פײַן.

ס'איז אָבער גאָר ניט אזוי פײַן. לייב קלערט, אז אָט אין איין צימער איז ער מיט דער באָבען, נאָר, ווײַזט אויס, שוין אין פארשיידענע וועלטן, ער פאָרט אפן יאריד, זי — צוריק. זײַן מאָרעשכוירע שטאמט ניט פון דעם, וואָס די באָבע איז מיט איר צאוואָע ארײַנגעקראָכן — די, וועלכע בלײַבן, טוען עס אָפטער, ווי יענע, וואָס גייען אוועק אף אייביק. פאר־שטייט זיך, צעבײַטן דעם אכטן יאָרצענדליק — איז ניט קיין קאטאָוועס, האגאם ביז הונדערט מיט צוואנציק איז נאָך א היפּשער מעהאלעך. ניין, ניט פון דער באָבעס באמערקונג וועגן דער צאוואָע איז זײַן מאָרעשכוי־רע אָנגעשווומען. און ניט איר אײַנגעבראָכענע שטים האָט אף אים אומעט אָנגעווייעט — כאָטש פאר אים איז שטענדיק אלציינס וויכטיק סײַ דער קלאנג פון די ווערטער, סײַ זייער באטײַט. אויך ניט דער באָבעס גע־מיט־צושטאנד, וואָס איז לאכלוטן ניט בעסער געוואָרן, האָט ארויסגערופן זײַן שרעק. שולדיק איז דאָ פאָלינע נאומאָוונעס שוויגער, איר טירכע אפן בעסוילעם — אירע רייד, איר באשטעטיקונג, אז דער באָבעס מאצעוו איז האָפענונגסלאָז. פאָלינע נאומאָוונעס פארדראָס אפן גאסט פאר איר פלאפלערײַ האָט אפילע קיין קאפל ניט געלאָשן דעם געפיל, וועלכער האָט באהערשט לייבלען.

— באָבעשי, עפשער וואָלסטו זיך דערמאָנט דײַן דעוויז, אז א צאָרע מיט א יויך איז בעסער, ווי א צאָרע אָן א יויך, — בעט לייבל, ניט אופ־הערנדיק טראכטן וועגן איינס און דעם זעלבן, וועגן די נעוויִעס פון פאָ־לינע נאומאָוונעס גאסט. — ביסט שטארק אויסגעמאָגערט, טײַערע.

— עס מאכט ניט אויס, אבי מיט דער נעשאָמע זיך ארויסכאפּן, — רופט זיך אָפּ די באָבע. — פלייש אף ביינער וועט אָנוואקסן.

פונדעסטוועגן הייסט זי, לייב זאָל איר דערלאנגען פון דער טומבע דעם שפּיגל.

— א צורע, אף אלע מײַנע סאָנים געזאָגט געוואָרן, — זי שאָקלט מיטן קאָפּ. — גיי ווייס, אין וואָס איז דער שוירעש פון מײַן אומגליק. לעכאָל־האפּאָכעס, ווען עס קלאָרט זיך אויס, פונוואנען עס וואקסן זײַנע וואָרצ־לען, וואָלט מען געקאָנט שויפער בלאָזן, הורא שרײַען, עפּעס טאָן ראַיעלס. נאָר אין אזא זאווערוכע, ווי בא מיר, איז דאָך זייער פראָסט פון די קווי־כעס זיך ארויסשלאָגן.

זעט אויס, אירע ליפּן פלאפּלען עפּעס איבעריקס, ווײַל לייב זיצט אין דרײַען געבויגן. ער האָט, אפּאָנעם, פארשטאנען מער, ווי זי האָט געוואָלט

זאָגן. זי שטרעקט אויס די האַנט, הייבט אונטער פֿאַר דער קין זײַן קאָפּ.

— אָן איימע, לייב, — פֿאָדערט זי, און צוויי גולקעס באַוועגן זיך אַף אירע באַקן, זי איז אַף זיך אַליין באַרויגעז. — בעכּיל אַוויראָדאָ וועלן מיר זיך ניט אויסלייזן פֿון צאָרעס, שרעק און ציטערניש העלפֿן קיינעם ניט. אַז מע איז הי, דאַרף מען לעבן מיט פֿאַרגעניגן, אַפֿילע ווען די ווייטעקן לאָזן ניט. אָפּלייגן איז ניטאָ אַף ווען. יענע־וועלט איז אַן אויס־טראַכטעניש. אַ העלפֿט לעבן האָב איך אָנגעווירן, אײַנריידנדיק זיך, אַז אַ יענע־וועלט איז פֿאַראַן און האָפֿנדיק וועגן גאַניידן. און ניט איך איינע אַזוי. דאָס לעבן פֿון דײַנע אָוועס, לייב, איז געווען שרעקלעך שטיל, פּאַמעלעך, ווי אַ פֿוילער טײַך, וואָס פֿליסט קוים, האַגאַם וואַסער־גע־ווירבלען זײַנען אומעטום דאָ, און טיפֿע אָפּגרונטן, און אומדערמידלעכע לײַדנשאַפֿטן... דיר איז גוט, באָכער, דו וואַקסט אָן דעם יאָך פֿון גאָט, האַגאַם ער האָט שיר זיך ניט אַרײַנגעכאַפּט אין דיר. אַ קליינינטשקער, פֿלעגסטו שטענדיק באַגעגענען די געשמאַקע מײַכאָלים, וועלכע איך פֿלעג דיר אונטערוקן, מיטן אויסרוף: „גאָט האָט צוגעשיקט!" — דײַן זיידנס יערושע. האָסט נאָך אים ניט פֿאַרגעסן? זיבן פֿרײַע קינדער־יאָרן ביסטו לעבן זײַן ריאַסע געוואַקסן.

קלאַרע באָריסאָוונע ווערט אַף אַ ווײַלע אַנשוויגן, זי דערמאָנט זיך דערבײַ די ווערטער, וועלכע זײַנען איר אין מויעך אַרײַנגעקראָכן, ווען בערעלע האָט צום ערשטן מאָל געבראַכט זײַן מיידל, לענען, אַהיים, אַפֿן פֿריוואָלנע־געסל, און מיט איר ייִכעס זיך באַרימט. דעמלט האָט קלאַרע באָריסאָוונע אַ קלער געטאָן: „אַ גאַלעך — איז ניט קיין מאַלעך". איצט זײַנען אירע באַגריפֿן אַנדערע. אַ לײַט איז לענעס טאַטע געווען, און לע־נע, וועגן וועלכער קלאַרע באָריסאָוונע האָט אויך ניט איין מאָל געטראַכט: „אַ גאַלעכטע — איז ניט קיין מאַלעכטע", אויך לענע איז, קיין אײַנהאָרע, זייער אַ פֿײַנע פֿרוי. אַזוי קלערט איצט קלאַרע באָריסאָוונע, מעסטנדיק לייבלען מיט די אויגן.

— פֿאַרשטייסט, לייב, גאָט — דאָס איז אַזאַ סכוירע, אַז אויב דו גלייבסט אין אים, איז ער דאָ, גלייבסטו ניט — איז ער ניטאָ. עס טרעפֿן זיך צומאָל מאָדנע פֿאַלן. מײַן מאַמע, דײַן עלטערבאָבע, גייט איינמאָל פֿון בעסמעדרעש, ווו זי האָט זיך זאַט אָנגעדאַוונט, שפּאַנט באַרג־אַרויף, פֿאַרבײַ דעם קלויסטער. פּלוצעם טוט זי זיך אַ שטעל אָפּ אַנטקעגן זײַנע טרעפּ, נייגט זיך אָן נידעריק און קרייצט איבער דאָס פּאָנעם. „אוי־ווײ, וואָס איז דאָס מיט אײַך, מאַלקע, נעשאָמע מײַנע, איר זײַנט, כאַסוועכאָ־לילע, כאַסערדייעז?" — פֿרעגט צעטומלט אַ ייִדענע, וואָס איז נאָך איר

פוסטריט נאָכגעגאנגען. „איך ווארף א ביין ארויס, — ענטפערט אָפּ דײַן עלטערבאָבע. — עפשער ניט נאָר אין קלויז, אויך דאָ, אין קלויסטער, איז עפּעס פאראן?״ הײַנט גיי זאָג, אז ביסט ניט גליקלעך, לייבעלע! אינגאנצן דרײַ דוירעס טיילן דיך אָפּ פון דײַן עלטערבאָבע. און דו ביסט א פרײַער מענטש. פארשטייסט, צי ניין?

וואָדען? לייב פארשטייט, זייער גוט פארשטייט ער, וואָס זי וויל זאָגן.

די באָבע זעצט פאָר:

— דער ייִדישער גאָט איז א שטרענגער, וועסט בא אים גאָרנישט ניט אויסבעטן, כאָטש שטעל זיך אף די קני, כאָטש דעם מייצאך צעקלאפּ, בוקנדיק זיך ביז דעם דיל, — דער שטערן וועט זיך עפשער פארהיילן, אָבער דעם אייבערשטן וועסטו סײַווי ניט איבערצײַגן, ניט אײַנריידן, ער ווייסט אליין, וואָס ער טוט. דער ייִדישער גאָט פארגעסט ניט קיין שום כעט, ער ווארט ניט אף קיין פארגעבונג פאר די זינד. ס׳קאָן זײַן, אז דערפאר האָבן די ייִדן אזוי מוירע געהאט זינדיקן.

קלארע באָריסאָוונע קערט זיך איבער אף דער רעכטער זײַט, רוקט צו די קלייניטשקע פארבײַלטע האנט אונטער דער באק אזוי, אז איר אויער לייגט זיך אוועק האלב אפן קישן, האלב אף דער פויסט:

— אגעוו, אויב דו ווילסט וויסן מײַן מיינונג, בעסאָד־סוידעס, וועל איך זי דיר פארטרויען. עס איז גאָר ניט אזא נארישע זאך — מוירע האָבן זינדיקן. אָבער דאָ קאָן מען גאנץ גוט זיך באגיין אָן דער עמונע. אָט זעסטו, פאָטער ווערן פון פאָרורטיילן איז, דוכט זיך, אומעגלעך, אלנפאלס בא מיר זײַנען זיי דאָ איבערגעבונג, וויפל דו ווילסט, איך וווּנדער זיך אליין, ווי שטארק עס קאָנען זײַן אינעם מענטשן די פרימכעס. האָסט מיסטאם ניט באמערקט, ווײַל איך באהאלט עס אויס פון דיר, נאָר ביז איצט הער איך ניט אוף ראָשהאשאָנע, אין ייִדישן נײַיאָר, אלע ווינקעלעך פון אונדזער שטוב אפן פריוואָלנע־געסל מיט האָניק שמירן — דאָס יאָר זאָל זיס זײַן. און וויפל מאָל האָב איך געפאסט? ניט איבערצוציילן. דײַן טאטע שיקט ניט קיין בריוו פון פראָנט א פאָר וואָכן — פאסט איך, דערנאָך א נײַע צאָרע — איז דאָך פאסטן אוואדע א מיצווע. און צוליב דיר, מיינסטו, האָב איך קארג געפאסט? אלע דײַנע עקזאמענעס באגלייט מיט טאנייסים. בעסער פון מיר ווייסט, מיסטאם, קיינער ניט, אז קיין שום בוירע איז ניטאָ, אָבער קאָרבאָנעס אים, ווי דו זעסט, ברענג איך געטרײַ. וואָס איז עס — א געוויינלעכע געווינשאפט? בענטש גוימל, יאט, וואָס דו ביסט ניט קיין פרומער ייִד.

אופהייבנדיק זיך אפן עלנבויגן, באטראכט קלארע באָריסאָוונע ווידער לייבלען מיט אן אָפּשאצנדיקן בליק, גלײַך זי באשליסט פאר זיך, צי טויג

ער, צי ניין צו זײַן א פרומער ייִד. עפשער טויג ער? ווער ווייסט? יעדנ־פאלס וואָרנט זי אים:

— וואָלסט געפּלאַצט בלויז פון די געבעטן אליין, וואָס א מאנצבל איז מעכויעוו טאָגטעגלעך ארויסברענגען.

לייב קריכט ארײַן אין דער באָבעס רייד מיט א געמאכטן זיפץ:

— איך ווייס, שווער איז צו זײַן א פרומער ייִד.

זי בארויִקט אים:

— דיך דראָעט אָבער ניט אָט די צאָרע.

ער פרעגט:

— און אין ייִסראָעל איז וויִאזוי?

— דער רועך ווייסט, — ענטפערט קלארע באָריסאָוונע און פארטראכט זיך.

אין זיקאָרן שווימט אויף די ערשטע נאכט נאָך יעהודעס טויט, ווען ער איז מיט שערבלעך אף די אויגן אינעם אלקער אפן דיל געלעגן און לעם אים אף א נידעריטשקן בענקעלע איז געזעסן עפּעס א ייִד פון דער היי־גער קעהילע און האָט געלייענט טילים. זי אליין האָט אָט דעם אלטן אײַנגעלאדן, און ניט בלויז דערפאר, וואָס איר יעהודע איז ביזן סאָף א גלייביקער געווען, שטילערהייט געדאוונט, צום מיניען געגאנגען אין די יאָמטויוועם, א מעזוזע אפן קאָסיאַק פון דער טיר צוגעקלאפּט, און ניט איין מאָל אָנגעזאָגט, אז ווען ער וועט ניפטער ווערן, זאָל מען אים אפן ייִדישן אויפן מעקאבער זײַן. קלארע באָריסאָוונע האָט אָט יענעם זאָקן אהער צו יעהודעס צוקאָפּנס אראָפּגעבראכט אויך צוליב זיך אליין, טיף אין הארץ זײַנען אײַנגעקריצט די בילדער פון קינדהײַט און יוגנט, ביז איצט געדענקט זי, ווי אין די סלאָוועשניער שאבעסדיקע קאיאָרן פלעגט דער וואסערפירער קלאפּן צום טאטן אין פענצטער און מיט א קלאָגעוו־דיקן קאָל רופן:

— רעב באָרעך־אײַזיק, שטייט אויף צו סליכעס...

— א מאָדנע לעבן בא מיר, איין פוס — אין אָוואר, דער צווייטער — אין וואָר.

— ס'איז גוט אָדער שלעכט, באָבעשי? — פרעגט לייב.

— כ'ווייס אליין ניט. אין דער פארגאנגענהײַט זײַנען אומבאריר־לעכע ווערטן פאראן. אָפּזאָגן זיך פון זיי איז אן אוולע. אָבער נאָך מער הענגען דאָרטן שמאטעס, איבעריקע, אומנוצלעכע, שעדלעכע, צומיינסטן סאקאָנעדיקע. האגאם עס טרעפן זיך אויך פריילעכע. נאָך אין קאָראָסטען, ווו דײַן טאטנס קינדהײַט איז אדורך, קומט איינמאָל ערעוו יאָמקיפּער א ייִדענע צו מיר אין פּאָליקליניק און בעט, איך זאָל איר געבן א צײַ־

געניש, אַז זי איז קראַנק און זי טאָר ניט פאַסטן. אָט אַזוי האָט זיך איבערגעמישט דער נעכטן און דער הייַנט.

— האָסט איר געגעבן אַ ספּראַווקע?

— פאַרשטייט זיך.

ביידע, די באָבע און לייב, צעלאַכן זיך הילכיק.

אָפּגערוט אַ ביסל, זאָגט קלאַרע באָריסאָוונע:

— באַ די אָוועס איז דאָ וואָס צו יאַרשענען. אַן אַלטן ייִדן פרעגט מען איינמאָל, ווי אַזוי איז אים געלונגען דערציִען ביז אַ מייע מיט אַ גילן יאָר. דערקלערט ער, אַז, ערשטנס, האָט ער קיין מאַטאָנעס ניט גענומען, ס'הייסט, ער איז קיין לײדיקגייער ניט געווען, שטענדיק געהאָרעוועט, בלויז זייַן אייגענע טירכע האָט אים געגערט; צווייטנס, איז ער, ווען מע האָט אים געמוסערט, קיינמאָל ניט געווען האַרטנעקיק, רויִק אופגענומען די קריטיק; און, דריטנס, איז ער געווען אַ ברייטהאַנטיקער. דאָס איז מיסטאָם אַ מאָשל. אָבער עטלעכע געבאָטן, עמעסע, מייַן טאַטנס געבאָטן, פאַרגעדענק, טייַערער. מיר האָבן זיי גוט געהאַלפן. ריישיס, קיינעם ניט מעקאַנע זייַן און זיך ניט גרויסן. וועהאַשייניס, ניט מוירע האָבן פאַר אווידאָס־פערעך — פאַר שווערער מי. און דאָס סאַמע וויכטיקסטע: אויסמייַדן שעקער — פאַלשקייַט און ליגן.

לייבלען קימערט ניט, וואָס די באָבע האַלט אים אין איין דערציִען, אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער זיך עפּשער אָפּ איר געבייזערט, איצט אָבער טוט ער איר צוליב.

פּלוצעם קומט אים אויפן זינען, אַז כאָטש ער איז אַן אייניקל פון אַ גאַלעך, וואָלט ער, קאָן זיך מאַכן, ניט אויסגעמיטן די היטלערישע קרעמאַטאָריע, געווען צווישן די זעקס מיליאָן אומשולדיק אומגעבראַכטע, ווען ער זאָל געווען אין די מילכאָמע־יאָרן אַרייַנפאַלן אין די הענט פון די פאַשיסטן. די אַלע, וועגן וועלכע די באָבע דערציילט, זייַנען דאָך אויך זייַנע אָוועס.

15

לייב איז געווען אַזוי אַרייַנגעטאָן אין זייַנע געדאַנקען, אַז ער האָט ניט באַמערקט, ווי די טיר אין פּאַלאַטע האָט זיך אופגעעפנט און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן צערשט פאָלינע נאַומאָוונעס שוויגער, דערנאָך — זי, פעסעלע, אַליין, און לעסאָף דער טאַטע. לייב האָט זיך אופגעהויבן פון שטול ערשט נאָך דעם, ווי די באָבע האָט אויף איר אויפן, רוישיק זיי באַגריסט:

— באָרעכהאבאָ! געזונט זאָלן זײַן די געקומענע! אזעלכע געסט! טײַערע געסט!

דער באָבעס שכײנעס האָבן פלינק זײערע שטולן צוגערוקט צו קלאָרע באָריסאָוונעס בעט און שטילערהײט, מיט פארענטפערונג, אז דער צימער איז צו קלײן פאר אלעמען און אז זײ איז שוין צײַט שפאצירן, פרישע לופט א שלונג טאָן, ארויסגעגליטשט זיך אין קאָרידאָר.

שוין זיצנדיק אפן בענקל, פון װעלכן לײב איז אָקאָרשט אופגעשטאנען, האָט פאָלינע נאומאָװנעס שװיגער, װי געװײנלעך אן אומצופרידן־פארזשמורעטע, צעעפנט אירע דינע, מיט שװארצע װאָנצעלעך ליפן:

— א גוט־העלף אײַך, קלארע באָריסאָװנע! איך בין הי אף קײװערבען, און אָט, צו אײַך ארײַן, מעװאקער־כולע זײַן. װי פילט איר זיך?

— לוי־אלײכעם, ניט פאר אײַך געדאכט, כאלאסן פלעגן מיך מאטערן גענוג, נאָר מיט אזא פארשלעפטער קרענק, װי איצט, האָב איך נאָך קײנמאָל ניט געהאט צו טאָן, — דערהערט לײב דער באָבעס ענטפער, און אלע זײַנע געדאנקען װעגן זיך אנטרינען מיטאמאָל. באָרעך כאפט אויך א ציטער — דער מאמעס אופריכטיקײַט איז פאר אים אװאדע אומדערװארט, שטארק איז זי, זעט אויס, אָפגעשװאכט, אויב זי קאָן ניט באצײַטנס, װי זי האָט עס ביז איצט געטאָן, פארבײַסן די צונג. — איך בין געװען געװינט, אז אלע קלעפ און אלע װײטעקן קומען און גײען אװעק. די אָבער זײַנען, װײַזט אויס, אף אײביק, — פיבערט איר שטים.

— װען־ניט־איז װעלן זײ נעלעם װערן, — זאָגט איר צו פעסעלעס שװיגער.

— פון אײַער מויל אין גאָטס אויערן.

— אין ייִסראָעל הײלט מען שװערע קרענק, — גיט אָנצוהערן די אלטע.

— פאָלג מיך א גאנג, — דערװידערט ביטער קלארע באָריסאָװנע. — דאָס איז ניט פאר מיר.

— פארװאָס? קאָל ייִסראָעל יעזש לאָהעם כײלעק, דאָרטן האָבן אלע ייִדן א כײלעק.

— דװאָרים בעטײלים, פוסטע רײד.

— איך בין אײַך אָרעװ, אז איר האָט א טאָעס, קלארע באָריסאָװנע. דאָרטן װאָלט מען אײַך גיך אף די פיס אװעקגעשטעלט. דאָרטן װאָלט איר שנעל ניצל געװאָרן. באקלערט זיך. הויצאָעס־האדערעך װעלן זיך אָפזוכן.

פאָלינע נאומאָװנע װערט מיטאמאָל בלײך:

— האָט ניט קיין פאַריבל, שוויגער, נאָר פון אײַערע רייד קערט די גאַל.

יענע אָבער זאָגט געלאַסן:

— פאַלינקע איז אַ מײַסטער מאַכרים אומעגאַדע זײַן, כ'האָב ליב, ווען זי זידלט מיך. איינער ליובט אַזוי, אַז אַ שרעק פאַלט אָן, דער צווייטער קריטיקירט, און ס'איז אַ מעכײַע.

קלאַרע באָריסאָוונע פאַרקנייטשט דעם שטערן.

— פעסעלע איז גערעכט, — זאָגט זי הייס צו פאַלינע נאומאָוונעס שוויגער. — קריגט זיך ניט, איך בעט אײַך. כ'וויל ניט, אַז צוליב מיר זאָלט איר זיך ערגערן. דערווײַל קאָן איך נאָך לײַדן. מײַן מאַלעך־קאַטייגער פאַרנעמט זיך טאַקע פלײַסיק מיט זײַנע פּראָקוראָרישע איניאַ־נים, אָבער מײַן מאַלעך־סאַנייגער פאַרגעסט ניט אין זײַנע פאַרטיידי־קונגס־פליכטן, דער מאַלעכהאַמאָוועס האָט נאָך דאָ ניט וואָס צו טאָן.

— איך וואָלט זיך אַף אײַער אָרט ניט געאײַלט מיט אויספירן, קלאַרע באָריסאָוונע.

באָרעך און לייב קוקן זיך אומרו־ק איבער. פאַלינע נאומאָוונע ברענגט אַרויס בלויז איין וואָרט:

— שוויגער...

ס'איז אי אַ באַפעל, אי אַ ביטע.

די אַלטע — צי זי האָט פאַרשטאַנען, צי ניין, וואָס די שנור פאַרלאַנגט פון איר, — זאָגט:

— מיילע, ווי איר ווילט...

און באַרימט זיך פאַר קלאַרע באָריסאָוונען:

— וואָס איז שײַעך מיך, קלײַב איך זיך טאַקע פאָרן.

קלאַרע באָריסאָוונע טוט זיך האַסטיק אַ הייב אויף:

— איר שפּאַסט!

— ס'איז ניט קיין קינדער־שפּיל. איך מיין עס אינדערעמעסן.

— אָבער דעם זונס קייווער?! וו־אַזוי פאַרלאָזט איר דעם זונס קיי־ווער?!

— מײַן בעניאָכיד, זיכרוינאָ־ליוורוכאָ, ווען ער זאָל קאָנען, וואָלט ער מיט מיר מאַסקים געווען.

— די קוואָרים זײַנען אַ טייל פון אונדזער לעבן... מע טאָר זיי ניט פאַראַטן.

— דעם זונס קייווער איז אין מײַן האַרץ, ער איז שטענדיק מיט מיר.

— איך פאַרשטיי אײַך ניט. וואָס האָט איר דאָרטן פאַרלאָרן?

— אָט די זעלבע פראַגע פאַרגיב איך דער שוויגער אויך, — זאָגט אופּ־

גערעגט פֿאָלינע נאומאָוונע.— נאָר רעד צו דער וואַנט. אַן אויער־הון, אַ גלוכאַר וואָלט מיך גיכער דערהערט.

— וואָס, טײַערע שנור מײַנע, וואָלסטו געוואָלט? איך זאָל די נעשאָמע אויסשפּײַען? דער נאָווי האָט געזאָגט: „ס׳וועט זײַן אַ צײַט, און איך וועל אײַך צונויפֿקלײַבן און ברענגען צו פֿירן”. דאָס האָט אַליין דער ריבוינעשעלוילעם צוגעזאָגט. מיט דעם נאָוויס ליפּן. איצט איז די צײַט געקומען.

— די צײַט? צו לאַנג האָבן מיר געוואַרט. אין פֿעטליורעס און אין היטלערס שולן זײַנען מיר אַפּיקאָרסים געוואָרן. ריבוינעשעלוילעם... וווּ איז ער געווען בײַס די פּאָגראָמען אויף אוקראַינע און אין ווײַסרוסלאַנד מיט פֿופֿציק יאָר צוריק, ווען די צעיושעטע ראָצכים האָבן טויזנטער ייִדן אויסגעהאַרגעט, פֿאַרוווּנדעט און צעקאַליעטשעט? פֿאַרוואָס האָט ער זיך ניט אײַנגעשטעלט, ווען די פֿאַשיסטן האָבן אונדזערע ברידער און שוועסטער אין זייערע דושעהובקעס געשטיקט? ניטאָ קיין גאָט! אַפֿילע ער זאָל זײַן, וואָלט מען אים געדאַרפֿט פֿון זײַן העסעבעט אַראָפּשלעפּן, די הייזלעך אַראָפּלאָזן און גוט אַרײַנלייגן אין די ביינער — באַהאַלט זיך ניט אויס דער רועך ווייסט ווו אין אַ שווערער צײַט, זײַ ניט קיין פּאַכדן, קיין קליינמוטיקער... איינער פֿון די עמעסע גרויסע האָט באַמערקט: „לעבעדיקע פֿאַרמאַכן די אויגן בײַ מייסים, טויטע צעעפֿענען בײַ יענע, וועלכע זײַנען געבליבן לעבן”...

— אַ סוואָרע, אַז איר האָט קיינמאָל די טוירע ניט געקושט, קלאָרע באָריסאָוונע...

— געקושט, איין מאָל אין יאָר, ווי אַלע מיידלעך, פֿלעג איך גיין אין בעסמעדרעש קושן זי, דעם לעצטן טאָג סוקעס — סימכאַסטוירע. דער טאַם פֿונעם פֿאַרמעט ליגט נאָך אַדהײַעם אויף מײַנע ליפּן.

— צי געדענקט איר אויך, ווי געשמאַק עס איז, ווען מע קערט זיך אום פֿון קלויז, די סימכאַסטוירעדיקע יויך, האַגאַם אָן פֿלייש, ווײַל די מאַמעס באַהאַלטן עס, שפּאָרן עס אָפּ אויף קרעפּלעך, וועלכע מע דאַרף מאָרגן עסן? מיסטאַם געדענקט איר, אָט זעט איר. און ס׳טוט אײַך ניט באַנק, וואָס דאָס אַלץ איז אויסגעוועפּט? איך וויל בלײַבן אַ ייִדענע...

— ווער לאָזט אײַך ניט? אַדעראַבע!

— אַזוי וויל דאָס פֿאָלק, און ס׳איז גרייט מאַקריוו זײַן צוליב דעם דאָס לעבן. צי דען איז אַ גאַנץ פֿאָלק פֿון זינען אַראָפּ? אַ גאַנץ פֿאָלק מעשוגאָים?

— ווער האָט אײַך געזאָגט, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק? ווו שעפּט איר אַזאַ אינפֿאָרמאַציע? פֿרעגט פּעסעלען, זי וויל קיין ייִסראָעל? מײַן זון פֿרעגט, מײַן אייניקל.

— אויך מיר ייִדן. זיי זײַנען דען ייִדן? זיי ווייסן אפילע ניט דאָס לאָשן.

— פארוואָס קלערט איר, אז איך פארשטיי ניט ייִדיש? — מישט זיך ארײַן אינעם אמפערן זיך פון די אלטע באָרעך. — איך האָב געענדיקט א ייִדישע מיטלשול...

— הערט אוף שאָבן באם מענטשן די נעשאָמע, שוויגער...

— שטער מיר ניט, פאָלינקע, דערזאָגן, וואָס איך וויל. אויב איך וועל עס ניט טאָן, וועט קיינער פון אײַך זיך ניט דערוועגן.

דערפילנדיק, אז די ייִדענע קלײַבט זיך ערשט אָנהייבן, שטעלט זיך באָרעך פלינק אוועק צווישן איר און דער מוטער. לייב וואקסט אויך אויס דערנעבן, אָבער ניט פאָלינע נאומאָוונעס ביטע, ניט זייערע אָנגע־כמורעטע, וואָרענענדיקע פענעמער זײַנען ניט אימשטאנד אָפשטעלן די פאראקשנטע ייִדענע.

— איר הריזנעט, קלארע באָריסאָוונע, בא אײַך איז א בייזארטיק געשווילעכץ.

קלארע באָריסאָוונע טוט זיך א שאָקל — באָרעך פון איין זײַט, לייב פון דער צווייטער שטעלן אונטער צעטומלט זייערע הענט און זייערע אקסלען, אָבער זי דארף צו זיי ניט אָנקומען, האלט זיך אליין אף די פיס, קוקט ווארטנדיק אין די אויגן פאָלינע נאומאָוונען.

— דערווײַל איז נאָך גאָרניט קלאָר, — זאָגט פאָלינע נאומאָוונע מיט אן אײַנגעבראָכענעם קאָל. — מײַן שוויגער האָט איבערגעכאפט די מאָס. זי איז פארדולט: ייִסראָעל! זײַט איר מויכל...

16

פונוואנען זײַנען אָנגעלאָפן די שווארצע וואָלקנס, וואָס האָבן דורכויס פארשמירט דעם לויטערן הימל, געבראכט מיט זיך דונערן און בליצן, דאָס איז געווען א רעטעניש. נאָר קלארע באָריסאָוונע איז געשטאנען צופרידן צווישן באָרעכן און לייבלען לעבן פענצטער, וואָס זי האָט גע־בעטן צעעפענען, ווײַל איר איז אין פאלאטע, ווען זיי זײַנען געבליבן זאלבעדריט, געוואָרן הייס, ווי אין א שוויץ־באָד.

— נאָר ניט אראָפלאָזן די קעפּ, כעוורע, — באפוילט זי, אָנעטעמענדיק זיך זאט מיט פרישער פײַכטער לופט. — וואָס דארף א מענטש? גאָר ווינ־ציק. דאָס פענצטער צעפראלט — א מעכײַע! איר קאָנט זיך גאָר ניט פאָר־שטעלן, ווי גוט ס׳איז, וואָס דאָס פענצטער צעעפנט זיך. ס׳איז מיר ני־

מעס מוירע האָבן... העכער די קעפּ, יאטן! גענוג בעהאָלעס, אומגליקן, שרעק האָב איך אף זיך געהאט. נישקאָשע, איבערגעקומען. די איצטיקע צאָרע וועלן מיר אויך בײַקומען. האָט ניט קיין פאריבל אף פאָלינע נאָמאָוונעס שוויגער. ציטערן פארבאהאלטענערהייט איז ערגער, ווי באגעגענען די געפאר פּאָנעם־על־פּאָנעם. סאָפּקאָלסאָף, וואָס איז געשען? זיך דערווארט, אז דער קרעפּס האָט א פײַף געטאָן?

— שפּאס, מאמע, וויפל דו ווילסט, זײַ אָבער מאסקים, אז דער דיאגנאָז פון א פרוי, וועלכע האָט קיין שום שײַכעס ניט מיט מעדיצין, איז פּאָשעט ווילקיר.

— דער טאטע איז גערעכט, באָבעשי. דײַן קרענק איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט. אזוי באשטעטיקט פאָלינע נאומאָוונע? אזוי?! פארוואָס גלייבסטו ניט איר, נאָר דער בייזער מאכעשייפע?!

— טײַערע מײַנע, עפּעס־וואָס פארשטיי איך אין מעדיצין, צי איר האלט, אז איך בין ביכלאל א גוילעם?

באָרעך און לייב היטן זיך באגעגענען מיטן בליק פון זייער סאמע נאָענטסטן מענטשן און קוקן אין דרויסן ארויס, פארײַסן די קעפּ צו די בליצן, וועלכע שנײַדן דורך דעם הימל, צו די אופלויכטן, וואָס באשײַנען די שווערע כמארעס, אָנגעקוואָלענע מיט מאבל.

קלארע באָריסאָוונע פארשטייט, וואָס עס טוט זיך מיט אירע מאנצבלען. זי גלעט מיט דער פיבערנדיקער אויסגעדארטער האנט די ראם פונעם פענצטער. קארג איז זי אף איר לעבן אויסגעשטאנען? נאָך איין פּאָגראָם, מיסטאם שוין דעם לעצטן, מוז מען אויך ווי־ס׳ניט־איז איבערטראָגן. א לעבן בא איר — גאָלע פּאָגראָמען, איינער נאָכן אנדערן, קלענערע, גרעסערע — פארשיידענע. אָבער בעסער פון אלע האָט קלארע באָריסאָוונע פארגעדענקט דעם סלאָוועשניער, ווײַזט אויס, דערפאר, ווײַל זי איז דעמלט יונג געווען, שרעקלעך ניט געוואָלט אומקומען, מיט יעהודען זיך צעשיידן, מיט איר בערעלען, וועלכן זי האָט עטלעכע וואָכן פארן פּאָגראָם געווונען. ס׳קאָן זײַן, אז דער סלאָוועשניער פּאָגראָם איז אין זיקאָרן אזוי אויסדריקלעך פארקריצט דערפאר, וואָס אים האָט באשריבן אין זײַן בוך „כאדאָשים און טעג” דער יוגנט־כאווער איציק קיפּניס...

איר פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן עטלעכע מעסלעס פאר דער גרויסער שכיטע, ווען עס זײַנען אויסגעקוילעט געוואָרן בא הונדערט סלאָוועשניער טוישווים, זײַן אָנפאנג איז פארבונדן מיטן שאָכן, וועלכער איז א פארסאָפּעטער ארײַנגעלאָפן אין שטוב וואָרענען, אז עס רוקט זיך אָן א געפאר.

— איר זײַנט נאָך הי? גײט אוועק פונדאַנען, ביז מע קאָן...

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און פאַרגעלייגט, אז אויב די שכײנים ווילן, זאָלן זיי אים פארטרויען זייער האָב־און־גוטס. קאָלזמאַן די באנדיטן וועלן אין שטעטל באלעבאטעווען, וועט ער אלץ געטרײַ אָפּ־היטן און אין א גוטער שאָ אומקערן. קיין לוין פאָדערט ער דערפאר ניט.

— עפּשער בלויז פרײַנטשאפט, — האָט ער א שמייכל געטאָן.

יעהודע איז ארויס צו כײַטשיקן אין קיך, ווו זי האָט געגרייט וואסער אף באָדן בערעלען. זיי האָבן זיך ניט לאנג געסוידעט, אף העברעיש, ווײַל יידיש האָט זייער שאָכן פארשטאנען, האגאם קיין ייד איז ער ניט געווען. צווישן זיך האָבן כײַטשיק און יעהודע באשטימט: „גוט. זיי נעמען אָן דעם שאָכנס פאָרשלאָג".

— א דאנק, — האָט יענער צופרידן געזאָגט. — זאָל אײַך גאָט היטן. ווי איך פארשטיי, וועט מען גאָר אינגיכן אָנהייבן טרייבערן די יידן...

גראַדע אָט די ווערטער זײַנען, ווי א באלקן פון דער סטעליע, אף כײַטשיקס קאָפּ אראָפּגעפאלן. אָן איבערגעשראָקענע, האָט זי די זידנדי־קע פאן פון טשירין א הייב געטאָן און זיך מיט אָקרעפּ אָפּגעבריט. א גאנצע וואָך נאָכדעם האָט איר האנט געשמארצט.

יעדער נײַע ידיעה, אז די פעטליוראָווצעס גייען, אז זיי זײַנען שוין נאָענט, אָט וועלן זיי קומען, האָט בא איר צוגענומען א שטיק געזונט. זי האָט שטארק געציטערט. עפּשער אויך דערפאר, וואָס נאָכן שאָכנס באזוך האָט יעהודע זײַן ביקס פון באהעלטעניש אין שטוב ארײַנגע־שלעפּט, גרייטנדיק זיך קעגנשטעלן די באצווינגער.

אז מע שפּילט זיך טאקע מיטן מאלעכהאמאָוועס, האָט כײַטשיק באנומען. ווען פון אָוורוטש, דער סאמע נאָענטסטער צו סלאָוועשניע היפּשער שטאָט, איז געקומען א צעטומלטער דער היגער וואסערפירער און האָט דערציילט, ווי דאָרטן זײַנען די יידן ארויס באגעגענען פעטליורען, ניט מיט קיין ליידיקע הענט ארויס — מיט דער טוירע און מיט א פײַנער מאָ־טאָנע אויך. די מאטאָנע האָט פעטליורע גענומען, זיך באלעקט אפילע דערבײַ, און באפוילן א פײַער עפענען — דרײַ הונדערט יידן פון א קוילנ־ווארפער צעשאָסן.

— עס גלייבט זיך ניט. ס'איז דאָך אן אומזין, — איז יעהודע פארדײַ־געט געוואָרן, אויסהערנדיק דעם וואסערפירער.

— בעייני ראָיסי, — האָט דער וואסערפירער געענטפערט. — מיט מײַנע אייגענע אויגן געזען, איינס איז געבליבן: אנטלויפן, ווהין די אויגן פירן. און יישאָקיינו...

נאָר זאָגן יישאָקיינו האָבן זיי א ביסל פארשפעטיקט.

באַנאַכט זײַנען אָנגעפאלן די רויבער, דערווײַל בלויז געראבעוועט, אף וועגעגנער דאָס אָנגעראבעוועטס געלאָדן, אין דער פינצטער.

גאַנצפרי איז געוואָרן שטיל. נאָר אין פענצטער האָט כײַטשיק פלוצעם דערזען, ווי איינער א באנדיט יאָגט זיך נאָך דעם וואסערפירערס טאָכטער, אָט־אָט כאפט ער זי פארן לאנגן צאָפּ. דער וואסערפירער לויפט דערנעבן, זידלט זיך, שרײַט הויך ארויס זודיקע קלאָלעס, נאָר אָט שטעלט ער אונטער א פוס דעם באנדיט, און ביידע טוען זיי זיך א וואלגער, א פליוכע אף דער ערד. ביזוואנען זיי אייסעקן זיך, שטערנדיק איינער דעם אנדערן אופשטיין, צעעפנט כײַטשיק די טיר און לאָזט ארײַן אין שטוב דעם וואסערפירערס טאָכטער.

איבערנעכטיקן איז דער וואסערפירער מיט זײַן מישפּאָכע געבליבן אין שטוב פון זײַן פארשטאָרבענעם פרײַנט: דוכט זיך, וואָס פאר א כיילעק, ווו די נעשאָמע ארויסלאָזן, איביינעם, אָבער, מיט מענטשן איז פריילעכער. ניט זי, כײַטשיק, מיט אירע, ניט דעם וואסערפירערס געזינד, האָבן זיך ניט אויסגעטאָן. נאָר שלאָפן האָט מען זיך פונדעסטוועגן געקליבן, און, ווי געוויינלעך, געבעטן גאָט, ער זאָל באשיצן, ער זאָל גנאָד ארויסווײַזן.

פונקט דעמלט האָט קלארע באָריסאָוונעס מאמע, מאלקע, זיך ניט אײַנגעהאלטן, ארויסגעזאָגט איר בארויגעז דעם אייבערשטן אזוי, אז אלע האָבן זיך געכידעשט:

— דער ריבוינעשעלוילעם הערט א מיניען — צען מענער, א מעזור־מען — דרײַ מענטשן, אפילע איינעם. פארוואָס זשע דערהערט ער ניט דעם געבעט פון א גאנץ שטעטל? פארוואָס פירט ער ניט אָפּ די האנט פונעם רעצייעך?

דעם וואסערפירער איז אָט די מערידע ניט געפעלן, ער באמערקט אומצופרידן:

— רייצט ניט, כ׳בעט אײַך, דעם עלעהיינישו באשאָמאַיִם, — דער באַלעבאָס ווייסט, וואָס ער טוט זײַן שקאפע. גאָט שטראָפט דערפאר, ווײַל מע האָט זײַן גוטסקײַט פארגעסן, די סטעזשקע צו אים. זינדיקט ניט, עס זאָל, כאָלילע, ניט ווערן נאָך ערגער. און לאָמיר פונדעסטוועגן פרוּוון צומאכן די אויגן, ווײַל באלד וועט שוין די קוקאווע אף אײַער זייגער אין די צעעפנטע טויערלעך זיך באווײַזן, האלב־נאכט מעלדן, צוועלף מאָל „קו־קו” ארויסברענגען...

די נאכט פונעם פּאָגראָם איז מיט גוואלד, מיט הארצרײַסנדיקע קוילעס, מיט קאָרבאָנעס אָנגעפילט געוועזן, און ס׳איז געוואָרן קלאָר, אז מע מוז מאכן די פלייטע. ביידע מישפּאָכיִס, יעהודעס און דעם וואסערפי־

רערס, האָבן זיך שוין געגרייט דערצו, זיי האָבן באַשטימט מיטן שאַריִען אופהייבן זיך און אוועקגיין קיין לאָכניצע, ווו עס האָט געוווינט יעהודעס א באַקאַנטער וואַלד־אופזעער, אויב דער לעסניק וועט ניט קאָנען אַרײַנלאָזן, וועלן זיי גיין ווײַטער, קיין פּעטראַשי.

אָבער אַנטלויפן שטילערהייט איז ניט געלונגען. קאַיאָר דערהערט זיך אין הויף א גערויש.

— כאַפּ א קוק, וואָס איז עס דאָרטן פאַר א ראַש? — בעט דערשראָקן כײַטשיק, וועלכע האַלט בערעלען אף די הענט.

יעהודע טוט א הייב דאָס פאָרהענגל אפן פענצטער, פירט צונויף די ברעמען: דער שאָכן! מיט א שטעקן, אין גאַרטל — א האַק:

— טריאַסצאַ וואַשעי מאַטערי, א קאַדאָכעס דער מאַמען אײַערער! — גוואַלדעוועט ער, — זיך דערוואַרט?! שויטעס! יאָלאָפּן! נאַראָנים!

„בעפייערעש עק וועלט, אויב ער, דער שאָכן, וואָס האָט זיי קיינמאָל קיין שאָדן ניט געבראַכט און פון זיי קיין בייז ניט געניסן, אויב ער קריכט, ווי א גאַזלען, — קלערט יעהודע, נעמענדיק אין די הענט זײַן ביקס. — ניטאָ קיין ברירע, מע מוז זיך פאַרטיידיקן".

— נו? — פרעגט אופגערודערט כײַטשיק. — זעסט עמעצן?

יעהודע שאָקלט מיטן קאָפּ, זאָגט אַנטשיידן:

— מירן זיך ראַנגלען, מירן זיך קעגנשטעלן לעכאָלהאַפּאָכעס. אַנדערש וועלן מיר זיך ניט ראַטעווען.

אין א פּאָר רעגעס אַרום שטייט ער שוין אפן גאַנעק.

— פאַרקערעווע פונדאַנען, — פּרווט ער מיט ווערטער אופהאַלטן דעם צעדרודלטן שאָכן. — עלע ניט, וועט זײַן שלעכט.

אָבער יענער גרײַפּט אָן.

— שטיי! — שרײַט יעהודע.

דער שאָכן הערט אים ניט.

— שטיי, כ'וועל שיסן!

דער שאָכן דערזעט יעהודעס ביקס, שטעלט זיך אָפּ מיטאַמאָל א דערשטויגטער:

— אָט א גוילעם! דרײַ מאָל א גוילעם! דער טײַוול זאָל דאָס נעמען! וועסט נאָך באַווײַזן שיסן. אף דײַנע סאָנים. עך, יודקאָ, יודקאָ! שעם זיך! וויִאַזוי האָסטו דערלאָזט א געדאַנק, אז איך גיי אײַך ראַבעווען... איך! פע, ניט געוואָרט אף אַזעלכס. נאָר מיילע. קיין צײַט ניטאָ שעלטן אין טאַטנס טאַטן אַרײַן. פאַרוואָס זײַנט איר ניט אוועק?! כ'האָב דאָך אײַך געוואָרנט?

— ניט באַוויזן. מירן באַלד אַנטרינען...

— שפּעט. די פּעטליוראָווצעס פּאָרען זיך שוין אַף אונדזער גאַס. הער מיך אויפמערקזאַם. הערסט? אַלע דײַנע — צו מיר אין קעלער! פאַרשטאַנען? נו? מאַרש! די ביקס פּאַרליר ניט, זי וועט נאָך צוניץ קומען...

די געשעענישן האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַזוי.

צום שוויכעטס הויז איז צוגעפאָרן אַ פּעטליוראָווער אַף אַ פול אָנגעלאָדענעם גרויסן וואָגן. דער באַנדיט איז אַראָפּגעשפּרונגען אַף דער ערד, זיך אַרומגעקוקט, האַסטיק, באַלעבאַטיש צוגעגאַנגען צום פענצטער פון פּאָדערצימער און מיט אַ פויסט אַ קנאַק געטאָן אין דעם אַזוי, אַז די טאַפּליעס זײַנען פון די נעסטן צעבראָכענע אַרויסגעפלויגן.

— היי, ציטערט ניט, איצט בין איך אַ גוטער, — האָט זיך שיקער באַרימט דער גאַזלען. — אַ גוטער, ווײַל הײַנט בין איך אַ רײַכער. אַ פור מיט גוטס באַ מיר. איר קאָנט זיך איבערצײַגן. איך האָב נאָר ניט קיין זאַלץ. כ׳דאַרף מער גאָרניט, נאָר זאַלץ. איר שענקט מיר זאַלץ, איך אײַך — דאָס לעבן.

דער פּעטליוראָווער האָט זיך צוגעהערט עטלעכע ווײַלעס. קיינער ענטפערט ניט.

— אָט זשידעס, פאַרקראָכן אין זייערע שפּאַרונעס און שווײַגן. דער בײַט געפעלט זיי ניט. דאָס לעבן איז פאַר זיי צו ווייניק.

ער איז אומצופרידן אַרויף אַפן גאַנעק, מיטן שטיוול אַ שפּאַר געטאָן די טיר, אַרײַן אין שטוב, אָנגעהויבן דאָרטן עפּעס שלײַדערן, ברעכן, קלאַפּן. מיט ליידיקע הענט און מיט אַ באַליידיקט פּנים אַרויס צוריק און ערשט איצט דערזען פונדערווײַטנס יעהודעס שאָכן און הילכיק זיך אָנגעפרעגט:

— היי, מענטש, ווייסט ניט, וווּהין זײַנען אַהינגעקומען די ייִדן?

— דער רועך ווייסט.

— עפשער זיצן זיי באַ דיר אונטער דער פּאָלע?

— טו אַ טאַפּ.

— ניטאָ קיין כיישעק. אַן אַנדערש מאָל. כ׳בין מיד, — האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט דער רויבער. ער איז לאַנגזאַם געגאַנגען צוריק צום וואָגן, זיך אַרופגעכאַפּט אַף אים, לײַכט אַ צי געטאָן די לייצעס. די זאַטע פערד האָבן דערפרייטע זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט.

אָן איבערגעבראָכענער בליץ שנײַדט זיך אַרײַן אַף אַ רעגע אין הימל. עטוואָס שפּעטער צעקנאַלט זיך אַ דונער, דערנעבן, באַם סאַמע שפּיטאָלפענצטער.

קלאַרע באָריסאָװנע עטעמט שװער, קוקט אפן זון:

— דײַן טאַטנס ביקס האָט פונדעסטװעגן געשאָסן... שפּעטער א ביסל...

— װאָס זאָגסטו?

— אזוי זיך. אן אלטע געשיכטע פון א װיסטער קאַלעמוטנער צײַט. א נעס, װאָס ביסט לעבן געבליבן.

— װען, מאַמע?

— בײַסן פּאָגראָם. ביסט נאָך גאָר א פּיצל געװען, בערעלע, א שרײַער. אױסבאַהאַלטנדיק זיך פון די באַנדיטן, פלעג איך מיט דער דלאָניע פאַרמאַכן דײַן מױל, דײַן געשרײ זאָלן די מערדער ניט דערהערן. כ׳װאָלט דיך געקאָנט דערשטיקן, זײער אײנפאַך. אומקומען האָסטו געקאָנט אױך שפּעטער א ביסל, זײער פראָסט, װען איך בין אין טיף געלעגן. מײַן מאַמע מאַלקע האָט דיך פון יענער־װעלט אַרױסגעשלעפּט, און מיך מיט דיר צוזאַמען. אײביקע טירכע פון מאַמעס — דאָס לעבן געבן, דאָס לעבן פאַרהיטן. װי אין נעפּל זע איך: אָט טראָגט זי דיך אונטער, דײַן באָבע מאַלקע, צו מיר זויגן, און איך, אין היץ, אין פּיבער, קימאַט אָן זיקאָרן, װײל דיך ניט װיסן, איך שטופּ דיך אָפּ. „פאַרװאָרף אים אונטערן בעט״, — אײַצע איך מײַן מאַמע, װאָס זי זאָל טאָן מיט דיר. זי װײנט, רעדט מיך אײַן, כ׳זאָל קײן שלאַק ניט זײַן, און װאָס קלערסטו — איך פאָלג, און איך בין גליקלעך, װאָס איך פאָלג. אין יענע שלאָפלאָזע מעסלעסן איז זי, מײַן מאַמע מאַלקע, בלינד געװאָרן אף אײן אױג. געפּאַטערט עס, װײַזט אױס, מאַכמעס אן אָנצינדונג. אײנגאַנצן אױסגערונען, צוליב מיר און צוליב דיר אױסגערונען...

17

שטײן צװישן בערעלען און לײבלען באַם פענצטער, פּילן זײערע עלנבױגנס, הערן זײערע שטימען, זײער אָטעם, אײנײנעם מיט זײ שלינגען פרישע לופט, — װאָס קאָן זײַן כ׳עסדיקער? קלאַרע באָריסאָװנע װאָלט אזוי, שמועסנדיק מיטן זון און מיטן אײניקל, טוקנדיק זיך אין דערינערונגען, דעם גאַנצן רעשט אָװנט פאַרבראַכט. זי װײסט, אז אױך זײ זײַנען צופרידן, זי זעט, אז אױך זײ האָבן פאַרגעניגן, אָבער אזוי װי די װײטעקן, װאָס אָט לאָזן זײ זי אָפּ, אָט קערן זײ זיך אום צוריק, אזוי דער געדאַנק װעגן געשװילעכץ — ער איז, דוכט זיך, אַװעק, נאָר בײַן, אָט איז ער הי, לאָזט ניט צורו, צוגעװױנען זיך צו אים איז, א סװאָרע, אוממעגלעך, קאָלזמאַן זי איז צערודערט, װײל זי ניט, אירע יאַטן זאָלן זיך

ווידעראַמאָל צורירן צו אים, און אַזאַ געפאַר איז רעאַל, זי איז גאָר ניט באַוואָרנט, אַז זי וועט זיך ניט צעכליפּען. וויאַזוי וועלן זיך פירן די קינדער, ווייסט זי אויך ניט, הייַנט־צו־טאָג איז גענוג פאַר זיי איבערלעבונגען, דעריבער זאָגט זי שטרענג, אַפילע בייזלעך אַ ביסל, קעדיי פאַרטויבן אין קאָל דעם ציטער:

— איצט אַהיים, כעוורע...

— אין געוויטער, באָבעשי, אין רעגן?

— ביסט ניט קיין צוקער, וועסט ניט צעטייַען.

— ס'איז נאָך פרי, מאַמע...

— איך בין אויסגעוועפּט. קומט צו גיין מאָרגן.

— אומזיסט טרייַבסטו אונדז, באָבעשי.

— נישקאָשע, יונגאַטש, האַלט זיך פעסט. אויב ס'איז דיר זייער גוט, באַרים זיך ניט און גרויס זיך ניט. ניט אייביק וועט אַזוי זייַן. אויב ס'איז דיר שלעכט, זאָרג זיך ניט, ערגער זיך ניט, ניט אייביק וועט אַזוי זייַן.

באָרעך און לייב האָבן זיך ניט לאַנג געאַמפּערט.

און קלאַרע באָריסאָוונע איז געבליבן אַ שטיקל צייַט אויג־אַף־אויג מיט זיך אַליין, מיט אירע אַנגסטן און אירע צווייפלען, מיט אירע האָפּענונגען און טייַנעס.

איצט באַטראַכט זי איר לאַגע אַלזייַטיק. די סאַקאָנע איז גרויס, אַ סוואָרע, אַז פּאָלינע נאַומאָוונעס שוויגער איז גערעכט. וויסן אַף זיכער קאָן קיינער ניט. נאָר איינגיכן וועט אַלץ ווערן קלאָר. זי האָט זיך נאָר ניט געוואָלט מוידע זייַן, אָבער וויפל קאָן אַ מענטש איבערטראָגן? דער אומגעלומפּערטער געדאַנק, וועלכער האָט זיך הייַנט באַטאָג צו איר אין דרעמל אונטערגעכאַנפּעט, האָט צוגעזאָגט, אַז עס וועלן זי טייקעף אופהערן מוטשען די ווייטעקן, אויב זי וועט אַלץ פאַרגעסן — אי דאָס גוטע אינעם אָוואַר, אי דאָס שלעכטע. זאָל זי נאָר אופהערן אונטערשיידן דעם בלויען הימל פונעם גרויען, די שוואַרצע ערד פון זאַמד, דעם שניי אין פעלד פון בליענדיקע עפּלביימער, ערלעכע נעשאָמעס פון אייַז־קאַלטע הערצער. קוים ווערט זי פון אירע געפילן פּאָטער, קומט גלייַך אַ סאָף צו אירע מאַטערנישן, אָט דער איינגעגעסענער געדאַנק האָט זיך ווידער גנייוויש אַרייַנגעשמוגלט אין באַוווסטזייַן און שוין ניט אין שלאָף, נאָר אַפּדערעמעסן. זי האָט געקוקט אַפן צעעפנטן פענצטער: בלויז איין שפּאַן, איין באַוועגונג, איין שפּרונג און — אויס... אַלץ איז גוט, וואָס פּאַסירט באַצייַטנס...

אירע שכיינעס האָבן זי געטראָפן אין סאַמע מיטן געראַנגל מיט זיך

אליין. ס׳איז א כידעש געווען, נאָר זי האָט מיט פארגעניגן אופגענומען דעם צוריקער פון די שפּיטאָל־פּרײַנט.

— שוין באגלייט די כעוורע, קלארע באָריסאָוונע?

— יאָ, כ׳האָב זיי א ביסל צוגעײַלט, ווײַל כ׳בין שטארק מיד. פרייד איז אמאָל אזוי שווער, ווי לייד.

— איר זעט אויס גאָר ניט שלעכט.

— כ׳בין ווי א ווינטמיל, מיט די פליגלען פאָכע איך, אָבער פליִען קאָן איך ניט. ארײַנגעפּאקט זיך אין א קאפּקאַן...

— ערגערט זיך ניט, ס׳וועט זײַן גוט.

— פון א געקאָכט איי וועט זיך קיין אייפעלע ניט אויספּיקן. ווײַזט אויס, אז בא מיר איז א ראק.

— מע קאָן זיך אײַנריידן אפילע א קינד אין בויך.

— דער רענטגען לײַגט ניט...

אי די עלטערע, אי די יונגע שכײנע,ביידע האָבן פארשטאנען, אז קלארע באָריסאָוונען דארף מען אונטערהאלטן, העלפן דעם אומעט צעווייען כאָטש א ביסל, אלנפאלס, קיין גרויסער אויסוואל איז בא זיי ניט געווען, אָבער איין מיטל האָבן זיי פונדעסטוועגן באזיצט נישקאָשע: זייער פלאַ־פלערײַ האָט טאקע אָפּגעווענדט עטוואָס קלארע באָריסאָוונען פון אירע שווערע געדאנקען.

— ער האָט מיך ניט ליב געהאט אפילע די ערשטע טעג נאָך דער כאסענע, — דערציילט די יונגע שכײנע וועגן איר ערשטן מאן. — טרינקט ער ניט אויס, הייבט ער ניט אָן ארבעטן, זשליאָקעט ער זיך אָן, וויל ער שוין ניט ארבעטן. ער איז א פּיי׳קער זויפער געווען בא מיר. זײַן נאָר־מאלע מאָס — א פלאש בראָנפן מיט א פּאָר קופל ביר.

— גאָט מײַנער, הונדערט גראם פארזוכסטו, ביסטו דערנאָך דרײַ טעג קראנק.

— אפילע צעשיידט האָבן מיר זיך נאריש. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז אין באָרשטש איז א וואָרעם געשווומען. א וואָרט פאר א וואָרט, זיך צעזידלט, קימאט זיך צעפּאטשט, און קאפּוט. זיך צעגאנגען, ווי שיפן אין יאם. א יאָלד, ער ווייסט ניט, אז ווערעם זײַנען ניט די, וואָס מיר עסן, נאָר די, וועלכע עסן אונדז. א שאָד, כ׳האָב אף אים געהאָרעוועט, שווער געארבעט.

— א פרוי, וואָס ארבעט שווער, איז ווי א בעהיימע אין שפּאן.

קלארע באָריסאָוונע הערט די שכײנעס און טראכט וועגן זיך, וועגן דעם, אז זי איז אויך געגליכן צו אן אײַנגעשפּאנטער קו, אז ווייניק פארמאָגט די וועלט פרויען, וועלכע דערמאָנען ניט קיין קו אין שפּאן,

און נאָך קלערט זי, אז ס'איז שווער אָפּזוכן אונטערן הימל כאָטש איין פּאָרפּאָלק, וואָס גייט דורך דאָס לעבן אָן כלוקעדייעס. אַף וואָס, אשטייגער, האָט זי, כּײַטשיק, געדאַרפט שטרײַטן מיט יעהודען, ער זאָל ניט רייכערן? סײַוויי האָט ניט געהאָלפן. אומזיסט אים אין דער גאל גערעדט, געצווונגען זיך אויסבאַהאַלטן פון איר, זאמלען די ציגײַער־רעשטלעך אין די קעשענעס. אָפּט פלעגן די אָקורקעס דורכברענען לעכער אין די הויזן. איינמאָל, ווען ער האָט שטילערהייט גערייכערט אַף דער ווערענדע, פאַרטײַענדיק, ווי געוויינלעך אין אזעלכע פאלן, דאָס ציגײַערל אין ארבל, איז א פונק אומבאמערקט אפּן אונטערשלאַק אראָפּגעפאלן, געטליִעט־געטליִעט, ביז די טרוקענע וואַטע האָט אופגעפלאַמט, דעם עלנבויגן אָפּגעבריט. אי געוויין, אי געלעכטער. אלץ איז פארגאנגען, ניטאָ שוין ניט יעהודע, ניט זײַנע פּאַפּיראָסן, אָבער אדהײַעם פאַרשטייט ניט קלארע באָריסאָווניע, ווי־אזוי לויפּט א מענטש נאָך א געשמאַקן ראָסלפלייש, נאָך א גאָלדענער יויך, נאָך א גלעזל זיסן קאָמפּאָט אַף דער ווערענדע פארבײַסן מיטן ביטערן טאַבעק, מיט רויך, מיט דער רועך ווייסט וואָס...

קלארע באָריסאָווניע פּילט, אז אַף איר רוקט זיך אָן יענע וויסטע דערמאָנונג, וואָס וואָלט געדאַרפט אַף אייביק פארגעסן ווערן. נאָר ניט אלץ באַקומט זיך, ווי עס ווילט זיך. די דערינערונג פּויזעט ארויס פון קייווער, אייפערזוכט איז לעבנספייִק ניט ווייניקער, ווי ליבע. קלארע באָריסאָווניע וויל ניט דערלאָזן, עס זאָלן אין איר אופוואַכן די איבערלעבונגען, וועלכע האָבן פיל קויכעס אירע אָפּגענומען, פיל געזונט אויסגעזויגן, אָבער דערשטיקן זיי איז ניט אזוי פּאָשעט.

דאָך מאָרגן אינדערפרי, ווען באָרעך האָט איר געבראַכט א וואַרעמען אָנבײַסן און בײַלויפיק זיך אָנגעפרעגט, פארוואָס איז איר פענצטער פינצטער געווען נעכטן א גאנצן אָוונט, זײַנען ווידער די ביטערע ראיוינעס אופגעשווומען, אפילע די ווייטעקן האָבן ניט געהאָלפן, ניט געקאָנט זיי פארטויבן. קלארע באָריסאָווניע איז געלעגן מיט צונויפגעפּירטע ברעמען, עפּשער דערפאר האָט זיך דער שמייכל אַף אירע ליפּן באַקומען א שטרענגער. וועגן אירע פּלאָגן — קיין איינציק וואָרט דעם זון, וועגן אירע געדאנקען — בלויז אן אָנצוהערעניש, אָבער באָרעך האָט גלײַך זיך אָנגעשטויסן, וואָס עס קימערט זי.

באָרעך דערמאָנט זיך, ווי־אזוי, קוים־קוים א בארמיצווע־ייִנגל, איז ער אינמיטן ווינטער, נאָך האלב־נאכט, פון שטוב ארויס זוכן דעם טאטן, וועלכער האָט זיך צום ערשטן מאָל פון דער ארבעט ניט אומגעקערט באַצײַטנס און ניט געוואָרנט, אז ער וועט זיך שפּעט פארהאלטן. באָרעכל איז גלײַך אין די אָרעמס פונעם ווינט ארײַנגעפאלן, א שטויב פון שנײ

האָט זיך פאַרדרייט אַרום אים, די שטעכיקע וויוגע האָט פאַריסן די פּאָלעס פון זײַן קורץ מאַנטעלע, געפּרוּווט אומוואַלגערן, ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזט, פעסט זיך געהאַלטן אַף די פיס אין הויכע אונטערגעגנייטע וואַליקעס. דער גרויסער וועג צום טאַטנס אַנשטאַלט איז ערגעץ אַנטרונען אין דער זאַווערוכע, באָרעך האָט זײַן אייגענע סטעזשקע געטאָפּטשעט, האַלטנדיק זיך באַם פּלויט. קאָלזמאַן ער איז געגאַנגען, זינקענדיק אין פּילצאָליקע בערגלעך שניי, האָט ער אַלץ געזען פאַר זיך דער מאַמעס פאַרווײַנטע, עטוואָס צוגעשוואָלענע אויגן, די צעשויבערטע האָר אָפן קאָפּ, איר צעטומלט און אַ קאַפּל פאַרשעמט פּאָנעם. צוערשט האָט באָרעך גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. אָבער ווען ער איז צום טאַטן אַף דער אַרבעט געקומען און אים דערזען אינצווייען מיט זײַן פאַרוויטלטער, יונגער, פרייִשער כעזשבנפירערן, איז אים פיל קלאָר געוואָרן, האַגאַם ער איז נאָך אַ קינד געווען. צוריקקערנדיק זיך, האָט בערעלע דער מאַמען געזאָגט, אַז דעם טאַטנס צימער אין אַנשטאַלט איז פול געפּאַקט, אַלע זײַנע מיטאַרבעטער האָרעווען אינאיינעם מיט אים, זאָל זי, די מאַמע, זיך ניט ערגערן. נאָר דער מיטלײַד אין זײַנע אויגן האָט אויסגעגעבן דעם עמעס.

לאַנג לײַדן, איר יעהודע זאָל האָרעווען שפּעט אין דער נאַכט, איז פאַר קלאַרע באָריסאָוונען געווען אומדערטרעגלעך. וויאַזוי האָט זי זיך דערשלאָגן, ער זאָל ניט זײַן אַזוי פלײַסיק אַף דער אַרבעט, דאָס איז פאַר באָרעכן געווען אַ סאָד, נאָר בלויז צוויי מאָל, ניט מער, איז אים אויסגעקומען שפּאַנען צום טאַטן אין אַנשטאַלט באַנאַכט. בייס איינעם אַן ערנסטן געשפּרעך צווישן די עלטערן איז ער געווען אין דער היים, געהערט, ווי זיי שפּאַרן זיך, ער האָט אָבער ניט געקאָנט וויסן, אַז נאָך דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס וועט די מאַמע שאַרף ענדערן דאָס לעבן. זי האָט געמאָלדן דעם טאַטן, אַז אַראָפּלאָזן אַף אים די הינט פון קייט קלײַבט זי זיך ניט, צום ראָוו אַף אַ דינטוירע וועט זי אים אויך ניט רופן, אָבער אָפּהענגיק פון אים וויל זי מער ניט זײַן, אויב גוט — איז פײַן, אויב ליב — איז ניכע, אויב ניט — וועט זי זיך ווי־ס׳ניט־איז באַגיין: אויס שטוב־באַלעבאָסטע, זי וועט זיך גיין לערנען. און זי איז אַוועק זיך לערנען — אין אַ מעדיצינישן טעכניקום.

שטודירט האָט קלאַרע באָריסאָוונע מיט כיישעק, מיט פאַרגעניגן, דעם טעכניקום געענדיקט אויסגעצייכנט, אַזוי דערפאָלגרײַך, אַז דער פּאָרזיצער פון דער עקזאַמענאַציאָנס־קאָמיסיע, אַ דאָצענט פון קיִעווער מעדיצינישן אינסטיטוט, האָט איר האַלב־אָפיציִעל פאָרגעלייגט פאָרזעצן זיך לערנען אין הויכשול. קלאַרע באָריסאָוונע איז מאַסקים געווען, אפגיך די געהעריקע דאָקומענטן צונויפגעזאַמלט, אַוועקגעשיקט, דערנאָך די אַרײַנטרעט־

אויספּרוּוון גלענצנד אויסגעהאַלטן, אָבער אין אינסטיטוט האָט מען זי ניט דערלאָזט. פּאַרוואָס? זי האָט ניט פאַרשטאַנען, ביז דער באַגעגעניש מיט יענעם דאָצענט, וועלכער האָט איר געייצעט פּאָרזעצן דאָס לערנען.

— וואַש באַטקאָ בוּוו ריזניק, — האָט ער דערקלערט.

יאָ, איר טאַטע איז געווען א שויכעט. זי איז זיך מיסוואַדע, זי איז שולדיק, און ס׳איז איר אויסגעקומען צו צאָלן פאַרן טאַטנס זינד...

קיין דאָקטער ניט, דאָך א פעלדשער איז קלאַרע באַריסאָוונע געוואָרן. אדאַנק דער אייפּערזוכט. ווען ניט זי, וואָלט קלאַרע באָריסאָוונע מיסטאַם אָף אייביק פאַרבליבן פּאָשעט יעהודעס ווײַב, די פּאַרוואַלטערן פון זײַן קיך. יעהודע האָט בא איר, פאַרשטייט זיך, מעכילע געבעטן, זיך געשוואָרן, אז קיין שום כעט האָט ער ניט אָף זיך, נאָר סײַווי געבעטן, ווײַל ס׳קאָן זײַן, אז ער האָט זיך טאַקע א ביסל פאַרליבט — אין גאָרנישט מיט נישט, ס׳קומט אים דערפאַר א פּאָר גוטע פּעטש. צוויי צענדליק יאָר נאָך דעם האָבן כײַטשיק און יעהודע אָפּגעלעבט באַנאַנד ווידער, ווי טויבן, אָבער די דערמאָנונג וועגן יענער אייפּערזוכט ברענגט פונדעסטוועגן אלע מאָל ליידן...

אָף מאָרגן, קאַיאָר, איז באָרעך שוין ווידער אין שפּיטאָל:

— וואַש די הענט און נעם עפּעס אין מויל ארײַן.

נאָר קלאַרע באָריסאָוונע, כאַפּט זיך ניט עסן, אומגעריכט טוט זי א מורמל דעם ניגן פונעם פריילעכן שנײַדערל: „די יאָמטעוודיקע טעג האַלטן אין פּאַרגיין, האַרציקער טאַטע״, און פרעגט:

— ווען דאַרפסטו, בערעלע, פאָרן צוריק אין מיראָסלאַוול?

— מירן זען. כ׳וועל אָנקלינגען אין אינסטיטוט.

— ס׳וואָלט געווען א מיצווע, זאָלסט בלײַבן מיט מיר נאָך עטלעכע טעג. ווער ווייסט, וואָס עס קאָן פאַרלויפן...

אין דער רעגע קומט ארײַן פּאָלינע נאַומאָוונע. איר הײַנטיקן אויסער־אָרדנטלעכן באַזוך הייבט זי אָן פון קלאַרע באָריסאָוונעס פּאַלאַטע. זי באַווײַזט מאַכן בלויז איין טראָט צו קלאַרע באָריסאָוונען און דערהערט:

— כ׳בין אָף אײַך באַליידיקט, קאַפּיטאַן. איר זײַנט דאָך שטענדיק געווען ערלעך, ווי שעמט איר זיך ניט נאַרן דעם מיליטער־פעלדשער, וואָס איז מיט אײַך די גאַנצע מילכאָמע דורכגעגאַנגען?

פּאָלינע נאַומאָוונע פאַרנייגט זיך, גלײַך אָף איר וואָלט זיך א שווערע לאַסט אָנגעוואַלגערן, קלאַרע באָריסאָוונעס פּאָרוווּרף שטעכט די נעשאָמע דורך און דורך. שאַרנדיק מיט די פּאַנטאָפל, גייט צו פּאָלינע נאַומאָוונע צו קלאַרע באָריסאָוונעס בעט, זעצט זיך, ווי אלע מאָל, פּאָרזיכטיק אפן ראַנד לעם דער אלטער כאַווערטע.

— איך זאָל עפּעס וויסן אַף געוויס שלעכטס, וואָלט איך פון אײַך גאָרנישט ניט געלייקנט, טײַערע מײַנע, — לייגט זי ארוף איר האנט אַף קלארע באָריסאָוונעס פּיבערנדיקע פינגער. — דער עמעס איז אפּן שפּיץ מעסער. ס׳איז פּונקט יענער פאל, ווען בלויז דאָס מעסער קאָן ענטפערן, וואָס עס איז בא אײַך. מע מוז שנײַדן...

קלארע באָריסאָוונע פארקלערט זיך. זי שווײַגט די גאנצע צײַט, קאָלזמאן פאַלינע נאומאָוונע הערט זי אויס אופמערקזאם מיטן סטעטאָסקאָפּ, טאפּט דעם מאָגן און די לעבער. זי צעעפנט ניט די ליפּן, ביזוואנען פאַלינע נאומאָוונע באטראכט אירע שכיינעס. ערשט נאָך דעם, ווי יענע גייט ארויס פון פאלאטע, פארמאכנדיק שטיל די טיר, באמערקט קלארע באָריסאָוונע:

— אויסשנײַדן דאָס, וואָס עס פוילט, וואָס פארסאמט דעם גוף, גיט זיך אייניקע אײַן מײַסטערהאפּט. פּעסעלע שנײַדט גוט...

באָרעך לאָזט ניט אראָפּ די אויגן פון דער מאמען. אזא אופגערעגטע און פארשווארצטע האָט ער זי נאָך קיינמאָל ניט געזען, קיינמאָל איז נאָך אַף איר פּאָנעם ניט געווען צעגאָסן אזויפיל לייד. אין דער פאָריקער נאכט האָט זי קיין אויג ניט צוגעמאכט, דאָס האָט זי שטארק אָפּגעשוואכט, פון אָוונט אָן איז זי געלעגן אין פאלאטע מיט אויסגעלאָשענער, לויט איר ביטע, שײַן. געביסן די ליפּן, ראנגלענדיק זיך מיט די אנגסטן און מיט די ביטערע געדאנקען.

באָרעך האָט א קלער געטאָן וועגן לייבלען: גוט, וואָס ער איז איצט דאָ ניטאָ, וואָס ער זעט ניט, ווי די באָבע מוטשעט זיך, האגאם גיין מיט אים, מיטן טאטן, אינדערפרי אין שפּיטאָל האָט ער זיך געקליבן — וועקן אים איז געווען א שאָד. נעכטן, ווען ער האָט זי געבעטן: „רו׳קער, באָבעשי, היט זיך אָפּ", האָט זי אים אָפּגעענטפערט: „קאָלזמאן איך בין א לעבעדיקע, וויל איך, איר זאָלט מיך פארגעדענקען, ווי א לעבעדיקן מענטשן. לעבן דארף מען פריילעך, שעפּן פולע הויפנס. זאָלסט צום סאָף ניט זוכן, ווּהין זײַנען זיי אהינגעקומען, דײַנע טעג".

באָרעך וואָלט וועלן, די מאמע זאָל אויך איצט אים ארויסברענגען עפּעס אזעלכס, נאָר דערהערט האָט זיך עפּעס גאָר פון אן אנדער סעדרע:

— מי באָייש, אומי באָמאַים, ווער דורך פײַער און ווער דורך וואסער וועט אומקומען, ווער דורך אנדערע מאקעס און ווער גאָר אַף אן אנדער מאניר. דײַן טאטע, בערעלע, איז אוועק, ווי א הייליקער, בלויז הייליקע שטארבן אזוי, אין איין אויגנבליק. מיר, ווײַזט אויס, איז קיין גרינגער טויט ניט באשערט.

אומדערטרעגלעך איז צו הערן אַזעלכע ווערטער. פאַרשטיין, פאַרוואָס זיי זײַנען אַף דער צונג געקומען, איז ביכלאל אַן אומענטשלעכע פּײַן, ווײַל העלפן דער מאמען קאָן ער ניט, ער איז בלויז אַן אָנמעכטיקער איידעס.

— מע דאַרף אײַנגיין אַף אַן אָפּעראַציע, — זאָגט ער.

— ווײַזט אויס. כאָטש באַנאַכט האָב איך באַשטימט דיך בעטן, זאָלסט מיך נעמען אַהיים, בעסער אין דער היים... איידער אין שפּיטאָל... זיך מאַטערן... פאָרט אין דער היים, לאַנגע יאָר האָב איך דאָרט ווי אַ מאַלקע געוועלטיקט... נאָר ניין, ס'איז ניט קיין אויסוועג, ס'איז ניט ראַיעל... עפּשער טאַקע שנײַדן? און טייקעף? און עפּשער עפּעס אַנדערש...

קלאַרע באָריסאָוונע פירט אָפּ אין אַ זײַט דעם בליק. ווײַל דער אומגעלומפּערטער געדאַנק, וועלכער פאַרפאָלגט זי און כאַפּט זיך אײַנצײַטיק אונטער צו איר שוין דעם צווייטן טאָג נאָכאַנאַנד, אָט דאָס נידערטרעכטיקע קאָל שווימט ווידער אויף און הערט ניט אויף: „שנײַד אָפּ, דרייסט, ווירדיק, איינמאָל און אַף שטענדיק, וועסטו גלײַך אַלץ דערוואָרבן". קויכעס אַף צו פאַרבאָרגן פונעם זון אָט דאָס קאָל האָט בײַ קלאַרע באָריסאָוונען נאָך געקלעקט.

ס'איז גאָר ניט אַזוי שלעכט — זיבעציק יאָר אָפּלעבן, האַלעווײַ וואָלט יעהודע אַזויפיל אָפּגעלעבט. די מענטשן פון איר דאָר זײַנען שוין לאַנג אַוועק, בלויז זי איז געבליבן, ווי אַן אָפּגעפליקט הינדל.

פאַרוואָס האָט זי אָבער ערשט נעכטן זיך קעגנגעשטעלט דעם אומגעלומפּערטן קאָל, און הײַנט איז זי אינגאַנצן אַן אַנדערע? וואָס פאַר אַ שוועל איז זי איבערגעטראָטן? זי האָט אויך פריִער געקלערט, אַז בײַ איר איז אַ ראַק, און האַגאַם פאַלינע נאַומאָוונע צווייפלט נאָך דערווײַל, נאָר זי, קלאַרע באָריסאָוונע, ווייסט איצט קימאַט אַף געוויס, אַז אַזוי איז עס טאַקע. מיסטאַם האָט שוין איר געשווילעכץ צעלאָזט מעטאַסטאַזן, זי איז דאָך שוין זייער לאַנג שלאַף. ניט שרעקלעך — דער טויט, אַ מאַרטירערן זײַן — אָט וואָס ס'איז דערווידער. זי קאָן שוין מער ניט לײַדן. אָרמעטום טוט ווײ. עס איבלט אָן אויפֿהער. גענוג. צוליב וואָס זיך מאַטערן?

ווען די מאַמע האָט שטיל, אָבער פעסט גענומען אָפּגעבן באַפעלן, ווי אַזוי זאָל ער, בערעלע, זיך באַגיין, אויב זי וועט אַוועק אַהין, פונוואַנען מע קערט זיך שוין ניט אום, האָט ער שוין ניט דערווידערט, ווי פריִער, ניט געבעטן, זי זאָל אויפֿהערן, זיך ניט מאַכן נאַריש, ער האָט אויסגעהערט שווײַגנדיק אַלע אירע פאַראָרדענונגען. זי האָט רעכט, ווען זי וויל, אַרויסברענגען איר צוואָע, אַפילע אויב פּאָרויס איז נאָך אַ העלפט לעבן געבליבן. מיט איינס איז באָרעך ניט מאַסקים געווען:

— די פּוטיאָווקע, וועלכע איך האָב געבראַכט דיר, מאַמע, וועט מען לייבלען ניט דאַרפן אָפּגעבן, דו וועסט אַליין זי אויסנוצן. נאָך דער אָפּע־ראַציע, אימירצעהאַשעם, וועסטו אַליין צום יאַם פאָרן.

— איך וועל שוין, בערעלע, פאָרן מיט דער קאָטשערע אַפן אויוון, מיט דער ווילקע צוריק. צי דען פאַרשטייסטו ניט? נו, דוכט זיך, אַלץ. אַלץ? איצט גיי, האָדעווע דײַן באָכערל. לייב איז שוין מיסטאַם אופגע־שטאַנען.

געזעגענענדיק זיך, האָט די מאַמע שטאַרק אַרומגענומען באָרעכן, לאַנג אים ניט אָפּגעלאָזט, הייס געקושט, ווי אַ קליינטשיקן, נאָר קיין טרער ניט געלאָזט, און איז געווען דערמיט זייער צופרידן.

באָרעך האָט דערהערט, ווי זי שעפּטשעט צו אים:

— יעוואָרעכיכאָ!

קלאַרע באָריסאָוונע פאַרבעט אַפּגיך איר געלעגער, גייט צו צום צע־עפנטן פענצטער, קלעטערט אַרויף אַף דער פענצטער־ברעט, אירע שכיינעס וווּנדערן זיך ניט, די עלטערע וואָרנט בלויז:

— זײַט פאָרזיכטיק, קלאַרע באָריסאָוונע.

— יאָ, כ׳ווייס, כ׳וועל זיך היטן.

מיט אופגעריסענע אויגן דערזעט באָרעך פון דרויסן די מאַמע אין פענצטער — גלײַך שטויסט ער זיך אָן, וואָס עס קומט פאָר. לויפן צוריק צו דער מאַמען אין פּאַלאַטע איז זינלאָז, ער וועט ניט באַווײַזן, איינס קאָן העלפן — זײַן גוואַלד, זײַנע זשעסטן, די מאַמע קוקט אַף אים, זי וועט דערזען, עפּשער דערהערן אויך.

— ניין! — שרײַט ער מיט אַן אומענטשלעכן קאָל. — ניין!

אַז איר בערעלע וועט זיך אַזוי איבערשרעקן — אַף די קני פאַלן, האָט קלאַרע באָריסאָוונע אין כעזשבן ניט פאַרעכנט, און דאָס האָט זי ניכטער געמאַכט. זי איז טייקעף אַראָפּגעקראָכן פונעם פענצטער.

איין שפּרונג, און צעבינדן דעם קנופּ — איז צו אַ גרויס גליק, ניט פאַר איר. מיט פאַרבאַהאַלטענעם כויזעק־ביטל איבער זיך אַליין קלערט קלאַרע באָריסאָוונע: „אָט אַזוי לערנסטו שטאַרבן בערעלען און לייבלען? נו, איז וואָס, אויב פאַרצווייפלונג? ביז עס איז כאָטש איין שאַנס פון טויזנט פאַ־ראַן — לײַדן!" און טראַכטנדיק אַזוי, פאָכעט זי מיט דער אויסגעדאַרטער האַנט דעם זון, ווי איינער רעדט: שטיי אוף, קינד מײַנס, גיי רויִק אויס־פילן דײַנע פליכטן. איר פליכט וועט זי יויצע זײַן, וואָס עס זאָל איר ניט קאָסטן, צווישן מעאַבייד אַדמוי לאָצאַאָס — צווישן די זעלבסטמערדער וועט מען זי ניט געפינען...

עטלעכע טעג נאָך דעם האָט מען קלאָרע באַריסאָוונען געגרייט צו דער אָפּעראַציע. באָרעך איז די גאַנצע צײַט געווען דערנעבן. פֿון מיראָסלאַוול, וווּהין ער האָט געקלונגען, איז אים דערוף אַ דערלויבעניש געגעבן געוואָרן. זײַן דעקאַן האָט אים געזאָגט דערבײַ:

— איין מאָל שטאַרבט אַ מאַמע...

ערעוו דער אָפּעראַציע האָט באָרעך געשריבן דער פֿרוי און דעם מיזיניק:

„טײַערע מײַנע לענע און יוריק!

די מאַמע איז אײַנגעגאַנגען — שנײַדן. לעסבריירע... כ'בין ניט איבערצײַגט, אַז די אָפּעראַציע וועט העלפֿן, דערפֿאַר איז מיר שווער לאָזן זי אויפֿן טיש פֿונעם כירורג, אונטערן מעסער, אָבער אַזוי לעבן, ווי איצט, קאָן שוין די מאַמע מער ניט. מע מוז ריזיקירן, דאָס גיט כאָטש וועלכן ס'ניט־איז אויסזיכט אויף געראַטעוועט צו ווערן. כ'האָב מוירע, אַז דאָס סאַמע שרעקלעכסטע וואַרט פֿאָרויס. אַלץ קאָן זיך ענדיקן טראַגיש. דאָס אונטערדריקט מיך איצט מער ווי אַלץ. עס זאָל זיך אײַנגעבן כאָטש אַ ביסל לינדערן דער מאַמעס ליידן, וואָלט געווען אַ נעס.

קיין איינע פֿון די פֿריִערדיקע איבערלעבונגען מײַנע איז ניט געגליכן צו די איצטיקע. איך בין ניט בעקויעך צוגעוווינען זיך צום געדאַנק, אַז די מאַמע, די לעבעדיקע מאַמע, צו וועלכער איך גיי טאָגטעגלעך צוויי־דרײַ מאָל אין שפּיטאָל, אַז מײַן מאַמע איז פֿאַרורטיילט. ס'איז שווער, נאָר איך דאַנק דעם גוירל, וואָס ער האָט מיר דערלויבט אין די דאָזיקע טעג זײַן לעבן דער מאַמען, העלפֿן איר, זען זי, ריידן מיט איר.

בײַ לייבלען איז אַלץ אין אָרדענונג. שוועריקייטן פֿאַראַן, נאָר נישקאָשע, ווי זיי בײַקומען, ווייסט ער.

די מאַמע שיקט אײַך אירע בעסטע ווונטשן. די ווייטעקן אירע זײַנען אומדערטרעגלעכע, נאָר זי געדענקט אײַך.

זײַט געהיט אויפֿן יאַם"...

18

די נאַכט ערעוו דער מאַמעס אָפּעראַציע איז באָרעך קימאַט ניט געשלאָפֿן, קאַיאָר האָט ער אין שטוב אויפֿגערעמט — די מאַמע האַלט שטענדיק ציכטיק אירע צימערן. וואָס וועט הײַנט פּאַסירן אין שפּיטאָל מיט דער מאַמען, און וואָס און ווי־אַזוי וועט ווײַטער זײַן, קאָן ער זיך ניט פֿאָרשטעלן. זי אַליין זעט אַלץ גאָר פּאָשעט:

— ליגן א לאַטע אַף לעבעדיקע אייוורים איז באַ די כירורגן אַזוי איינפאַך, ווי באַ מיר, אַשטייגער, איז געווען פראַסט ליגן לאַטעס אַף דײַנע מאַטקעס, בערעלע, אַף די סאַמע דעליקאַטע ערטער, — באַרו̇יִקט קלאָרע באַריסאָוונע דעם זון. — ס׳איז ניט אַזוי פֿייגלדיק, אָבער בעסער א מ̇יִעסע לאַטע, איידער א שיינע לאָך.

זײַנע פליודערן פלעגן דער מאַמען גוט דערקוטשען, זיך אײַנגעגעסן אין איר̇ע ביינער, דאָס געדענקט באָרעך. ביזוואַנען ער האָט זיך אויסגע־לערנט אַכטונג געבן אַף זײַנע בגאָדים אַליין, אָן איר אויפזען, איז אים ניט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן איר פאָרוואורף:

— ווערט ערגעץ א ביסל בלאָטע, איז זי אײַנגאַנצן אַף דײַנע הויזן. וואָס טוט מען מיט דיר?!

באַומרו̇יִקן אינדערפרי די מאַמע האָט באָרעך ניט געוואָלט, וואַרטן אַפן פריוואָלנע־געסל איז איבלדיק, בעסער פון אַלץ זיך פאַרקלײַבן אין שפיטאָל־הויף אַף א ווײַטער באַנק אינעם שאָטן פון צעוואַקסענע קליאָנען.

זיצנדיק פאַרהילט אין פרישן גרינס, מאָלט ער זיך די געשעענישן, וועלכע קומען איצט פאָר מיט דער מאַמען, קוידעמקאָל זעט ער פאַר זיך איר̇ע אויגן, וועלכע קוקן מיט ביטאָכן אַף פאָלינע נאַומאָוונעס הענט.

די מאַמע איז שוין מיסטאַם אַפן טיש. זי וועט אויסהאַלטן, פאָלינע נאַומאָוונע האָט פאַר דעם ניט מוירע.

וועגן דער מאַמען טראַכט באָרעך אומענדלעך, שעפט פונעם זיקאָרן דערינערונגען.

נעכטן, ליגנדיק אַף דער לינקער זײַט מיטן פּאָנעם אַראָפּ, האָט זי דערזען זײַנע שיך.

— לאַנגע בענדלעך באַ דיר, — באַמערקט זי און באַפוילט: — קירצערע קויף, ס׳איז ניט שיין.

דערנאָך גיט זי צו, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— כ׳בין אַזוי פאַרטאָן אינעם לעבן, אַז כ׳פאַרגעס פון מאַלעכהאַמאָ־וועס.

מיטאַמאָל שווימט אויף אין מויעך, ווי בייס דער רײַזע קיין יעוופּאַטאָ־ריע האָט מען זיך געדאַרפט אין מאָסקווע איבערקלײַבן פון איין וואָקזאַל אַף א צווייטן, די גאַנצע מישפּאָכע גייט אַרײַן אין מעטראָ, שפּאַנט דרייסט איבער די טרעפּ פון מירמלשטיין, אָבער באַם עסקאַלאַטאָר בלײַבט די מאַמע שטיין, ווי געליימט, האָט מוירע א טראָט מאַכן, א גאַנצע מינוט, מיסטאַם, דויערט, ביז זי שטעלט הינקענדיק איר פוס אַפן באַוועגנדיקן זיך לייטער. שפּעטער, א פאַרויטלטע, א פאַרשעמטע, זאָגט זי:

— ווען מיר זײַנען פֿון אוקראַיִנע אין טאַטאַריע איבערגעפֿאָרן, האָט אונדז פֿון קיִעווער וואָקזאַל אַף קאַזאַנער אַ פֿורמאַן איבערגעפֿירט. אַ שיינער פֿאַעטאָן איז באַ אים געווען, און אַ סוס אַן אַנטיקל. דוכט זיך, גאָר ניט קיין סאַך צײַט אַוועק, אָבער פּרווו איצט אָפּזוכן אין מאָסקווע אַן איזוואָזטשיק...

אין קאָפּ קריכן אַלץ נײַע און נײַע איינצלהײַטן. אָט הערט באָרעך דער מאַמעס קאָל, פֿאַרכידעשט און שטאָלץ דערציילט זי אים וועגן דעם טאַטן, וויִאַזוי ער, דער טאַטע זײַנער, איז צו אַלע וויסנשאַפֿטן, צו אַלע קענטעניש זײַנע, כּוץ דער טוירע, אַליין דערגאַנגען, אַלץ מיט זעלבסטבילדונג גענומען. זײַן רעבע, אַ קענער פֿון כומעש און טאַנאַך, איז ניט בעקויִעך געווען אים אויסלערנען כּעזשבענען, אַפּילע ביזקל צוגויִפֿלייגן ברוכצאָלן האָט אים זײַן רעבע ניט דערפֿירט. וואָס זשע האָט ער, דער טאַטע זײַנער, געקענט טאָן? ער האָט געמוזט אין ביבליִאָטעק אויסבעטן אַ לערנבוך פֿון מאַטעמאַטיק אַף העברעיִש און זעלבשטענדיק זיך באַשעפֿטיקן מיט אים, פֿיר מינים פֿון אַריפֿמעטיק באַהערשן. עטוואָס שפּעטער, אַ באַגײַסטערטער, האָט ער געקראָגן ווערעשטשאַגינס רעכנבוך און אַלע זײַנע אויפֿגאַבעס געלייזט. אָט די טירכע איז דעם טאַטן דאַפֿקע יאָ געפֿעלן געוואָרן...

באָרעכס בליק איז געווענדט צו דער געבײַדע פֿון שפּיטאָל, גלײַך אַ מאַגניט וואָלט אים אַהין געצויגן. צוויי שטראָמען פֿליסן אין זײַן מויעך. זעלבשטענדיקע. זיי שטערן ניט איינע דעם אַנדערן. דאָס מאָלט זיך באָרעכן, ווי די מאַמע ליגט איצט פֿאַרסאַרפּעט אַ צעשניטענע, אָבער באַנאַנד וואַכט אויף אין זיכּאָרן דער פֿאַל, ווען אַ יאַטל פֿון קינדער־גאָרטן, ווו די מאַמע איז זומער אַף דער דאַטשע אַ פֿעלדשער געווען, האָט אַ קנאָפּקע מיט אַ שאַרפֿן שפּיץ אײַנגעשלונגען. גענוג געזונט איז אַוועק באַ איר, ביזוואַנען די סאַקאָנע איז אָפּגעטראָטן. באָרעך איז דעמלט פּונקט אין אורלויב געקומען געווירע ווערן די מאַמע און אַ גאַנצן טאָג געהאָלפֿן איר אָפּפֿירן דאָס יאַטל אין שטאָט אַרײַן, מאַכן עטלעכע מאָל רענטגענען, קעדיי שפּירן נאָך דער באַוועגונג פֿון דער קנאָפּקע... און אָט איז ווידער פֿאַר זײַנע אויגן די אָפּעראַציִע־פּאַלאַטע, פֿאָלינע נאַומאָוונע מיטן סקאַלפּעל, פֿאַרפֿרעסט אין די פֿינגער, אַ טראָפּן שווייס אַף איר שטערן... נאָר דאָ טוט גלײַך נאָך אַ בליץ: מיט אַ פּאָר טעג צוריק, ווען ער, באָרעך, האָט דערציילט דער מאַמען, וואָס עס טוט זיך אָפּן טאַטנס קייווער, האָט זי זיך אָנגערופֿן:

— אין קאָוועד נייטיקן זיך לעבעדיקע, די טויטע דאַרפֿן אים אַף קאַפּאָרעס.

טיילוויַז איז די מאַמע געררעכט. פונדעסטוועגן ווייסט ער, באָרעך, אַז ווייניק אַכט האָט ער אָפּגעגעבן דעם טאַטן זײַנעם, און איר, דער מאַמען. ער האָט באַקומען אַ סאַך מער, זיי האָבן ניט געזשאַלעוועט. און פאַרוואָס איז עס אַזוי אומגערעכט אײַנגעפירט, אַז קינדער באַקומען שטענדיק אַזויפיל, אַז צעצאָלן זיך קלעקט ניט דאָס גאַנצע לעבן? די געשטאָרבענע מאַמעס זײַנען מוחל דעם כּיוון, נאָר די לעבעדיקע איז ניט גרינגער דערפון.

באָרעך פירט איבער דעם בליק אויפן זייגער: אַי גיך, אַי פּאַמעלעך גייט די צײַט.

אין צוויי שאָ ארום איז פּאָלינע נאַומאָוונע, ווי אַ שולדיקע, געשטאַנען אַנטקעגן באָרעכן:

— כ׳האָב געטאָן אַלץ, וואָס ס׳איז געווען מעגלעך.

— אַ דאַנק, פּעסעלע.

— כ׳האָב געמאַכט קלאַרע באָריסאָוונען אַנאַסטאַמאָז, אַ דורכגאַנג פון דער שפּײַז־רער צו די קישקעס, כ׳האָב זיי דירעקט פאַרייניקט, פאַרבײַ דעם מאָגן, ווײַל זײַנע ווענטלעך האָט שוין אויפגעפרעסן דער קרעפּס. דאָס איינציקסטע, וואָס כ׳האָב געקאָנט. ניט אויף לאַנג וועט אַ לינדערונג פון די ווייטעקן זײַן. אַ האַלב יאָר וועט נאָך קלאַרע באָריסאָוונע לעבן, עפּ־שער עטוואָס מער...

ווען לייב איז געקומען צו לויפן אין שפּיטאָל, איז באָרעך געזעסן אויף די שטיינערנע טרעפּ פונעם גאַנעק.

— אַלע אונדזערע ערגסטע פאָרגעפילן זײַנען מקוים געוואָרן, — האָט ער געענטפערט אויף דעם זונס שווײַגנדיקער פראַגע. — צוליב אונדזערע ווונדן שטאַרבן שווער אונדזערע מאַמעס...

— צומאָל טרעפט פאַרקערט, — רופט זיך אָפּ לייב. — צוליב די ווונדן, וואָס די עלטערן האָבן באַקומען, גייען פריצײַטיק די קינדער אַוועק אויף יענער־וועלט...

באָרעך פאַרבאַהאַלט דאָס פּאָנעם אין די דלאָניעס.

19

דער נאַרקאָז לאָזט ניט אַזוי גיך אַרויס פון זײַנע אָרעמס קלאַרע באָ־ריסאָוונען. צוויי מעסלעס נאָך דער אָפּעראַציע שלאָפט זי, און באָרעך וואַרט מיט אומגעדולד, ווען וועט זי שוין זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און וויאַזוי וועט זי זיך אויפכאַפּן.

דאָס ערשטע, וואָס קלאַרע באַריסאָוונע זאָגט, צעעפּענענדיק אַף א ווײַלינקע די אויגן־לעפּלעך און דערזעענדיק לעבן זיך דעם זון, איז:

— זאמד... אַף די ווײַעס — זאמד...

— האלט זיך, טײַערע.

— וואָדעז טו איך? וואסער...

— מע טאָר ניט דערוויַיל.

באָרעך ווישט מיט א פײַכטן האנטעך דער מאמעס ליפּן.

מע דאַרף, דוכט זיך, זײַן צופרידן, נאָר ער איז צעטומלט, צערודערט, עס מאַטערט אים די טײַנע: צוליב וואָס? אזעלכע ווייטעקן אויסהאלטן, קעדיי אינגיכן באקומען נאָך ערגערע אנגסטן? עס ווילט זיך זייער, די מאמע זאָל לעבן וואָס מערער, אָבער וואָס מער זי וועט לעבן, אַלץ מער וועט זי זיך מאַטערן. און פּלוצעם טוט אים א ברי א מעשוגע־ווילדער געדאנק: עפּשער האָט ער, באָרעך, געהאנדלט אייגנליביק, בייס ער האָט זי אין פענצטער דערזען און אויסגעשרײַען: „ניין!" זי איז, ווי שטענדיק, קליגער פון אים געווען. אזוי קלערן איז פאַר אים אומדערטרעגלעך, נאָר ער האָט אזוי געטראכט, זיך אליין נארן האָט קיין זין ניט געהאט.

אין עטלעכע טעג ארום אָבער האָט באָרעך פארגעסן אין אָט די געדאנקען זײַנע. די מאמע איז צו־זיך געקומען, צום ערשטן מאָל נאָך דער אָפּעראַציע א שמייכל געטאָן:

— עפּשער וועל איך נאָך שטיין אַף די פיס?

מיט א מאַרליטשקע א שמיר געטאָן די ליפּן, אין קײַלעכדיקן שפּיגעלע ארײַנגעקוקט:

— כ'דערקען זיך ניט, גאָט מײַנער.

לאנג געקלערט, אָבער זיך דערמאָנט:

— א צאָן איז ערגעץ אהינגעקומען! פון פאָרנט א גאָלדן קרוינדל געווען, און ניטאָ. כ'פיל, אז עס איז עפּעס ניט אזוי, ווי עס דאַרף זײַן. איינס פון די ביידע, אָדער אײַנגעשלונגען, אָדער בייסן ברעכן אויסגעשפּיגן. ווי א פליג בין איך געוואָרן, א פליג — און שוין. נאָר איצט איז מיר א סאך בעסער, ווי פריִער.

א ביסל געוואַרט, קלאָגעוודיק צוגעגעבן:

— כ'וויל עסן.

אין א וואָך ארום פארפירט זי וועגן פריוואָלנע־געסל א רייד:

— שוין צײַט אהיים! ווו דער שווארצער פעפער וואקסט, געזען, גענוג, דאָס געזונט, קיין אײַנהאָרע, קערט זיך אום, איצט וועט מיך דער רועך ניט נעמען, ביז די נעשאָמע וועט ארויס. אהיים! צוגאסט איז גוט, אין דער היים איז פאָרט בעסער. דער בעסטער קוראָרט איז די היים...

דאָס, וואָס ניט פֿון אַלע שווערע פּײַנען איז זי פּאַשעט געוואָרן, מײַלע, גוטס צוביסלעכווײַז, אין איר באַוווסטזײַן האָט זיך עפּעס איבערגעקערט. ס׳קאָן זײַן, אַז זי איז טאַקע ניצל געוואָרן, אַז פּעסעלע האָט זי פֿונעם מאַלעכהאַמאָוועסעס נעגל אַרויסגעריסן...

אויסשרײַבן אַהיים די אַלטע כאַווערטע איז פֿאַלינע נאַומאָוונע מאַסקים געווען בלויז מיט אַ טנײַ: זי זאָל ערלעך אויספֿילן אַלע פֿאַראָרדענונגען.

אַדעראַבע, פֿאַרוואָס ניט?

דעם לעצטן מעסלעס אין שפּיטאָל האָט קלאַרע באָריסאָוונע ניט געקאָנט אַנשלאָפֿן ווערן, ס׳קאָן זײַן פֿון אופֿגערעגטקײַט, פֿון האָפֿן. באָרעך איז געזעסן לעם איר, געוואַרט, ביז זי וועט די אויגן צומאַכן, קעדײַ אַליין טאָן דאָס זעלבע. ער האָט זיך אָבער ניט דערוואַרט — פֿריִער פֿון איר אין דרעמל אײַנגעזונקען — עפּעס איז פֿונדעסטוועגן ווערט אַ וואָך שלאָפֿלאָזע נעכט. אופֿגעוועקט האָט אים אַ באַקאַנטער קלעמענדיקער ניגן, דער מאַמעס קאָל. דאָס האָט זי געזונגען, אָן שום סאָפֿעק, געצויגן די ליד, וועלכע באָרעך קען גוט, ווײַל אי זי, זײַן מאַמע, אי זײַן מאַמעס מאַמע, האָבן ניט איין מאָל זי געזונגען אים נאָך אַ קלייניטשקן. איר ליד דערשיטערט באָרעכן, נאָר ער טוט אַ קלער, אַז עפּשער וועט דאָס ניגנדל פֿאַרוויגן די מאַמע. האַלעווײַ. ער, באָרעך, האָט ליב די ליד וועגן דעם קלעזמערל, וועגן זײַן פֿידל מיט די לעבעדיקע סטרונעס, וועגן זײַן ליבע און וועגן זײַנע ליידן. דעם סאָף פֿון דער ליד ברענגט קלאַרע באָריסאָוונע אַרויס אומדערוואַרט מונטער, האַגאַם ער איז גאָר ניט קיין יאָמטעוודיקער, גאָר ניט קיין פֿריילעכער: „איין סטרונע געבליבן — דאָס קלעזמערל לעבט, עס גלוסט זיך אים, ס׳ווילט זיך אים שפּילן. ער נעמט זיך צום פֿידעלע — סטרויען, נאָר נײַן, אומזיסט האָט געצאַפּלט זײַן ווילן... דאָס סטרונעלע כליפּעט און יאָמערט און זיפֿצט, און ביטערע טרערן זיך גיסן. דאָס סטרונעלע ציטערט און זיפֿצט — צעריסן די לעצטע, צעריסן... די סטרונעס צעריסן — עס ליגט אַף דער ערד דער אַלטער צעבראָכענער פֿידל. אויס סטרונעס, אויס פֿידל, אַראָפּ פֿונעם מאַרק. געענדיקט דאָס נאַרישע לידל“.

די אויגן בא קלאַרע באָריסאָוונען קלעפּן זיך צונויף, זי שעפּטשעט:

— אַהיים! אַהיים!

פאר שקיִע

1

דאָוויד שטייט אין דער צייכענונגס־אַודיטאָריע באַם ברייטן נידעריקן פענצטער און קוקט אין הויף. דאָרט, לעבן אַלטן לאַסט־אויטאָמאָביל מיטן אופגעהויבענעם קאַפּאָט, אַמפּערט זיך איבער עפּעס אַ הײַפל סטודענטן. וועגן וואָס עס גייט אַ רייד, הערט ער ניט, נאָר לויט די זשעסטן קומט אויס, אַז די זאַך איז ניט קיין פּאַשעטע.

„קעדיי איבערצײַגן, אַז דו ביסט גערעכט, קומט צומאָל אויס דאָס דערווײַזן מיט קויעך", — טוט אַ שמייכל דאָוויד. ער האַלט זיך אָבער גלײַך אײַן, זײַן פּאָנעם פאַרכמורעט זיך: ערשט הײַנט האָט ער אַליין גע־פּרוווט איבערצײַגן דעם זון אָט אַזוי, מיט קויעך געוואָלט פּויעלן באַ אים, אַז ער, אלישע, זאָל ניט וואַגן זיך אַרויסדרייען פון דער אינ־דערפרײַקער גימנאַסטיק. ווען דוסיע זאָל זיך ניט געווען אַרײַנמישן, וואָלט ער געוויס אַרײַנגעטיילט אלישען עטלעכע גוטע שמיץ. דאָס ווײַב האָט זיך אָבער אַנטשיידן אײַנגעשטעלט פאַר אים. איצט קאָן דאָוויד בעשום־אויפן ניט פאַרשטיין, וויאַזוי איז עס געשען, אַז ער האָט דערבײַ היציק זי אַ שטופּ געטאָן — דוסיע איז שיר ניט אומגעפאַלן אויפן דיל.

עס פאַרדריסט אים נאָך איצט: וואָס האָט ער געהאַט צו דוסיען?

עס אַרט אים ניט דער פּסאַק, וואָס דוסיע האָט אים געמאַכט, — ער האָט דאָס ערלעך פאַרדינט. אָבער אַ בלינדער וואָלט באַמערקט, ווי אין דוסיעס אויגן האָט זיך אַפילע דורך טרערן דורכגעריסן פאַראַכטונג צו אים.

„ס'איז איר שווער צו לעבן מיט מיר, — קלערט דאָוויד, פּרוּווּנדיק זיך באַפרײַען פון די אנגסטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעוואַלגערט אף אים. — אפילע ניט געבעטן קיין מעכילע בא איר...”

א קנייטש, ווי א שראם, פארקארבט זיך טיף אין דער באַק. און אלץ ארום וועלקט. עס הערט אוף פרייען די מאָדעל פון צוויי איבערגעפלאָכטענע איינע מיט דער אנדערער פּיראַמידעס, וועלכע דאָוויד האָט גאַרוואָס פּאַרטיק געמאַכט צו זײַן מאָרגנדיקער לעקציע. אים דוכט זיך, אז א כוישעך פּויזעט ארײַן אין דער פארגאַסענער מיט זונען־שײַן אאודיטאָריע, וווּ עס שטייען אף דרײַפוסן צייכענונגס־ברעטער מיט צוגעפּעסטיקטע צו זייערע ראַנדן רייסשינעס. ער טוט א קלער, אז אָט די באַוועגלעכע מעכאַנישע ווירעס דערמאָנען פונדערווײַטנס אײַנגעבראָכענע הענט־ביינער פון סקעלעטן.

דער וויקועך לעבן אוטאָמאַביל ווערט הייסער. מע דאַרף, אפּאָנעם, טײַקעף דורכקאָנטראָלירן, ווי גייט דאָרטן די לער — אף אָט דער אָפּטיילונג באַם פאַקולטעט פון געזעלשאַפטלעכע פּראָפעסיעס, מיט וועלכן אים, דאָווידן, קומט אויס אָנצופירן.

דאָווידן ווײַזט זיך פלוצעם אויס, אז די עפּלביימער אינעם אינסטיטוטישן גאָרטן ווערן מיטאַמאָל בלייך, האָגאָם זיי בליִען, ווי פריִער, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, אופגעוועקטע פון דער שפּעטער היץ.

דאָס, וואָס אין אָקטיאַבער האָבן זיך פלוצעם צעבליט די עפּלביימער, איז געווען א דאָפּלטער כידעש: איין מאָל האָבן זיי שוין געגויסעט האַיאָר, דערנאָך באַוויזן א נעס פון ווידערגעבורט. דאָוויד ווייסט, ווי עס איז ניט פּאַשעט — אומקומען און אומקערן זיך צוריק אף דער וועלט, ער ווייסט גוט, וואָס אזעלכס עס איז טכיאַס־האַמייסים. אָט די עפּלביימער האָט דאָוויד פארגעדענקט נאָך פון ווּעסנע אָן.

אויסגעבראָכן איז דער פרילינג פּריצײַטיק — ווילד א טרײַב געטאָן דאָס גרינס אין וווּקס, זיך צעצוויטשערט מיט פויגל־געווימל. ווער וואָלט געקאָנט פאָרויסזאָגן א צאָרע? נאָר מיטאַמאָל האָבן א קנאַק געטאָן פרעסט — אלץ צעשטערט: די צווײַגן אנטבלויזט, הויל געמאַכט דעם ארום, פארדאָרבן, פארלאָשן.

לאָזט זיך אָבער אויס, אז ניט דער גאנצער צוויט אף די ביימער איז אומגעקומען, ניט אלע בלעטלעך זײַנען פארגעלט געוואָרן און אראָפּגעפאלן. נאָר אומעטיק איז געווען סײַוויסײַ, ווײַל דער איבערגעבליבענער צוויט, אן אָפּגעסמאַליעטער פון דער קעלט, שמעקט שוין אנדערש, צומאָל

דאפקע זייער צארט, דאָך אָנווייענדיק טרויער, און דאָס גרינס איז ניט אזוי איידל, און דער פויגל־געזאנג איז אויך ניט קיין פריילעכער...

דאָוויד געדענקט גוט, אז נאָרשיין האָט געבעטן, ער זאָל אָנקלינגען. דער טעלעפאָן שטייט באם פענצטער, נאָר דאָווידן ווילט זיך ניט צורירן צו אים. ס'וועט אָבער ניט העלפן — מע וועט סײַווי דארפן; נאָרשיין איז א מענטש אן אָפיציִעלער. שטרעקט דאָוויד אויס די האנט פאָרזיכטיק צו דער בײַפענצטער־טומבע, נעמט אראָפ דאָס טרײַבל. עס דערהערט זיך באלד א הודאָק — א לאנגער. דאָוויד פרעסט צונויף די ליפן: נו, אָט, נעם אָן נאָרשיינס נומער. ער געפינט אפן טעלעפאָן די געהעריקע ציפערן אין די קײַלעכדיקע לעכלעך, דרייענדיק דעם דיסק. ערגעץ אין דער טיפעניש דערהערט זיך נאָך איין הודאָק מיט עפעס א נאָגנדיק און, דוכט זיך, זייער גוט באקאנט, פון גאָר לאנג באקאנט טויבלעך קאָל. דאָוויד טוט א ציטער: עס ווײַזט זיך אים פלוצעם אויס, אז דאָס רופט אים פון דער גאָר ווײַטער ווײַטעניש, פון די פראָנט־יאָרן, דער קלאנג, וועלכער פלעגט ניט לאָזן אײַנשלאָפן די סאָלדאטן־פארבינדלער פון זײַן פארוואלטונגס־ווזוואָד, יענץ זינגעוודיק קעלכל פונעם פעלד־טעלעפאָן, וועלכן מע האָט גערופן מיט א ווארעמען, מילדן נאָמען „זומער". פונוואנען קומט ער אהער? — טראכט דאָוויד אָנגעשטרענגט, און טרייסט זיך: — ס'קאָן ניט זײַן קיין „זומער", גאָט באהיט...

נאָרשיין רעדט צו אים עפעס, אָבער דאָוויד פארשטייט זי ניט און פרעגט איבער. אהא, נאָרשיין פארבעט אים צו זיך.

— איך גיי, — ענטפערט אָפ דאָוויד, לייגט אוועק דאָס טרײַבל אפן אָרט, נאָר אײַלט זיך ניט אראָפצונעמען פון דעם די פוכקע האָריקע דלאָניע.

2

נישקאָשע, נאָרשיין קאָן צוווארטן א ביסל. א ווײַלע פריִער, א רעגע שפעטער, וואָס פאר א נאָפקעמינע? דאָווידן קימערט אן אנדער זאך, עפשער טאקע די הויפט־זאך פון זײַן לעבן.

דעם בוך, וועלכן ער, דאָוויד, שרײַבט וועגן דער מילכאָמע, דארף מען, ווײַזט אויס, ווידעראמאָל אָנהייבן פון אלעף, די פארטיקע זײַטלעך ארויסווארפן אין מיסטקאסטן: רויע, גרויע, גאָר ניט אזעלכע, ווי ער האָט געמיינט. אנדערש האָט טאקע ניט געקאָנט זײַן: וואָס קאָן זיך באקומען, ווען דו זעצסט זיך צום שרײַבטיש בלויז נאָך דער ארבעט אין אינסטיטוט, באנאכט, א מידער, א שלעפעריקער? מיסטאם וועט ער אזוי טאקע

טאָן — צעפּליקן די אָנגעשריבענע זײַטלעך און אַלץ אָנהייבן פונדאָסנײַ! דעריקער — זאָל זיך לייגן אפן פּאַפּיר בלויז דאָס געוועזענע, דאָס בעמעס געשעענע. בלויז דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט. מיט אים, מיט זײַנע כאַווײרים, מיט זײַנע פרײַנט.

און אָט — דער אָפּקלאַנג פון נאַרשיינס טעלעפאָן, וואָס האָט אים דערמאָנט אינעם „זומער" פונעם מיליטערישן פעלד־טעלעפאָן, און רעגט, רופט אַרויס דערינערונגען, וועלכע דאָוויד האָט געטראַכט אויסמײַדן אין זײַן מאַנוסקריפּט. פאַרוואָס האָט ער געוואָלט זיי אויסמײַדן, האָט ער אַליין ניט געוווּסט, ניט געקאָנט דערקלערן זיך אַליין.

טיף אײַנגעקאַרבט אין זיקאָרן איז יענער לאַנגער אומרויִקער טעלעפאָן־קלונג, יענער „זומער", וועלכער האָט אים, דאָווידן, אַרויסגערופן אפן קאָמאַנדע־פּונקט פון דער אַרטילערישער בריגאַדע קעגניבער דעם דאָרף סאַמבעק צווישן מאַטווייעוו קורגאַן און דעם אַזאָווער יאַם. אַליין דער קאָמבריג האָט גערעדט מיט אים, דעם יונגיטשקן לייטענאַנטל. ניט באַפוילן — כאַסוועכאָלילע, בלויז געבעטן, אַז דאָווידס באַטאַרייע, זײַנע פיר האַרמאַטן זאָלן פאַרבלײַבן אף די איצטיקע פּאָזיציעס און שיסן אַזוי, אַז דער פײַנט זאָל קלערן, אַז פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט אים שטייט אף אָט דעם פּאַס פונעם דאָרעם־פראָנט אַמווייניקסטן אַ גאַנצע אַרטילערישע דיוויזיע. דאָוויד דאַרף זיך, הייסט עס, פאַרהאַלטן אף אָט דעם פּאָדערשטן ראַנד איין מעסלעס, נאָר איינעם, אַפילע ניט קיין פולן — מאָרגנדיקן טאָג, קעדיי אַלע אַנדערע מיליטער־טיילן, וועלכע דיסלאָצירן זיך דאָ, זאָלן האָבן אַ מעגלעכקײַט שטיל, אומבאַמערקט, אָן אַריערגאַרד־שלאַכטן איבערציִען זיך פונדאַנען אף צאָפן, ווו דער קעגנער האָט דורכגעריסן אונדזער פראָנט לעבן מילעראָוואָ, דראָעט צו פאַרכאַפּן ראָסטאָוו און אַרומרינגלען אונדזער מיליטער הינטער טאַגאַנראָג.

דאָוויד איז געשטאַנען צעמישט, געקוקט גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן דעם עלטערן קאָמאַנדיר, געשוויגן — ווײַזט אויס, מער, ווי עס פּאַסט אין אַזאַ פאַל. דער קאָמבריג האָט ניט אויסגעהאַלטן דאָווידס בליק, מיט ראַכמאָנעס אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ערשט דאַן איז דערגאַנגען צום יונגן לייטענאַנטס באַוווּסטזײַן, אַז מע האָט אים ניט ריכטיק פאַרשטאַנען. און דער געדאַנק וועגן דעם, אַז פונדערוײַט קאָן מען טראַכטן, אַז ער איז פּאַשעט אַ פּאַכדן, האָט אים, ווי אַ שטאַרקער פּאַטש אין פּאָנעם, טייקעף אויסגעניכטערט.

אומקערנדיק זיך אף דער באַטאַרייע, האָט דאָוויד דערקלערט זײַנע כאַווײרים, וואָס עס שטייט זיי פאָר. פאַרשטענדלעך, אַז עס איז אַ געפערלעכע זאַך — די באַטאַרייע קאָן אומקומען, אויב דער סוינע וועט זיך

דערוויסן, אַז זי איז געבליבן איינע אַליין... מע דאַרף אָבער האָפן, אַז אַזעלכס וועט ניט געשען, די פאַרגעבונג מוז מען אויספילן.

יעדער הארמאַט איז צוגעבונדן געוואָרן צו אַ באַשטימטן סעקטאָר אויף די פאַרכאַפּטע שעטאָכים, יעדן הארמאַט איז אויסגעטיילט געוואָרן זײַן צײַט אָפּפערירן: ניט אַלע אינאיינעם, נאָר איינער נאָכן אַנדערן, מיט באַשטימטע אינטערוואַלן, באַם פֿײַנט זאָל זיך שאַפן אַן אילוזיע, אַז אויפן פראָנט האָט זיך גאָרניט געביטן, אַלץ איז ווי געוועזן — ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן...

אַלץ האָט מען, דוכט זיך, אויסגערעכנט, פאָרויסגעזען. דער סטאַרשינאַ פון דער באַטאַרייע האָט געבראַכט אויף פינף טעג שפּײַז־פּראָדוקטן, באַזאָרגט יעדערן אויף דרײַ טעג מיט אַ טרוקענעם פּאַיאָק, אַלע סאָלדאַטן פּונעם פאַרוואַלטונגס־וווזוואָד האָבן באַקומען רעזערוו־דיסקן צו זייערע אווטאָמאַטן און זאַפּאַסן גראַנאַטעס אין צען מאָל מער, ווי געוויינלעך. די שלאַכטלײַט זײַנען צעשטעלט געוואָרן אין די אָקאָפּעס שיטער, אַפילע עטלעכע צוגאָב־טעלעפאָנען האָט מען געמוזט אויסנוצן, קעדיי פאַרבינדן די דערווײַטערטע פּאָסטנס מיט דאָווידס קאָמאַנדע־פּונקט...

גאַנצפרי אָבער האָבן דאָווידס אויסשפּירער אין דער סטערעאָ־טרויב דערזען, אַז פֿײַנטלעכע טאַנקען האָבן זיך קאָנצענטרירט אין ריוו צופוסנס פונעם דאָרף סאַמבעק. פריִער זײַנען דאָ קיין פּאַנצערן ניט געווען. וואָס זשע האָט דער סוינע פאַרטראַכט? אַן אַלגעמיינעם אָנגריף? אַ שלאַכט־אויסשפּיר? אָדער ער דעמאָנסטרירט פּאָשעט זײַן קראַפט און וועט צוריקציִען די מאַשינעס אין הינטערלאַנד? אַזוי צי אַזוי — וואַרטן טאָר מען ניט. מע דאַרף אים געבן אַ קלאַפּ.

אין דער אומגעגנט פון סאַמבעק, ווי אויך אין ריוו באַם דאָרף, וווּ עס האָבן זיך פאַרטײַעט די שטאָלענע כײַעס, האָט דאָווידס באַטאַרייע פאַרמאָגט גאַנץ גענוג אָריִענטירן. איבערגעבן אויף די פֿײַער־פּאָזיציעס די אָנגאַבן צום שיסן האָט געדויערט אַן ערעך אַ מינוט, ניט מער...

דאָווידן האָט זיך געדוכט, אַז די שלאַכט מיטן קעגנער ציט זיך אומענדלעך, אינדערעמעסן אָבער איז אַפילע קיין האַלבע שאָ ניט דורכגעגאַנגען. נאָר אין דעם שטיקל צײַט האָבן דאָווידס סנאַריאַדן אָפּגעטאָן זייערס: דרײַ שײַטערס פלאַקערן אין דער פֿײַנטלעכער באַלקע.

קיין אַטאַקע האָבן די פאַשיסטן ניט פאָרגענומען — עפּשער האָבן זיי זיך ניט געקליבן אָנגרײַפן, צי עפּשער האָט זיי דאָווידס באַטאַרייע געשטערט. אַלנפאַלס, דאָוויד איז געווען צופרידן — ס'האָט זיך באַקומען דאָס, וואָס מע דאַרף, האַגאַם געוווּסט האָט ער זייער גוט, אַז פרייען זיך איז

דערווײַל פֿרי: ס׳איז נאָך געבליבן א גאנצער טאָג, און אין יול זײַנען די טעג לאנגע...

די היץ ברענט. אין סארפּענדיקן סטעפּ ליגן פארוועלקט, צוגעבויגן צו דער פוסטער ערד געלע פעלד־בלומען. עס שמעקט מיט פּאָלין. דעם קעגנערס קאנאָנען און מינענוואַרפערס איז, קענטיק, נימעס געוואָרן זיך אמפּערן. אונדזערע הארמאטן שווײַגן אויך — אזוי האָט דאָוויד באפוילן: אז זיי זײַנען דאָ, האָבן זיך דאָך די היטלעראָווצעס איבערצײַגט, צוליב וואָס זשע אומזיסט פּאטערן סנאריאדן?

שאַ־שטיל. בלויז אין דער הייך פליט א קראָ. קרײַזנדיק אינעם הימל, לאָזט זי זיך אראָפּ אלץ נידעריקער און נידעריקער. אינעם בלענדנדיקן זונען־גלאנץ זעט זי אויס פּעך־שווארץ. מיטאמאָל איבערגעשראָקן, טוט זי זיך האסטיק א ריס צוריק אין הימל. צוגעטוליעט דעם נאקן צום ברוסטווער פונעם אָקאָפּ, דראָעט איר דאָוויד מיטן פויסט:

— א קלייניקײַט געוואָלט — די אויגן אויספּיקן. צו פרי — זיי זײַנען נאָך מיר אליין נייטיק...

די קראָ איז געפלויגן אף דער דײַטשישער זײַט, און, באגלייטנדיק זי מיטן בליק, האָט זיך דאָוויד פלוצעם באומרויקט: „כ׳האָב, מיסטאם, געדרעמלט, אויב די קראָ האָט מיך שוין געהאלטן פאר א מעס“.

אף דעם רעכטן פלאנג פון דער טראנשיי דערהערט זיך א שיסערײַ פון אן אווטאָמאט. שפּעטער א ביסל רופט זיך אָפּ דער לינקער פלאנג. א רעגנבויגן פון טראסירנדיקע קוילן הייבט זיך אוף פון אונדזערע שוץ־גראָבנס און ווערט פארפאלן...

3

אינעם געמיטלעכן צימערל פונעם אינסטיטוטישן פּראָפעריין־קאָמיטעט זיצט לעבן טיש נאָרשיין — איין דלאָניע אונטערן עלנבויגן, די צווייטע באם קין — זי ווארט אף דאָווידן. איר ברוין פּאָנעם מיט א בערגעלע אף דער נאָז איז שטרענג. אָבער ווי נאָר עס דערהערן זיך די באקאנטע שארנדיקע טריט, דריקט זיך צו אנע ארנאָלדאָוונע מיטן לענד צום טיש, וואָס איז פארדעקט מיט פּורפּור־רויט געוואנט, טוט א גלעט אף דער ברוסט די פינקלענדיק־העלע בלוזע, וואָס פלאמט מיט אָראנזש־פארב פון אונטער דעם זשאקעט, און גרייט צו א שמייכל.

אופעפענענדיק די טיר, קלאַפּט אָן דאָוויד אין איר שוין פון אינוויינִיק, טרעט איבער די שוועל, טוט קילבלעך א קוק אף אנע ארנאָלדאָוונען.

צו אָט דעם לעקטאָר פון ליטעראַטור, וועלכע אַרבעט אַף איין קאַטע־דרע מיט זײַן פֿרוי, איז ער, ווײַזט אויס, ניט גלײַכגילטיק. אַלע מאָל, ווען ער באַגעגנט זי, ברענגען אים אין פֿאַרלעגנהײַט אירע אויגן — קלוגע, שוואַרצע, אַזעלכע, וואָס בײַטן זיך די גאַנצע צײַט, סײַ ווען זיי פֿינקלען האַרב און קאַלט, סײַ ווען זיי זײַנען מילד און ווייך. אַלצײַנס. ער קאָן ניט דערקלערן זיך אַליין פֿאַרוואָס, נאָר אַלע מאָל, אָנשטויסנדיק זיך אַף זיי, ווערט ער וואַכזאַם און געהיט.

— דער אָפּטייל פֿון קולטור באַם שטאָט־סאָוועט פֿאָדערט, מיר זאָלן אַרויסטרעטן מיט אַ קאָנצערט, — זאָגט פֿאָרזיצטיק אַנע אַרנאָלדאָוונע.

דאָוויד פֿלאַמט אויף:

— קימאַט יעדער טאָג אַ יאָמטעוו — זינג, שפּיל, טאַנץ... מע דאַרף זיך קעגנשטעלן!

— מיר האָבן געוואָלט זיך אָפּזאָגן, — נאָרשיין צעפּירט די הענט. — איז שוין אָבער נאָענט דער יוױוול, און קיין פֿילהאַרמאָניע איז אין שטאָט ניטאָ.

— מיר זײַנען דאָך ניט קיין עסטראַדע־ביוראָ, ווי מיר איז באַוווּסט, — קאָכט זיך דאָוויד. — מע האָט אונדז, זע איך, גוט אָנגעזאָטלט.

— איר קאָנט רויִק? אָן ספּיראַלן?

— כ'האָב זיך ניט אויסגעלערנט. מײַן אומגליק.

— ווען עס זאָל זײַן נאָר אײַערער.

דאָווידס ווײַעס הינטער די גרויסע קוואַדראַטעברילן פֿאַרשמעלערן זיך, אונטער די וואָנצעס פּרעסן זיך צונויף זײַנע עטוואָס אויסגעבויגענע ליפּן.

נאָרשיין פֿאַרשטייט, אַז מע דאַרף אים מאַכן ווייכער, און גיט צו:

— אוואַדע האָט מען דעם אינסטיטוט פֿאַרמוטשעט מיט אַזעלכע אויפֿ־גאַבעס, און אײַך אין דער ערשטער ריי, דאָוויד איסײַעוויטש. איר זייט, און נייט און שפּילט אַף דער פּלייט. און ס'איז ניטאָ, וועד ס'זאָל אַף אײַך ראַכמאָנעס האָבן.

— יעדערער דאַרף קאָנען אַליין זײַן שטעטל באַשטיין.

— פֿאַרטיידיקן די פּערזענלעכע אינטערעסן איז ניט שטענדיק באַק־וועם, — דערווידערט אַנע אַרנאָלדאָוונע.

— ווער ווייסט, ווו ענדיקט זיך מײַנס און ווו ס'הייבט זיך אָן אַלע־מענס? — רופֿט זיך אָפּ דאָוויד. עס קאָכט אין אים נאָך אַלץ.

— איר, טײַערער מײַנער, זײַנט ניט קיין אויסגעהאַלטענער מענטש, — באַמערקט אַנע אַרנאָלדאָוונע. — איר באַשטייט דורכויס פֿון שאַרפֿע ווינק־לען. פֿאַרגעסט אָבער ניט — מיט נאַטשאַלסטווע מוז מען זײַן אײַנשטימיק.

זי הייבט אָן שטיל דערווײַזן דאָווידן, אַז אינגיכן שטייט פֿאַר דעם אינסטיטוט ארויסטרעטן אפֿן שטאָטישן שאָו מיט קיסטלערישער זעלבסטעטיקײַט. וואָס אָפּטער די אינסטיטוטישע קאָלעקטיוון באַווײַזן זייער קונסט, אַלץ מערער שלײַפֿן זיי די מײַסטערשאַפֿט. און דאָס איז א צווייענדיקע נוץ.

דאָוויד כמורעט די ברעמען:

— סײַווי טאָר מען ניט פֿאַרוואַנדלען דעם פֿאַקולטעט פֿון געזעלשאַפֿטלעכע פּראָפֿעסיעס אין א גאַסטראָל־אונטערנעמונג. ער האָט גאָר אַנדערע צילן.

— מע קאָן זיך אמפּערן. כ׳האָב מוירע, אַז מיר מיט אײַך וועלן די דאָזיקע פּראַגע איצט ניט לייזן, — ענטפֿערט אָפּ נאַרשיין. — לאָמיר בעסער אָנמערקן די פּראָגראַם פֿון אונדזער הײַנטיקער ארויסטרעטונג.

— מיט פֿרעמדע איניאַנים פֿאַרנעמען מיר זיך, — זאָגט דאָוויד טויבלעך און פֿאַרביטערט, ער פּרוּווט זיך באַרויִקן, נאָר פֿאַרלעשן זײַן אופֿרעגונג קאָן ער ניט.

ארײַנקוקנדיק אים אין די אויגן, פֿאַרשאָטנטע אי מיט די עטוואָס פֿאַרשווייסטע ברילן, אי מיט די אַראָפּגעלאָזטע וויִעס, פֿרעגט נאַרשיין:

— וואָס האָט אײַך אַזוי אופֿגערודערט, דאווויד איסײַעוויטש? אָבער אָפֿנהאַרציק, אָן ספּיראַלן.

דאָווידס ליפּן טוען א ציטער. ער וואָלט געדאַרפֿט ענטפֿערן קורץ: „מיך וועט איר שוין ניט איבעראַנדערשן". נאָר מיט אָט די ווערטער וועסטו דעם איקער ניט דערקלערן. ס׳איז א קנאַפּע פֿאָרמולירונג. בלויז פֿאַר זיך. פֿאַנאַנדערלייגן עס אַף טעלערלעך וויל ניט דאָוויד. דעריבער קנייטשט ער דעם שטערן:

— כ׳האָב בעדייע פֿאָטער ווערן פֿון הײַנטיקן סאַבאַנטוי.

— איר זײַנט אַן אַלטמאָדישער, לעכערלעכער, קאָמישער מענטש, — טוט א שאָקל מיטן קאָפּ אַנע אַרנאָלדאָוונע.

— מירן איינמאָל זיך דערוועגן, וועט מען דערנאָך צו אונדז זיך באַציִען מיט אָפּשײַ, — באַשטייט אײַנגעשפּאַרט אַף זײַנס דאָוויד. די אויערן באַ אים פֿלאַמען. שטענדיק ווערט ער אַזוי פֿאַרויטלט, בלויז מיט די אויערן. — געהערט א מײַסע? באַטאָג דערוויסן מיר זיך, אַז אינאָוונט טרעטן מיר ארויס. פֿריִער האָט מען אונדז ניט געקאָנט וואָרענען? נעכטן, זעט איר, איז קיין צײַט ניט געווען אונדז מיטצוטיילן...

— עמעצער האָט געדאַרפֿט ארויסטרעטן און איז ניט בעקויעך, — פֿאַרענטפֿערט זיך אַנע אַרנאָלדאָוונע מיט איר מורמלענדיק גנײַוויש

קעלכל. — דעריבער בעט מען אונדז אויסלייזן. רופט צונויף דעם אוילעם, דאוויד איסײַעוויטש, אמפערט זיך ניט, שאנעוועט די צײַט.

דאָוויד טוט אַ פיר מיט דער דלאָניע איבער דער באק — נו, אָט, אפילע ניט באוויזן זיך אָפּצוגאָלן. ער קלערט וועגן דעם, אז מיט די טאָרמאָזן האלט בא אים שלעכט, זיי זײַנען ניט אָפּגערעגולירט. ער פארשטייט, אז ס׳וועט אים גאָרניט העלפן.

— דער קאָנצערט איז פאר וועמען?

— פאר וועבערנס, — ענטפערט אָפּ געשווינד נאָרשיין. — יונגע מיידלעך. בעסער פון אלץ וואָלט געווען די עסטראַדע, — אײַלט זיך ארויסזאָגן איר מיינונג אַנע ארנאָלדאָוונע. — אויך איך וועל עפּעס־וואָס זינגען, אויב איר וועט דערלויבן.

דאָוויד טוט א הוסט:

— איך קלער אויסנוצן דעם רעזשיסער־אַפּטייל פונעם פאַקולטעט, מירן געבן דעם ספעקטאקל „ליובאָוו יאראָוואיא".

מיט אירע דינע לאנגע פינגער נעמט נאָרשיין עלעגאנט אראָפּ א שטויבעלע פון דאָווידס קאָלנער:

— הייסט עס, אז איר לאָזט מיך הײַנט ניט ארויסטרעטן, — שמייכלט זי. — איך וועל עס אײַך דערמאָנען! אומבאדינגט. זײַט געהיט! כ׳בין דאָך ניט נאָר דער פאָרזיצער פון דעם פראָפּאריין־קאָמיטעט — אויך פונעם קינסטלערישן סאָוועט. כ׳קאָן אײַך פיל צאָרעס אָנטאָן...

— וואָס ערגער, איז בעסער.

— ניט דער פײַנט פאראט — א פרײַנט. דערפאר איז עס אזוי אומדערטרעגלעך.

זי א בעריע, קלײַב זיך פאנאנדער, צי האָט עס נאָרשיין ארויסגעזאָגט ערנסט אָדער מיט כויזעק. דאָוויד הייבט אָן אויסווישן די ברילן־גלעזלעך. זײַן פּאָנעם אָן די ברילן זעט אויס פארלאָרן און אומעטיק.

— די שוועריקײַט באשטייט אין דעם, וואָס איך בין זיך מישטאדל וועגן זיך זעלבסט, — זעצט פאר נאָרשיין. — דאָס איז שטענדיק א שוואכע פּאָזיציע.

און ווידער פארשטייט ניט דאָוויד, צי זי פארורטיילט אים, צי זי שפּאסט.

— נו איז וואָס פאר א באשלוס נעמט איר אָן, דאוויד איסײַעוויטש?

— מירן געבן דעם ספעקטאקל.

נאָרשיין בלאָזט אָן די ליפּן:

— אָן אקשן זײַנט איר, פונדעסטוועגן. זיך שוינט איר ניט, און אף קיינעם האָט איר ניט קיין ראכמאָנעס.

ווי נאָר עס פֿאַרמאַכט זיך די טיר נאָך דאָווידן, ווערט דאָס פּאָנעם בא
אַנע אַרנאָלדאָווגעז בייז. זי שטופּט אָפּ מיטן פֿוס דאָס בענקל, רײַבט מיט
די הענט דעם שטערן, גלײַך זי וואָלט וועלן אָפּמעקן פֿון אים די קנייטשן.
דאָס, וואָס דער קאָנצערט וועט דורכגיין אָן איר, איז אַ קלייניקייַט, די
ווונד וועט זיך פֿאַרהיילן. דעריקער, טראַכט זי, איז טאַקע דער פּאָסטן
פֿונעם קאַטעדרע־פֿאַרוואַלטער, וועלכן זי וויל און האָפּט פֿאַרנעמען. ניט
פֿאַרשפּילן אים — אָט דאָס איז דער איקער. זי האָט די רעכט פֿאַרנעמען
אָט דעם פּאָסטן, צי ניין? אין רעקטאָראַט האָט מען איר הײַנט געזאָגט, אַז
דאָס אָרט איז נאָך דערווײַל אָן אַ וואַקאַנסיע. צי דען כאַפּט דער אַלטער
טערעך צוריק? ס'איז דאָך געמאָלדן געוואָרן קלאָר: דער פֿאַרוואַלטער פֿון
דער ליטעראַטור־קאַטעדרע בעט זיך אין דעמיסיע... „אויף דער קאַטעדרע
פֿון ליטעראַטור איז פֿאַראַן אַ באַלעבאָס", — האָט איר דערקלערט דער
פּראָרעקטאָר. איר האָבן געשראָקן, אייגנטלעך, ניט די ווערטער זײַנע,
נאָר דער טאָן, מיט וועלכן ער האָט זיי אַרויסגעזאָגט. אַנע אַרנאָלדאָווגע
טרײַבט פֿון זיך די געדאַנקען, וועלכע באַאומרויִקן זי. עפּעס מוז מען טאָן,
ענערגיש און דרינגענד.

אַנע אַרנאָלדאָווגע פּוצט צו די פֿריזור און גייט אַרויס אין קאָרידאָר.
דאָרטן, אינדערווײַטנס, דערזעט זי ווידעראַמאָל דאָווידן. לעבן אים —
עטלעכע סטודענטן. ער באַווײַזט זיי עפּעס אַ בלעטל פּאַפּיר, און אַלע אי־
ניינעם, אָנגעבויגן די קעפּ, באַטראַכטן דאָס בויגנדל, ווי אַ מיליטערישע
מאַפּע, און באָרשיין טוט אַ קלער, אַז דאָוויד איז געווען און נאָך ביז
אַדהײַנטיקער עם געבליבן אַ האַרבער סאָלדאַפּאָן, אַ גראָביאַן. אומעטום, אין אַלץ,
סײַ אין דעם, וואָס ער טוט, סײַ אין דעם, וואָס ער פֿילט, סײַ אין דעם,
וואָס ער רעדט. זי טרײַבט געוויס איבער, קלערנדיק אַזוי, נאָר אַ ביסל
איז זי טאַקע גערעכט: די מיליטערישע פֿאַרגאַנגענהײַט דריקט אויף דאָווידן
פּערמאַנענט. אָט אויך אַצינד, אוועקשיקנדיק זײַנע געהילפֿן צונויפֿרופֿן די
אָנטיילנעמער פֿונעם ספּעקטאַקל, וועלכן מע דאַרף הײַנט שטעלן פֿאַר די
וועבערנס, קערט ער זיך ווידער אום צו זײַנע מאַכשאָווע ס וועגן דעם
דאָרעם־פֿראָנט זומער טויזנט ניַין הונדערט צוויי און פֿערציק.

4

מיסטאָם איז עס גאָר ניט קיין כידעש, וואָס דאָוויד, בלײַבנדיק
אויג אויף אויג מיט זיך אַליין, אַפֿילע אויף אַ קליין שטיקל צײַט, טראָגט זיך
טייקעף איבער אין יענע טעג, ווען ער איז נאָך געווען יונג — די גאַלי־
פּע־הויזן פֿון בלויען געוואַנט זײַנען אַקוראַט אַרײַנגעשטעקט אין די כאָ־

ליעווּעס פֿון די כראָמעווּע שטיוול, די כאַקי־גימנאַסטיאָרקע איז איבער־
געגאַרטלט מיט אַ ברייטן לעדערנעם פּאַסיק, אויף וועלכן, פֿון איין זייַט,
העַנגט אַ רעוואָלווער־קאָבורע, פֿון דער צווייטער — אַ פֿעלד־רענצל און אַ
פֿלאַנשעטקע, אָנגעפּאַקט מיט מאַפּעס, שאַרף פֿאַרשניצטע פּילקאָליריקע
בלייַערס, צירקולן, און צוגעדעקט מיט אַ קאָמפּאַס אויף אַ ספּעציעלן אַר־
טילערישן צעלולאָיד־מאַכשיר, וואָס הייסט כאָרדע־ווינקלמעסטער. ס'איז
דען אַ וווּנדער, וואָס דאָוויד, אָפּשיקנדיק זייַנע געהילפֿן צונויפֿרופֿן די
אַרטיסטן, מישט ווידער אויף אין זיקאָרן דעם שווערן מעסלעס הינטער
סאַמבעק?

דירעקט נאָך דעם, ווי די קראָ, וואָס האָט געוואָלט אויספּיקן דאָווידס
אויגן, איז איבערגעפֿלויגן צו די דייַטשן און טראַסירנדיקע קוילן האָבן
צונויפֿגעבונדן דעם פּייַנטס זייַט מיט אונדזערער, איז עטלעכע שאָ נאָכאַ־
נאַנד געווען שטיל, אַלע האָבן שוין געמיינט, אַז אַזוי וועט פֿאַרבלייַבן
ביזן סאָף טאָג. אָבער באַקומען האָט זיך אַנדערש. גבֿיוויש, פֿון הינטער
די פּלייצעס, איז אָנגעפֿאַלן דער צווייפּיזעליאַזשיקער אַעראָפּלאַן־אויס־
שפּירער, וועלכן אונדזערע פּלעגן רופֿן „די ראַמע". שיסנדיק מיט זייַנע
קוילנוואַרפֿערס, האָט ער געמאַכט עטלעכע קרייַזן איבער דאָווידס סאָל־
דאַטן און אַראָפּגעוואָרפֿן דערבייַ אַ פּאָר קלײנע באָמבעס.

די אויפֿירונג פֿונעם פּייַנט איז דאָווידן געווען באַקאַנט. ער האָט פֿאָ־
רויסגעזען, אַז באַלד קאָנען אָנהייבן קנאַלן זייַנע האַרמאַטן, ווייַל דער
פֿאַשיסטישער אַעראָפּלאַן האָט קענטיק פֿאַרפֿיקסירט די פֿייַער־פּאָזיציעס
פֿון דער באַטאַרייע — פֿאַרמאַסקירט זייַנען זיי געווען בעקיוון ניט אויפֿן
בעסטן אופֿן. נו, יאָ, אויף געוויס האָט דער פּייַנטלעכער אויסשפּירער אָפּ־
געמערקט אויף דער מאַפּע די קאָאָרדינאַטן פֿון די פֿייַער־פּאָזיציעס און
איבערגעגעבן דורך ראַדיאָ די יעדיעס זייַנע קאַנאָנירן.

באַפֿעלנדיק, די באַטאַרייצעס זאָלן זיך פֿאַרטייַען אין די ערד־באַהעל־
טענישן, האָט דאָוויד איינצייַטיק אַלעמען, סייַ אויף די פֿייַער־פּאָזיציעס, סייַ
אין די פּאָדערשטע טראַנשייען, אָפּגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג זייַן גרייט
אויפֿנעמען אויף זיך די אַטאַקע פֿונעם סוינע, פֿון זייַנע טאַנקען און פּעכאָ־
טע. מע דאַרף זייַן אי פֿאָרזיכטיק, אי וואַכזאַם.

דאָוויד האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס וועט ניט אויסקומען לאַנג זיך ראַנג־
לען מיט די פֿאַשיסטן, אויב זיי וועלן אַצינד מעכטיק אַטאַקירן. עס איז
אים אויך געווען קלאָר, אַז זייַנע כאַווײרים ווייסן וועגן דעם דאָזיקן
גוירל ניט ווייניקער, ווי ער אַליין. צוערשט האָט דאָוויד אַ קלער געטאָן,
עפּשער וואָלט מען געדאַרפֿט זיך ווענדן צו אַלעמען מיט אונטערמונטערנ־
דיקע ווערטער, נאָר אָט דעם געדאַנק האָט ער טייקעף אָפּגעוואָרפֿן: זיך

גלייבט ער פולקאָם, פאַרוואָס זשע זאָל ער ניט גלייבן זײַנע שלאַכטפרײַנט. איצט איז עפּשער פּונקט דער פאַל, ווען איבעריקע רייד קאָנען גיכער פאַרשאַפן שאָדן, איידער נוץ. אַלץ אין דער מאָס. ס'איז גענוג געזאָגט געוואָרן נעכטן.

דעמלט, אין דער טראַנשיי הינטערן דאָרף, וואַרטנדיק אַפן קלאַפּ פון די היטלעראָווצעס, האָט דאָוויד געפּרוווט טיף אין דער נעשאָמע פאַרבאָרגן דעם ראַכמאָנעס־געפיל צו זײַנע כאַווײרים און צו זיך אַליין. דער מויעך האָט ניכטער אָפּגעשאַצט די לאַגע און אונטערגעזאָגט, אַז וואַרטן אַף ניסים איז נאַריש. דאָס איינציקע, וואָס עס איז געבליבן — ניט ציטערן, שלאָגן זיך ביזן לעצטן אָטעם, און זאָל דער סוינע טײַער באַצאָלן פאַרן אומקום פון דער באַטאַרייע.

דער צווייפיוזעליאַזשיקער פײַנטלעכער אויסשפּיר־אעראָפּלאַן איז געהאַנגען איבער די פּאָזיציעס פון דאָווידס באַטאַרייע, ביז וואַנען די פאַשיסטישע אַרטילעריע האָט זיך אָנגעוואָלגערט מיט אַ שקוואַל־פײַער. ווײַזט אויס, אַז די „ראַמע" האָט באַקומען אַן אויפגאַבע צו קאָרעגירן אָט דאָס פײַער און וואָלט געוויסנהאַפט אויסגעפילט די אַרופגעלייגטע אַף איר פליכטן, נאָר אַ נעס איז פונדעסטוועגן געשען: אין הימל האָבן זיך באַוויזן אונדזערע באָמבאַרדיראָוושטשיקעס און שטורמאָוויקעס — זיי זײַנען געפלויגן כוואַליעסווײַז. די „ראַמע" איז גלײַך אַנטרונען. אין עטלעכע מינוט אַרום איז סאַמבעק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קנויל פון רויך און פײַער, די פײַנטלעכע האַרמאַטן זײַנען דערשטיקט געוואָרן.

דאָוויד האָט געטאַנצט פון פרייד. „גוט אַרײַנגעלייגט אין די ביינער דעם פאַשיסט! — האָט ער געשריגן, פאַרבײַסנדיק דעם קאָפּ. — מאָלאָדציִ!"

געמיינט האָט ער ניט נאָר די פּילאָטן, וועלכע האָבן אַזוי פײַן און רעכטצײַטיק צעשמעטערט דעם פײַנט, זײַנע אָנגריף־פּלענער, ווי דאָוויד איז געווען איבערצײַגט. ער איז געווען דאַנקבאַר אויך דעם קאָמבריג, וועלכער האָט ניט פאַרגעסן וועגן זײַן באַטאַרייע, זי ניט איבערגעלאָזט אַף הεפקער, און אויך דער קאָמאַנדשאַפט פונעם פראָנט, וואָס האָט מיסטאָם לויט דער שטאַדלאָנעס פון זײַן קאָמבריג, אויסגעזוכט אַ מעגלעכקײַט פאַרצונעמען אַן אָנפאַל אַף סאַמבעק, קעדיי אויסלייזן די באַטאַרייע פון אַ קאַטאַסטראָפע.

ווי נאָר עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט דאָוויד אויפגעהויבן די באַטאַרייע און זיך געלאָזט אין צוריק־מאַרש.

לעכאַטכילע זײַנען די געדאַנקען בא אים געווען פּריידיקע. אים איז געלונגען, ווי ער האָט געגלייבט, אַרויסשלעפּן פון אַ גרויסער סאַקאָנע די באַטאַרייע. ער האָט ערלעך אויסגעפּילט זײַן כויוו — איז אויסגעשטאַנען אַפן פאָדערשטן ראַנד, וויפל מע האָט געדאַרפט, וויפל מע האָט אים געהייסן. זײַן דערהויבענע שטימונג איז אַרויסגעדרונגען אויך דערפון, וואָס ער האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט פאַרגעסן וועגן דער לופט־אַטאַקע פון אונדזער אַוויאַציע, וועלכע האָט, לויט דאָווידס פאַרשטאַנד, צעשטערט און איבערגעפּלאָנטערט אַלע פּלענער פונעם פײַנט.

דאָווידס באַטאַרייע האָט זיך צוריקגעצויגן מיט זײַטיקע פעלד־וועגן, מערסטנטייל דורך טאָלן און ריוון, זיך באַוועגט אָן אופהער ביזן קאַיאָר. ערשט באַם זון־אופגאַנג האָט זיך די מאַשין, אין וועלכער דאָוויד איז געפאָרן אין שפּיץ פון דער קאָלאָנע, סאָפּקאָלסאָף אַרויסגעקראַבקעט פון דער לעצטער באַלקע, ברומענדיק און אונטערשפּרינגענדיק אַף די בערגלעך, באַוואַקסענע מיט גראָז. די פאָדערשטע שויב פון דער קאַבינע, וועלכע עס האָט דורכגעלעכערט אַ קויל, איז געווען פאַרצויגן מיט אַ דינינקן שפּינוועבס, און אַלץ, וואָס דאָווידן איז אין וועג געלונגען צו באַאָבאַכטן, האָט זיך ציטעריק געוויגט אין אָט דעם שפּינוועבס.

אַנטקעגן איז געלאָפן דער סטעפּ. אַ פרימאָרגנדיקער, פרישער, האָט ער געפינקלט מיט טויזנטער גינגאָלדענע טויעלעך. אַ מילדע וואַרעמקייַט האָט ווייך אַרומגענומען דאָווידן. אין אַ האַלבער שאָ אַרום, ניט מער, ווי נאָר זײַן לאַסט־אויטאָמאָביל וועט דערגרייכן אָט יענעם הויכפּונקט, וואָס איז שוין באַפרײַט געוואָרן פונעם בלוילעכן קאַיאָריקן נעפּל, דאַרף זיך באַוויַזן דער ברייטער שליאַך צווישן מילעראָוואָ און ראָסטאָוו. נאָך אַ ביסל געדולד, נאָך אַ קאַפּעטשקע מוט — און אויס איינזאַמקייַט פאַר זײַן באַטאַרייע.

ווייַזט אויס דערפאַר, וואָס ער האָט שוין פאָרויס זיך געקוויקט מיט דער קינפטיקער פרייד, אָדער ווייַל ער איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן, האָט דאָוויד זיך לאַכלוטן ניט קעגנגעשטעלט, דערפילנדיק, אַז עס פאַרפלייצט אים אַ דרעמל, ער האָט זיך צוגעטוליעט מיטן נאַקן צום ווענטל פון דער קאַבינע.

אופגעוואַכט האָט דאָוויד אומרויִק. אַ סוואָרע, אַז שולדיק איז דאָ זײַן שאָפער. ער האָט אים אַ שטורכע געטאָן מיטן עלנבויגן — בעקיוון, צי ניט ווילנדיק, דאָס איז שוין, אייגנטלעך, ניט וויכטיק, אַלנפאַלס, געווען איז דער סאָלדאַט אופגערעגט, אָנגעכמורעט, ער האָט שווער געאָטעמט. מע איז געפאָרן לאַנגזאַם: דער מאָטאָר פונעם לאַסט־אויטאָמאָביל האָט שטיל געברומט, און דורך אָט דער שטילער זשומערײַ האָט דאָוויד דײַטלעך גע־

הערט, ווי עס ליאַרעמען די רויפּן־טראַקטאָרן, אײַנגעשפּאַנטע אין די הארמאטן. נאָך איידער עס איז צו אים דערגאנגען, אז עס איז געשען אויסערגעוויינלעכס, האָט ער זיך א קער געטאָן אף צוריק און אריַינגעקוקט אין פענצטערל פון דער קאבינע. אינעם אָפּגעריבענעם קוזאָוו, אַן אָנגעפּאַקטן מיט באָבינעס טעלעפאָן־דראָט, דריַיפוסן פון סטערעאָ־טרויבן, בוסאָלן, פּלאַנשעטן און אנדערע ארטילערישע מאכשירים, טעלעפאָן־אפּאראטן, לאָפּעטעס, קירקעס, קעסטלעך, ראנצן, זיַינען אָנגעשטרענגט געזעסן די שלאכטליַיט פונעם פארוואלטונגס־ווזוואָד.

אַז זיי זיַינען אלע אופגערודערט, האָט דאָוויד באַלד פעסטגעשטעלט. לאנגע מילכאָמע־כאַדאָשים קאָכט ער זיך מיט זיי אין איין קעסל, ער ווייסט געַנוי זייערע געוווינהיַיטן און מאַנירן.

לויט פיל סימאָנים באשטימט דאָוויד, אַז זיַינע סאָלדאטן קימערט עפּעס, אַז זיי ווייסן דאָס, וואָס אים איז דערוויַיל אומבאוווּסט, און אַז דאָס, וואָס זיי ווייסן, געפעלט זיי בעפּיירעש ניט.

— וואָס קומט פאָר? — פרעגט דאָוויד, ניט אָפּקערנדיק זיך פונעם פענצטערל.

— הייבט זיך אוף אין קוזאָוו, וועט איַיך ווערן קלאָר, — רופט זיך אָן דער שאָפער און טוט הארב א שלעפּ צו זיך דאָס הענטל פונעם טאָרמאָז.

ער איז געווען גערעכט. איין אויגנבליק — און דאָווידן איז אלץ געוואָרן קלאָר. איבערן שליאך, וואָס האָט געפירט קיין ראָסטאָוו, איז געהאנגען א שטויב־וואָלקן, א דורכגעדרונגענער מיט די שטראַלן פון דער אופגייענדיקער זון, און, איַינגעהילט אין אָט דעם שעמערירנדיקן פאָרהאנג, האָבן זיך באוועגט אין דער דאָרעם־ריכטונג אומענדלעכע קאָלאָנעס מיליטער. אָט וואָס עס איז, הייסט עס, געשען: אונדזערע טרעטן אָפּ? ווידעראמאָל?!

אזוי צי אזוי, נאָר צו זיַין באטארייע האָט עס ניט קיין שיַיכעס, אלנפאלס דארף עס ניט האָבן קיין שיַיכעס, טאָר ניט האָבן קיין שיַיכעס איצט. אים, דאָווידן, איז באפוילן צום סאָף טאָג דערגיין צו דעם טיַיך טוזלאָווקע און פארנעמען דאָרטן א שלאכט־פּאָזיציע. וועט עס אזוי זיַין, אומבאדינגט, אפילע די נעשאָמע פון אים זאָל ארויס. כאָטש קאלאמוטנע אפן הארצן איז געווען.

פאָרן אף צאָפן, ווען אלע באוועגן זיך אין דער קעגנביַיערדיקער ריכטונג — גיין אנטקעגן דעם שטראָם, איז גאָר ניט קיין פּאָשעטע זאך. נאָר לעסברייירע, א באפעל בליַיבט א באפעל, ביזוואנען מע שאפט אים ניט אָפּ. דאָוויד איז געשטאנען אפן טריטברעטל פונעם גרוזאָוויק, האלטנדיק

זיך מיט ביידע דלאָניעס פאר דעם צעעפנטן טירל פון דער קאבינע, געפאָדערט, געבעטן, אײַנגערעדט:

— גיט אַ וועג! זײַט אזוי גוט, פארשטעלט ניט דעם וועג...

און עס האָט געהאָלפן. בעהאדראָגעדיק, נאָר די באטארייע האָט זיך פונדעסטוועגן גערוקט פאָרויס.

דערקליבן האָט זי זיך צו די נײַע פּאָזיציעס נאָך בײַ דער זונען־שײַן, מיט אלע בעבעכעס ארײַנגעפּאָרן אין אַ רײַפנדיק קוקורוזע־פעלד. ביזוואַנען מע האָט מאסקירט די טעכניק — אָנגעוואָרפן קוקורוזע־שטענגלעך אף די הארמאטן, אף די טראקטאָרן, וועלכע האָבן זיי געשלעפּט נאָך זיך, אף דעם לאסט־אווטאָמאָביל מיטן פּראָוויאנט פונעם פארוואלטונגס־ווזוואָד, איז דאָוויד אוועקגעלאָפן זוכן דעם קאָמאנדיר פונעם דיוויזיאָן. אינגיכן האָט ער זיך אומגעקערט, באטראכטנדיק שארף צוריקוועגס דעם פראָנטבאצירק, וואָס די באטארייע וועט דארפן פארטיידיקן — אויסגעקליבן ערטער פאר די הארמאטן, פאר די רעזערוו־פּאָזיציעס, פאר די באָאבאכטונגפונקטן.

זײַנע אָפיצערן האָבן שוין אף אים געווארט, אָנגעשטרענגט אויסגעהערט, וואָס פאר אַ קאָנקרעטע אופגאבעס עס שטייט זיי פאָר, און גלײַך זיך אוועקגעלאָזט אויספילן די באפעלן.

ס'איז געווען קלאָר, אז מער־ווייניקער דערפאָלגרײַך זיך פארטיידיקן וועט די באטארייע זײַן בעקויעך בלויז דאן, ווען זי וועט וואָס טיפער אײַנגראָבן זיך אין דער ערד, דעריבער האָט דאָוויד אָנגעזאָגט זײַנע כאוויירים צוגרייטן שוץ־גראָבנס פון פולן פּראָפיל.

אף דער פראגע, ווו געפינט זיך דער סוינע, האָט דאָוויד געענטפערט, אז די פאשיסטן קאָנען אין אַ באליביקער מינוט זיך באווײַזן בײַם קעגנבעדיקן ברעג פון דעם טײַך טוזלאָוקע. מע מוז זיך אײַלן גראָבן גיכער, גראָבן אינטענסיוו.

דער פּערסאָנאל פון די פײַער־ווזוואָדן, דער גאנצער באשטאנד פונעם פארוואלטונגס־ווזוואָד, אלע אָן אויסנאם ארטילעריסטן — סאָלדאטן און קאָמאנדירן האָבן גוט געהאָרעוועט, אזוי אז אים, דאָווידן, איז ניט אויסגעקומען קיינעם אונטערטרײַבן. נאָר ער האָט זיך אף קיין רעגע ניט צוגעזעצט. אנדערע האָבן זיך פארגינט איבערכאפּן דעם אָטעם, רייכערנדיק, דאָוויד האָט ניט גערייכערט. ער איז די גאנצע צײַט געווען אף די פיס. קאָנטראָלירט, וויאזוי זײַנע כאוויירים גראָבן די ערד, און געהאָלפן זיי פארמאסקירן די קאסטנס מיט סנאריאדן. ער האָט אויסגעפּרווט די פארבינדונגס־ליניעס, וועלכע האָבן זיך געצויגן אין עטלעכע ריכטונגען: פון די פײַער־פּאָזיציעס צום באָאבאכטונג־פונקט, צום קאָמאנדיר פונעם דיווי־

זיאָן, צו דער פּעכאָטע, וואָס האָט זיך אויך פּליַיסיק פּאַרפּעסטיקט פונ־
פאָרנט, קימאַט אפן סאַמע ברעג פונעם טיַיך. דאָוויד האָט זיך ספּעציעל
אראָפּגעלאָזט אין די פּעכאָטע־אָקאָפּעס, קעדיי פּערזענלעך זיך באַקאַנען
מיטן קאָמאַנדיר פון דער ראָטע, וועלכע עס וועט דאַרפן שטיצן מיט פיַיער
אין די פאָרשטייענדיקע שלאַכטן. אף די פלאַנגען פון די פיַיער־פּאָזיציעס
האָבן אין שמאָלע ערד־שפּאַלטן זיך איַינגעאָרדנט מיט זייערע קעגנטאַנ־
קען־ביקסן סאָלדאַטן, צוגעגעבענע דער באַטאַרייע, זיך איַינגעמאָסטעט
אַזוי, עס זאָל זיַין באַקוועם צו שיסן.

דאָוויד האָט אַלץ געטראַכט וועגן דעם ראָסטאָווער שליאַך מיט אונדזער
אָפּטרעטנדיקן מיליטער. וואָס עס קומט פאָר, איז געווען ניט פּאַשעט צו
באַנעמען. צי דען זיַינען טאַקע די פאַשיסטן שטאַרקער פון אונדז? צי
האָבן מיר ווייניקער קויכעס, ווי זיי? מיר פירן די מילכאָמע ניט אַזוי
געשיקט, ווי זיי? פאַר דאָווידן איז געווען קלאָר, אַז קעגנשטעלן זיך דעם
פיַינט איז מעגלעך בלויז דאַן, ווען דו שרעקסט זיך פאַר אים ניט. קיין
פּאַכדן איז ער, דאָוויד, אַלנפּאַלס ביז אַהער, ניט געווען, ער וועט באַגע־
גענען אויך איצטער דעם סוינע מיט ווירדע. אָבער סיַיוויסיַי, וויסנדיק,
וואָס עס שטייט אים פאָר עפּשער אין אַ שאָ אַרום און עפּשער אַפּי־
לע באַלד, אין אָט דער רעגע, פאַרמאָגנדיק שוין אַ גענוגנדיקע צאָל
אָריענטירן אף יענער זיַיט פונעם טיַיך, האָט ער אַלץ געקלערט,
אומעטיק און פאַרזאָרגט, וועגן דעם שטויב־וואָלקן אפן ראָסטאָווער
שליאַך.

אומבאַמערקט איז צו דער ערד צוגעפאַלן די פינצטערניש. נאָר ניט
מאַכמעס איר איז אף דער באַטאַרייע געמאָלדן געוואָרן אַן איבעריַיס. דאָס
איז געקומען דער סטאַרשינאַ מיט זיַין פעלד־קיך. דאָס מאָל, אָנשטאָט
דעם קעכער, איז ער אַליין, אַ הויכער און ברייטפּלייציקער, אין אַ וויַיסן
פאַרטעך, געשטאַנען מיט אַ קאָכלעפל און געהאָדעוועט דעם אוילעם, צו־
ערשט אף דער פיַיער־פּאָזיציע, דערנאָך — אפן באַאָבאַכטונג־פּונקט. גע־
ווינלעך פלעגן די סאָלדאַטן פונעם פּאַרוואַלטונגס־וזוואָד — די אויסשפּי־
רער, ראַדיסטן, טעלעפאָניסטן, טאָפּאָגראַפן — שלעפן שפּיַיז אף זיך אין
גרויסע טערמאָסן מיט רימענס: צו די באַאָבאַכטונג־פּונקטן איז קימאַט
קיינמאָל ניט געווען קיין מעגלעכקיַיט געפאַרלאָז צופאָרן מיט דער קיך.
איצט האָט דער קיך דאָ גאָרניט געדראָעט, דער סוינע האָט נאָך זי דער־
וויַיל ניט געקאָנט זען.

עסן האָט דאָוויד ניט געוואָלט, נאָר איבערביַיסן האָט מען געמוזט,
און ער האָט פּאַמעלעך צוגערוקט צו זיך דאָס קעסעלע מיט הירזשענער
קאַשע, וואָס עס האָט אוועקגעשטעלט לעבן אים זיַין פאַרבינדלער. אָן

כיישעק האָט ער אָנגעהויבן שעפּן — א לעפל נאָך א לעפל און, פארגעסנדיק, אז ער איז ניט הונגעריק, אויסגעלעקט דאָס קעסעלע ביזן דעק. דאָס האָט אים עטוואָס געבראכט אין פארלעגנהייט. צונעמענדיק בא אים דאָס געפעס, האָט זיין פארבינדלער ניט געקאָנט באנעמען, פארוואָס ער שמייכלט פארשעמט.

אפן באאָבאכטונג־פּונקט איז דאָוויד געזעסן ביז שפּעט אין אָוונט. ער האָט געמיינט, אז די היטלעראָוצעס וועלן זיך אָט־אָט באווייזן אף יענער זייט טוזלאָווקע און וועלן פּרוּוון אין פולן גאנג אריבערשפּרינגען דעם טייך. ס׳איז אָבער געווען שטיל. האלבנאכט איז ער אוועק אף די פייערפּאָזיציעס, ווידעראמאָל דורכגעקאָנטראָלירט, צי אלץ איז אין אָרדענונג, און ווי טיף אין דער ערד עס זיינען איינגעגראָבן די הארמאטן.

זייער גוטע האָבן זיך באקומען די שוץ־גראָבנס באם ערשטן הארמאט. האגאם, עפּשער דוכט זיך נאָר אזוי דאָווידן — דער ערשטער הארמאט איז זיין ליבלינג. טאָמיד געפעלט אים דער ערשטער הארמאט מער, ווי די אנדערע דריי — אי ער שיסט גיכער, אי ער טרעפט פּינקטלעכער...

מיטן ערשטן הארמאט זיינען בא דאָווידן פארבונדן פיל דערינערונגען. שטייענדיק בא זיין פּאנאָראמע, האָט דאָוויד אין אָנהייב פרילינג געענעריקט די דייטשישע טאנקען הינטער מאטווייעוו קורגאן. מיט אָט דעם הארמאט האָט ער זעלבסט אופגעריסן א סקלאד פון קריגס־מאטעריאלן אינעם דאָרף סאמבעק לעבן טאגאנראָג, פארניכטעט דריי פייער־לעכע קוילנווארפערס. צו דער גאוביצע פלעגט זיך דאָוויד שטעלן ניט דערפאר, ווייל אף איר נאוואָדטשיק האָט מען זיך ניט געקאָנט פארלאָזן, און ניט דערפאר, וואָס אפן באאָבאכטונג־פּונקט איז קיין ארבעט ניטאָ. פּאָשעט, בא דאָווידן פלעגט זיך צומאָל יאווען א נויטווענדיקייט אליין, מיט די אייגענע הענט, זיך צורירן צו דער פּאנאָראמע, צום ציל־מאכשיר. ער האָט געדארפט דערפילן די לעבעדיקע שטויסן פונעם הארמאט, ווען ער קייקלט זיך אָפּ צוריק נאָכן שאָס, ער האָט געלעכצט הערן, ווי עס קלינגען די פּוסטע סנאריאדן־הילזעס...

א מידער האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט אפן לאפעט פונעם ערשטן הארמאט, עטלעכע ווייַלעס זיך צוגעהערט צו זיינע פיס. זיי האָבן געשמארצט און זיינען, דוכט זיך, געשטאנען אָפּגעזונדערט, אָפּגעפרעמדט פון אים, און ער האָט זיי לייכט א גלעט געטאָן, ווי ער וואָלט מיט אָט דעם זשעסט בעטן בא זיי מעכילע, וואָס ער האָט זיי אזוי פארמאטערט. און באלד האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז זיי זיינען אים מויכל אלץ, ווייל עס איז אים מיטאמאָל געוואָרן זיס און ווויל, און ער האָט פארשטאנען, אז ער

איז פונדעסטוועגן, טראָץ די ניסיוינעס זײַנע, א מאָזלדיקער מענטש, אז גאָר ווייניק דארף מען האָבן, קעדיי זיך פילן גליקלעך.

צו דאָווידן דערטראָגן זיך קורצע סאָלדאַטישע פראַזעס:

— אינטערעסאַנט, ווי ווײַט פונדאַנען זײַנען די פאשיסטן?

— מיסטאָם באנאכט שלאָפן די פריצן.

— נישקאָשע, מירן זיי באגעגענען, ווי עס באדאַרף צו זײַן.

— ווײַטלעך, פונדעסטוועגן, האָבן זיי אָנגעשפּארט...

איבערן קאָפּ האָבן געהודעט באנאכטיקע באָמבארדיר־אעראָפּלאַנען, די אזויגערופענע קוקורוזניקעס, זיי זײַנען געפלויגן מיט אָנגעצונדענע באָרט־פײַערלעך, און מע האָט געקאָנט מיינען, אז דאָס זײַנען בלאָנדזשנדע שטערן.

ס'איז געווען גוט צו זיצן דאָ, אפן לאַפּעט פונעם האַרמאַט, און רוען. דאָווויד האָט ערלעך פאַרדינט אָט די האַפּסאָקע. קיין טײַנעס צו זיך האָט ער נית.

ער איז געווען א יונגער קאָמאַנדיר, ערשט מיט א יאָר צוריק, אין יול איין־און־פערציקסטן, איז ער געקומען אין קריגס־קאָמיסאַריאַט בעטן, מע זאָל אים, א סטודענט פונעם לעצטן קורס, נעמען אין דער ארמיי. געלערנט האָט ער זיך אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, געטרוימט ווערן א לערער פון ליטעראַטור. אז די פאשיסטן זײַנען אָנגעפאַלן אף אונדז, האָט ער זיך דערוווּסט, פאַרנדיק אין טראַמוויַי צו דער צוזאַמענווּינונג פונעם אינסטיטוט, אין וועלכער עס האָט אף אים געוואַרט דוסיע. דאָוויד איז געווען זיכער, אז מע וועט דעם פײַנט גלײַך צעשמעטערן, אַלנפאַלס, אין משך פון א כוידעש, נית מער, און מילכאָמע האַלטן וועלן מיר נית אף אונדזער טעריטאָריע, נאָר אף דעם סוינעס ערד.

דער מיליטער־קאָמיסאַריאַט שיקט אים קיין פּענזע, אין א מיליטער־שול. קנאַפּע פינף כאָדאָשים — און ער איז א לייטענאַנט, א קאָמאַנדיר פון א פײַער־וזוואָד אפן דאָרעם־פראָנט.

זײַן פרירײַפיקע קאָמאַנדירישע קאַריערע האָט דאָוויד אופגענומען ריכ־טיק — ער האָט געוווּסט, אז דערווײַל איז ער נאָך גאָר־גאָר א שוואַכער אַרטילעריסט, און ווײַל ביז אהער האָט ער זיך קיינמאָל אין ערגעץ נית דערלויבט זײַן נאַכלעסיק, סײַ אין דער לער, סײַ אין א באַליביקער אַר־בעט, — אַלץ און אומעטום פלעגט ער טאָן ערלעך, פלײַסיק, האָט ער אויך איצט פּאָשעט נית געקאָנט אויספילן שלעכט די פליכטן, וועלכע דער קריג האָט אף אים אָנגעוואַלגערט.

קאַרגע מיליטערישע קענטענישן — דאַרף מען זיי פאַרפולקומען אין שלאַכט. אין דער ערשטער ריי דערלערנט ער די קלאָלים פון שיסערײַ —

גאָר ניט קיין איינפאַכע זאַך אין דער אַרטילערישער קונסט. מײַסטער־שאַפט דעראָבערט ער אין גאַנג פון די געראַנגלען: ווײַזט אויס טאַקע, אַז קיין בעסערער אויפן צו ווערן אַ גוטער פאַכמאַן איז בכלל ניטאָ.

וועגן דעם טראַכט ער, זיצנדיק אויפן לאַפעט פון דער ערשטער גאַר־ביצע. נאָר לאַנג טראַכטן קומט ניט אויס — אײַנגיכן פלאַמט אויף אַ פײַנט־לעכע באַלויכטונגס־ראַקעטע אויף דעם קעגנובערדיקן ברעג פונעם טײַך. דאָווידן שטעלט זי טייקעף אַוועק אויף די פיס. דעם סוינעס ראַקעטע־פײַערן צעפלאַמען זיך אָט פון רעכטס, אָט פון לינקס.

— נו, אָט, ס'האָט זיך אָנגעהויבן, — זאָגט פאַרביטערט דאָוויד צו זיך אַליין, טוט אויפגיך אַ קער דעם קאָפּ און ווענדט זיך צום טעלעפאָניסט, וועלכער פּאָרעט זיך נאָך אַלץ מיטן סאַפּיאָר־זאַסטעפּל אין זײַן פרישׁ אויסגעגראָבענער נעסט, ניט ווײַט פונעם האַרמאַט: — גיב איבער אַלע־מען: צוגרייטן זיך צו דער שלאַכט!

דעם טעלעפאָניסט ענטפערן אויף די קאָמאַנדירן פון די פײַער־וזוואָדן און פונעם פאַרוואַלטונגס־וזוואָד: מע איז גרייט.

צווישן די שטענגלעך פון קוקורוזע לאָזט זיך דאָוויד אַוועק צום באָאַ־באַכטונג־פּונקט. באַנאַנד שפּאַנט זײַן פאַרבינדלער, טופּעט מיט די שווע־רע שטיוואַלעס, אָטעמט אָפּט. אין עטלעכע מינוט אַרום ווענדט ער זיך צו דאָווידן:

— כאַווער קאָמבאַט, ווי קלערט איר, מירן אויסשטיין?

— עס איז געווענדט אין אונדז. מע טאָר ניט דורכלאָזן דעם קעגנער.

— יענע, אויפן שליאַך, ווייסן עס דען ניט? פאַרוואָס זשע טרעטן זיי אָפּ?!

זיכער ענטפערן אויף דער פראַגע, איז דאָוויד ניט בעקויעך, דרייען זיך אויפן קאָרעק האָט ער ניט קיין כיישעק, דעריבער טוט ער אַ צי מיט די אַקסלען:

— דערווײַל ווייס איך ניט. מיסטאַמע האָבן זיי באַקומען אַ באַפעל.

— דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, — רופט זיך אָפּ דער פאַרבינדלער זיפצנדיק. — אַזעלכס טוט זיך ניט אָן דער האַסקאָמע פון נאַטשאַלסטווע. נאָר סײַווי — אַ שאָד...

פאַרטאָג האָבן די היטלעראָווצעס אָנגעהויבן בויען אַ פּאָנטאָן־בריק. דער קאָמאַנדיר פון דאָווידס אונטערשעפּיקער ראָטע איז אומגעדולדיק געשטאַנען באַ זיך אין טראַנשײ, קוקנדיק, ווי די דײַטשן אַרבעטן פלינק, און וואַרטנדיק, אַז אָט־אָט וועלן אונדזערע אַרטילעריסטן זיי באַוואַרפן מיט פוגאַסן. ניט דערוואַרט זיך, האָט ער אָנגעקלונגען דאָווידן.

— איך זע, — האָט אים דאָוויד באַרויקט. — כ׳וועל שיסן. כ׳וועל ניט פֿאַרשפּעטיקן.

דער קעגנער איז דערקראָכן מיט זײַנע פּאָנטאָנען בלויז צו דער מיט פֿונעם טײַך: דאָווידס אַרטילערישע זאַלפּן האָבן צעשמעטערט אי די פּאָנטאָנען, אי די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך אַרום זיי באַשעפּטיקט.

אַ שטיקל צײַט איז געווען שטיל. דערנאָך זײַנען אויף אונדזער זײַט טײַך אָנגעפֿאַלן פֿאַשיסטישע באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען. פֿיל באָמבעס האָבן עקספּלאָדירט מיט אַ שרעקלעכער קנאַקערײַ, אָבער קיינעם האָט עס ניט געטראָפֿן — דאָווידס באַטאַרייע האָט זיך גוט פֿאַרמאַסקירט, טיף אײַנגעגראָבן זיך אינעם קוקורוזע־פֿעלד.

די פֿאַשיסטן האָבן ווידעראַמאָל גענומען בויען אַ פּאָנטאָן־בריק. אָבער אויך דאָס מאָל האָט דאָוויד מיט עטלעכע זאַלפּן צונישט געמאַכט זייער טירכע.

— אַהאַ, זיך דערוואָרגן!? — האָט ער געשריגן, באַטראַכטנדיק אין ביינאָקל די צעשמעטערטע פּאָנטאָנען, האַגאַם ער האָט גוט געוווּסט, אַז פֿון דעם באַאָבאַכטונג־פּונקט ביזן פֿײַנט איז גאַנץ ווײַט און די היטלעראָווצעס קאָנען אים ניט הערן.

די פֿאַשיסטן האָבן אָפּסנײַ פֿאָרגענומען לופֿט־אַטאַקעס, באַשאָסן אונדזער ברעג מיט מינעס, מיט סנאַריאַדן פֿון קאַנאָנען און טאַנקען־האַרמאַטן. די ערד האָט געקרעכצט, אַלץ איז געווען פֿאַרהילט אין רויך.

אויף מאָרגן איז ווידער ניט געלונגען דעם פֿײַנט איבערשפּאַנען דעם טײַך. ביזן סאָף טאָג איז דאָווידן דרײַ מאָל אויסגעקומען צו שמעטערן דעם סוינעס בריקבוי־אַרבעטן. אַלע אַטאַקעס פֿונעם סוינע האָבן זיך פֿאַרכלינעט אויך אויפֿן דריטן טאָג.

דאָוויד איז געווען גליקלעך. האַס און פֿרייד האָבן איבערגעפֿולט זײַן האַרץ. ער האָט היספּײַלעסדיק געטײַנעט צו זײַן פֿאַרבינדלער, וועלכער האָט געפּרוּווט אים אָנפּאָיען מיט טיי:

— זעסט צי ניין? דעם פֿאַשיסט קאָן מען שלאָגן! דעם פֿאַשיסט דאַרף מען שלאָגן! און מיר וועלן אים נאָך גוט אַרײַנלייגן אין די ביינער!

אָבער דאָ איז אָנגעקומען אַ פֿאַראָרדענונג פֿונעם שטאַב: אָפּטרעטן און פֿאַרנעמען אַ פּאָזיציע אויפֿן צאָפֿנדיקן ראַנד פֿון ראָסטאָוו. לאָזט זיך אויס, אַז די דײַטשן האָבן פֿונדעסטוועגן אײַנגעבראָכן אונדזער פֿאַרטיידיקונגס־ליניע אויף דעם לינקן פֿלאַנג און רײַסן זיך צו דער שטאָט.

די טונקלקײַט איז אומבאַמערקט אַרײַנגעקראָכן אינעם טאָל פֿון דעם טײַך. איבערן וואַסער האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ לײַכטער נעפּל און געשוועבט לאַנגזאַם צווישן די ברעגן.

א פארטויבטער פון דער ארומיקער שטילקייט און פון דעם אומדערווארטן באפעל, איז דאָוויד געשטאנען אָנגעשפארט מיט די עלנבויגנס אפן ברוסטווער פונעם באאָבאכטונג־פונקט. ער האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט זיך צווינגען איבערכאזערן פאר דער באטארייע די פאראָרדענונג פונעם שטאב. ווידער אָפטרעטן? סטייטש? דאָוויד האָט פארומערט געקלערט וועגן זיין שטוב און זיינע עלטערן אפן פריוואָלנע־געסל אין קאָזאָן, וועגן דוסיען, וועלכע דער גוירל האָט פארשליידערט אין א טאָטעריש דערפל אקסובאיעוואָ. אויב אָט אזוי — טראָט נאָך טראָט אף צוריק — קאָן מען דאָך, כאסוועכאָלילע, זיך דערקלייבן צו זיי... וואָס זשע באטייט עס? און ביזוואנען איז דער שיר? אומבאגרייפלעך...

גאנצפרי האָט זיך שוין דאָווידס באטארייע געראנגלט אין דער צאָפנדיקער פאָרשטאָט פון ראָסטאָוו. ארום־און־ארום זיינען באצייטנס געווען אויסגעגראָבן קעגנטאנקען־ריוון. די פאשיסטישע פאנצערן, וועלכע דער גענעראל פאָן קלייסט האָט אָן אופהער געשיקט אף אונדזערע פאָזיציעס, זיינען ניט געווען בעקויעך, ווי ער האָט פלאנירט און געוואָלט, מיטאָמאָל, אין פולן גאנג אריבערשפרינגען זיי.

מיט סינע האָט דאָוויד געקוקט אף די פיינטלעכע מאשינעס, נידעריקע און פונדערווייטנס געגליכענע צו וואנצן, וועלכע ווארפן זיך אהין און אהער, זוכנדיק א שפּארונע אף זיך דורכצושמוגלען. עס איז געווען פונקט יענער פאל, ווען דאָוויד אליין האָט געמוזט שטיין בא דער פאנאָראמע פון דער גאוביצע. קיין הארמאטן־קוילן האָט ער ניט געזשאלעוועט.

איינע נאָך דער אנדערער האָבן זיך די פיינטלעכע אטאקעס פארכלינעט, נאָר פאָן קלייסט האָט פאָרגענומען נייע. דער סטעפּ האָט געפלאקערט מיט רויט־ברוינע פייערן — עטלעכע צענדליק פאשיסטישע טאנקען זיינען פארוואנדלט געוואָרן אין ברענענדיקע שייטערס. דער ווינט האָט געטריבן צו דער באטארייע א געשטאנק פון אָנגעגליטן אייזן.

עס האָט זיך געדוכט, אז שוין — היינט איז דער סוינע אָפּגעשטעלט, אויסגעוועפּט און אויסגעשעפּט, ער וועט ניט דורכגיין. נאָר קלייסט האָט ארויסגערופן אוויאציע...

דעם פארטאָג האָט דאָווידס באטארייע באגעגנט אין דער סטאניצע אקסייסקאיא. פונפאָרנט האָט געפירט אן אקשאָנעסדיקע אריערגארד־שלאכט א גווארדייישער פעכאָטע־קאָרפּוס.

דאָוויד האָט באפוילן אראָפּלאָזן די הארמאטן צום טייך, אָנצילן די רערן קעגן סוינע.

אונטן האָט פרידלעך זיך געלאשטשעט צום ברעג דער שטילער דאָן.

דער בריק איבערן טײַך איז געווען רויִנירט און האָט אויסטערליש פאַרריסן אין לויטערן הימל זײַנע שוואַרצע געבראָכענע ריפּן.

דאָוויד איז צוגעגאַנגען צום דאָן, אָנגעבויגן זיך, א שעפּ געטאָן מיט דער דלאָניע וואַסער. זי איז געווען קילבלעך און ביטער. פאַרוואָס ביטער? מיט פאַרפרעסטע ציין האָט דאָוויד איבערגעפירט דעם בליק אַף יענער זײַט טײַך. אינדערווײַטנס האָבן די פײַנטלעכע „יונקערסן" באָמבירט באַטײַסק. פונדאָרטן זײַנען אָנגעשוווּמען וואַרעמע כוואַליעס לופט. דאָוויד האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב עס איז ניט געלונגען אָפּשטעלן דעם סוינע באַ די קעגנטאַנקען־ריוון, וועט זיך ניט אײַנגעבן פאַרהאַלטן אים אויך דאָ, אַף אָט דעם ברעג, וועלכער איז ניט פאַרפעסטיקט, יעדער מינוט קאָנען זיך באַווײַזן די פאַשיסטישע פאַנצערן. ס'וואָלט טאַקע געווען בעסער איבערפּעקלען די קאַנאָנען אַף יענער זײַט טײַך. אָבער ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?

דאָוויד האָט זיך אַרומגעקוקט און פּלוצעם דערזען אַפן ברעג פּוסטע פּעסלעך. זיי זײַנען דאָ געלעגן אָנגעוואַלגערט אין אומאָרדענונג. אויך פריִער האָט זיי דאָוויד געזען, נאָר קיין אַכט ניט געלייגט. איצט אָבער איז אים אײַנגעפאַלן א געדאַנק: פּאָנטאָנען! די פּעסער זײַנען דאָך גוטע פּאָנטאָנען!

באַ די גאָוביצעס האָט דאָוויד איבערגעלאָזט בלויז צו צוויי סאָלדאַטן, אַלע איבעריקע האָט ער געשיקט בויען פּליטן. וואָס נאָר ס'איז מעגלעך קריגן: ברעטער, קלעצער, צווײַגן, סטאַם שטיקער האָלץ...

דער ערשטער שלעפּ־טראַקטאָר איז, ברומענדיק פריילעך, ווי ס'וואָלט אים געפעלן, וואָס עס איז אָפּגעזוכט געוואָרן אַן אויסוועג, פאָרזיכטיק אַרופגעפאָרן אַפן פּליט, וועלכער האָט זיך געפּערלעך צעהוידעט, אָפּגעטוקט זיך, נאָר אויסגעהאַלטן די מאַסע. מע האָט דעם פּליט א שטופּ געטאָן, און ער איז אַוועקגעשוווּמען.

ס'קאָן זײַן, אַז דערפאַר, וואָס די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן גערודערט מיט די וועסלעס, זײַנען געווען ניט אופמערקזאַם און ניט געהיט, אָדער מאַכמעס דעם, וואָס דעם פּליט האָט האַסטיק אונטערגעכאַפּט און א דריי געטאָן דער וואַסער־שטראָם, נאָר מיטאַמאָל האָט זיך דער טראַקטאָר אַפן פּליט א נייג געטאָן און זיך אַראָפּגעגליטשט אין טײַך. דער שטילער דאָן האָט אים מאָמענטאַל אײַנגעשלונגען.

ביזוואַנען די אויסגעבאָדענע אינעם דאָן רודערער זײַנען צוגעשוווּמען אַפן ליידיקן פּליט צוריק צום ברעג, ביזוואַנען מע האָט דעם פּליט פאַרפעסטיקט — אונטערגעפירט אונטער זײַן דעק נאָך א צענדליק פּוסטע פּעסלעך, איז געלונגען אַף אַן אַנדער, קלענערן פּליטל איבערשלעפּן צום

קעגניבערדיקן ברעג דאָס פאַרמעגן פונעם פאַרוואַלטונגס־ווזוואָד. ווען דער גרויסער פּליט איז ווידער געווען גרייט אין וועג, האָט מען אף אים אָנגעלאָדן דעם לאַסט־אויטאָמאָביל. די רודערער זײַנען דאָס מאָל געווען שטאַרק אויפמערקזאַם, און דער רעיס האָט זיך פאַרענדיקט בעשאָלעם.

דער צווייטער שלעפּ־טראַקטאָר איז שוין געשטאַנען גרייט אַרופצוקלעטערן אף די פּאָנטאָנען, און דאָווידן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלץ וועט זײַן קעשורע, ער האָט זיך שוין פאָרויס געפרייט. נאָר באַקומען האָט זיך אַנדערש. דער סוינע האָט אָנגעהויבן אַ ווילדע שיסערײַ. פונעם בערגל אפן ראַנד פון דער סטאַניצע אַקסײַסקאַיאַ האָט זיך באַוויזן אַן אָנגרײַפנדיקע קייט פאַשיסטישע אויטאָמאַטלער.

דאָוויד האָט געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז געווען מעגלעך. די באַטאַרייע האָט באַגעגנט דעם פײַנט מיט פײַער. דעריקער — ניט דערלאָזן, דער פײַנט זאָל פאַרכאַפּן די האַרמאַטן. דוכט זיך, אַז קיינמאָל נאָך האָט זיך די באַטאַרייע ניט צוגעהערט אַזוי אויפמערקזאַם צו זײַנע קאָמאַנדעס.

ווען מע האָט אים געזאָגט, אַז עס ענדיקן זיך די סנאַריאַדן, איז ער מיטאַמאָל בלאַס געוואָרן. הייסט עס, אַז עס איז געבליבן איין ברײרע — מיט די אייגענע הענט פאַרניכטן די באַטאַרייע.

זיבן אויפרײַסן האָבן אויפגעטרייסלט דעם ברעג לעם שטילן דאָן.

5

אָנגעבויגן דעם קאָפּ, פּאַוואָליע, פאַרקלערט הייבט זיך אוף דוסיע אין לעקטאָר־צימער. זי איז מיד, זי האָט זיך גוט אָנגעהאָרעוועט אף דעם פּראַקטישן לימעד, וועלכער איז, ווי געוויינלעך, אויך הײַנט פאַרוואַנדלט געוואָרן באַ איר אין אַ הייסן דיספּוט. שטענדיק איז זי צופרידן, ווען עס צעפלאַקערן זיך די סטודענטישע מאַכלויקעס, כאָטש רעגולירן און ריכטן אָט די לײַדנשאַפטן פון די שטרײַטנדיקע יונגעלײַט איז ניט אַלע מאָל פּאַשעט. נאָר הײַנט איז דוסיע מידער, ווי טאָמיד. אָנהייבנדיק פון יענער רעגע, ווען זי איז געקומען אין אינסטיטוט און אף איר האָט אַ פלייץ געטאָן דער געפילדער, וועלכער הערשט אין זײַנע קאָרידאָרן, ביז עס דערהערט זיך אַ דורכדרינגענדיקער, רופנדיקער קלונג, פון יענער ווײַלע אָן מוז זי פאַרטויבן אין זיך די פרימאָרגנדיקע אויפרעגונג, וואָס לאָזט זי די גאַנצע צײַט ניט צורו. מע טאָר עס אָבער ניט אַרויסווײַזן פאַר קיינעם בִיכלאַל, און בִיפראַט פאַר די יונגע.

דוסיע שטעלט שווער אירע פיס אף די אלטערטימלעכע טשוהונענע טרעפ, וועלכע פירן צום צווייטן שטאָק. דער לייטער איז ברייט און פאַר־מאָגט א צאם מיט אן אײַזערנעם אוזאָר און אויסגעפּאָלירטע ביז שווארץ דעמבענע פּאָרענטשן.

פון דער זײַט קאָן זיך אויסווײַזן, אז דוסיע באטראכט אופמערקזאם די שטומפּיקע שפּיצן פון אירע נײַע לאקירטע פּאנטאָפל.

די אינדערפרײַקע מאכלויקעס מיטן מאן האָבן זיך אין איר ניט אויס־געוועפּט. זי האָט ראכמאָנעס געהאט אף זיך, קלערנדיק, אז מיט יאָרנלאנג צוריק איז זי א נאריש מיידל געווען, קליינמוטיק פאר א שטרויעלע זיך אָנגעכאפּט, געהאָפּט זיך אופהאלטן אף דער אויבערפלאך, ניט אײַנזינ־קען אינעם איינזאמקײַט־זומפּ, וועלכער איז שוין, לויט אירע דעמלטיקע באגריפן, ביז צום האלדז אירן דערקראָכן. זי איז בארויגעז געווען אפן גוירל, וואָס האָט אָנגעוואלגערט אף אירע פּלייצעס א לאסט איבער די קויכעס.

איבערנייגנדיק זיך איבער דער פּאָרענטש, דערזעט דאָוויד זײַן פרוי. דאָס הארץ טוט א קלעם: פונויבן טיילט זיך אויס מיט א באזונדער שארפקײַט די סטענגע גראָווע האָר, וועלכע צעטיילט אפצווייען דוסיעס פריזור פּונקט אינמיטן קאָפּ. די סטענגע איז א ברייטע און דערמאָנט א קלינגל פון א קינזשאל. א נאָגנדיקע שולד טוט א שניט דאָווידן.

ער לאָזט זיך לויפן מיטאמאָל אנטקעגן דוסיען, היפּערט איבער עטלעכע טרעפּ. זײַן דלאָניע גליטשט זיך דערבײַ אף דער אויסגעשלײַפ־טער פּאָרענטש. ער שטעלט זיך אָפּ אף איין טרעפּל העכער פון יענעם, ווו עס איז פארגליווערט געבליבן שטיין דוסיע, און טוט א זאָג:

— האָב ניט קיין פאריבל, איך בעט דיך...

דוסיע טוט שארף א קוק אף אים:

— ס'איז ניט דאָס אָרט און ניט די צײַט פאר אזא מין געשפּרעך. וווהין פליסטו ווידער פײַל־פון־בויגן?

— אין טעאטער. מע דארף אויסקליאנטשען רעקוויזיט פאר א ספּעק־טאקל. הײַנט אפדערנאכט גיבן מיר א פּאָרשטעלונג.

— מיט ברויט האָדעווע דיך ניט, אבי דערלויב זיך בארימען מיט א וואָסער־ס'ניט־איז אָפּטיילונג פון דײַן פאקולטעט. עס ליגט שוין בא מיר אין די געדערים...

דאָוויד טוט א קנייטש מיט די אקסלען, טרעט איבער פון איין פוס אפן צווייטן. דוסיעס בליק גליטשט זיך דורך איבערן מאנס פּאָנעם: „סאַ־רא גרויסע, מעגושעמדיקע, פונדעסטוועגן, פרעמדע נאָז בא אים", — טוט זי א זיפץ. אָבער דערבײַ זאָגט זי:

— דײַן שניפּס איז אונטערן קאָלנער ארונטערגעקראָכן.

אײַלנדיק זיך אומקערן דעם געקעסטלטן האלדזטוך אפן אָרט, ענט־פערט ער שטיל:

— אילױשען װעסטו שױן מוזן אָנהאָדעװען. ס׳איז דאפקע מײַן רײ, נאָר כ׳װעל, װײַזט אױס, זיך ניט אומקערן באַצײַטנס.

— מע װאָלט שױן לאנג געדארפט אים איבערפירן אף זעלבסטבאדי־נונג. מיר בלאָזן אף אים, װי אף א גװירטשיק. מיר פּאטערן דאָס ייִנגל.

און דוסיע קערט זיך אָפּ קאלט פונעם מאן.

װען זי טרעט איבער די שװעל פונעם לעקטאָר־צימער, טרעפט זי דאָרטן בלױז אנע ארנאָלדאָװנען. נאָרשײן סטארעט זיך, זי איז אָבער ניט אימשטאנד אָפּרײַסן אירע נײַגעריקע אױגן פון דוסיעס קרעפּדעשינענעם קלײד, װאָס נעמט אזױ עלעגאנט ארום איר פיגור, אז דאָס מאכט זי אױסערגעװײנלעך אײדל — עס אנטרינען ערגעץ אומבאגרײַפלעך װוּהין סײַ איר הױכער בוזעם, סײַ דער בױך, סײַ די היפּשע היפּטן.

— װוּ האָט איר עס אזא מין פראכט ארײַנגעכאפּט? — פרעגט מיט קינע אנע ארנאָלדאָװנע.

— אופגעבײט.

— אן אױסגעצײכנטער געשמאק בא אײַער בײטערן. פירט מיך צונױף מיט איר.

— אדעראבע, — דוסיע טוט צערעמאָניעל א נײג דעם קאָפּ. — אָט איז זי.

— װאָס זשע באהאלט איר אױס אײַערע טאלאנטן? איך װאָלט די ערשטע געװאָרן אײַער קליענט.

— אז מע װעט מיך פון אינסטיטוט ארױסטרײַבן... דעמלט — ביטע...

— ע, נײן, דאָס איז זײער לאנג צו װארטן, — באמערקט נאָרשײן און טוט אײנמיטנדערינען א קלער: „מע קאָן דאָך זײער פּאָשעט אװעקזעצן פּארװאלטן מיט דער קאטעדרע יעװודאָכען. דער רעקטאָר האלט פון איר". אנע ארנאָלדאָװנע פילט, װי עס הײבט איר אָן פרירן די פּלײצע.

אָבער זיך צו פיל קימערן קאָן ניט נאָרשײן. דאָס לעבן איז אזױ גוט און אזױ קורץ, אז פּאטערן די טײַערסטע רעגעס אף קאָלערלײ אנגסטן איז ניט אין איר טעװע.

— װאָס זשע טוט מען עפּעס אוף אזעלכס? — זאָגט זי. װילט איר, קאָן עס זײַן װי א דראָונג עמעצן, װילט איר — אומצופרידנקײַט.

דוסיען געפעלן ניט אין אָט דער רעגע נאָרשײנס גלאנצנדיקע אױגן:

— צוליב װאָס?

— ווען כ'זאָל האָבן כאַטש א קאפעטשקע פון אײַער גליק, יעוודאָקיִא פעטראָוונא, וואָלט איך זיך געהאלטן ווי א שעפעלע.

דוסיע טוט נערוועז א גלעט די ברעמען, אײנצײַטיק סײַ די רעכטע, סײַ די לינקע, מיט בײדע דלאָניעס:

— ווער עס איז מיר מעקאנע...

— אהא, הײסט עס, אז עס איז טאקע ניט אלץ אין אָרדענונג בא אײַך מיטן מאן! מע פלוידערט שוין לאנג וועגן דעם. אן אָל אין זאק איז ניט אויסצובאהאלטן.

— מאלע וואָס מע פלאפלט, איז דען נײטיק דאָס איבערכאזערן?

— כאכאָמעס כאזערן ניט איבער קײן רעכילעס. קלוגע פרויען פארמאָגן געגוג סײכל, קעדײ פליאָטקעס צו פארפאסן...

מיט פלינקע טריט שפאנט זיך דורך נאָרשײן איבער דעם לעקטאָרצימער, פארהאלט זיך עטוואָס לעבן שפיגל, קוקט זיך אײַן אופמערקזאם, טוט א פיר מיט פארגעניגן איבערן לײַב:

— איך ווער גרעבער, ווי לענגער. אײניקע האלטן דעם בויך אין הונגער. איך אָבער האָב אף אים ראכמאָנעס.

זי דעקט צו מיט די הענט אירע ראָזעווע באקן, טוט א געגעץ, זוכט אָפּ אין שפיגל דוסיעס אויגן און טוט א שמײכל צו זײ. בא אנע ארנאָלדאָוונען זײַנען די אויגן גרויסע און פיפיקע—אויגן שוין ניט פון קײן יונגער פרוי, אָבער אין זײ איז פארבאָרגן אי אן אומבאגרענעצטער דאָרשט צום לעבן, אי אן אנטשײדנקײַט ארויסבאקומען פונעם לעבן אלץ, וואָס מע קאָן.

די זון, וואָס איז ארויסגעשווומען פון די אָנגעלאָפענע וואָלקנס, טוט זיך א רוק ארײַן אין פענצטער פונעם לעקטאָר־צימער, באגילדעט נאָרשײנס פוכיקע שווארצע האָר. קוקנדיק אף איר פונדערזײַט, דערשפירט דוסיע, אז איר פראָפיל האָט עפעס אזוינס, וואָס דערמאָנט דעם סילועט פון א שפארבער. עפשער איז דאָ שולדיק איר נאָז מיטן הויקערל, צי דער אומגעריכטער קער פון איר קאָפּ, אָדער נאָך עפעס, נאָר דוסיען ווערט אומאָנגענעם, און זי לאָזט אראָפּ די וויִעס.

באם סאמע אונטערשטן טרעפל דערזעט דאָוויד אפן טאָוול, ווו מע הענגט געווײנלעך ארויס פארשײדענע מעלדונגען און באפעלן, א גרויסן פלאקאט, וועלכער איז מודיִע אלעמען, אז די רעפעטיציע פונעם אינסטיטוטישן כאָר ווערט אָפּגעלײגט. פארוואָס? לאָזט זיך אויס, אז בא די ייִנגלעך פונעם אינדוסטריִעל־פעדאגאָגישן פאקולטעט איז א קאָנטראָל־ארבעט

און באַ די מיידלעך פונעם פאַקולטעט, וואָס גרייט לערער פאַר דער אָנפאַנג־שול, איז אַ קאָלאָקוויום פון נאַטורוויסנשאַפט.

דאָוויד ווערט אויפגעבראַכט: שטרויכלונגען אַף שריט און טריט. אַלע קאַטעדרעס האָבן אין דער לינקער פּייע דעם דעקאַנאַט פון געזעלשאַפטלעכע פּראָפעסיעס. צי דען האָט מען ניט געקאָנט זיך אַן אייצע טאָן מיט אים, מיט דאָווידן? מע האַלט, אַז דער פאַקולטעט פון געזעלשאַפטלעכע פּראָפעסיעס איז אין אינסטיטוט אַן איבעריקע, אומנוצלעכע, אפילע שעדלעכע אויסטראַכטעניש. אַגעוו, לעכאַטכילע האָט אויך דאָוויד אַזוי געקלערט. דער פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט גרייט לערער, נו, איז זאָל ער עס טאָן געזונטערהייט. אַף אַלדי שוואַרצע יאָר דאַרף אַ לערער אַ צווייטע פּראָפעסיע! לאָזט זיך אויס, אַז ער דאַרף. ווײַל די מערהײַט יונגע לערער שיקט מען אַרבעטן אין דאָרף, און דאָס דאָרף, וואָס ציט זיך צו קונסט, צו הויכער קולטור, דערוואַרט, אַז זײַנע יונגע ספּעציאַליסטן — לערער, מעדיקער, אַגראָנאָמען, מעכאַניזאַטאָרן — זאָלן באַפרידיקן אויך זײַנע גײַסטיקע אינטערעסן. אַלנפאַלס, וואָס איז שײַעך דעם לערער, איז ניט שלעכט, אויב ער איז נאָך כוץ דעם אויך אַ רעזשיסער און קאָן באַווײַזן אַ ספּעקטאַקל, אָדער אַ כאָרעאָגראַף און ווייסט, וויאַזוי צו שטעלן טענץ, צי אַ מאָלער, צי אַ כאָרמייסטער, צי עפּשער אַ קלעזמער. ניין, אין די אינסטיטוטן איז דער פאַקולטעט פון געזעלשאַפטלעכע פּראָפעסיעס ניט קיין פינפטע ראָד אין וואָגן. זייער גוט העלפט ער דער אַלזײַטיקער אַנטוויקלונג פונעם קינפטיקן ספּעציאַליסט.

דאָס אַלץ טראָגט זיך דורך אין דאָווידס מויעך, ווען ער קוקט אַ פאַרצאָרנטער אַף דער מוידאָע. „מירן אַף דעם שטאָטישן דורכקוק דורכפאַלן, אַ גוטער כאָר — איז שוין אַ העלפט פונעם זיג אַפן שאָו", — קלערט דאָוויד. ער טוט אַ קוק, וויפל האַלט דער זייגער: יאָ, אין טעאַטער וועט ער נאָך ניט פאַרשפּעטיקן. נאָר פריער פון אַלץ דאַרף מען פּויעלן באַם רעקטאָראַט, מע זאָל עפּעס פאָרנעמען.

אין פּאָדערצימער איז די טיר פונעם רעקטאָראַט אַרומגעצויגן מיט דערמאַטין, שוואַרצן און געשטופּלטן, גלײַך ער זאָל געווען איבערטראָגן אַ פּאָקן־קרענק. דער דערמאַטין איז דורכגעשטעפּט מיט העלע בראָנזענע שורעס טשוועקעס־קנעפּלעך אַף די ראַנדן, לויט די דיאַגאָנאַלן און געקרייצט אינדערמיטן. דאָוויד צעעפנט די טיר אָן אַ קלאַפּ. ברעכט די סובאָרדינאַציע און רײַסט זיך אַרײַן גלײַך צום רעקטאָר. ער ווייסט פאָרויס, אַז דער פּראָרעקטאָר וועט אים ניט מויכל זײַן, לעמײַ ער האָט איבערגעהיפּערט זײַן טרעפּל. פאַרשטייט זיך, אַז עס וואָלט געווען אַ יוישער זיך ווענדן לעכאַטכילע צום פּראָרעקטאָר, נאָר מיט אים איז שוין

עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו באַהאַנדלען אַט דעם איניען און ס׳האָט זיך דערפון גאָרנישט ניט באַקומען. דאָוויד האָט געוואָלט גאָר אַ קלייניקייט: מע זאָל אויסטיילן איין טאָג אין וואָך ספּעציעל אין רעשוס פון זײַן פאַקולטעט, ניט דעם גאַנצן טאָג, פאַרשטייט זיך, בלויז די צווייטע העלפט, נאָך דעם, ווי עס ווערן זיך פאַרענדיקן די אַקאַדעמישע לימודים, מע זאָל אין אַט די געציילטע שאָען ניט דערלויבן קיינעם, כוץ די אָפּטיילונגען פון זײַן פאַקולטעט, פאַרנעמען די אַאודיטאָריעס, האָלן, לערן־צימערן, דעם אַקטן־זאַל. זײַן ביטע איז אָבער באַגעגנט געוואָרן קילבלעך. היצנדיק זיך, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, און ניט באַמערקנדיק אַפילע, אַז ער כאַפּט איבער די מאָס, האָט דאָוויד זיך באַמיט צו דערווײַזן, אַז דאָס איז דער איינציקער אויסוועג אין דער סיטואַציע. דער יונגער רעקטאָר האָט דערפילט דאָווידס אײַנגעשפּאַרטקײַט און האָט טאַקע אַרויסגערופן אויף דעם פּראָרעקטאָר.

בא דאָווידן איז דאָס העמדל שוין געווען דורכגעווייקט פון שווייס. אין די לעדערנע אָנגעקוואָלענע רעקטאָרישע פאָטעלן מיט דיקע, ווי מיט לופט אָנגעבלאָזענע, וואַליקעס, עס זאָל זײַן באַקוועם אַף זיי אַרופלייגן די עלנבויגנס, האָט זיך דאָוויד בכלל געפילט אומהיימלעך, ער האָט זיך בעשום־אויפן ניט געקאָנט צוגעוווינען צו זייער ברייטקײַט, צו זייער וואַקלדיקײַט. דער איצטיקער וויזיט אַהין איז געווען דער סאַמע שווערער. האַגאַם דאָווידס פאָדערונג האָט מען אין רעקטאָראַט צוגעזאָגט באַפרידיקן, האָט ער פלוצעם אַ טראַכט געטאָן: עפּשער טאַקע אַ צו גרויס אָרט פאַרנעמט אין אינסטיטוט דער פאַקולטעט פון געזעלשאַפטלעכע פּראָפעסיעס?

דאָוויד פאַרהאַלט זיך אַ ביסל באַם סטענד פון זײַן פאַקולטעט, אים אינטערעסירט איצט דער לערן־פּלאַן, וועלכן ער האָט אַליין אויסגעאַרבעט. אַצינד, נאָכן שטרײַט באַם רעקטאָר אין קאַבינעט, באַטראַכט אים דאָוויד מער קריטיש. ער זעט אויס צוציִענדיק, ווי שטענדיק: אויסגעווירעטע מיט פילפאַרביקע בלײַערס קעסטעלעך, וווּ עס זײַנען אַרײַנגעשריבן די געגנשטאַנדן און די פּראַקטישע איבונגען, מיט וועלכע עס האָט צו טאָן דער פאַקולטעט. יאָ, אינדערעמעסן, אַ גוטער פּלאַן. אַ געדיכטער. אַרבעט איז פאַראַן גענוג. פריִער האָט עס דאָוויד ניט באַמערקט אַזוי שאַרף. עפּשער טאַקע צו פיל אָפּטיילונגען פאַרמאָגט דער פאַקולטעט — דאָ האָסטו דיר אי אַ סטודיע פון מאָלערײַ, אי אַ סעקטאָר פון קינסטלערישע פאָרלעזונגען, אי אַ כאָרעאָגראַפישע אָפּטיילונג, מע דערלערנט דאָ דעם אויטאָמאָביל, מע פאַרנעמט זיך מיט טעכנישער מאָדעלירונג, מע גרייט אָנפירער פון פאַרשיידענע ספּאָרט־קרײַזלעך און עלטערע פּיִאָנער־

וואָזשאַטעס... יעדערע פֿון אָט די אָפּטײלונגען אַרבעט צװײ מאָל אין װאָך. ס'איז אַ סאַך אָדער װײניק? אַגעװ, אַלץ איז פֿאַרויסגעזען: לעקציעס, לאַבאָראַטאָרישע איבונגען, פּראַקטיק. אַנדערש קאָן דען זײַן?! אַ מענטש באַקומט דאָך נאָך אײן פֿאַך! אַ פּראָפֿעסיע! און ניט בלויז פֿון אַ קולטור־אָרגאַניזאַטאָר. גוט איז עס אָדער ניין? נאָר מיסטאָם איז עס פֿונדעסטװעגן צוועקמעסיק, אויב אין שול װעט אָנקומען ניט בלויז אַ ספּעציאַליסט — אַ לערער פֿון אַ באַזונדערן געגנשטאַנד, לאָמיר זאָגן, פֿון פֿיזיק, צי פֿון שפּראַך, נאָר אויך אַ פֿאַכמאַן, װאָס איז אימשטאַנד אָנצופֿירן מיט דער פּיאָנערישער און אַנדערער אויסערקלאַסן־אַרבעט. עפּשער צאָלן מיר גאָר ניט אַזאַ גרויסע פּרײַז פֿאַר דעם, װאָס דער פֿאַקולטעט פֿון געזעלשאַפֿטלעכע פּראָפֿעסיעס קװעטשט אַ ביסל אָן אויף די מאָזאָלן פֿון די איבעריקע פֿאַקולטעטן און קאַטעדרעס?

הינטער דאָווידס פּלײצע דערהערט זיך אַ גנײװיש שעפּטשען:

— מע האָדעװעט אײַך פֿאַרט גאַנץ נישקאָשעדיק. עס װאַקסט דאָס בײַכל.

דאָוויד טוט אַ קער דעם קאָפּ: יאָ, ס'איז זי, אַנע אַרנאָלדאָוונע.

— פֿאַרװאָס זײַנט איר עפּעס דאָ און ניט אין טעאַטער? — פֿרעגט זי. — איר האָט דאָך געדאַרפֿט פֿונדאָרטן אַרויסציִען רעקוויזיט פֿאַרן הײַנטיקן ספּעקטאַקל? צי דאָס איז בלויז אַ טערעץ פֿאַר דער פֿרוי?

— צוליב װאָס? — װערט דערשטױנט דאָוויד. — כ'האָב זיך עטװאָס פֿאַרהײַעט אין רעקטאָראַט. מיט אײניקע כאַװײרים־נאַטשאַלניקעס זיך פֿרײלעך דורכגעשמועסט.

— איר זײַנט צו היציק, פֿרײַנט מײַנער, — מוסערט נאָרשײן שטיל דאָווידן. — פֿריִער פֿון אַלץ באַװאָרנט זיך מיט טאַקט. קלוגע מענטשן טוען אַפֿילע ראָעס טאַקטיש.

— איר װילט מיך אַ ביסל צערײצן?

— דערװײַל ניט. נאָר מע טאָר דאָך ניט פֿאָדערן, אַלע זאָלן אומבאַדינגט זײַן מאַסקים מיט אײַך. אַ פֿײַנט װעט אײַך צובאָמקען, קוקן אײַך אין מויל און זאָגן — יאָ. עס דערװידערט אַ פֿרײַנט.

— קײן געשלעג װעסטו סײַװי ניט אויסמײַדן.

— מע אַטאַקירט אײַך װידער? — אינטערעסירט זיך נאָרשײן. — נאָר מײנט ניט, אַז דאָס איז אַן אָפּאָזיציע, דאָס איז פּאָשעט אַ פּאָזיציע. זײַט פֿונדעסטװעגן רויִקער. אויב אַלע צאָרעס אין האַרצן אַרײַנלאָזן, איז אויף װיפֿל װעט אײַך קלעקן? שאַט, איר װילט, איך זאָל זײַן אויף אײַער זײַט?

— דאָס איז שוין עפּעס ווערט, — באַמערקט פרייליעכער דאָוויד.

— יאָ, — כאַפּט זיך נאָרשיין, — איך בין אָבער בלויז א פּאָרזיצער פון אָרטקאָם...

— פונדעסטוועגן ניט ווייניקער! — שמייכלט דאָוויד.

„מענטשן טוען א נוצלעכע זאך, — קלערט אנע ארנאָלדאָוונע. — דארף מען זיי דאָך אונטערהאלטן, און מיר... ניין, ס'איז ניט באלעבאטיש". זי טוט א קוק אין דאָווידס פּאָנעם, עטוואָס אן אסימעטרישס, מיט א הויכן שטערן און בארויגעז אויסגעקרימטע ליפּן. אלע מאָל אנטדעקט זי אין אים, אפילע ווען ער איז בייז, צוציִענדיקע שטריכן. „קיין טראָפּן אייגננוציקייט, — קלערט נאָרשיין וועגן דאָווידן. — אזא ניט לייכטן וואָגן שלעפּט ער, וויפל קויכעס גיט ער אָפּ זיין פאקולטעט און באקומט פאר דעם קיין גראָשן ניט. אָט דאָס איז א קאָמוניסט! פארוואָס זשע באציִען זיך צו אים אייניקע מיט פאָרורטיילן, צומאָל אפילע מיט פאראכטונג, אלנפאלס ניט מיט דערעכערעך? פארוואָס? ער איז דאָך כוץ אלעמען גאָר ניט קיין אָרדינארער לעקטאָר, די סטודענטן האָבן אים ליב".

— זעט, איר זאָלט הייַנט אפן אָונט ניט דורכפאלן מיט דער פאָרשטעלונג. אָן מיר, — זאָגט קאָקעטיש אנע ארנאָלדאָוונע.

— איר זייַנט נאָך אלץ אין קאס אף מיר?

— די נעשאָמע האָט שוין איבערגעמאָזלט. מע קאָן גאָרניט העלפן: א גערא נגל — ווער עס האָט פארנומען דעם אויבנאָן, דער איז גערעכט.

פונעם גאנעק לאָזט מען זיך אראָפּ איניינעם. און ווייַטער גייט מען שוין באנאנד.

דער וועטער ווערט מיטאמאָל קאליע. די זון באהאלט זיך הינטער די כמארעס, וואָס פלייַסן זיך אומבאדינגט ארופקריכן איינע אף דער אנדערער: ווייַזט אויס, אף פרעמדע פּלייצעס איז טאקע גרינגער צו שווימען אפילע אין הימל. עס טוט א בלאָז א פריש ווינטל. דער אספאלט אונטער די פיס הייבט אָן פארפלעקט ווערן מיט היפּשע טונקעלע פליסנדיקע פינטעלעך — פון די וואָלקנס פרווט זיך ארויסרייַסן א רעגן.

— ווי באציט איר זיך צו קריטיק, דאוויד איסייַעוויטש? — פרעגט אומגעריכט נאָרשיין.

— כ'האָב זי ניט ליב.

— א שאָד...

נאָרשיינס בליק דריקט אויס פולקאָמע געטרייַשאפט. ס'איז אָפנהארציק? עפשער איז אָט די פרוי ניט אזוי קאָמפליצירט, ווי ער מיינט?

— מיט א פויסט קאָן מען קיין שטיין ניט צעדרויבלען, — זעצט פאָר נאָרשיין. — אייַער סטיל געפעלט מיר ניט, דאוויד איסייַעוויטש. נו וואָס

איז עס פאר אן ארבעט: אלץ אליין, לעכאטכילע אליין, און נאָכאמאָל — אליין, און אָבעראמאָל — אליין, אויסשליסלעך מיט די אייגענע קויכעס. באקומט זיך, אז אויב ניט איר — איז קיינער ניט, הייסט עס, אז קיינער איז בא אײַך ניט באגלייבט... אין טעאטער, אשטייגער, מוזט איר אליין לויפן? מיסטאם וואָלט געווען בעסער שיקן אהין עמעצן פון אײַער רע־זשיסער־אָפּטייל... אָדער אָנקלינגען דעם אָנפירער פונעם אָפּטייל, וועל־כער ארבעט, אגעוו, טאקע דאָרטן, אין טעאטער...

— ס'איז ניטאָ קיין צײַט.

— זאָג איך דאָך — בלויז זיך אליין פארטרויט איר.

דאָוויד פירט צונויף די ברעמען, און עפּשער דערפאר דוכט זיך, אז זײַן שטערן איז שטארק אָנגעקנייטשט. אנדערש באקומט זיך דערווײַל ניט. פּרוּוו עמעצן שיקן אין טעאטער נאָך רעקוויזיט — מיינט איר, אז ער וועט זיך עפּעס דערשלאָגן? מוז ער טאקע אליין זיך מאטריעך זײַן...

— אײַך העלפט ווייסט איר וואָס? — זאָגט נאָרשיין. — אײַער צוויי־אָדערדיקײַט...

דאָוויד טוט א קלער: „זע נאָר, עפּשער בין איך טאקע אזא, ווי זי זאָגט". נאָר אף א קאָל באמערקט ער:

— יאָ, ניט קיין לײַכטע לאסט איז ער, מײַן פאקולטעט. נאָר עמעצער דארף דאָך אים שלעפּן.

אנע ארנאָלדאָוונע פארשטייט, אז דער פאקולטעט פון געזעלשאפטלע־כע פּראָפעסיעס אין די הויכשולן איז דערווײַל א זוכעניש, אן עקספערי־מענט. ס'איז גאנץ מעגלעך, אז אלץ וועט זיך פארענדיקן מיט א דורכ־פאל און מע וועט זיך פון אים אָפּזאָגן. נאָר דערווײַל איז ער זייער צו־ציִענדיק: דער אינסטיטוט גרייט ניט פּאָשעט לערער, נאָר לערער־אר־טיסטן, לערער־זשורנאליסטן, לערער־ספּאָרטסמענער. און אויב אזוי, איז ער מיסטאם נייטיק. אנע ארנאָלדאָוונע פארשטייט אָבער גאנץ גוט, אז דאָ בא זיי, אינעם פּראָווינציִעלן אינסטיטוט, האלט ער זיך אף דער ענער־גיע פון איין מענטשן — דאוויד איסײַעוויטשן. זי זאָגט אים עס טאקע:

— יאָ, דער פאקולטעט האלט זיך בלויז אף אײַך, אלנפאלס, אין דער ערשטער ריי, אף אײַער ענטוזיִאזם. א גרויסער מארטירער זײַט איר.

דאָוויד טוט א קאָסע די אויגן אף נאָרשיינס פּראָפיל מיט דער הויי־קערדיקער נאָז. שטענדיק איז אים קלאָר, וואָס זי וויל, אלנפאלס, אזוי מיינט ער, דאָוויד. איצט האָט ער ניט געקאָנט באנעמען. ער שפּאנט אקסל צו אקסל מיט איר, שארקעט מיט די דיקע פּידמעטקעס פון זײַנע שיך איבערן אספאלט, סטארעט זיך פארשטיין. זי האָט אף אים ראכמאָ־

נעס? דאכט זיך, אז זי איז דאָ אופריכטיק. ער סוטוליעט זיך אָן און ווערט עפעס מיטאמאָל עלטער עפשער אף א צענדליק יאָר.

אנע ארנאָלדאָוונע ווילט זיך אים א גלעט טאָן, ווי א קליינטשקן, אים נעמען אונטערן אָרעם, זאָגן אים עפעס גוטס, ווארעמס, אָבער זי וואגט ניט. עס כאפט זי פלוצעם ארום א ראכמאָנעס־געפיל צו זיך אליין. ניין, ס'האָט איר ניט אָפגעגליקט אין לעבן. שווער אָטעמענדיק, שפאנט זי באנאנד מיט דאָווידן און קלערט וועגן דעם, אז אויך ער איז מיסטאם ניט גליקלעך. זי האָט ניט קיין גרונט אזוי צו טראכטן, קיין דערווײַזן האָט זי ניט, אָבער אזוי פילט זי. און עס כאפט זיך בא איר ארויס:

— ווער עס איז צום טײַוול צוגעווינט, האָט מיט גאָט א מאטערניש.

— ווער איז דאָ דער גאָט, און ווער — דער טײַוול?

אנע ארנאָלדאָוונע שווײַגט. און דאָוויד האָט קיין אנונג ניט, וואָס עס קומט מיט איר פאָר.

6

און נאָכאמאָל קערט ער זיך אום צו זײַנע זיכרוינעס.

באם דאָן, ווען דאָוויד איז געווען געצוווּנגען אופצורײַסן זײַנע גאור־ביצעס און איבערשלעפן אפן קעגנאיבערדיקן ברעג די רעשטלעך פון דער באטארייע, האָט ער אויך ניט פארשטאנען, וואָס עס איז געשען, וויאזוי האָט עס פאסירט, אז די דײַטשן זײַנען נאָכאמאָל ארײַן אין ראָסטאָוו, פון וועלכן מע האָט זיי ארויסגעשלײַדערט אין פאָריקן הארבסט? פארוואָס טרעטן מיר אָפ?

עפשער אף א קליין טיילכל פון דער ערשטער מינוט נאָכן איבער־שווימען דעם דאָן, פילנדיק זיך אומהיימלעך צווישן דעם, וואָס עס איז זיך מיט אים נאָרוואָס פארלאָפן, און דעם, וואָס עס שטייט אים פאָר אין דער סאמע נאָענטסטער צײַט, האָט ער זיך ארומגעקוקט און דערזען אף יענער זײַט טײַך די פארלאָזטע, פאריאָסעמטע סטאניצע אקסײַסקאיא, און דאָ, הינטער דער פלייצע, האָט זיך געדרויכערט דער ברענענדיקער סטעפ. איין געדאנק האָט אים געפיקט אין מויעך: „מע דארף זיך קעגנשטעלן!“ איצט איז שוין דאָווידס באטארייע, אייגנטלעך, קיין באטארייע ניט געווען, פאָשעט — א סאָלדאטן־איינהײַט, נאָר דאָוויד איז געבליבן איר קאָמאנדיר, דער פאראנטוואָרטלעכער פאר איר, און ניט בלויז פאר איר גוירל. ער האָט קוידעמקאָל געגעבן א פאראָרדענונג, אלע זײַנע ארטילעריסטן זאָלן פארנעמען די שוץ־גראָבנס אפן ברעג, וועלכע מע האָט נאָך צוגעגרייט פאראיאָרן. קאראבינעס און אווטאָמאטן און אפילע עטלעכע קעגנטאנקען־

ביקסן איז געלונגען איבערצופירן איבער דעם טײַך, און האַנט־גראַנאַטעס זײַנען אויך בײַ אַלעמען פאַראַן...

פאָרסירן דעם דאָן אין פולן גאַנג אָפ אָט דעם אָפשניט פונעם טײַך האָט מען די פאַשיסטן ניט געלאָזט. דאָ האָבן זיך געראַנגלט ניט נאָר דאָווידס באַטאַרייצעס — אָפ רעכטס און אָפ לינקס האָבן זיך געפונען די אָקאָפעס פון אונדזערע אָפטיילונגען.

עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דאָוויד און זײַנע כאַווײרים וואָלטן זיך מיט דער צײַט אײַנגאַנצן פאַרוואַנדלט אין פעכאָטע־סאָלדאַטן. נאָר אָפן צווייטן מעסלעס זײַנען צום פאָדערשטן ראַנד אײַנײַנעם מיט דער צוגעקומענער פרישער דיוויזיע דערפאָרן עטלעכע לאַסטמאַשינעס פון דאָווידס אַרטילערישער בריגאַדע מיט אַ באַפעל פון דעם קאָמבריג, אַז די אַרטילעריסטן זאָלן מיט אַלע קויכעס זיך דערקלײַבן צום זאַמלפונקט פון דער בריגאַדע.

נײַע האַרמאַטן איז געלונגען צו באַקומען ניט אַזוי גיך. האַגאַם דאָווידס באַטאַרייע האָט זיך דערקליבן צום זאַמלפונקט פון דער בריגאַדע בעשאָלעם, איז סײַווי אויסגעקומען אײַנגיכן אָפצוטרעטן ווײַטער און ווײַטער אין דעם דאָנער סטעפ. די בריגאַדע האָט קימאַט זיך ניט באַטייליקט אין שלאַכט, בלויז עטלעכע מאָל האָבן אירע איבערגעבליבענע האַרמאַטן אָפגעשלאָגן אַ ריי פרוווון פון די פײַנטלעכע טאַנקען־קאָלאָנעס, דורכרײַסן אונדזערע פלאַנגען.

דאָס, וואָס זײַן אַרטילערישע בריגאַדע איז אָפגעטראָטן אָן אָן ערנסטן ווידערשטאַנד, האָט פאַרשאַפט דאָווידן טיפע אַנגסטן. פריִער פלעגן זײַנע באַטאַרייצעס אָפט הערן זײַן הילכיקן געלעכטער. איצט האָט מען ניט געזען אָפ זײַן אָנגעכמורעטן פאָנעם קיין שמייכל. געווען איז ער צו יונג, קעדיי צו פאַרשטיין, צוליב וואָס די העכערע קאָמאַנדשאַפט באַגייט זיך מיט זײַן באַטאַרייע און מיט זײַן בריגאַדע אַזוי און ניט אַנדערש.

דאָוויד האָט געשפאַנט באַנאַנד מיט זײַנע כאַווײרים אײַנעם הייסן סטעפ. ער וואָלט געקאָנט זיך אַרײַנזעצן אין דער קאַבינע פונעם לאַסטאווטאָמאָביל, ווײַלכן די באַטאַרייע האָט איבערגעשלעפט איבערן דאָן, אָבער ער האָט געוואָלט זײַן צוזאַמען מיט זײַנע שלאַכט־כאַווײרים. און ער האָט געשפאַנט און געשפאַנט, און די שטיוול זײַנע זײַנען געווען ביזן סאַמע ראַנד פון די כאָליעוועס פאַרשטויבט און געקנייטשט, ווי אַ בלאָזזאַק. ער האָט געשפאַנט און געשפאַנט, און אין קאָפ האָבן זיך געטראָגן ביטערע מאַכשאָוועס, אים ניט געלאָזט צורו. אַוואַדע איז ער, דאָוויד, אויך שולדיק, וואָס עס קומט אויס אָפצוטרעטן אַזוי שענדלעך: ווען ער זאָל געווען איבערפעקלען איבערן דאָן די גאַוביצעס, ווען ער זאָל געווען

זיך שלאָגן בעסער, וואָלטן די דײַטשן ניט אָנגעשפּאַרט אַזוי טיף אין אונדזער לאַנד.

די באַטאַרייע איז געגאַנגען און געגאַנגען, איבערלאָזנדיק הינטער זיך סטאַניצעס, כוטאָרס, סעדער, פּאַסעקעס, באַזונדערס איז דאָווידן געווען אַ שאָד איבערצולאָזן דעם סוינע די געדיכטע, געשמאַקע האָניק־דופּטן פֿון די בינשטאָקן — אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז צוזאַמען מיט אָט דעם גערוך לאָזט ער איבער דעם פֿײַנט די דופּטן פֿון זײַן קינדהייט. ס׳האָט געמאַטערט דער דאָרשט. דאָווידס פֿליאַזשקע פֿלעגט די ערשטע זיך אויסליידיקן: זײַן וואַסער פֿלעגט ער צעטיילן גיכער פֿון אַלע אַנדערע. עס האָט זיך בײַ דאָווידן צעעפֿנט די וווּנד אויפֿן פֿוס — גאָר אַ קליינע. אָבער באַאומרויִקט האָט זי פֿונדעסטוועגן, געשטערט שפּאַנען. פֿריִער האָט ער זי אַפֿילע פֿאַר קיין וווּנד ניט געהאַלטן — מישטיינסגעזאָגט, אויך מיר אַ וואַווקע — אַ מינע־שפּליטערל האָט אַ קראַץ געטאָן דעם פֿוס.

עס האָבן ניט געלאָזט צורו די פֿײַנטלעכע עראָפּלאַנען. זיי פֿלעגן אָנפֿליִען פּונקט פֿונדאָרטן, פֿונוואַנען מע האָט אויף זיי ניט געוואַרט. דאָווידס באַטאַרייצעס האָבן גוט געוווּסט, וואָס אַזוינס איז די פֿאַשיסטישע אוויִאַציע — ניט איינמאָל איז זיי אויסגעקומען צו טרעפֿן זיך אָדער מיט שווערע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען מיט געלע קרייצן אויף די פֿליגלען, אָדער מיט וויִענדיקע פּיקירנדיקע „יונקערסן“, אָדער מיט „מעסערשמיטן“־פֿאַרניכטלער.

אין עטלעכע מעסלעס אַרום איז שוין דאָוויד געפֿאָרן מיטן געדרייטן צאָפּן־קאַווקאַזישן ברוקירטן שליאַך קיין נאַזראַן — אַ ייִשעוו אין אָסעטיע — נאָך נײַע האַרמאַטן פֿאַר זײַן באַטאַרייע.

7

דאָס מאָל קומט ניט אויס לאַנג צו דערקלערן די אָנפֿירער פֿונעם טעאַטער, צוליב וואָס מע דאַרף אַנטלײַען די דעקאָראַציעס, און דאָוויד שיקט באַלד אַרויס נאָך זיי די אינסטיטוטישע לאַסטמאַשין, וואָס געפֿינט זיך אין רעשוס פֿון דאָווידס פֿאַקולטעט אַלס לערן־אויטאָמאָביל, כאָטש דעריקער נוצט מען אים אויס מער אויף ווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטן, איידער אויף לערנען די סטודענטן. אָבער דער באַלעבאָס איבער אים איז דאָוויד.

דעם אָנפֿירער פֿון דער רעזשיסערישער אָפּטיילונג האָט מען שוין

געגעבן צו וויסן, און מע רופט באלד ארויס אלע אָנטיילנעמער פונעם ספעקטאקל. איין אָל פון דער פלייצע אראָפּ.

איצט מעג מען זיך דערלויבן איבערכאפּן דעם אָטעם, און דאָוויד, צעשפּיליענדיק אלע קנעפּלעך פונעם פּידזשאַק, פארקערעוועט אין ביבליאָטעק אריַין — דורכבלעטערן די פרישע צייַטונגען. אין לייענזאל פון דער ביבליאָטעק שטויסט ער זיך אָן אף דוסיען און ווערט דערשטויבט — זי דארף דאָך איצטער זייַן אין דער היים, מיט אילירשען. אָבער ארויסזאָגן זייַן באוווּנדערונג באווייַזט ער ניט. דוסיע טוט אף אים א קוק, ווי אין זייערע בעסטע צייַטן, מיט א ברייטן שמייכל, און דערלאנגט אים א ניט גרויסן פּאקעט מיט א שטאמפּ פון דער אלפארבאנדישער וויסנשאפטאקאדעמיע.

— אן אווטאָר־עקזעמפּליאר?

— יאָ, — האלט נאָך אין איין שמייכלען דוסיע, — ווי מע האָט צוגעזאָגט.

זי איז גליקלעך און פּרוווט אפילע ניט אויסבאהאלטן די גדולע.

— ס'איז אָנגענעם, פונדעסטוועגן, ערן וואָרט, — זאָגט זי, צערטלענדיק מיטן בליק דעם זשורנאל אינעם מאנס האנט.

דאָוויד צעעפנט דעם בוך, זעצט זיך צו אף א בענקל לעם דעם ווייַב, נעמט ארויס פון טאש דאָס ברילן־פּודעלע.

דוסיעס מיטיילונג, אן אָפּגעדרוקטע מיט א קלאָרן, דייַטלעכן שריפט, שמעקט מיט דרוקערייַ־פארב, וועלכער מאכט דאָווידן שטענדיק עטוואָס שיקער, פארדרייט אים דעם קאָפּ.

— מאזלטאָוו! — זאָגט ער. — ס'איז דאָך ניט קיין פּאָשעטע אויסגאַבע — אן אקאדעמישע! דאָס איז א דערפאָלג. אן עכטער זיג.

הינטער זיי צעקלינגט זיך דאָס פענצטער. דוסיע טוט א קער צו אים דעם קאָפּ. אזוי האָט זי טאקע געקלערט: די איינזאמע ליסטוועניצע, וואָס איז געוואקסן דערנעבן, האָט סאָפּקאָלסאָף דערצויגן צום פענצטער איר לענגסטע צווייַג און א וויש געטאָן מיט אירע געלע ווייכע נאָדלען די טאפּליעס. דער שטיפנדיקער ווינט, האָפנדיק אויסבאהאלטן זייַן שייַכעס צו אָט דעם קלונג, כאפּט רוישנדיק אונטער א הייַפל רעגנטראָפּנס און שלייַדערט זיי בעקיוון אפן פענצטער.

— אצינד ביסטו שוין צופרידן? — שעפּטשעט דאָוויד אין דוסיעס אויער.

— אין דער דאָזיקער רעגע — יאָ, — ענטפערט זי אויך שעפּטשענדיק.

דוסיע סטארעט זיך פארגעסן דעם אינדערפריִיקן סיכסעך. דאָס פילט זיך אין אירע רייד. זי איז אפילע גרייט צו אנערקענען דאָווידס פּאקולטעט, ביז אהער האָט זי געהאלטן, אז דאָס איז א געוויינלעכע מאָדע:

פריער זײַנען אין די הויכשולן געווען פארשיידענע קרײַזלעך, האָט מען זיי אצינד איבערגעציילעמט, אָנגערופן אָפּטיילונגען — און נאט אײַך א נײַעם פאקולטעט פון געזעלשאפטלעכע פּראָפעסיעס. לאָזט זיך אָבער אויס, אז עס איז ניט אינגאנצן אזוי, ס׳איז א נײַע קוואליטעט.

דאָוויד הערט זיך אײַן אין דעם ווײַבס רייד און גלייבט ניט די אייגענע אויערן. ביז איצט פלעגט דוסיע אים בלויז זידלען. אָט וואָס עס מאכט מיט א מענטשן זײַן אייגענער דערפאָלג.

אהיים קערט זיך דאָוויד אום שפּעט, נאָכן ספּעקטאקל פאר די וועטערנס. ער איז מיד, אים שמײַסן א ווינט מיט א רעגן אײַניינעם. ער גייט און טראכט וועגן די איניאָנים אף זײַן פאקולטעט. און זיי, ווי אים דוכט זיך, זײַנען גאנץ קלאָגעדיקע. דעם ספּעקטאקל האָבן די כעוורע געשפּילט ניט אפן בעסטן אויפן. די מאָלערײַ־אָפּטיילונג איז געבליבן אָן פאפיר, און קיין וואטמאן איז דאָ, אין דער טיפער פּראָווינץ, ניט צו קריגן. די כאָרעאָגראפן ווייסן ניט, וואָס זאָל מען טאָן מיט דער אייביקער פּראָבלעם: עס פעלן אויס יאטן. אין די פּעדאגאָגישע אינסטיטוטן קומען ביכלאל אָן ווייניק יינגלעך, הײַנט זיי א בעריע און זוך אָפּ צווישן אָט דער אויסגעוויילטער מינדערהײַט אזעלכע, וואָס ווילן און קענען טאנצן. די אָפּטיילונג פון קינסטלערישער פּאָרלעזונג פארשאפט אויך דײַגעס: א מאָדנער געשמאק בא זײַנע אָנפירער — מע קלײַבט אונטער אף פּאָרצולייענען קלוימערשט הײַנטצײַטיקע, נאָר אזעלכע ווערק, וואָס עס קערט פון זיי די גאל... און מיטן פארטראכט צו דורכפירן אן אָוונט פון לידער וועגן דער באם באקומט זיך אויך דערווײַל גאָרניט.

דאָוויד שפּאנט א צערודערטער, ער לייגט ניט קיין שום אכט אף די קאליוזשעס, בלאָטיקע וואסער־שפּריצן כליופּען איבער זײַנע פיס, עס פײַבערט אים עטוואָס, און, קענטיק, ניט נאָר פון קעלט, א סאך מערער פון די געדאנקען, פון אופרעגונג.

מיט די הילכיקע, הילצערנע, שוואך באלויכטענע טרעפּ, אָפּטרייסלענדיק פון זיך די טראָפּנס רעגן, הייבט זיך דאָוויד שווער אויף צו זײַן שוועל. ער שטעקט ארײַן דעם שליסל אין שפּאלט פונעם שלאָס, נאָר די טיר צעפּראלט זיך אפריִער, ווי ער באווײַזט זי א שטופּ צו טאָן. פון פירהויז קוקט אף אים פארזאָרגט דוסיע:

— אויסגעווייקט? אף דורך און דורך?

זי טרעט אָפּ א ביסל, לאָזט ארײַן דעם מאן אין שטוב:

— די בגאָדים — אראָפּ! אלע... און מארש אין וואנע ארײַן!

געהאָרכזאם פּילט ער אויס אירע באַפעלן.

— ווו איז אילייושע?

— בא די שכיינים. קוקט דעם טעלעוויזאָר.

אף וועטשערע באקומט דאָוויד קרעפּלעך. צוגעגרייט האָט ער זיי אליין, נאָך אינדערפרי, פיל פריִער פאר דעם, ווי דוסיע און אילייושע זיינען אופגעשטאנען. איצט האָט זיי דוסיע בלויז צעווארעמט. דאָוויד עסט אָן איילעניש, כאָטש הונגעריק איז ער שטארק, ער סטארעט זיך ניט טשאווקען, ניט שמאָרען מיט דער נאָז — דאָס קאָן באזונדערס ניט ליידן דוסיע. ער לאדט זי איין אויך צום טיש:

— צוזאמען וועט זיין פריילעכער.

דוסיע זאָגט זיך אָפּ:

— כ׳האָב מוירע איבערצועסן. דערנאָך וועל איך ניט קאָנען איינשלאָפן. מאָרגן מוז איך אופשטיין פרי.

דאָוויד טוט א זאָג:

— אָט א לעבן. עסן — באזונדער, שלאָפן — באזונדער, און מע איז נאָך אונדז מעקאנע...

דוסיע כמורעט זיך אָן:

— אָט־אָט, ס׳הייבט זיך ווידער אָן! און דו פילסט ניט, ווי ס׳איז ברוטאל?

— בא אונדז איז פריַיהייט פון וואָרט, צי ניין? איך זידל זיך דאָך ניט, — פארטיידיקט זיך דאָוויד. — ס׳איז דאָך בלויז צווישן אונדז גערעדט.

זי וויל אָבער ניט הערן:

— מיִעס אין אלע פאלן.

דאָוויד נייגט זיך אָן איבערן טעלער. ער וויל אויסמיידן א נייעם צוזאמענשטויס מיט דוסיען. יעדער קריגערייַ — דאָס איז אָן איבעריקער ווייטעק.

איז שוין אלץ פארפאלן? אזוי וועט דויערן אויך ווייטער? און עפשער איז פון אָנהייב אָן געווען אזוי? ניין, עס איז דאָך פאָרט געווען גוט. עס זיינען דאָך פאָרט געווען גוטע צייטן אינעם לעבן. געווען, אָדער ניין? ווער, אויב ניט דוסיע, האָט אים אָפּגעהיט פון קאָלערליי אָנשיקענישן?! ווער, אויב ניט זי, דוסיע, האָט געווארט אף אים לאנגע, שווערע יאָרן? צי עפשער איז דאָס געשען מיט עמעצן, ניט מיט אים?

ער טוט זיך א טראָג איבער אין יענער צייט. אָט זעט ער, ווי דוסיע נעמט ארויס פונעם אלטן שראנק א טישטעך, וועלכן זיי ביידע, ער און זי, האָבן געקויפט נאָך ערעוו דער מילכאָמע. דוסיע וויקלט פאנאנדער

דעם טישטעך מיט א געפיל פון שטאָלץ, קוקנדיק דערביי אף דאָווידן מיט פארליבטע אויגן: ער דערקענט, צי ניין? זי האָט געגעבן א ניידער צעשפרייטן אפן טיש אָט דעם טישטעך בלויז דאַן, ווען דאָוויד וועט זיך אומקערן. זיבן יאָר איז דער טישטעך געלעגן אין שופלאָד פונעם שראַנק, זיבן יאָר, פון זינט ער איז אין יול איין־און־פערציקסטן אוועק אף דער מילכאָמע.

„נו, נעם זיך אָן מיט דרייסטקייט און באַשולדיק זי, די דעמלטיקע, אז זי איז קיין אופריכטיקע ניט געווען, אז איר פרייד איז געווען דאַן א געקינצלטע", — פרוווט זיך אליין אונטערהעצן דאָוויד, אָבער פילן פילט ער, אז עס וועט זיך אים ניט איינגעבן פראָוואָצירן זיין דימיען.

און ווידעראמאָל קוקט אריין דאָוויד אין זיין ווייטער ווייטעניש. דוסיע סערווירט דעם טיש אף ווארמעס — דעם ערשטן ווארמעס נאָך זיין אומקערן זיך. ניט געפערלעך, וואָס אף דעם טישטעך איז ווייניקלעך ברויט — מע גיט עס ארויס נאָך אף קארטלעך. דערפאר גייט א געשמאַקער דופט פונעם הייסן באָרשטש. דוסיעס פאָטער, וועלכער איז פריִער געווען א גאלעך, רוקט צו נעענטער צו דער סודע דאָס הויכע בענקעלע פון זייער ערשטלינג בערעקן, זעצט זיך אוועק דערנעבן, ער קוקט אינעם ליידיקן ווינקל, ווו עס וואָלט געדארפט הענגען אָן איקאָנע, און ציילעמט זיך איבער, זיפצנדיק און באַטריבט.

בערעק פרעגט נאַיִוו: „פארוואָס צייילעמסטו זיך קיינמאָל ניט, מאַמע?" דוסיע ענטפערט דעם זון: „איך בין ניט קיין גלויביקע". „און דו, טאטע, פארוואָס דאַוונסטו ניט?" — שמאָרעט מיט דער נאָז בערעק. „קיין גאָט איז ניטאָ. ניטאָ צו וועמען זיך בוקן". בערעק טוט א קוק אפן צעמישט געוואָרענעם זיידן, ווי ער וואָלט בעטן בא אים הילף, און, ניט דערווארטנדיק זיך, זאָגט ער הויך: „צו דער מאַמען בוק זיך, צו דער מאַמען". „גאָר ניט קיין שלעכטער פאָרשלאָג", — האָט זיך דעמלט אָפּגערופן דוסיע, עטוואָס שיקערלעך. גאָר יונג איז זי נאָך דעמלט געווען.

— דעם ערשטן ווארמעס נאָך אונדזער צעשיידונג געדענקסטו? — הייבט אוף די ברעמען דאָוויד.

— פארשטייט זיך. און בערעקס פאָרשלאָג אויך.

— פון דעמלט אָן פארנעם איך זיך אויסשליסלעך מיט דעם, וואָס איך בוק זיך פאר דיר, ווי פאר אָן איקאָנע.

דאָוויד לייגט ניט, ער כיטרעוועט ניט. ער איז אינדערעמעסן די גאַנצע צייט דוסיעס פארערער. נאָך פון יענעם טאָג, ווען ער, א נאַיִוו סטודענטל, האָט אפן ערשטן קורס פון אינסטיטוט זי באמערקט און אויסגעטיילט צווישן די מיידלעך פון זיין גרופע.

באמערקט האָט דאָוויד דוסיען, קענטיק, דערפאר, ווײַל קימאט אלע אנדערע מיידלעך פון זײַן סטודענטן־גרופּע זײַנען געווען אזעלכע גרינגע מענטשעלעך, ווי ער אליין. און דוסיע האָט אים צוגעצויגן מיט אירע אנטשיידענע ניכטערע מיינונגען, מיט איר דרייסטקײַט און פּראָסטקײַט.

און אויך איר אויסערלעכער אויסזען האָט צוגעצויגן דאָווידן, באזונדערס אירע פּוכיקע צעפּ, וועלכע האָבן צוויי מאָל ארומגערינגלט איר קאָפּ און ווי רייפן געבליבן ליגן אפן ראנד פונעם שטערן. דאָווידן איז געווען געפעלן, ווי איר שטערן טוט זיך א קנייטש, ווען זי פלעגט זיך וועגן עפּעס פארקלערן, און די נאָז, א גלײַכע, א געוויינלעכע, נאָר מיט א פּיצינק פּינטעלע אפן סאמע שפּיץ, און אירע ליפּן — פולע, צומאָל אופּציטערנדיקע, עטוואָס פּײַכטע, ווי זיי וואָלטן געווען באזאלבט מיט פרישן זאפט. דוסיע האָט זיך אָנגעטאָן מער ווי באשיידן, אָרעמער אלנפאלס, ווי אלע אנדערע סטודענטקעס. דאָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. נאָר דאָווידן איז געווען אלציינס. ער האָט קיין אכט ניט געלייגט ניט אף זײַנע אייגענע, ניט אף אירע, ניט אף קיינעמס בגאָדים. ער פלעגט גלײַכגילטיק קומען אין אינסטיטוט יעדן טאָג אין איינע און די זעלבע הויזן, אין איינעם און דעם זעלבן רעקל, אין איינער און דער זעלבער בלוזע מיטן שטייענדיקן קאָלנער, האגאם שטענדיק א ריינער, ווײַל די מאמע זײַנע פלעגט זי וואשן צוויי מאָל אין וואָך, ניט ווייניקער, און פאר איין נאכט זי אויסטריקענען און אויספּרעסן. בלויז אין דעם בייזן אומגעהערטן אפילע אין די צאָפּן־קאנטן אומגעוויינלעך הארבן ערשטן ווינטער זײַנעם אין קאזאן האָט ער, דאָוויד, אָנגעטאָן אף זיך א וואָלן לײַבל, אי ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָפּגעפרוירן די אויערן און דוסיע האָט אים אונטערגעזאָגט, אז עס איז ווינטשנסווערט ארופּצוציִען אף זיך עפּעס מער וואַרעמס, ווי זײַן בלוזקע, אויב עס איז בא אים פאראן וואָס אף זיך ארופּצוציִען. זי האָט ביכלאל געגומען שעפּטום איבער דאָווידן פון זינט ס'האָט זיך אנטפּלעקט, אז ער, א באָכערל, וועלכער האָט געענדיקט א ייִדישע שול, באהערשט די רוסישע שפּראך ניט אפן בעסטן אויפן און דערלאָזט אין זײַן מינדלעכן רוסישן לאָשן אזעלכע גרײַזן, אז צומאָל רופן זיי ארויס א פּרייַלעכע אופלעבונג. און דוסיע האָט זיך גענומען אים העלפן. פון דעם, אייגנטלעך, האָט זיך פארקניפּט זייער בונד.

א צופעליקע אנטדעקונג האָט דערשטויגט דאָווידן: דוסיע איז ניט נאָר א גוטע — זי איז א שיינע. זי איז ניט נאָר א קלוגע — זי איז אויך א געגארטע, דאָס אלטע אָפּגעבליאקעוועטע קליידל אירס איז ניט געווען אימשטאנד צו פארבאָרגן איר גראציִעזקײַט, די צוציִענדיקײַט פון איר קער־

פּער — אַ שטאַלטנעם, מיט אײדעלע בריסטלעך, מיט אַ דינער טאַליע און קרעפּטיקע, האַסטיקע פּיס.

דערנאָך האָט ער טאָמיד, ווי האַרב עס האָט אים ניט געבראָכן דער גורל, ווי כיטרע עס האָבן אים ניט געפּרוּווט קאָלערליי יעיצערהאָרעדיקע ספּײקעס, דערנאָך האָט ער זי קײנמאָל ניט פאַראַטן.

דאָווידס באַציִונג צו איר האָט דוסיע געפילט אומופהערלעך, אויף פאַר־שײדענע אופאַנים: צומאָל מיט ציטער, צומאָל שטאָלצירנדיק מיט איר און צומאָל אַפילע שרעקנדיק זיך פאַר אָט דער פאַרערונג. ס׳פלעגט טרעפן, אַז זי האָט זיך געקוויקט מיט דער צופעליק דעראָבערטער פּרוויִשער מאַכט. אָפּטער פון אַלץ אָבער האָט זי שטיל זיך געפרײט מיט איר. נאָר צײַטנווײַז פלעגט אָט די פאַרערונג דאָווידס זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שווערן יאָך פאַר איר, און זי האָט געוואָלט זיך באַפרײַען פון אָט דעם יאָך.

„פאַרגעטערט מיך, אָבער די פּויסטן אויף מיר אינדערפרי הײַנט אופגע־הויבן", — באַגעגנט דוסיע מיט אַ ביטער שמײכל דעם מאַנס שוווּע־ווער־טער, אַז ער הערט ניט אוף דאָס גאַנצע לעבן דוכענען אויף איר.

דאָוויד שטויסט זיך גלײַך אָן, וועגן וואָס דוסיע קלערט. מיסטאַם הערט זי ניט אוף אַ גאַנצן טאָג געדענקען זײער אינדערפרי׳יקן סיכסעך. דאָוויד עסט זיך אויף דאָס האַרץ, ער איז אין קאַס אויף זיך אַלײן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן קומט אים אויס צו בעטן מעכילע בא דעם ווײַב, וועסט עס ניט אויסמײַדן, נאָר דאָס, קענטיק, איז ניט פאַר זײַן כאַראַקטער, ער איז ניט צוגעוווינט צו אַזעלכס. דאָוויד כמורעט אָן די ברעמען. ער האָט מוירע, אַז דוסיע וועט ניט ווי עס באַדאַרף צו זײַן אויסטײַטשן זײַן אומצופרידנקײַט, זײַן שטרײַט מיט זיך אַלײן — זי קאָן נאָך, גאָט באַהיט, אַלץ אופנעמען אויף איר כעזשבן, זי קאָן נאָך מײנען, אַז דאָס איז ער אויף איר באַרויגעז. ענלעכס פלעגט צומאָל פּאַסירן פריִער. איצט טאָר מען בעשום־אויפן אַזעלכס ניט דערלאָזן. מיט דער פריִער האַנט טוט ער אַ צי צו זיך דוסיען:

— פאַרגעס, איך בעט דיך, הײַנטיקן פרימאָרגן. כ׳בין שולדיק פון קאָפּ ביז די פּיס.

דוסיע באַפרײַט זיך פון זײַן אָרעם, טרעט אָפּ אַ שפּאַן אויף צוריק, דריקט זיך צו מיט דער פּלײצע צום בלוילעכן קיך־שראַנק.

— ניט דיר, ניט זיך קאָן איך עס ניט מויכל זײַן, — קוקט זי פון אויבן אַפּן זיצנדיקן, אָנגעהויקערטן און דעריבער, ווײַזט אויס, מעגושעמדיק דיקן דאָווידן.

פון איר קאָל טוט אַ בלאָז אויף דאָווידן מיט אַ צוגווינט. אומזיסט, פאַר־שטײט זיך, האָט ער געוואַרט אויף עפּעס אַנדערשס פון אַ באַלײדיקטער פרוי. און טאַקע דערפאַר, וואָס זי איז דער סאַמע נאָענטסטער מענטש זײַנער,

האָט זי ניט געקאָנט און ניט געדאַרפט אים צוזאָגן קיין גנאָד. נאָר פונדעסטוועגן איז א שאָד. דוסיע שטייט דערנעבן, אָבער דאָווידן דוכט זיך אויס, אז ער זעט זי העט־ווײַט פון זיך, אין אן איבערגעקערטן בינאָקל, ווען ער פאַרמינערט ניט, נאָר פאַרגרעסערט דעם מעהאַלעך. צי איז זי דערשלאָגן? עפּעס באַמערקט ער עס ניט. פאַרקערט. זײַן כוש נאַרט אים זעלטן אָפּ. אָבער ווי־אַזוי עס דורכקאָנטראָלירן? דוסיע שווײַגט. זי הערט זיך צו צו זיך אַליין, זי הערט זיך צו מיט ווונדער. עפּשער איז דאָווידס אינדערפרי־יקער קונץ בלויז א געלעגנהײַט פאַר א קריגערײַ, ניט קיין סיבע? דוסיע דערקלײַבט זיך בעהאַדראָגעדיק צו דעם געדאַנק, אז די לעצטע צײַט רייצט זי עפּעס דער מאַן צו אָפּט, און ניט נאָר מיט דעם, וואָס ער איז גראָב, צעטראָגן, נאָר אויך מיט קלייניקײַטן, אשטייגער, מיט דעם, וואָס ער רייכערט ניט און איז ניט קיין שיקער, וואָס ער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין די לאַבירינטן פון זײַן פאַקולטעט. וואָס זשע וויל זי? זיך צעשיידן מיט דאָווידן? דרײַסיק יאָר אָפּגעלעבט אינײינעם — און זיך געזעגנען?! ניין, פאַרלירן דעם מאַן וויל זי ניט. זי וויל ניט, נאָר זי וואָלט עס געקאָנט טאָן. עפּעס האָט זיך אין איר איבערגעקערט. זי פילט, אז זי וואָלט עס געקאָנט טאָן. זי איז דערגאַנגען מיט דאָווידן צו א געפערלעכער גרענעץ, זי שטייט אף דעם ראַנד פון אן אָפּגרונט, בלויז איין ניט ריכטיקער טראָט — און פליסט מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף...

— נו, און ווײַטער ווי־אַזוי? — פרעגט פאַרטויבט דאָוויד.

דוסיע ענטפערט ניט אף זײַנע — אף אירע געדאַנקען:

— מאַך א סאָף צו דײַן דראַקערײַ. דאָס איז א קאַפּריז פאַר א שילער פונעם ערשטן קלאַס, שוין צײַט אופהערן צו פאַטערן אומזיסט פאַפּיר און אויך ארומלויפן מיט אן ארויסגעשטעקטער צונג פון איין אָפּטיילונג צו דער צווייטער פון דײַן אזויגערופענעם פאַקולטעט. עפּשער וועט זיך דאַן פון דיר נאָך עפּעס באַקומען...

די קרעפּלעך רוקט אָפּ פון זיך דאָוויד מיט א קורצן שטורך, טוט זיך א קער צו דער פרוי מיטן גאַנצן גוף: „ווידעראַמאָל איינס און דאָס זעלבע", — קנייטשט ער מיט פאַרדראָס דאָס פּאָנעם. ער הייבט זיך אוף, גיסט אָן רוישיק וואַסער אין פענדל, שטעלט עס אוועק וואַרעמען אף דער גאַזפליטע.

— דאָס ברויט מײַנס דאַרף איך פאַרדינען ערלעך, — זאָגט ער.

„צי דען האָב איך אים איבערגעשאַצט און ער איז פּייִק זײַן בלויז א שוואַרצאַרבעטער?" — קלערט דוסיע מיט פאָרוואורף אף זיך אַליין. נאָר דאָווידן זאָגט זי:

— דו צעטרענצלסט זיך. פאַרוואָס האלטסטו ניט דעם קאנדידאטן־עקזאמען?

— אָט, הייסט עס, וואָס פאר א שטיין עס ליגט אין דײַן פּאָרטפעל? א געוויינלעכער באָסער־ווערדאָם איז דיר שוין ניט קיין גלײַכן. בין איך ניט קיין דיפּלאָמירטער קנאקער — קיין קאנדידאט פון א וועלכער־ס'ניט־איז וויסנשאפט, טויג איך שוין, הייסט עס, ניט פאר קיין מאן אף דער עלטער. שעמסט זיך שוין באנאנד מיט מיר פאר לײַטן זיך באווײַזן...

— דאָס האָב איך נאָך ניט געזאָגט.

— דערווײַל...

דאָוויד פארשמעלערט די ווײַעס. ער נעמט אראָפּ פון דער קאָנפאָרקע דאָס אופגעזאָטענע פענדל און הייבט אָן ניט געײַלט וואשן דאָס געפעס.

— מיר איז גאָר ניט פריילעך מיט דיר, — זיפצט דוסיע.

ענטפערן איר איז פּאָשעט. אָבער איין זאך איז האלטן, אז דו ביסט גערעכט, א צווייטע — זײַן א גערעכטער. דוסיע וואָלט ביכלאל געקאָנט פריטשמעליען — מיט די סאמע עלעמענטארע טײַנעס. ער, דאָוויד, איז א דילעטאנט — אומעטום א דילעטאנט. אויך די וויסנשאפט, ווען ער זאָל זיך פארנעמען מיט איר אין דער פולער מאָס, ווי עס פאָדערט דוסיע, וואָלט פון אים באקומען ניט מער, ווי מע קאָן אויסמעלקן מילך פון א באָק. דאָוויד ווישט דאָס אויסגעוואשענע געפעס. דער האנטעך, צו א דינער, קענטיק, ווערט טייקעף נאס. ער טאדלט זיך אליין, ניט מאכמעס דעם האנטעך, פארשטייט זיך. ער מוסערט זיך דערפאר, וואָס ער טאָפּטשעט זיך אף איין אָרט טאקע. עפּעס א קלייניקײַט — דעם גאנצן וועג, ניט איבערכאפּנדיק דעם אָטעם, האלט און האלט עקזאמענעס. אָן עקזאמען אף ווירדע, אָן עקזאמען אף דרייסטקײַט, אָן עקזאמען אף פעסטקײַט, אָן עקזאמען אף אויסגעהאלטנקײַט, אָן עקזאמען אף רעכט צו זײַן א בירגער און א טאטע — אָן עקזאמען אף צו זײַן א מענטש...

דוסיע האלט ניט אויס דעם מאנס אומעטיקן בליק, פירט אָפּ אין א זײַט די אויגן.

דאָוויד קלערט: „צום ווײַב, צום געזעצלעכן, אזוי צו זאָגן, דארפסטו זיך אלע מאָל אפּסנײַ, ווי צו א קאלע, שאדכענען... דערלעבט, ניטאָ וואָס צו זאָגן”...

8

דעם עסקיז פון דער אופגאבע אף איבערקרייצן צוויי צילינדרישע פײַגורן, וואָס ער האָט אָנגעצייכנט צו זײַן מאָרגנדיקער לעקציע, רוקט דאָוויד פאמעלעך אָפּ אין לינקן ווינקל פון טיש, לייגט צוריק צונויף אין א

קאַרטאָן־שאַכטל די שאַרף פאַרשניצטע פילפאַרביקע בלײַערס — מיט זיי האָט ער בוילעט אָנגעצייכנט די איבערגאַנג־ליניעס פון איין אויבערפלאַך אַף דער צווייטער, און וואַרפט אַן אויג אַף דער רעכטער זײַט פון טיש: דאָרטן וואַרט אַף אים דער מאַנוסקריפּט מיט זײַנע זיכרוינעס, אַף וועלכן עס זײַנען דערווײַל אָנגעוואָרפן בלויז עטלעכע שורעס. נאָר באַלד וועט ער זיך ווידער נעמען פאַרן מאַנוסקריפּט, האַגאַם אינעם שכיינעסדיקן צימער אַמפּערן זיך דוסיע מיט אילײושען און שטערן אים זיך קאָנצענטרירן. אילײושע וויל בעשום־אויפן ניט גיין שלאָפן, ביזוואַנען ער וועט זיך ניט צוזעצן צו דער פּיאַנינע און וועט ניט אויסשפּילן דעם ניגן, וואָס ער האָט הײַנט געהערט אין טעלעוויזאָר. אילײושע געדענקט אָט דעם ניגן אַף אויסווייניק. דוסיע דערווײַזט שטרענג דעם זון, אַז עס איז שוין קימאַט האַלבנאַכט, די שכיינים וועלן ווערן אין קאַס, און וועלן זײַן גערעכט, אָבער אילײושע טײַנעט פאַראַקשנט, אַז ער וועט שפּילן שטיל און קיינעם ניט שטערן.

דאָוויד הערט זיך צו, ווי עס שטרײַטן די מאַמע מיטן זון, ער וואָלט וועלן איבערצײַגן זיך אַליין, אַז טאַקע זיי ביידע ווענדן אָפּ זײַן אויפמערקזאַמקײַט, לאָזן אים ניט צעעפענען דעם מאַנוסקריפּט, נאָר אינדערעמעסן אײַלט ער זיך ניט איצט צו צעעפענען די פּאַפּקע מאַכמעס אַן אַנדער סיבע: ניט אַזוי פּאָשעט איז אַרויסצוּוואַרפן פון זינען דוסיעס ווערטער, אַז זײַן שרײַבערײַ איז אַן אַרבעט פאַר אַ שילער פונעם ערשטן קלאַס... זי איז געוויס גערעכט. אַזוי איז עס. דאָס איז אַליין דער עמעס. אַ בייזער, אָבער אַן עמעס. קיין קינסטלעריש ווערק באַקומט זיך ניט באַ אים, כאָטש שרײַ כײַוועקײַעם...

אילײושע האָט, קענטיק, געזיגט אינעם שטרײַט מיט דער מאַמען. קלאַנגען פון דער פּיאַנינע האָבן אומגעריכט באַרוּיִקט דאָווידן, און ער איז מיטאַמאָל ווידער איבערגעפלויגן אין זײַן ווײַטער מיליטערישער יוגנט.

אָנשטאָט די גאַוביצעס, וועלכע זײַנע סאָלדאַטן האָבן פאַרניכטעט אַפן ברעג פונעם דאָן, צופוסנס פון דער סטאַניצע אַקסײַסקאַיאַ, ביכדיי זיי זאָלן ניט אַרײַנפאַלן אין די הענט פונעם פײַנט, ווײַל איבערפּעקלען זיי איבערן טײַך איז ניט געלונגען, אָנשטאָט אָט די גרויסע גאַוביצעס מיט אַ קאַליבער פון הונדערט צוויי און צוואַנציק מילימעטער, איז דאָווידן אויסגעקומען אין נאַזראַן זיך באַנוגענען מיט דיוויזיאָן־האַרמאַטן, אַרויסגעשלעפּטע פון די אַלטע אַרסענאַלן. זייער קאַליבער איז געווען קימאַט אַף אַ העלפט קלענער. אַזוי צי אַזוי, נאָר צוריק פון נאַזראַן איז דאָוויד געפאָרן אַ באַ־

וואָפנטער, ווי מע זאָגט, פון קאָפּ ביז די פּיס. כוץ די הארמאטן פאר זײַן באטארייע, האָט ער געפירט מיט זיך אין דער ארטילערישער בריגאדע קעגנטאנקען־הארמאטן פאר א גאנצן דיוויזיאָן — לײַכטע, לאנגהאלדזיקע, פון פינף־און־פערציקמילימעטערדיקן קאליבער. עמעס, בײס אָט דער רײַזע איז זיך פארלאָפן א געשעעניש, וועלכע האָט שיר ניט אוועקגעשטעלט דאָווידן פארן געריכט פונעם מיליטערישן טריבונאל. דער איניען איז באשטאנען אין דעם, וואָס אלע הארמאטן אף רעדער פון עכטן גומי זײַנען געווען לײַכט אין גאנג, מאמעש א פארגעניגן. אפילע ווען זיי פלעגן אָנגעהאנגענע צו די „סטודעבעקערס”, אונטערשפּרינגען אף די בערגלעך און אין די אויסגעקלאפּטע גריבלעך פונעם וועג, האָט זיי ניט געשאט. אָבער צווישן אנדערע האָט זיך דורכגעשמוגלט אזא מין קעגנטאנקען־הארמאטל, וואָס איז ביכלאל, ווײַזט אויס, געווען אזא פארצײַטיקס, אז אפילע די רעדער זײַנע האָט מען, קענטיק, אויסגעקאָוועט אין א דאָרפישער קוזניע, פון אײַזן, און קיין גומענעם אָנצוג האָבן די רעדער ניט פארמאָגט. אף דעם האָט דאָוויד צוערשט קיין אכט ניט געלייגט. אָבער דאָס איז געווען א ניט־דערלאָזבארער פעלער. דאָס שלימאזלדיק הארמאטל האָט שוין אין סאמע אָנהייב געגעבן וועגן זיך צו וויסן מיט זײַן אומגעווײנלעכער טראסקערײַ — קיין איין הארמאט האָט מען ניט געהערט אין גאנג, בלויז אָט דעם. דאָוויד איז געזעסן אין דער קאבינע פון דער ערשטער מאשין. דאָס הארמאטל אף די אײַזערנע רעדער האָט געשלעפּט דער לעצטער „סטודעבעקער”, עפּשער דעריבער איז צו דאָווידן דערפלויגן זײַן ליאמערײַ שוין דעמלט, ווען עטלעכע זײַנע וויכטיקע טיילן זײַנען ערנסט צעטרייסלט געוואָרן. דאָוויד האָט באלד די קאָלאָנע זײַנע אָפּגעשטעלט, דאָס הארמאטל האָט מען אופגעהויבן און פארפעסטיקט אין קאָרב פונעם „סטודעבעקער”.

ווען דאָס הארמאטל וואָלט געדארפט איבערגיין אין דאָווידס רעשוס, וואָלט קיינער פון אָט דער וועג־געשעעניש אפילע ניט געוווסט. אָבער באקומען האָט זיך אנדערש. אי דער שעף פון דעם ארטילערישן וואר־שטאט, אי דער קאָמאנדיר פונעם קעגנטאנקען־דיוויזיאָן האָבן זיך גלײַך געווענדט מיט טײַנעס צו דאָווידן — האלעמײַ האָט ער קאליע געמאכט א הארמאט. צו דער העכערער קאָמאנדשאפט איז דער איניען ניט דערגאנגען — בא דאָווידן אין דער באטארייע האָבן זיך אָפּגעזוכט פייִקע, געניטע מײַסטערס — און אין מעשעך פון איין מעסלעס איז דאָס שלימאזלדיק הארמאטל געשטאנען, ווי ערשט פונעם זאוואָד ארויס, אפילע מיט רעדער נײַע, אויך גומענע, האָט מען עס באשטאט.

נאָך פאר דאָווידן איז די געשיכטע געווען א באלערעוודיקע. ער האָט

איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל פֿאַרשטאַנען, אַז אויפֿמערקזאַם דאַרף מען זײַן טאָמיד, אין אַלע פֿאַלן, צי האָסטו צו טאָן מיט אַן ערנסטן איניען, צי ס'דוכט זיך דיר, אַז דאָס, וואָס דו טוסט, איז קיין גראָשן ניט ווערט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען דאָווידן אין שטאַב פֿון דער בריגאַדע באַוויזן אויף דער טאָפּאָגראַפֿישער מאַפּע־צווייוויאָרסטקע, ווו זײַן באַטאַרייע וועט דאַרפֿן פֿאַרנעמען איר פּאָזיציע. קיין איבעריקע צײַט אויף קלײַבן זיך אין וועג אַרײַן איז ניט געווען.

עס זײַנען דאַן געשטאַנען סאַרפּענדיקע זומער־טעג מיט אומענדלעך ווײַטע העלע הימלען, און דאָס, וואָס די הימלען זײַנען געווען אומענדלעך ווײַט, איז געווען אַ גרויס גליק, ווײַל ווען זיי, אָט די צעגליטע ראַכוועסן, כאַלילע, לאָזן זיך אַראָפּ אַ ביסל נידעריקער, וואָלטן זיי אַלץ אויף דער פֿאַרשמאַכטער ערד צעשמאָלצן. אַפֿילע די זעלטענע וואָלקנדלעך, וואָס פֿלעגן פֿון צײַט צו צײַט זיך אַ ווײַז טאָן אין די צאַרטע צעפּלאַמטע הויכענישן, אויסזעענדיק גאַנץ איידל, אַפֿילע צומאָל עלעגאַנט, זײַנען, קענטיק, אויך געווען ניט מער און ניט ווייניקער, ווי ברוכשטיקער פֿון אַן אומגעווייַנלעכן ניטדאָיִקן, פֿון ווײַטע וועלטן פֿאַרבלאָנדזשעטן אַהער צעריסענעם פֿײַער.

דאָוויד האָט אונטערגעהאַלטן די שטימונג פֿון זײַנע כאַווײרים. קיין היספּײַלעס האָט ער, פֿאַרשטייט זיך, ניט געפֿילט. די לאַגע איז ביז גאָר אַ שווערע, און אונדזער קאָמאַנדשאַפֿט האָט ניט אויסבאַהאַלטן פֿון קיינעם, אַז מיר טרעטן אָפּ, אָבער דאָוויד האָט שוין איצטער מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען און מיט אַלע זײַנע כושים געפֿילט, אַז ס'איז שוין נאָענט די צײַט, ווען מע וועט אָפּשטעלן דעם סוינע.

נאָך איידער דאָוויד האָט באַקומען דעם באַפֿעל צוגרייטן די פֿײַערפּאָזיציעס פֿון זײַן באַטאַרייע און אָנמערקן, ווו צו פֿאַנאַנדערשטעלן די באַאָבאַכטונג־פּונקטן, האָט ער אײַנגעפֿירט אין דער באַטאַרייע אַ שטרענגע אָרדענונג, עפּשער אַפֿילע אַ מער שטרענגערע, ווי עס האָבן דערוואַרט זײַנע סאָלדאַטן. און פֿריִער פֿון אַלץ האָט ער מאָביליזירט זיך אַליין.

פֿאַרנומען די נײַע פּאָזיציעס האָט די באַטאַרייע פֿאַרטאָג, און אַזוי שטיל, אַז קימאַט קיינער פֿון די אָרטיקע טוישווים האָט דאָס ניט באַמערקט, כאָטש די טשעטשעווישע פֿרויען שטייען אויף פֿאַר שאַריִען אויף טאָג — מעלקן די בויוואָליכעס, רייניקן די סאַקליעס און שטאַלן, גרייטן פֿאַר די מישפּאָכעס פֿרישטיק. קיין טראַקטאָרס האָט מען ניט געדאַרפֿט — די זעקס־און־זיבעציקמילימעטערדיקע האַרמאַטן האָט מען געבראַכט צו פֿירן מיט פֿערד. און געטאָן האָבן דאָס די ניט לאַנג צוריק מאָביליזירטע

קאָלווירטישע פערד אָן געפילדער, אָן ראַש, ווי זיי וואָלטן צעאַקערט באַ זיך אין דער היים אַ פעלד און מער גאָרניט.

באַאָבאַכטונג־פּונקטן האָט דאָוויד אָנגעמערקט עטלעכע — צו צוויי אַף די הויכעניִשן הינטער דעם וואָל און אינמיטן דעם טשעטשעניִשן דאָרף, און איין באַאָבאַכטונג־פּונקט אַפן ברעג פונעם טײַך טערעק. די פאַרבינד־לער האָבן טײקעף דורכגעלייגט אַ טעלעפאָן־קאַבעל פון איין פּונקט צום צווייטן, צו די פײַער־פּאָזיציעס, צום קאָמאַנדיר פונעם דיוויזיאָן. עס זײַנען אויך אײַנגעשטעלט געוואָרן צוויי ראַציִעס.

די באַטאַרייע האָט זיך טיף, ביז איבערן קאָפּ, אײַנגעהריזעט אין דער ערד. מע האָט דאָס געמאַכט אַזוי קונציק, אַז ווען אַליין דער קאָמאַנדיר פון דער אַרטילערישער בריגאַדע איז געקומען אַף דער פּאָזיציע, האָט ער זיך ניט אײַנגעהאַלטן אַ לויב צו טאָן:

— מאָלאָדצי, באַטאַרייצי!

צוזאַמען מיט אַנדערע קאָמאַנדירן איז דאָוויד נאָכגעפאָרן נאָכן קאָמ־בריג אַף זײַן פערדל, וואָס האָט געווּיס נאָך קיין פּולווער ניט געשמעקט. אָבער אויך אַף אַזאַ נישטיק פערדל איז דאָוויד סײַווי געזעסן אין זאָטל פײַן — דאָס האָט מען אים אויסגעלערנט נאָך אין פענזע אין דער אַרטי־לערישער שול.

דאָוויד האָט מיט צאַר באַטראַכט פונדערווײַטנס די סטאַניצע גאַליו־גאַיעווסקאַיאַ, וואָס איז געלעגן אַפן קעגניבערדיקן ברעג, און געקלערט וועגן דעם, אַז עס וועט, מיסטאָם, אים אויסקומען אינגיכן באַשיסן אָט די סטאַניצע מיט אירע שיינע סעדער, מיט אירע גאַסן און הײַזער, אויב דער סוינע וועט זי פאַרנעמען. ער האָט געקלערט, אַז מע וואָלט געדאַרפט איבערקלײַבן זיך אַף דעם קעגניבערדיקן ברעג, זיך דורכשמועסן מיט די געבליבענע מענטשן און עפשער זיי אייצענען צײַטווײַליק פאַרלאָזן די סטאַניצע, ביז עס טוט זיך אַזוינס אַרום איר, ווײַל, קענטיק, שלאַכטן שטייען דאָ פאָר אומדערבאַרעמדיקע, שרעקלעכע, בלוטיקע.

באַזוכן די סטאַניצע גאַליוגאַיעווסקאַיאַ האָט דער קאָמאַנדיר פונעם דיוויזיאָן דאָווידן דערלויבט מיט אַ טנאַי, אַז דער שטעלפאַרטרעטער פו־נעם באַטאַרייע־קאָמאַנדיר זאָל פאַר אָט דער צײַט אַלץ באַוואָרענען. דער קאָמאַנדיר פונעם דיוויזיאָן האָט דערבײַ גענומען אין אַכט ניט נאָר דאָס, וואָס דאָוויד האָט אים דערקלערט, נאָר אויך אַנדערע אומשטענדן. דאָווידן האָט ער באַפוילן מיטנעמען מיט זיך אַן אָפיצער פון דער אויסשפּירונג־דינסט.

אָט אַזוי אינפירן: צוויי קאָמאַנדירן און צוויי דאָווידס סאָלדאַטן פונעם פאַרוואַלטונגס־ווזוואָד זײַנען אַרײַנגעקראָכן אין אַן אויסגעדלובעט פון אַן

אלטן אַלכע־בוים שיפּל. צוויי וועסלעס האָט זיך צוערשט אויסגעוויזן גע־נוג, נאָר ווען מע האָט זיך אָפּגעשטויסן פונעם ברעג און עס האָט זיי ארויסגעטראָגן אפן מיט טײַך, ארײַנגעשלעפּט אין א האסטיקן ווילדן וואַ־סער־שטראָם, האָבן זיי פארשטאנען, אז דער טערעק איז ניט קיין גע־וויינלעכער טײַך — עס האָט זיי אָפּגעטראָגן העט־ווײַט נידעריקער פונעם אָרט, וווהין זיי האָבן געוואָלט צושטיין אפן קעגנאיבערדיקן ברעג.

ארויסגעקראָכן זײַנען זיי פונקט אנטקעגן דעם גיגאנטישן ווײַנגאָרטן אף רעכטס פון דער סטאניצע. זיי האָבן געשפּאַנט צווישן די געדיכטע קוסטעס, באהאנגענע מיט טונקעלע יאגעדעס, נאָר די ווײַנטרויבן זײַנען נאָך געווען רויע, ביז צום רײַף ווערן האָט נאָך געדארפט געדויערן ניט ווייניקער פון א כוידעש. דאָס האָט דאָוויד גלײַך פעסטגעשטעלט: פאַר־זוכט אן אָפּגעצופּטע יאגעדע — זויער, ווי עסיק. מיט אָט דעם זויערדיקן טאם אף די ליפּן איז דאָוויד ארײַן אין סטאניצע.

ס׳איז דורכגעגאנגען מער ווי א האלבע וואָך, ביז איבער דער באנאַכ־טיקער גאליוגאיעווסקאיא האָבן אופגעפלאמט פײַנטלעכע באלויכט־ראקע־טעס.

9

אף דער שוועל פון דער קיך, וועלכע דאָוויד רופט „מײַן קאבינעט‟, וואקסט אויס פלוצעם דוסיע, טוט א פיר דעם בליק איבערן מאנס באַגײַ־סטערט פּאָנעם, דערנאָך איבערן מאנוסקריפּט, וועלכער ליגט אפן טיש, און פארקרימט די ליפּן:

— שפּילסט זיך אלץ?

אף אזא קלאפּ האָט דאָוויד ניט געוואַרט. נאָר דאָ דערמאָנט ער זיך, ווי אילײשע האָט הײַנט זיך געאמפּערט מיט דער מאמען און זי איבערצײַגט, אז ניט זי, נאָר ער איז גערעכט. גוט, קינד מײַנס! פײַן, טײַערער באַ־כערעך! אילײשעס ניגן צעקלינגט זיך ווידער אין זײַן זיקאָרן. דער זון איז איבערצײַגט, אז דאָס, וואָס ער טוט, איז פונקט דאָס, וואָס ער דארף טאָן. צי דען איז עס ניט זײַן, דאָווידס, טעווע בא אים?

זײַן וואך ביז האלבנאכט האָט אילײשע געהאט א טעווע נאָך פון די וויקעלעך. אנשלאָפן ווערן פריִער פון צוועלף אזייגער באנאכט האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט. אָבער דאָ פלעגן קומען צוהילף די לידער, וואָס דאָוויד האָט געזונגען זײַן זון. אָט אזוי, ווי איצטער, דערמאָנט ער זיך, עפנט זיך די טיר אין קיך און עס באווײַזט זיך דוסיע, א פארלוירענע,

א פארשעמטע, א דערשלאָגענע, מיט אילײשען אף די הענט. זי טוט א קאָסע מיטן אויג אפן מאן, װעלכער זיצט, װי געװײנלעך, אין אָט דער צײַט, האלבנאכט, באם קיך־טיש און שרײַבט:

— װידעראַמאָל דאָס זעלבע...

דאָװיד פארשטײט, װעגן װאָס עס גײט א רײד, נאָר ער פרעגט:

— װאָס דאָס זעלבע?

— פארשטײסט, איך האָב זיך ניט אײַנגעהאלטן און אים א פּאטש געטאָן.

דוסיע נײגט אָן דעם קאָפּ איבערן זונדל, װישט די טרערן פון זײַן פּע־נעמל, זיפּצט:

— װען דו װײנסט, זונעניו, װערסטו אין מײַנע הענט שװערער.

דאָװיד הײבט זיך אוף פונעם טאבורעטל און לאָזט זיך צו דער פרוי.

— אלע קינדער שלאָפן שױן, פײגעלע, ס׳איז שױן צײַט אויך דיר, — װענדט ער זיך צום קינד.

— װעסט אים אײַנרײדן, װאָדען, — זאָגט דוסיע און הײבט אוף די אויגן אף דאָװידן. — איך שמײַס אים, און ער זוכט מיטלײַד און ראכמאָ־נעס בא מיר טאקע.

— גיב נאָר מיר אהער דעם באָכערעץ.

דעמלט, אין יענער נאכט, און אין א סאך אנדערע אזעלכע נעכט, װעל־כע זײַנען איצט אופגעשװוּמען אין דאָװידס זיקאָרן, האָט אילײשע ארומ־גענומען זײַן פלאסטמאסעװע אװטאָמאָבילכל און מיט אלע קױכעס זיך געסטארעט, זײַנע אויגן זאָלן זיך, כאָלילע, ניט פארמאכן. אפן טאטן האָט ער געקוקט שלעפעריק, אָבער די אויגן געהאלטן אָפן. די האלב־פינצטער־ניש פונעם שלאָף־צימער פלעגט צומאָל דורכשנײַדן די שײַן פון אװטאָ־בוסן. אילײשע פלעגט נאָכשפּירן נאָך דעם אָפּשײַן, װאָס האָט געפּױזעט אף דער װאנט, אף דער פענצטער־ראם, און אומקערן דעם בליק אפן טאטן. דער טאטע האָט געזונגען, און אילײשע פלעגט זיך אופמערקזאם צוהערן צו אָט דעם געזאנג. אים זײַנען געפעלן געװען דעם טאטנס ניגו־נים. און ער האָט זיך געסטארעט צו פארשטײן, װעגן װאָס דער טאטע האָט געזונגען. א סאך שפּעטער װעט צו אילײשען דערגײן, אז זײַן טאַ־טע האָט געזונגען װעגן א פינצטערער נאכט, װעלכע האָט אײנמאָל צע־שײדט אף גאָר־גאָר לאנג טאקע אים, זײַן טאטן מיט זײַן מאמען; װעגן עפּעס אײנער א קאכאָװקע און א פּאנצערצוג, װעלכער שטײט און װארט אף א רעזערװ־קאָלײע; װעגן א פײַערל אין אױװנדל, װאָס האָט דערװאַ־רעמט ניט אזױ דאָס ערדשטיבל, װי די הערצער פון די סאָלדאטן; װעגן סאָלאָװײען, װעלכע לאָזן ניט שלאָפן די פראָנטאָװיקעס...

ווען אַליין דאָוויד איז געווען אַ קליינינקער, פֿלעגט אים זײַן מאַמע אויך קיין לידער ניט זשאַלעווען. דאָס זײַנען געווען פֿריילעכע און טרויעריקע ניגונים, און דאָוויד האָט געזונגען אילױשען אויך דער מאַמעס לידער — וועגן פּריפּעטשעק, אַף וועלכן עס ברענט אַ פֿײַערל; וועגן דעם מיילעך, וואָס האָט געהאַט אַ מאַלקע, און די מאַלקע האָט געהאַט אַ ווײַנגאָרטן... עליק פֿאַרמאַכט שוין די אויגן, נאָר דאָוויד רײַסט ניט איבער די ליד, מוירע האָבנדיק, די שטילקײַט זאָל ניט איבעררשרעקן דעם זון זײַנעם און יענער זאָל ווידעראַמאָל ניט עפֿענען די אויגן.

דער מאַלקעס ווײַנגאָרטן דערמאָנט דאָווידן וועגן די זויערע ווײַנטרויבן לעבן דער סטאַניצע גאַליוגאַיעווסקאַיאַ. איצט, קוקנדיק אַף דוסיעס פֿאַרקרימטע ליפּן, פֿילט ער אַף זײַנע ליפּן דעם טערפּקן, זויערן טאַם פֿון יענע ווײַנטרויבן.

נאָר ס'לאָזט זיך אויס, אַז אַצינד איז דוסיע אַרײַן אין קיך ניט צוליב דעם, קעדיי מוסערן דאָווידן. זי האָט געבראַכט געדיכט פֿאַרשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר מיט פֿיל פֿאַרשטראָכענע, אויסגעמעקטע שורעס. דאָוויד ווייסט, אַז נאָך אַ געלונגענער אַרבעט באַם שרײַבטיש איז דוסיע שטענדיק אַ צוגעלאָזטע. נו, אָט...

— אַלץ איז גוט אין דער פּראָפֿעסיע פֿון אַ לעקטאָר, — שעפּטשעט דוסיע, צוהערנדיק זיך צו דער טיר, הינטער וועלכער עס איז פֿונדעסטוועגן אײַנגעשלאָפֿן אילױשע. — איינס איז אָבער ניט גוט: גלײַך נאָך די לעקציעס הייבט זיך ווידער אָן די אַרבעט — אין ביבליאָטעק, אין דער היים, אומעטום, אָן אַ סאָף און אָן אן עק. און אינטערעסאַנט איז אָט וואָס: אויב דער מענטש איז אַ דערפֿאַרענער, איז אים שווערער — מערער פֿאָדערונגען צו זיך אַליין.

דוסיעס רייד באַגײַסטערן דאָווידן, אָבער עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אָט די רויִקײַט זאָל זיך אין אַ באַליבּיקער ווײַלע אויפֿרײַסן.

— מיט וואָס ביסטו פֿאַרנומען? — פֿרעגט דאָוויד.

— אַלץ מיט דעם זעלבן, דו ווייסט דען ניט?

דאָוויד קוקט אַף דוסיעס בייגעלעך פּאַפּיר. ער טראַכט, אַז זיי זײַנען גליקלעכער פֿון אים — דוסיע איז אין זיי פֿאַרליבט. זײַן האַנט ציט זיך צו איר, אַ גלעט טאָן דעם גראָוון שרונט אין דער מיט פֿון איר פֿריזור. אָבער ער האַלט זיך אָפּ און זאָגט שטיל:

— און אַז איך וועל דיר אַ ביסל שטערן אַרבעטן?

דוסיע צוקט מיט די אַקסלען, גענעצט זיס:

— בלויז ביז פֿערציק בליט אַ פֿרוי.

— ווערט איר, אָבער, פופציק יאָר — קומט דער צווייטער פרילינג. און עכטע פרוי איז, ווי ווײַן, וואָס עלטער, אלץ זיסער, — דערווידערט דאָוויד, פרווונדיק ארומנעמען דוסיעס קאָפּ. — איך קאָן נאָך אלץ צו דיר זיך ניט צוגעווינען. אלע מאָל ביסטו א נײַע, אלע מאָל — צום ערשטן מאָל.

פון יענער זײַט פענצטער פלאַמט אוף א בליץ, מיט א רעגע שפּעטער — א צווייטער. ערשט נאָך דעם רופט זיך אָפּ פּארטויבט א דונער.

— דער געוויטער קערט זיך אום, — זאָגט דאָוויד. — ער קאָן נאָך אונדזער מיזיניק אופוועקן.

— א מאָדנער געוויטער — א הארבסטיקער, — זאָגט דוסיע טרוימעריש.

נאָך עטלעכע בליצן אָן דונערן, איינער נאָכן צווייטן, רײַבן זיך אָן, ווי שוועבעלעך, אין דעם רויען הימל. זיי ווינקען עפשער פונדערווײַטנס דעם דונער, וואָס איז אנטלאָפן ווײַט פון זיי, אזש אף יענער זײַט אָקא. אָבער דער דונער וויל זיך מער ניט אומקערן.

דער ווינט טוט א ריס דאָס פענצטער, צעעפנט עס. אין צימער כאפּט זיך ארײַן א קאלטע פײַכטקײַט.

דוסיע טוט א קנייטש מיט די אקסלען.

— דערוואַרעמען דיך? — ציט זיך דאָוויד צו דער פרוי.

ניין, דוסיע וויל ניט. זי טוט פלוצעם א זאָג:

— איז ווי זשע האלט עס בא דיר מיט די קאנדידאטן־עקזאמענעס?

נו, אָט, זי האָט שוין ווידער אָנגערירט די ווייטעקלעכע סטרונע.

דוסיע קוקט אף אירע בייגעלעך פאפיר, נאָר באווײַזן זיי דאָווידן ווילט זיך איר שוין ניט.

— שלאָפן, שלאָפן! — זאָגט זי אנטשיידן.

דאָווידן וועקט אוף דער געדאנק, אז זייער פיל מוז ער הײַנט אופטאָן. נאָר אופשטיין ווילט זיך לאכלוטן ניט. קיין רו איז ווי ניט געווען. ער טוט זיך שארף א הייב. לאָזט אראָפּ די פיס, טאפּט אָן מיט זיי די פאנטאָפל, און שטיל, עס זאָלן זיך ניט צעסקריפּען די דיל־ברעטער, גייט ער אף די שפּיץ פינגער צום קראַן. דער קאלטער וואסער־שטראָם דערמונטערט אים. ער ווישט זיך ארום מיט א לײַוונטענעם האנטעך, נעמט די האנטעלן, טוט עטלעכע מאָל א פאָכע מיט זיי — דאָס דארף באטײַטן, אז ער האָט געמאכט פיזקולטור־איבונגען, און קערט זיך אום, ווידער גנייוויש, צוריק צו זיך.

דוסיע ליגט אַף דער פּלייצע און כאָרכלט געשמאַק, אָבער אויך ווי עפּעס בייזלעך, און דאָס פאַרווײַלט אַף א רעגע דאָווידן. דער זון אָטעמט רעגלמעסיק, זײַנע הענט ליגן אַף דער זויבערער ציך, און אפילע אין דער האלב־טונקלקײַט זעט דאָוויד, ווי זיי הייבן זיך אוף און לאָזן זיך אראָפּ אין איינקלאַנג מיטן אָטעם. דעם זונס הענטלעך דערמאָנען דאָווידן, ווי עליק, נאָך גאָר אַן אייפּל, פלעגט ליב האָבן אומבאַדינגט אליין, זעלב־שטענדיק ארופּציִען אַף זיך זײַנע ווייכינקע אָראַנזשעווע פּויזע־הייזלעך, נאָר געטאָן האָט ער עס קאַפּויר: געשלעפּט זיי אפן קאָפּ, ניט אַף די פּיס. דוסיע פלעגט אים זאָגן:

— ניט אהין, קעצעלע!

אָבער איליושע איז, גוואַלדעוועדיק, באַשטאַנען אַף זײַנס.

עס פליט די צײַט! אפן בענקל לעם עליעס בעטל הענגען איצט לאַנגע דזשינסן מיט אַזויפיל קעשענעס, אַז מע וואָלט אין זיי, מיסטאַם, געקאָנט ארײַנשטופּן אלץ, וואָס עליע פאַרמאָגט, און צוגעבן נאָך עפּעס פונעם טאַטנס קנאַפּן גוטס. „אינגיכן וועלן שוין מײַנע הויזן זײַן אים קליין”, — טוט א טראַכט דאָוויד.

עליע שמייכלט אין שלאָף. דער פאָטער טוט צארט א גלעט דעם זונס קאָפּ און גייט אין קיך.

די פאַרטאָגיקע בלויקײַט אײַלט זיך ניט צעזייען די פינצטערניש, דאָ־וויד שליסט אײַן די שײַן און טוט א קלער, וואָס ווער ער הײַנט קאָכן.

אין דער מישפּאָכע פלאַנירט זיך ניט די מעניו פאָרויס, און זי איז בא זיי א גאַנץ באַגרענעצטע. איליושע איז אָפט מעקאַנע אלע הויף־כעוורע, זײַנע כאַווײרים, וועלכע עסן קנישעס און פּאַמפּושקעס און קאָ־לערליי אנדערע געבעקסן און נאַשערײַען. דאָוויד פאַרשטייט, אַז דער זון איז גערעכט, ארויסזאָגנדיק זײַנע טײַנעס צו דער מאַמען און צום טאַטן. אָבער אויך דוסיען פאַרשטייט ער: מיט א טאַלאַנט דאַרף מען געבוירן ווערן. קולינאַריע איז אויך א טאַלאַנט, און ניט יעדער פאַרמאָגט אים. אפילע א געוויינלעכע מאַנע־קאַשע, דאָס איינציקע מײַכל, וואָס עליע עסט מיט פאַרגעניגן, אפילע אָט די מאַנע־קאַשע איז אָפּצוקאָכן ניט קיין איינפאַכע זאַך. זי זאָל ניט זײַן צו הארט, אָדער צו לייז, עס זאָלן אין איר קיין קלומפּן ניט זײַן, און קיין הײַטל זאָל זי ניט פאַרדעקן, זי זאָל ניט זײַן ניט איבעריק זיס, און מילך פאַר איר דאַרף מען קאָנען אָפּבריִען, פאַרהײַעסטו זיך — איז אָדער זי אנטלויפט, אָדער זי ברענט אונטער...

די סאַמע נייטיקסטע קענטענישן האָט דאָוויד פונדעסטוועגן באַהערשט. אז מע וויל, לערנט מען זיך אויס אפילע שטיין מיטן קאָפּ אראָפּ, ווי די

יאָגן — איבערהויפּט נאָך, אַז דער בויך איז אַ גאַזלען, ער פאָדערט אַלע טאָג זײַן גאָב.

קיין באַזונדער היספּײַלעס רופט ניט אַרויס בײַ דאָווידן אָט די קיך, נאָר עמעצער דאַרף זיך דאָך אויך מיט איר פאַרנעמען, עליע איז נאָך קליין, דוסיע איז איבערגעלאָדן מיט אירע פליכטן. און ווער האָט עס, סאָפקאָלסאָף, באַשטימט, אַז די קיך — דאָס איז אַ פרויִישע פּריווילעגיע? ס'איז דאָך זייער אַ קאָמפּליצירטער, אַ שווערער אייסעק, און אויב אַ שווערער — הייסט עס, אַז דאָס דאַרף זײַן אַ מאַנצבלשער איניען.

אַף אָנבײַסן גרייט דאָוויד אַ סאַלאַט פון קאָלערליי גרינוואַרג, אַ פרעזשעניצע, עליען באַזונדער אַ האַלב־ליטער אײַ און קאַווע. קאַווע איז אויך ניט קיין געווײנלעכע — פאַרפאַראַווערט מיט פוטער. אַף וואַרמעס — אַ יויך און אַ ראָסלפלייש. און אַף דעסערט — אַן עפּל, גוטע ראַנעטן וועלן היינט זײַן אַפן טיש. די וועטשערע — אַ מילכיקע.

אַזוי באַשטימט דאָוויד — און פאַרקאַטשעט די אַרבל. די פענדלעך נאָכאַמאָל אַ וואַש געטאָן מיט אָקרעפּ, אָנגעגאָסן, וויפל עס איז נייטיק, וואַסער און — אָט ברענען שוין אַלע קאָנפאָרקעס פון דער גאַז־פּליטע.

פלינק שיילט אָפּ דאָוויד אַ ציבעלע, לייגט אַוועק אַ צווײַגעלע קריפּ, עטלעכע לאָרבער־בלעטלעך, אַ וואָרצל פּעטרעשקע, אַ ציינדל קנאָבל — אַלץ, ווי עס דאַרף צו זײַן. די קאַרטאָפל — דריבנע אָנגעשניטן פאַרן סאַלאַט, די מערן אָנגעשאָבן, די בורעקעס אַף קלייניטשקע כאַלאָקים צעהאַקט. אַ דריטכיילעך פון אַ היפּטל קרויט צעשינקעוועט. און אָט דאָס אַלץ — אין טאָפּ. זאָלץ ניט פאַרגעסן, און פעפער אַפן שפּיץ מעסער. דוכט זיך, גאָרנישט ניט דורכגעלאָזט.

איצט דאַרף מען צוטרעטן צו דער סאַמע אומאָנגענעמער פּראָצעדור — שיילן ציבעלעס פאַר דעם ראָסלפלייש. די קאָמפּליצירטקייט פון אָט דער אָפּעראַציע באַשטייט אין דעם, וואָס די אָנגעשניטענע ציבעלע האָט אַ בייזע טעווע בײַסן די אויגן, אַרויסקוועטשן פון זיי טרערן — לאָזן צוויי ריטשקעלעך איבער די באַקן: דאָוויד פּרוווט זיך פאָרשטעלן, ווי זעט ער אויס פונדערזײַט. עס דאַרף זײַן גאָר ניט קיין וואַזשנע פּאָנעם — אַ פאַרוויינטס, אַ פאַרדאָרבנס, אין קנייטשן, אַ פּאָנעם פון אַן עלטערן מענטשן — ניט שוין איז דאָס ער? ניט ווילנדיק טוט ער זיך אַ קער צום פענצטער, וווּ עס ליגט די פּאַפּקע מיט זײַן מאַנוסקריפּט, און ציטערט אויף: עס דוכט זיך אים, אַז די פּאַפּקע באַוועגט זיך. דאָוויד פאַרקוועטשט פעסט אין דער דלאָניע דאָס הענטל פונעם מעסער. היינט באַנאַכט האָט ער זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ מאָדנער דערשײַנונג: זײַנע פּערסאָנאַזשן האָבן אופגעהערט זײַן אים געהאָרכזאַם. דאָוויד האָט פּלאַנירט אין זײַן דימיען איינס,

זיי אָבער האָבן אקשאָנעסדיק זיך קעגנגעשטעלט, ניט געוואָלט טאָן דאָס, וואָס ער האָט פארקלערט. איצט דערהערט זיך עפּעס א שורשערײַ, פארשיידענע אומפארשטענדלעכע קלאנגען דערטראָגן זיך צו דאָווידן, עפּשער אפילע א פוס־טופערײַ. צי דען איז עמעצער פון זײַנע פערסאָנאזשן פון אים אנטלאָפן? דאָוויד טוט צוערשט א טאָפּ דעם קאָפּ: צי איז ער עפּשער אראָפּ פון זינען? און דאָ שטויסט ער זיך אָן: דוסיע איז אופגעשטאנען, מאכט פיזקולטור. דאָוויד קערט זיך אום צו זײַן ראָסלפלייש.

ווען אלץ איז שוין אָפּגעטאָן, דערמאָנט זיך דאָוויד, אז עליע האָט באשטעלט בא אים אף הײַנט א קיסעל. מוז מען אפגיך דערלאנגען די באנקע פאסטעריזירטע זשוראווינעס, איבערגעמישטע מיט זאמדצוקער, און קראָכמאל. ער לאָזט זיך אראָפּ אף די קני לעם די צעעפנטע אונטערשטע טירלעך פונעם קיך־שראנק און הייבט אָן איבערוקן פון איין אָרט אפן צווייטן קאָלערליי פאקעטן, באנקעס, שאכטלעך, קעסטעלעך.

און אין אָט דער רעגע באווײַזט זיך אין דער קיך דוסיע.

— גאָט מײַנער, וויפל דאמף האָסטו דאָ אָנגעלאָזט, אלע טאפליעס זײַנען פארשוויצט, — זאָגט זי אומצופרידן און גייט צום פענצטער. — האָסט ניט געקאָנט צעפראלן ברייטער?

זי טוט זיך א קער צו דער פליטע, מאכט קלענער דאָס פײַער.

— פארוואָס איז דער טאָפּ ניט צוגעדעקט? דער שוים ניט אראָפּגענומען?

אף קיין דערקלערונגען ווארט ניט דוסיע, זי זשמורעט אָן די אויגן אפן מאָן:

— די בלוזע פארפאטשקעט — דורכויס אין פעטע פלעקן!

— אף ציכטיקס זעט זיך אלץ בוילעטער, — פארענטפערט זיך דאָוויד. ער האלט זיך אָפּ ניט ארויסצוזאָגן עפּעס־וואָס אזעלכס, וואָס קאָן אופרײַסן דוסיען. פונדעסטוועגן באמערקט ער:

— אויב ניט איך, וועט דיר אליין אויסקומען ארײַנקריכן אין די טעפלעך.

דוסיע שווײַגט.

10

אין דאָווידס מישפּאָכע איז אלץ ניט ווי בא לײַטן, אפילע אָנבײַסן עסט יעדערער באזונדער. דער ערשטער זעצט זיך צום טיש אילױשע, און דעמלט דארף קיינער זיך ניט דרייען אין קיך: עליק האָט ליב צו עסן אליין. אָבער וואשן נאָך זיך דאָס געפעס איז ער ניט קיין באלן. און

דאָוויד מוז צומאָל דערמאָנען וועגן דעם, אַז עס וועט אים, עליען, ניט שאטן, אויב ער וועט אײַנעצן די הענט אין ווארעמער וואסער.

נאָך עליען פארנעמט דעם קיך־טיש דוסיע. זי פארלאנגט אויך, אַז קײנער זאָל איר ניט שטערן, ווײַל פונקט דאַן, ווען זי עסט, קלערט זי דורך איר לעקציע. דאָוויד דערווידערט ניט, האגאם ער איז מיט איר ניט מאסקים: אַז אַ מענטש עסט, דארף ער עסן און מער וועגן גאָרנישט ניט קלערן.

דאָווידן קלעקט שוין ניט קײן צײַט אויסצונוצן זײַן שרײַבטיש ווי אַן עסטיש: ער שטופט אָן דעם מאָגן שטייענדיק אָדער ארומגייענדיק. קענטיק, אַז דאָס שאט אים אין געזונט, אָבער אזוי באקומט זיך עס מערסטנטייל. כוץ דעם, קאָן ער ניט לײַדן, ווען אין קיך קלײַבט זיך אָן ניטגעוואשן געפעס. שטייענדיק לעבן דער געפעס־ראַקאָווינע איז גוט צו קלערן. איצט טראכט ער וועגן דעם, אַז די פאשיסטן האָבן פאָרט אין יענעם זומער פון צוויי־און־פערציקסטן דעם טערעק אַף זײַן פראָנט־באַצירק ניט געקאָנט פאָרסירן.

די היטלעריסטן זײַנען ניט דורכגעגאנגען אויך אַף די איבעריקע באַצירקן פונעם צאָפן־קאווקאזער פראָנט, וועלכער האָט זיך געצויגן אַף הונדערטער קילאָמעטער — פון די בערג ביזן קאספישן יאם. העכער אַ וואָך האָבן זיך די דײַטשן געטאָפּטשעט בײַ אונדזערע פרישע טראנשייען און דזאָטן. דאָס האָט זיי אַי דערשטוינט, אַי אנטוישט: זיי האָבן געהאלטן, אַז אונדזער ארמיי איז דעמאָראַליזירט און קימאַט אינגאנצן צעקלאפט. עס האָבן זיי ניט געהאָלפן זייערע נײַ־צוגעקומענע רעזערוון. אָבער די פײַנטלעכע קאָמאנדשאפט איז געווען אזוי זיכער אינעם דערפאָלג, אַז זי האָט זיך ניט געוואָלט פארקלערן איבער די סיבעס פון אָט דער דערשײַנונג. זי האָט פאָשעט, ווי ביז אהער, אזוי ווי שטענדיק אין ענלעכע פאלן, אַ דריי געטאָן אין איר מיליטער־מאשין אַ רעדל, וואָס איז נאָך דערווײַל ניט אויסגענוצט געוואָרן, און געווארט, אַז די גאנצע מאשינעריע זאָל ווידעראמאָל, ווי עס איז פאָרגעקומען ביז איצט, אָפּטאָן וואָס מע דאַרף.

צוערשט טאקע האָט דעם פײַנט זיך אײַנגעגעבן דערגרייכן זײַנס — מיט אַן אומגעריכטן שטארקן קלאפּ האָט ער אין סאָף אווגוסט זיך האסטיק אַ רוק געטאָן צו דער שטאָט נאלטשיק. נאָך עטלעכע אזעלכע שפרונגען — און ער וואָלט זיך דערקליבן צו דעם גרויסן וועג דורך די בערג־פּערעוואלן. אָבער די נאלטשיקער אָפּעראַציע איז געווען פאר די פאשיסטן איינע פון די לעצטע געלונגענע אָפּעראַציעס.

ווען דאָוויד האָט שפּעט אין אָוונט באקומען דעם באפעל צו פארלאָזן זײַנע באקוועמע פאָזיציעס און זיך דרינגענד איבערקלײַבן מיט זײַן גאנצן

פאַרמעגן צו די עלכאָטאָווער טויערן, איז ער געוואָרן אַ ביסל צעמישט.
און ניט נאָר דערפאַר, ווײַל עס האָט זיך ניט געוואָלט אופהייבן פון די
גוטע אויסגעשטאַטע אָקאָפּעס, פאַרייניקונגס־גענג, פײַער־פּאָזיציעס. דאָ־
ווידער האָט ניט געקאָנט באַנעמען, וויאַזוי לאָזט מען עס איבער אָן אַן אַר־
טילערישער שוץ אַזאַ מין גרויסן שטעטל, ווי דער ברעג אַנטקעגן דער
סטאַניצע גאַליוגאַיעווסקאַיאַ, וווּ עס זײַנען, אַלנפאַלס לויט די באַאָבאַכ־
טונגען פון זײַנע אויסשפּירער, געווען אָנגעזאַמלט ניט ווייניק פאַשיסטן.
ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס פאַרנעמט קיינער ניט זײַן אָרט.
אָבער אַ באַפעל איז אַ באַפעל, און מע דאַרף אים אויספילן.

געשלעפּט האָט מען זיך צום אָרט פון דער נײַער דיסלאָקאַציע אַ גאַנ־
צע נאַכט, ווײַל דער וועג איז געווען אַן איבערגעפאַקטער. אָבער צו דער
צײַט, ווען כאָטש איז געווען אָנגעוויזן אינעם באַפעל, איז דאָ־
ווידס באַטאַרייע שוין געווען דאָרט, וווּ זי האָט געדאַרפט זײַן, האַגאַם גוט
פאַרפעסטיקן זיך האָט זיך דער באַטאַרייע ניט אײַנגעגעבן — פון דער הייך
זײַנען אָנגעפלויגן עטלעכע צענדליק פאַשיסטישע באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַ־
נען, אין דעם שמאָלן צווישנבאַרג־שפּאַלט, וועלכן מע האָט גערופן עלכאָ־
טאָווער טאָל, האָבן זיך באַוויזן דעם סוינעס טאַנקען, און עס האָט זיך
אופגעהויבן אַזאַ מין פײַער, וועלכן דאָווידן, כאָטש ער איז שוין אין זײַן
קורץ מיליטערישער לעבן אויסגעשטאַנען ניט איין פאַשיסטישע אַטאַקע, איז
געווען שווער צו באַזיניקן. ווען דאָ, בײַ די עלכאָטאָווער טויערן, וואָלט
געווען בלויז זײַן באַטאַרייע, וואָלט פון איר, פאַרשטייט זיך, קיין זייכער
ניט געבליבן, נאָר אין עלכאָטאָוואָ, ביז דאָווידס מיט זײַניקע האָבן זיך דער־
קליבן אַהין, איז שוין געווען קאָנצענטרירט אַ גרויסער טייל פון דער
צענטער גוואַרדייִשער בריגאַדע — אַוויאַדעסאַנטישער, וואָס איז פאַר־
וואַנדלט געוואָרן אין אַ געוויינלעכער פּעכאָטע — מיט קעגנטאַנקען־האַר־
מאַטן און קעגנטאַנקען־ביקסן. אויף די ווײַטע און נאָענטע צוגאַנגען צו על־
כאָטאָוואָ האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס אין פולן פּראָפיל עטלעכע אַרטילער־
רישע פּאָלקן, וועלכע זײַנען אָנגעקומען פונעם רעזערוו פון דער הויפּט־
קאָמאַנדשאַפט, און צוויי טאַנקען־בריגאַדעס זײַנען געווען גרייט פאַרנעמען
אין דער נייטיקער מינוט אַ קאָנטר־אָנגריף...

דאָווידס ערשטע שלאַכט לעבן עלכאָטאָוואָ איז ניט געווען פון די
גלענצנדיקע. לעכאַטכילע האָבן אים אונטערגעפירט די פאַרבינדלער. דער
קאַבעל איז צום אָרט, וועלכן ער האָט אָנגעוויזן און וווּ עס האָט גע־
דאַרפט זײַן דער פאָדערשטער באַאָבאַכטונג־פונקט פון דער באַטאַרייע,
געווען דורכגעצויגן אַפגיך, אין עטלעכע רעגעס אַרום נאָך דעם, ווי די
באַטאַרייע האָט פאַרנומען איר נײַ אָרט. נאָר עמעצער פון די יונגע פּע־

כאָטע־לייטענאַנטן, וועלכער האָט זיך געפונען דערנעבן, נאָך ניט קיין אויסגעפּרוּווטער, ערשט פון דער מיליטער־שול, האָט, דערזעענדיק אין הימל א כמאַרע פייַנטלעכע באָמבארדיר־עראָפּלאַנען און דירעקט פאַר זיך פאַשיסטישע טאַנקען, ניט אויסגעהאַלטן און אָן א באַפעל אַנגעהויבן אָפּפירן אַף צוריק זייַנע סאָלדאַטן, איבערלאָזנדיק אָן א צודעק דאָווידס טעלעפאָניסטן, און זיי האָבן זיך אויך א וואַקל געטאָן — אָן א פאַראָרדע־נונג געפרוּווט פאַרלאָזן די אויסגעשטאַטע פאָזיציע. דאָוויד האָט זיך אָבער ניט פאַרלוירן און האָט גלייַך אייַנגעאָרדנט די זאַך — די טעלעפאָנען פון דער באַטאַרייע זייַנען געבליבן שטיין דאָרט, ווו עס איז געווען אָנגע־מערקט, און דאָוויד האָט איבערגעגעבן אַף זייַן פייַער־פאָזיציע די גע־העריקע קאָמאַנדעס — זיך אייַנגעשלאָסן אין געראַנגל.

אונדזער מיליטער האָט אָפּגעשלאָגן אי דעם ערשטן אָנגריף פון די פאַשיסטן אַף עלכאָטאָוואָ, אי דעם צווייטן, אי דעם דריטן. א גאַנצן טאָג האָט געדויערט די שלאַכט. די פאַשיסטן זייַנען געקראָכן און געקראָכן, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס עס איז געשען. צום ערשטן מאָל האָט דאָ, אַף דער צאָפּן־קאַווקאַזער ריכטונג, אין דער זומער־קאַמפּאַניע פונעם צוויי־און־פערציקסטן פאַסירט אַזעלכס.

איצט, דערמאָנענדיק זיך וועגן אָט יענעם ערשטן טאָג אַף דעם עלכאָ־טאָווער פאָדערשטן ראַנד, קלערט דאָוויד, אַז ווען ניט די „קאַטיושעס”, וואָלט ווער ווייסט וויאַזוי זיך פאַרענדיקט די שלאַכט. אַלנפאַלס, ערשט נאָך אָט דעם ערשטן טאָג אין עלכאָטאָוואָ האָט דאָווידס באַטאַרייע באַקו־מען א מעגלעכקייַט זיך פאַרפעסטיקן. געשלאָפן איז מען זייער ווייניק. א גאַנצע נאַכט האָבן געאַרבעט אַלע באַדין־טיילן פון דער אַרמיי, אין באַשטאַנד פון וועלכער עס איז איבערגעגעבן געוואָרן לויטן נעכטיקן באַ־פעל דאָווידס בריגאַדע. אומופהערלעך האָט מען געפירט און געפירט צו די פאָדערשטע פאָזיציעס סנאַריאַדן, פּראָוויאַנט, טעכניק, פעלד־קיכן — אַלץ, וואָס עס איז געווען נייטיק.

האַגאַם דאָוויד האָט קימאַט די גאַנצע נאַכט ניט צוגעמאַכט קיין אויג נאָך די פאַרביטערטע שלאַכטן אין עלכאָטאָווער טאָל, איז ער צום שאַ־ריִען שוין געשטאַנען אין שמאָלן שוץ־גראָבן פון זייַן באַאָבאַכטונג־פּונקט — א גאַנץ פייַן ערדשטיבל אונטער א סטעליע פון דרייַ רייען קלע־צער, וועלכע מע האָט אָפּגעזוכט דאָ ניט ווייַט אַף איינעם פון די פּלאַ־טאָען. דאָוויד איז געשטאַנען לעבן דער סטערעאָ־טרויב א פרישער, אַפילע אָן אָפּגעגאָלטער, מיט אַן אויסזען פון א מענטש, וואָס איז זיך גוט אויס־געשלאָפן.

דער נעפּל האָט זיך פאַרזיכטיק אופגעהויבן איבער די אָקאָפּעס, א

גרויער, מיט א בלוילעכער, ווי מאכאָרקע־רויך, צוגאָב־באפארבונג, האָט ער זיך געקניפּט אין קנוילן און איז אָנגעשוואָלן, ווי מע וואָלט אין אים ארײַנגעבראָקט הייוון. דער נעפּל האָט זיך געצויגן אין דער הייך, איבערלאָזנדיק אונטער זיך דעם טערעק, וועלכער איז דאָ געווען א שוימיקער, אָבער ניט אזא טיפער און ווילדער, ווי אנטקעגן דער סטאניצע גאליוגאַיעווסקאיא. דער טערעק האָט פארבאָרגן געוואָרטשעט און געשיפּעט, געשלײַדערט זײַנע כוואליעס אָף די שטיינערדיקע ברעגן. פון אונטן האָט געצויגן מיט קעלט — דער טערעק איז פונדעסטוועגן א קאַלטער טײַך.

דאָוויד האָט געמיינט, אז די פאשיסטן קריכן דערווײַל ניט אָף אונדזערע פּאָזיציעס, מאכמעס דעם, וואָס דער נעפּל שטערט זיי. האגאם, ווער ווייסט? ניט גיך וועט אָנקומען די לויטערקײַט, פונדעסטוועגן זײַן אָף דער וואך מוז מען יעדער רעגע. ער האָט געוואכט. דאָוויד האָט געוווסט, אז אָף יענער זײַט, דאָרטן, ווו עס האָט זיך איצט פארטײַעט דער סוינע, לאָזט מען אויך ניט אראָפּ פון אונדז קיין אויג, כאָטש אויסערלעך האָט זײַן באאָבאכטונג־פּונקט אויסגעזען זייער פרידלעך. מע וואָלט אפילע געקאָנט מיינען, אז דאָס ערדשטיבל איז פארהילט אין דרעמל. אָבער די פאשיסטן האָבן שוין געהאט די נעכטיקע דערפארונג און זיי האָבן געדארפט פארשטיין, אז דער קעגנער דרעמלט ניט.

פון אונטער דער ערד האָבן זיך צו דאָווידן דערטראָגן פארטויבטע צעריסענע פראזעס, שטיקלעך רייד, נאָר צו אים איז ניט דערגאנגען קלאָר, וועגן וואָס עס רעדט זיך. ער איז שוין געווען קימאט אײַנגאנצן אָנגעצילט אָפן פאָרשטייענדיקן געראנגל, וואָס מע קאָן אים דערווארטן, אויב ניט באלד, איז אין א שאָ, אין צוויי שאָ ארום...

עפּשער דערפאר, ווײַל אים איז שווער געווען זיך צוגעוווינען צום געדאנק, אז פיל פון זײַנע כאווײרים האָט ער פארלאָרן אָדער אָפּגעשיקט אלס פארוווּנדעטע אין סאניטארן־באטאליאָן, האָט דאָוויד קימאט זיך ניט צוגעהערט, וועגן וואָס עס רײדן זײַנע כעוורע אין ערדשטיבל, כאָטש צו אים איז פונדעסטוועגן דערגאנגען, אז דאָרטן טרוימט מען וועגן דעם אָנבײַסן, וואָס מע וועט באלד ברענגען אהער, אָפן באאָבאכטונג־פּונקט. דאָוויד אָבער האָט ניט געקאָנט קלערן וועגן אזא מין פּאָשעטער זאך, באזונדערס איצטער. ער האָט זיך געגעסן דאָס הארץ, וואָס איבער זײַן אויסערגעוויינלעכער באנאכטיקער פארנומענקײַט איז ער ניט בײַגעווען, ווען מע האָט געבראכט צו קוורע די געפאלענע. צווישן די געהארגעטע איז געווען איינער פון די צוויי ברידער אָסטאפּענקאָ — באוווסטע אין דער בריגאדע און אפילע אין דער גאנצער קאווקאזער ארמיי, אָט די סאָלדאטן האָבן מיט זייערע קעגנטאנקען־ביקסן פארניכטעט אָנדערהאלבן צענדליק

פאשיסטישע טאנקען. די ברידער זײַנען געווען א צווילינג, און אזוי ענלעך איינער אפן צווייטן, אז מיסטאם די אייגענע מוטער האָט זיי ניט געקאָנט אונטערשיידן. איינעם האָט מען גערופן דמיטרי, דעם צווייטן — איוואן. דמיטרי איז דערהארגעט געוואָרן. נאָר אין גאנג פונעם שלאכט האָט דאָוויד ניט גלײַך זיך דערוווסט, ווער פון די ברידער איז אומגעקומען, און, דערזעענדיק פונדערווײַטנס אָסטאפּענקאָן, האָט ער אויסגעשריגן: „אדאנק גאָט, וואָס דו לעבסט, דמיטרי! אבי מע האָט מיר געזאָגט, אז דו ביסט שוין ניטאָ”. „איך בין איוואן, — האָט זיך הייזעריק אָפּגערופן דער בראָנעבאָישטשיק, — מע האָט אײַך ריכטיק אינפאָרמירט”... אָט דעם פעלער זײַנעם קאָן זיך דאָוויד ניט מויכל זײַן. געהערט אזעלכס — איבערפלאָנטערן!

אין ערדשטיבל איז דערווײַל געגאַן א רייד וועגן א סטארשינא, וואָס איז געווען א יאט א כוואט. די מײַסעס וועגן אָט דעם סטארשינא האָבן שוין געהאט א באָרד, נאָר דער, וואָס האָט זיי איצט איבערדערציילט, האָט געהאט אין זינען די צוויי נײַינקע יונגיטשקע טעלעפאָניסטן — זאָלן זיי אויך וויסן וועגן די שפיצלעך פונעם בראוון סטארשינא, וועלכער האָט פאראיאָרן ערעוו נײַיאָר אָנגעהאָדעוועט די גאנצע באטארייע מיט קאָטלעטן פון הינער־פלייש. דאָוויד האָט שוין געהערט ניט איין מאָל די געשיכטע. א מײַסע וועגן יענעם בראוון סטארשינא, וועלכער האָט לעקאָוועד דעם, וואָס די סאָוועטישע ארמיי האָט ארויסגעשלײַדערט די פאשיסטן פון דער שטאָט ראָסטאָוו און דערטריבן זיי אזש ביז צו טאגאנראָג, צוגעזאָגט אָנהאָדעווען די גאנצע באטארייע מיט הינער־קאָטלעטן. מע האָט עס געהאלטן פאר א פּוסטער בארימערײַ. ארום־און־ארום, אין די כוטאָרן און אין די כאָרעוו געוואָרענע גרעסערע יישווים, זײַנען שוין צו יענער צײַט ניט נאָר קיין הינער־פערמעס, נאָר ביכלאל קיין הינער ניט געווען. ווי:אזוי וועט דער סטארשינא האלטן וואָרט? נאָר פלוצעם דערוויסט מען זיך: באם סטארשינא אין א שטײַגל קרייעט א הענדל, און כאָטש עס קרייעט דערשראָקן, נעבעכדיק, נאָר עס קרייעט פאָרט — ס'איז א הענדל! פּרווו אָבער מיט איין הענדל אָנהאָדעווען א גאנצע באטארייע! פרעגט מען זיך אָן באם סטארשינא, מיט א געלעכטערל, פארשטייט זיך: „נו, וואָס הערט זיך עפּעס בא אים, באם סטארשינא, מיטן צוגעזאָגטן?” ענטפערט ער, אז מע זאָל זיך בארו:יקן — אלץ וועט זײַן קעשורע. מע דארף נאָר קריגן וואָסער־ניט־איז צוגאָב צום הינערפלייש, וואָלט עס געקלעקט. האָט אים די באטארייע דערלויבט — זאָל זײַן מיט א צוגאָב. פרעגט ער: „און אויב עס וועט זיך באקומען באש אף באש — כיילעק קעכיילעק? נישקאָשע?” קיין ברייַרע האָט מען דאָך ניט. מע דערלויבט אים. ווער עס

מיינט, אז דער סטאַרשינאַ האָט די באַטאַרייע צום יאָמטעוו אָן קאָטלעטן איבערגעלאָזט, האָט אַ טאָעס. צום נײַיאָר האָט די באַטאַרייע קאָטלעטן באַקומען, און דאַפּקע געשמאַקע, געפּעפּערטע, מיט קנאָבל, די פינגער האָט מען געלעקט, ווי באַ דער מאַמען באַם טיש. מע לויבט דעם סטאַרשינאַ אין הימל אַרײַן, און ער שמייכלט. לאָזט זיך אויס, אַז באַש אַף באַש האָט באַ אים געהייסן איינס אַף איינס — אַף איין הענדל איין לאָשעק, צונויפגעמישט דאָס פלייש פונעם האָן און דאָס פלייש פון אַ געקוילעטן לאָשעק — און נאַט אײַך קאָטלעטן, עסט געזונטערהייט...

איז דאָך ווייניק, דער סטאַרשינאַ דאַרף נאָך איין קונץ מאַכן. נײַיאָר איז אַ יאָמטעוו, צי ניין? אַ יאָמטעוו. אָבער ווו נעמט מען אַ ביסל מאַשקע? די נאַרקאָמאָווסקע נאָרמע איז אויסגעשעפּט, אַפן סקלאַד — קיין טראָפּן. גרײַפט מען ווידער אָן אַפן סטאַרשינאַ: ער האָט דערוויזן, אַז ער איז אַ קישעפמאַכער, טאָ זאָל ער באַווײַזן נאָך איין קונץ, זאָל ער געפינען אָדער בראָנפן, אָדער כאָטשבי אָן אייצע. פאַרקלערט זיך דער סטאַרשינאַ, טוט אַ רײַב דעם שטערן און זאָגט: „אָט וואָס, כעוורע, אַזאַ מין קאָמפּאָט. קיין גאָט בין איך ניט, שאַפן ווײַן — דאָס קאָן איך ניט, אָבער מאַכן אײַך שיקער בין איך בעקויעך. ווילט איר? איז אַדעראַבעו". די באַטאַרייע וויל. און דער סטאַרשינאַ גייט אַרויס ערגעץ, אַלע בלײַבן זיצן אַרום דעם הייס־אָנגעגליטן ביז רויט אײַזערן הרובקעלע — געניסן פון איר וואַרעמקײַט. די באַטאַרייע וואַרט. לאַנגלעך וואַרטן די אַרטילעריסטן. אָבער דער סטאַרשינאַ קערט זיך אום אַ צופרידענער. „נו, כעוורוסיע, האַלט זיך אייער פאַרן אַנדערן", — זאָגט ער און נעמט אַרויס פונעם הויזן־טאַש אַ פליאַזשקע. ער טוט אַ טרייסל די פליאַזשקע — די פליסיקײַט, פילט זיך, פליעסקעט זיך בלויז אַפן דעק, נאָר דער סטאַרשינאַ ווערט ניט ניספּאָעל. ער כאַזערט איבער: „האַלט זיך פעסט, כעוורע!" — און טוט אַ גאָס פון דער פליאַזשקע אַ ביסל אַף דער צעגליטער הרובקע. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז ספּירט, ריינער ספּירט. דערנאָך טוט ער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַ שפּריץ אַף דער הרובקע דעם ספּירט פון דער פליאַזשקע ביזן לעצטן טראָפּן. דער ספּירט שיפּעט אַף דעם צעגליטן אײַזן, עס הייבט זיך אויף אַ דאַמף, אַ ספּירט־דאַמף, וואָס דרינגט אַרײַן אין יעדערן, ווי אַפּיום, און מאַכט שיקער. אַלע זײַנען געוואָרן שיקערלעך, אָבער ניט אַף אַזויפיל, מע זאָל ניט קאָנען באַדאַנקען דעם סטאַרשינאַ...

ערגעץ פון יענער זײַט טערעק דערטראָגט זיך אַ הודערײַ פון טאַנקען־מאָטאָרן, עס סקריפּעט אַ זעקסרעריקער פײַנטלעכער מינענוואַרפער —

אין עלכּאַטאָוועך טאָל הייבן אָן הילכן אופּרײַסן. צו דאָווידן דערגייט נאָך פון ערדשטיבל א לעצטע פראזע: „קיין אָנבײַסן, ווײַזט אויס, וועלן מיר שוין הײַנט אזוי גיך ניט פארזוכן — מירן זיך בלויז באלעקן".

11

עטלעכע מינוט פאר דוסיעס לעקציע גייט צו איר צו נאָרשיין.

— איך קלײַב זיך צו אײַך, — וואָרנט זי. — אויב איר דערווידערט ניט.

— ווי קאָן מען זיך אָפּזאָגן פון אזא קאָוועד?

ארײַנגייענדיק אין דער אאודיטאָריע, זוכט דוסיע קוידעמקאָל אָפּ מיט די אויגן אנע ארנאָלדאָוונען. נאָרשיין זיצט באם לעצטן טיש, אירע עלנ־בויגנס אף דער פענצטער־ברעט.

אין פענצטער — א שטיק צעריסענער הימל. צו דעם גלאָז פון דער קלענערער טאפּליע איז צוגעקלעפּט א קליאָנען־בלאט, פון אונטער וועלכן עס פּויזעט און רוקט זיך שטילערהייט אראָפּ א רעגן־טראָפּן, און עס דוכט זיך, אז דער טראָפּן איז צוגעבונדן צום בלאט מיט א דיקן פאָדעם.

אלץ גייט בא יעוודאָקיע פּעטראָוונען נאָרמאל, ווי מע זאָגט דאָ — אפן געהעריקן ניוואָ. נאָרשיין צווייפלט קיין קאפּל ניט אין דעם, נאָר פילן פילט זי זיך ווי א באראבעוועטע. נעכטן, ווען זי האָט געארבעט אין דער זעלבער אאודיטאָריע מיט די זעלבע סטודענטן, איז אלץ געווען אנדערש. נעכטן האָבן די כעוורע אויסגעזען אזוי, ווי זיי וואָלטן געפירט א וואָגן, און א שווערן דערצו נאָך. איצט זײַנען זיי באגײַסטערט, צעהיצט, זיי שטרײַטן. יעוודאָקיע פּעטראָוונע פּארקערעוועט זיי אין דער גײַטיקער ריכטונג, די סטודענטן פילן עס אפילע ניט, מע פירט א הייסע אמפּערניש, א לײַדנשאפטלעכע, מיט א מאָדנער פּערזענלעכער פּאַרינטערעסירטקײַט. אנע ארנאָלדאָוונע וואָלט אויך זיך ארײַנגעמישט — וואָלט אויך ארויסגעזאָגט איר מיינונג, איר איבערצײַגונג פּארטיידיקט, נאָר זי האלט זיך אײַן. פארוואָס? א קאָמפּליצירטע פראגע. א גאנצער קאָמפּלעקס סיבעס. זי וואָלט עפּשער ארײַנגעקראָכן אינעם דיספּוט, ווען זי זאָל ניט וויסן אף געוויס, אז די גאנצע גרופּע וועט זיך אופהייבן קעגן איר — א צעפלאמטע, אן אופגערעגטע. נו, איז וואָס? זאָל זײַן אזוי! זאָלן די סטודענטן איר דערווידערן, זאָלן זיי זיך קעגנשטעלן. עס איז דען וויכטיק, וואָס זי, נאָרשיין, איז איצט דאָ א גאסט, וואָס זי איז עלטער פון זיי, וואָס זי איז זייער לעקטאָר? דאָ, אין אָט דעם שטרײַט, זײַנען אלע גלײַך, אלע האָבן איינע און די זעלבע רעכט. ס'איז דאָך א גליק דערפילן זיך באגלײַך מיט

די סטודענטן יונג. נאָר אַנע אַרנאָלדאָוונע האָט זיך פּונדעסטוועגן אָפּגעהאַלטן. און באַשולדיקט אין דעם ניט זיך. דוסיען באַשולדיקט זי — דאָס איז דוסיע יונג באַגלײַך מיט אירע שילער, האַגאַם עלטער פון זיי איז זי שוין קימאַט אינדרײַען... פאַרוואָס איז דוסיע שולדיק? מאַכמעס דעם, וואָס זי איז דוסיע — און שוין, וואָס זי איז, ווי נאָרשיין קלערט, אַ גליקלעכע פרוי... אַנע אַרנאָלדאָוונען דוכט זיך, אַז עס קלעקט איר ניט קיין לופט צו עטעמען, אַז זי וועט זיך אָט־אָט פאַרכליִנען, דערשטיקן. נאָר דאָס דויערט ניט מער, ווי איין מינוט. „איך בין מעקאַנע. פע, ניט שיין“, — מורמערט זי זיך.

אין אַ באַליביק אָרט — אַף אַ זאַוואָד, אין אַ פאַבריק, אין אַ קאָלווירט — אומעטום גיט זיך אײַן פּילזײַטיק, אָביעקטיוו אָפּשאַצן די אַרבעט פון יעדן מענטשן לויט זײַן קוואַליטעט. אין דער פּעדאַגאָגישער טעטיקײַט ווערט אָט די אַטעסטאַציע באַלעסטיקט מיט פאַרשיידענע באַגלייטנדיקע אומשטענדן. דערווײַל האָט מען נאָך ניט אַנטדעקט יענע געהעריקע קריטעריען, מיט דער הילף פון וועלכע מע וואָלט געקאָנט פּינקטלעך אָפּשאַצן די ווערט פון דער פּעדאַגאָגישער מי. וועגן איינעם און דעם זעלבן פאַקט הערן זיך צומאָל לאַכלוטן קעגנזעצלעכע מיינונגען. עפּשער איז עס נאַטירלעך. ווײַל די אַרבעט פון אַ פּעדאַגאָג איז דאָך אַן אַלזײַטיקע, וועסט זי ניט אַרומנעמען מיט איין אויגנבליק, מע מוז דאָ פאַרנעמען פאַרשיידענע אויסמעסטונגען. און דער מאַטעריאַל, מיט וועלכן עס האָט צו טאָן דער פּעדאַגאָג, איז אַ קאָלערלייִקער. האַגאַם איין געזעץ איז פאַראַן אַן אומשטרײַטבאַרער: באַ גוטע לערער זײַנען די שילער שטענדיק טאַלאַנטפולע... עמעס, מע דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז, אָפּשאַצנדיק די פּעדאַגאָגישע אַרבעט, טײַנעט אַ פּרײַנט איינס, אַ קעגנער, מערסטנטייל באַוווסטזיניק, — גאָר עפּעס אַנדערש, אַ גלײַכגילטיקער — גיט אַרויס זײַן אורטייל. און אַזוי אָן אַ סאָף.

אַ דערשלאָגענע, זיצט אַנע אַרנאָלדאָוונע אַף דוסיעס לעקציע, וואַרט, ביז עס וועט אַ קלונג טאָן דאָס גלעקל אָפּן איבערײַס. און בלויז צום סאָף באַהערשט זי זיך. זי גייט אַרויס פון דער אַודיטאָריע דירעקט נאָך יענוּדאָקיִע פּעטראָוונען און זאָגט מיט אַ פרייִלעכער נאַכלעסיקײַט:

— וואָס הערט זיך מיט אונדזער שעף? ער בעט נאָך ניט אָפּשאַפן זײַן דעמיסיע?

— דוכט זיך, אַז ניין.

— פאַר אײַך וואָלט דאָס אָרט געווען גלײַך ווי אָנגעמאָסטן, — טוט אַ טאַפּ אין וואָגן אַנע אַרנאָלדאָוונע.

— מײַנע פּלענער זײַנען אַנדערע.

נאָך אָט דעם שמועס ווילט זיך דוסיען שטיין א ביסל לעבן מאַן.

און אָט איז ער, לעבן זײַן אאודיטאָריע — מיט א גרויסן הילצערנעם צירקול, מיט א ברייטער, אָפּגעלאַקירטער און ווײַסער פאַרב ווירע. דוסיע גייט צו צו דאָווידן א פּאַרויטלטע, טוט א שעפּטשע:

— נאַרשיין איז געווען בא מיר.

— נו, איז וואָס? — פרעגט מיט אומרו דאָוויד.

— איך ציטער שוין איצטער ניט פאַר די סטודענטן, — ענטפערט דוסיע, — איך גיי שוין דרייסט ארײַן צו זיי אפילע אף די פּראַקטישע לימודים. מיט זיי איז אינטערעסאַנט, נאָר פיל דאַרף מען וויסן, אוי, ווי פיל...

— צוליב וואָס איז זי געקומען? ווי קלערסטו?

דוסיע טוט א קנייטש מיט די אַקסלען.

זײַן לעקציע פירט דאָוויד מיט פאַרגעניגן, ער צייכנט זיכער מיט פילפאַרביקן קרײַד אף א ברייטן — די גאַנצע וואַנט — טאָוול די ליניעס פונעם עפּיור, שטרעבט דערקלערן די פּאָזיציעס פון דער צייכענונג פּראָסט, צוגענגלעך, קלאָר, אזוי קלאָר, אז פּאָשעטער איז אומעגלעך. ער דערלויבט, די סטודענטן זאָלן פאַרגעבן זייערע פראַגעס אין גאַנג פון דער דערקלערונג, ער האָט ניט מוירע, עס זאָל זיך איבערײַסן דער פּאָדעם פון דער לעקציע. און דאָך קלערט ער דערבײַ וועגן דוסיען.

דאָוויד ווייסט ניט, געוויינלעך, אז זי שטייט אצינד באַנאַנד מיט אַנע ארנאָלדאָוונען לעם דער טיר פונעם אָרטקאָם, ווּהין נאַרשיין האָט זי פאַרבעטן. עפּעס שטערט איר אריבערצוטרעטן אָט די שוועל. אָפּגעהאַלטן האָט דוסיען, ווײַזט אויס, דער גלאָקן־קלונג. אין קאָרידאָר רײַסט זיך ארײַן דורכן צעעפנטן פענצטער לעם נאַרשיינס קאַבינעט אן אליאַרעמדיקע הודעניש פון א קלויסטער־גלאָק. שוין לאַנג האָט דוסיע ניט געהערט אזעלכע קלאַנגען פון יענער זײַט שטיינערנעם קירכע־פּלויט. אין דער אַלטער דירע פלעגט נאָך צומאָל דערגיין צו איר געהער אינדערפרי דער קלאַנג פון אָט די גלעקער. זיי פלעגן צעקאָלויצען די שטילקײַט פאָרזיכטיק, ווי מיט ווייכע קעצישע טריט ארײַנקריכן אין דער נעשאָמע. איצט אָבער, ווען זי האָט זיך איבערגעצויגן אין א נײַ הויז אף קוליקאָווער גאַס, לעם דער אײַזנבאַן, ווײַטלעך פונעם קלויסטער, האָט זיך שוין דוסיע אינגאַנצן אנטוויינט פון אָט די קאַלאַמוטנע קלאַנגען.

געווען איז אָט דער גלאָקן־קלאַנג איר פײַנטלעך שטענדיק, פון זינט זי געדענקט זיך, פון דער פריער קינדהײַט, ווען אן ענלעכער גלעקערגעקלאַנג האָט מעכטיק גערופן איר פאָטער אף זײַן דינסט, און ער, אײַלנדיק אין קלויסטער אויסצופילן זײַנע פליכטן פון א גאָטסדינער, פון א גאַלעך, האָט צופעליק, ניט־ווילנדיק ארָאָפּגעשטופּט דוסיען פון די פּאָלאַ־

טיעס — פון איר הויכן געלעגער, און זי, דוסיע, איז אראָפּגעפאלן אפן דיל, און נאָכדעם, מאכמעס דעם, איז זי לאנג געווען קראַנק; און דערנאָך, ווען זי איז שוין אונטערגעוואקסן און האָט געמוזט בייס דעם גלעקער־קלונג גיין אין קלויסטער, און פאסטן, כאָטש עס פלעגט זיך זייער וועלן עסן, און זיך מיסוואדע זײַן — אין די כאטאָים, וועלכע זי איז באגאנגען און איז ניט באגאנגען, אָבער וואָלט געקאָנט באגיין אף דער וואָר און אין די געדאנקען. מיט אָט דעם גלעקער־געקלאנג זײַנען בא דוסיען פארבונדן אלע אירע שפּעטערדיקע יוגנט־שווערִיקײַטן, ניט ווייניק צאָרעס און בר־שע: א קלייניקײַט, א טאָכטער פון א גאלעך!

די סטודענטן האָבן, אפּאָנעם, ניט באמערקט דאָווידס אומגעווײנלעכע אופרעגונג, אלע האָבן געהאָרעוועט ערלעך — אף דאָווידס לעקציעס איז געווען פּאָשעט און אײנפאך צו אנטפּלעקן א ליידיקגייער: די צייכענונגען בא יעדן איינעם האָבן גלײַך איידעס געזאָגט, צי ער ארבעט און קלערט, אָדער ער איז א פויליאק.

נאָך דער ערשטער שאָ פון זײַן לעקציע לאָזט זיך דאָוויד גיין אָפּזוכן דוסיען. און געפינט זי, פּארשטייט זיך, גאָר גיך.

דערזעענדיק דאָווידן אין דער צעעפנטער טיר פון איר פראָפּארייך־קאָבינעט, באמערקט אנע ארנאָלדאָוונע מיט א פריילעכער, איבערגעשפּיצ־טער אָנצוהערעניש:

— אז אונטערזוכונג האָט איר פאָרגענומען, דאוויד איסײַעוויטש? איך מוזט אומבאדינגט וויסן, וווהין ווערט אײַער פרוי פלוצעם געהיימניספול פארפאלן? איך בין גערעכט, צי ניין?

— אנדערש קאָן ניט זײַן, — ענטפערט אָפּ אין איר נוסעך דאָוויד. — דאָ פאָדערן זיך ניט נאָר בײדע אויגן, אפילע גאנצע פיר זײַנען ווייניק...

אף אָט דער רעפּליק רופט זיך נאָרשיין אָן מיט פארשטעלטע רייד:

— וועגן זײַן אווטאָריטעט זאָרגט זיך און ציטערט בלויז דער, וואָס צווייפלט אין אים...

12

דאָוויד פארמאכט די טיר אין נאָרשײנס קאבינעט רוּיק, ניט מיט די הענט — מיט דער פּלײצע טוליעט זיך צו איר צו און ווארט אויס א רע־גע, קעדיי זיך איבערצײַגן, אז זי צעעפנט זיך ניט אף צוריק. דאָוויד איז זיכער, אז דאָרטן, הינטער דער פּלײצע, וועט בא אנע ארנאָלדאָוונען מיט זײַן ווײַב קיין בייזס ניט געשען. ער פילט עס מיט יענעם כוש, וואָס

צומאָל רופּט מען עס פּאַרגעפּיל, נאָר אינדערעמעסן האָט עס ניט קיין אַדעקוואַט וואָרט אין דער שפּראַך.

אַן ענלעכער פּאַרגעפּיל איז בא דאָווידן געווען אויך דעמלט, מיט יאָרן צוריק, בא די עלכאָטאָווער טויערן, אין יענעם געפֿלדיקן אינדערפֿרי, ווען עס האָבן זיך צעהודעט די פֿײַנטלעכע טאַנקען־מאָטאָרן און אינעם טאָל האָבן זיך ווידער צעבושעוועט פֿײַער־זײַלן.

האַגאַם ביז אַט דער רעגע האָט שוין דאָוויד ניט איין מאָל דורכגעקאָנטראָלירט, ווי:אַזוי עס פֿונקציאָנירן זײַנע פֿאַרבינדונגס־מיטלען — די נערוון פֿון דער באַטאַרייע, בעט ער ווידער זײַנע טעלעפֿאָניסטן, זיי זאָלן אַ טאַפּ טאָן די קאַבעל־ליניעס און די ראַדיסטן זאָלן נאָכאַמאָל אויספּרוּוון די ראַציעס פֿונעם דיוויזיאָן און פֿון דער בריגאַדע.

דאָווידס פֿאַרבינדלער, דער אַרטילעריסטישער אויסשפּירער, שטייט לעם אים, קוקט פֿונדערזײַט אַף דער קוואַרער, קליינטשינקער פֿיגור פֿון זײַן קאָמאַנדיר און קלערט, פֿונוואַנען נעמט זיך צו זײַן קאָמבאַט אַזאַ מין קראַפֿט, אַזאַ מעכטיקער ווילן? באַזונדערס געפֿעלן דעם פֿאַרבינדלער דאָווידס הענט, אויך טרוקענע, אַזוי ווי די אַקסלען, אָבער פֿלינקע, געניטע, וועלכע שפּילן, דוכט זיך, אין אַ קלוגער שפּיל מיט דער סטערעאָטרויב. און דער לאָקן, וואָס קריכט אַרויס פֿון אונטער דער פּילאָטקע, דאָווידס עטוואָס נאַסלעכער שוואַרצער לאָקן, וואָס דערמאָנט מיט זײַן פֿאַרב דעם שטאָל פֿון פּיסטויל, דער לאָקן געפֿעלט אויך דעם פֿאַרבינדלער. ער איז ניט פֿאַרליבט אינעם קאָמאַנדיר, אָבער געטרײַ, איבערגעגעבן אים איז ער מיטן גאַנצן וועזן.

דער הימל הייבט זיך פּאַמעלעך אויף העכער, די וואָלקנס ווערן עטוואָס ענלעך אַף באָטשאַן־פֿעדערן, וואָס צעוויקלען זיך, טיילן זיך אָפּ איינער פֿונעם אַנדערן, עס באַווײַזן זיך אַפֿילע קלייניטשקע בלויע קריעס אײַנצווישן אָט די געדיכטע פֿלעדערווישן — הייסט עס, אַז אינגיכן קאָן מען שוין דערוואַרטן אַן אָנפֿלי פֿון די פֿאַשיסטישע באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען. אין די שוץ־גראָבנס פֿון די פֿײַער־פּאָזיציעס, אין די פֿאַרבינדונגס־געננג צו דער פּעכאָטע, וווהין דאָוויד איז פֿונדעסטוועגן באַנאַכט דערגאַנגען, האָבנדיק אין זינען, אַז עס וועט אויסקומען בײַס דער שלאַכט אַרויסרוקן זײַן באַאָבאַכטונג־פּונקט פֿאָרויס — אומעטום איז דאָווידן געווען אָנגענעם דער דופּט פֿון טערפּקן פֿרישן זאַפּט פֿון די אָפּגעהאַקטע ביימער־וואָרצלען.

דוכט זיך, אַז אָט ערשט זײַנען די וואָלקנס געלעגן אומבאַוועגלעך אַפֿן ברוסטווער פֿון זײַן באַאָבאַכטונג־פּונקט, אַז נאָרוואָס איז דאָס פּאָנעם געווען פֿײַכט פֿון זיי — און אָט הענגען זיי שוין מערסטנטייל אַף די ביימער־שפּיצן, שוועבן, פֿאַרטשעפּענדיק מיט די אַראָפּהענגענדיקע צעפֿליקטע

פּאָלעס זייערע צווײַגן, און פֿון די וואָלקנס פֿאַלן שטיקער און טײַען אין דער הייך.

דער פּאָרגעפֿיל, אַז אַלץ וועט זײַן גוט, אַז זיי וועלן געווינען אויך דעם פֿאָרשטייענדיקן געראַנגל, איז געווען ניט פּאָשעט קיין געפֿיל, נאָר אַן איבערצײַגונג, און ניט פּראָסט אַן איבערצײַגונג — דאָוויד האָט שוין מיט זײַן גאַנצער ביז־אַהעריקער דערפֿאַרונג געוווּסט, אַז דעם פֿײַנט קאָן מען ניט בלויז שלאָגן, נאָר אויך אָפּשטעלן. און אויב מע קאָן עס ביכלאַל, וועט מען אים ניט לאָזן קריכן פֿאָרויס, מע וועט אים אומבאַדינגט אָפּ־שטעלן, ווי נעכטן. דערווײַל איז עס טאַקע דאָס סאַמע וויכטיקסטע — אָפּ־שטעלן דעם סוינע. נעכטן האָט זיך עס אײַנגעגעבן. דאָס איז דאָס סאַמע גרעסטע און דאָס סאַמע בעסטע, וואָס מע האָט געקאָנט און געדאַרפֿט טאָן.

רעכטס פֿון אונטן, אַ באַפֿרײַטער פֿונעם נעפּל, ליגט דער טאָל און וואַרט אויף אַ געוויטער. דער טערעק מיט זײַנע קאַלאַמוטנע וואַסערן צע־שנײַדט אים אַפּצווייען. פֿאַזע דעם ברעג פֿונעם טײַך הויקערן זיך גרויסע ווערבעס. אויפֿן רעכטן ברעג, לעבן דיביימער, ציט זיך אַן אײַזנבאַן־ליניע. צווישן די רעלסן דרעמלען פֿעך־שוואַרצע שפּאַלעס, און זיי זעען אויס, ווי אויף דער ערד וואָלט געלעגן אַ לאַנגער לייטער מיט טרעפּלעך, ענ־לעכע אויף אָנגעשוואָלענע דאָמינאָ־ביינדלעך.

אַצינד, ווען דאָווידס פֿאַרבינדלער טוט אויף אים אַ קאָסע מיטן אויג, דוכט זיך אים אויס, אַז דאָוויד איז גאָר ניט אַזאַ יונגיטשקער, ווי ער איז אײַנדערעמעסן: עפּעס אַ צו שווערע, ניט־יוגנטלעכע מידקייט איז פֿאַר־טײַעט אין זײַנע ניט־רוסישע אויגן, און אומדערמידלעך האַרב זײַנען צונויפֿגעפּרעסט דעם קאָמבאַטס עטוואָס אָנגעקנייטשטע ליפּן.

דאָס הודען פֿון די פֿאַשיסטישע טאַנקען און אַעראָפּלאַנען, די האַר־מאַטן־קאַנאָנאַדע, און דערנאָך, אין אַ קליין שטיקל צײַט אַרום, די באָמבע־עקספּלאָזיעס און מינענוואַרפֿערס־געפּײַף, און ביכלאַל דער געוויינלעכער אָנגלי פֿון אַ גרויסער שלאַכט, האָט זיך טאַקע גאָר אײַנגיכן דערטראָגן צו דאָווידן, אָבער געהערט האָט זיך עס אַלץ פֿון לינקס, פֿונעם טע־רעק־טאָל, פֿון יענעם טייל טאָל, וואָס איז געווען דירעקט צוגעקלעפּט צו די שוואַרצע בערג — צום צופֿוסנס פֿונעם גרויסן קאַווקאַזער רוקנביין, צו דער לאַנגער קייט בערג־הויכענישן, וואָס ציִען זיך פֿון באַלטשיק אַזש ביז צו דער שטאָט אָרדזשאָניקידזע און ווײַטער — אַהין, וווּהין עס דערגרייכט אַפֿילע ניט דאָווידס פֿאַנטאַזיע... דער שלאַכט־גערויש וויקלט זיך פֿאַנאַנ־דער גאָר ווײַט פֿון דער ריכטונג, וועגן וועלכער עס האָט געטראַכט דאָ־וויד און ווו מע האָט געוואַרט. צוערשט האָט ער געמיינט, אַז דאָס האָט

זיך דאָרטן, לענגויס די שווארצע בערג, אונדזער מיליטער געלאָזט מיט א שטורעם אף נאלטשיק, וועלכן עס האָבן לעצטנס פארכאפּט די היטלע־ראָווצעס. דאָוויד האָט עטלעכע מאָל געוואָרפן דעם בליק אפן ראדיסט — עפשער וועט ער עפּעס אים איבערגעבן וויכטיקס, אזעלכס, וואָס וועט מיטאמאָל אויסקלאָרן די אומגעבונג. אין דער ראדי־אָסטאנציע האָט אָבער געבושעוועט א ווערטער־געוויטער, וועלכער האָט ניט געהאט קיין שום שייכעס צו דעם, אף וואָס דאָוויד האָט געווארט.

ער האָט נאָך אלץ געווארט און געגלייבט, אז אָט־אָט וועט מען אויך דאָ, בא די עלכאָטאָווער טויערן, אינעם עלכאָטאָווער טאָל, אָנהייבן דעם אָנגריף אף די פאשיסטן. לויט זיין מיינונג האָט אנדערש ניט געקאָנט איצט פּאָרקומען. ער האָט לאנג געווארט. קימאט א גאנצן טאָג האָט ער געווארט אף דעם געגארטן באפעל ארויסצוטרעטן פּאָרויס און צעשמע־טערן דעם פייַנט.

נאָר אָונט־צו איז דאָווידן געוואָרן קלאָר, אז די פאשיסטן האָבן אונדז איבערגעכיטרעוועט — זייער מיליטער, קאָנצענטרירט אף א ביז גאָר שמאָלן באצירק, בלויז עטלעכע קילאָמעטער די ברייט, אפן בייַבארגיקן וועג, וואָס פירט פון נאלטשיק צו אָרדזשאָניקידזע, איז געלונגען דורכ־ברעכן אונדזער פראָנט און זיך לאָזן מיט אלע זייַנע קויכעס צו אָרדזשאָ־ניקידזע, וואָס האָט זיך בא די פאשיסטן גערופן, ווי אמאָל בא אונדז — וולאדיקאווקאז. ס'האָט זיך אָבער איינגעגעבן אָפּשטעלן דעם פייַנט אף די נאָענטסטע צוגאנגען צו דער שטאָט — אינעם אָסעטינישן ייִשעוו גיזעל.

דאָוויד שטייט לעם זייַן סטערעאָ־טרויב אָפּהענטיק און שווייַגט. אים מאטערט דער געפיל, אז דאָס האָט דער פייַנט אים פערזענלעך אָפּגע־נארט און באליידיקט. ערגער פון אלץ איז געווען דאָס, וואָס דאָוויד האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן ווייַטער, ווייַל שטיין און ווארטן, ווען עס גייט א שלאכט לינקס, טאַקע יענע שלאכט, וועלכע האָט זיך געדארפט פאנאנ־דערוויקלען דאָ, איז פאר דאָווידן געווען אומדערטרעגלעך. נאָר ניט דער קאָמאנדיר פונעם דיוויזיאָן, ניט דער קאָמאנדיר פון זייַן ארטילערישער בריגאדע האָבן אים קיין צוגאָבלעכע באפעלן ניט איבערגעגעבן. ס'איז געווען אן אלגעמיינער באפעל, אן איין־און־איינציקער: ניט דורכלאָזן דעם פייַנט. אָט דעם באפעל מוז מען אויספילן — און שוין. אויב עס זייַ־נען ניטאָ קיין אנדערע. ניטאָ — הייסט עס, אז אזוי דארף עס זייַן. נאָר דאָוויד הערט ניט אוף צו ווארטן. פונעם באאָבאכטונג־פּונקט גייט ער ניט אוועק. ער פארשטייט, אז גראדע איצט זייַנען מעגלעך די סאמע געוואג־טע, די סאמע דרייסטע באשלוסן, און מע דארף זייַן גרייט צו אלע אומ־געריכטקייַטן. אף דער באטארייע לאָזט מען ניט ארויס פונעם אויג דעם

פײַנט. אָבער דער טאָג גויסעט שוין. פון אונטן, וווּ די פעלד־קיך, טראסקענדיק אפן שליאך מיט אירע הויכע רעדער, אײַלט זיך צו די פײַערפּאָזיציעס, איז שוין טונקל, כאָטש דאָ, אפן באַאָבאַכטונג־פּונקט, איז נאָך די לופט העלבלעך.

מיטאמאָל דערהערט זיך דעם ראַדיסטס איבערגעשראָקן קאָל:

— כ'האָב געוווּסט... געפילט האָב איך, — קוויטשעט ער אַרויס, רײַסט אַראָפּ פון זיך די נאַושניקעס און לויפט צו צו דאָווידן: — באַקומען... נאַרוואָס... ס'איז באַפוילן געוואָרן אָפּטרעטן... וואָס זשע באַטײַט עס, האָ?

דאָוויד טוט אַ קוק אפן ראַדיסט שטרענג:

— סמירנאָ! איר ווייסט דען ניט, ווי אַזוי מע ראַפּאָרטירט? פאַריכט די פּילאָטקע, זי זיצט באַ אײַך אפן נאַקן. איך הער אויפמערקזאַם אײַער באַריכט.

— דער פּאָלקאָווניק, דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע, באַפעלט אַריבערגיין אפן רעכטן ברעג פון עם טערעק און שאַפן דאָרט אַ פּאַרטיידיקונג־ליניע...

דער ראַדיסט סטאַרעט זיך אַלץ אַרויסצוזאָגן קלאָר און דײַטלעך, אָבער די צונג זײַנע איז ווי פאַרפרוירן געוואָרן אין מויל, און טראַכטן טראַכט דערבײַ דער ראַדיסט וועגן דאָווידן ניט גוט: „אים אַרט ניט, וואָס מיר טרעטן אָפּ, אָט דעם סלוזשביסט, אַבי די פאָרמאַליטעט זאָל זײַן אויסגעפּילט, אין אַזאַ מינוט"...

דאָוויד באַפעלט דעם ראַדיסט אויספילן זײַנע פליכטן ווײַטער און זאָגט דערבײַ:

— דער רימען! דער רימען איז באַ אײַך שוואַך פאַרצויגן.

עס הייבט אָן טריפן אַ רעגנדל — פונוואַנען האָט עס זיך גענומען, אַז קיין כמאַרעס זײַנען, דוכט זיך, אין הימל ניט געהאַנגען? דאָוויד ציט אַרויף אַף זיך די פּלאַשטשפּאַלאַטקע, בלײַבט שטיין אפן בריקל איבערן טערעק, לאָזט דורך פאָרויס זײַן באַטאַרייע.

— מיר טרעטן ווידער אָפּ, קאָמבאַט? — דערהערט דאָוויד.

— בעשום־אויפן ניט! מיר בײַטן די פּאָזיציעס.

— צו אָפט עפּעס בײַטן מיר זיי.

— אַזוי דאַרף מען.

— די נײַע פּאָזיציעס וועלן דען זײַן בעסערע?

— אומבאַדינגט!

און ווידעראַמאָל, זידלענדיק דעם רעגן און דעם ווינט, די האַרטע וואָרצלען און דעם שטייניקן גרונט, און דערבײַ אויך די פאַרשאָלטענע פריצן, פאַרנעמט דאָוויד צו פאַרטאָג־צו די נײַע פּאָזיציעס.

שלאָפן דערלויבט ער זיך בלויז איין שאָ. דערנאָך זעצט ער זיך אוועק באַם פרישן טיש אין זײַן נײַ ערדשטיבל און פאַרקלערט זיך. די האַרמאַטן זײַנען באַ אים אָנגעצילט אַף דער הויפּט־ריכטונג, פונוואַנען עס קאָנען אָנגרײַפן די פאַשיסטן. די אויסגאַנג־אָנגאַבן אַף צו פירן דאָס פײַער זײַנען צוגעגרייט. פונדעסטוועגן עפּשער אָנמערקן צוגאָבלעכע אָריִענטירן?

דאָוויד טוט זיך האַסטיק אַ הייב פון אָרט.

— דער באַטאַרייע — אַכטונג! — באַפוילט ער דעם טעלעפאָניסט איבערגעבן די פאַראָרדענונג אין אַלע ווזוואָדן.

אין מעשעך פון אַ פּאָר צענדליק מינוט באַקומט דאָוויד אַלע אָריִענטירן, וועלכע וועלן זײַן, לויט זײַן מיינונג, גענוג אַף צו באַגעגענען דעם סוינע מיט אַ פאַרניכטנדיקן פײַער.

נאָר סײַווי ברענגט עס ניט קיין גרויס פרייד דאָווידן. ער קוקט זיך אַרום פון זײַן הויכעניש אַף צוריק, אין דער ריכטונג פון דער שטאָט אָרדזשאָניקידזע, וווּ פון צײַט צו צײַט פלאַקערן אוף פײַנטלעכע באַלויכטראַקעטעס. „נו, מיילע, אַהערצו האָט מען אונדז איבערגעפירט, — קלערט ער. — מע זאָל אונדז כאָטש מאָרגן ניט הייסן ווײַטער אוועקפּויזען”...

אינדערפרי איז אַף דער באַטאַרייע אָנגעקומען אַ בסורע, אַז דער גאַנצער אַרמיי, וועלכע האָט פאַרטיידיקט די עלכאָטאָווער טויערן, איז צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל גוואַרדייִשע. די נײַס האָט איבערגעיאָגט דעם פײַנטלעכן אָנגריף עפּשער אַף אַ צענדליק מינוט, ניט מער, דעריבער איז באַ די אַרטילעריסטן אַפילע קיין מעגלעכקײַט ניט געווען צו פרייען זיך מיט אָט דער סימכע.

די פײַנטלעכע מאָטאָציקליסטן האָבן זיך דערקליבן צום ברעג פונעם טערעק מיט אַ שיסערײַ, נאָר קיין ווידערשטאַנד ניט באַקומען. דער בריק איבערן טײַך איז געשטאַנען ניט גערירט — אַזאַ איז געווען די פאַראָרדענונג: בעשום־אויפן אים ניט רויִנירן, אומבאַדינגט אים איבערלאָזן גאַנץ. עפּשער האָט די קאָמאַנדשאַפט געהאַט אין זינען מיט אָט דעם צו באַווײַזן אונדזערע סאָלדאַטן, אַז מיר טרעטן ניט אָפּ, נאָר פאַרנעמען בלויז בעסערע — העכערע, הערשנדיקע פּאָזיציעס. נאָר די פאַשיסטישע אויסשפּירער זײַנען געבליבן שטיין באַם ברעג — אַפן בריק ניט אַרופגעפאָרן און ניט צוריק אוועקגעײַלט. „זיי שמעקן אויס”, — טוט אַ קלער דאָוויד, קוקנדיק אין בינאָקל אַף די ניטגעבעטענע געסט.

אונדזער ברעג שווײַגט. קיין באַפעל איז ניטאָ צו שיסן. דאָוויד טראַכט: איין וואָרט, איין פאַראָרדענונג — און פון אָט די מאָטאָציקליסטן וואָלט קיין זייכער ניט געבליבן. דאָוויד דערמאָנט זיך פלוצעם, וויִאַזוי ער און דוסיע, צוויי באַזווע סטודענטלעך, זײַנען געזעסן צוגעטוליעט איינס צום

צווייטן אַף דער אייבערשטער גאַלערייע פון קאַזאַנער אָפּערע און געקוקט אין דער גרוב פונעם אָרקעסטער, אַהין, ווו עס איז אַף עפּעס אַ הויכעניש געשטאַנען אין אַ פראַק דער דיריגענט מיט צעפּאַטלטע האָר און מיט אַ דין שטעקעלע אין דער האַנט. אַלץ איז געווען געווענדט אין אָט דעם דיריגענט: טוט ער אַ מאַך מיטן שטעקעלע — לעבט אוף דער אָרקעסטער: די פידלען, די אַרפעס, די וויאָלאָנטשעלן, די פאַגאָטן און פלייטן, די טראָמפּייטן און אַנדערע אינסטרומענטן... נאָר דער דיריגענט וואַרט... אַף וואָס וואַרט ער? אַף וועמען? דאָוויד שטייט איצט אויך, ווי אָט יענער דיריגענט, אָבער ניט אין פראַק — אין אַ שינעל, וואָס הענגט אַף אים, ווײַל ער איז צו קליין פאַר אָט דער שינעל. דער דיריגענט אין קאַזאַנער אָפּערע איז געווען אַ באַלעבאָס אַף קלאַנגען, און ער, דאָוויד, האָט אַ סאַך מער באַפולמעכטיקונגען: ניט נאָר מיט קלאַנגען האָט ער צו טאָן — מיט מענטשלעכע לעבנס. דאָוויד האָט ניט מוירע פאַר פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, ער גלייבט אי זיך אַליין, אי זײַנע כאַווײרים פון דער באַטאַרייע, זײַנע פרײַנט אין דער פּעכאָטע — סײַ אַף רעכטס פון זיך, סײַ אַף לינקס. איצט שטייען דאָ, אַף אָט די פּאָזיציעס, בלויז גוואַרדייער! פונדעסטוועגן, וואָס עס וואַרט אַף אים, ווייסט קיינער ניט.

דאָוויד זעט: די פאַשיסטישע אויסשפּיר־מאָטאָציקליסטן לאָזן זיך אַראָפּ צו דעם בריק. בײַ דאָווידן גלײַכן זיך אויס אַפן פּאָנעם די קנייטשן: דער הער פאָן קלייסט וועט זיך פאַרקלערן, ווען מע וועט אים אָפּגעבן אַ באַריכט, אַז דער בריק איבערן טערעק איז גאַנץ און, קענטיק, ניט מינירט... און אונדזערע סאָלדאַטן זײַנען צופרידן: דער בריק איז אַף זײַן אָרט — הייסט עס, אַז מיט אָט דעם בריק וועלן זיך אונדזעריקע אומקערן צוריק אַהין, פונוואַנען זיי זײַנען נעכטן אַוועקגעגאַנגען...

דער קלאַפּ פון די פאַשיסטן איז געווען אַ סאַך אַ שטאַרקערער, ווי עס האָט דערוואַרט דאָוויד. ווי געווייינלעך, האָבן זיי אָנגעגריפן סײַ אינדערלופטן, סײַ אַף דער ערד. לעכאַטכילע זײַנען אָנגעפלויגן די באָמבאַרדירעראַפּלאַנען, און גלײַך נאָך דעם — טאַנקען, אַ גאַנצע טשערעדע טאַנקען מיט מאָטאָריזירטער פּעכאָטע.

אויסשטיין איז געווען ניט לײַכט.

נאָר מע איז אויסגעשטאַנען, מע האָט געמוזט אויסשטיין.

אַז ער איז פאַרווונדעט, האָט דאָוויד אַפילע ניט באַמערקט — און ס׳איז טאַקע געווען גאָר אַ לײַכטע ווונד: אַ קליין שפּליטערל האָט אַ צאַראַפּע געטאָן דעם שטיוול און האָט אים דורכגעלעכערט ביזן ביין. דאָוויד האָט אַפילע קיין ווייטעק ניט דערפילט. אַז ער זאָל אוועק אין סאַניטאַר־באַטאַליאָן, איז קיין רייד ניט געווען.

האָט אָבער געדאַרפט פּאַסירן, אַז פּונקט אין דער רעגע, ווען דאָווידן האָט פאַרטשעפּעט דער שפּליטער, איז אַף דעם בריק איבערן טערעק ארופגעקראָכן א פייַנטלעכער טאַנק. דער בראָניעבאָישטשיק אָסטאַפּענקאָ האָט זיך ניט געייַלט ארויסלאָזן אין דעם טאַנק די קויל פון זייַן קעגנטאַנקענביקס. איוואַן האָט געוואַרט, ביז דער פאַשיסטישער פּאַנצער וועט צוגיין צום סאָף בריק. פון רעכטס און פון לינקס האָבן שוין אָסטאַפּענקאָס כאַווירים אַף אים געשריגן, אונטערגעטריבן, ער זאָל וואָס גיכער אויסשיסן, אָבער אָסטאַפּענקאָ האָט זיך ניט געלאָזט אייַנריידן — פאַרן ברודערס טויט דאַרפן די היטלעראָווצעס באַקומען א פולע מאָס. און ערשט דאַן, ווען דעם סוינעס טאַנק האָט שוין געוואָלט א שפּרונג טאָן פון דעם בריק אַף דער ערד, האָט אים אָסטאַפּענקאָ אָפּגעשטעלט. א צווייטער פייַנטלעכער טאַנק האָט געפּרוווט אין פולן גאַנג אראָפּשטופּן דעם אָפּגעשטעלטן, נאָר אָסטאַפּענקאָ האָט אויך דעם צווייטן אָפּגעשטעלט...

13

ווען דוסיע זעצט זיך פאַרזיכטיק צו, ווי געוויינלעך אין אָפּיציעלע קאַבינעטן, אַפן פּאָדערשטן ראַנד פונעם פאָטעל, דערקלערט איר נאָרשיין:

— כ'האָב געוואָלט אייַך, יעוודאָקיע פּעטראָוונע, גלייַך זאָגן א פּאָר ווערטער, זייַט איר פּלוצעם אנטרונען געוואָרן.

— אויסמוסערן קאָן מען אין א באַליביקער צייַט.

— פאַרוואָס — אויסמוסערן? איך האָב געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון אייַער לעקציע. די סטודענטן, ווי איך פאַרשטיי, זייַנען אויך צופרידן. דאָס שאַץ איך העכער פון אַלץ.

— צו אזעלכע לויב־געזאַנגען בין איך ניט געוווינט, — דוסיע איז געווען אין פאַרלעגנהייַט.

— ס'וועט זייַן אויך קריטיק.

— אינטערעסאַנט, וואָס זשע אזוינס וועט איר פאָרוואַרפן, כאַווערטע נאָרשיין?

— איר פּעסטעט די סטודענטן, ווי א ניאַניע, — ענטפערט אנע ארנאָלדאָוונע.

— ס'איז דען שלעכט, ווען דו זעסט אין דער גרופּע אלעמען איניינעם און יעדערן באַזונדער? — דערווידערט דוסיע. — ווען מע דאַרף — העלפן, ווען — מוסער זאָגן...

נאָרשיין באַמערקט ווייך, נאָר מיט איבערצייַגונג:

— דעם סטודענט דאַרף מען וואָס ווייניקער לערנען, כּדי ער זאָל אַליין זיך מער לערנען.

— אַן אינטערעסאַנטער געדאַנק, האַגאַם אַ פּאַראַדאָקסאַלער.

— אין אָט דעם געדאַנק איז, ווי איך קלער, פֿאַרבאָרגן די גאַנצע אינסטיטוטישע מעטאָדיק.

— כּדי אַזוי צו אַרבעטן, דאַרף מען האָבן אַ באַזונדערן באַרוף, כ׳וואָלט געזאָגט — אַ קינסטלערישן טאַלאַנט.

— ריכטיק. פּעדאַגאָגיק — דאָס איז קוידעמקאָל קונסט. אויב זי איז ניט קיין קונסט, הייסט עס, אַז זי איז ניט קיין פּעדאַגאָגיק.

דוסיע דערפֿילט זיך מיטאַמאָל אַ באַפֿרײַטע פֿון איר אָנשטרענגונג. זי לייגט אַפֿילע אַוועק פֿרײַ די האַנט אויף דעם עלנבויגן־לײַסטל. אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין, ענטפֿערנדיק אויף אַנע אַרנאָלדאָווּנעס עפּעס אַ פֿראַגע, ווערט זי פֿאַרכאַפּט, דערציילט דער נײַגעריקער פּאָרזיצערן פֿון אָרטקאָם וועגן איר יוגנט, וועגן דעם, ווי עס איז איר ניט פּאַשעט געווען צו שטילן דעם דאָרשט צו לערנען זיך.

נאָרשיין שלאָגט זי ניט איבער. זי הערט דוסיען אויפֿמערקזאַם. נאָרשיין וויל וויסן אַלץ.

אין אָט דער רעגע טראָגט זיך דורך פֿאַר דוסיען איר גאַנץ לעבן: דער קאַזאַנער פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט, די באַגעגעניש מיט דאָווידן, וועלכער האָט זיך געלערנט מיט איר אין איין גרופּע... אָט דער באָכער מיט זײַן זייער ניט־רוסיש פּאָנעם האָט אויסגעזען אין אירע אויגן נאָך פּאַשעט אַ קליין יינגל, עפּשער אַ קלענערער ברודער, אָדער אַפֿילע אַ זון אירער, כאָטש געווען איז זי עלטער פֿון אים בלויז אויף צוויי יאָר. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָוויד איז אַן אַקשן, אַ צילגעווענדט יינגל. בערעק, דוסיעס און דאָווידס ערשטלינג, איז געבוירן געוואָרן, ווען זיי ביידע האָבן זיך נאָך געלערנט אויפֿן צווייטן קורס. די לער אין אינסטיטוט האָט זיך דעמאָלט דוסיען פֿאַרענדיקן ניט אײַנגעגעבן. ניט איבער בערעקן — עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, און דאָוויד איז אַוועק אין אַרמיי. פֿונעם לעצטן קורס. דוסיע האָט געמוזט פֿאַרלאָזן קאַזאַן און אַריבערפֿאָרן אין דאָרף. אויך דאָרטן איז ניט זיס געווען.

דוסיע כאַפּט איבער דעם אָטעם, ווישט אָפּ מיט אַ טיכל די ליפּן.

— דעמאָלט האָב איך דערזען, אַז די נאַטור האָט אונדז, פֿרויען, באַליידיקט, — זאָגט זי מיט אַ זיפֿץ. — אָנשטאָט פֿיר הענט געגעבן בלויז צוויי... בלויז צוויי...

וויפֿל האָבן אָט די הענט איבערגעטאָן, איז ניט איבערצודערציילן.

צוהערנדיק זיך, ווי דוסיע דערציילט, שטעלט זיך פאָר נאָרשיין דאָס ווײַט פארוואָרפן ווינקל — דאָס טאַטעריש דאָרף אוזעיעוואָ און דאָס הײַנקעלע, אָן ארײַנגעוואקסנס ביזן בויך אין שניי מיט דעם איין־און־אייציק פענצטערל, וואָס איז ניט באגלאָזט, נאָר פארשטאָפּט מיט אָן ארבל פון א שאָפּן־פּעלצל. צוערשט איז די שטוב געווען א ליידיקע, פיר ווענט — מער גאָרניט. אפילע קיין איוון האָט זי ניט פארמאָגט. און פון דאָווידן זײַנען ניטאָ קיין יעדיעס. ער איז אפן פראָנט. ער ווייסט נאָך ניט, אז זײַן ווײַב איז אָפּגעטראָטן, פארלאָזט די שטאָט און אוועק אין דער דאָרפישער ווײַטעניש, פארנומען דאָרט פּאָזיציעס נײַע, א סוואָרע, ניט קיין בעסערע פּאָזיציעס... אין א קורצער צײַט ארום וועלן זײַנע בריוו א כלינע טאָן אהער, עס וועט אָנקומען זײַן געלט־אטעסטאט. נאָר ווען דאָס סאמע שווערע וועט שוין, דוכט זיך, דורכגיין, וועט זיך ארויסווײַזן, אז דאָס שרעקלעכסטע איז נאָך ערשט פאָרויס — דאָוויד איז אנשוויגן געוואָרן. עטלעכע כאדאָשים נאָכאנאנד האָט מוירע געהאט דוסיע פארן בריוו־טרעגער, ער זאָל איר ניט ברענגען דאָס שווארצע פּאַפּירל...

פיל האָט זיך דערוווּסט אנע ארנאָלדאָוונע אי וועגן איר קאָלעגע לויט דער קאטעדרע, אי וועגן דאָווידן. און דאָס, וואָס זי האָט זיך דערוווּסט וועגן איר און וועגן אים, איז איר געווען אייגנצײַטיק אי אָנגענעם, אי טרויעריק און ווייטעקדיק. נאָרשיין האָט געפילט: דאָס, וואָס זי האָט הײַנט אויסגעהערט פון יעוודאָקיִע פּעטראָוונען, האָט געמאכט דאָווידן א סאך נעענטער און ליבער, ווי ער איז געווען איר ביז אהער.

די צווייטע שאָ פון זײַן לעקציע גייט דורך בא דאָווידן ניט ערגער און ניט בעסער, ווי די ערשטע. ער באַווײַזט אויפטאָן אלץ, וואָס ס׳איז בא אים אָנגעמערקט — אלץ, וואָס מע דאַרף.

דוסיע ווארט שוין אף אים אין סאָף קאָרידאָר לעבן פענצטער.

— בייס מע לויבט מיך, שפּיץ איך אָן די אויערן, — זאָגט זי און רייניקט אָפּ דאָווידס ארבל פון קרײַד. — נאטירלעך איז דעמלט, ווען מע זידלט דיך.

— זי האָט דיך שטארק קריטיקירט? — פרעגט באומרויִקט דאָוויד.

— קריטיק — דאָס איז סאָפּקאָלסאָף גאָר ניט אזא מין שלעכטע זאַך, — זאָגט דוסיע און טוט א פיר מיטן שפּיץ צונג איבער די ליפּן. — ערגער איז, ווען מע האָט צו דיר ניט קיין שום פּאָדערונגען אָדער טײַנעס.

— בעקיצער קאָנסטוו? — שלאָגט זי איבער דאָוויד. — כ׳וויל וויסן, וויאזוי האָט נאָרשיין אויפגענומען דײַן לעקציע. קאָנקרעט.

— א פינפערל אוועקגעשטעלט אין זאטשאָטקע,— טוט א שמייכל דוסיע.— ביסט צופרידן?

„דוכט זיך, אז ער איז ווידער ברוטאל מיט מיר,— קלערט זי דערבײַ.— אָדער עס ווײַזט זיך מיר אויס?“— איר שטימונג פאטערט זיך. עס איז ניט אויסגעוועפט אפילע קיין קאפל די געוווינהײַט צוצוטוליען זיך צום מאן אין פרייד און אין לייד.

זיי לאָזן זיך אראָפּ אין אינסטיטוטישן סאָד.

לויט דאָווידס מיינונג איז דאָ געווען איצט אומהיימלעך. די שטעגן — פארשאָטן מיט בלעטער, די צווײַגן פון די עפּלביימער — אומעטיקע, די אגרעס־קוסטעס — הויל און פארשווארצט.

דוסיען, פארקערט, איז אלץ געפעלן, פון אלץ איז זי פארגאפט.

— אזא כאאָס אין דער נאטור קאָנסטו באגעגענען בלויז אין אָט דער צײַט,— זאָגט זי, און קלערט דערבײַ, אז דאָס, וואָס זי איז ניט בעקויעך זיך פאנאנדערקלײַבן אין אירע אייגענע איבערלעבונגען, איז איצט בײַכלאל אן איבעריקע זאך. נאָר אָט דער געדאנק שטערט איר ניט זיך ווונדערן:— אָט א הימל! טו נאָר א קוק, וואָס פאר א הימל עס הענגט איבער אונדז! זעסט? א צעריסענער, פילפארביקער, ווי אין פרילינג! פראכטפול!

דאָוויד פארײַסט דעם קאָפּ: טאקע אן עמעס — זייער רעגעוודיק, נאָר ער זאָגט:

— מיר ווענדן זיך אָפּ פון דער הויפּט־פראגע. איצט אינטערעסירט מיך בלויז נאָרשיין. פינקטלעכער, וואָס וויל זי פון דיר? עפשער האָט עמעצער פון די סטודענטן זיך אָנגעקלאָגט אף דיר?

— איך האָב שוין פונלאנג פארגעסן, אז מיט די סטודענטן זײַנען בײַכלאל מעגלעך קאָנפליקטן.

— איך קלער, אז נאָרשיינס וויזיט איז מיט עפּעס א מיין.

— איך האלט אָבער, אז עס איז גאָר ניט קיין ווונדער, ווען איין לעקטאָר באזוכט דעם צווייטן, ווען עס גייט אן אויסטויש פון פארשיידענע שטאנדפּונקטן, ביפראט נאָך, ווען דער פאָרזיצער פונעם אינסטיטוטישן אָרטקאָם באזוכט א לעקציע פון א געוויינלעכן דאָצענט.

— אנע ארנאָלדאָווונע איז גראָד איצט זייער פארנומען: זי איז איבערן קאָפּ ארײַנגעטאָן אין דער צוגרייטונג צום זעכציקסטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, צום שטאָטישן דורכקוק פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט, צום פײַערלעכן קאָנצערט — און וועט ניט פאטערן אומזיסט קיין צײַט אף וויזיטן צו אירע קאָלעגן...

— האָסט מיך פארינטריגירט, דאָדיע. ווארט נאָר צו...

דוסיע קנייטשט דעם שטערן. „ער איז עפשער טאקע גערעכט, — טוט זי א קלער. — נאָרשיין האָט אף געוויס אין זינען דעם פּאָסטן פונעם פאַרוואלטער פון דער קאטעדרע, וואָס באפרײַט זיך. קענטיק, אז דער אלטער פאַרוואלטער וועט אוועק אין דעמיסיע... הייסט עס, אז נאָרשיין איז מיך כוישעד, טאָמער פרעטענדיר איך אף אָט דעם אָרט. ניט אומזיסט האָט זי געגעבן אָן אָנצוהערעניש, אז אין אינסטיטוט זײַנען אף די פּאַראַנט־וואָרטלעכע שטעלעס פאַרנומען זייער ווינציק פרויען. זי האָט פּראָוואָצירט אָן ענטפער, און אָט פאַרוואָס זי איז אזוי געווען צופרידן, ווען איך האָב איר געזאָגט, אז פאַר א פרוי איז בעסער ניט זײַן קיין נאַטשאַלניק, א פרוי דאַרף האָבן קינדער, דאָס איז איר העכסטע פליכט".

דוסיע צעשמייכלט זיך.

— וואָס קוועלסטו? — אינטערעסירט זיך דאָוויד.

— איך וואָלט פונדעסטוועגן געבומען אף זיך דעם כעט, — רופט זיך אָפּ דוסיע. — איך וואָלט מאַסקים געווען נעמען די קאטעדרע.

דאָוויד איז אין פאַרלעגנהײַט:

— צוליב וואָס דאַרפסטו דאָס?

נאָר ער דערהערט, ווי א יונג קעלכל טוט א רוף:

— דאוויד איסײַעוויטש!

אינעם אינסטיטוטישן וועסטיביול שעפּטשעט אים עפּעס אין אויער אַרײַן א שלאנקע לאנגפוסיקע סטודענטקע אין א מיני־קליידל.

נאָרשיין, וועלכע איז צופעליק, אָדער עפשער בעקיוון, אדורך פאַרבײַ, טוט א שמייכל:

— די קאָפּטע ארופגעצויגן אף זיך — דאָס קליידל פאַרגעסן...

און פאַרבײַסט גלײַך די צונג, כאַפּנדיק א קוק אף אירע אייגענע קני, וועלכע זײַנען אויך קוים צוגעדעקט מיטן קליידל.

דאָוויד רופט זיך ניט אָפּ, בלויז די אויערן פאַרויטלען זיך בא אים — מיט אָן איבעריקער אופמערקזאמקײַט און נײַגעריקײַט טוט זיך א גליטש זײַן בליק איבער אנע אַרנאָלדאָוונעס פעסטע שיינע פיס.

פון סאָד קערט זיך אום אויך דוסיע.

נאָרשיין באמערקט:

— פאַרלאָרן דעם מאַן, הא?

— שטעלט זיך פאָר, אז טאקע יאָ, פון אונטער די הענט האָט מען אים ארויסגעכאַפּט בא מיר, — פרווט אונטערהאלטן אנע אַרנאָלדאָוונעס שטײַפערישן געשפּרעך דוסיע. — עפּעס א נײַע אויסערגעוויינלעך אויסעראָרדנטלעכע געשעעניש אף זײַן פאַקולטעט.

— יאָ, איך האָב געזען, ווי דאוויד איסײַעוויטש האָט געמאכט פון אײַך די פּלייטע...

— ווײ צו מיר, — האלט אונטער דוסיע דעם קאטאָוועסדיקן, ווי עס דוכט זיך איר, דיאלאָג אף נאַרשיינס הומאָריסטישן אויפן. — וואָס זשע קומט עס פאָר? אן עפּנטלעכער סקאנדאל?

— גאנץ מעגלעך. נאָר אויב ערנסט, וואָס זײַנט איר עס אזא כמורנע, יעוודאָקיִע פּעטראָוונע?

— אין אָט דער רעגע? איצטער? אלץ איינס און דאָס זעלבע: מײַן באַשערטער צעטרענצלט זיך אף דער רועך ווייסט וואָס!

— איר זײַנט צו שטרענג צו דאוויד איסײַעוויטשן. ווי איך פארשטיי, איז דאָס דערפאר, וואָס ער פילט אויס געוויסנהאפט זײַנע פליכטן. און אויב ניט אלץ באקומט זיך בא אים, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט, איז טוט א קוק, סארא שווערן וואָגן ער שלעפּט.

אין אנע ארנאָלדאָוונעס רייד פילט דוסיע עפּעס א טיף פארטײַעטע וואָרענונג, און זי שטרענגט זיך אָן, ווערט זייער ערנסט.

— איך דערלאָז, ווײַזט אויס, א טאָעס, — זאָגט זי. — כ׳בין אין קאס אפן מאן, כ׳דארף אָבער זײַן בארויגעז ניט אף אים, אף זיך אליין.

— פארוואָס?

זיי הייבן זיך אָן שעפּטשען איינע מיט דער אנדערער און טוען דאָס אזוי לאנג, ביז פונעם ווײַטן קאָרידאָר רײַסט זיך ארויס דאָוויד. אפילע פונדערווײַטנס קאָן מען באמערקן, אז ער איז צערודערט.

— קומט אהער, — פארבעט אים נאָרשיין.

ער גייט צו געהאָרכזאם צו די פרויען.

— איצט וועט שוין מיר די נאטשאלסטווע אין די ביינער ארײַנלייגן, — זאָגט ער, ניט דערגייענדיק צו די פרויען א פּאָר טריט. — און ס׳איז דאָ פארוואָס. בא א לעקטאָר אפן פיזיש־מאַטעמאטישן פאקולטעט האָב איך צוגעגאנוועט א גאנצע גרופּע יאטן־טענצער, און בא זיי האָט געדארפט זײַן אן אומבאדינגטע קאָנסולטאציע. איר האָט אזעלכס געהערט אמאָל? אן אומבאדינגטע! ביז אהער בין איך געווען איבערצײַגט, אז מענטשן קאָנסולטירן זיך בלויז דאן, ווען זיי דארפן עס האָבן. עס וואָלט מיך עפּשער ווייניק־וואָס געארט, נאָר פונקט אין אָט דער צײַט דארפן די יאטן־פיזמאטלער זײַן אף דער לעקציע פון מײַן כאָרעאָגראפישער אָפּטיילונג... קאָנען זיי דען זיך צערײַסן?

— מע טאָר אזוי ניט, — טוט א פינקל מיט די אויגן נאָרשיין, און ס׳איז ווידעראמאָל ניט קלאָר, צי זי איז צופרידן מיט דאָווידס טאַט, צי זי מוסערט אים.

— מע האָט מיך גענויט, — פאַרטיידיקט זיך דאָוויד. — סאָפּקאָלסאָף צום דורכקוק פון דער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט דאַרף מען זיך גרייטן, צי אַלץ וועט זיך באַקומען פון זיך אַליין?!

— עפּשער זאָל איך אײַך אָפּראַטעווען פונעם פּראָרעקטאָרס צאָרן? — פרעגט אַנע אַרנאָלדאָוונע.

— ניין, כ׳וועל זיך שוין אַליין אַן אייצע געבן, — ענטפערט איר דאָוויד. — פון אײַך פאָדערט זיך אַן אַנדער זאַך. גייט אַרויס מיט אַ רוף: „אַלץ לעטויוועס דעם דורכקוק!” איר, אַנע אַרנאָלדאָוונע, ווי אַ פּראָפּאַ־ריין־טוער, דאַרפט מיך אונטערשטיצן.

— וואָס זשע וועט עס זײַן פאַר אַ זעלבסטעטיקײַט, אויב מיט גוואַלד טרײַבן אײַערע סטודענטן אַף דער בינע? — פאַלט אַרײַן אין די רייד דוסיע.

— אָך, ווי דו ביסט שטענדיק גערעכט, — זאָגט דאָוויד. — ווען זאָלסט כאָטש איין מאָל, איין־און־איינציק מאָל דערלאָזן אַ פעלער...

— איך גלייב, אַז מיר וועלן די רעפּעטיציע־פּראָבלעם לייזן פּאָזי־טיוו, — זאָגט אַנע אַרנאָלדאָוונע. — ס׳גייט דאָך אין דעם פּרעסטיזש פונעם גאַנצן אינסטיטוט. און איצטער, מײַנע טײַערע, עפּשער וואָלט איר זיך אַרײַנגעכאַפּט צו מיר? כ׳וועל אײַך מעכאַבעד זײַן מיט אַזעלכע גוטע זאַכן — נעכטן ערשט באַקומען אַ פּאָסילקע...

— אַ דאַנק, כ׳בין מעסוקן פאַרנומען, — זאָגט זיך גלײַך אָפּ דאָוויד. — מע וואַרט אַף מיר: מיר שרײַבן איבער אַף אַ מאַגניט־טאַשמע אַ פּלאַט לידער, געווידמעט דעם בירגערקריג.

— וואָרנט די כאַווײרים, אַז איר וועט זיך עטוואָס פאַרהאַלטן, און שוין.

— און אילױשע איז שוין מיסטאָם אין דער היים...

— דײַן עליק וועט ווי־ניט־איז אַליין אָפּזוכן אין אײַזקעלטער וואָס צו איבערבײַסן, — מישט זיך אַרײַן דוסיע.

— ער איז דאָך שוין בײַ אײַך, קיין אײַנהאָרע, אַ גרויסינקער, — באַמערקט אַנע אַרנאָלדאָוונע. — גיט אים כאָטש אַ קאַפּעטשקע פרײַהײַט.

14

דאָוויד צעשיידט זיך מיט די פרויען אָן באַדויערונג, און דאַפקע ניט דערפאַר, ווײַל אָן אים וועלן זײַנע כעוורע פונעם פיזיש־טעכנישן פאַקול־טעט ניט איבערשרײַבן אַף אַ מאַגניט־טאַשמע די פּלאַט מיט די לידער.

דאָוויד וויל פּאַשעט בלײַבן איינער אליין — די זיכרוינעס זײַנע לאָזן אים ניט צורו. צום אלעם ערשטן טוט ער א טראכט, אז אנע ארנאַלדאָוונע האָט פונדעסטוועגן באמערקט ריכטיק: אילױשען דארף מען געבן מער פרײַהײַט. דוסיע איז אויך מיט איר מאסקים.

פרײַהײַט פאַר אילױשען... דאָוויד האָט געטאָן איבערגענוג פאַר אָט דער פרײַהײַט פון זײַן זון.

אָט די פרײַהײַט איז געהאנגען אף א האָר אין אָנהייב נאָיאַבער פאַרנעם צוויי־און־פערציקסטן, ווען די פאשיסטן האָבן זיך א ריס געטאָן צו דער שטאָט אָרדזשאָניקידזע, וואָס האָט זיך פריִער גערופן וולאדיקאווקאז, ווײַל ווער עס איז א באַלעבאָס אין אָט דער שטאָט, יענער האָט א מעגלעכקײַט צו הערשן איבער גאנץ קאווקאז, איבער דעם גאנצן בארגקאַנט מיט זײַנע נאַפט־קוואלן, מיט זײַנע אלע אנדערע רײַכטימער, מיט זײַן הויפּט־וועג, וועלכער פירט דורך די בערג אף דעם נאָענטן מיזרעך, קיין אינדיע און אין די ווײַטע ווײַטעניִשן פון דער מיזרעך־וועלט ביכלאַל.

א היפּשע צײַט פאר דעם האָט שוין דאָוויד אין זײַן טאָגבוך, וועלכן ער האָט פארפירט נאָך אין פענזע, אין דער ארטילערישער שול, זיך ניט דערלויבט ארײַנצושטעלן קיין איין אומעטיקן געדאנק וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר מיט אים און ארום אים. אָבער הײַנט, ווען ער האָט דערזען אף לינקס פון זיך, שוין גאָר ווײַט פון זײַנע פּאָזיציעס, די פײַנטלעכע באַלײַכטונג־ראקעטעס, האָט זײַן אומצופרידנקײַט, צי עפשער פינקטלעכער — זײַן אומבאַטראַכטקײַט, אָדער נאָך ריכטיקער — זײַן אומפאַראַנטוואָרטלעכער אומוויסן ווידעראַמאָל א צי געטאָן זײַן האַנט צום בלײַער. ער טוליעט זיך צו מיט דער פּלייצע צו דער פײַכטלעכער וואַנט פונעם שוץ־גראָבן, שלעפּט ארויס פונעם פעלד־ראַנץ זײַן טאָגבוך — דעם דיקן העפט, א צונויפגענייטן פון א צענדליק געקעסטלטע שול־העפטלעך און אײַנגעבונדענעם אין האַרטע קאַרטאָן־טאָוולען, צעעפנט אים אפן לעצטן זײַטל און שרײַבט ארײַן אהין: „צום באַדויערן, שלאָגן מיר זיך נאָך ביז אַדהײַעם ערגער, איידער דער סוינע, אין דער ערשטער ריי מיר, די קאָמאַנדירן". עטוואָס שפּעטער, ווען צו אים גייט צו זײַן שטעלפארטרעטער, וועלכער האָט זיך נאָך אין אָנהייב זומער אָפיציִעל גערופן קאָמיסאַר, ווענדט זיך צו אים דאָוויד קימאַט מיט אָט די זעלבע ווערטער.

דער קאָמיסאַר קוקט א ווײַלע אָנגעכמורעט אף זײַן כאַווער, דערנאָך לייגט ער ארוף די דלאָניע אף דאָווידס פּלייצע און זאָגט אים שטיל:

— וועגן דעם איז ניט די צײַט צו קלערן. אלנפאלס אייצע איך דיר בעסער ניט צעלאָזן די צונג. ניט אלע וועלן ריכטיק פאַרשטיין דײַנע גע־

פילן, ס׳קאָנען זיך געפינען אַזעלכע לײַט, וואָס וועלן דײַנע ווערטער אויסטײַטשן גאָר אויף אַן אַנדער אופן...

— אַ דאַנק, ביסט גערעכט, קאָמיסאַר, — רופט זיך אָפּ דאָוויד, אָנווענדנדיק זײַן שטעלפאַרטרעטערס פּריזערדיקן טיטל, האַגאַם דער דאָזיקער טיטל איז שוין געווען אין אַ ספּעציעלן באַפעל אָפּגעשאַפט. עס זײַנען, קענטיק, פאַראַן באַגריפן, פון וועלכע עס איז ניט פּאַשעט זיך אָנטווײנען.

ס׳קאָן זײַן, אַז מאַכמעס די צוויי טויט־קלעפּ, וואָס אַסטאַפּענקאָ האָט געגעבן די פאַשיסטישע טאַנקען, וועלכע האָבן, פאַרניכטעטע און איבערגעקערטע מיטן קאָפּ אַראָפּ, פאַרהאַקט מיט זיך דעם בריק איבערן טערעק, צי דערפאַר ווײַל אומעטום לענגויס דעם טײַך־ברעג אינעם עלכאָטאָווער טאָל, וווּהין די פאַשיסטן האָבן געפּרוווט זיך דורכשמוגלען, פלעגן זיי באַקומען אַן אַקשאָנעסדיקן אָפּשטויס, אָדער פּאַשעט ווײַל אויף דער אָרדזשאָניקידזער ריכטונג איז דער אָנגריף באַם פײַנט געגאַנגען געלונגען און ער האָט אַהין געשטופּט און געשטופּט אַלע זײַנע קויכעס, אָפּציִענדיק זיי פון די איבעריקע ריכטונגען, נאָר אײַנגיכן האָט ער אויף דעם עלכאָטאָווער פּלאַצדאַרם אויפגעהערט אַטאַקירן.

דאָך איז דאָווידן גרינגער ניט געוואָרן. שטײן און וואַרטן און טראַכטן דערבײַ דער רועך ווייסט וואָס איז אַ סאַך שווערער, ווי פירן אַ האַנטגעפעכט, אין וועלכן ס׳איז פיל געווענדט אין דיר, אין דײַנע קויכעס, אין דײַן סייכל. אַלנפּאַלס, עפּעס־וואָס קאָנסטו אויפטאָן, גראַדע דו, טאַקע דו, מוזסט אויפטאָן כאָטשבי דערפאַר, ווײַל לינקס, העט־ווײַט פון דײַנע אָקאָפּעס, נישטערט דער סוינע, און ווער ווייסט דיך איצט אינפאָרמירן, ווי עס האַלט דאָרטן, וווּהין ס׳האָבן זײַנע געקרייצטע טאַנקען באַוויזן זיך אַרײַנשנײַדן...

אומזיסט, פאַרשטייט זיך, האָט דאָוויד אַרײַנגעשריבן אין זײַן טאָגבוך אַזאַ האַרבע באַשולדיקונג קעגן זיך און קעגן זײַנע כאַווײרים. גערעכט איז דער קאָמיסאַר — ס׳איז ניט די צײַט אַזוי צו קלערן און וועגן דעם זיך דײַגענען. ביז אַהער וואָלט ער, דאָוויד, נאָך ווי־ניט־איז אָפּגעזוכט אין מויעך רײַעס פאַר אָט די ווערטער, אָבער איצטער האָט דאָוויד דערזען, אַז ער און זײַנע כאַווײרים קאָנען זיך ראַנגלען און שלאָגן די פאַשיסטן. אָט האָט דער פײַנט די וועלט אײַנגעלייגט, קעדיי זיך דורכרײַסן אין טאָל אַלכאַן־טשורט לעם דעם נאַפט־ראַיאָן מאַלגאָבעק, און ס׳האָט זיך פון דעם גאָרנישט ניט באַקומען. שפּעטער, ווען עס וועלן אונטערגעצויגן ווערן די

סאַכאַקלען פון אָט די שלאַכטן, וועט זיך דאָוויד דערוויסן, אַז אין דעם געפעכט זיינען פאַרניכטעט געוואָרן קימאַט ניינצן טויזנט פיינטלעכע סאָלדאַטן און אָפיצערן, באַ פיר הונדערט טאַנקען...

דאָוויד האָט ניט געקאָנט וויסן, וואָס עס טוט זיך אינעם שטאַב פון דער צאָפּנדיקער מיליטער־גרופּע פונעם קאַווקאַזער פראָנט. אָבער ער האָט געגלייבט, אַז דאָרטן ווייסט מען אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויף יעדן שפּאַן פון דער פאַרטיידיקונגס־ליניע, און מע טוט אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך, קעדיי אויסצובעסערן די לאַגע. קיין טאָעס האָט ער ניט געהאַט, נאָר ער האָט פאַרגעסן, אַז אין אונדזער שטאַב ווייסט מען אַלץ וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אויף אונדזער זייט, אָבער וואָס עס טוט זיך באַם קעגנער, איז דעם שטאַב ניט אינגאַנצן און ניט טאָמיד קלאָר, האַגאַם די אויסשפּירדינסט רוט ניט טאָג און נאַכט.

ניט נאָר דאָוויד, די מערהייט קאָמאַנדירן האָבן ניט געוווּסט אין אָבהייב נאָיאַבער, ווי שווער עס קומט אויס צו פאַריכטן דעם פעלער, וועלכן מע איז פריער באַגאַנגען. באַשטאַנען איז דער פעלער אין דעם, וואָס דער שטאַב האָט פאָרויסגעזען בלויז איין־און־איינציקן וועג פאַרן פיינטלעכן אָנגריף — דעם וועג אויף מאָזדאָק, מאָטיווירנדיק עס מיט דעם, וואָס אַליין די קאַווקאַזער בערג זיינען מעכטיקע קעגנער פאַרן פיינט און עס איז זינלאָז מיט טאַנקען קריכן אויף בערג...

אונדזער שטאַב איז געווען צופרידן, וואָס מע האָט דעם סוינע ניט דורכגעלאָזט אויף מאָזדאָק, און האָט אין היספּיילעס ניט באַמערקט, אַז דער פיינט הייבט אָן געהיים, שטילערהייט קאָנצענטרירן זיינע קויכעס אויף דער נאַלטשיקער ריכטונג — גרייט אַן אָנגריף טאַקע אויף אונדזער באַרג־ראַיאָן, וווּ מיר וואַרטן אים לאַכלוטן ניט. דעם פיינטס קלאַפּ אויף נאַלטשיק איז געווען אַן אומגעריכטער, און איצט איז אויסגעקומען דאָפּלט צו האָרעווען, קעדיי אויסבעסערן, פאַריכטן דעם פעלער.

פּונקט אין אָט די מינוטן, ווען דאָוויד האָט מיט אַזאַ האָפענונג געוואַרט אויף אַן אויסעראָרדנטלעכן באַפעל, וואָס וועט קאַרדינאַל איבעראַנדערשן די לאַגע לעטויוועס אונדז, האָבן שוין די דייטשישע ווייטשיסנדיקע האַרמאַטן אַרויסגעלאָזט די ערשטע סנאַריאַדן אויף די אָרדזשאָניקידזער פאַרשטעט.

איינצייטיק האָט די פיינטלעכע אַוויִאַציע אינטענסיוו אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די שטאָט־קוואַרטאַלן. קימאַט הונדערט פאַשיסטישע טאַנקען זיינען דערקראָכן צום אויסערלעכן רינג פונעם אָרדזשאָניקידזער פאַרפעסטיקונגס־ראַיאָן און אים דורכגעריסן לעבן דעם ייִשעוו פיִאַגדאָן. דער

סוינע האָט פארלאָרן אין די לופט־שלאכטן בא אכצן אעראָפלאנען, דרײַסיק טאנקען האָבן אונדזערע סאָלדאטן פארניכטעט אף דער ערד, אָבער די פאשיסטן זײַנען געקראָכן און געקראָכן, און זיי איז געלונגען צו פארכאפן גיזעל. נאָך עטלעכע אזעלכע שטארקע קלעפּ — און אָרדזשאָניקידזע וועט פאלן. דאָס האָט געצווּנגען דעם שטאב פון דער צאָפנדיקער גרופּע אָנהייבן פארווירקלעכן דעם פּלאַן פונעם קאָנטר־אָנגריף פריִער, ווי עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט.

באגײַסטערט האָט אופגענומען דאָוויד דעם באפעל זיך אײַנצושליסן מיט זײַן באטארייע אינעם אָנגריף. ערשט איצט, אין די לעצטע פארביטערטע שלאכטן, האָט ער באנומען, וואָס עס איז אויסגעקומען אויסצושטיין די באשיצער פון אָרדזשאָניקידזע אין אָנהייב פונעם פײַנטלעכן דורכרײַס און ווי העלדיש זיי האָבן געקעמפט. די פײַנטלעכע גרופּירונג מיליטער־אײנהײַטן, וועלכע האָט זיך דורכגעריסן קיין גיזעל, איז קימאט ארומגערינגלט געוואָרן. דעם סוינע האָט זיך אײַנגעגעבן אופצוהאלטן בלויז א שמאָלן קאָרידאָר, וועלכן ער האָט זיך מיט אלע קויכעס געסטארעט פארברייטערן. באזונדערס שווערע שלאכטן זײַנען פאָרגעקומען ארום דעם ייִשעוו מײַראמאדאג, באם ארײַנגאנג אין סוארער בארג־שפּאלט: דורך אים וואָלטן די היטלעריסטן, ערשטנס, זיך געקאָנט דורכשמוגלען צום מיליטעריש־גרוזיניש וועג, וואָס איז געווען די הויפּט־ארטעריע, דורך וועלכער מיר האָבן באזאָרגט אונדזער מיליטער מיט אלץ, און וואָס עס האָט זיך געניייטיקט; צווייטנס, וואָלט דער קעגנער באקומען א מעגלעכקײַט דורך מײַראמאדאג ארײַנברענגען פרישע קויכעס צוהילף זײַן ארומגערינגלטער גרופּירונג.

אין מײַראמאדאג איז דער געראנגל געווען א ניט גלײַכער: דער פײַנט האָט דאָ געהאט צען מאָל מער קויכעס, איידער מיר. פארטיידיקט מײַראמאדאג האָבן קורסאנטן פון יאם־מיליטערישע שולן, צונויפגעזאמלטע אין א שיסער־בריגאדע. קעגן איר זײַנען געקראָכן ניט נאָר דער פאשיסטישער פּאָלק „בראנדענבורג”, נאָר אויך א רומענישע בארגשיסער־דיוויזיע. זיי האָבן פארמאָגט א גוואלדיקע ארטילערישע פײַער־אונטערשטיצונג און כוץ דעם — אן ערעך זעכציק טאנקען.

די קורסאנטן האָבן זיך געשלאָגן געוואגט, מעסירעסנעפעשדיק, נאָר העלפן האָט מען זיי סײַווי געדארפט. און דער שטאב פון דער צאָפנדיקער גרופּע האָט באשטימט שיקן זיי צוהילף די צענטע גווארדייִשע בריגאדע און בעסויכעס דעם דיוויזיאָן, וועלכער איז געווען צוגעגעבן דער בריגאדע אלס זעלבשטענדיקע ארטילערישע אײנס.

דאָווידן האָט ווידעראמאָל אָפּגעגליקט.

15

אױפֿן טיש שטײט אַ קרישטאָלענע װאַזע מיט פֿרוכטן: געלע, װי װאַקס, באַרן, מאַטעװע, פּונקט עס האָט זײ באַדעקט אַ פֿראָסט־טױ, פֿלױמען, גרױסע אױסגעפּעסטעטע עפּל — אַנטאָנאָװקעס, קימאַט דורכזיכטיקע װײַנ־טרױבן, אין װעלכע, װי עס װײַזט זיך אױס, עס שװימען זריַע־קערנדלעך.

אָט דער העלער נאַטורמאָרט רײצט דוסיען, זי שטעקט אױס די האַנט אָדער צום מילגרױם, װעלכער װינקט, דוכט זיך, צו איר, בעט זיך: „שלעפּ מיך אַרױס פֿונעם הױפֿן, װעסט קײן כאַראָטע ניט האָבן"; אָדער צו דער כורמאַ, װאָס איז ענלעך אױסערלעך אױף אַ פּאָמידאָר. דוסיע שנײַדט זײ אױף טײלכלעך, פּאָרזיכטיק, װי זי װאָלט פֿאַר עפּעס מורא האָבן, לײגט אַרײַן יעדער טײלכל באַזונדער אין מױל — די פּורפּור־יאָדערן פֿונעם מילגרױם, דאָס פֿלײשיק טײלכל פֿון דער כורמאַ. דערנאָך טראָגט זי אונטער צו די ליפּן אַ באַגילדעט לעפֿעלע, שפּײַט אױס די קערלעך און לײגט זײ צונױף אין אַש־בעכער, אױף װעלכן ס'איז אָנגעמאָלט אַ מאָדנער נעפּעש און אַן אונטערשריפֿט „עלעגיַע". פֿאַרװאָס איז אַזױ אָנגערופֿן אָט דער האַלב־פֿיש מיט דער פֿײַן אױסגעקלאַפּטער ליסקע און דאָס האַלב־מײדל מיט איר שײן פֿאַרטרױמט פּאָנעם, אָט די רוסאַלקע, װעלכע איז אַרױסגעשװומען פֿון די קאַלטע מעלכיַאָר־װעלן?

אַלע װענט און װינקעלעך באַ אַנע אַרנאָלדאָװנען פֿאַרנעמען ביכער. בלױז אין גאַסט־צימער האָט זײ אַרױסגעשטױסן אַ טעפּיך — אַ פּילפּאַר־ביקער, קענטיק, ביז גאָר אַ שװערער, שטראָמט ער האַסטיק אַראָפּ קימאַט פֿון דער סטעליע, גיסט זיך, װי אַ װאַסערפֿאַל, איבער דער קאַנאַפּע און צעפֿליסט זיך אױף דעם דיל אַזױ, אַז מע קאָן מײנען, דאָס מעבל אין צי־מער שװימט און הױדעט זיך אױף די װײכע כװאַליעס פֿון אָט דעם טעפּיך.

די באַלעבאָסטע, אַן אײַנגעהילטע אין אַ פֿאַטשײלע, קלעפּט זיך צום װאַליק פֿון דער קאַנאַפּע, און ס'איז ניט צו באַנעמען, צי איר גאַסט פֿרײט זי, צי ניין. זי קלאַפּט שטילערהײט מיט אַ פֿינגער איבער אַ פּאַפּיראָסן־שאַכטעלע.

— װיַאַזױ זשע איז עס געשען, אַז מיר מיט אײַך, צװײ װײַבלעך, האָבן זיך מיט אײן מאַנצבל ניט ספּראַװעט, — װוּנדערט זי זיך. — ניט בעקױעך געװען נעמען אַהער דאַװיד איסײַעװיטשן?

— ער איז אַן אַקשן, — רופֿט זיך אָן דוסיע, קװיקנדיק זיך מיט דער זױערקײַט פֿונעם מילגרױם־קערן. — אױף אַלץ קלעקט באַ אים צײַט, בלױז אױף זיך ניט.

— עפּשער איז עס אײַער נאַכלעסיקײַט? — אַנע אַרנאָלדאָװנע טוט אַ װיש מיטן פֿינגער דעם קין. — איר קריטיקירט דעם מאַן אַפֿן סאַמע העכסטן ניװאָ. — זי שמײכלט, קעדײַ אירע װערטער זאָלן קלינגען װײכער. — איר האָט ניט מוירע, אַז אָט דאָס קאָן אים דערעסן, יעװדאָקיִע פּעטראָװנע, און ער װעט אַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר?

— ע, אַ גוטן אים שליטװעגס...

— װאָס זאָגט איר עס אַזעלכס? ס'איז דאָך אַ מאַן. אַ מאַנצבל...

— כ'בין זיך מיסװאַדע, װעגן אַזאַ מין װאַריִאַנט האָב איך ניט געקלערט, — כאַפּט צוריק אירע רייד דוסיע, — קײנמאָל ניט. פּאָשעט זיך ניט פֿאָרגעשטעלט אַזאַ מעגלעכקײַט.

— ס'איז גוט, װאָס איר זײַנט אַזױ זיכער אין זיך, — באַמערקט אַנע אַרנאָלדאָװנע און טוט װידער אַ שמײכל. — אָבער די מאַנצבלען, פֿאַרשטײט איר מיך, מײַן טײַערע, זײַנען נעפּאַשעס, װאָס האָבן ליב זיך בלאָזן, באַרויגעז װערן.

דוסיע לײגט אַװעק אַפֿן טיש דעם מעסער, מיט װעלכן זי האָט געשניטן די פּרוכטן, רוקט אים אָפּ פֿון זיך.

— באַ דאַװיד איסײַעװיטשן איז ניטאָ קײן קאַפּעטשקע זעלבסטליבע, — זאָגט זי זיפֿצנדיק.

— מיסטאַם װײסט איר בעסער, — סאָפּעקט די באַלעבאָסטע.

— כ'פֿאַרמאָג פֿיל באַװײַזן. פֿאַרשײדענע. דער לעצטער — זײַן דיסערטאַציע. ער װיל אַפֿילע פֿון איר ניט הערן.

— צוליב װאָס דאַרפֿט איר זי? — פֿרעגט נאָרשײן ערנסט.

— ניט איך — ער דאַרף זי האָבן, — דערקלערט דוסיע. — ער װאָלט זיך גאָר אַנדערש געפֿילט אױף דער װעלט. פֿעסטער. און פֿון זײַן מעשונעדיקן פֿאַקולטעט װאָלט מען אים עפּשער דעמלט באַפֿרײַט. ס'איז דאָך װי אַ װעװערקע אין רעדל...

— איר זײַנט, לאָזט זיך אױס, אַ קעגנערן פֿון אײַער מאַנס פֿאַקולטעט. ניט גוט! — זאָגט נאָרשײן. צעבלאָזן אַ דיסקוסיע װיל זי ניט, נאָר אָפּטרעטן עמעצן דעם װעג האָט זי ניט ליב. — זאָל דאַװיד איסײַעװיטש װערן אַ קאַנדידאַט פֿון זײַנע װיסנשאַפֿטן, ער איז עס בעקױעך אופּצוטאָן, און זאָל אױך זײַן פֿאַקולטעט מאַצליִעך זײַן. ס'איז אַ װױלע זאַך, אַ נוצלעכע שױן דערמיט אַלײן, װאָס ער העלפֿט פֿאַרפֿולן די פֿרײַע צײַט באַ די סטודענטן. טאַנצן, זינגען, מוזיצירן, שפּילן טעאַטער איז אַ סאַך בעסער, אײדער זשליאָקען בראָנפֿן אָדער זוכן געמײנע פֿאַרװײַלונגען.

— מיט צו שװאַרצע פֿאַרבן מאָלט איר די לאַגע, — פּראָטעסטירט

דוסיע. — באַ מיר זײַנען פֿאַראַן גאָר אַנדערע אָנגאַבן: די סטודענטן לערנער זיך, האָרעווען.

— מע כאַפּט זיך פֿאַר די לערנביכער ערעוו די עקזאַמענעס, — די באַלעבאָסטע פֿאַרבייגט אונטער זיך די פֿיס אַף דער קושעטקע. — כ׳וועל פֿאַררייכערן?

דוסיע רופֿט זיך אָפּ:

— ווען כ׳זאָל האָבן רעכט, וואָלט איך ניט דערלויבט.

— כ׳וויל וואַרפֿן, נאָר כ׳דערוועג זיך ניט.

— איר האָט מוירע דעם סטאַזש פֿאַרלירן, אויב עס וועט אײַך ווידער אַ צי טאָן?

— אַ נאַרישע געוווינהײַט. דאָס גאַנצע לעבן לײַד איך איבער איר. פֿון אַלעמען באַקומען קלעפּ. גאָלע סיניאַקעס אַף מיר. די מאַמע פֿלעגט מיט מיר זיך מאַטערן, קימאַט יעדע וואָך פֿלעגט מען זי אין שול אַרויסרופֿן. אומקערן פֿלעגט זי זיך אַ דערשלאָגענע, אַ פֿאַרצווייפֿלטע. „כ׳האָב דיך וויפֿל מאָל געוואָרנט, — פֿלעגט זי טײַנען איינס און דאָס זעלבע. — און דו — דײַנס. פֿאַרוואָס רייכערסטו אין שול? רייכער אין דער היים, וואָלט קיינער ניט געזידלט”.

— איצט קלאָרט זיך עפּעס־וואָס אויס. דאָס מאַכט ניט קאַליע די שטים?

אַלע אַרנאָלדאָוונע צעשויבערט די ברעמען, זשמורעט צו די אויגן:

— איך קלײַב זיך ניט אָנקומען אין דער אָפּערע.

זי האָפֿט אָבער, אַז דער גאַסט וועט איר זאָגן כאָטש עטלעכע גוטע ווערטער וועגן איר זינגען. און דוסיע זאָגט טאַקע אַבסאָליוט אופֿריכטיק:

— איר זינגט פּרעכטיק, מע קאָן אײַך מעקאַנע זײַן.

— מיר איז ניטאָ, וואָס צו מעקאַנע זײַן. אָט אײַך — יאָ. אײַך האָט מען ליב, און דאָס איז עפּעס ווערט אַף דער וועלט.

— ס׳קאָן זײַן. מיסטאַם. כ׳ווייס ניט. אין מײַנע יאָרן מאַטערט מען זיך דען מיט אַזעלכע פֿראַגעס?

— אַ פּרוּוי בלײַבט אַ פּרוּוי ביזן סאָף פֿון איר לעבן.

נאָרשיין הייבט זיך אויף פֿון דער קאַנאַפּע, שפּאַנט זיך דורך איבערן טעפּיך — צוויי טריט פֿאָרויס, אַ שפּאַן צוריק. שטעלט אָפּ דעם בליק אַף איר גאַסט. „מיט דאַוויד איסײַעוויטשן איז, מיסטאַם, ניט לײַכט, — קלערט זי. — נאָר אין דער היים ווייסט ער ניט, אַפּאָנעם, פֿון קיין רו. מע שאַנעווועט אים ניט. מע היט אים ניט אָפּ”.

דוסיע נעמט פֿון דער קרישטאָלענער וואַזע אַ ווײַנטרויב, וויגט אים אַף דער דלאָניע, ווי זי וואָלט וועלן זיך איבערצײַגן, וויפֿל ער וועגט,

נאָר צום מויל טראָגט זי אים ניט צו. מיטאמאָל ווערט איר עפּעס שווערלעך צו קלערן וועגן דעם מאַן. עס ווילט זיך ניט טראַכטן וועגן אים אין דער אָנוועזנהייט פון אַנע אַרנאַלדאָוונען, און זי קערעוועט אָפּ דעם געשפּרעך אין אַן אַנדער ריכטונג:

— איר האָט ריכטיק באַמערקט, אַז איך האָב האַנאַע פון די סטודענטן. איר האָט מינאַסטאַם געוואָלט צוגעבן, אַז אויך פון זיך אַליין. יאָ?

— אויב אַזאַ האַנאַע דערגאַנצן מיט שטרענגע פאָדערונגען צו זיך, איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, — ענטפערט אַנע אַרנאַלדאָוונע.

— אַך, ווי עס ווילט זיך זיין טאַלאַנטפול, — זיפצט דוסיע, און אין אירע אויגן שווימט אויף דאָווידס פּאָנעם, אַן אומעטיקס, אַ באַליידיקטס, אָפּגעפרעמדטס. — צומאָל פיל איך זיך נישקאָשע. אָבער אַן אַנדערש מאָל בין איך אַזאַ טעמפּע, פּאָשעט אַ שרעק.

נאָרשיין הערט זיך צו צו דעם, וואָס עס דערווייזט איר גאַסט, און איז אופגערעגט: „צי דען וועט מען אָפּגעבן די קאַטעדרע יעוודאָקיִע פּעטראָוונען? און וואָס טוט מען? וויִאַזוי ניט דערלאָזן אָט די מעגלעכקייט? פּריינטשאַפט איז גוט, אָבער רייכערן וויל איך מיינע אייגענע סיגאַרעטלעך".

— מיר דוכט זיך צומאָל, אַז די סטודענטן ווייסן מער, ווי איך, — זעצט פאָר דוסיע. — אייך איז אַזעלכס באַקאַנט?

„סאַראַ ווייכקייט. אָט די ווייכינקע זיינען די געפערלעכסטע, — באַומרויִקט זיך נאָרשיין. — מע טאָר ניט דערלאָזן, זי זאָל מיר פאַרלויפן דעם וועג". אָבער זאָגן זאָגט זי:

— מיר האָט זיך היינט געכאָלעמט, אַז איך האָב גענומען די סטודענטישע קאָנספּעקטן פון מיינע לעקציִעס אַף אַ דורכקוק און אַף די ראַנדן פון די בלעטלעך און אין קלאַמערן לייען איך קאָלערליי באַמערקונגען: „קוואַטש!", „האַקט אַ טשייניק!", „צו אַלדי רוכעס!", „שיינריידעריי!". געפעלט אייך אַזאַ כאָלעם?

— סטודענטן — דאָס איז אַ קאָמפּליצירט פאָלק.

— איינשטעלן צווישנבאַציִונגען מיט זיי איז אַ פיינלעך געשעפט. זיי זיינען ווי אַ ווולקאַן מיט זייערע פּראַגעס, כ'וואָרט אומופהערלעך אַף אַן אויסברוך. וואָס, אייגנטלעך, פאָדער איך? זיי זאָלן זיין מענטשן. וואָס קאָן מען נאָך פון זיי וועלן?

— מיר זאָלן זיי אומבאַדינגט געפעלן.

אַנע אַרנאַלדאָוונע זאָגט מיט האַרץ:

— אַ געפערלעך ציִנגל באַ אייך.

און לאָזט אַראָפּ די נאָז:

— אײַך לייגט מען פֿאַר ארויסצוטרעטן מיט לעקציעס פֿאר דער באַפֿעלקערונג?

— איך טרעט ארויס. אָפּזאָגן זיך קאָן איך ניט.

— מיר קלעקט שוין ניט קיין צײַט אָף צו זײַן א פּאָפּוליאריזאטאָר.

דוסיע האָט ניט אָפּגעוואָרפֿן אפילו קיין איין פֿראגע, וואָס די באַלעבאָסטע האָט ארויסגעשטעלט, זי האָט זיי פּאָשעט ניט געשטיצט אין יענער מאָס, וועלכע וואָלט באַנוגנט אנע ארנאָלדאָוונען. און נאָרשיין האָט באשטימט, אז איר גאסט איז ניט אופריכטיק. נאָר זי האָט געהאט א טאָעס. דוסיע האָט גאָרנישט ניט אויסבאהאלטן פֿון דער באַלעבאָסטע — זי איז פּאָשעט געווען צוריקגעהאלטן. עפּעס אזעלכס, וואָס איז נאָך דערווײַל ביזן סאָף ניט באזיניקט, האָט זי געבויט אזוי זיך באגיין. מיסטאם מאכמעס אָט דער סיבע האָבן זיי זיך געזעגנט קאלט, ניט אזוי, ווי ביידע האָבן געוואָלט.

פֿארטויבן אָט דעם דערווידערנדיקן געפֿיל גיט זיך ניט אײַן דוסיען אויך אָף דער גאס. נאָרשיין האָט צעקאלויצעט די נעשאָמע מיט אירע שטעכיקע באמערקונגען. בא דאָווידן האָט זיך אָפּגעזוכט אַן אומגעריכטע פֿארטיידיקערן!

די זון שמוגלט זיך דורך אָף עטלעכע רעגעס צווישן די צעריסענע כמארעס, עס ווײַזט זיך אויס, אז זי איז אפילו אונטערגעשפּרונגען, א דערפֿרייטע, א צופֿרידענע, וואָס איר איז געלונגען כאָטש וויפֿל־ניט־איז, כאָטש א קאפּעטשקע א שײַן טאָן. און גלײַך דוכט זיך, אז אלץ ארום און ארום איז באנײַט, ווי פֿארביטן, עפּשער אפילו יינגער געוואָרן. זאָל זײַן אָף א ווײַלע, אָבער אָט די ווײַלע איז אומפֿארגעסלעך. דערנאָך וועט שוין די הארבסטיקע אָנגעכמורעטקײַט, א געצערטלטע מיט איידעלע זונ־שטראלן, זיך אויסווײַזן ניט אזוי אונטערדריקנדיק, די אָפּגעבליאקעוועטע נאטור — בלויז א צײַטווײַליק פֿארוויאנעטע, און ס'איז גרינגער צו גלייבן, אז אלע בלאָטעס איז מעגלעך גוויוער צו זײַן. אָט אזוי איז אויך מיט די געפֿילן — מיט דער ליבע. אויב זי איז דאָ, אויב זי איז געווען...

דוסיען טוט א ציִ צו אירע באליבטע ערטער אָף יענער זײַט אָקא.

איבערן פּאָנטאָן־בריק גייט זי א פֿארקלערטע, זי הערט ניט, ווי עס טופּען אונטער איר די אָפּצאסן. דער בריק הוידעט זיך עטוואָס אפּן וואַסער. אָף דעם קעגנִיבערדיקן ברעג פֿון דעם טײַך טוקט זיך דוסיע גלײַך אָפּ אין בײַברעגיקן, הארבסטיקן שיטער געוואָרענעם וועלדל. זי זוכט ניט קיין אויסגעטאָפּטשעטע וועגן — זי שפּאנט גלײַך, אויסטרעטנדיק נײַע שטעגן. די הענט האלט זי אין די קעשענעס פֿונעם געקירצטן, לויט דער מאָדע, מאנטל. צײַטנווײַז באלעקט זי מיטן שפּיץ צונג די דיקלעכע ליפּן.

זי איז הויך און שטאלטנע, אפילע דאָ, אין וועלדל, דערלויבט זי זיך ניט הויקערן. דאָס פּאָנעם איז עטוואָס הארב, אף דער נאָז — א קליינטשינק, קוים וואָס מע באמערקט עס, פּינטעלע.

אונטער די פיס טרעשטשען די אראָפּגעפאלענע בלעטער און צווייַגלעך. די נידעריק הענגענדיקע צווייַגן פארטשעפּען, אופציטערנדיק, אָט דעם ארבל, אָט דעם אקסל, דאָס פוטערנע היטעלע, באשפּריצן דוסיען מיט רעגן־טראָפּנס. פונעם הימל זייט זיך א פייַכטקייַט, וואָס אז מע וויל, איז דאָס א רעגן, און אז מע וויל — פּאָשעט א טוי, וועלכן די אויגן זעען ניט. אין דער הייך הענגען ווידער שווערע וואָלקנס, און א ווינט נישטערט אין וועלדל — די ערשטע דערפילן דאָס דוסיעס קני, זיי ווערן אלץ קעלטער און קעלטער, אָט־אָט הייבן זיי אָן צו פרירן.

געדיכט ליגט אף דוסיעס נעשאָמע א יאָך — ניט אראָפּצוווארפן אים פון זיך, אָבער ווייַטער אויך טראָגן אים איז אומעגלעך. זי פילט, אז די נעסט, וועלכע זי האָט דאָס גאנצע לעבן געבויט — די שטוב־וועלט מיט אירע דייַגעס און פארגעניגנס, מיט אירע פריידן און לייד, מיט איר גוטס און שלעכטס, אָט די היים אירע וואקלט זיך אונטער די פיס. אזעלכס וואָלט זי געדארפט דערווארטן פונעם סאמע אָנהייב. געבויט א מויער אף זאמד. צוליב וואָס? אליין זיך פארשקלאפט. זי נעמט ארום א קווארע יונגע בערעזקע, וועלכע טוט זיך דערבייַ א שאָקל. דוסיע פארמאכט די אויגן און דערזעט דעם מאַן — אין קיך, מיט פארקאטשעטע ארבל פונעם העמדל, וואָס איז ארייַנגעלאָזט אין ברייטע פּיזשאמע־הויזן מיט אָן אָפּגעשוואכטן גומי־רימען: אָט־אָט פויזען זיי בעהאדראָגעדיק אראָפּ פון די לענדן אלץ נידעריקער און נידעריקער. דוסיע טוט א גליטש דעם בליק אפן מאנס קינבאקן, באוואקסענע מיט א בערשטל איבערגעמישטע הערעלעך — געלע און גראָווע, פירט איבער דעם בליק צוערשט אף די קוסטלעך האָר אינעם מאנס גרויסע אויערן, דערנאָך אף זייַנע רויטלעכע, עטוואָס אָנגעקוואָלענע געקנייטשטע אויגן־לעפלעך. ווי האָט ער איר דאָ ניט לאנג א שעפּטשע געטאָן? אהא: „איך קאָן צו דיר זיך ניט צוגעוווינען. אלע מאָל ביסטו א נייַע, אלע מאָל ווי צום ערשטן מאָל...״ ס׳האָט, הייסט עס, גאָרנישט זיך ניט אויסגעלאָשן? גאָרנישט זיך ניט אויסגעשעפּט? פארוואָס זשע איז זי געוואָרן אזוי גלייַכגילטיק, קאלט צו אים?

מיט דער בערעזקע אין די אָרעמס שטייט דוסיע און טראכט, רעדט צו זיך אליין וועגן דאָווידן.

„ענטפערן מיט געוויינלעכער איבערגעגעבנקייַט אף ליבע — דאָס איז ביז גאָר טרויעריק. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? כ׳האָב טאקע ניט אזוי לייַדנשאפטלעך, ווי ער, ליב געהאט, אָבער כ׳בין דאָך קימאט דאָס גאנצע

לעבן דורכגעגאַנגען באַנאַנד מיט אים. א שווערן וועג האָט ער געהאַט, אָבער האָט ער דען עפּעס פאַרלוירן אין מײַנע אויגן? עמעס, א ביסל פאַרגרעבט געוואָרן, און אויב ריידן קאָנקרעט — אפילע א גרוביאַן געוואָרן. דאָס איז מײַן שולד. און ווען האָט עס זיך אָנגעהויבן? אפן פראָנט? צי דאַן, ווען ער איז געקומען צוריק אהיים — ניט פון מײַרעוו, נאָר פון מיזרעך, פונעם אוראַלער וואַלד, און האָט געהאַט אויסצושטיין נאָך גענוג יעסורים, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן ניט נאָר אף אים, נאָר אף דער גאַנצער מישפּאָכע? סאָפקאָלסאָף איז עס ניט אזוי וויכטיק — דער אָנהייב. א סאַך געפערלעכער איז דאָס, וואָס אויך אצינד, בייס אַלץ איז שוין אין אָרדענונג, אַלץ איז גוט, האַלט ער זיך צומאָל ניט אײַן, רײַסט זיך אוף, ווי א גראַנאַטע, און אירע שפּליטערס פליִען בעשאַסמײַסע אין אונדז...״

די יאָרן לויפן שוין באַרג־אַראָפּ, דאָס לעבן אָבער דויערט. פון דער לעצטער קאָמאַנדירונג — זי איז געווען פאַרבעטן אַלס אָפיציִעלער אָפּאָנענט אף א דיסערטאַציִע־פאַרטיידיקונג — איז דוסיע געקומען אהיים מיט א מאַטאָנע: געבראַכט איינעם א פּראָפעסאָרס א בוך. באַגעגענענדיק זיך אף פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענצן מיט אָט דעם געלערנטן, פילט דוסיע, אז ער האָט אף איר געוואָרפן אַן אויג. דעם אופשריפט אף זײַן בוך הייבט אָן דער פּראָפעסאָר אזוי: „דער טײַערער יעוודאָקיִע פּעטראָוונען...״. פאַרן מאַן האָט זיך דוסיע מיט דער מאַטאָנע ניט באַרימט — אַרײַנגעשטעלט וואָס טיפער אינעם ביכער־שראַנק. צופעליק האָט זיך דאָוויד אָנגעשטויסן אף אָט דעם בוך. ניט זיך, ניט דאָווידן איז דוסיע ניט בעקויעך געווען דערקלערן, פאַרוואָס האָט זי אויסבאַהאַלטן אָט די מאַטאָנע. אָנשטאָט דעם האָט זי אויסגעשאָטן אפן מאַן א גאַנצן זאַק באַשולדיקונגען, אז ער איז א שלים־שלימאַזל פון ווייסעך ווען אָן, און דאָס רופט זיך אָפּ אף אַלעמען — סײַ אף איר, סײַ אף די זין. מע קאָן לעבן אָן א דיסערטאַציִע, אָבער אָן גליק — ניין. אַלע באַרופן לוינט אויסטוישן אף איינעם — אפן טאַלאַנט צו זײַן גליקלעך...

אָבער זײַן גליקלעך — דאָס איז געווענדט ניט נאָר פון דאָווידן, נאָר אויך פון איר, דוסיען. וואָס זשע טוט מען?

דוסיע גלעט דאָס בערעזקעלע, לעבן וועלכער זי שטייט פאַרקלערט. „מוירע האָבן דאַרף מען פאַר זיך אַליין, בלויז פאַר זיך אַליין״, — טראַכט זי און גייט ווײַטער. זי שפּאַנט פאַרבײַ די ציטערנדיקע אָסינעס, שוין האַלב־הוילע, אָבער די פאַרבליבענע אף זיי בלעטער זײַנען שיין, צוציִענדיק, גינגאָלדענע. איבער זיי, דוכט זיך, לויטערט זיך אויס דער הימל. אָט דערנעענטערט זיך אַן אָלכע מיט אַן אויסגעקרימטן שטאַם, נאָך א פּראַכטפולע, האַגאַם אויך זי פאַרלירט שוין אירע צירונגען. פונעם בוים שרײַט

עפּעס צו דוסיען א סאָראָקע. דאָס ערשטע מאָל הערט דוסיע בײַס אָט דעם שפּאַציר א פֿויגלש קאָל. עס דערוועקט זיך אין איר נאָך מער דער אומרו. זי פֿאַרטשעפּעט זיך פֿאַר א סטאַרטשענדיקן וואָרצל פֿון א בוים און האַלט זיך קוים אײַן אויף די פֿיס. באַטראַכטנדיק דעם וואָרצל, דערזעט זי פּלוצעם א שוואָם, וועלכער האָט זיך פֿאַרטײַעט אונטער א פֿאַרזשאַווערט דעמבענעם בלעטל. דוסיע זעצט זיך צו אויף די קני, רײַסט אַרויס דעם שוואָם, טראָגט אים צו אויף דער דלאָניע צו דער נאָז, און קאָלערליי דערמאָנונגען שווימען אויף אין איר זיקאָרן. די מאַמע, א קווארע, ווי א גרעזעלע, פּאָכעט איר פֿונדערווײַטנס, פֿון דער קינדהײַט, מיט א פֿאַרטונקלט בערעסטע־קוישל, זי שטייט אויפֿן שליאַך און וואַרט אויף דוסיען, אויף דער קליינטשינקער מיזינקע, וועלכע האָט זיך פֿאַרהאַלטן אין וואַלד — עפּשער דערפֿאַר, ווײַל גאָר א סאַך שוואָמען האָט זי דאָרטן אָנגעזאַמלט...
דוסיע טוט א קוק אויפֿן זייגער — שוין צײַט זיך אומקערן אויף צוריק, צו דעם פּאָנטאָן־בריק איבער דער אָקאַ.

16

אהיים, צו עליקן, גייט ניט, פֿונדעסטוועגן, דאָוויד — די פּרויען זײַנען, אַפּאָנעם, גערעכט: זאָל דער באָכערעץ וואָס גיכער זיך צוגעוווינען צו זעלבשטענדיקײַט, ס׳וועט אים צוניץ קומען אין לעבן. און צו די כעוורע פֿונעם פֿיזיש־טעכנישן פֿאַקולטעט אײַלט ער זיך אויך ניט. זיי וועלן אָן אים זיך ספּראַוען מיטן פֿאַרשרײַבן די מאַגניטאָפֿאָן־טאַשמע, זיי זײַנען מײַסטערס אין דעם איניען.

שפּאַנט דאָוויד פּאַמעלעך, אָטעמט מיט פֿרישער לופֿט און פֿאַרקערעוועט ווידער צו זײַנע ווײַטע זעונגען. ער דערמאָנט זיך, ווי עס האָט אים אין צוויי־און־פֿערציקסטן, ערעוו דעם אָקטיאַבער־יאָמטעוו, אָפּגעגליקט.

דער באַפֿעל, וועלכן ס׳איז אים פֿאַרגעשטאַנען אויספֿילן, האָט אויסערלעך אויסגעזען פּאָשעט: אונטערהאַלטן מיטן פֿײַער פֿון זײַן באַטאַרייע די קריגס־אָפּעראַציע, וואָס עס וועט פֿאַרנעמען דער דריטער באַטאַליאָן פֿון דער צענטער גוואַרדיייִשער בריגאַדע. אָבער אַליין די דאָזיקע אָפּעראַציע איז געווען ניט גאָר קיין געוויינלעכע — דער באַטאַליאָן האָט געדאַרפֿט דורך די בערג זיך פֿאַרקלײַבן אין הינטערלאַנד צו די פֿאַשיסטן באַם אַרײַנגאַנג אין סוּאַרער שפּאַלט און מיט אַן אומגעריכטן קלאַפּ אָפּשטעלן זייער אָנגריף אויף מײַראַמאַדאַג, ווו עס האָבן זיך העלדיש געראַנגלט די קורסאַנטן פֿון די יאַם־מיליטערישע שולן, אָפּציִען אויף זיך די קויכעס פֿונעם קעגנער, ביז די אַנדערע באַטאַליאָנען פֿון דער בריגאַדע וועלן דורכ־

רײַסן די פראָנט־ליניע און וועלן ארויס פאָנעם־על־פאָנעם אפן סוינע, וואָס שטרעבט פארכאפן דעם יִשעוו. וועגן דעם, אז די איבעריקע באטאליאָנען פון דער בריגאדע וועלן זייערס אופטאָן, האָט קיינער ניט געסאָפעקט.

אונטערהאלטן מיטן פײַער פון דער באטארייע דעם אינפאנטעריע־באטאליאָן אין דער געשאפענער סיטואציע איז געווען א קאָמפליצירטע אופגאבע: מיט א שטעג, ווו עס גייט קוים־קוים דורך א מענטש, איז אורמעגלעך איבערצושלעפן אין די בערג א הארמאט. נאָר א באפעל בלײַבט א באפעל, און מע מוז אים אויספילן.

דאָוויד האָט אן אויסוועג אָפגעזוכט: די הארמאטן וועט ער איבערלאָזן אף די איצטיקע, פארנומענע פאָזיציעס און וועט פירן דאָס פײַער מיט דער הילף פון ראדיִאָ. צוויי ראציִעס זײַנען בא אים פאראן — איינע פארבלײַבט אף דער באטארייע. די צווייטע נעמט ער מיט זיך, אים וועלן באגלייטן דער ראדיסט און אן אויסשפירער, וואָס איז איינצײַטיק אויך א ראדיסט — זיי וועלן גיין אין הינטערלאנד צום פײַנט איניינעם מיטן דריטן באטאליאָן. פירנדיק דאָס פײַער, וועט ער פאָשעט דארפן געדענקען, אז ניט ער, ווי אין די מערסטע פאלן, געפינט זיך צווישן זײַנע הארמאטן און דעם סוינע, נאָר דער סוינע, און אין די באפעלן, וועלכע ער וועט איבערגעבן אף די פײַער־פאָזיציעס, דארף ער ארײַנטראָגן געוויסע קאָרעקטיוון, נעמענדיק אין אכט די לאגע פון זײַן באאָבאכטונג־פונקט: אָנשטאָט פארגרעסערן דאָס אָנצילן זיך — פארקלענערן עס; אָנשטאָט איבערטראָגן דאָס פײַער אף לינקס — איבערטראָגן עס אף רעכטס.

ווען זײַן פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן, האָט דאָוויד זיך געפרייט, ווי א קינד. ביכלאל פלעגט זיך צומאָל אויסווײַזן זײַנע כאווײרים, אז אין אים לעבן פארשיידענע מענטשן. איינער פון זיי פירט פינקטלעכע ספעציִעלע ארטילערישע כעזשבוינעס, ערנסט, אָנגעשטרענגט, דערלאָזט ניט אפילע קיין מינדסטן טאָעס, און דעריקער — ער באגעגנט א באליביקע געפאר קאלטבלוטיק, רוִיק, דער צווייטער איז א היציקער פארשוין: טרעפן זײַנע סנאריאדן אין ציל — קומט ער אין היספײַלעס, און אויב זיי פליִען דורך פארבײַ — ווערט ער אויסער־זיך, קנאקט מיט די פויסטן איבערן ברוסטוועך. נאָר מאלע־וואָס עס ווײַזט זיך עמעצן אויס. דאָוויד איז אן אומיטלבארער מענטש — אזא מין כאראקטער בא אים. אלץ — אָפן, אלץ — ווי א צוגווינט, אלץ — מיט דער פולער מאָס.

דער דריטער באטאליאָן האָט זיך איניינעם מיט די ארטילעריסטן געלאָזט אין וועג נאָך פארן שאריִען. דער פרימאָרגן האָט זיי אָנגעיאָגט גאנץ הויך — אינמיטן וועג.

דער טאָג איז געווען א שיינער. אזעלכע טרעפן זיך, ווײַזט אויס, בלויז דאָ, אף צאָפּן־קאווקאז, און נאָר אין טיפן הארבסט. דער בארגשפּיץ פונעם קאזבעק — אין א שניי־הוט, ארום אים שפּינט זיך א בלוילעך רויכל, און דער הימל איז, דוכט זיך, פּאָשעט א פּאָרזעצונג פון אָט דעם רויכל. די לופט איז ריין און פריש, זי פארשיקערט מאַמעש.

נאָר עפּשער איז דאָוויד שיקערלעך פּאָשעט פון פרייד, און דער טאָג איז שיין, און דער הימל הויך, און די לופט פריש דערפאר, ווײַל אף דער נעשאָמע ליגט שוין ניט קיין שטיין פון פארצווייפלונג. דאָוויד גייט עטוואָס אָנגעבייגט פּאָרויס, ווי געוויינלעך, ווען מע שפּאנט בארג־ארוף. ער איז ניט קיין הויכער, אָבער זײַן קווארקײַט מאכט אים שטאלטנע, און דער שינעל זעט הײַנט אויס ווי אף אים אָנגעמאָסטן, דאפקע ניט קיין אָפיצערישער, א פּאָשעטער, סאָלדאטישער, אונטערגעגארטלטער מיט א פּראָסטן סאָלדאטישן פּאסיק. אף דער רעכטער זײַט פונעם פּאסיק איז צוגעפעסטיקט א קאָבורע מיט א טראָפּיישן פּאראבעלום. די פלאנשעטקע הענגט אף א דין רימענדל לעבן דער קאָבורע. אף דער לינקער זײַט — א לעדערנער דיקער פעלד־טאש. די שטיוול בא דאָווידן זײַנען אויסגעפּוצט אזוי, אז זיי שײַנען מאַמעש. איינס אָבער האָט ער ניט באוויזן אופּטאָן — זיך אָפּגאָלן. ס'איז אוואדע ניט גוט, אָבער דאָס קאָן סײַווי ניט מינערן די פרייד. א מאָדנע זאך: ער ווייסט גוט, אז באלד וועט זיך צעפלאקערן א שלאכט, און בא אים איז אזא שטימונג, ווי ער וואָלט געגאנגען אף א סימכע.

די אראָפּגעפאלענע בלעטער זײַנען ווייך אונטער די פיס — ווי דו וואָלסט געשפּאנט אף אן איבערבעט. פון ביידע זײַטן שטעג זײַנען די קוסטעס קימאט אינגאנצן הוילע — מאלינעס, ווײַמפּערלעך, ווילדע פלוימען, עטוואָס ווײַטער וואקסן קליאָנען, גראבן, דעמבלעך. א גרויסער אומבאקאנטער שווארצער פויגל פליט דורך איבערן קאָפּ, שרײַט עפּעס אופּגעבראכט. דאָוויד באגלייט אים מיטן בליק. ער הערט ניט אוף צו שמייכלען. ער געדענקט ניט, ווען עס איז אים געווען אזוי גוט, ווי איצט. ער האָט געטראָגן א פארביטערט הארץ זינט יענער רעגע, ווען ער האָט דערזען אפן ראָסטאָווער שליאך די מיליטער־קאָלאָנעס, פארהילטע אין שטויב, וועלכע זײַנען געגאנגען, אָפּטרעטנדיק אין דער דאָרעם־ריכטונג. האגאם ער האָט דעמלט, פירנדיק זײַן באטארייע אף נײַע פּאָזיציעס צום טײַך טוזלאָווקע, לעכאטכילע זיך געצוווּנגען קלערן, אז דאָס האָט ניט קיין שײַכעס צו אים, צו זײַנע ווזוואָדן, צו זײַנע מענטשן, איז אים געווען גוט קאלעמוטנע אף דער נעשאָמע. דאָוויד וועט קיינמאָל ניט פארגעסן, ווי ער איז צעמישט געוואָרן, דערוויסנדיק זיך, אז מיט זײַנע אייגענע

אויגן באַבאַכטעט ער ניט קיין מאַנעווער פֿון אונדזער מיליטער, נאָר אַ טראַגישן צוריקמאַרש. און ווײַטער איז דען געווען לײַכטער? צי קאָן מען זיך מוחל זײַן די אופֿגעריסענע גאָוביצעס אויפֿן ברעג פֿונעם דאָן? און דעם צוריקמאַרש אַזש ביז די קאַווקאַזער בערג?

אַטאַקירן דעם פֿײַנט איז באַפֿוילן דעם דריטן באַטאַליאָן פֿאַרטאָג, דע־ריבער דערלויבט מען זיך מאַכן אַן אָפּשטעל אויף אָפּרו אין די באַראַקן פֿון דער געוועזענער אַרבעטס־קאָלאָניע, כאָטש דערקליבן האָט מען זיך אַהער נאָך פֿאַר שקיעה און ס'וואָלט געווען ווינטשנסווערט גלײַך אָנגרײַפֿן אויפֿן סוינע. וועגן דעם פֿריוואַל שיקט אַוועק דער קאָמאַנדיר פֿונעם דריטן באַטאַליאָן אַ ראַדיאָ־מיטיילונג אין שטאַב פֿון דער בריגאַדע.

אומגעריכט קלאָרט זיך אויס, אַז די באַראַקן פֿונעם לאַגער זײַנען ניט פּוסט — דאָרטן געפֿינען זיך איצט בעזשענצעס.

אין דער הילצערנער הײַזקע, וווּהין דאָוויד גייט אַרײַן, באַגעגנט אים געמיטלעך אַ יונגע פֿרוי מיט אַ קינד אויף די הענט. דאָס ייִנגעלע האַלט פֿעסט פֿאַרקלעמט אין זײַנע פּיצינקע פֿויסטן אירע שוואַרצע האָר און קלאַפּט פֿריידיק מיט די פֿיסלעך אין איר בויך.

— כ'וויל נאָך! נו, מאַם! נאָך וויל איך! — בעט אײַנגעשפּאַרט דאָס יאַטל.

דאָוויד בלײַבט שטיין אויף דער שוועל, ער ווייסט ניט, וואָס ווײַטער טאָן.

— לאָמיר פֿאָרן, מאַ! — פֿאָדערט דאָס ייִנגעלע.

און מיטאַמאָל דוכט זיך דאָווידן, אַז עס קלינגט בערעקס קעלכל, פֿון דער ווײַטעניש, פֿונעם פֿאַרוואָרפֿענעם טאָטערשן דערפֿל שרײַט ער צו אים, צום טאַטן: „לאָמיר פֿאָרן, פֿאַ!“ און דוסיעס ענטפֿער דערהערט באַלד דאָוויד: „שטילער, טרייסט מײַנער, מע טאָר ניט שטערן קיינעם, מענטשן זײַנען מיד“.

דאָוויד זוכט מיט דער האַנט אין קעשענע, דאָרט זײַנען נאָך אײַנדער־פֿרי געלעגן, פֿאַרוויקלטע אין אַ טיכעלע, עטלעכע שטיקלעך צוקער. מער האָט ער ניט מיט וואָס צו מעכאַבעד זײַן דאָס קינד.

דאָס יאַטל דערפֿרייט זיך מיט דער מאַטאָנע.

— אַ דאַנק! — זאָגט די פֿרוי.

דאָס ייִנגעלע כאַזערט איבער, ווי אַן עכאָ:

— אַ דאַנק!

„כ'האָב פֿאַרגעסן, וויאַזוי מע באַגייט זיך מיט פֿרויען און קינדער“, — קלערט דאָוויד, איבערטרעטנדיק פֿון איין פֿוס אויף דער צווייטער.

— וואָס זשע שטייט איר בא דער שוועל? — זאָגט די באַלעבאָסטע. — טוט זיך אויס. דעם שינעל קאָן מען אופהענגען אָן אף יענעם טשוועקל, — זי באַווייַזט מיט א ווונק אף דער וואנט.

לאנג רוען קומט אָבער ניט אויס. עפשער די ראַדיאָ־מיטיילונג, וועלכע דער באטאליאָן־קאָמאנדיר האָט איבערגעגעבן אין שטאב, אָדער די פארגרעסערטע סאקאָנע, אז מיַיראמאדאג קאָן פאלן, נאָר דער קאָמאנדיר פון דער בריגאדע האָט מיט א שיפרירטער ראַדיאָגראמע דערלויבט זיַין דריטן באטאליאָן גיין אין אָנגריף ניט אינדערפרי, ווי עס איז געווען פאָרגעזען אינעם אָנפאנג־באפעל, נאָר טאקע באלד. אטאקירן וועט די גאנצע בריגאדע. אלס סיגנאל אף אָנהייבן די אָפעראַציע וועלן דינען דריַי זאלפן פון די „קאטיושעס".

מיטיילנדיק וועגן דעם דאָווידן, פרעגט בא אים דער באטאליאָן־קאָמאנדיר:

— אין דער פינצטער קאָן מען פירן א צילגעווענדטן פיַיער, צי דו וועסט בלויז אָנשרעקן די פריצן?

— מירן ארויסלאָזן אין הימל באלויכט־סנאריאדן, כ׳גלייב, אז אלץ וועט זיַין אין אָרדענונג, — ענטפערט דאָוויד.

שאָטנס שעמערירן אין דער טונקלקיַיט. פארבאָרגענע שאָרכן רודערן די שטילקיַיט. אזוי רוישן אין פריַיען פרילינג די פרישגעבאָרענע ריטשקעלעך אונטערן רויקן שניי־צודעק. אזוי רינט צו די ביימער־שפיצן, צו די צוויַיגן, צו די קנאָספן דער זאפט פון דער ערד. קיין הימל איז ניטאָ, פון ביידע זיַיטן — בערג. און שאָטנס, שאָטנס. דערנאָך — א הוסט. א דערשטיקטער, ווי א קרעכץ. דאָוויד גאנוועט זיך מיטן אווטאָמאט דורך נאכט און שטילקיַיט. נאָך אים גייען זיַינע ארטילעריסטן. רעכטס און לינקס, פון פאָרנט און הינטער זיי — די סאָלדאטן פון דריטן באטאליאָן.

אין טאָל פאלן צו די שאָטנס צו דער ערד. פונדאנען וועט מען זיך א וואָרף טאָן אפן סוינע. עס פלאמען אוף דעם סוינעס באלויכט־ראקעטעס איבער זיַין פאָדערשטן ראנד. די ראקעטעס פלאקערן, און עס וויַיזט זיך אויס, אז די ערד וויגט זיך אין זייער פינטלענדיקן געלבלעכן פיַיער.

דאָוויד בעט דעם ראַדיסט, ער זאָל איַינשליסן די ראַציע.

די באטארייע רופט זיך אָפּ טייקעף, א סוואָרע, דאָרטן זוכט מען שוין לאנג זייער כוואליע אין עפיר.

אלע ווארטן אומגעדולדיק אפן סיגנאל. נאָר אונדזערע „קאטיושעס" צעגרילצן זיך פונדעסטוועגן אומגעריכט. העל־רויטע שיַיטערס צעבליַיען זיך אף דעם סוינעס פאָדערשטן ראנד. עס הודעט די ערד. גאָר נאָענט

טוען זיך א הייב אוף און לויפן פאָרויס, טופּענדיק, די פאַרהילטע אין דער טונקלקייט שאָטנס.

דאָוויד גיט אָפּ די קאָמאַנדע אף דער פייער־פּאָזיציע פון דער באַטאַרייע.

די אַרטילעריסטן קוקן זיך אָנגעשטרענגט איַין אין דער פינצטערניש. זיי דערוואַרטן זיך — א באַלויכט־סנאַריאַד צעשפּאַלט דעם הימל. איצט קאָן מען שוין אָנהייבן.

באַנאַכט הילכן די אופריַיסן בוילעטער און שטאַרקער ביכלאַל, בי־פראַט נאָך אין וואַלד און אין די בערג. עס דוכט זיך, אַז די האַרמאַטן־קוילן פּלאַצן דערנעבן, באַם באַרג צופוסנס.

דאָווידס פייַער־שקוואַל העלפט גוט דעם דריטן באַטאַליאָן אַטאַקירן די פאַשיסטן, נאָר סאָפּקאָלסאָף אַנטשטייט א מאָמענט, ווען אונדזערע סאָל־דאַטן גייען צו אַזוי נאָענט צום פייַנט, אַז דער פייַער־פאָרהאַנג פון דאָ־ווידס באַטאַרייע דראָעט צו פאַרשאַפן שאָדן ניט נאָר דעם סוינע. און דאָ־וויד איז געצוווּנגען אָפּשטעלן די שיסעריַי. עס גייט דורך איין רעגע, א צווייטע, די שלאַכט דויערט, ער אָבער איז דאָ ווי אַן איבעריקער. כמורנע איז געוואָרן אפן האַרצן. וווּהין זיך אַהינטאָן?

— מע דאַרף גיין פאָרויס, עפּשער פון דאָרטן זעט מען בעסער, וואָס עס קומט פאָר, — זאָגט דאָוויד. ער באַטראַכט אויפמערקזאַם זייַנע גע־הילפן.

זיי שוויַיגן שטרענג.

— נאָר ניט פאַרלירן די פאַרבינדונג מיט דער באַטאַרייע, — באַפעלט ער.

— פאַראַן, ניט פאַרלירן!

— אויב ס'וועט זייַן מעגלעך באַנייַען דאָס פייַער, וועל איך אָנקלינגען אין שטאַב פונעם באַטאַליאָן, און איר וועט שוין אַליין איבערגעבן מייַנע קאָמאַנדעס אף דער באַטאַרייע.

— פאַראַן!

— וויפל גראַנאַטעס פאַרמאָגט איר? אַנטלייַט מיר א פּאָר...

— עמעצער פון אונדז וועט גיין מיט אייַך.

— בלייַבט דאָ ביידע. אַזוי וועט זייַן בעסער.

דאָוויד טוט א שפּאַן אין דער פינצטערניש.

אַלץ נעענטער און נעענטער קוויטשען מינעס. קוילן קנאַקן אין די שטאַמען פון ביימער. א וואָיענדיקער שפּליטער טראָגט זיך דורך פאַרביַי דאָווידס אויער. אין אָט די קלאַנגען שפּינט זיך אַריַין א שווערער קרעכץ. עמעצער כליפּעט. יענעם טרייסט א צערטלעך קאָל:

— דײַנע פּיס זײַנען גאַנץ, טײַערינקער. מע דאַרף אַ ביסעלע לײַדן. ביסט דאָך אַ מאַנצבל...

דאָוויד פרעגט זיך אָן בא דער סאַניטאַרקע, וועלכע טראָגט אַף זיך אַ באַבערדיקטן מענטש:

— העלפן דיר?

— כ׳וועל יאַקאָס זיך אַליין ספּראַווען. העלפן דאַרף מען יענע, אַף דער פאָדערשטער ליניע. אויך מיר באַהעלפער! — אין קאָל אירן הערט זיך פאַראַכטונג.

ערשט איצט פאַרשטייט דאָוויד, אַז ער איז, ווײַזט אויס, ניט גערעכט. ער האָט ניט געטאָרט פאַרלאָזן זײַן אָרט לעבן דעם באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר, נאָר אַף אומקערן זיך צוריק קלעקט אים ניט קיין מוט. און ער שפּאַנט אַפגיך פאָרויס.

— אָ, אַרטילעריע! גוט, וואָס ביסט דאָ, — זאָגט צופרידן דער קאָמאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע, דערזעענדיק לעבן זיך דאָווידן. — פאַרשטייסט, כ׳האָב פאַרלאָרן די פאַרבינדונג מיטן קאָמבאַט. ערגעץ איז די ליניע ווידער צעשמעטערט. זעסט טראַסירנדיקע? אַ קוילנוואַרפער לאָזט אונדז ניט אופהייבן די קעפּ. פריטשמעליע אים, איך בעט דיך, מיט דײַנע האַרמאַטן...

וואָס ענטפערן דעם כאַווער? אַז ער, דאָוויד, איז אָנמעכטיק? צוליב וואָס זשע איז ער געקומען אַהער? דאָוויד טראַכט בלויז איין אויגנבליק. נאָר אין אָט דעם אויגנבליק באַווײַזט ער מיט דער אינערלעכער ריִע ווי־דעראַמאָל דערזען דעם האַמוין סטודענטן אין אַקטאָוון זאַל פון קאַזאַנער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, ווו ער שווערט זיך געטרײַ דינען דעם היימלאַנד; און דער מאַמעס אומעטיק געקניטשט פּאָנעם — אָט שטייט זי אַפּן וואָקזאַל, באַגלייטנדיק אים אין ווײַטן וועג; און דוסיען מיט בערעקן אַף די הענט...

— כ׳וועל דעם קוילנוואַרפער פאַרניכטן, — זאָגט דאָוויד.

— איך בעט דיך, — כאַזערט איבער דער ראָטע־קאָמאַנדיר. — זאָלן דײַנע האַרמאַטן אים אַ גלעט טאָן...

„ער מיינט, אַז כ׳האָב אַף זיי אויך איצט אַ שליטע, אָן זײַן פאַרבינדונגס־ליניע“, — שמייכלט ביטער דאָוויד.

און אָט פויזעט ער שוין אַנטקעגן די פליִענדיקע פײַערלעך — די גליִווערעמלעך. אָט די פײַערלעך זײַנען טראַסירנדיקע קוילן, דאָס זײַנען קוילנוואַרפער־רייען. עס דוכט זיך, אַז עמעצער דערנעבן צינדט שוועבעלעך, און פונקען שיטן זיך אַף דער ערד. דאָוויד האַלט אין די דלאָניעס צוויי קאַלטע גראַנאַטעס. ער צווייפלט, צי האָבן זיי אופרײַס־קראַפט,

צי ניין. עטוואָס שטערט אים זיך באוועגן דער אווטאָמאט, וואָס באָמבלט זיך אפּן האלדז. וויפל צײַט איז דורכגעגאנגען? א מינוט? א גאנצע אייביקײַט?

ווען דאָוויד דערקלײַבט זיך צו דער פײַנטלעכער פײַער־נעסט און הייבט זיך אוף, קעדיי א שלײַדער טאָן די גראנאטע, באמערקט אים איינער פון די קוילנווארפלער, נאָר עס איז שוין שפּעט: די „לימאָנקעס" טרעפן אין ציל. אָבער אין דער זעלבער רעגע, ווען זיי רײַסן זיך אוף, טוט עפּעס מוירעדיק א קלאַפּ דאָווידן אין אקסל.

17

נאָרשיין שטייט לעבן דעם רויטן ווינקל, האלטנדיק אין די הענט צוויי היפּשע בינטלעך ביכער. פונדערווײַטנס באמערקט זי אין האלב־טונקעלן קאָרידאָר דאָווידן. ער באוועגט זיך עפּעס צו פּאמעלעך, פארכאָלעמט, קוים וואָס ער רײַסט אָפּ די פיס פונעם דיל. פון דער זײַט קאָן זיך אויסדאכטן, אז דאָוויד איז שיקער. נאָר נאָרשיין ווייסט, אז ער טרינקט ניט. קוקט זי אף אים פארוווּנדערט.

פונוואנען זאָל זי טאקע וויסן, אז דאָוויד קערט זיך אום ניט נאָר פון דער באגעגעניש מיט די סטודענטן, וועלכע האָבן נאָרוואָס איבערגעשריבן אף א מאגניט־טאשמע די נייטיקע לידער — איצט ליגט אָט די טאשמע אינעם קארטאָן־קעסטעלע, וואָס ער האלט אין דער דלאָניע. נאָרשיין קאָן ניט וויסן, אז ער קערט זיך איצט אום פון ערגעץ ווײַט — פון דער שלאכט אין די קאווקאזער בערג.

אנטקעגן אנע ארנאָלדאָווגע שטעלט ער זיך אָפּ, טוט א טרייסל מיטן קאָפּ — קומט אײַנגאנצן צו־זיך: קערט זיך אום אין דער וואָר. ערשט דערנאָך נייגט ער זיך אָן און לייענט די אופשריפטן אף די רוקנדלעך פון די ביכער אין נאָרשיינס הענט.

— איר קרעכצט אונטערן יאָך פון דער וויסנשאפט? — זאָגט ער.

— פאר א פערד איז האָבער קיין לאסט ניט, — רופט זיך אָפּ נאָרשיין. — קעדיי אָפּצוזוכן איין פאסיק וואָרט, פּאטערטסטו צומאָל טויזנטער טאָן וואָרט־ארץ.

— און איך ברעך דעם קאָפּ, טראכטנדיק, ווו די ליטעראטור־פאָרשער שעפּן פאר זייערע טראקטאטן אזויפיל לאָשן־אויצרעס? — שמייכלט דאָוויד. — לאָזט זיך אויס, גאנץ איינפאך: מע אנטלײַט איינער באם אנדערן.

— איר ווייסט א בעסערן וועג? — דערוווידערט שטיפעריש נאָרשיין. — מיר, ליידער, איז ער ניט באַקאַנט. באַנוגן איך זיך מיט דעם, וואָס כ׳פאַרמאָג. אָבער דאָ דאַרף מען זיך באַגיין איידל, ווי דער אַלטגעבאַקענער אַספּיראַנטישער פּאָסעק באַפוילט: באָרג ניט בלויז בא איינעם — אַזעלכס רופט זיך פּלאַגיאַט, אויך בא צווייען איז ווייניק — דאָס וועט הייסן קאָמפּיליאַציע, שלעפּ בא דרייען — וועט עס זיין א דיסערטאַציע. ניט וויניקער ווי בא דרייען.

זי לאָזט אַראָפּ די בינטלעך ביכער אפן דיל, פאַריכט עלעגאַנט מיטביידע דלאָניעס די קורץ אונטערגעשאָרענע האָר:

— כ׳האָב אָנגענומען א מאַסע בעלעטריסטיק און כ׳ווייס ניט, וויאַזוי זי צו דערשלעפּן אהיים — זעט נאָר, וואָס פאַר א שלאַקסרעגן עס גיסט.

און נאָכאַמאָל דערפילט דאָוויד, אַז אָט די פרוי מיט איר סאַמעטענעם קאָל, מיט אירע אויגן, וועלכע ענדערן זיך אומגעריכט פון מאָל צו מאָל, איז א געפערלעך, אַלנפאַלס פאַר אים, באַשעפעניש, און מע דאַרף מיט איר זיין געהיט. דאָוויד טוט א גלעט די וואָנצעס.

פונדעסטוועגן איז דאָס טשיקאַווע, פאַרשיידענע סטיכיִעס קאָנען זיך צוזאַמענלעבן אין עם מענטשן. לעצטנס האָט אים דוסיע באַוויזן נאָרשיינס אַרטיקל, וועלכן די קאַטעדרע רעקאָמענדירט צום דרוק. ניט קיין גרויסע אַרבעט, אָן ערעך איין דרוקבויגן. איבערקערנדיק דאָס לעצטע זייטל, האָט דאָוויד פּלוצעם זיך געכאַפּט, אַז עס גלוסט זיך אים אָפּסניי א בלעטער טאָן דעם מאַנוסקריפּט. „אויסערגעוויינלעך!” — טוט ער א קלער מיט דערשטוינונג. ביז אַהער האָט ער איר גאָרניט געזאָגט וועגן זיינע איינדרוקן, וועט ער איר זאָגן איצט.

— כ׳האָב דאָ ניט לאַנג איבערגעלייענט אייער אַרטיקל וועגן פּלאָבערן און טאָלסטאָיען. אַן איינדרוקספולע אַרבעט!

— מיך באַפרידיקט עפּעס ניט אין איר, — פאַרויטלט זיך פון פאַרגעניגן אַנע אַרנאָלדאָוונע. — וואָס פינקטלעך, פאַרשטיי איך נאָך ניט. געוויינלעך, ווען איך שרייב, דוכט זיך מיר, אַז אַלץ איז גוט. הייב איך אָן פאַריכטן — מעק איך אויס א העלפט. אָט די אַרבעט האָב איך אָנגעשריבן גיך און גלייך איבערגעגעבן אף דער קאַטעדרע. ווייזט אויס, פון דעם קומט מיין אומצופרידנקייט. די אַרבעט האָב איך ניט רעדאַגירט. כ׳האָב פון איר געדאַרפט זיך אָפּרוען, דערנאָך זיך אומקערן ווידעראַמאָל צו איר.

דאָוויד טוט א קוק אף אַנע אַרנאָלדאָוונען מיט נייגער.

— אויב איר ווילט רעפעטירן, הייבט גלייך אָן, ווייל באַלד דאַרפן קומען אין רויטן ווינקל די סטודענטן, — זאָגט ער.

— איך האָב ניט מוירע. צײַט וועט מיר קלעקן, ווײַל אײַערע ליבלינגען, זײַט מיר מויכל, אײַלן זיך ניט סײַ אף די לעקציעס פון אײַער פאַקולטעט, סײַ ביכלאל צו דער לער. כ׳בין הײַנט אַרײַן אין צוזאַמענוווינונג צו די מיידלעך פונעם צווייטן פילאָלאָגישן און בלויז איינע געזען מיט א בוך. האָב איך שוין ספּעציעל אַרײַנגעקוקט צו די כעוורע פונעם אינדוסטריעל־פּעדאַגאָגישן פאַקולטעט — צווייען צייכענען, די איבעריקע בלאָנקען ערגעץ אַרום. ניט בעסער איז אפן ערשטן קורס פונעם פאַקולטעט, וועלכער גרייט לערער פאַר די אָנפאַנג־קלאַסן. כ׳האָב געשמועסט מיטן ערשטן קורס. „ווי האַלט עס בא אײַך מיט דער וויסנשאַפט, מיידלעך?” לאַכן זיי: „מיר הריזען זי”. „מיר באַקומען צו פיל פאַרגעבונגען, — ענטפערן זיי. — מיר דאַרפן אַזויפיל אופּטאָן, אַז מיר טוען גאָרניט”. איך וווּנדער זיך: „אַזוי טאַקע גאָרניט?” — „גאָט באַהיט! — קוועלן די קינפּטיקע לערערקעס. — אַז מע נויט אונדז, מוזן מיר זיך דרייען. כאָטש קיין צײַט איז ניטאָ, געפינט מען צײַט, אויב דער לעקטאָר פאָדערט. א סטודענט וועט שטענדיק געפינען צײַט, טו נאָר אף אים ווי עס באַדאַרף צו זײַן א קוועטש”. ווי געפעלט עס אײַך?

— איר טרײַבט איבער, — זאָגט דאָוויד. — יעדערער מיינט, אַז זײַן דאָר איז געווען בעסער...

— כ׳האָב ליב אָפּטימיסטן, — זיפצט נאָרשיין.

— כ׳וועל אײַך מער ניט אָפּווענדן, — זאָגט דאָוויד.

נאָר זי פאַרהאַלט אים:

— איך קאָן אײַך מיטיילן א גוטע נײַס: ס׳איז צוגעשיקט געוואָרן אן אײַנלאַדונג אף א באַראַטונג פון דעקאַנען פון די פאַקולטעטן פון געזעלשאַפטלעכע פּראָפעסיעס. גרייט זיך פאָרן קיין לענינגראַד.

— גרויסאַרטיק! מײַן טרוים.

— דאָרטן וועט איר טאַקע אויסקלאָרן, צי טוען מיר אַזוי, ווי מע באַדאַרף.

— אומבאַדינגט.

— איך מיין אויך, אַז מע וועט אײַך דאָרטן גוט אַרײַנלייגן אין די ביינער פאַר אײַערע אַפּיקאָרסישע שטיק.

— נישקאָשע!

— אַן אַקשן זײַנט איר! נו וואָס דאַרפט איר נאָך? איר האָט זיך אײַער פאַקולטעט — און א דאַנק גאָט. מע פאָדערט, ער זאָל זײַן — איז ער דאָ. ניט ערגער, ווי בא לײַטן. פון יעדערן לויט זײַנע פייִקײַטן. באַנוגנט זיך מיט דעם, וואָס ס׳איז פאַראַן, — רעדט אײַן דאָווידן נאָרשיין, — דערווײַל איז דאָס סאַמע ווערטפולע אף אײַער פאַקולטעט — די קינסטלערישע

זעלבסטעטיקײט. איר זײַט ניט גערעכט, װען איר װילט זיך אָפּטרײסלען פון איר.

— אונדזער זאַך איז אױסלערנען די סטודענטן אָרגאַניזירן די זעלבס־טעטיקײט, — דערװידערט דאָװיד. — אָרגאַניזירן! און ניט מאַכן א טענצל צי זינגען א לידל. מע טאָר ניט פאַרװאַנדלען דעם פאַקולטעט אין א טעאַטער. אונדזער אױפגאַבע — גרײטן פאַר אים אָנפירער.

— זאָל זײַן אַזױ, — טוט א שמײכל נאַרשײן. — נאָר די אָנפירער, װעלכע איר גרײט, דאַרפן דאָך אַלײן קענען טאַנצן, זינגען, שפּילן. איז זאָלן זײ שפּילן ניט אין פּוסטע זאַלן, נאָר אױף עפנטלעכע קאָנצערטן.

— אַדעראַבע. נאָר ניט אין דעם איז דער איקער. בײַ אונדז אָבער שאַצט מען די אַרבעט פונעם פאַקולטעט אָפּ לױט פון זײַן קאָנצערט־טעטיקײט.

א צעהיצטער, דערװײַזט דאָװיד, אַז זײַן פאַקולטעט לערנט די סטו־דענטן פירן א פאַרשײדנאַרטיקע אױסערקלאַסן־אַרבעט אין שול, און דאָס איז ניט נאָר זעלבסטעטיקײט.

אײַנהערנדיק זיך אין דאָװידס רײד, קלערט אַנע אַרנאָלדאָװנע װעגן דעם, אַז ער װאָלט געקענט, װען ער זאָל האָבן כּײשעק, אינטערעסאַנט פאַראַלגעמײנערן זײַן דערפאַרונג. אָבער, װי זי פאַרשטײט, ציט אים ניט צו פאָרשערישער אַרבעט. א שאָד. יעװדאָקיִע פּעטראָװנע איז גערעכט, װאָס זי זידלט אים דערפאַר.

— כ׳װעל זיך דערװעגן פאַרלײגן אײַך אַן אידײ, — זאָגט נאַרשײן מיט איר סאַמעטענעם גנײװישן קאָל. — א פּען האָט איר, געדאַנקען פאַר־מאָגט איר, שרײַבט אָן א רעפעראַט, װי אַזױ צו פאַרמירן בײַ די סטודענטן דעם געשמאַק צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דאָס איז א װיכטיקע און נײטיקע טעמע. אַן אַקטועלע. א גוטער אַדעראַף אױף א דיסערטאַציע. און איך גלײב, אַז אַט די טעמע װעט האָבן א דערפאָלג. איבערהױפּט בײַ אײַך — איר קענט אַלץ...

— אױך אײַך, הײסט עס, געפעלט ניט, װאָס כ׳האָב ניט קײן װיסנ־שאַפטלעכן טיטל, — זאָגט דאָװיד. — אַן אַרמײ קאָן דען דורכױס באַשטײן פון אָפיצערן? אָן סאָלדאַטן איז אוממעגלעך. מײַן אַמפּלואַ איז — זײַן א סאָלדאַט.

— א סאָלדאַט זײַנט איר א זיכערער. אָבער אין אָפיצערישן קאָרפּוס װאָלט איר דאָפקע יאָ געמעגט פאַרנעמען אַן אָרט.

— פאַר מיר איז עס צו פיל, — טוט א מאַך מיט דער האַנט דאָװיד.

זײַנע אױגן, פאַרגרעסערטע אין די קװאַדראַטע גלעזלעך פון די ברילן, זעען אױס אָנגעשװאָלן.

— אײַך איז שוין צײַט עפּעס־װאָס איבערבײַסן, דאַוויד איסײַעוויטש, — זאָגט פּלוצעם נאָרשיין. — א גאַנצן טאָג זײַנט איר אין אינסטיטוט.

— בא מיר איז אַן אייגנאַרטיקע נערוונג־סיסטעם, — שפּאַסט דאָוויד. — אינדערפרי עס איך אַלץ מיטאַמאָל: אָנבײַסן, וואַרמעס און וועטשערע. עס רעקאָמענדירט זיך נאָך דערבײַ צוליב שטאַנדהאַפטיקײַט ציגן־מילך, נאָר פון אַט דער מאַשקע פּלאַצן מײַנע ברילן.

— אויב אַזוי, פאַרבעט איך אײַך צו זיך, אַף מײַן רעפּעטיציע, האָ?

אין רויטן ווינקל העלפט דאָוויד אַנע אַרנאָלדאָוונען אַרופשטעלן אירע פּעקלעך ביכער אַף דער ברייטער פענצטער־ברעט. נאָרשיין נעמט אַראָפּ פון זיך דאָס קאָפּטל, הענגט עס אויף אַפן בענקל. זי בלײַבט אין אַן איידעלער דורכזיכטיקער בלוזע.

נאָרשיינס פּראָגראַם איז א פאַרשיידנאַרטיקע. לעשעם דאָווידן אַקאָמפּאַנירט זי זיך אַליין און זינגט לײַכט. זי וויל, עס זאָל אים געפעלן ווערן. זי זינגט צוערשט לירישע לידער, דערנאָך שטיפערישע. אָט, קלוימערשט אַן איבערגעשראָקענע, טוט זי א צי מיטן אַקסל, טוט א ברעך די ברעם און לאָזט זיך אוועק פריילעך, געפעפערט דערציילן, סאַרא לוסטיקע זי איז. אין אירע אויגן שפּרינגען שרעטעלעך.

מיטאַמאָל ווערט זי אַנשוויגן, פירט צונויף די ברעמען אַזוי, אַז בלויז א טיפער קנייטש טיילט זיי אָפּ איינע פון דער אַנדערער. זי פרעגט דאָווידן:

— די מוטער־שפּראַך געדענקט איר נאָך?

— כ'ווייס ניט. ס'קאָן זײַן.

— אויב אַזוי, הערט.

נאָרשיין רײַסט אַרויס פון דער פּיאַנינע עטלעכע אומרויִקע אַקאָרדן, און דאָוויד ווערט פאַרציטערט. אומבאַקאַנטע, אָבער אייגנצײַטיק נאָענטע, טײַערע קלאַנגען עגבערן די נעשאָמע. וואָס איז געשען מיט אַנע אַרנאָלדאָוונען, פאַרשטייט ער ניט. וואָס האָט פּאַסירט מיט אים אַליין, ווייסט ער אויך ניט. ער איז פאַרגאַפט. ווײַזט זיך אַרויס, אַז אַלע ווערטער געדענקט ער. פאַרבאָרגענע אין די טיפסטע טיפענישן פונעם זיקאָרן, וואַכן זיי אויף, ווי עס וואָלטן ניט אַדורך לאַנגע יאָרן צעשיידונג מיט זיי...

נארישער באָכער, נארישער קאָפּ,
האָסט דאָך ניט קיין סייכל אַף קיין טראָפּ...

אַנע אַרנאָלדאָוונע קלאָגט זיך:

מע דאַרף ניט זײַן שיין,
מע דאַרף ניט זײַן פײַן,
מע דאַרף ניט זײַן קלוג —
מע דאַרף נאָר האָבן גליק...

דאָוויד שווײַגט. אויך בא אַנע אַרנאָלדאָוונען זײַנען די ליפּן פאַרפרעסט. עפּעס פאַרייניקט זיי איצט ביידע. אַזוי נאָענט צווישן זיך זײַנען זיי קיינמאָל ניט געווען.

נאָרשיין זאָגט שטיל:

— איצט לאָזט מיך איבער אײנע אַליין, איך בעט אײַך.

און נאָך איידער דאָוויד גייט אַרויס, בייגט זי אָן דעם קאָפּ איבער איר צעעפנטן נאָטן־העפטל, הייבט אָן שרײַבן אַהין מיט איר שאַרפן שפּרינגענדיקן קסאַוו איין נאָטן־שורע נאָך דער צווייטער. זי פלעכט פון די נאָטן־צייכנס אַ שוואַרצע קייט, און עס קומט פאָר אַ געוויינלעכער קישעף — עס ווערט געבוירן מוזיק.

פאַריכטנדיק עטלעכע מאָל די פּריזור מיט איינער און דער זעלבער באַוועגונג פון דער האַנט, הערט זיך נאָרשיין אײַן אין איר אינווייניקסטן קלאַנגען־געווירבל און טראָגט אַרײַן אויסבעסערונגען אינעם מאַנוסקריפּט. אַנע אַרנאָלדאָוונען איז אָנגענעם צו פילן, אַז עס באַקומט זיך בא איר, די קלאַנגען זײַנען איר אונטערטעניק און געהאָרכזאַם.

דאָוויד האָט ליב לידער פון קליינערהייט. אין זיקאָרן איז פאַרקריצט, ווי אַ קוטשעראַוועדיק יונגאַטשל אין אַן אָפּגעבליאַקעוועט בעגעדל שפּאַנט איבער אַ ביז גער אויסגעצוואָגענער ברייטער דיל־ברעט און זינגט הייס: „דרייסטער די טריט, כאַווײרים, אין קאַמף מירן שטאַרקן די זעל, מיט לײַב און מיט לעבן דערגרייכן מיר וועלן פון פרײַהײַט די שוועל“.

דאָס יינגעלע פאַרגעסט, אַז ער זינגט פאַר אַ פרעמדער, פאַר דער באַלעבאָסטע פון דער שטוב, וווּ זײַן מישפּאָכע האָט געדונגען אַ פּיצינק צימערל, אַז ער זינגט צוליב אַ שטיקל פרעכטיקן לעקעך. די נעפּמאַנשע האָט פונדערווײַטנס אַ ווײַז געטאָן אויף דער דלאָניע אָט דאָס ריפּטל טאָרט און צוגעזאָגט:

— פאַרדין, וועסטו עס באַקומען, דאָדיק. הא, ווילסט?

פאַרשטייט זיך, אַז ער וויל. טאַטע־מאַמע פאַרמאָגן ניט אַזעלכע נאַשערײַען. און ער שפּאַנט אַנטשיידן, פאָכעט מיט די הענט אין טאַקט פון דער ליד. ער איז באַצויבערט, ער ווייסט אָבער די ווערטער בלויז פון דעם ערשטן קופּלעט און כאַזערט זיי איבער דרײַ מאָל. אים דוכט זיך,

אז עס איז גענוג, אז ער האָט ערלעך אָפּגעאַרבעט, און ער ווערט אַנשוויגן, בלײַבט שטיין אַנטקעגן דער שמייכלענדיקער באַלעבאָסטע, טוט וואַרטנדיק אַ קוק אויף איר גרויסן קאָפּ, אויף איר זאַט פּאָנעם, באַטראַכט דעם געקנייטשטן שראַם אויף איר באַק. די באַלעבאָסטע שאָקלט מיט דעם קאָפּ, דער שראַם, אַרום וועלכן עס וואַקסן קורצע שוואַרצע הערעלעך, טוט זיך דערבײַ צוערשט אַ הייב אויף, דערנאָך אַ לאָז אַראָפּ אינײַנעם מיט דער באַק.

— וואָס זשע ביסטו פאַרשטומט געוואָרן, בושעוויק? — זשמורעט אָן די באַלעבאָסטע אירע אויגן אויף דעם קליינטשיק מענטשל, באַטאָנענדיק אינעם לעצטן וואָרט דעם דריטן טראַף. דאָווידקע האָט קיין אַנונג ניט וועגן דעם, אַז די נעפּמאַנשע רופט די באָלשעוויקעס מיטן צעקאַליעטשעטן וואָרט בושעוויקעס, אָבער אין קאָפּ אירן פּילט ער פאַלשקײַט און שפּיצט אָן די אויערן:

— מע דאַרף נאָך?

— וואָדען. איך נעם שטענדיק פאַר מײַנס מיט דער פולער מאָס. איך דאַרף רעווען. נו, שטעלן פיסלעך, איינס, צוויי...

און דאָווידקע הייבט אָן ווידער: „דרייסטער די טריט, כאַווײרים”, ער ווייסט אָבער בלויז פיר שורעס...

— שווינדלסט, בושעוויק! אַ פײַג וועל איך דיר געבן, ניט קיין לעקעך. לעך לעכאָ!

דאָווידקע שווײַגט דערשיטערט. טרערן טריפן פון די אויגן.

דערנאָך פלעגט ער פריילעך זינגען זײַנע לידער אין שול, אין דער אַגיטבריגאַדע „בלויע בלוזע”. מיט פיל יאָרן שפּעטער, אין דער מיליטערישער שול, בײַם דער קאָמאַנדע: „זאַפּעוואַלעס, פאָרויס!”, פלעגט דאָוויד זיך שטעלן בעראָש פון דער קאָלאָנע און מיט זײַן געזאַנג פירן די קורסאַנטן פון קאַזאַרמע צום הויפּט־פּלאַץ אויף איבונגען און צו די שטאַלן — קעמען, רייניקן און האָדעווען די נאַרוואָס מאָביליזירטע קאָלווירטישע פערד, גרייטנדיק זיי אין שפּאַן פאַר די האַרמאַטן. דאָווידס קאָל איז ניט קיין מעכטיקס, נאָר ער סטאַרעט זיך, און עפּעס־וואָס באַקומט זיך באַ אים יאָ, די כאַווײרים אַרטילעריסטן האַלטן אים אונטער, זינגען מיט אים אינײַנעם, באַזונדערס וווּליוונגעריש, ווען מע שפּאַנט צום שפּײַז־בלאָק עסן.

דאָס גאַנצע לעבן האָט דאָוויד ליב מוזיק, לידער. הײַנט האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים מיטן פאַרשריבענעם פּלאַט. ער שלעפּט פאָרזיכטיק אַרויס פונעם צעלאָפאַן־זעקל דעם דיסק — אַ גרויסן, פּעכיק־שוואַרצן,

שטעלט אים אוועק אפֿן מאגניט־רעדל, און עס צעגיסט זיך די ערשטע מעלאָדיִע. דאָוויד פֿארמאכט די אויגן. אָט אזוי האָט ער ליב צו הערן מוזיק.

ער ווייסט נאָך ניט דערוויַיל, אז אין פֿאָדערצימער הערט זיך איַין פֿארקישעפֿט אין די ניגונים עליק, וועלכער איז נאָרוואָס אריַין פֿון דער גאס, ניט באוויזן אפילע אראָפּשלעפֿן די שיך. דערפֿילנדיק דעם זונס אָנ־וועזנהיַיט, טוט דאָוויד א קער דעם קאָפּ און שמייכלט. עליקס אנציקונג פֿרייט דאָווידן. דער זון, הייסט עס, פֿארגעסט ניט יענע מעלאָדיִעס, מיט וועלכע דער פֿאָטער פֿלעגט אים, א פּיצינקן, פֿארוויגן. און טאקע דערפֿאר דערלויבט אים דאָוויד אליין דרייען דעם פּלאט מיט די לידער. ער וואָרנט אים בלויז:

— זע, זיַי געהיט, זאָלסט אים, כאָלילע, ניט צעברעכן.

צום מאגניטאָפֿאָן אפֿן הויכן טישל דערלאנגט נאָך ניט עליק, רוקט ער צו א בענקל, קלעטערט ארויף אף אים אָן די שטעקשיך, בלויז אין שקאר־פּעטקעס, און טוט א קוועטש דעם נייטיקן קלאוויש. פֿארגאפֿט קוקט ער, ווי עס דרייט זיך דאָס פֿלאכע שווארצע טעלערל, וואָס האלט אין זיך פֿארבאָרגן אזויפֿיל קלאנגען, ווונדערלעכע קלאנגען.

עס קומט צו גיין די מאמע — זי דארף פֿונעם ביכער־שראנק נעמען עפּעס א בוך, עס סקריפּען אונטער אירע פֿיס די דיל־ברעטער.

— שאָקל ניט, — בעט עליק. — די נאָדל שפּרינגט.

— עפּשער וואָלט שוין געווען גענוג צו ראשן, — זאָגט די מאמע. — איך דארף ארבעטן.

— נו, מאמע, — כניקעט עליק און קוקט אפֿן טאטן, וועלכער באוויַיזט זיך אף דער שוועל פֿון דער קיך.

— קאָנסט זיך ניט אָנזעטיקן? — דאָוויד דערנעענטערט זיך צום זון, לייגט ארויף די האנט אף זיַין אקסל.

— אזא שיינער פּלאט!

דאָוויד שמייכלט:

— מירן אים דערלויבן נאָך א ביסעלע האנאָע האָבן?

— וואָלט איך געהאט אן איזאָלירטן קאבינעט, איז קערט איבער די גאנצע שטוב, — רופֿט זיך אָפּ די מאמע און גייט אוועק אין שלאָף־צימער. דאָוויד גייט איר נאָך.

— וויפֿל מאָל דארף איך דיר בעטן, — פֿאלט אָן דוסיע אפֿן מאן, ווען

ער פארמאכט שטילערהייט די טיר צו עליקן.— איינע פאָדערונגען דארפן זײַן בא אונדז, אויב מיר ווילן, אז עליק זאָל אויסוואקסן א לײַט.

— אָבער דער באָכערעץ איז גערעכט, צומאָל קומט אויס עפּעס־וואָס אים נאָכגעבן.

— ווייניק גיב איך אים נאָך? — כמורעט אָן די ברעמען דוסיע.

— איך האָב אונטערגעהאלטן עליקן דערפאר, ווײַל דאָס איז ניט קיין קאפריז, נאָר א באזיניקטער באגער.

— גראָבקײַט און סייכל זײַנען ניט קיין פּאָר. עליק פאָדערט ווייס איך וואָס, און דו שטיסט נאָך אונטער. א פײַנער לערער...

דאָוויד זיפצט: „ווידער איז זי גערעכט. אָבער עס גייט דאָך דאָ ניט אין גערעכטיקײַט — אינעם עמעס גייט דאָ". דוסיעס עגאָיזם האָט אים קיינמאָל ניט געשראָקן, ווײַל ער פלעגט זיך אנטפלעקן מערסטנטייל בלויז אין קלייניקײַטן. אָבער איצט פארשטייט מיטאמאָל דאָוויד, אז ער האָט דערלאָזט א פעלער.

— דער עמעס איז א שווערע זאך, — זאָגט שטיל דאָוויד.

— ער דארף העלפן לעבן, ניט שטערן, — שנײַדט אָפּ, ווי מיט א מעסער, דוסיע. — דאָס האָט, אגעוו, א שײַכעס אויך צו דײַן שרײַבערײַ. פאטערטסט אזויפיל צײַט אף דער רועך ווייסט וואָס...

18

דעם סוינעס קוילנוואָרפער איז דאָווידן געלונגען צו פארניכטן, נאָר ער אליין איז פארוווּנדעט געוואָרן — א קויל האָט דורכגעלעכערט זײַן אקסל. לעכאטכילע איז ער עטוואָס צעמישט געוואָרן, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז דאָס איז שוין דער סאָף פון אָט דעם וויכטיקן געראנגל בא אים, אָבער אין עטלעכע מינוט ארום האָט ער פארשטאנען, אז ס'איז ניט אזוי מעסוקן, די וווּנד איז א לײַכטע, די קויל האָט דעם ביין ניט פארטשעפּעט, און ער וועט ניט דארפן דרינגענד פארלאָזן דאָס שלאכטפעלד.

דערזעענדיק אים ווידעראמאָל לעבן זיך, טוט דער קאָמאנדיר פון דער צווייטער ראָטע צופרידן א שטופּ דאָווידן מיט דער דלאָניע אין זײַן פארוווּנדעטן אקסל:

— דער קאָמבאט זוכט דיך, דו ווייסט?

— ניין.

— מע דארף העלפן דער ערשטער ראָטע, — דערקלערט אים דער ראָטע־קאָמאנדיר.

— מײַן טעלעפאָן־ליניע ארבעט שוין. כ׳וועל דיך באלד פארבינדן. בײַ־כלאל ביסטו א יאט, דו שיסט גוט. א דאנק.

דאָוויד שאָקלט מיטן קאָפּ און פרעגט:

— אָן אינדיווידועלער סאניטאר־פּאקעט איז בא דיר פאראן?

— צוליב וואָס?

— מיר דוכט זיך, אז עס וואָלט ניט געשאט איבערבינדן דעם אקסל.

ביזוואנען א סאניטארקע צעשפּיליעט זײַן גימנאסטיאָרקע, הייבט אָן זי אראָפּשלעפּן פון אים איבערן קאָפּ, טראָגט אים אונטער דער ראָטע־קאָמאנדיר דאָס טרײַבל פונעם פעלד־טעלעפאָן.

— רעד מיטן קאָמבאט, — זאָגט ער הייזעריקלעך.

דער ערשטער ראָטע מוז מען טייקעף העלפן. דאָוויד פרעגט באם קאָמ־באט, צי זעט יענער ניט בא זיך אפן באאָבאכטונג־פּונקט זײַנע ראדיסטן. יאָ, די ראדיסטן ווארטן אף א באפעל. און דאָוויד גיט זיי איבער א קאָ־מאנדע:

— אָרזענטיר נומער דרײַ. איין באלויכט־סנאריאד, דער גאנצער בא־טארייע, פײַער!

דאָווידס קאָמאנדע דערגייט צו די הארמאטן, די ארטילעריסטן טוען דאָס, וואָס מע האָט זיי אף אזא אומגעוויינלעכן אויפן באפוילן, און איב־גיכן וואכן אוף פיר ראקעטע־לאמטערנס איבער די פײַנטלעכע פּאָזיציעס אנטקעגן דער ערשטער ראָטע, וואָס ליגט אף דער ערד און האָט ניט קיין מעגלעכקײַט פּאָרזעצן די אטאקע. איצט זעט דאָוויד אויסגעצייכנט דעם סוינעס שטיץ־פּונקטן, אף וועלכע די ערשטע ראָטע האָט זיך אָנגעשטויסן און וועלכע מע דארף פארניכטן, לעכאָלהאפּאָכעס דערשטיקן. און דאָוויד גיט גלײַך איבער אף זײַן באטארייע א ווײַטערדיקע קאָמאנדע. איינצײַטיק הייבט ער אוף די האנט, קעדיי דער סאניטארקע זאָל זײַן גרינגער אים א־בערצובינדן.

דעם סוינעס שטיץ־פּונקטן זײַנען באשטאנען קוידעמקאָל פון טאנקען און אָטריאדן אינפאנטעריע ארום זיי — דאָוויד האָט אין דער שײַן פון זײַנע באלויכט־סנאריאדן אָנגעציילט זעקס אזעלכע פײַנטלעכע אָטריאדן. ער וואָלט געוועזן א באלן באשיסן אלע פאנצעו׳ן מיטאמאָל, אָבער אין דער

לעצטער ווײַלע האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן: בעסער זיי דערשטיקן אײנציק־ווײַז, זיך אָנוואַלגערן אַף יעדער שטיץ־פּונקט מיטן פֿײַער פֿון דער גאַנצער באַטאַרייע. און אַזוי טוט ער טאַקע. דעם ערשטן קלאַפּ גיט ער אײנמיטן. די ערשטע האַרמאַטן־קויל איז צום טאַנק ניט דערפֿלויגן, נאָר דאָוויד קאָרעגירט אַפּגיך דעם וויזיר — פֿאַרגרעסערט אים און שיקט איבער אָט דעם באַנײַטן פֿריצעל אַף די פֿײַער־פּאָזיציעס. די צווייטע קויל היפּערט איבער דעם פּאַנצער: אַ „גאָפּל“, ווי די אַרטילעריסטן רופֿן עס. איבער־כאַזערן דעם וויזיר און מיט נאָך איין שאָס פֿון איין האַרמאַט זיך איבער־צײַגן, אַז דער „גאָפּל“ איז אַ באַוואָרנטער, האָט ער ניט קיין צײַט, און דאָוויד באַפֿוילט שיסן מיט אָט דעם פֿריצעל שוין דער גאַנצער באַטאַרייע. דאָס איז געווען אַ ביז גאָר געלונגענער זאַלפּ — דער פֿאַשיסטישער טאַנק האָט זיך צעפֿלאַקערט, ווי אַ שײַטער.

— אהאַ! דו ברענסט! — קאָן דאָוויד זיך ניט אײַנהאַלטן פֿון אַ יובלדיקן געשריי.

איצט טראַגט ער זיכער איבער דאָס מאַסירטע פֿײַער פֿון דער באַטאַ־רייע אַף דעם צווייטן פֿײַנטלעכן שטיץ־פּונקט, דערנאָך אַף דעם דריטן, און אַזוי אַף אַלע איבעריקע, ביזוואַנען דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר בעט אים איבעררײַסן דאָס פֿײַער, ווײַל די ערשטע ראָטע הייבט זיך אויף אין אָנגריף.

אויך אינדערפֿרי, ווען עס קלאָרט זיך אויס, אַז די צענטע גוואַרדיי־שע בריגאַדע האָט איר פֿאַרגעבונג גלענצנד פֿאַרווירקלעכט — מיט אַ דאָפּלטן קלאַפּ געהאָלפֿן די פּאַרטיידיקער פֿונעם ישעוו מײַראַמאַדאַג ניט דורכלאָזן דעם פֿײַנט צום סואַרער שפּאַלט, האָט אַלץ אין דאָווידן געיובלט. ער איז פּאָשעט געווען גליקלעך, אויב עס איז בכלל מעגלעך גליקלעך צו זײַן אין מילכאָמע־צײַט.

שפּעטער, ווען עס האָבן זיך אַף אים אָנגעוואַלגערט ביז גאָר אומגע־ריכטע ניסיוינעס, איז אים געלונגען אויסצושטיין, פֿאַרבלײַבן אַ מענטש, קוידעמקאָל עפּשער דערפֿאַר, ווײַל בא אים זײַנען פֿאָרט געווען אָט די קאַווקאַזער שלאַכטן, די בערג, דער באַגײַסטערטער געפֿיל פֿון מײַסטער־שאַפֿט.

19

מיט אַן ענטפֿער־וויזיט צו יעוודאָקיִע פּעטראָוונען קומט נאָרשיין נאָך איר רעפּעטיציע אינעם רויטן ווינקל. זי איז אויפֿגערעגט, צערודערט, פֿאַר־פֿלייצט מיט אומפֿאַרשטענדלעכע פֿאַרלאַנגען. געקומען איז זי אַ סאַך

פריִער, ווי זיי האָבן זיך צונויפגערעדט, און ווען דוסיע, פארענטפערנדיק זיך, באמערקט, אז זי דארף באלד גיין אף א קאָנסולטאציע צו די סטודענטן, ווערט נאָרשיין אומעטיקלעך.

— א שאָד, כ׳האָב ניט פאָרויסגעזען, — זאָגט זי, קוקנדיק, ווי די באלעבאָסטע פארקעמט די האָר.

— די מיידלעך בעטן.

— איר אייסעקט זיך מיט זיי א סאך. פון אָט די גראָבע קעפּ קאָן מען אליין פארטעמפּט ווערן.

— פאראַן פייִקע סטודענטקעס.

— אזוי האלט איר? מיר איז דערווײַל נאָך ניט געלונגען אָפּזוכן צווישן זיי העלע פּערזענלעכקײַטן. ווער קומט אָן אין פּעדאגאָגישן אינסטיטוט? שאָלעכץ, אויסגעצערטע אייפעלעך. די קענטענישן דארף מען זיי גלײַך אין די פּיסקעס ארײַנרוקן, אנדערש וועלן זיי ניט ארײַנשלינגען. — אנע ארנאָלדאָוונע טוט א קנייטש מיט די אקסלען. — בא אונדז איז ניט קיין ווייסנשאפט־טעמפּל, נאָר א קוסטארן־ווארשטאט. א שאָד, א שאָד, — כאזערט זי איבער, — נאָר ביזן אינסטיטוט וועל איך אײַך באגלייטן, יעוודאָקיע פּעטראָוונע, ניט ווײַטער. איר נעמט מיך מיט? און איר? — נאָרשיין טוט שפּילעוודיק א קוק איבערן אקסל אף דאָווידן. — איר האָט כיישעק זיך דורכשפּאצירן מיט די דאמעס?

— ריכטיק, קום, — האלט אונטער דוסיע נאָרשיינס פאָרשלאָג, — אָן איבעריקס מאָל דורכשווענקען די מויכעס מיט פרישער לופט וועט דיר לאכלוטן ניט שאטן.

אף די טרעפּ |פונעם לייטער טוט זיך נאָרשיין מיטאמאָל א שאָקל, פארקלעמט מיט אן אויסגעשריי דאָווידס פינגער און האלט זיי פעסט אזוי אין אירע הייסע, ביזן סאמע צופוסנס פונעם לייטער.

— מע וואָלט געדארפט דאָ א לעמפּל אופהענגען, — מוסערט זי דאָווידן. — מע קאָן דאָך דאָ ברעכן רוקן־און־לענד.

אין הויף איז אויך פינצטער. די גאסן־לאמטערנס האָט מען נאָך ניט אָנגעצונדן. אנע ארנאָלדאָוונע נעמט אונטער די אָרעמס דוסיען און דאָווידן.

— א טרויעריקער אָוונט שטייט מיר פאָר, — קלאָגט זי זיך, — אין מײַן ווינקל. אָנגענעם איז מיר בלויז מיט אײַך און בא אײַך. ווייסטן

ווען זיי קומען צום אינסטיטוט, נעמט אנע ארנאָלדאָוונע ארויס איר האנט פון אונטער דוסיעס עלנבויגן, דאָווידס האלט זי אוף.

— באגלייט מיך, זײַט זיך מאטריִעך. קיינמאָל דערטראכט איר זיך ניט

צו אזא פּאָשעטן איניען, — זאָגט זי מיט פאָרוואורף. — יעוודאָקיִע פּעטראָוונע, באַפוילט דעם מאַן, ער זאָל מיך באַגלייטן.

— מיט א באַדינג, אַז איר וועט אים אומקערן גאַנץ און אומגעשעדיקט, — שמייכלט דוסיע.

— דאָס זאָג איך אײַך צו.

אנע ארנאָלדאָוונע וואַרט, ביז דוסיע הייבט זיך אוף אף דעם גאַנעק פונעם אינסטיטוט און פאַרשווינדט הינטער די באַגלאָזטע טירן פונעם וועסטיביול. נאָך דעם ווערט זי מיטאמאָל אומרויִק.

— איך געפעל זיך ניט אליין די לעצטע צײַט, — זאָגט זי אײַלנדיק, שלינגענדיק די ווערטער, ווי זיי זאָלן איר בריִען דעם גומען. — כ׳בין עפּעס געוואָרן צו זשעדנע. עפשער דערפאַר, ווײַל כ׳האָב שוין דערגרייכט צו יענעם פּרויִשן עלטער, ווען אלץ, וואָס איז טײַער דעם לעבעדיקן מענטשן, איז נאָך צוגענגלעך, צוטריטלעך, מעגלעך און געווונטשן, אָבער ווײַטער... אף וואָס האָפן ווײַטער?

ביז איר הויז זאָגט מער נאָרשיין גאָרניט, זי שפּאַנט גיך, אָטעמט אופּגעריסן, קלעפּנדיק זיך צו איר באַגלייטער און ציִענדיק אים האסטיק נאָך זיך. ערשט באַם ארײַנגאַנג, צעעפענענדיק דעם רידיקיול, קעדיי דערלאַנגען פון דאָרטן דעם שליסל, זאָגט זי:

— מיט אײַך איז אפילע שווײַגן א פאַרגעניגן.

און באַלד, גלײַך זי וואָלט נאָרוואָס זיך דערמאָנט וועגן דעם, דערקלערט זי:

— איך דאַרף אומקערן יעוודאָקיִע פּעטראָוונען דעם מאַנוסקריפּט פון איר בראָשור, וואָס זי האָט מיר געגעבן איבערלייענען. קומט ארײַן, וועט איר אים נעמען.

ניט פּאָשעט איז געלונגען אנע ארנאָלדאָוונען טרעפן מיטן שליסל אין דער שלאָס־לאָך.

דורכלאָזנדיק פאָרויס דאָווידן, פאַרמאַכט זי מיט א טראַסק נאָך זיך די טיר, באַווײַזט אויגנבליקלעך זי פאַרשליסן. אין דער פינצטער טוט זי א שפּאַן צום גאַסט, נעמט ארום מיט די דלאָניעס זײַן קאָפּ, בריט אים אָפּ מיט א קוש גלײַך אין די ליפן.

אין דער האַלב־פינצטערניש, ביז גאָר נאָענט, דערזעט דאָוויד אירע אויגן, פולע מיט לײַדנשאַפט.

— נו?! — בעט, וואַרט און פאָדערט אנע ארנאָלדאָוונע.

א ווײַלע אמפּערט זיך דאָוויד מיט זיך אליין. נאָר ער באַהערשט זײַן פאַרלאַנג.

— א גוטע נאכט, — זאָגט ער, באַפרײַענדיק זיך פון נאָרשיינס אָרעמס און אָפּטרעטנדיק צום ארויסגאַנג.

— א פּאכדן זײַנט איר, — שלײַדערט אים אין פּאָנעם נאָרשיין הארבע ווערטער מיט א ציטערנדיק קאָל. — א האָז. אפילע פאר דעם אייגענעם ווײַב האָט איר מוירע!

20

דאָס, וואָס עס וואָלט געקאָנט געשען מיט אים און אַנע אַרנאָלדאָווגען, דערמאָנט דאָווידן וועגן דעם, וואָס עס האָט מיט א סאך יאָרן צוריק פּאַסירט מיט אים בײַס דער מילכאָמע אין א זאווערוכעדיקער פעווראַלער האַלבנאַכט אין איינער א קובאַנער סטאַניצע.

אין יענעם טאָג האָט די קאָמאַנדשאַפט נאָך א געלונגענער און שווערער שלאַכט פאר דער קובאַנער סטאַניצע דיאַדקאָווסקאַיאַ ארויסגעפירט אין צווייטן עשעלאָן די שיטער־געוואָרענע צענטע גוואַרדייַשע בריגאַדע צוזאַמען מיטן באַזונדערן אַרטילערישן דיוויזיאָן, וועלכער האָט זי געשטיצט.

דאָווידס באַטאַרייע איז פאַנאַנדערגעשטעלט געוואָרן אף אַן אָנגעהויקערט פאָרשטאָט־געסל. די האַרמאַטן האָבן פאַרנומען באַקוועמע און גוט פאַרמאַסקירטע פּאָזיציעס טאַקע אָט דאָ אין געסל, קעדיי יעדער קאָמאַנדע זאָל אין א באַליביקער רעגע קאָנען עפענען א פײַער: די פאַשיסטן פלעגן זייער אָפט פאַרנעמען קאָנטראַטאַקעס.

א דירע פאר דאָווידן האָט זײַן פאַרבינדלער אויסגעקליבן א שטילע, א ציכטיקע, ליכטיקע, באַנאַנד מיט דער כאַטע, וווּ עס האָט זיך אײַנגעאָרדנט דער פאַרוואַלטונגס־ווזוואָד. פאַרבײַגייענדיק, האָט דאָוויד א קוק געטאָן אף אָט דער ווינונג, און זי איז אים געפעלן. ער האָט א קלער געטאָן, אַז ס'וועט אים געלינגען זיך פײַן אויסשלאָפן — די באַלעבאָסטע לעבט דאָ איינע אליין, איז, ווײַזט אויס, א בריַע, וואָס פלײַסט זיך אויסצומײַדן מענטשן, באַהאַלט זיך ערגעץ אויס — הייסט עס, קיינער וועט ניט שטערן.

דער גאַנצער טאָג איז אוועק אף אײַנאָרדענען די באַטאַרייע, און צו זיך אין צימער האָט זיך דאָוויד אומגעקערט שפּעט אין אָוונט. ווארמעס האָט ער געגעסן באַם דיוויזיאָן־קאָמאַנדיר, זיך געקאָנט באַגיין אָן וועטשערע. ער האָט געטרוימט וואָס גיכער זיך א וואַלגער טאָן אין בעט ארײַן,

אויסגלײַכן די פּיס און — דעם קאָפּ אפן קישן. גאָר ווייניק האָט ער געבעטן באם גורל, נאָר אפילע אָט דאָס ביסל איז אים ניט באַשערט געווען צו באקומען. די באלעבאָסטע האָט באגעגנט דאָווידן אף דער שוועל פונעם פּאָדערצימער מיט א קעראָסין־לאָמפּ. נעמענדיק פון זײַנע הענט דעם שינעל, האָט זי א שמייכל געטאָן, און אָט דער שמייכל איז געווען גענוג, אז דאָוויד זאָל גלײַך אינגאנצן פארגעסן, אז ער איז מיד. ער ווייסט ניט פארוואָס, נאָר אים האָט זיך פאָרויס געדוכט, אז די באלעבאָסטע פון זײַן דירע דארף זײַן א קווארינקע, געקנייטשטע זקיינע, נאָר דאָ האָט ער דערזען א בלאָנדע שלאנקע שיינהײַט אין פּאָשעטע, אָבער זייער צוגעפּאסטע פּאר איר קליידער, קימאט נאָך, ווי עס האָט זיך דאָווידן אויסגעוויזן, א ביז גאָר יונג מיידל מיט גרויסע אומעטיקע אויגן.

ניט אומזיסט איז דאָוויד באצויבערט געוואָרן פון דער באלעבאָסטע. זי איז טאקע אינדערעמעסן געווען א צוציִענדיקע, ס'קאָן זײַן, ניט אזוי יונג, ווי עס האָט זיך אים געדאכט, מיסטאם אפילע עלטער פון אים, אָבער נאָך א פרישע פרוי מיט אַן אײדעלער פיגור און ביכלאל א סימפּאטישע.

אָונטברויט האָבן זיי געגעסן צוזאמען. צוערשט האָט מען אויסגעטרונקען דאָס ביסל ספּירט, וואָס דאָווידס פארבינדלער האָט געקראָגן ווער ווייסט ווו, דערנאָך האָט די באלעבאָסטע ארויסגעשלעפּט פון א געהיים ערטעלע און אוועקגעשטעלט אפן טיש א פלעשל סאמאָגאָן.

דאָוויד האָט לעכאטכילע ניט געקלערט אפילע זיך צורירן ניט צום ווײַן, ניט צו דער באלעבאָסטעס קיבעד.

— איך וועל אָבער אויסטרינקען, — האָט זי שטיפעריש געזאָגט. — און כ'וועל פארבײַסן.

זי האָט אופגעהויבן דאָס גלעזל:

— לעקאָוועד אײַער אומקערן זיך. איר זאָלט מער קיינמאָל אונדז ניט איבערלאָזן אפן פײַנטס באראָט...

איז ווי זשע טרינקט מען ניט אויס פאר אזא ווינטשעוואניע? דאָווידס האנט האָט זיך א צי געטאָן צום גלעזל.

די מאשקע האָט צעבונדן זייערע צינגער. דאָוויד האָט געלויבט דער באלעבאָסטעס מײַכאָלים, און זי האָט גענומען דערציילן וועגן זיך. געארבעט אלס עקאָנאָמיסט, געהאט א מאן און א קינד, וואָס איז געשטאָרבן. דאָוויד הערט זיך צו, קוקט ארײַן אין אירע אויגן, אָבער קיין קלעמעניש אין זיי באמערקט ער ניט. קעדיי דערזען אירע אנגסטן, דארף מען זײַן ניכטער, ער אָבער איז שוין אינגאנצן שיקער, סײַ פונעם ווײַן, סײַ פון

דעם, וואָס דערנעבן זיצט אַ פּרוי, און ביכלאַל, וואָס ס׳איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט.

דאָס געלעגער האָט אים די באַלעבאָסטע אײַנגעאָרדנט אויף אַ בעט מיט אַ מאַטראַץ אויף פּרוזשינעס, און ווי נאָר ער האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף דעם קילבלעכן קישן און האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך די קאָלדרע, האָבן זיך זײַנע ווײַעס גלײַך פֿאַרקלעפּט. וויפֿל ער האָט געדרעמלט, האָט דאַוויד ניט געוווּסט. אויפגעוועקט האָט אים עפּעס אַן אינערלעכער שטויס. ער הערט זיך צו: די באַלעבאָסטע אייסעקט זיך נאָך אין קיך. זײַנע אויגן פּרוּוון זיך אָפּסנײַ פֿאַרמאַכן, נאָר ער דערלויבט זיי שוין ניט עס צו טאָן.

די פּרוי אײַלט זיך ניט. דאָס פֿילט זיך לויט די קלאַנגען, וועלכע דער־גייען צו אים. ער שטעלט זיך פֿאָר, ווי זי אייסעקט זיך אין קיך: אויף אירע הויכע בריסט — אַ פֿאַרטעך, די האָר פֿאַרבונדן מיט אַ טיכל, אירע דלאָ־ניעס מיט קליינינקע צאַרטע פֿינגער וואַשן די טעלער, די גאָפּלען, די גלעזער... מיט אָט די פֿינגער וועט זי זיך צורירן צו אים. אַ מאָדנע זאַך, וואָס ביז אַהער האָבן זיי אים אַפֿילו ניט קיין גלעט געטאָן, אָט די דלאָ־ניעס. ער טוט זיך אַ קער אין בעט: בלויז איין קישן... צי דען פֿאַרמאָגט זי ניט מער?

עס דערהערן זיך דער באַלעבאָסטעס טריט. זי גייט אַרײַן אין צימער. בלײַבט שטיין.

באַלד...

באַלד וועט פּאַסירן...

ער פֿאַרטײַעט זיך, וואַרטנדיק אויף דעם, וואָס עס דאַרף אָט־אָט געשען. ווי וועט עס זײַן? אַ הייס־קאַלטער בליץ שטעכט זיך אַרײַן אין אים — אַ זיסער ציטער צעשפּאַלט אים אויף דורך און דורך.

די באַלעבאָסטע טוט אַ זיפֿץ — עפּעשער גאָר אַ טיפֿן קרעכץ, קלעטערט אַרויף אויפֿן אויוון. דוכט זיך, אַז זי טוט זיך אויס — עס שורשען אירע קליי־דער. און עס ווערט שאַ־שטיל.

אומגעדולדיק וואַרט דאַוויד, אָבער זי באַוועגט זיך ניט, רירט ניט מיט קיין אייוועבר. דאַוויד קלערט, אַז זי האָט אויף אים ראַכמאָנעס, וויל אים ניט וועקן. און טוט זי אַ רוף.

די באַלעבאָסטע ענטפֿערט אָפּ מיט אַ כליפּען.

ער טוט אַ שפּרונג פֿון בעט, פֿליט לײַכט אַרויף צו איר:

— פֿאַרוואָס וויינסטו?

זי ענטפֿערט ניט.

ער נעמט זי אַרום — אַ וואַרעמע, אַ געגאַרטע.

— מע דאַרף ניט, — זאָגט זי דורך טרערן.
— כ׳האָב דיך ליב.
— לײַגסט, — בריט זי אים אָפּ, — וואָס פֿאַר א געפֿילן קאָנען בא דיר צו מיר זײַן? זעסט מיך דאָס ערשטע מאָל, ביסט שיקער... אַלע זײַנט איר אַף איין ראָשטשינע פּאַרמישט...
— וואָס איז מיט דיר?
— גאָרניט...
— דערקלער פֿונדעסטוועגן, — בעט דאָוויד, פּילנדיק, ווי עס ווערט זיך איין אים אויס זײַן שיקרעס, אָבער די הענט פֿון איר הוילער פּלייצע נעמט ער ניט אַראָפּ.
— ווי פֿאַרשטייסטו ניט, — קלאָגט זי זיך, — וויאַזוי קאָן איך צו דיר גיין... אויב... אויב ערשט נעכטן...
דאָוויד ווערט צעמישט.
די פּרוי שעפּטשעט, יאָמערנדיק, נאָר ס׳וואָלט געוויס בעסער געווען, ווען זי שרײַט אַף א קאָל:
— די פֿאַשיסטן, די קלאָווים פֿאַרשאָלטענע, אַלץ צעטאָפּטשעט, די נע־שאָמע...
מיט צונויפֿגעפּרעסטע ציין גלעט דאָוויד איר נאַקעטן אַקסל, זי ווערט אַנשוויגן, באַרויִקט זיך ביסלעכווײַז.
— אַך, ווי מיר האָבן זיך געפֿרייט: די רעטער גייען, אונדזערע באַ־פֿרײַער וועלן קומען! געקומען... און... וואָס זשע איז עס?

אַלץ האָט זיך איבערגעריסן אומדערוואַרט אי פֿאַר איר, אי פֿאַר אים: אין צימער איז האַסטיק אַרײַן דאָווידס פֿאַרבינדלער — אין דיוויזיאָן איז געמאָלדן געוואָרן אַן אַליאַרעם.
געזעגנט האָבן זיך דאָוויד און זײַן באַלעבאָסטע אַפֿן גאַנעק. דער ווינט האָט געשלײַדערט אין זייערע פּענעמער הויפֿנס פּײַכטלעכן שניי. דאָוויד האָט אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט:
— כ׳בין שרעקלעך שולדיק קעגן דיר. זײַ מיר מויכל, אויב ס׳איז מעג־לעך.
— זאָל דיך גאָט היטן, — איז זי א פֿאַל געטאָן מיטן קאָפּ אַף זײַן ברוסט.
לאַנג דערנאָך האָט אין דאָווידן געפּלאָקערט דער ביטל צו זיך אַליין פֿאַר אָט דער נאַכט, פֿאַר זײַן שוואַכקײַט, פֿאַר זײַן קליינמוט, פֿאַר דער

כארפע און פארן ווייטעק, וועלכע זי, די שיינע באלעבאָסטע זײַנע, האָט אופגענומען אף זיך, פאר דעם, וואָס ער האָט שיר ניט פארגעסן וועגן די־סיען. ס׳איז דען וויכטיק סאָפקאָלסאָף, צי איז ער איבערגעשלאָפן אין יענער נאכט מיט א פרעמדער פרוי, צי ניין, מאכמעס א צופעליקײַט האָט ער דאָך ניט אופגעטאָן דעמלט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, אָבער ער האָט זיך דאָך געקליבן דאָס אופטאָן...

21

דאָוויד האלט פארקלעמט אין דער דלאָניע דאָס הענטל פון דער טיר, וואָס פירט אין דעקאנאט ארײַן, ווו עס וואַרט אף אים אנע ארנאָלדאָוונע. א מינוט צען צוריק האָט זי אים אָנגעקלונגען אין זײַן צייכענונגס־קאַבינעט:

— איך בין אין אינסטיטוט, כ׳קלײַב זיך דרעסירן די מיידלעך מײַנע צום דורכקוק. כ׳דארף אײַך דרינגענד זען.

ער איז ניט באגײַסטערט פון דער פאָרשטייענדיקער באגעגעניש. ס׳וועט בלויז זיך צעיאטרעווען דער נעכטיקער פארדראָס. נאָר דאָוויד גייט צו אנע ארנאָלדאָוונען.

זי באגעגנט אים מיט א פארניכטנדיקן בליק, גלײַך זי וואָלט אים וואַרענען: דאָס, וואָס עס איז נעכטן געשען בא איר אין אלקער, איז ניט צו פארגעסן, די ביטערקײַט פון דער באליידיקונג וועט זי אים קיינמאָל ניט פארגעבן. זי קוקט אף דאָווידן מיט פארברייטערטע אויגן, נאָר דער צאָרן ווערט אין זיי אקשאָנעסדיק אָפגערוקט, אָפגעשטופּט מיט איר ווייטעק. דאָוויד איז איר איצט דערווידער, אָבער סײַווי טײַער, זי ווייסט, אז זי וועט אלציינס באלד א שמייכל טאָן צו אים. זי פארורטיילט זיך דערפאַר, זי קאָן אָבער גארנישט ניט טאָן מיט זיך.

אויך דאָוויד וואָלט געהאט איצט איבערגעגנוג סיבעס זיך באצײַען מיט אומכיין צו אנע ארנאָלדאָוונען. פונדעסטוועגן מוז ער זיך מיסוואדע זײַן, אז אנע ארנאָלדאָוונע האָט ניט פארלאָרן אין זײַנע אויגן יענעם כיין, וואָס פלעגט טאָמיד אים באצויבערן. נאָרשיינס צויבער איז געוועזן פון יענעם מין, וואָס מאכט אונטערטעניק יעדערן. איינמאָל האָט דוסיע דאָס אויסגעדריקט אזוי: „פארשטייסט, נאָרשיין צערודערט מיך שטענדיק. ווען זי קומט, ווער איך ניט אופריכטיק. איך וויל ניט, נאָר איך סטארע זיך איר געפעלן”. עפּעס ענלעכס דוכט זיך דאָווידן אויך אצינד.

— כידעשט זיך ניט, וואָס כ׳האָב אײַך פארבעטן אהער, — זאָגט אנע

ארנאָלדאָוונע הייזעריקלעך. — לעם אײַער טיש שטופּן זיך שטענדיק א סאך מענטשן. איך דאַרף אײַך זאָגן עטלעכע ווערטער אויג־אף־אויג, אָן איידעס.

דאָוויד, אָן אָנגעכמורעטער, שווײַגט.

— אינעם פּראָיעקט פונעם יאָמטעוודיקן באפעל, וועלכן עס גרייט דער רעקטאָראַט צום זעכציקסטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, איז אײַער נאָמען ניטאָ, — זעצט פאָר אַנע ארנאָלדאָוונע, — אונדז: מיר, אײַער ווײַב, האקלאל אלעמען, ווער עס האָט זײַנערצײַט זיך באַזאָרגט מיט וויסנשאפטלעכע טיטלען, וועט מען ארויסטראָגן דאנקבארקײַטן, אײַך — ניין, כאָטש איך האָב אײַך פערזענלעך פאָרגעשטעלט, באַנוצנדיק זיך מיט די רעכט, וואָס איך האָב אלס פאָרזיצער פון אינסטיטוטישן קינסטלערישן ראַט און פאָרזיצער פון אָרטקאָם. כ׳האָב געפאָדערט, מע זאָל אײַך אָפּ־מערקן אינעם באַפעל, פאַרופנדיק זיך אף אײַערע פארדינסטן אין אונדזער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט.

— כאַפּט עס דער וואַטנמאַכער, — פארקרימט די ליפּן דאָוויד. — כ׳וועל זיך ווי־ניט־איז באַגיין. סאָפּקאָלסאָף מיִען מיר זיך ניט לעשעם דעם דאַנק.

— איר זײַנט א קאָמיקער, דאַוויד איסײַעוויטש, אויב ניט ערגער, — ווערט אופגעבראַכט נאָרשיין. — אזוי טאָר מען ניט. פארטיידיקט אײַער קאָוועד.

— באַלוינונגען בעט מען דען אויס?

— איר פארדינט זיי ניט ווייניקער, ווי מיר, אויב ניט מער.

— די נאַטשאַלסטווע ווייסט, וואָס זי טוט...

— ווי איר ווילט, נאָר איך וועל אָט דעם איניען מיט דער האַנט ניט אוועקמאַכן. כ׳וועל טייקעף אָפּזוכן יעוודאָקיִע פּעטראָוונען, כ׳וועל אופ־הייבן אף די פּיס דעם פארטיי־קאָמיטעט.

איר דראָונג האָט נאָרשיין אויסגעפּילט. צום אלעם ערשטן האָט זי געפונען דוסיען און אָנגערייצט זי אפּן מאַן.

— אָט זע, זיך דערוואַרט, — מוסערט דאָווידן אין קאָרידאָר לעבן זײַן דעקאַנאַט דוסיע מיט א שלעכט פארבאָרגענער שאָדנפרייד. — אפילע קיין גוט וואָרט זאָגט מען דיר ניט פאר דײַן מי. פארקלער זיך כאָטש אַצינד.

— וועגן דעם — דערנאָך, — מישט זיך אַרײַן נאָרשיין. — אירע וויִעס צי־טערן אָנגעשטרענגט. — עפּעס דאַרף מען טאָן.

דאָוויד איז אופגעבראַכט:

— א נאַפקעמינע, צי מע וועט מיר ארויסטראָגן א דאַנק, צי ניט. מיך באַליידיקן איז שווער. כ׳בין פארהאַרטעוועט. כ׳וועל זיך אליין ניט קאָנען אָנקוקן, אויב איר וועט אויסכלאָפּאָטשען פאר מיר א באַגילדעטע פּיל.

— ער פאַרשטייט גאָרניט, — זאָגט אָן צערעמאָניעס נאָרשיין. — וואַרט אַף מיר צו ערגעץ דאָ, יעוודאָקיִע פּעטראָוונע. איך גיי אין פּאַרטיי־קאָמי־טעט.

— נו, זעסט? — טוט נאָכאַמאָל אַ שטאָך דעם מאַן דוסיע. — וויפל מאָל האָב איך מיט דיר אײַנגעטײַנעט...

— וואָס, אייגנטלעך, איז פאָרגעקומען? — טוט אַ קנייטש מיט די אַקס־לען דאָוויד. — ניט אָפּגעמערקט אין באַפעל. ס'איז נאָך אַ פראַגע, צי האָב איך עס פאַרדינט? און אויב שוין יאָ זיך ערגערן, איז מאַכמעס דעם, וואָס אָט דאָס אַלץ קימערט מיך.

— טרייסט זיך ניט, מע האָט דיר אַ שפּײַ געטאָן אין פּאָנעם. אַ מיצווע אַף דיר.

נאָרשיין קערט זיך אום און זאָגט, אַז אַף דאָווידן וואַרט מען אין פּאַרטיי־קאָמיטעט.

— כ'האָב דאָרטן ניט וואָס צו טאָן, — טוט אַ בורטשע דאָוויד.

דוסיע קערט זיך אָפּ און גייט אוועק.

— איך בעט אײַך אָן ספּיראַלן, — באַמערקט שטיל נאָרשיין. — מע וואַרט דאָך אַף אײַך.

— איך בין פאַרנומען, — דאָווידס אויערן ווערן צונטער־רויט.

— אויב אַזוי, — פירט צונויף די ברעמען נאָרשיין, — בלײַבט אָט דאָ אַפן אָרט. איר הערט? איר זײַנט ניט טויב? אָט דאָ שטייט! קיין טראָט אין ערגעץ. כ'וועל באַלד...

זי קערט זיך טאַקע אום גאָר גיך, דערלאַנגט דאָווידן אַ בלאַנק פון אַ שיין אָנגעמאָלטער אַף אַ ליטאָגראַפישן אויפן גראַמאָטע:

— אָט די מאַטאָנע וועט איר באַקומען בײַם דער פּײַערלעכער זיצונג.

נאָרשיינס אויגן פינקלען זיגרײַך.

דאָוויד ציט אויס די האַנט, נעמט די גראַמאָטע, נייגט זיך אָן איבער איר. מיט שיינע אויסיִעס איז דאָרטן אָנגעשריבן זײַן פאַמיליע.

ניט געטראַכט צעפּליקט דאָוויד די גראַמאָטע לעכאַטכילע אַף צוויי, דערנאָך אַף פיר טיילן און וואַרפט זי אַרויס אין מיסטקעסטל.

— אָנשטאָט דעם, איך זאָל זײַן באַרויגעז אַף אײַך, לאָזט איר אויס דעם קאַס צו מיר, — זאָגט נאָרשיין. — אַ פרוי קאָן אַלץ מוייכל זײַן, — זעצט זי פאָר, — אָבער אַ מאַנצבל, וואָס האָט זי באַליידיקט... איר פאַר־שטייט עפּעס איצט, צי ניין? גאָרנישט פאַרשטייט איר ניט. נאָר דאָס איז, אַפּאָנעם, צום גוטן. איך האָב אַף אײַך ראַכמאָנעס. איר זײַנט אַן אומגליק־לעכער מענטש — מע האָט אײַך ניט ליב.

— די נאטשאלניקעס דארפן ניט ליב האָבן זייערע מיטארבעטער.

— שטעלט זיך ניט ארויס פאר קיין טיפּעש, איך בעט אײַך. איר ווייסט גוט, וועגן וואָס עס גייט א רייד.

דאָוויד קנייטשט דאָס פּאָנעם, ס׳דוכט זיך, אז די וואָנצעס זײַנע ווערן שטעכיק, ווי זיי וואָלטן באשטאנען פון אייזנע נאָדלען:

— איצט איז צו מיר דערגאנגען, וועגן וואָס איר טראכט. אײַער האָר־ שאָרע איז א בייזע. אָבער אייַנפאכע דיִאגנאָזן טויגן דאָ ניט.

— א בלינדער זײַנט איר, מער גאָרניט.

— דאָס לעבן, דאָס גאנצע דורכגעלעבטע לעבן איז עפּעס ווערט, צי ניין? עפּעס באטײַט עס?

— גאָט מײַנער, סארא יאָלד איר זײַנט! אויב שוין ריידן אָפן ביזן סאָף, האָט נאָך אײַער אָפּגאָט פּאָשעט, צום באדויערן, ניט באגעגנט אף אירע וועגן יענעם, ווער עס האָט געקאָנט זי באגײַסטערן און באפרײַען פון אײַך.

— ס׳קאָן זײַן, — ענטפערט דאָוויד, און דאָס, וואָס ער איז מיט איר מאסקים, וווּנדערט אויסערגעווייַנלעך און שאָקירט אנע ארנאָלדאָוונען.

יאָ, מיסטאם טאקע האָט אים, דאָווידן, אין לעבן ניט געפידלט, די לעצ־ טע צײַט האָט ער וועגן דעם געקלערט א סאך. אָבער דוסיען האָט עפּשער נאָך מער ניט אָפּגעגליקט. דער גורל וואָלט זי געדארפט צונויפירן ניט מיט אים, מיט דאָווידן, נאָר מיט עמעצן אנדערש — מיט א מער גראָטע־ נעם מענטשן. נאָר ווער האָט געקאָנט פאָרויסזען, אז אלע זײַנע פּלענער, אלע זײַנע האָפענונגען וועט צעווייען דער ווינט, ווי פּאָלאָווע? אנע אר־ נאָלדאָוונע שטויסט זיך אָן, וואָס עס קומט פאָר צווישן אים און דוסיען, אָבער דאָוויד זאָגט איר:

— צוליב וואָס ארָאָפּוואַרפן מיך פונעם כעזשבן? איר, אנע ארנאָלדאָוו־ נע, האקט אָפן ביזן סאָף, וועל איך אײַך אויך ענטפערן אזוי. איך האָב ליב די פרוי, און דאָס איז דער איקער. אפילע ווען ס׳איז אָן אָן ענטפער. איך געדענק אלץ, איר גוטס געדענק איך. ווען כ׳האָב זיך געטרונקען אין ווייַ, שיר ניט אונטערגעגאנגען, האָט זי ניט געלאָזט מיך פאלן — מיט איר ווארעמקײַט, מיט איר פײַער.

— יאָ, אף אזא העלדנטאט איז פייִק בלויז א פרוי. איר, מאנצבלען, קאָנט אזעלכס ניט.

און פּלוצעם גייט זי אריבער צו אירס.

— וואָס ווײַטער, האָב איך אלץ מער מוירע צו בלײַבן איינע אליין, — איז זי זיך מיסוואדע. — אָבער די איינזאמקײַט אינצווייען איז נאָך אן ערגערע זאך.

דאָוויד ענטפערט ניט אַף אָט דער באַמערקונג. אים ווערט אומהיימלעך.

אַנטקעגן שפּאַנט אַנטשיידן דוסיע. אין אירע הענט פּלאַטערט אַ צייַטונג.

נאָרשיין טוט איר גלייַך אַ שלייַדער אין פּאָנעם אַרייַן:

— אײַער מאַן איז פון יענע אָקסן, וועלכע פאַלן אַפן פעלד מיטן יאָך אַפן קאָפּ. אַפילע האָדעווען דאַרף מען זיי ניט — אַבי עס זאָל זייַן וווּ צו אַקערן. ער האָט צעפליקט אַף פּיצלעך די גראַמאָטע, וואָס מע האָט פאַר אים פאַרגרייט. ווי געפעלט עס אייַך?

— וואָס האָסטו געטאָן? — צילט אָן דוסיע אַף אים די אויגן.

דאָוויד פרעסט צונויף די קינבאַקן.

— ווען וועסטו שוין אויפהערן דייַנע היציקע שטיק? — זאָגט מיט ווייטעק דוסיע.

— מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאַוויד איסייַעוויטש האָט עס געטאָן מיטן פולן באַוווּסטזייַן, אַז ער פילט גוט אויס זייַן פליכט, — פאַרפינקטלעכט נאָרשיין.

מער קאָן דאָוויד שוין ניט אויסהאַלטן, ער ווייסט ניט, וויאַזוי צו באַפרייַען זיך פון זיי ביידן, נאָר אַנע אַרנאָלדאָוונע טוט פּלוצעם אַ פּאַטש מיט די הענט:

— אוי, וואָס שטיי איך דאָ? מע וואַרט דאָך אַף מיר!

און מיט די ווערטער לויפט זי אַוועק אין פּאַרטיי־קאָמיטעט.

דוסיע וויל אויך אַוועקגיין, נאָר דאָוויד פאַרהאַלט זי:

— וווּהין גייסטו איצטער?

— ווי שטענדיק — אין לייענזאַל.

— וואַרט צו, קאָנסט מיר דערקלערן, וואָס איז מיט דיר?

— נו, און מיט דיר — וואָס?

דאָוויד טוט מאַשינעל אַ וויש מיט דער פוכקער האָריקער דלאָניע די וואָנצעס.

— מיר איז שווער, מיר איז קאָמפּליצירט, אָבער מיר איז גוט, — זאָגט ער. — אַפילע אין די שווערסטע יאָרן איז מיר געווען גוט. דערפאַר ווייַל... דו ווייסט אַליין, פאַרוואָס. און אויך איצט קלאָג איך זיך ניט. אומצופרידן ביסטו דאָך. פון וועלכע צייַטן האָב איך דיך אויפגעהערט צו באַפרידיקן?

— אויב ערלעך, פונעם סאַמע אָנהייב.

— צוליב וואָס זשע האָסטו זיך אַזויפיל געמוטשעט מיט מיר? וואָלסט דאָך געקאָנט אַוועק! קיינער האָט דיך ניט געניויט. זייער ניט לייַכט האָבן מיר דעראָבערט דאָס, וואָס עס איז בא אונדז פאַראַן. נאָר אויב דיר איז

געוואָרן מיט מיר אומעגלעך, טאָ זאָג גלײַך, ווען מיר באקלערן, וואָס צו טאָן.

א מידע, פארזשמורעט דוסיע די ווײַעס. זי דערמאָנט זיך, וויאַזוי ער האָט זיך אונטערגעשאַרט צו איר, זיך געדרייט אַרום איר און פאַרדרייט... און דעם טאָג, ווען זי האָט זיך אונטערגעגעבן, געדענקט זי...

...זיי זײַנען געשטאַנען אינעם דורכגאַנג צווישן ביכער־סטעלאַזשן פאַנעם־על־פאָנעם, שווײַגנדיקע, אָנגעשטרענגטע. אַף אירע באַקן פּילט דוסיע זײַן אָטעם, נאָר עס דוכט זיך איר, אַז דאָס איז ניט זײַן אָטעם, נאָר זײַנע געקרײַזלטע לאָקן. זי שטייט אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס צו די עטוואָס געבויגענע פון דער מאַסע ביכער פּאָליצעס און קוקט אַף דאָווידן מיט פײַכטע אויגן, אין וועלכע, ווען ער זאָל וועלן, ווען ער זאָל זײַן עטוואָס געניטער, קליגער אָדער פּאָשעט עלטער, וואָלט ער דערזען מער געבעט, איידער אַנטשיידנקײַט. זי קאָן ניט צעעפענען די ליפּן. אַף זײַן דערקלערונג אין ליבע האָט זי געוואַרט, נאָר מוירע געהאַט פאַר איר. ביזוואַנען עס זײַנען ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן אָט יענע אָפּגעבליאַקעוועטע, אָבער דאָך סאַמע וויכטיקסטע ווערטער, וועלכע יעדערער האָט די רעכט צו באַקומען אַלנפאַלס כאָטש איין מאָל אין לעבן, האָט זי געקאָנט זיי אויסמײַדן. איצט, זעט אויס, איז עס שוין אומעגלעך, זי וועט מוזן אַלץ זאָגן דאָווידן. אַף שפּעטער אָפּלייגן דעם געשפּרעך טאָר זי ניט, פונדעסט־וועגן האָט זי געפּרוווט דערווײַטערן דאָס אומפאַרמײַדלעכע, עס האָט זיך ניט געוואָלט פאַרביטערן די נעשאָמע א גוטן מענטשן. נאָר כיטרע־ווען האָט זי ניט געקענט. און זי האָט אויך אָפּנהאַרציק געזאָגט, וואָס זי טראַכט. ער האָט פאַרלאָרן געפּינטלט מיט די ווײַעס, איז בלאַס געוואָרן, די אַקסלען זײַנען אַראָפּגעהאַנגען.

„ווי לײַכט עס איז אים פאַרשאַפן א ווונדז!" — האָט א קלער געטאָן דוסיע. דאָווידס געפאַלנקײַט האָט נאָכאַמאָל דערמאָנט דוסיען, אַז ער איז ייִנגער פון איר אי מיט די יאָרן, אי מיט די געפילן.

דער אינסטינקט, גיכער א מוטערשער, איידער א פרויִשער, האָט אונ־טערגעזאָגט דוסיען, זי זאָל זײַן פּאָרזיכטיק. „פאַרקלעם די צונג!" — פּרוּווט זי זיך באַפוילן. און פונדעסטוועגן מיט א קאַלטקײַט, וועלכע ברענגט זי אַליין אין פאַרלעגנהײַט, בעט זי:

— גאָרנישט וואָלט מען ניט געדאַרפט... גאָרנישט...

— פאַרוואָס?

דוסיעס ווערטער טוען א שנײַד דאָווידן. ער זאָגט שטיל:

— גאָרנישט האָסטו מיר ניט דערציילט, גאָרנישט האָב איך ניט געהערט. גאָרנישט איז ניט געווען בא דיר, גוט?

דוסיע אָטעמט טיף, די באַקן זײַנען בא איר ראָז. אין אַ מינוט אַרום, פונקט זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, טוט זי דאָווידן אַ רוף:

— קום.

און מיט אַ פאַרצווייפלטער אַנטשיידנקײַט לאָזט זי זיך פאָרויס. ער פרעגט ניט — וווּהין, גאָרנישט פרעגט ער ניט, ער גייט פוסטריט נאָך דוסיען, און שווײַגט.

בא זיך אין פאָדערצימער נעמט זי שווײַגנדיק אַראָפּ בא אים דאָס מאַנטעלע, דערלאַנגט אים אַ פּאָר אויסגעבייטע טאָטערשע שטעקשיך.

— זיי וועלן, מיסטאָם, דיר ניט קוועטשן די פינגער, — זאָגט זי, ניט אויפהייבנדיק די אויגן. — איך וועל זיך איבערטאָן.

אין דעם זיבערן טאַפּעטירטן צימער, וווּהין דוסיע שטופּט אים גרינג אַרײַן, דערזעט ער פריִער פון אַלץ אין ווינקל לעם דער קאַכל־הרובע אַ שמאָל בעט מיט אויסגעריבענעם אין עטלעכע ערטער ניקעל און דערפילט זיך אומבאַקוועם.

דוסיע קערט זיך אום אין אַ בלויִלעכן לײַכטן כאַלאַט, עטוואָס ברייטלעכן, אַ סאַך נידעריקערן פון די קני. זי זעט אויס קוואַר, אויסגעצערט, אָבער אַף איר פּאָנעם מערקט דאָוויד אָפּ מער, ווי געוויינלעך פריִער, אי איידעלע דרייסטע ליניעס, אי דערהויבנקײַט, און אינעם עטוואָס פאָרויס אַרויסגעשטעלטן קין און אַף די ליפּן — פאַרהילטע אַנטשיידענע שטריכן.

דוסיע דערנעענטערט זיך פעסט צו דאָווידן, צעשויבערט זײַנע שוין לאַנג ניט אונטערגעשאָרענע האָר, וואָס דעקן צו די אויערן.

— כ'וועל עפּעס צוגרייטן איבערבײַסן, — זאָגט זי.

דאָוויד גייט אַרײַן אין קיך דירעקט נאָך דוסיען. זי נעמט פון דער פּאָליצע אַ פּעקעלע שוועבעלעך, לאָזט זיך אַראָפּ אַף די קני און הייבט אָן צעצינדן פײַער אין דער פּליטע. די שפּענדלעך ווילן ניט ברענען. דוסיע רײַבט אייך שוועבעלע נאָכן אַנדערן, עס הייבט אָן שאַרף שמעקן מיט שוועבל־רויך. סאָפּקאָלסאָף טוט אַ פײַער־צינגל אַ לעק דאָס דינסטע שפּענדעלע, שפּרינגט אַריבער אַף אַן אַנדערס, פויזעט גיך־גיך איבער דעם, גליטשט זיך אַראָפּ נידעריקער, און מיטאַמאָל פלאַמט אויף אין אויוונדל אַ רויט פײַער, אַזוי העל און שטורעמדיק, אַז אַלץ הייבט דאָרט אָן הודען.

מיט אַ ווייכן פלעדערוויש נעמט צונויף דוסיע דעם שמוץ אין אַ שקאַרמיצל פון אַ צײַטונג, שלײַדערט עס אַרײַן אין פײַער.

דאָווידן איז אָנגענעם צו שפּירן נאָך אירע לײַכטע באַוועגונגען, קוקן

אף אירע פּלינקע הענט, באַטראַכטן די קינדערש־פּרישע הערעלעך פון האַלדז באַם נאַקן. ער לאָזט זיך אַראָפּ דערנעבן, הייבט אָן אַליין שטופּן אין אויוונדל די קורצע בערעזע־שײַטלעך, וועלכע ליגן לעבן דער פּליטע.

די נאָענטקייט פונעם פײַער און די נאָענטקייט פון דוסיען צעבלאָזן אין דאָווידן אופרעגונג. דוסיע באַמערקט עס און פּרוווט באַצײַטנס אים אָפּווענדן, שטילן זײַן היץ, נאָר עס גיט זיך איר שלעכט אײַן...

אין מיטן דער נאַכט כאַפּט זיך דוסיע אויף, עפּשער דערפאַר, ווײַל אין צימער איז דושנע, ווײַל דאָס בעטל איז צו ענג פאַר צווייען. זי טוט אַ קער דעם קאָפּ צו דאָווידן, וועלכער קרעכצט אין שלאָף. קיין ליבע צו אים פילט זי ניט. בלויז מידקייט. וואָס זשע ווײַטער? ווען זי וואָלט געקאָנט דאָן וויסן...

„בעסער כאַראָטע האָבן אויף דעם, וואָס עס איז געשען, איידער אויף דעם, וואָס עס האָט ניט פּאַסירט", — האָט דעמלט געקלערט דוסיע. אָבער דערנאָך איז זי געווען אומצופרידן מיט זיך. סײַ אין די גוטע, סײַ אין די שווערע צײַטן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס זי באַקומט פונעם מאַן, גענימט ניט יעדע פרוי, אָבער דאָס האָט ווייניק געטרייסט. זי האָט זיך געסטאַרעט זײַן צופרידן מיט איר גורל. עמעס, עס איז אויסגעקומען זיך נויטן צו זײַן צופרידן. נאָר דאָס האָט ניט אַלע מאָל געקימערט. די צעשיידונג מיטן מאַן איבער דער מילכאָמע איז פאַר איר געווען, לאָזט זיך אויס, נוצלעך: זי האָט ניט געוואַקלט, פאַרקערט, פאַרשטאַרקט איר צוגעבונדנקייט צו אים. פיל אירע כאַווערטעס און פרײַנט האָבן דאָך ביכלאַל ניט דערוואַרט זיך אויף זייערע מענער, כאַסאַנים.

עטלעכע כאַדאָשים נאָכאַנאַנד האָט אויך דוסיע אין איר פאַרוואָרפענעם טאָטערשן יישעוו, ווו זי איז געווען אַ לערערן, מוירע געהאַט פאַרן אײַנפּוסיקן פּאָטשטאַליאָן — געציטערט, ער זאָל איר ניט ברענגען דאָס שרעקלעכע קוויטעלע אויף דאָווידן. מיט אומגעדולד פלעגט זי וואַרטן אויף זײַנע בריוו, און געענטפערט האָט זי אַלע מאָל, אַז זי האָט אים ליב, זי האָט אים ניט פאַרגעסן. כאָטש טיף אין האַרצן האָט זי געטראַכט, אַז זי איז זייער פאַר אים שולדיק: ניט געקאָנט ענטפערן אים מיט דעם זעלבן רייַנעם געפיל, וואָס בײַ אים איז געווען. אַזוי האָט זיך איר געדאַכט, אַזוי האָט זי געקלערט, אַזוי איז עס עפּשער טאַקע געווען. ס'קאָן זײַן, אַז זי האָט פּאָשעט ניט באַוויזן אים ליב צו באַקומען.

דוסיע פלעגט זיך אײַנריידן, אַז דאָווויד איז אַ מענטש אָן אומגעווייינלעכער, און זי האָט, דוכט זיך, באַקומען דערויף גענוג באַווײַזן. ער איז געווען איינער פון די בעסטע סטודענטן אויפן פאַקולטעט, געשריבן גאַנץ געלונגענע לידער, וועלכע זי האָט, פאַרכלינענדיק זיך, געשלונגען, געוווּסט

זיי אַף אויסווייניק. ווען ער האָט זיך אומגעקערט צו איר פון די גרויסע אויספרווון, וואָס זײַנען געווען אַף זײַן וועג, האָט זי געזען, אז ער האָט גאָרנישט ניט צעטרענצלט אַף אָט דעם פײַנפולן וועג, נישט נאָר ניט פארלאָרן זײַן גוטסקײַט און צוגעלאָזנקײַט — ער האָט דעראָבערט קלוגשאַפט. ס'איז אים דערנאָך אויסגעקומען אויך איבערגעגנוג צו לײַדן, אָבער ער איז לאכלוטן ניט געפאלן בא זיך.

אין יענער צײַט האָט נאָך דוסיע איר דיסערטאַציע ניט פארטיידיקט, קיין קאנדידאט פון וויסנשאפטן איז זי נאָך ניט געווען, יעדער גראָשן אין דער מישפּאָכע איז געגאַן אין כעזשבן, און קיין גרויסער פארדינער איז דאָוויד ניט געווען. אַן אײַנגעשפּארטער, האָט ער בעשום־אויפן ניט געוואָלט פארענדיקן דעם אינסטיטוט און איז געוואָרן א פּאָשעטער שווארצארבעטער: פלעגט אויסלאָדן קוילן און קלעצער, האָלץ און צעמענט, ער פלעגט קײַקלען פעסלעך אין די טריומען פון שיפן און בארזשעס, פּעק און קאסטנס האָט ער אַף זיך געטראָגן, געגראָבן טראַנשייען פאר קאנאליזאציע און וואסערלייטונג, ער האָט געקנאָטן ליים, געקאָכט אספאלט אין פארויכערטע טשאַנעס, געהייצט ווינטער די הרובעס אין א צוזאמענווינונג... און ווען ער האָט נאָך דערבײַ געפונען אין זיך קויכעס און מוט צו דרײַסיק יאָר אָנקומען זיך לערנען הינטער־אויגיק אין א טעכנישער הויכשול, און זיך געלערנט מיט היספּײַלעס, מיט לײַדנשאפט און באזעסנקײַט פון א יונגלינג, האָט דוסיע אָנגעהויבן קוקן אַף אים מיט גאָר פארגאפטע אויגן...

שפּעטער, ווען דאָוויד איז ארײַן אין לייענזאל רופן דוסיען אַף מיטיק, האָט זי נאָך אלץ געקלערט וועגן אים, וועגן דעם, אז דאָס, וואָס ער, דאָוויד, איז א היציקער, א ווייניק אויסגעהאלטענער, איז דאָס סאמע וויכטיקע, וואָס האָט ארײַנגעבראַכט א מישמאַש אין זייער מישפּאָכע. אויב ניט דאָס, וואָס זשע פאָרט? און עפּשער וואָלט מען איין מאָל פאר אלע מאָל געדארפט מאכן א סאָף — זיך צעגיין, באפרײַען סײַ זי, סײַ אים פון אָט דער מאָדנער לאגע.

טראכטנדיק אָט אזוי, קלײַבט זיך פונדעסטוועגן דוסיע גיין מיטיקן מיטן מאַן. אויסערלעך ווײַזט זיך אויס, אז זי טוט עס גאנץ רויק, לייגט צונויף די ביכער, שטופּט ארײַן אין פּאָרטפעל די בלעטלעך פון איר מאנוסקריפּט. זי גייט ארויס פונעם לייענזאל די ערשטע, דאָוויד — נאָך איר. ער זאָגט, גלײַך ער וואָלט הערן אירע געדאנקען:

— דו זידלסט מיך, אָבער איך בין קיינמאָל קיין פּויליאַק ניט געווען.

— יאָ, פארשטייט זיך, — איז גלײַך מאסקים דוסיע. — אָבער וואָס זשע קומט דערפון ארויס?

— האָסט שטארק געביטן די באַציִונג צו מיר.

— לאָמיר פארפינקטלעכן: ניט צו דיר — צו זיך. איך דארף אָפּטרעטן פון דיר אַ ביסל, כאָטשבי אף אַ שפאַן, פונדערווײַטנס אפסנײַ א קוק טאָן אף דיר. זיך אליין דורכקאָנטראָלירן.

דאָוויד וואגט מער ניט רעגן דוסיען מיט רייד. זי האָט אים ניט ליב. קיינמאָל ניט ליב געהאט. זי האָט עס אָבער קיינמאָל ניט אויסבאהאלטן. זי האָט עס ניט געלייקנט אין סאמע אָנהייב, ווען ער איז מיט איר צווישן די ביכער־סטעלאַזשן געשטאַנען אויג־אף־אויג, ערלעך אים געזאָגט דעם עמעס. דאָס, וואָס זי האָט אים געשריבן אפן פראָנט און נאָכן פראָנט, איז אויך געווען אופריכטיק. אָבער אָט ווײַזט זיך ארויס, אז ס׳איז ניט אזוי פּאָשעט, צי איז דען דאָס וויכטיקסטע, וואָס זי איז אוועק פאָרויס, און ער איז געבליבן הינטערשטעליק? און עפשער איז דוסיע גערעכט, ווען זי זאָגט, אז ווער עס גייט ניט פאָרויס, פויזעט צוריק? יאָ, זי איז אוועק פאָרויס, און קאָן אוועק ווײַט. זי קאָן ביכלאל אוועק. אנטרינען. אף אייביק. צום ערשטן מאָל דערפילט עס דאָוויד זייער שארף, גייענדיק איצט באַנאַנד מיט איר אהיים. און עס ווערט אים שוידערלעך. מיט יענער־וועלט טוט אף אים א בלאָז. אייגנטלעך, איז דאָס לעבן דורכגעפלויגן. ס׳איז שוין ערעוו שקיִע, און ניט דערפאר, ווײַל דער זעקסטער צענדליק שפּאַנט דערנעבן, דוסיע איז עלטער פון אים, זי איז נאָך אָבער גאַנץ יונג. די זאך באשטייט אין דעם, ווי דו אליין זעסט זיך. מע דארף ניט מוירע האָבן צו זײַן יונג. זאָל זי אוועקגיין — איר וועט זײַן בעסער. וואָס האָט זי מיט אים געוואָסן? וואָס פאר א גליק? אויב איר וועט זײַן בעסער — זאָל זי גיין. ער וואָלט געדארפט אליין אוועק. קאָן ער אָבער ניט. ס׳איז אַ ליגן, אז אלץ קומט און גייט פארבײַ, אז עס זײַנען ניטאָ קיין אייביקע ווערטן! צוליב וואָס, אויב אזוי, אלץ? פאראן אזעלכס, וואָס פארגייט ניט קיינמאָל — ליבע, אָדער די דערמאָנונג וועגן ליבע. איז דאָס דען פּאָשעט אינערציע? און מער גאָרניט?

ווען דוסיע און דאָוויד גייען ארײַן אין זייער קליינינטשקן פאָדערצימער, דערהערן זיי באלד, אז עליק איז שוין אין דער היים — דרייט דעם פלאט מיט זײַנע באליבטע לידער. דורך דער געגלאָזטער טיר אין גרויסן צימער זעען זיי, ווי דער זון ליגט אַ צעוואלגערטער אין פאָטעל מיטן סינטעטישן זשאקעטל, מיט ניט אויסגעטאָנענע שיך. זיי קוקן אף זײַנע פארכאָלעמטע אויגן, אף זײַן פריידיקן שמייכל און שווײַגן, מוסערן אים ניט, האגאם עס וואָלט דאפקע ניט געשאט אים גוט ארײַנלייגן.

דוסיע און דאָוויד טוען זיך אויס ניט געײַלט. אָנרירנדיק אין דער ענגשאַפט דוסיעס אַקסל מיט זײַנעם, נעמט דאָוויד פון אירע הענט דעם מאַנטל, הענגט אים אויף. דערנעבן, אויפן צווייטן הענגער, טשעפּעט ער אָן זײַן שורשענדיקן רעגנמאַנטל. ער טראַכט דערבײַ, אַז די באַליידיקונגען, דאָס קימערן זיך און קאָלערליי אַנדערע דײַגעס, האַגאַם זיי פאַרשאַפן גע־נוג צאָרעס, זײַנען פונדעסטוועגן אָנמעכטיק אײַנגאַנצן אַרויסצושלאָגן זיי פון דער קאָלייע. דער פאַרגאַפטער און שמייכלענדיקער עליק האָט מיטאַ־מאָל אָפּגעשטויסן אין ווײַטער ווײַטעניש דאָווידס כוישעכדיקע געדאַנקען. ער טוט זיך אַ קער צו דוסיען, שעפּטשעט:

— גוט, וואָס פון די יונגע יאָרן אָן אַרבעט זיך באַ אים אויס אַ פײַנער געשמאַק.

— זאָג ניט „האָפּ!”, — דערווידערט דוסיע. — ס׳איז נאָך צו פרי זיך פרייען.

דאָוויד טוט אַ שטופּ די טיר. יענע עטלעכע טריט, וועלכע דערווײַטערן אין די קליינגאַבאַריטע דירעס די קיך פונעם פּאָדערצימער, גיט זיך אים אײַן גויוער זײַן שאַ־שטיל און גיך, ווײַזט אויס דערפאַר, ווײַל די שטעק־שיך זײַנע האַלט ער אין דער האַנט און שפּאַנט בלויז אין די שקאַר־פעטקעס.

דוסיע גייט אַרײַן אין קיך שפּעטער, ערשט נאָך דעם, ווען פון דאָרטן הייבן זיך אָן צו דערטראָגן רייצנדיקע געשמאַקע רייכעס. אַ פאַרויטלטער, מיט אַ פאַרטעך אויפן בײַכל, שטייט דאָוויד לעבן דער גאַז־פּליטע און מישט אויף דער סקאָווראָדע אָנגעשניטענע ציבעלע, וועלכע שפּרודלט אינעם זידנדיקן בוימל.

— עליק איז אַזאַ מין נאָכגיביקער, — זאָגט דוסיע. — צי דען צוליב דעם פּלאַט? איך האָב עס ניט דערשאַצט...

— וואַרט צו, וועגנ מיך ניט אָפּ. מיינסט, מיסטאַם, אַז איך צעוואַרעם בלויז דעם גרייטן מיטיק. האָסט אַ טאָעס — איך דערפיר אים צו קאָנדי־ציע, כ׳קאָנטראָליר, צי אַלץ האָב איך ריכטיק אײַנדערפרי אָפּגעטאָן. ס׳איז אַ פאַראַנטוואָרטלעכער איניען.

דוסיע טוט אַ שמייכל — נאָר מיט די ליפּן: „גאָר ווייניק דאַרף מײַן מאַן, קעדיי גליקלעך צו זײַן”.

— אַהאַ, כ׳האָב געוווסט, — שאָקלט מיטן קאָפּ דאָוויד. — די יויך איז ניט דערזאַלצן.

— אַ דאַנק, וואָס ניט איבערגעזאַלצן, — באַמערקט דוסיע. — אַ סימען, אַז ביסט אין קיינעם ניט פאַרליבט.

— און דו?

ער טוט זיך א קער צו דוסיען, וויל א גלעט טאָן מיטן פינגער איר קוים מערקבארע, ענלעכע אף א שווייס־טראָפּנדל, כיינפינטל אף דער נאָז.

דאָווידס ליפּן מײַדט דוסיע אויס, האגאם ער האָט שוין זיי קימאט פארדעקט מיט זײַנע — אין דער רעגע טוט א סקריפּע די טיר.

אף דער שוועל באווײַזט זיך עליק:

— כ'וויל עסן.

— וואש די הענט, — זאָגט די מאמע. אירע אויגן באווײַזט זי ניט עליקן. זײַן סקריפּע מיט דער טיר האָט זי פונדעסטוועגן א ביסל געבראַכט אין פארלעגנהײַט.

22

ווען דער סטענד מיט די פּאָרטרעטן פון די העלדן פון סאָוועטנפארבאנד — מיראָסלאוולער טוישווים איז ארויסגעשטעלט געוואָרן באם ארײַנגאנג אין אקטאָווון זאל, האָט דאָוויד געזאָגט צו זיך אליין: „אלץ איז, דוכט זיך, גרייט. מע קאָן גיין זיך גאָלן”. נאָר אהיים איז ער סײַווי אוועק מיט א פארשפּעטיקונג: כאָטש די סטודענטן האָט ער אליין ניט אגיטירט פּרינציפּיעל און קיינעם ניט געייצעט עס צו טאָן, אָבער פארבעטן אפן לידער־אָוונט די מיטארבעטער פון אינסטיטוט און באזונדערס די וועטעראנען פונעם קאָמיוג און פון דער מילכאָמע האָט ער געהאלטן פאר זײַן פּערזענלעכער פליכט. אף דעם איז אוועק אן איבעריקע שאָ.

אייסעקן זיך מיט די אײַנלאדונגען האָט דאָוויד געדארפט, אפאָנעם, א ביסל ווייניקער, ווײַל לעסאָף האָט בא אים אָנגעהויבן נאָגן דאָס הארץ, אפילע א שנײַד געטאָן גאָר שארף. א מינוט איז דאָוויד געשטאנען אונטערן דאשעק פונעם אינסטיטוטישן גאנעק, געקלערט, אז צופיל אופרעגונג, אײַלעניש, האָרעוואניע קאָן אין זיך אײַנזאפּן איין טאָג. דער וועטער איז אויך פון סאמע אינדערפרי א נאָגנדיקער — ניט קיין רעגן, ניט קיין שניי — עפּעס א טונקעלער טוי זייט זיך פון די נידעריקע כמארעס.

אומגעריכט טוט דאָווידן א שניט אין הארצן, וואָס צווינגט אים זיך צוטוליען צו איינעם פון די אײַזערנע סלופּעס, אף וועלכע עס האלט זיך דער דאשעק פונעם גאנעק, דערנאָך, ווען די סאקאָנע איז פאָריבער, טאפּט

ער אָן צופרידן די ספּראַנזשקע אפֿן פּאסיק פונעם רעגנמאַנטל, איבערצייגט זיך, אַז ער וועט אים ניט פֿאַרלירן, און לאָזט זיך אין וועג.

אונטער די פּיס וואַלגערן זיך בלעטער, צעטאָפּטשעטע און פריש אָנגעפּאַלענע, נאָך ניט קיין שמוציקע. די קליאָנען אַף דעם טראָטואַר, דוכט זיך, וואַקסן ניט פון דער ערד, נאָר גלייך פונעם נאַסן שוואַרצן אַספּאַלט. פּילפּאַרביקע בלומען אַף די גאַזאָנעס און קלומבעס, שוין טיף וועלקנדיקע, פּינקלען אומדערוואַרטערהייט יונג און פאַרשייט — אַף זיי שעמערירן רעגן־טויעלעך. די רעזעדאַ שמעקט אַזוי שאַרף, אַז עס איז קימאַט אומעגלעך איינעטעמען אָט דעם דופט.

דער ווינט רייסט זיך אַריין אין אַן אָפּגעצאַמטן מיט דראָט סאָד, פּאַרביי וועלכן דאָוויד שפּאַנט, רייסט אַראָפּ די לעצטע בלעטלעך פון אַ קרעפּטיקן, גיבעריש־מעכטיקן עפּלבוים, שלײַדערט זיי אַף דער ערד, אים צופוסנס, אָבער אַף די נאַקעטע צווייַגן בלייבן נאָך הענגען עפּל. און דאָס איז ווּנדערלעך — גרויסע, מיט געלע באַקן אַנטאָנאָווקעס אין נאַסן הוילן סאָד. דאָוויד שפּאַנט און קערט אַלע מאָל אום דעם קאָפּ, קוקט דורכן דראָטענעם פּאַרקן אַף די אויסגעטאָנענע אַנטאָנאָווקעס, אַף זייערע ווּנדערלעכע ניטדאָ׳קע עפּל. דאָס האַרץ אָבער הערט ניט אויף צו נאָגן.

עליק וואַרט אפֿן טאַטן בא דער שוועל.

— וויפּל קאָסט אַ פּלאַט? — פּרעגט ער גלייך, דערזעענדיק דעם פּאָטער.

— צעבראָכן? — שטויסט זיך אָן דאָוויד. — ווי׳אַזוי זשע האָט עס פּאַסירט?

— מיינסט, בעקיוון? — פּאַרענטפּערט זיך עליק. — כ׳בין פונעם פּאָטעל אַראָפּגעפּלויגן, און דער פּלאַט — מיט מיר צוזאַמען. און — אַ קנאַק אפֿן שאַרפֿן ווינקל פון דער טומבע...

עליקס קאָל ציטערט.

— אַ שאָד, — זאָגט דאָוויד.

— וועסט מיך באַשטראָפן?

— האָסט זיך אַליין באַשטראָפט.

— און אפֿן אָוונט וועסטו מיך נעמען?

— אַוודע. נאָר דעקן דעם שאָדן מוז מען אין אַלע פּאַלן, — זאָגט דאָוויד. — דעם פּלאַט דאַרף מען אומקערן אומבאַדינגט.

— וועסט אים צונויפּקלעפּן?

— אומעגלעך. אַ צעבראָכענעם פּלאַט קאָן מען שוין ניט פּאַריכטן. פּאַראַן, ברודערקע, אַזעלכע אומגליקן אַף דער וועלט. ניט צונויפּקלעפּן... מע דאַרף עס פּאָשעט ניט דערלאָזן, זיך היטן פון זיי. מירן מוזן קויפן אַ נייַעם פּלאַט, אויב עס וועט זיך, געוויינלעך, אונדז איינגעבן.

ביזוואַנען דער טאַטע טוט זיך איבער, דרייט זיך עליק אַרום אים,

פארשיט אים מיט פארשיידענע קאשעס. דאָוויד ענטפערט אופמערקזאם, אופריכטיק, ערנסט.

— פארוואָס זאָגט מען ארטילעריע און ניט ארטעלעריע? איך מיין ס'איז ניט ריכטיק — ארטילעריע.

— ביסט איבערצייַגט?

— וואָדען. די הארמאטן באדינען א סאך מענטשן, האָסט דאָך מיר אליין דערציילט. א גאנצענע ארטעל. דעריבער דארף מען זאָגן ניט ווי איצט, נאָר ארטעלעריע.

אפן אָוונט אין אינסטיטוט לאָזט מען זיך פונדעסטוועגן אינדרייַען, כאָטש בייסן גאָלן זיך איז דאָווידן ניט לייַכט געווען דוסיען דערווייַזן, אז זי דארף גיין מיט זיי. דוסיע האָט זיך צעשמייכלט און איז מאסקים געווען מיט אירע מאנצבלען בלויז דאן, ווען עליק האָט איר אונטערגעזאָגט אן אויסוועג:

— דייַן וויסנשאפט וועסטו רוקן פאָרויס נאָכן אָוונט, מירן דיר העלפן...

צוערשט איז מען געפאָרן אין א האלב־פוסטן אווטאָבוס. בלויז איין אלטע פרוי איז אריַין דורך דער פאָדערשטער טיר, א בוק געטאָן זיך צו אלעמען:

— א גוט־העלף אייַך!

און זיך צוגעזעצט אף דער באנק לעבן דעם שאָפערס קאבינע.

עליק האָט געקוקט אף איר מיט וווּנדער: זיך גריסן מיט אומבאקאנטע מענטשן?

אף דעם צווייטן אָפּשטעל איז דער אווטאָבוס איבערגעפולט געוואָרן. ראשיקע, פריילעכע פאסאזשירן האָבן אים באזעצט. עליקן, א צערודערטן, איז דאָ אינטערעסאנט — ער קוקט, הערט זיך צו, זאפט אין זיך אריַין אלץ, וואָס עס איז מעגלעך.

— היי, דו, דאָרף, וווהין קריכסטו?

— פונוואנען זעסטו, אז „דאָרף"?

— א זאק בא דיר.

— אין א זעקל קריכט מער אריַין. כ'האָב ליב א זעקל. און ביכלאל בין איך גאָר ניט קיין דאָרף. מיט א זאק וועסטו דריַי מאנצבלען אָנהאָדעווען, מיט א קאָשעק — אפילע איינעם א הונגעריקן איבערלאָזן.

די קאָנדוקטאָרשע דערמאָנט דערווייַל מיט א הייזעריק קאָל:

— טוט זיך א רוק, איך בעט אייַך, אינמיטן, זייַט זיך מאטריַעך. שטעלט זיך אויס, ווי יאָדלעטשקעס, נו, אדעראבע, ווי יאָדלעטשקעס, איר

פאַרשטייט, צי ניין? ווער האָט נאָך ניט געקויפט קיין בילעט? באַ אײַך, בירגער, איז אַ כוידעש־בילעט? זייער אָנגענעם.

מיטאַמאָל שליסט אײַן דער שאָפער זײַן ראַדיאָ־אויפנעמער. אין אווטאָ־בוס צעהילכט זיך אַ ליד.

— אוי, ס'איז דאָך אונדזער ליד! — שרײַט אויס עליק.

דאָוויד נעמט אַרום דעם זון, דריקט אים צו צו זיך.

לעבן דעם שפּיגל אינעם קאָרידאָר שטייט אַנע אַרנאָלדאָווגע. זי איז אָנגעטאָן אין אַ נײַ אָוונטיק־לאַנגן קלייד: בלוילעכער סאַמעט, באַשפּריצט מיט פּערלמוטער־שטערנדלעך, לאַקירטע שיך אויף הויכע אָפּצאַסן. זי טוט עפּעס מיט איר פריזור.

— דעם אָוונט פיר איך? איר האָט ניט פאַרגעסן? — פרעגט זי, דער־זעענדיק אין שפּיגל דאָווידן און דוסיען. דאָווידן קוקט זי דורכן שפּיגל גלײַך אין די אויגן.

ער טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ: ניין, ער האָט ניט פאַרגעסן, דעם אָוונט פירט זי.

ערשט איצט טוט זיך אַנע אַרנאָלדאָווגע אַ קער צו דוסיען:

— מיר זײַנען שוין אין אַזאַ עלטער, ווען מיר דאַרפן שפּירן און שפּירן נאָך זיך. איך וואָלט אײַך עטוואָס מאָדערניזירט.

זי טוט לײַכט אַ שפּאַן צו דוסיען, נייגט זיך אָן צו איר און נעמט פאַר־ריכטן די מאַנזשעטן און די פאַלדן פון איר קאָפּטל. דוסיע מערקט אָפּ, אַז נאָרשיינס פּאַרפום שמעקט איידעלער, ווי אירער.

נאָרשיין ווענדט זיך צו דאָווידן:

— אײַער ברוסט בלענדט די אויגן, — זאָגט זי מיט איר סאַמעטענעם קאָל. — איר האָט אַלץ אָנגעהאַנגען, מיט וואָס איר זײַנט באַלוינט?

דאָוויד באַליידיקט זיך ניט, ענטפערט, ווינקענדיק אַפן וועסטיביול, ווו עס פאַרזאַמלט זיך די יוגנט:

— פון דעם, ווער מיר זײַנען, אַלנפאַלס, וויאַזוי מיר זעען אויס, איז געוועגדט, ווער זיי וועלן ווערן.

אַנע אַרנאָלדאָווגע דערווידערט ניט, זי באַמערקט לעסאָף עליקן:

— אהא, אויך דו ביסט דאָ, מיט די עלטערן, זייער גוט!

— מיר זײַנען שטענדיק אינאיינעם, — ענטפערט אַ ביסל האָזעדיק עליק.

— ריכטיק טוט איר, — מאַכט זיך נאָרשיין, ווי זי וואָלט ניט געהערט די האָזע אין עליקס קאָל. — ביסט געקומען הערן לידער, צי זינגען?

— כ'האָב נאָך ניט באַשטימט.

נאָרשיין פירט איבער דעם בליק פון עליקן אף זײַנע עלטערן.

— איר זײַנט כוואטן, אין אלגעמיין גענומען, — זאָגט זי. — מאָלאָדצי! אזא ווויל יאטל האָט איר. פאראן, הייסט עס, נאָך פולווער אין די אר־סענאלן.

— טאָמיד איז בא אונדז ניט צו דער צײַט, — שמייכלט דאָוויד. — אָדער צו פרי, אָדער צו שפעט.

— מע דארף זיך ניט בארימען. ווער ווייסט ניט, אז בא אײַך איז א סאָלידער עלטערן־סטאזש?! — נאָרשיין גלעט צארט עליקס האָר. — איר, דאוויד איסײַעוויטש, זײַנט צו צוואנציק יאָר געוואָרן א טאטע, און מענטשן האָבן געטײַנעט — אליין נאָך א יינגעלע, אָבער אין א יאָר ארום איז אָט דאָס יינגעלע אוועק אפן פראָנט, פאשיסטישע טאנקען געצונדן. אזא איז אײַער דאָר.

— איר זײַנט אפן פראָנט געוועזן? — פרעגט מיטאמאָל אָן צערעמאָניעס עליק.

— ניין, ליבינקער, בייס דער מילכאָמע בין איך נאָך גאָר א קליין מיידעלע געוועזן, — אנע ארנאָלדאָוונע פארטיידיקט זיך מיט איינעם פון אירע פרעכטיקע שמייכלען. — עפּעס זעט מען ניט אונדזער קאטעדרע־פארוואלטער, יעוודאָקיִע פעטראָוונע. ער זאָגט זיך שוין אָפּ פון אלץ, ניט נאָר פון דער קאטעדרע?

— פארקערט, — ענטפערט דוסיע. — כ'האָב געהערט, אז ער וויל בלײַבן אף זײַן שטעלע.

די אונטערשטע ליפּ בא אנע ארנאָלדאָוונען לאָזט זיך נידעריק אראָפּ, נאָר באלד ווערט זי צוריק אופגעהויבן. נאָרשיין שליסט איבער איר אופ־מערקזאמקײַט אפן אקטאָוון זאל.

סטודענטן — א סאך מער, ווי אנע ארנאָלדאָוונע האָט דערווארט זען. און מיטארבעטער פיל, קימאט אלע געקומען, פאר זיי זײַנען אויסגעטיילט די ערשטע רייען.

מיט אן אומגעוויינלעכער פײַערלעכקײַט, מיט אן אופריכטיקן דערעכע־רעץ קוקן די סטודענטן אף זייערע עלטערע כאוויירים, צוגעפוצטע, ערנסטע און איינצײַטיק דערהויבענע. אזויפיל אָרדענס און מעדאלן אף די לאצקאַנעס פון די פּידשאקן, קיטעלן, קאָפּטעס. דער אינסטיטוטישער זאל האָט נאָך קיינמאָל אזוי יאָמטעוודיק ניט אויסגעזען. און אנע אר־נאָלדאָוונע האָט ערשט איצט אין דער פולער מאָס אָפּגעשאצט דאָווידס אופטו, דאָווידס פארקלער, דאָווידס דערווארטונגען. און מיט אָט דעם גע־פיל פון איבערגעגעבנקײַט איז זי ארויסגעגאנגען אף דער בינע. אין דעם

אויסגעגייטן לאַנגן, קימאַט ביזן דיל קלייד, אין די שוואַרצע, מיט שמאָלע נעזער טופּליעס, אַן אָנגעשטרענגטע, בלאַסע, מיט געפאַרבטע ווי׳עס און פיבערנדיק פינקלענדיקן בליק איז זי געווען קימאַט ניט צו דערקענען. אפילע דער שטרענגער דוסיען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַף דער בינע שטייט ניט איר קאָלעגע, נאָר עפּעס אַ פרעמדע פּרעכטיקע, שיינע, אומגעריכטע פרוי.

— זי און ניט זי, — רוימט שטיל אײַן דאָוויד דוסיען אין אויער.

— אַלנפאַלס, אַף איר אָרט, דאָ איז איר עכטע קאַטעדרע, — רופט זיך אָפּ דוסיע.

— ס׳קאָן זײַן, — זאָגט דאָוויד, נאָר פילן פילט ער, אַז אַזאַ פרוי, ווי אָט יענע, וואָס שטייט אַף דער אוואַנסצענע, איז אימשטאַנד מאַכן גליקלעך און אומגליקלעך, פאַנגען אין אירע נעצן אַ באַליביקן מאַנצבל, קעגן אַזאַ וועט נישט אײַנשטיין ניט קיין מעכטיקער אינטעלעקט, ניט קיין קלוגשאַפט, ניט קיין שום ווילן.

די עטלעכע ווערטער, מיט וועלכע נאָרשיין עפנט דעם אָוונט, זײַנען שוין געווען און און פאַר זיך אַ שיינער ניגן, אַ מין רופנדיקער געזאַנג.

אָן סאָליסטן, מיטאַמאָל, אין איינקלאַנג מיטן מאַגניטאָפאָן, צעהילכט זיך אין זאַל די ערשטע ליד — די ליד, וואָס איז טײַער דאָווידן נאָך פון דער ווײַטער קינדהײַט. ער האָט זי אַמאָל געזונגען פאַר דער באַלעבאָסטע־נעפּמאַנשע, פאַרדינענדיק אַ ריפטל לעקעך. קיינער זאָל ניט זען, ווישט ער אויס די ווי׳עס און זשמורעט זיי צו.

דערנאָך קומט די צווייטע ליד, און אויך אַף איר רופט זיך גערן אָפּ דער גאַנצער זאַל. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אַלע, ווער עס זיצט דאָ, געדענקען גוט די ווערטער — סײַ די עלטערע, סײַ די סטודענטן. איינס באַקומט זיך דערווײַל ניט גוט: דער זאַל — אָדער ער לויפט אוועק פאָרויס, יאָגט איבער דעם טעמפּ, וועלכן עס פאַרגיט דער מאַגניטאָפאָן, אָדער ער שטייט אָפּ, דעריבער בעט אַנע אַרנאָלדאָוונע די כעוורע פונעם פיזישטעכנישן פאַקולטעט, זיי זאָלן דעם מאַגניטאָפאָן אויסשליסן, און אַליין זעצט זי זיך צו צום ראָיאַל.

איינע נאָך דער אַנדערער ציִען אַרויס אירע פינגער פונעם פינקלענדיקן אינסטרומענט מעלאָדי׳עס — און דער זאַל ענטפערט היספּײַלעסדיק, פריידיק.

העכער אַ שאָ קלינגען די אַלטע לידער. איצט ציִען אַרויס נאָרשיינס פינגער לידער פון דער מילכאָמע.

אָן אייגנאַרטיקער, קימאַט אינגאַנצן מאַנצבלשער כאָר הילכט:

דערשפּאַנען צו דיר איז ניט לײַכט —
און צום טויט איז בלויז עטלעכע טריט...

— דאָס איז דאָך די סאַמע־סאַמע אונדזערע! — שעפּטשעט עליק, אײַנ־קלאַמערנדיק זיך אין דער מאַמעס האַנט.

23

פאַרן טראַדיציאָנעלן זונטיקדיקן שפּאַציר דערלאַנגט דוסיע טיי. דאָ־וויד שטעלט אַוועק אויפֿן טיש צוויי גרויסע שטיקער האָניק־צעלניק דיר־רעקט פֿון אַ בינשטאָק־רעמל — דאָוויד האָט געוווּסט, וואָס פֿאַר אַ קיבעד אונטערטראָגן דעם זון און דער פֿרוי.

— אַ מעכײַע, — זאָגט דוסיע, לעקנדיק די פֿינגער, איבער וועלכע עס רינט דער קלעפּיקער האָניק.

זי קוויקט זיך, נאָר עפּעס באַומרויִקט זי איינעם מאַנס אויסזען. זי פֿאַרגעסט אָבער באַלד וועגן דעם, ווײַל זי ווייסט, אַז אומעטיק איז דאָוויד ניט אומזיסט. סיבעס זײַנען פֿאַראַן.

נאָך דעם טיי טרינקען טוט דוסיע אַ קוק אין שפּיגל.

— אָט דאָס קעלנערל דאַרף מען אַראָפּנעמען, — זאָגט זי, צורירנדיק זיך מיט די פֿינגער צום האַלדז.

— ריכטיק! — איז מאַסקים עליק.

— אין אַזעלכע פֿראַגעס שטיץ זיך ניט אויף מײַן אויטאָריטעט, — באַ־מערקט דאָוויד.

און ווידעראַמאָל דערפֿילט דוסיע צופֿיל צאַר אין דאָווידס קאָל. נאָר וואָס זאָל זי טאָן? די געשעענישן וועסטו ניט אָפּשטעלן.

שפּאַצירט האָט מען, ווי געוויינלעך, מיטן שטענדיקן מאַרשרוט, פֿאַ־מעלעך, און, דוכט זיך, ווי טאָמיד, מיט פֿאַרגעניגן. נאָר ווען זיי האָבן זיך שוין אַראָפּגעלאָזט צום מיט פֿונעם ריוו לעבן דער אָקאַ, דערפֿילט דוסיע, ווי עמעצער וואָלט זי אַ שטויס געטאָן אין פּלייצע. זי הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך אַרום: אויפֿן ווײַטסטן קאַם פֿונעם ריוו שטייט איינזאַם נאָרשיין. דער ווינט צופּט איר קליידל. נאָר אַנע אַרגאָלדאָוונע קוקט ניט אויף זיי, זי איז אָנגעצילט אין דער ווײַט, אויף יענער זײַט טײַך, ס׳קאָן זײַן — אויף יענער זײַט וועלט.

דוסיע שווײַגט, זי טוט בלויז אַ קאָסע מיטן אויג אויף דאָווידן.

אינעם הימל, וועלכער רייניקט זיך צוביסלעכווײַז אָפּ פֿון וואָלקנס, באַווײַזט זיך די זון, אירע שטראַלן גלעטן די ביימער אין ריון. ווייניק ביימער שטייען דאָ, עפּשער דעריבער טיילט זיך אַזוי בולעט אויס יעדער בוים באַזונדער. און יעדער בוים גויסעט אייגנאַרטיק. פֿונדערווײַטנס ברענט פֿריילעך אין געלער העלקייַט די ליפּע. באַם קליאָן איז דער גלאַנץ אַ מעשענער, ער איז ניט אינגאַנצן פֿאַרברוינט. דער טאָפּאָל האָט אין העלע טענער אָפּגעפֿאַרבט בלויז דעם שפּיץ, פֿון אונטן האָט ער ניט גע־וואַגט. פֿרײַער פֿון אַלע האָט אַראָפּגעוואָרפֿן די בלעטער דער וויאַז. די אַרומגעזוימטע בלעטלעך ליגן אונטער די פֿיס. און בלויז די אָלכע פֿרייט די אויגן, ווי פֿרײַער, ווי דער האַרבסט וואָלט געקומען פֿאַר אַנדערע — ניט פֿאַר איר, זי, די אָלכע, הערט אים, ווי דעם פֿאַראַיאָריקן שניי.

— וואָס זשע שווײַגסטו? — זאָגט דוסיע, כאַפּט אונטער דעם מאַן אונ־טערן אָרעם און קוקט אים אַרײַן אין די אויגן.

— כ׳פֿיל זיך עפּעס ניט מיט אַלעמען, — זײַנע ליפּן ציטערן. — כ׳בין, ווײַזט אויס, מיד.

נאָר דוסיע לייגט אויך איצט ניט קיין איבעריקע אַכט אָף דעם מאַנס ווערטער.

— נישקאָשע, — זאָגט זי. — וועסט זיך אָפּרוען — וועט דורכגיין.

אַ שטילער, דערשלאָגענער שפּאַנט דאָוויד באַנאַנד מיט דער פֿרוי, עליק איז געבליבן אַ ביסל הינטער זיי. אָפּגעשטאַנען אָף עטלעכע טריט.

— זע, די אָלכע בלײַבט גרין ביזן סאָף, — זאָגט דוסיע.

דער ווינט באַוועגט די צווײַגן פֿונעם בוים. שווײַגנדיקע פֿייגעלעך שפּרינגען אַרום אָף זײַנע צווײַגן, אייסעקן זיך צווישן די בלעטלעך, שפּילן זיך זאָרגלאָז.

דוסיע און עליק זײַנען אַנציקט פֿון דער בערעזע אינעם הויף, פֿון דער וואַסער־פּלומפּע — אַ צעוואַקסענער בוים מיט לאָקן — ניט אַראָפּגע־פֿאַלענע בלעטער, וועלכע זײַנען ענלעך לויט דער פֿאַרב אָף אופּגעברי־טער מילך. פּונקט אַזאַ בערעזע איז געשטאַנען אָפּן ראַנד פֿון אוזייעווער וואַלד אין די שוין פֿון לאַנג פֿאַרשוווּנדענע יאָרן, ווען בערעק איז געווען אַ סאַך קלענער, ווי עליק אַצינד, און דאָוויד איז געווען אָפּן פֿראָנט. אָבער יענע, די אוזייעווער בערעזע, איז שוין געווען קימאַט אַ האַלב אויסגעטריקנטע, און די איז נאָך אינגאַנצן אַ לעבעדיקע.

דוסיע פֿירט איבער אַפּסנײַ איר בליק אָף דער אָלכע און כאַזערט איבער:

— יאָ, די אָלכע בלײַבט גרין ביזן סאָף.

דאָוויד הערט, וואָס עס זאָגט דוסיע, קוקט אַף דעם דערשטוינטן עליקן, נאָר פרייען זיך מיט זיי אײנײנעם קאָן ער ניט — אים איז נאָך אַלץ ביטער אַף דער נעשאָמע.

מיטאמאָל טוט אים שאַרף א שטאָך אין ברוסט. ער טוט זיך א וואקל.

— א טשוואָק אין האַרץ, — זאָגט שולדיק דאָוויד.

— עליק, לויף נאָך דער גיכער הילף!

דוסיע זעצט אוועק דאָווידן אַף א געקנופּטן, אַרויסגעקראָכענעם פון דער ערד וואָרצל, שפּאַרט אים צו מיט דער פּלייצע צום שטאַם פון דער אָלכע. „אַז אינפאַרקט?" — טוט זי כוישעכדיק א קלער און לאָזט זיך אַראָפּ אַף די קני, צעשפּיליעט אים דאָס העמדל.

— היט די זין אונדזערע, — דאָווידס קאָפּ טוט זיך א נייג אין א זײַט, און ער בלײַבט אײנער אליין מיט די שנײַדנדיקע, אַלץ פאַרטויבנדיקע שמערצן.



א פרײַער דיפּלאָם

שטילערהייט זעצט זיך מערל אוועק לעבן מאַן, וועלכער האָט זיך נאָכן וואַרמעס צוגעלייגט אַף דער קאַנאַפּע, רירט זיך צו מיט אירע גראָבע, פּונקט ווי געשוואָלענע, הוילע עלנבויגנס צו זײַן ברוסט און טוט א זיפץ. עליע קנייטשט דעם שטערן: ער ווייסט אַלע אירע זיפצן — קיין פאַרגעניגן ברענגען זיי אים ניט. ער רוקט זיך אָפּ פונעם ווײַב, די קאַנאַפּע גיט דערבײַ א קלונג מיט אירע פּרוזשינעס. דורך די פאַרזשמורעטע אויגן קוקט ער אַף מערלס אָפּגעהיט ביז אַדהײַעם שיין ברוין פּאָנעם, אַף אירע פּוכקע, עטוואָס געגאָלטע ברעמען, אַף אירע דינע, געדיכט אָפּגעפּאַרבטע ליפּן. מערל שטעקט אַרײַן די פינגער אין זײַנע געקרײַזלטע האָר, באַשפּריצטע מיט ווײַסן טוי, גלײַך זי וואָלט שווײַגנדיק געוואָרנט: „איך בין דאָ — איז ניט געשלאָפן!”. עליע שטאַרקט זיך, נאָר דער דרעמל באַזיגט אים פונדעסטוועגן, און דאַן, ערגעץ פונדערווײַטן, פון אַמאָל, פון די שיינע יוגנטיאָרן, שווימט אויף איר קאָל:

— דו כראָפּעסט שוין, פּאָפּער מײַנער...

— האַ? וואָס? — עליע פּרווט זיך איבערקערן אַף אַן אַנדער זײַט. — ווער?

— דו קלערסט פון עפּעס? — וועקן אים דעם ווײַבס ווערטער.

— ניין. דאָס הייסט?..

— אויב „דאָס הייסט”, איז טאַקע ניין, — מערלס גרויע אויגן ווערן מיטאַמאָל בלײַענע. — טראַכטן מוז איך. דיך קלעקט ניט אַף אַזאַ איידעלער זאַך.

עליע הייבט זיך אויף פּאַוואָליע פון דער קאַנאַפּע.

— באַ טײַבעלען אין אינסטיטוט צעטיילט מען שוין אף ארבעט. אין דרײַ טעג ארום... — דערמאָנט מערל.

— דאנקען גאָט, זיך דערוואַרט אויך אף דער שאָ!

— אַלץ רופט באַ דיר ארויס קעלבערנע היספּײַלעס, — מערל שטופּט אָפּ פון זיך מיט דער דלאָניע עליעס קײַלעכדיקן אַקסל. — האָסט דען ניט געהערט, וווהין מע קלײַבט זיך זיי פארשיקן?

— וואָס ביסטו אזוי צעדרודלט? מע שיקט זיי אהין, ווו מענטשן לעבן, ווו עס זײַנען פאראַן קינדערלעך, וועלכע מע דאַרף לערנען און וועלכע וואַרטן אף לערערס. גאָרניט שרעקלעך.

— קוק נאָר אים אָן! ער האָט פאר גאָרנישט ניט מוירע. מאגאַדאַן איז פאר אים ניט שרעקלעך! בוריאַטיע!..

— ניט קרים, געוויינלעך, ניט סאָטשי, נאָר לעבן קאָן מען.

— אַלע שוואַרצע כאַלוימעס אף מײַנע סאָנימס קעפּ! — מערל טוט א שפּרונג פון דער קאַנאַפּע אפן דיל, הייבט אָן שפּאַנען איבערן צימער. — עס גייט דיר שטאַרק אָן, וואָס מיט טײַבלען וועט זײַן. עס אַרט דיך ווינציק וואָס. געדענקסט ניט, ווײַזט אויס, אז דו ביסט א טאַטע פון א טאָכטער. ביסט א טאַטע, אָדער ניין?

— דאָס דאַרפסטו וויסן בעסער פון מיר...

— ער איז מעשוגע אָדער כאָסערדייע, ניט אנדערש. הערסט, וואָס דײַן צונג פּלאַפּלט?

— אימקיין, וואָס זשע ווילסטו?

מערל ווערט א ווײַלע פארגליווערט, טוט א שאָס מיט די אויגן אפן מאַן:

— פרעג מיך, וואָס וויל איך ניט, וועל איך דיר ענטפערן, אז איך וויל ניט בוריאַטיע און ניט מאגאַדאַן...

— א שיינע מײַסע, נאָר א קורצע, געלערנט, געכאָוועט, און ארבעטן זאָל עמעצער?

נאָר מערל וויל וועגן אזוינס ניט הערן, זי טײַנעט אירס:

— מע מוז ארויסשלעפּן פון פײַער דאָס אייפּעלע. סטײַטש, פאר וואָלכע זינד זאָל טײַבעלע פאַרן אין עפּעס א העק? פארוואָס קומט דאָס איר?

מיט ווייכע קעצישע טריט קערט זיך אום מערל צו דער קאַנאַפּע, זעצט זיך ווידער אוועק לעבן מאַן.

— עפּשער, — שעפּטשעט זי, — זיך ווענדן צו סטעפּאַן אנדרייעוויטשן?

— דײַן דימיען שפּאַרט אָן ווײַט.

— אז מע טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן פאר א שטרויעלע. סטעפּאַן

אנדרייעוויטש איז א מענטש אן ערנסטער, א פעסטער, אן עכטער מאנצבל...

— ווערליק איך פארשטיי, ביסטו שוין איצט דאפקע יאָ גרייט פארגעסן, ווער ער איז.

— ווען מע דארף דעם גאנעוו, נעמט מען אים אראָפּ פון דער טליע. סטעפאן אנדרייעוויטש איז אן ערלעכער מענטש...

— פרי׳ער האָסטו עס ניט געוווסט?

— איי, הער אוף דרייען דעם מויעך. איך בין אָן א קאָפּ אויך אָן דיינע שפּילקעס. פאר איינס ציטער איך, טייבל וועט זיך פאראקשענען.

— טשעפּע זיי ניט, — זאָגט מיט פארדראָס עליע. — ווייניק האָבן מיר זיך אריינגעמישט אין זייערע באציונגען? זאָלן זיי זיך אליין פאנאנדערקלייבן. געפילן בלייבן געפילן. עס קאָן זיין, אז טייבל האָט אים שוין ניט ליב.

— דערפאר אָבער איז ער אין איר פארקאָכט, פונקט דאָס, וואָס מע דארף.

— א פרוי׳ישע לאָגיק.

— כ׳דארף האָבן נייטיק דיין לאָגיק־שמאָגיק. א הארץ! — מערלס בליק שרייפּט זיך אריין מיט בייזע פייערלעך אינעם מאנס אויגן. — דו האָסט אמאָל געהערט, וואָס עס הייסט א הארץ פון א מאמע? דיר איז אלציינס, וווהין מע וועט דיין קינד פארטרייבן, איך אָבער וועל עס ניט איבערטראָגן. דערלעבן, אז די אייגענע טאָכטער זאָל אריינפאלן אין אזא אומגליק, אזא העקדעש, אזא לאָך, ווו ס׳איז אייביקע געפרוירנקייט און דער רועך ווייסט וואָס? כ׳וויל ניט! און כ׳וועל ניט! אך, ווען מע זאָל קאָנען פאָרן אָנשטאָט איר...

— אָט דאָס איז דיין שטענדיקע פראָגראַם: אָנשטאָט איר, — האלט זיך קוים איין עליע. — דאָס גאנצע לעבן אָנשטאָט איר איז אומעגלעך. דו פארשטייסט, צי ניין?

— זאָל זיך, הייסט עס, דיין אייפעלע מאטערן, יאָ? זיך מוטשען, יאָ? זאָל זי ליידן, דיין טאָכטערקע, יאָ?

— מע האָט זי אויסגעלערנט, דעם אינסטיטוט ענדיקט זי בעשאָלעם, טאָר מען ניט זיין קיין פירפיסלדיקע... קיין כאזיירים זיינען נאָך ביז איצט אין אונדזער מישפּאָכע ניט געווען.

— טייבעלע האָט געגנוג געליטן: יעדער זומער — אָדער צעלינא, אָדער בוי־אָטריאדן, אָדער א וואָזשאטע אין פּי׳אָנער־לאגער. איר סכארלימעד האָט זי באצאָלט. און דערנאָך — זי איז דאָך אזא אומבאהאָלפענע...

עליע ווערט אין קאַס:

— דײַן ארבעט.

— אוואדע, — שלײַדערט אָפּ מערל צוריק זײַן וואָרט מיט כּויזעק. — אומעטום בין איך שולדיק. און דו? וווּ ביסטו געווען?

— בא דיר געדינט. האָסט מיך אין א מעשאָרעס פארוואנדלט. דײַן שאַ־לי̇עך בין איך געווען. געפּין דאָס, ברענג יענץ — א מײַסע אָן אן עק. דערלאנג דאָס טעלערל פונעם הימל! טײַבעלע מוז טרינקען ציגן־מילך — ביטע, נאט אײַך, טײַערינקע! אָבער פויגל־מילך? איך זאָל אזוי וויסן פון מאקעס, צי איך ווייס, ווי̇אזוי מעלקן די פייגל...

— דו ביסט א שטיין, אויב עס רירט דיך ניט טײַבעלעס גורל, — צע־כליפּעט זיך פּלוצעם מערל.

עליען דערשיטערן אירע טרערן, ער קאָן ניט לײַדן, ווען מערל וויינט.

— אנטשולדיק, — בעט ער שטיל.

מערל ווישט אָפּ די טרערן פון די לאנגע ווי̇עס:

— דאָס קינד מוז מען דרינגענד ראטעווען. און אזוי עס מאכן, ס'זאָל זײַן דורכויס קעשורע. קיין האָן זאָל ניט א קריי טאָן. באלד וועט קומען סטעפּאַן אנדרייעוויטש. איך האָב אים שוין אײַנגעלאדן.

אומזיסט וואַרט זי אַף אן ענטפער. קיין שום אָפּקלאנג. פון עליעס שווײַגן ווערט מערל פארצאָרנט.

— שטעקסט, ווי א פּניאָק, — זאָגט זי מיט עקל. אירע באקן, אי די רעכטע, אי די לינקע אײַנגעצײַטיק, ווערן צעשפּאָלטן מיט צוויי קנייטשן, וועלכע מאכן זי מיטאמאָל עלטער אַף א גאנצן יאָרצענדליק. — גיי און שיק מיר צו טײַבעלען, און דו מעגסט זיך גיט אומקערן.

עליע הייבט זיך אוף פון דער קאנאפּע, טוט זיך א וואקל פון איין פּוס אַפן צווייטן, קײַט פּאמעלעך, אָנגעשטרענגט די ליפּן, נאָר טוט א מאך מיט דער האנט און שלעפּט זיך אוועק שווײַגנדיק צו דער טיר.

טײַבעלע פליט ארײַן אין צימער, א הויכע, א שלאנקע, א באָרוועסע, אין א פּעניואר, וואָס איז פיל העכער פון די קני, זי שטעלט זיך אוועק אנטקעגן דער מוטער, נעמט זי ארום מיט אירע מילדע גרויסע אויגן.

מערל לייגט אוועק די הענט אַף טײַבעלעס אקסל, טוט א צי די טאָכ־טער צו זיך.

— וואָס איז געשען? דער טאטע איז עפּעס, ווי צעמישט. און דו... כ'פארשטיי גאָרניט.

— דו גלייבסט מיר, טאָכטערקע? זאָג — גלייבסט?

— נו, מאמע...

מערל פלעכט איבער די הענט ארום טײַבעלעס דינער טאַליע, קוקט ארײַן אין די בלויע, ווי באם פאָטער, נאָכגיביקע אויגן אירע:

— שרעקלעך אהין?

— א קאַפּעטשקע. אָנהייבן, ווײַזט אויס, איז שטענדיק ניט לײַכט. ציטער ניט. אַלע פֿאָרן, און איך — אויך. כ׳וועל ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן.

— דו ביסט בא מיר אַן איין־און־איינציקע...

טײַבל פֿאַרדרייט דעם קאָפּ אין א זײַט.

מערל אָבער שאַצט אָפּ אַף איר אויפֿן דער טאָכטערס טנוע.

— מע קאָן בלײַבן דאָ, אין דער היים. הער זיך צו. כ׳האָב אַלץ זיך דערוווּסט. מע דאַרף א פֿרײַען דיפּלאָם, — שעפּטשעט זי שטיל, פּונקט זי פֿאַרטרויט איר דעם גרעסטן סאָד. — באַקום אים, און גיי, וווּהין דו ווילסט. אויס אייביקע געפֿרוירנקײַט, אויס הוילע וויסטעניש...

טײַבל טוט א שמייכל — בלויז מיט די ווינקלעך פֿון די ליפּן:

— ניין, ס׳איז ניט פֿאַר מיר. איך האָב ניט קיין גרונט צו פֿאָדערן.

— דאַרף מען אים געפֿינען. האָב כאַסענע! א מאַן מיט א ווײַב וועט מען ניט צעשיידן.

טײַבל טוט א טרייסל מיטן קאָפּ — ניין.

— אוואַדע, — ווערט מערל אין קאַס און לאָזט אַרויס די טאָכטער פֿון די הענט. — מע האָט דיך גוט דערצויגן: קושסט דעם קאַנטשיק, וועלכער שמײַסט. א גדולה האָט דיך געטראָפֿן, מוזסט פֿאָרן אַף עק וועלט. האָסט ניט קיין קאַפּעלע ווילן.

טײַבלס ליפּן פֿאַרקרימען זיך:

— ס׳קאָן זײַן, עפּשער איז דאָס דערפֿאַר, ווײַל דו, פֿאַרקערט, האָסט ווילן זייער פֿיל. האָסט קיינמאָל וועגן דעם ניט געקלערט?

מערל ווערט אַף א ווײַלע דערשטוינט. זי צופּט מיט אירע קלייניטשקע דלאָניעס דעם פֿאַרטעך, נאָר קריגן זיך מיט דער טאָכטער וויל זי ניט:

— איך בין, ווײַזט אויס, א נאַרישע מאַמע, נאָר ווער ווינטשט דיר אַלדאָס בעסטע מערער פֿון מיר?

טײַבל נייגט אָן איר קאָפּ אַף דער מוטערס אַקסל.

— איך בעט דיך, — פֿאַרלירט מערל דערווײַל ניט די צײַט. מיט איין האַנט הייבט זי אויף טײַבלס גוידער און מיט די פֿינגער פֿון דער צווייטער גלעט זי אירע גלאַנציקע שוואַרצע ברעמען. — זײַ ניט באַרויגעז אַף מיר, מײַן שולד, וואָס סטעפּאַן אַנדרייעוויטש האָט אויפֿגעהערט צו אונדז אַרײַנקומען. איך האָב אים אַנטווײנט פֿון דיר. כ׳האָב געטראַכט, אַז ער איז צו אַלט פֿאַר דיר. פֿונדעסטוועגן אַף זיבן יאָר. נאָר א מאַן דאַרף טאַקע זײַן עלטער פֿון דעם ווײַב. איך בין עלטער פֿון דײַן טאַטן, מיינסטו, אַז ס׳איז גוט? און דאָס, וואָס סטעפּאַן איז ניט קיין ייִד, איז עס הײַנטיקע צײַטן

ניט קיין כיסאָרן. אַ כאָסן מיט אַלע מײַלעס, די סאַמע גרעסטע פון זיי: ער האָט דיך ליב...

— עפשער וואָלט שוין געווען גענוג, מאַמאָטשקאַ...

— פאַרוואָס? ווען־ס׳ניט־איז וועסטו דאָך כאַסענע האָבן. דו קלערסט, אַז אײַנעם אייביקן פראָסט און אין דער וויסטע וועט זיך אָפּזוכן אַ בעסע־רער כאָסן? סטעפאַן אַנדרייעוויטש איז ניט קיין גאָסן־יונג, ער איז אַ מענטש מיט אַ שטעלע, אַ פאַכמאַן, אַ גוטער אינזשעניער. האָסט דאָך וועגן אים געטרוימט.

טײַבל טוט אַ טרייסל מיט אירע אַקסלען:

— וואָס ווילסטו פון מיר?

— זאָלסט זײַן קליגער פון דײַן מאַמען. מער גאָרניט. האָב כאַסענע און זײַ גליקלעך. ביסט ניט מאַסקים אָף קיין עמעסן שידעך, טאָ זאָל ער זײַן אַ קלוימערשטער. אַבי נאָר אַרויסכאַפּן דעם פרײַען דיפּלאָם. באַ־קומסטו אים, איז אויס קאַלע — ווידער מויד. אַ שלאַק אָף אַלע סאָנימס קעפּ, גיב דײַן האַסקאָמע, מער גאָרניט. זײַ גרייט אָף אַ קנאַסמאָל. סטעפאַן אַנדרייעוויטש וועט הײַנט בעטן דײַן האַנט...

טײַבל האָט זיך פאַרויטלט. „ניין, פוסטע כאַלוימעס, — קלערט זי. — איך האָב אים באַליידיקט. אומזיסט און אומגישט. ער וועט ניט קומען“.

נאָר די מאַמע האָט שוין דאַפקע באַוואָרנט — ער איז געקומען.

די ערשטע רעגע שטייען זיי ביידע אַליין אין איר אַלקער פאַרלאָרן. נאָר באַלד טוט זיך טײַבל האַסטיק אַ קער צו סטעפאַן אַנדרייעוויטשן. אומ־באַהאָלפן, מיטן אויסדרוק פון שוצלאָזיקײַט אויפן געבײַלטן גראָבליפּיקן פּאָנעם, באַגעגנט ער איר שטרענגן בליק. און מיטאַמאָל פאַרפלייצט טײַב־לען אַ צאַרטקײַט, געמישט מיטן געפיל פון ראַכמאָנעס: אָף אים און אָף זיך אויך. „פאַרוואָס שטראָף איך אים? — טראַכט זי. — דערפאַר, וואָס ער האָט מיך ליב און איז גרייט אָף אַלץ?“

— דײַן מאַמע... אײַער מוטער, טאַניאַ, האָט מיך גערופן... — שטאַמלט ער קוים אַרויס.

טײַבל קנייטשט אָן דעם שטערן.

— ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען, — זאָגט זי.

סטעפאַן אַנדרייעוויטשס קינבאַק הענגט נידעריק אַראָפּ.

— עפנט אויף דאָס פענצטער, ביטע. וואַרט צו, כ׳וועל אַליין...

אַ שטיל ווינטל רירט אָן טײַבלס האָר.

סטעפאַן אַנדרייעוויטש טוט אַנטשיידן אַ שפּאַן צו טײַבלען, שטעלט זיך אָפּ הינטער איר פּלייצע, קושט איר נאַקן. זי טוט זיך אַפילע ניט קיין ריר. נאָר ער פילט, אַז זי איז אויפגערעגט.

— גלייבט מיר, פֿאַרלאָזט זיך אויף מיר, — זאָגט ער מיט ציטער אין קאָל.

טײַבל שווײַגט, אַ פֿאַרכושטע.

— וואָס איז דאָ צו ריידן, — סטעפּאַן אַנדרייעוויטש שפּיליעט אָפּ און פֿאַרשפּיליעט ווידער די קנעפּ פֿון זײַן פּידזשאַק, — כ׳האָב געוווּסט, אַז אַזוי וועט זײַן, נאָר פֿונדעסטוועגן... דאָס האַרץ איז גרינג אָפּנאַרן. איין ווונק — און איך, ווי אַ געטרײַ הינטל, בין געקומען צו לויפֿן...

— הערט אויף, טייקעף! — שרײַט טײַבל. זי איז אין כּעס אויף זיך און נאָך מערער אויף אים, ווײַל ער פֿאַרשטייט זי ניט.

סטעפּאַן אַנדרייעוויטש מײַדט אויס איר בליק, ער איז טויב פֿון ווייטעק, וואָס האָט זיך אויף אים אָנגעוואַלגערט, ער הערט ניט, ער קאָן ניט באַגרײַפֿן, וואָס עס באַטײַט איר געשריי.

— כ׳וועל באַלד אַוועקגיין, — זאָגט ער. — נאָר אינגאַנצן איין פֿראַגע: איר נייטיקט זיך אין מײַן הילף? איך האָב געמיינט... מיר דוכט זיך, אַז פֿאַר מאַריע סאָלאָמאָנאָוונען וואָלט געווען אַ שׂימחה אַפֿילו אַ פּיקטיווע כאַסענע, — גיט ער צו מיט ביטל.

— מײַן מאַמע! — זאָגט זי פֿאַרביטערט. — זי קען מיך ניט לאַכלוטן...

— יעדער יאָדער האָט איר שאָלעכץ.

טײַבל פֿירט צונויף די ברעמען:

— זי וויל פֿאַר מיר האָניק אויפֿן פּאָלאָניק, נאָר עס באַקומט זיך פּונקט קאַפּויער. ס׳איז ביטער, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? כ׳דערמאָן זיך דעם מאָשל וועגן אַ הון, וועלכע האָט אויסגעפּירט ענטלעך. ווען די קלייניטשקע זײַנען אַרײַנגעשפּרונגען אין טײַך, האָט זי, אַ דערשראָקענע, אַרומגעיאָגט אויפֿן ברעג, געליאַרעמט, געקוואָקעט מיט גוואַלד: „אַן אומגליק, זיי וועלן דערטרונקען ווערן!” ס׳איז אומעגלעך אָפּהיטן עמעצן פֿון זיך אַליין... מיינט ניט, אַז איך בין אַ באַרימערן. כ׳וויל פּאָשעט זײַן אָט ווי יענע ענטלעך, און ניט קיין הינדל...

— איר זײַנט אַ סאַך שענער, ווי מע טראַכט וועגן אײַך, — זאָגט צופֿרידן סטעפּאַן אַנדרייעוויטש. — אַזאַ וועל איך נאָך מערער, ווי פֿריִער... שעצן.

מערל גרייט צום טיש, דעקט אים מיט די בעסטע מײַכאָלים און קוקט אַלעמאָל מיט אומגעדולד אויפֿן זייגער.

— כ׳וואָלט זײַן אַ באַלן וויסן, וועגן וואָס עס גייט איצט אַ רייד אין טײַבלס קיידערל, — רופֿט זי זיך אָן צום מאַן, וועלכער העלפֿט איר פֿאַנאַנדערשטעלן דאָס געפֿעס. — עפּעס זייער לאַנג דינגט מען זיך...

עליע ענטפערט:

— ס׳קאָן זײַן, אז ער וויל זי ניט.

מערל טוט אַף אים אַ שפּריץ אַ סאַמיק, בליק:

— וואָס הייסט, ער וויל זי ניט? ער וויל זי דאָפּקע יאָ!

— איך זאָג דאָך: ער — וויל, זי — ניט. ער טאַקע וויל, אָבער זי וויל אים ניט. פאַרשטייסט, צי ניין?

— געפונען אַ צײַט זיך שפּילן מיט ווערטער...

— איך שפּיל זיך דען? איך זאָג דאָך נאָר.

אין דער רעגע דערזעט מערל דעם גאַסט, וועלכער גייט אַרויס, אײַלנ־דיק זיך און עטוואָס אויפגערייצט, פון טײַבלס צימער.

— נו?! — טוט מערל זיך אַ וואָרף צו אים.

— אײַער טאָכטער נייטיקט זיך ניט אין קיין פרײַען דיפּלאָם, — זאָגט סטעפאַן אַנדרייעוויטש מיט אַן אַנטשולדיקונגס־שמייכל.

מערל ווערט איבעראַשט.

— טײַבל! — צעגוואַלדעוועט זי זיך.

די טאָכטער וואַקסט גלײַך אויס אַף דער שוועל.

— וואָס האָסטו אָפּגעטאָן?

— אַלץ איז אין אָרדענונג, מאַמאָטשקאַ...

— טאַקע אַזוי?

— געוויס! סטעפאַן אַנדרייעוויטש פאָרט מיט מיר.

— דאָס איז עמעס, — באַשטעטיקט דער גאַסט, פאַרכלינענדיק זיך מיט פרייד. — וווּהין זי, אַהין איך, ווי אַ פאָדעם נאָך אַ נאָדל.

דאָס בורשטינענע בעכערל גליטשט זיך אַרויס פון עליעס הענט און צעקנאַקט זיך אַפן דיל — צעפּליט זיך אַף קליינע שערבלעך. „מיילע, אָן יאָמער, עס איז צום גליק״, — טרייסט זיך עליע. ער בייגט זיך אָן, קרעכצט, ווי אַן אַלטער, צונויפקלײַבנדיק די שפּליטערס.

אַ ביסל פאַרלאָרן קוקט מערל אַפן מאַן, נאָכדעם פירט זי איבער די אויגן אַף דער טאָכטער און פון איר אַפן גאַסט: „גיי ווייס, אַז ער איז אַ הונט מיט אויערן, — טוט זי אַ קלער, נאָר דערשרעקט זיך פאַר די אייגע־נע געדאַנקען. — נישקאָשע, געפאַלן באַ זיך טאָר מען ניט ווערן, און איך וועל ניט ווערן. ניט אַזאַ מין בין איך! כ׳וועל זיך שוין אָן אייצע געבן... ביזן פאָרן איז נאָך ווײַט. איך וועל זיי נאָך ווײַזן, ווער איז דאָ דאָס אייִ־בערשטע פון שטייסלו!״

עליע קוקט אַף איר מיט נײַגער, און אין זײַן בליק זעט זי סײַ מיט־געפיל, סײַ כויזעק...

אַן עקזאַמען

סיאָמע זיצט אין דער קאַבינע, וואָס שמעקט מיט בענזין, אַף אַ פֿאַרשמאָלצן שטולכל. ער איז מאָגער, זײַנע שאַרפֿע אַקסלען אונטערן פֿריש אויסגעוואַשענעם אַרבעטס־בעגעד בייגן זיך לײַכט הין און צוריק.

אַלע מאָל, ווען דער טראָס לאָזט אָפּ דעם גרײַפֿער און דער עקסקאַוואַטאָר־קויש טוט מיט אַ ראַש אַ פֿאַל פֿונעם שפּיץ פֿײַל אין קעסלגרוב, הערט אוף דער מאָטאָר צו ברומען, ווי ער וואָלט דערשטיקט געוואָרן. אָבער אַזוי דוכט זיך בלויז. זאָל סיאָמע זיך צורירן צום געהעריקן קנעפּל אַף דער מאַכשירים־ברעט אָדער צו די הייבערס, וועט דער מאָטאָר אין דער זעלבער רעגע צערעווען זיך אַפּסנײַ, ווידער אופֿוועקן דעם קויש, צווינגען אים זיך אײַנבײַסן אין דער ערד פֿונעם קאָטלאָוואַן און אַרויסשלעפּן צום ראַנד פֿון דער קעסלגרוב אַ הויפֿן ערד.

די ענגשאַפֿט פֿונעם אַרבעטס־אָרט קימערט ניט סיאָמען. ער פֿילט זיך באַקוועם. עפּשער דערפֿאַר, ווײַל אָט אַזוי, מיט די דלאָניעס אַף די טאַנקען־הייבערס, מיט די שטיוול־פּאָדעשוועס אַף די פּעדאַלן, איז ער דורכגעגאַנגען זײַן אַרמיי־דינסט אין דײַטשלאַנד, אין יענע ווײַטע קאַנטן, ווו מיט פֿיל יאָרן צוריק, אויך אַזוי, מיט די דלאָניעס אַף די הייבערס, מיט די שטיוול אַף די פּעדאַלן, פֿלעגט זײַן טאַטע מיט זײַן טאַנק דורכברעכן דעם וועג פֿאַר אונדזער אָנגרײַפֿנדיקער פּעכאָטע.

דער טאַטע איז פֿון דער מילכאָמע ניט געקומען, ניט געלעבט קיין פֿולע דרײַ צענדליק יאָר אַף דער וועלט. סיאָמע האָט פֿאַרענדיקט די שול, אָפּגעדינט אין דער אַרמיי, און, אָנשטאָט צו גיין אין אינסטיטוט,

איז ער אוועק אף א בויונג. אין אינסטיטוט האָט ער זיך געלערנט הינ־טער־אויגיק.

איצט איז אפֿן בוי־פּלאַץ, כוץ אים, מער קיין ארבעטער ניטאָ, ווײַל ס׳איז זונטיק. נעכטן פֿארנאכט איז צו אים צוגעגאנגען דער פּראָראב און גענומען בעטן:

— די קעסלגרוב מוז פֿארטיק זײַן איבערמאָרגן גאנצפֿרי. די מוליערס ווארטן. מיט איין וואָרט — מע דארף! איך פֿאָדער ניט, איך בעט. העלף!..

סיאָמע האָט זיך ניט אונטערגעגעבן:

— ס׳איז מיר געבליבן איין טאָג ביזן עקזאמען אין אינסטיטוט. איבער אײַך וועל איך דורכוואלגערן דעם עקזאמען.

— נו, וואָס רעדסטו... דו ועסט דורכוואלגערן? א קאָפּ פֿון א מיניס־טער...

— לויטן געזעץ האָט א הינטער־אויגלער דאָס רעכט צו באקומען פֿאר אַן עקזאמען א פֿרײַען טאָג. מאָרגן איז זונטיק. איז נא דיר גאָר אַן אוור־ראל.

— און אז מע דארף? עפּשער האָסטו געהערט פֿון אזא זאך, ווי קאָמ־יוגישער ענטוזיאזם? איך — דארף! פֿארוואָס ניט אויך דו? די מוליערס ווארטן, אז די קעסלגרוב זאָל זײַן אינגאנצן פֿארטיק...

— ווײ־ווײ, קיין אנדער ברייר ניט פֿאראַן. א פֿײַנער טערעץ — מע מוז. מע איז א באלכויוו. און אויב איך וועל ווערן א באלכויוו פֿארן אינסטיטוט?

לאנג האָט זיך סיאָמע געשפּארט מיטן פּראָראב, און געענדיקט האָט זיך, אז ער האָט טאקע געגעבן די האסקאָמע...

באלד וועט גיין א רעגן. סיאָמע באטראכט דעם קאָטלאָוואַן: ניט קיין סאך ערד איז געבליבן ארויסצונעמען.

דער הימל ווערט געדיכטער, אָנגעגאָסן מיט טונקלקײַט. א ווינט הייבט אָן וויגן די אלטע אקאציעס, בייגן און פֿארדרייען זייערע צווײַגן, פֿליקן די פֿלאטערנדיקע בלעטלעך.

סיאָמע איז פֿארטאָן אין זײַן ארבעט. ער דערזעט דעם דיקן נידע־ריטשקן מאנצבל מיטן ייִנגעלע ערשט דאַן, ווען יענע קומען צו אזוי נאָענט, אז עס דוכט זיך: אָט־אָט טוט אף זיי א פֿאל דער קויש פֿונעם עקסקאוואטאָר.

— שטייט! וווהין קריכט איר?! — שרײַט סיאָמע מיט אלע קויכעס, אָבער

אײַנקוקנדיק זיך, דערקענט ער זײַן לעקטאָר, װעלכער אונטעריכט אין אינסטיטוט צייכענונגס־געאָמעטריע. יאָ, ס'איז טאקע ער, זײַן לעקטאָר, א קורצװוקסיקער און א דיקער, איבערפלאָנטערן אים מיט אן אנדערן איז אומעגלעך. די באגעגעניש איז געװען אזוי אומדערװארט, אז אין דער ערשטער רעגע איז סיאָמע פּאָשעט פארגליװערט געװאָרן. נאָר אין א װײַלע ארום שרײַט ער אויס:

— װאָס האָט אײַך אהער געבראכט, גריגאָרי מאטװייעװיטש?

— מיר שפּאצירן, — ענטפערט דער לעקטאָר, װינקענדיק אפן ייִנגעלע, װעלכער האלט זיך פאר זײַן האנט, — ער דארף מער גאָרניט, אבי גיב אים א מאשין. דערזען פונדערװײַטנס אײַער מעכאניזם, און זיך גלײַך א ריס געטאָן: „קום, קום אהין!".

— א מאנצבל... — זאָגט מיט דערעכערעץ סיאָמע און שטעלט אָפּ דעם מאָטאָר.

אין הימל האָט פלוצעם אָנגעהויבן קנאלן. ס'האָט עפּעס אופגעציטערט, זיך א הוידע געטאָן און אָנגעהויבן פאלן, פליִען צו דער ערד, אָבער, אפּאָנעם, זיך פארטשעפּעט אין דער הייך. און דער הימל האָט אופגע־לויכטן מיט פײַערדיקע בליצן.

— װײַט האָט איר זיך פארקליבן, — זאָגט סיאָמע דעם לעקטאָר. — באלד װעט זײַן א גוסרעגן.

— מיר װוינען דאָ דערנעבן, — דערקלערט גריגאָרי מאטװייעװיטש, — פארװאָס עפּעס זײַנט איר זונטיק אף דער ארבעט? עס קלעקן ניט די װאָ־כעדיקע טעג?

סיאָמע צעפּירט מיט די הענט:

— ספּעציִעל פאר מיר האָט דער פּראָראב אן ארבעט אויסגעטראכט. מײַן עקזאמען, האלט ער, װעט צװוארטן...

דער לעקטאָר טוט א שמייכל:

— אײַער פּראָראב האָט מיסטאם פארגעסן, אז יעדן סטודענט סטײַעט ניט קעסיידער איין טאָג, איין־און־איינציקער, קעדיי דערפּאָלגרײַך אָפּ־געבן דעם עקזאמען...

סיאָמע רירט זיך צו מיטביידע דלאָניעס צו די הייבערס, טוט א קװעטש מיט די פּאָדעשװעס צוערשט אף איין פּעדאל, דערנאָך אף דער צװייטער. דער עקסקאװאטאָר װערט אומרויִק, זײַן גרײַפער טוט א ציטער, הייבט זיך אוף, שנײַדט זיך ארײַן מיט א טעמפּן קנאק אינעם דנאָ פונעם קאָטלאָװאן, שעפּט אָן א הויפן ערד און טוט זיך א ריס אין דער הייך.

אַ האַלבע שאָ אַרבעט סיאָמע, און די גאַנצע צײַט לאָזט ניט אַראָפּ די אויגן פֿונעם עקסקאַוואַטאָר דעם לעקטאָרס יאַטל.

עס טרעפֿט אַ רעגנדל. די אַלטע צעצווײַגטע אַקאַציעס לענגאויס דעם וועג הייבן זיך אָן אָפּשפּיגלען אינעם שוואַרץ געוואָרענעם אַספֿאַלט, ווי אין אַ טײַך.

דאָס יאַטל גייט ניט אַוועק פֿונעם עקסקאַוואַטאָר אַפֿילו דאַן, ווען דער רעגן צעבושעוועט זיך שוין ניט אויף קאַטאָוועס. דער טאַטע רופֿט אים אַהיים, נאָר ער איז אײַנגעשפּאַרט:

— ניין, בעשום־אויפֿן ניט. אויב דו האָסט מוירע פֿאַרן רעגן, גיי אַליין אַוועק!

— קום אַהער, — שרײַט פֿונדערווײַטנס סיאָמע, אויסשליסנדיק דעם מאָטאָר, — גריגאָרי מאַטווייעוויטש, דערלויבט...

דער לעקטאָר העלפֿט דעם יאַטל אַרײַנשטופּן זיך אין דער קאַבינע. עס הייבט אָן גיסן אַ שלאַקסרעגן, און גריגאָרי מאַטווייעוויטש באַהאַלט זיך אונטערן עקסקאַוואַטאָר.

— הייבט זיך אויף צו אונדז, — לאַדט אים אײַן סיאָמע. — ווי־ניט־איז וועלן מיר זיך אײַנמאָסטען אינדרײַען.

— אַ דאַנק, נישקאָשע. איך בין ניט פֿון צוקער.

— ווי רופֿט מען דיך? — פֿרעגט סיאָמע באַם יאַטל.

— יאַנקעלע.

אַ גליקלעכער, גלעט דאָס ייִנגעלע די הייבערס. סיאָמע פֿאַרשטייט אים גוט, אָט ערשט ניט לאַנג צוריק האָט ער אַליין געטרוימט זיך צורירן כאָטש צו אַן עמעסער מאַשין...

אינדערפֿרי, עטוואָס אַ פֿאַרשלאָפֿענער, שטייט סיאָמע אָנגעבויגן באַ דער צייכענונגס־ברעט. ער מאָלט מיט אַ שאַרף פֿאַרשפּיצטן בלײַער פֿאַר־שיידענע ליניעס: דעם ענטפֿער אויף דער ערשטער פֿראַגע פֿון זײַן עקזאַ־מען־בילעט. צומאָל, אָפּווענדנדיק זיך פֿון דער צייכענונג, כאַפּט ער אַ קוק אויף גריגאָרי מאַטווייעוויטשן, וועלכער זעט אויס דאָ, אין דער אַאודיטאָ־ריע, גאָר ניט אַזוי קורצזוניקיק און גאָר ניט אַזוי דיק. עס איז אַפֿילע אַ ביסעלע אַ כידעש. איין מאָל באַגעגענען זיך זייערע בליקן, אָבער סיאָ־מע אײַלט זיך אָפּפֿירן די אויגן אין אַ זײַט, זיי זאָלן ניט אויסגעבן: פֿון די דרײַ פֿראַגעס, וועלכע ער האָט באַקומען, ווייסט ער גוט בלויז די ער־שטע. ער סטאַרעט זיך וואָס גיכער אַרופֿטראָגן אויפֿן בויגן וואַטמאַן־פּאַ־

פיר די צייכענונגען און צווינגט זיך וואָס מער צו קאָנצענטרירן זיך און אָפּפרישן דעם זיקאָרן.

אין דער אאודיטאָריע קוקט אַרײַן די זון, ברענגט מיט זיך היץ. דאָס שטיקל הימל, וואָס הענגט אין פענצטער, איז דורכויס קלאָר, ריין, גלײַך מע וואָלט עס דורכגעשווענקט, אָנגעקראָכמאליעט, אויסגעטריקנט און אויסגעגלעט מיט א פרעס־אײַזן נאָכן נעכטיקן געוויטער. קיין שום שפור אפן הימל האָט דער שלאקסרעגן ניט איבערגעלאָזט.

איינעם מיט סיאָמען עקזאמען האלטן נאָך פינף הינטער־אויגלער. צו יעדערן באזונדער שטופט זיך גריגאָרי מאַטווייעוויטש דורך, קוויקט זיך מיט די שיינע, ריכטיקע ליניעס אפן וואטמאַן־פאפיר. ער איז צופרידן, גריגאָרי מאַטווייעוויטש, און דערמאָנט זיך די נעכטיקע באגעגניש מיט סיאָמען. „אָט וועמען כ׳וועל מיט א רויִק געוויסן ארויסשטעלן אן אויסגעצייכנטן באל”, — טוט ער א קלער און זאָגט אף א קאָל דעם באָכער:

— פײַן. קולטורעל. די האנט איז בא אײַך א זיכערע.

סיאָמע פארפרעסט די ציין: ווארט נאָך צו מיט לויב־געזאנגען...

גיין ענטפערן כאפט ער זיך ניט — די דריטע פראגע פונעם עקזאמען־בילעט לאָזט ניט צורו. מיט דער צווייטער וועט ער זיך נאָך יאקאָס אן אייצע געבן.

סיאָמעס פינף כאווירים האָבן שוין באוויזן צו שמועסן מיט גריגאָרי מאַטווייעוויטשן. צוויי פון זיי זײַנען דורכגעפאלן. ניט צופיל? אָט א טײַוול, אָט דער גריגאָרי מאַטווייעוויטש! סיאָמע קנייטשט דאָס פּאָנעם. שרעקלעך? ווײַזט אויס! צי דען וועט ער זיך טאקע ניט ספראווען מיט דער דריטער פראגע? אָט וואָס עס קימערט אים. ס׳איז געווען א רעגע, ווען אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז דער וועג צו לייזן די אופגאבע איז אָפּגעזוכט. ער מאכט לויזער דעם שלייף פונעם שניפּס, וועלכער לאָזט ניט פרײַ עטעמען, און נעמט האסטיק ארבעטן מיטן צירקול, אזוי פלײַסיק, אז דער גריפעל ברעכט זיך. ער שטעלט אפגיך ארײַן א נײַעם גריפעל, אָבער די אופגאבע איז סײַווי ניט געלייזט.

גריגאָרי מאַטווייעוויטש קוקט אף אים און זאָגט מיט א שמייכל:

— פאראן א שפּאס, אז וויפל דו זאָלסט ניט שטודירן צייכענונגס־געאָמעטריע, בלײַבט אלץ אין רוים — גאָרניט אין קאָפּ... הא, מירן עס אָפּלייקענען?

ניט באקומענדיק קיין ענטפער, גיט ער צו:

— ציטערט ניט. דרייסטער, דרייסטער!

מיט אָנגעבלאָזענע ליפּן שלעפּט ארויס סיאָמע די קנאָפּקעס, מיט וועלכע עס זײַנען צוגעשפּיליעט צו דער צייכענונגס־ברעט די פיר ווינקלען פונעם וואטמאן. דער בויגן פּאפּיר פּארוויקלט זיך טייקעף אין א רער. פּאָרזיכטיק, אף דער דלאָניע, טראָגט אים סיאָמע צום לעקטאָר.

— דעם רוים שטעלט איר זיך פּאָר אפּן בעסטן אויפן. אומזיסט באומרויקט איר זיך, — רופט זיך אָן גריגאָרי מאטווייעוויטש, ווען סיאָמע פּארענדיקט דעם ענטפער אף דער ערשטער פראגע. — זעצט פּאָר ווײַטער.

אויך מיט דער צווייטער פראגע ספּראוועט זיך סיאָמע, דוכט זיך, מערווייניקער נישקאָשע. אָבער גריגאָרי מאטווייעוויטש זאָגט שוין גאָרניט.

אויסהערנדיק דעם ענטפער אף דער דריטער פראגע, איז דער לעקטאָר געוואָרן אומעטיק. ער האָט געשטרײַט מיט זיך אליין. אן אנדערן וואָלט ער געהייסן גיין. נאָר אים, סיאָמען — ניין, אָפּשיקן אים צוריק איז אומעגלעך.

גריגאָרי מאטווייעוויטש וואָלט, ווײַזט אויס, ניט געקאָנט פּינקטלעך דערקלערן, פארוואָס ער וועט ניט הייסן סיאָמען קומען נאָכאמאָל, קלאָר איז אים אָבער איינס — ער, גריגאָרי מאטווייעוויטש, וועט ניט דערלויבן זיך אזעלכס צו טאָן.

— אָט וואָס, — זאָגט ער לעסאָף און רוקט צו צו זיך סיאָמעס מאטריקול אין די בלויע טאָוועלעך. — מיטלמעסיק וועל איך אײַך ארויסשטעלן...

א רעגע וואקלט זיך דער עקסקאוואטאָרשטשיק, צוקוקנדיק, ווי דער לעקטאָר ווישט אָפּ מיט א שטיקל לעש־פּאפּיר דעם שפּיץ פון זײַן אווטאָ־הענטל. „צי דען איז דאָס די לוין פּאָר דער פרײַנטשאפט מיט יאנקעלען?" — בליצט דורך אינעם מויעך. דערנאָך קוקט ער שטרענג ארײַן אינעם לעקטאָרס אויגן:

— קערט אום!

— וואָס האָט איר געזאָגט?

— די זאטשאָטקע גיט מיר אָפּ צוריק!

— אָט וועל איך אוועקשטעלן די יעראָגליפן, זיך אונטערכאסמענען, וועט איר באקומען צוריק אײַער מאטריקול.

— כ'בין נאָך ניט ווערט דעם באפרידיקנדיקן באל, גריגאָרי מאטווייעוויטש. נאָך ניט פארדינט אזוינס. קיין נעדאָוועס דארף איך ניט.

פלינק, אזוי, אז דער לעקטאָר האָט ניט באמערקט אפילע, טוט סיאָמע א כאַפּ דעם מאטריקול פונעם טיש, פארשטעקט אים טיף אין פּאָרטפּעל

און הייבט זיך אוף. ער וויל דערביַי זאָגן, אַז מער פון אַלץ איז אים דערווידער מיטלײַד צו זיך, אַז ער איז ניט קיין אומבאַהאָלפן הענדל. ער איז פונעם טאַטנס ראָשטשינע. נאָר אָנשטאָט דעם, רעדט ער הייזעריק אַרויס:

— דאָס צווייטע מאָל — ווען?

— בלויז איין איַיך איז עס געווענדט, — ענטפערט גריגאָרי מאַטווייעוויטש. ער קוקט, ווי סיאָמע גייט אַנטשיידן אַוועק, און קלערט: „אַלץ איז ריכטיק. ער וועט זיַין אַן אינזשעניער. אָבער איך... כ׳עלטער זיך, כ׳ווער סענטימענטאַל?"

די טיר נאָך זיך פאַרמאַכט סיאָמע פּאַמעלעכן. און ס׳ווערט באַלד שאַר שטיל אַף יענער זיַיט שוועל, גלײַך קיין שום עקסקאַוואַטאָרשטשיק איז דאָ ניט געווען. „אַוועק אַף די שפּיץ פינגער", — קלערט דער לעקטאָר. נאָר אין עטלעכע רעגעס אַרום דערהערן זיך פונעם קאָרידאָר סיאָמעס פעסטע טריט. גריגאָרי מאַטווייעוויטש טוט שווער א זיפץ...

די בערעזקע

נאם יאם שטייט א באָכער, זײַן ווײַס העמדל איז צעשפּיליעט א סאך נידעריקער פונעם קאָלנער. דאָס פאַרברוינטע פּאָנעם — פאַרטרויערט. און אורמעט איז פאַרבאָרגן אין זײַנע עטוואָס אָנגעשוואָלענע אויגן־אפּלען, אין די קווערע קנייטשן צווישן די געדיכטע פוכיקע ברעמען. אפילע די וואָנצעס, וועלכע פאַרהילן קימאַט אינגאַנצן די אייבערשטע ליפּ, הענגען אראָפּ, ווי פאַרוועלקטע, איבערן מויל. ס׳קאָן זײַן, אז עס קימערט אים דאָס, וואָס דער זאמדיקער ברעג, ווו ער האָט פאַרפּעסטיקט זײַן רעמל אף א דרײַפוס, איז פוסט און הויל. אין יענע ווײַטע קאנטן, פונוואנען ער איז געקומען אהער, האָבן די ברעגן אויסגעזען ניט אזוי, ווי דאָ. יענע זײַנען געווען אײַנגעטונקען אין ניטגעזייטן גרינס, פאַרפלייצט מיט קאָלערליי צעפּאטלטע און אונטערגעשאָרענע גראָזן, קווייטן, קוסטעס. האגאם אויך דאָ זעט מען שפּאצירן פאַרשיידענע מענטשן, זיי אָטעמען אײַן דעם פרישן שטויב פון די ברויזנדיקע יאם־כוואַליעס. עמעס, דאָ איז דער האמוין א ביסל אן אנדערער — ער וויל ניט באמערקן דעם אומבאוווסטן מאָלער מיטן מאָלבערט, זײַן פאַרטיפקעוועטן לײַוונט, אף וועלכן עס זײַנען דערווײַל אָנגעצייכנט בלויז בלייכע קאָנטורן פון עפּעס א געקרײַזלטן בוים, מינאסטאם איז דאָס אן עשעל־בוים, וועלכן מע זעט גוט פונדאנען אפן נאָענטן בערגל, א פאַרסארפּעטס פון דער זון. די זאטע לײַדיקגייער, די אָרטיקע טוישווים, די נײַגעריקע פאַרדײַגעטע עמיגראנטן — נײַע אוילים, שאצן דאָ נאָר אויסערגעווײנלעכס, איבעראשנדיקס, אייגנארטיקס.

דעם קינסטלער האָט ווייניק געארט, צי לייגט מען אף אים אכט, צי ניין. פאַרטיפט אין שווערע געדאנקען, אין ווארגנדיקער בענקעניש, אין

ער געווען ווײַט פון אָט דעם יאם, פון אָט דעם ברעג, פון אָט די פרעמדע ארומיקע מענטשן. לאנגזאם, פאָרזיכטיק האָט ער זיך באשעפטיקט מיטן פענדזל און געטראכט וועגן זיך, וועגן דעם, וואָס ער האָט פאַרלאָרן, איבערוואָגלענדיק אהער, איצט איז אים שוין געווען קלאָר — אַף אייביק אָנגעוואָרן. פיל געדאנקען האָבן געווימלט אינעם מויעך. נאָר שווערער פון אלץ איז געווען צו קלערן וועגן אײַען.

צום ערשטן מאָל האָט ער זי באגעגנט אפן הויכן ברעג פונעם טײַך כאָפּיאָר. ער וואָלט מיסטאם ניט באמערקט דאָס יונגע מיידל מיטן ביכל אין די הענט, ווען ער זאָל זיך צופעליק ניט באגעגענען מיטן דרייסטן בליק פון אירע ריינע בלויע אויגן.

איר שטילע שיינקײַט האָט איבעראשט הענעכן, אין עטלעכע מינוט ארום איז ער שוין געווען פארכאפּט פון א בלענדנדיקן טרוים. ווײַזט אויס, אז בלויז קינסטלער קאָנען עס — מיטאמאָל זיך אָפּשיידן פון אלץ, אויסשליסן זיך פון דער וועלט, אוועקלאָזן זיך ווער ווייסט אין וואָס פאר א ראיוינעס. אומקערנדיק זיך צוריק אין דערווירקלעכקײַט, האָט דאָס דערשטוינטע באָכערל א זוך געטאָן ארום מיטן בליק. די אומבאקאנטע איז אנטרונען. הינקענדיק אפן לינקן פוס, האָט ער זיך א וואָרף געטאָן נישטערן אין די נאָענטע גאסן און געסלעך — אומזיסט, זי איז נעלעם געוואָרן. א שווייס האָט זיך געקײַקלט איבערן פּאָנעם, צוגעפויזעט צום האלדז, געקיצלט די ברוסט.

ביז סאָף טאָג האָט הענעך געבלאָנקעט איבער די שלעפעריקע, אויסגעמאטערטע פון דער היץ שטאָטישע גאסן. ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן כעזשבן, וואָס עס קומט מיט אים פאָר. אַף געוויס האָט ער אָבער געוווסט — ער מוז אומבאדינגט נאָכאמאָל, כאָטש נאָך איין מאָל זען דאָס מיידל, א קוק טאָן אין אירע אויגן.

ער האָט זי באגעגנט אין אָוונט, טאקע ווידער דאָרטן, אפן הויכן כאָפּיאָר־ברעג, וואָס איז ארומגעזוימט מיט אקאציע־קוסטעס. די אומבאקאנטע איז געקומען מיט איר כאַווערטע. די מיידלעך זײַנען געשטאנען אקסל צו אקסל און געקוקט, ווי עס גייט אויס אין וואלד אַף יענער זײַט טײַך די שקיִע.

לאנג און אומגעשיקט האָט זיך הענעך געטאָפּטשעט אַף איין אָרט. דוכט זיך, וואָס קאָן זײַן פּאָשעטער — נעמען און צוגיין... ער ווייסט, זיי האָבן אים שוין באמערקט און שעפּטשען עפּעס פריילעכס איינע דער אנדערער אין די אויערן. אים איז אָבער שווער זיך צו באַשליסן. נאָר ווען

ער באהערשט זיך און טוט א שפּאַן פּאָרויס, דערפילט ער, אז די צונג אין מויל איז געליימט געוואָרן. א צעמישטער און פארשעמטער, זעט הע־נעך גאָרניט, כוץ די ריינע, בלויע אויגן.

און דאן ווענדט זיך אײַע, אָפּשפּעטנדיק, צו איר כאוורטע, נאָר אזוי, אז אויך דאָס הינקענדיקע באָכערל זאָל הערן:

— אף מיר זײַנען דען פאראן אוזאָרן? פארוואָס האָט ער אָנגעשטעלט די לאמטערנס?

— זײַט ניט בארויגעז... איר... איר, — האָט הענעך א פארויטלטער געשטאמלט, — איך וויל... איך מוז אײַך מאָלן...

אײַע האָט צוגעמאכט די וויִעס, אירע באקן האָבן גענומען פלאמען פון פארגעניגן, און שוין אָן א סימען פון כויזעק האָט זי געזאָגט:

— עפּשער וואָלטן מיר פונדעסטוועגן זיך באקאנט? צוליב קלאָרקײַט?

אהיים האָט הענעך זיך אומגעקערט א באפליגלטער: אײַע וועט מאָרגן זײַן דאָ, אפן ברעג, לעם דער בערעזקע, וועלכע שווענקט איר אָפּשפּיג־לונג אין די וואסערן פון כאָפּיאָר.

אײַע האָט ניט אָפּגענארט.

נאָך איידער זי איז געקומען, האָט הענעך פאנאנדערגעשטעלט דעם דרײַפוס, צוגעגרייט פארשיידענע בערשטלעך, די פּאליטרע. ווען דאָס מיידל האָט זיך באוויזן אפן ראָג פונעם בײַטײַך־געסל, איז הענעך פלינק צו איר צוגעלאָפן, דערלאנגט די האנט און אזוי — דלאָניע אין דלאָניע, געפירט זי צו דער באנק, וואָס איז געשטאנען, אן אײַנגעוואקסענע אין דער ערד, באם ראנד פונעם אָפּריס.

אוועקגעזעצט זי, האָט הענעך עטלעכע מינוט געקוקט אף איר און ערשט דאן גענומען מאָלן.

אײַע האָט ניט אראָפּגעלאָזט די אויגן פונעם באגײַסטערטן באָכער, איר איז דאָס געווען אָנגענעם, אָבער ניט מער, ווי אָנגענעם...

הענעך אָבער האָט געיובלט. בלויז פאר אים אליין האָבן געפינקלט אירע אויגן, האָבן זיך געשלענגלט אירע פּעך־שווארצע ברעמען, אירע צוגעפארבטע, עטוואָס אויסגעבויגענע וויִעס.

— א דאנק, אײַע וואסיליעוונא, — האָט ער געזאָגט מיט א ווארעם, ווייך קאָל.

— פאר וואָס? — האָט זי זיך שפּילעוודיק געוווּנדערט.

— פאר דער פרייד, וואָס איר האָט מיר פארשאפן.

— אלע קינסטלער ריידן אזוי אלטמאָדיש, אָדער בלויז איר?

הענעך האָט אופגעהויבן אף איַיען זײַנע פארטרויערטע אויגן.

מער איז זי צו אים ניט געקומען. עס האָבן זיך געענדיקט די קאַני־קולן — אירע און זײַנע. איינמאָל אָבער, פארן אָפּפאָר, האָבן זיי זיך באַגעגנט. ער איז געשטאַנען לעבן דער בערעזקע, וועלכע האָט זיך גע־לויכטן אין די שטראַלן פון דער פארגייענדיקער זון, און געקוקט אפן וואַסער צופוסנס דעם ברעג־אָפּריס. אוועקגיין אומבאמערקט איז איַיע ניט געווען אימשטאַנד, זי האָט שטיל באַגריסט הענעכן.

— נאָך לאַנג וועל איך וואַרטן אף מײַן פּאָרטרעט? — האָט זי געפרעגט.

— מיר איז איַיער בילד נייטיקער, ווי איַיך, — האָט אפגיך אָפּגעענט־פערט הענעך און פארקלעמט אין דער דלאָניע דאָס פארפלעקטע מיט פארבן בערשטל. — כ'האָב איַיך ניט געוואָלט באַומרויִקן, נאָר איר זעט דאָך, איַיע וואסיליעוונא, כ'ווייס ניט, ווי מע רופט דאָס געפיל, נאָר וויַיזט אויס, אז ס'איז באַשערט...

„אָט איז עס! — האָט א קלער געטאָן איַיע. — און וואָס וועל איך אים ענטפערן?” פונדעסטוועגן האָט זי זיס פארמאַכט די אויגן, וואַרטנדיק אף זײַן דערקלערונג.

— שיינקײַט — דאָס איז טאַלאַנט, — האָט פארנעפּלט און צוריקגע־האַלטן ארויסגעבראַכט הענעך. גלײַך זאָגן, וואָס ער פילט, האָט ער זיך ניט דערוועגט, — כ'בין איַיער פארערער...

מיט עפּעס א מאָדנעם פרעסטל אין האַרץ האָט איַיע רויִק באַטראַכט זײַן פּאָנעם, די ציטערנדיקע ליפּן, די ווייכע גרויע אויגן מיט די גרויסע שוואַרצאַפּלען. „אויגן פון א קינסטלער”, — האָט איַיע געזאָגט צו זיך אליין און ניט־ווילנדיק א זיפץ געטאָן.

ערשט איצט האָט הענעך זיך אָנגענומען מיט מוט:

— איך בעט, איר זאָלט מיך אויסהערן, איַיע וואסיליעוונא, טוט, וואָס איר ווילט — באַשטראָפט, פאַראַכטעט מיך, נאָר איר דאַרפט וויסן, אז איך האָב איַיך ליב...

„אַך, ווי ס'איז פונדעסטוועגן אָנגענעם, ווען מע זאָגט דיר אזעלכס”, — האָט א קלער געטאָן איַיע.

א גאַנץ יאָר האָט זי גאָרניט געוווּסט וועגן הענעכן, האָגאָם זײַנע לעצטע ווערטער זײַנען איר טיף ארײַנגעפאַלן אין זיקאָרן, זיי האָבן גע־טאָן אַלץ, וואָס עס טוען אזעלכע רייד. איַיע האָט געפילט, אז זי איז שטאַרק און דרייסט. א סאך קרעפּטיקער און געוואַגטער, ווי מע קאָן דערוואַרטן.

זי איז אריבער אפן לעצטן קורס פונעם אינסטיטוט און האָט זיך גע־קליבן צו פאָרן אינעם דאָרף צו די עלטערן, וועלכע זײַנען געווען לערער.

ערעוו אָט דער רײַזע איז אײַע אוועק זיך געזעגענען מיט דער בערעזקע אפן הויכן כאָפּיאָר־ברעג. פונדעסטוועגן האָט אײַע א ביסעלע וועגן הענעכן געקלערט.

נאָך ניט זעענדיק אים, האָט זי דערפילט, אז ער איז ערגעץ דאָ דערנעבן — דאָס הארץ האָט עס אונטערגעזאָגט.

יאָ, הענעך איז דאָ געווען. ער האָט שווײַגנדיק געזעגנט זי מיט זײַנע גרויסע שווארצאפּלען.

— איר זײַנט זייער א גוטער, זייער א פײַנער, — האָט זי שטיל געזאָגט. — כ'האָב מוירע אײַך מאכן אומגליקלעך...

— דאָך טוט איר עס, און איר זײַנט גערעכט, איך בין קיין גליק ניט ווערט. איך פאָר אוועק אף שטענדיק, איך פלי אין אָפּגרונט. בלויז איין וואָרט אײַערס — בלײַב איך דאָ, אָן די עלטערן. נאָר איר זײַנט בעקויעך מיך ראטעווען — ווילט איר ניט.

יאָ. זי האָט אים ניט פארשטאנען.

זיך אליין איז ער אויך ניט געווען אימשטאנד צו פארשטיין.

דעריבער שטייט ער איצט באם ברעג פון א פרעמדן יאם, ער מאָלט. די האנט פרעגט ניט קיין אייצעס, נעמט אָן מיטן בערשטל איין פארב נאָך דער צווייטער און טראָגט זיי אנטשיידן צו דעם מאָלבערט, לייגט זיי אפן לײַוונט פלינק, געשיקט, אקשאָנעסדיק. פונעם יאם בלאָזט א ווינטל, לאשטשעט זיך צום באָכערס האנט, און די האנט סטארעט זיך, זי ארבעט פלײַסיק, נאָר שעפּן שעפּט זי פון דער פּאליטרע ניט יענע קאָלירן, וועלכע לעבן אינעם ארומיקן לאנדשאפט — גאָר אנדערע, טײַערע, ווײַטע, מילדע פארבן פון זײַן פארלאָזטער היים.

הינטער הענעכס ברייטער פּלייצע האָט זיך צערוישט דער האמוין. מיט כידעש האָבן באטראכט זײַן בילד די אופגערודערטע לײַדיקגייער. ניט קיין יאם, ניט קיין עשעל־בוים האָבן זיי געזען, נאָר א לויכטנדיקע אין די שטראלן פון דער אופגייענדיקער זון יונגע בערעזקע אף דעם הויכן כאָפּיאָר־ברעג.

עמעצער הינטער הענעכס פּלייצע האָט פלוצעם א כליפּע געטאָן, אנשוויגן געוואָרן אף א ווײַלע, אָבער באלד נאָך דעם זיך צעוויינט, צעיאָמערט אף א קאָל.

הענעך האָט מוירע געהאט זיך ארומצוקוקן.

א מאַטאַנע

אקיווע גייט אריַין אין גאסטראָנאָם — קויפן בראָנפן און בעסויכעם א פלאש שאמפאניער, עס זאָל זיַין מיט וואָס צו באגעגענען עסטערן, ווען זי וועט זיך אומקערן פון דער סאנאטאָריע. ביכלאל איז ער ניט קיין טרינקער, רירט זיך זעלטן צו צום בעכערל, נאָר באַ א געלעגנהיַיט. אָבער היַינט איז פונקט יענער פאל, וועלכן מע דארף אָפמערקן: דער קאָמאנדיר פונעם אוויִאפאָלק, ווו עס דינט זיַין זון ארן, האָט צוגעשיקט א בריוו, ער דאנקט די עלטערן — זיי האָבן דערצויגן א גוטן סאָלדאט און אן ערלעכן בירגער. באַ אקיוועַן זיַינען געווען אויסערגעוויינטלעכע סיבעס שטאָלצירן מיט אָט דער בסורע, דעריבער האָט ער א קלער געטאָן, אז עס איז גאָר ניט קיין זינד נעמען א קויסע צוליב אזא מין זאך.

נאָר אין קלייט בליַיבט ער שטיין אנטוישט: אף די פאָליצעס — ניט קיין שאמפאניער, ניט קיין טשעקושקע... מיט א שלעכט פארמאסקירטן אויסדרוק פון ביטל לייגט אים פאָר די פארקויפערן א האלבן ליטער „עקסטרא". פאר אקיוועַן איז עס א סאך, און ער שטייט א וויַילע אין פארלעגנהיַיט.

— עפשער וועלן מיר די מאשקע בייַקומען אינצווייען? — דערהערט ער מיטאמאָל לעבן אויער א הייזעריק קאָל.

ער טוט א קער דעם קאָפּ. א יונגערמאנטשיק מיט א קוואר און ניט געגאָלט פאָנעם, מיט שווארצע צוגעזשמורעטע אויגן קוקט גליַיך צו אים אין דער נעשאָמע אריַין.

אקיווע וואָלט ניט מאסקים געווען צו ווערן א קאָמפאניאָן פונעם באָ־כער, וואָס פארמאָגט א דיקע נאָז מיט דינע ליפּעלעך. צופעליקע זויפער

זײַנען אים דערווידער. נאָר אינעם אויסדרוק פֿונעם אומבאַקאַנטנס פּאַנעם דערשפּירט ער פֿאַרצווייפֿלטקײַט, אַקיוועס ווײַזט זיך אויס, אַז דער יאַט בעט, מע זאָל אים העלפֿן. אָפּקערן זיך פֿון אַ מענטשן בײַ אַזעלכע אומשטענדן קאָן ער ניט, אַקיווע.

— צום ראָג און אַף רעכטס? צי אַף לינקס? — ברענגט אַרויס אומגעדולדיק דער אומבאַקאַנטער, פֿאַרקלעמענדיק דאָס העלדזל פֿון דער פֿלאַש אין דער פֿליישיקער דלאָניע.

— ע, ניין, ברודערקע, — ענטפֿערט אַקיווע האַרט. — מירן מיט דיר פֿאַרנעמען אַ טישל, באַשטעלן פֿאַרבײַסעכץ, אַ פּאָר קופֿלען ביר, מירן זיך מעכאַבעד זײַן, ווי גאָט האָט געבאָטן. אַזוי וועט עס זײַן פֿײַנער.

דער באָכער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— זאָל זײַן אַזוי.

אין גאָרקיך קוקט אַקיווע זיך צו, ווי דער יאַט באַגייט זיך מיט דער מאַשקע: ער צעגיסט זי אין די גלעזער גלײַכגילטיק, זיך — ווייניקער, אים — מער. אַקיווע פֿאַרשטייט, אַז דער יונגערמאַן איז ניט קיין גרעסערער שיקער פֿון אים. ער פֿאַרפֿירט מיט אים אַ געשפּרעך וועגן פֿאַרשיידענע קלייניקײַטן, וועקט דעם באָכערס אָפֿנהאַרציקײַט. לאַנג וואַרטן קומט אים ניט אויס. באַלד טאַקע ווערט אים קלאָר, אַז עס רוּיִנירט זיך דעם באָכערס געזינד. זײַן יונגע פֿרוי טוט אַלץ קאַפּויר: ער וויל איינס, זי — גאָר עפּעס אַנדערש. באַנאַכט דערקוטשעט דאָס פּיצל קינד. די קאַרוסעל דרייט זיך — קיינער ווייסט ניט, וויִאַזוי זי אָפּצושטעלן.

— אַ שלעכטער כאַראַקטער בײַ איר, — זיפֿצט כמורנע דער באָכער, קאָסיענדיק דעם בליק אַף דער פֿלאַש. — מע דאַרף לויפֿן, וווּהין די אויגן וועלן פֿירן.

— יאָ, ברודערקע, די צאָרעס האָבן דיך אַ גלעט געטאָן, — זאָגט אַקיווע. — אָבער אַרײַנפֿאַלן אין ייִעש דאַרף מען ניט. אַלעמען פּיקן די דײַגעס מיטן שאַרפֿן שנאָבל. פֿאַרשטייט זיך, לעשן אַ פֿרעמדן ווייטעק איז שטענדיק גרינגער. אין דײַנע אייסאָקים אַרײַנקריכן טאָר מען ניט, דאָ איז יעדערער פֿאַר זיך דער באַלעבאָס — פֿאַר אַלץ אַליין פֿאַראַנטוואָרטלעך. פֿונדעסטוועגן האָב איך זינען, אַז בײַ אַלע אומגליקן זײַנען פֿאַראַן צוויי טירן: אָדער אַהער, אָדער אַהין. כ׳וועל דיר דערציילן וועגן זיך.

אַקיווע הייבט אָן פֿונדערווײַטנס, פּאַמעלעכן, מיט אייַנצלהײַטן, דערנאָך אָבער רעגן אים אויף די דערמאָנונגען אַזוי, אַז ער באַמערקט שוין ניט, ווי ער היפּערט איבער אין זײַנע דערינערונגען איין טרעפּל נאָכן צווייטן, פֿאַרלויפֿט פֿאָרויס, היצט זיך.

צוערשט הערט דער באָכער זײַנע רייד צעשטרייט, דרייט אין דער האנט די דיקע געקאנטעוועטע גלאָז, אין וועלכער עס וויגט זיך די מאַשקע. ער איז פאַרטאָן אין זײַנע אייגענע דײַגעס, נאָר בעהאדראָגעדיק טרעטן זיי אָפּ, ווערן פאַרנעפּלט, אנטרינען. דעם אויבנאָן פאַרנעמען שוין די פרעמדע. די זאָרגן און איבערלעבונגען פון דעם ביז איצט אומבאַוווּסטן מענטש ווערן אים נאָענט, קימאַט לײַבלעך, האגאם זיי זײַנען גאָר ניט קיין אויסערגעוויינלעכע — פּאָשעטע, פּאסירן קאָנען זיי מיט וועמען דו ווילסט.

— כ'ווייס ניט, וואָס וועט העלפן דיר, ברודערקע, מיך האָט אויסגעלייזט פונעם אומגליק אַ מיספאַרשטייעניש, — טוט אַ שמייכל אקיווע.

זײַן דערציילונג וויקלט זיך פאנאנדער ניט גלאַט, מיט איבערײַסן, אים אליין דוכט זיך צומאָל, אז ער קנעט טייג אין אַ דייזשקע, ווי עס האָט עס פאַרצײַטנס געטאָן די מאמע, אָבער ער שפּירט, ער פילט, ער וואָלט שווערן, אז זײַן ווידע רירט דעם באָכער, פאַרטשעפּעט דעם אומבאקאנטנס נעשאָמע. קאָן זײַן דערפאַר, ווײַל יענער איז גרייט אלץ נעמען נאָענט צום הארצן, שלינגט ער זשעדנע און זעט דאָס, וואָס אקיווע דערציילט.

אָט זעט ער, אז אפן קאם פון אַ ברייטן ריוו, אין וועלכן עס שטייט די מעבל־פאבריק, ווו עס ארבעט זײַן צופעליקער פלאַש־פאַרטניאָר, איז אין דער הייך נאָך ליכטיק, נאָר עטוואָס נידעריקער ווערט שוין דער שניי באַדעקט מיט אַ בלוילעכער פאַרב. ער זעט אָן אלטע נאקעטע צעצווײַגטע בערעזע, איר שטאם האָבן די יאָרן און די איינזאמקײַט שווארץ געמאַכט, און דער ריוו איז פול מיט שקיִע.

זיצנדיק באַם טיש, שטרעקט אויס אקיווע די דלאָניע צו דער וואנט, טאַפּט אָן דעם אויסשאלטער. די שײַן פאַרפילט די קאָנטאָרקע. טייקעף ווערט אלץ אַף יענער זײַט פענצטער פאַרשאָטנט. בלויז לעבן די ריאַבינע־צווײַגן, באַנאַנד מיט די צוגעפרוירענע רויטע יאַגעדעס, צינדט זיך אָן אן אָפּשפּיגלונג פונעם עלעקטראָ־לעמפּל.

דער מײַסטער קוקט אַ ווײַלע אין פענצטער און קערט זיך אָפּ. מע דאַרף דרינגענד אויסשרײַבן נאַריאַדן־פאַרגעבונגען די סטאָליערס, זיי זאָלן וויסן, וואָס זיי האָבן צו טאָן מאָרגן. ער רוקט צו דעם טינטער. טונקט אײַן די פען — שרײַבט פלינק אַף דער ערשטער שורע פונעם בלאַנק די פאמיליע פונעם ארבעטער — „אראָנאָוו” און ציטערט אוף, די פאמיליע דערמאָנט אים דעם זון: אריקן ווערט דרײַצן יאָר!

פונעם צעך, דורך דער צעפּראַלטער טיר, רײַסן זיך ארײַן אין דער קאָנטאָרקע צוגעטויבטע, גלײַך זיי וואָלטן הייזעריק געוואָרן פאַרן טאָג,

קוילעס פֿון די בויגן־זעגן. באַרויִקעזלעך, ווײַזט אויס מאַכמעס דעם, וואָס זיי זײַנען שוין מיִד, שיפֿען די הובלען. פֿאַרביטערט קלאַפּן די הילצערנע העמערלעך. דער אַרבעטסטאָג איז שוין פֿאַרענדיקט, אָבער אַלע אַרבעטן. שטענדיק איז עס אַזוי אין די לעצטע טעג פֿונעם כוידעש — מע מוז אומבאַדינגט אויספֿילן דעם פּלאַן. אין אַזאַ אײַלעניש פֿאַרגעסטו, ווי מע רופֿט דיך, ניט נאָר וועגן דעם יוירעשס געבורטסטאָג.

פֿאַרדראָס, ווייטעק, ראַכמאָנעס — אַלץ אײַנײַנעם — פֿלעכטן זיך אַרײַן אין אַקיוועס האַרץ. ער פֿאַרטראַכט זיך, בלײַבט זיצן פֿאַרזאָרגט, אונטערשפּאַרנדיק דעם קין מיט די דלאָניעס. דער קרומער שראַם אויף זײַן פּאָנעם — פֿונעם שלייף ביז דער אונטערשטער ליפּ — ווערט ענלעך צו אַ פּורפּור־שנירל. אַקיוועס וויִעס פֿאַרדעקן זײַנע ברוינע אויגן. אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום שלעפּט ער האַסטיק אַרויס דעם טײַסטער פֿון דער געשוואָלענער הויזן־קעשענע, ציילט איבער דאָס ביסל געלט, וואָס ער פֿאַרמאָגט, און שפּאַנט מיט אימפּעט צו דער טיר. שוין גייענדיק, טוט ער אָן אויף זיך דאָס היטל און דאָס פּעלצל.

פֿונעם ריוו, באַרג־אַרויף, גייט ער אַ סאַך גיכער, ווי געוויינלעך, האָגאַם דער וועג איז אַ סאַקאָנעסדיקער. עטלעכע מאָל גליטשט זיך אַקיווע אויס, פֿאַלט, טרייסלט אָפּ פֿון זיך דעם שניי און גייט ווײַטער.

דער ווינט איז נאָכאַבעריש ווילד. ביז אַקיווע דערקלײַבט זיך צום האַנדלס־פּלאַץ, באַגיסט ער זיך מיט שווייס, אַ פֿאַרע שפּאַרט פֿון אים.

דער ספּאָרט־מאַגאַזין איז פֿול געפּאַקט, צו דער פֿאַרקויפֿערן שטופּט זיך אַקיווע דורך, האָרעוועדיק גוט מיט די עלנבויגנס, אַ פֿאַרכלינעטער פּאָדערט ער:

— גליטשערס. און שיך צו זיי, פֿאַר דעם זון.

— וועלכער נומער?

אַקיווע פֿאַרלירט זיך. ער ווייסט ניט, וואָס פֿאַר אַ נומער איז באַם זון.

די פֿאַרקויפֿערן טוט אַ שמייכל.

— מאַנצבלען, — ברענגט זי אַרויס מיט פֿאָרוואורף. — אויך מיר אַ טאַטע. דעם יאָך פֿאַר אַלץ — אָפּן ווײַב...

אַקיווע בײַסט די ליפּ אַ דערשלאָגענער, ער זאָגט שולדיק:

— אַ מאַטאָנע דאַרף איך, הײַנט איז מײַן זונס געבורטסטאָג.

— ליזשעס נעמט, — אײַצעט אים די פֿאַרקויפֿערן.

מיט דער מאַטאָנע אונטערן אָרעם שפּאַנט אַקיווע איבער דער שוואַך באַלויכטענער גאַס. ווען פון דער פינצטערניש שווימט אַרויס דאָס הויז מיט אַ האַלב־אָפענעם גאַנעק און העלע באַקאַנטע פענצטער, שטעלט ער זיך אָפּ אויף אַ מינוט. „יאָ, דורכגעפלויגן, אַוועקגעיאָגט, דער רועך ווייסט וווהין, די יוגנט", — טראַכט ער. ער טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, גלייַך ער וואָלט וועלן אַרויסטרייסלען פונעם מויעך די אומאַנטשלאָסנקייַט, און גייט אייַנגעשפּאַרט פאָרויס, צו דער שטוב, וווּ ער איז קימאַט אַ יאָר געווען דער באַלעבאָס, אין וועלכער ער האָט געוויגט אויף די הענט אַריקן, פונוואַנען ער איז אַוועק אין אַרמיי און וווהין ער האָט זיך אומגעקערט נאָך דער דינסט, קעדיי זי ווידעראַמאָל איבערלאָזן פאַריאָסעמט...

דאָס געזינד איז צעפאַלן געוואָרן מאָמענטאַל. די שכיינע האָט געפּלאַפּלט, אַז עסטער איז קלוימערשט געווען ניט געטרייַ, אָן אים, אַקיווען, אופגעפירט זיך אומווירדיק. ער האָט איר טייקעף געמאַכט אַ פאַרהער. עסטער האָט פאַרביטערט אַלץ אָפּגעלייקנט. דער היציקער אַקיווע האָט זי באַוואָרפן מיט פרעכע באַליידיקונגען און איז אַנטלאָפן — אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר. אין דרייַ טעג אַרום איז ער געקומען צוריק, געהאָפט, אַז די שכיינע איז אַ פאַלשע מאָסערקע. נאָר דאָס מאָל איז זיך עסטער מוידע געווען.

דאָס יונגערמאַנטשיקל מיטן דאַרן, ניט געגאָלטן פּאָנעם האָט מיט אינטערעס זיך צוגעהערט צו אַקיוועס געשיכטע. ער האָט פאַרבייַלט ביידע פויסטן און זיי אַרופגעלייגט אויפן טיש. אַקיווען איז געוואָרן אומהיימלעך פון יענער אַמאָליקער עסטערס כעט־אַנערקענונג. ער פאַרקלעמט מיט די הענט דעם קופל ביר, פאַרקנייטשט דאָס פּאָנעם, טראָגט צו דעם געטראַנק צו די ליפּן, זופּט אָפּ אַ ביסל.

ער זעצט פאָר דערציילן. דער באָכער איז אופמערקזאַם און אופגערעגט.

ווען עסטער איז זיך מוידע געווען אין איר זינד, האָט די מעהומע לאַנג ניט אָפּגעלאָזט אַקיווען. ווי געטאָן האָט אים הויפּטזאַכלעך ניט דאָס, וואָס זייַן פרוי איז באַגאַנגען, געמאַטערט האָט אים קוידעמקאָל דער געדאַנק, אַז זי האָט אים געלייַגט. העכער צוויי כאָדאָשים האָט ער געפּרוווט אייַנשטילן דעם ווייטעק מיט ווייַן. עסטער פלעגט אים צוריקרופן, געבעטן מעכילע, געמוסערט. נאָר אומזיסט. צו גרויס איז געווען די אַוולע. איינמאָל האָט אים, אַ טויט־שיקערן, געפונען אַן אַלטע באַקאַנטע און זיך צוגעלאַשטשעט צו אים, אָט אַזוי האָט זיך פאַרבונדן אַ נאַריש קניפּל. צעהאַקן עס האָבן ניט געקלעקט קיין קויכעס.

אָן שום פרייד איז געווען זײַן לעבן מיט דער נײַער פרוי. מיט איר האָט ער זיך געפילט עלנט.

ווען ער האָט זיך צופעליק באַגעגנט מיט עסטערקען, איז אים קלאָר געוואָרן, אז אָן איר איז אַרום־און־אַרום הויל־קאַטויל. אָבער זיין מוידע זײַן אין דעם האָט ניט געלאָזט די מאַנצבלשע גאַדלעס. עסטער האָט אויך ניט געוואָלט וועקן דעם אָוואַר. זי האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דעם זון. פיל מאָל האָט אַקיווע געפּרוווט זיך באַגעגענען מיט אַריקן, ס׳האָט זיך אָבער גאָרניט באַקומען. עסטער האָט קיינמאָל ניט דערציילט דעם זון וועגן טאַטן.

די דאָזיקע דערמאָנונג איז אויך נאָך ביז איצט א ווייטעקדיקע פאַר אַקיווען. ער זיפצט. דער יונגערמאַן מיטן ניט געגאָלטן פּאָנעם טוט עפּעס מאָדנע א קרעכץ, האַגאַם דעם בליק פון אַקיווען לאָזט ער ניט אַראָפּ. אַקיוועס געדיכטע ברעמען גייען זיך צונויף באַם קנייטש, וועלכער צעטיילט דעם שטערן אף צוויי העלפטן. אַקיווע באַטראַכט אופמערקזאַם דעם קופּל מיט ביר, ווי ער וואָלט ניט געוווּסט, וויאַזוי זיך צו באַגיין מיט אים. טרינקען גלוסט זיך אים ניט. ער טוט ווידעראַמאָל א זיפץ — מע דאַרף פאָרזעצן, דערפירן די דערציילונג ביזן סאָף. דער באָכערעץ אַנטקעגן אים וואַרט אף דעם מיט אומגעדולד.

עסטער איז געווען א גוטע אַרבעטערן, אף ברויט האָט זי פאַרדינט, עפּעס־וואָס פלעגט נאָך איבערבלײַבן אף אַנדערע זאַכן. מיטן זון האָט זי זיך ספּראַוועט, נאָר איר איז געוואָרן שווער, ווען דאָס ייִנגל איז אונטערגעוואַקסן און האָט אַקשאָנעסדיק אָנגעהויבן אַרויסגליטשן זיך פון אונטער איר מאַכט. אָבער סײַוויי האָט זי בא אַקיווען קיין הילף ניט געבעטן. איינס האָט זי אים פונדעסטוועגן דערלויבט: צו אַריקס געבורטסטאָג שיקן נאָמענלאָזע מאַטאָנעס. אין יענעם ווינטער־אָוונט איז אַקיווע אויווער געווען דעם פאַרבאָט — פאַרשפּעטיקט מיטן איבערשיקן, און אָט טראָגט ער די ליזשעס אַליין. „וויאַזוי וועט מען מיך באַגעגענען? — קלערט ער אומרויק, צוגייענדיק צום גאַנעק, וועלכן ער האָט מיט זײַנע אייגענע הענט געבויט. — אין שטוב וועט מען מיך געוויס ניט אַרײַנלאָזן”. אַקיווע הייבט זיך אוף איבער די פאַרשנייטע טרעפּ, קלאַפּט אָן, אָבער אַזוי שטיל, אַז ער הערט קוים אַליין דעם קלאַפּ. לאַנג וואַרט אַקיווע. פונעם טײַך טוט א בלאָז א קאַלט ווינטל. מיט א ציטערנדיק האַרץ טוט ער א שלעפּ דאָס הענטל פון דער טיר. רוקט אַרײַן אין פירהויז די ליזשעס, טרעט איבער די שוועל, פאַרהאַקט נאָך זיך די קליאַמקע.

די שײַן, וואָס רײַסט זיך אַרויס פונעם צימער, פאַרבלענדט די אויגן.

— אריק איז אין דער היים? — פרעגט אקיווע שטילערהייט.

עסטער שווײַגט. זי שטייט צוגעטוליעט צום בײַשטידל פון דער צעעפנטער טיר, א קלייניטשקע און א דיקלעכע, ווי אין די יוגנט־יאָרן. זי קוקט אף אקיווען מיט צאָרן. ער האלט ניט אויס, פירט איבער דעם בליק אף אירע האָר, וועלכע האָבן זיך ארויסגערוקט אף די באקן פון אונטער דעם טוך. זילבערנע האָר! דאָס איז פאר אקיווען געווען אומגעריכט.

— כ'האָב פארשפעטיקט, — שטאמלט ער, אַנווײַזנדיק אף די ליזשעס. דאָס מויל זײַנס איז פארקרימט. — כ'בעט...

בייז קלינגט עסטערס קאָל:

— אומזיסט זיך געסטארעט. — זי האלט אָבער ניט אויס די אָנשטרענגונג, צעוויינט זיך אף א קאָל, ווײַבעריש. — ניטאָ אריק, ניטאָ... — אירע קײַלעכדיקע אקסלען טרייסלען זיך. אקיווע פילט, ווי דאָס בלוט פליסט אָפּ פון זײַן פּאָנעם, ער טוט א שפּאָן צו עסטערן:

— אומגעקומען?!

— אלציינס ווי אומגעקומען, — ענטפערט זי דורך טרערן. — אין מיליציִע איז ער פארשפּארט. מיט כוליגאנעס זיך סקאָמפּאנייעט. אָ, גאָט מײַנער!

דער יאָמער שטיקט זי. אקיווע טוט זיך א צי צו איר. און זי, פארגעסנדיק פון אלץ, וואָס עס האָט מיט זיי פּאסירט, פאלט אָנמעכטיק צו מיטן קאָפּ צו זײַן ברוסט.

בא איין טישל, פּאָנעם־על־פּאָנעם, זיצן צוויי מאנצבלען — א באיאָרטער און א יונגער. אקיווע טרינקט אויס דעם ביר פון זײַן קופל, ווישט אויס די ליפּן מיט דער דלאָניע.

— אָט אזוי, ברודערקע. היצן זיך אין מישפּאָכע־איניאָנים איז שטרענג פארבאָטן. דאָס געזינד איז א זאך א הייליקע. צוליב איר דארף מען זיך אויסלערנען לײַדן, פארגעסן און מויכל זײַן, אויב, פארשטייט זיך, די געפילן זײַנען עכטע. ווייסט, וויפל מיר האָבן זיך אָנגעליטן מיט עסטערקען ביז מיר האָבן אריקן אונדזערן ארויסגעפירט אף א וועג?

דער יונגערמאן מיטן ניט געגאָלטן פּאָנעם טוט א קוק אָן באדויערונג אף דעם בראָנפן, וועלכער איז געבליבן אין פלאש, שטייט אוף:

— נו, א דאנק אײַך, זײַט געזונט.

ער גייט אײַנגעהויקערט אוועק.

אקיווע פארהאלט אים ניט.

פּרוזשינעס

עס סקריפּעט אפן גאַנעק דער שניי.

דערקענט דעם זונס טריט, כאַפּט כאַווע אפגיך אַרוף אַף זיך אַ רעקל, לויפט עפענען די טיר.

דאַניע רײַסט זיך אַרײַן אין שטוב, אַ פאַראָס־טעטער מיט פראָסט־טוי: ווײַסע ברעמען, ווײַסע וויִעס, ווײַס דער קאָלנער פונעם מאַנטל. ער טוט אַ שלײַדער דאָס אָנגע־קוואָלענע רענצל אין ווינקל לעבן פענצטער, וווּ עס שטייט זײַן נידעריטש־קער שרײַבטיש, וועלכן מע האָט ספּעציִעל פאַר אים געמאַכט, שלעפּט אַראָפּ מיט די ציינער די פאַרשנייטע הענטשקעס און הויכט רוישיק אַף די פאַרפרוירענע פינגער.

— אוף, ברענט! אַ ווינט! און הונגעריק בין איך, ווי אַ וואָלף!

— באַלד דערלאַנג איך דיר הייסע יויך מיט פריקאַדעלקעס, — רופט זיך אָפּ די מאַמע.

דאַניע הייבט אוף אַף איר דעם בליק, טוט זיך אויס און גלײַך — צו דער וועטשערע.

— און וואַשן די הענט? ביסט דאָך שוין אַ גרויסער, אין פינפטן קלאַס. מע דאַרף דיך נאָך אַלץ אונטערטרײַבן?

— נו, מאַם...

— אָן שום טערוצים. פלינק! עלע ניט, דערצייל איך דעם טאַטן...

דאַניעס פאָטער, דאָוויד, איז אַ סטאָליער, אַרבעט אַף אַ מעבל־פאַבריק, מע האַלט דאָרט פון אים. אַ מײַסטער איז ער אַ גוטער. עמעס, ער באַקומט אָפּט פאָרווורפן, ווײַל זײַן אַרבעט טוט ער לאַנגזאַם. דאָוויד פאַרענטפערט זיך שטענדיק מיט אַ שמייכל, באַוועגנדיק די האַרטע גראָוולעכע וואָנצעס:

— ניטאָ קיין האַלץ אָן קיין סוק, קיין מענטש ניטאָ אָן קיין כיסאָרן...

אָונט־צײַט לאָזט זיך דאָוויד אראָפּ אין קעלער־צימער, ווו עס שטייט בא אים א ווארשטאט, פארשטעלט מיט א פאניר־ברעטל דאָס פענצטערל, וואָס קוקט ארויס אין הויף, צינדט אָן די שײַן, שליסט אײַן די עלעקטראָ־פּליטקע אף צו וואַרעמען קליי, און הייבט אָן הובליעווען — שוין פאר זיך. אין אָט די שאָען ווערט ער אַן אנדער מענטש. און וווהין האָט זיך אהינ־געטאָן זײַן לאנגזאמקײַט!

דאניע עסט שנעל. ער טוט ביכלאל אלץ געשווינד. מע זאָגט, אז ווי דער מענטש עסט, אזוי ארבעט ער. דאניען געפעלט דאָס דאָזיקע שפּריכ־ווערטל. ער מעסט עס אָן אף זיך און איז צופרידן.

נאָך דער וועטשערע גייט דאניע צום טאטן.

דאָוויד באַגעגנט דעם זון מיט א שמייכל.

— א, געקומען העלפן? זייער שיין! שפּאן זיך אײַן. זעג נאָר אָפּ די שטאַנגע אָט דאָ, — ווײַזט ער אָן דאניען אף א לײַסטל מיט אָנגעצייכנטע בלײַער־ליניעס. — און אָט אַ־דאָ. זע אָבער, די קאנטן זאָלן זײַן גלײַכע.

דאניע קען זעגן. ער טוט אָפּ אלץ, ווי מע דארף, קערט אום דאָס לײַסטל דעם טאטן. דאָוויד לויבט דעם זון:

— מאָלאָדיעץ. דײַן צושטײַער צום סערוואנט. א מייע אין קעשענע וועט זײַן. מיינסט, אלע האָבן א מעגלעכקײַט קויפן גארניטורן, געמאכטע אין פּראָג אָדער אין ריגע? בא מיר באקומט זיך ניט אף קיין סאך ער־גער. און פארן דיוואן וועלן מיר ניט ווייניקער לייזן, ער איז אויך א מאָ־דערנער — לייגט זיך פאנאנדער, פארוואנדלט זיך אין א ברייטער בעט. עמעס, קיין פּרוזשינעס סטײַען ניט. ווי זאָגט מען עס דאָרט — אָן קיין פינגער וועסטו קיין פײַג ניט מאכן...

— מע דארף קריגן, — באמערקט פארזאָרגט דאניע. ווו מע נעמט, ווו מע קויפט אלץ, האָט ער ניט געוווסט, ער פלעג אָבער אָפּט הערן, ווי דער טאטע טײַנעט צו דער מאמען: „מע דארף קריגן”. איצט כאזערט ער פּאָ־שעט איבער די דאָזיקע ווערטער.

— יאָ, כאווערל, מע דארף קריגן, — זיפצט דאָוויד. פלוצעם טוט ער דורכדריגגלעך א קוק אפן זון. — ווו עס געפינט זיך דער קרומער ריוו ווייסטו?

— פארשטייט זיך. כ׳בין אים אויסגעקראָכן אין דער לענג און אין דער ברייט.

— גוט. דו קום צו מיר מאָרגן אף דער פאבריק, — רוימט ער אײַן דעם זון אין אויער. — זאָלסט זיך לאָזן מיטן ריוו, דאָרטן איז פאראן א שטעג. פארשטאנען?

— פארשטאנען, — ענטפערט אָפּ דאניע גערן. — אויב ס'איז נייטיק, וועל איך זײַן.

א גאנצן אָוונט טוט דאָוויד אלץ צו ליב דעם זון, דערלויבט אים אפילע א ביסעלע הובלען מיטן זענזובעל — פריִער פלעגט ער אים דאָס ניט פארטרויען, אָפּגעהיט דאָס זעלטענע און טײַערע מעסער.

מיט גליקלעכע אויגן קוקט דאניע אפן טאטן. ער איז מיד, אָבער אין דער הייך, צו דער מאמען, הייבט ער זיך אוף א צופרידענער, וואשט אפילע די ציין אָן דער מאמעס דערמאָנונג. כאווע איז דערשטוינט. פון אופרעגונג קאָן דאניע לאנג ניט אנשלאָפן ווערן. שויִן דרעמלענדיק, הערט ער א שעפּטשערײַ:

— צוליב וואָס דארפסטו עס?

— נישקאָשע, ס'וועט פון אים גאָרנישט ניט אראָפּפאלן.

— מיש אים ניט ארײַן אין דײַנע אייסאָקים, דאָדיע, נעם ניט אף זיך דעם כעט.

— שווײַג, בעהיימע.

— אָך, גאָטעניו, הארציקער...

און האגאם עס דערטראָגט זיך צו דאניען דער מאמעס שווערער זיפץ, און ס'טוט אים וויי, וואָס דער טאטע זידלט זיך, ווערט ער אנשלאָפן מיט א שמייכל אף די ליפּן.

ער כאפּט זיך אוף מאכמעס דער קעלט. אינדערפרי איז זי ארײַנגעקראָכן צו אים אפילע אונטער דער קאָלדרע. דאניע עפנט ניט די אויגן בעקיוון. מיט די דלאָניעס, פארפרעסטע צווישן די קני, פארטײַעט ער זיך אין בעט. עטלעכע מאָל איז צו אים די מאמע צוגעגאנגען, די קאָלדרע פאריכט, שווער געזיפצט. „וואָס איז מיט איר?" — קלערט דאניע.

ווען ער שטייט אוף, זאָגט צו אים די מאמע, אז אין שול גייט מען הײַנט ניט: די ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן.

— איז דאָך טאקע גוט. כ'וועל קאָנען גיין צום טאטן.

— זיץ בעסער, קינד מײַנס, אין דער היים, — בעט כאווע. — ס'איז א וויסטער פראָסט אין דרויסן.

— כ'בין ניט פון די שרעקעוודיקע. כ'וועל זיך פארהארטעווען.

— טו, ווי דו ווילסט, — זיפצט כאווע, אראָפּלאָזנדיק אָנמעכטיק די הענט. איר פּאָנעם איז פארשווארצט.

צו דער פאבריק איז דאניע אוועקגעלאָפן. אין ריינעם הימל שײַנט די זון, דער פראָסט אָבער ברענט אומראכמאָנעסדיק, בײַסט די באקן. דאניע דעקט צו דאָס פּאָנעם מיט דער מאמעס גרויסע וואָלענע הענטשקעס, זשמורעט די אויגן און גייט צום קרומען ריוו.

נאָך פונדערוויַיטנס באמערקט דאניע דעם טאטנס הויכע פיגור אף יענער זייַט פלויט. ווען דאניע גייט צו צום פארקן מיט דער אויסגע־בראָכענער ברעט, דערלאנגט אים דער טאטע אַן אָנגעפּאקטן קאָשעק.

— וואָס איז דאָ? — פרעגט איַינגעהאלטן דאניע.

— וואָס? וואָס? — ברויגעזט זיך דאָוויד. — מארש פונדאנען! דו פארשטייסט?! — און ווערט נעלעם.

דאניע טוט א טאַפּ דאָס קוישל, צעשפּיליעט עס: פּרוזשינעס! אַן א שיר פּרוזשינעס! „פארוואָס איז ער בארויגעז? — טראכט דאניע וועגן דעם פאָטער. — און פארוואָס האָב איך געדארפט גיין מיטן ריוו צו דער לאָך אין צוים? דער טאטע האָט דען ניט געקאָנט ארויסטראָגן זיי צום ארויסגאנג?"

און מיטאמאָל מאכט דאניע א שרעקלעכע אנטדעקונג: „געגאנוועטע! אף דער פאבריק געגאנוועטע..."

אין ערשטן אויגנבליק וויל ער פאָשעט באהאלטן דאָס קוישל וווהין ניט־איז וויַיטער, פארטאָפּטשען עס אין טיפן שניי. מיט איין פוס טרעט אָפּ דאניע פונעם שטעג, נאָר פונקט אין דער רעגע באוויַיזט זיך פון יענער זייַט פארקן דער טאטע און דראָעט מיט זייַן גרויסער פויסט.

א פארלאָרענער, גייט דאָס יינגל אהיים. ער פילט ניט, ווי עס טריפט אראָפּ פון די ווייעס א טרער, פויזעט צום קין, נאָר ווערט איינמיטן וועג פארוואנדלט אין א קנייַלכל אייַז. דאניע גייט פאמעלעך מיטן שווערן קויש.

דער ווינט, וועלכער האָט פריער געבלאָזן אין פּלייצע, שמייַסט איצט אין פּאָנעם, נאָר דאניע פארשטעלט ניט די באקן מיט דער מאמעס הענטשקעס. ער טראכט וועגן דעם טאטן. „וואָס זשע טוט זיך עס? — פרעגט ער זיך אליין פארצווייפלט. — הייסט עס, אז דער טאטע גאנוועט. אלץ, וואָס עס געפינט זיך אינעם קעלער, האָט ער געגאנוועט אין פאבריק..." בארויקן זיך האָט שוין דאניע ניט געקאָנט...

א פרוי, וועלכע שפּרייַזט אנטקעגן אים, טוט א קוק אף דאניען און שרייַט:

— גיכער רייַב! דו האָסט אָפּגעפרוירן... די באקן האָסטו אָפּגעפרוירן. רייַב!

זי העלפט אים אָנעמען שניי, אייסעקט זיך מיט אים, זי איז אופגעבראכט.

ער פאָלגט זי ניט גערן.

זי ברומט:

— אין אזא מין קעלט לאָזט מען ארויס א קינד... בארבארן...

דערזעענדיק דעם זון, טוט כאַוועַ אַ פליעסקע מיט די הענט:

— ווײ און ווינד איז מיר!

מיט אַ בייזן בליק קוקט דאַניע אַף דער מאַמען, קוקט בלויז איין רעגע און קערט זיך אָפּ פון איר — ער האָט מוירע זיך צערעווען.

ביזן סאַמע אָוונט שווײַגט ער. און כאַוועַ, אַ שולדיקע, לאָזט אים צורו. זי וואַרט אפן מאַן, זוכט אין זיך ווערטער, וועלכע זי זאָל אים זאָגן, זיי זאָלן זיך אין זײַן נעשאָמע אַרײַנשטעכן, עס זאָל אים ווײ טאָן, ווי דעם זון, ווי איר, ער זאָל כאָטש כאַראָטע האָבן.

נאָר ביז דאָוויד איז געקומען אַהיים, האָט זיך אין איר אַלץ איבערגעקאָכט און זי ברענגט בלויז אַרויס:

— פריי זיך... כ׳האָב דיך געבעטן, כ׳האָב דאָך דיך געוואָרנט...

— שאַ! סמירנאָ! — באַפעלט דאָוויד אומרויִק דער פרוי, וועלכע שטייט מיט אַ פּרעס־אײַזן לעבן סטאָס גרעט. אונטער אַ שניי־ווײַסן לײַלעך באַמערקט דער סטאָליער די עקן פונעם זונס רויטן האַלדזטוך און פאַרבײַסט די ליפּ. — ווו איז דאַניע?

מיט אַ ווונק באַווײַזט כאַוועַ, אַז ער איז בא זיך אין אַלקער.

עטלעכע ווײַלעס זײַנען זיי כמורנע געשטאַנען פּאָנעם־על־פּאָנעם — דער טאַטע און דער זון.

— נישקאָשע, ס׳וועט זיך פאַרהיילן, — זאָגט דאָוויד וועגן די פלעקן אַף דאַניעס באַקן.

— מאָרגן טראָג איך אַוועק צוריק, — זאָגט דאַניע דײַטלעך. די ליפּן זײַנע ציטערן.

— דו ווילסט מיך אומברענגען, ווילסטו מיך? — צעגוואַלדעוועט זיך דער טאַטע. — כ׳וועל דיר באַווײַזן טראָגן אַף צוריק!

ביז אָט דער רעגע האָט דאַניע געהאָפט, אַז אַלץ וועט זײַן גוט, איצט אָבער איז געוואָרן קלאָר, אַז אַף קיין גוטס איז ניטאָ וואָס צו וואַרטן.

— וויִאַזוי כ׳האָב געזאָגט, אַזוי וועל איך טאָן, — זאָגט דאָס ייִנגל אַנטשיידן.

דאָווידס פּאָנעם גיסט זיך אָן מיט רעציכע. ער גרײַפט אָן אַפן זון. כאַוועַ וואַקסט אויס מאָמענטאַל צווישן זיי, מיט צעשפּרייטע הענט:

— דאָדיע! זאָלסט זיך ניט דערוועגן.

— כ׳וועל סײַווי אַלץ צוריקטראָגן! — טײַנעט זײַנס דאַניע.

דאָוויד שטופּט אָפּ כאַוועַן אין אַ זײַט, מאַכט נאָך איין טראָט פאָרויס, נאָר בלײַבט מיטאַמאָל שטיין, אָנשטויסנדיק זיך אַפן זונס שטעכנדיקן בליק, אַף די גרויסע העל־בלויע אויגן מיט בלײַענע רינגען אַרום די שוואַרצאַפּלען.

דער לעצטער קלונג

ווי אלע מאָל פאר א וויכטיקן איניען, באומרויקט זיך יורע א סאך פריער, ווי ס'איז נייטיק. קוי־דעמקאָל רוקט ער צו צום ראנד פון דער שפיגל־נישע אפן סערוואנט דעם זייגער און באטראכט אופמערקזאם די ווייזערס. גינגאָלדענע, שלאנקע, לייכטע, זיינען זיי דער רועך ווייסט פארוואָס שרעקלעכע פויליאקעס. דאָס ייִנגל לייגט צו צום מעכאניזם דעם אויער. „טיק־טאק, טיק־טאק״, — הערט ער דאָס קאָל פונעם זייגער. ווערסט זיך צו אים ניט צוטשעפען. יורע כמורעט די ברעמען, הייבט אוף די אויגן צום פענצטער. דער רעגן לעקט די טאפליעס ווייכער, איידער אין אָנפאנג, ווען דער מאבל האָט זיך א לאָז געטאָן, אָבער די ריטשקעס הערן ניט אוף צו פליסן. יורע צעעפנט א קאפל די באלקאָן־טיר, שטופט ארויס די נאָז, דערנאָך דעם קאָפ, צולעצט ריזיקירט ער אויך ארויסרוקן די פלייצע, נאָר טוט זיך טייקעף א צי אף צוריק. דער הימל איז דורכויס אין כמארעס, נידעריקע, געדיכטע, שווערע. קליינע פענכערלעך בלאָזן זיך אָן און פלאצן באלד אף דער פאָרענטש פונעם באלקאָן, אף דעם שמאָלן טעפיכל, וואָס ליגט דאָ, אינעם קעסטל מיט שווארצערד, ווו עס וואקסן ציבעלעס און מערן.

— פע, סארא קוואטש, — זאָגט ער און באטראכט נאָכאמאָל די וואָלקנס. ער טוט א קוק אפן טאטן: סיי־ווי־סיי דארף מען אים אונטער־טרייבן, ער זאָל זיך גאָלן גיכער.

דערקלייבן זיך צו יורעס שול איז גאָר ניט פּאָשעט אפילע אין א שטילן טאָג. ארום דער שול גייט א ריזיקע בויונג. אומעטום — טראנשייען, בערגלעך אויסגעגראָבענע ערד, הרודעס ציגל, אייזנבעטאָן־פליטעס, קרא־

נען. איצט, בייסן רעגן, איז דער וועג אינגאנצן צעקראָכן געוואָרן. ביז־וואנען באָרעך מיטן זון קומען אונטער איין שירעם אפן אָרט, ווערן זייערע שיך באוואקסן מיט גרויסע שטיקער קלעפּיקער בלאָטע.

יורעס לערערן הייבט אָן איר געשפּרעך אין דער אָנגעמערקטער צײַט. באָרעכן געפעלט עס, האגאם זי זעלבסט — מיט איר יונגקײַט, מיט אירע פינקלענדיקע אויגן, מיט איר הויך פארדרייטער פריזור, מעסוקן שמאָלע, עטוואָס געפּארבטע ברעמען, רופט בא אים ארויס א מאָדנע געפיל, עפּעס אן אומרו. באָרעך ווייסט נאָך דערווײַל אליין ניט, פאר וועמען איז זי מער געפערלעך, פאר אים צי פארן זון.

זיצן אף יורעס פּארטע איז ניט באקוועם. באָרעך ווייסט ניט, ווהין אהינטאָן די פיס. איין פוס איז געבליבן שטעקן אינעם דורכגאנג, און באָ־רעכן ווײַזט זיך אלץ אויס, אז הינדע סעמיאָנאָוונע טוט אָפּט שמייכלענ־דיק א קאָסיע מיטן בליק אף זײַן טופליע, אף וועלכער עס איז צעשמירט אן איבערגעבליבענער אויסטריקנדיקער בלאָטיקער פלעק.

באָרעכס עלנבויגן ליגט באנאנד מיט יורעס. דער זון טוליעט זיך צום טאטן.

הינדע סעמיאָנאָוונע דערציילט וועגן די שילער. הערן זי איז אָנגע־נעם. באָרעך האָט נאָר מוירע, טאָמער וועט זי עפּעס זאָגן וועגן יורעס הענט, ניט געוואשענע ווי עס דארף צו זײַן, שטענדיק צעקלאפּטע און פארוואונדעטע. און אונטער די אויערן איז אויך פאראן גענוג שמוץ — בלײַבן אָן א מאמע איז ניט אזוי פּאָשעט, אפילע אף א האלב יאָר... אָבער די לערערן איז, ווײַזט אויס, זייער אן איידעלער מענטש און האָט ראכ־מאָנעס, רירט זיך בלויז צו מיט איר גלעטנדיקן בליק צו יורעס דלאָניעס, טוט א הייב די מילדע אויגן אף באָרעכן, און ער באווײַזט דערזען אין זיי א טרייסט: „נישקאָשע, מאנצבלען, איר וועט זיך ספראווען, איר מוזט זיך ספראווען מיט אײַערע שוועריקײַטן, זיי זײַנען דאָך צײַטווײַליקע...”

די עלטערן און דאָס קלאס שפּירן אָנגעשטרענגט נאָך דער לערערנס רייד. זעלטן ווער עס צעשטערט די שטילקײַט — מיט א הוסט, מיט א זיפץ. מע צעטומלט זיך ערשט דאן, ווען הינדע סעמיאָנאָוו־נע טיילט פאנאנדער די טאבעלן.

יורע טראָגט צו זײַן טאבעל צום טאטן, לייגט אים אוועק אף דער פּארטע.

— דאָס לעצטע יאָרפערטל בין איך אן אויסגעצייכנטלער, — שעפּ־טשעט ער, גלײַך ווי ער וואָלט זיך פארענטפערן, — אינעם יאָר־סאכאקל בלויז איין „פירל”, פארן קסאוו.

— זײַן א שלאָגלער איז אויך ניט שלעכט, — באמערקט דער טאטע.

— די פּענעס טויגן ניט, — דערווײַזט זײַנס יורע שוין אף א קאָל. — ווען ניט זיי, וואָלט איך פאַרן קסאוו אויך געהאַט א פינף.

— וועסט נאָך פאַרדינען. ס'איז נאָך דאָ צײַט.

— אזוי טאקע? אָבער דער ערשטער קלאַס איז ווו? בא דער קאַץ אונטערן עק! עפּשער ניין?

באָרעך לייגט אַרוף די האַנט אף יורעס דלאָניע, קוועטשט זי ווייך צו צו דער פּאַרטע, לייענט אופמערקזאַם דעם זונס טאַבעל. אף דער לע־רערנס כסימע פאַרהאַלט ער דעם בליק. אָט, הייסט עס, וואָס פאַר א פאַ־מיליע איז בא הינדע סעמיאָנאָוונען! ער טוט א קוק אף דער לערערן גנייוויש. פאַרוואָס אזוי, ווייסט ער אליין ניט. ס'קאָן זײַן, אז ער וויל אויסבאַהאַלטן פון זיך אליין דעם רוף, וואָס האָט פּלוצעם צעקאַליעצעט זײַן נעשאָמע, וואָס נאַרט אים, שלעפּט אים צו אַלדי שוואַרצע יאָר. דער לערערנס דינע געגאָלטע און געפאַרבטע ברעמען רייצן, די ווײַעס אירע זײַנען, א סוואָרע, אויך אָנגעפאַרבט. זי איז פאַרשײַט יונג — אָט די הינ־דע סעמיאָנאָוונע. אַך, באָרעך, באָרעך...

די כעוורע, וועלכע זײַנען שוין בעשאָלעם אריבער די שוועל פונעם פאָלגנדיקן קלאַס, וואָלט מען געקאָנט אָפּלאָזן אף קאַניקולן, איז אָבער פאַראַן א באַפעל — האַלטן זיי צוזאַמען ביז א באַזונדער פאַראָרדענונג. זאָלן די קינדער קומען אין שול אָן ביכלעך, אָן העפטן, ארבעט וועט מען פאַר זיי אָפּזוכן, לאַנגווײַליק וועט זיי ניט זײַן.

— ווייסטו וואָס, לאָמיר גיין אין קינאָ? — לייגט פאָר יורע, ווי נאָר זיי גייען ביידע אַרויס אפן שול־גאַנעק. צעעפנט מיט א לײַכטן קנאַל דעם רעגן־שירעם איבערן קאָפּ, גיט ער צו: — ניט באַלד, מאָרגן. ווען כ'וועל קומען פון דער שול.

— גוט. כ'וועל זיך ניט סטאַרען זיך ניט פאַרהאַלטן אין אינסטיטוט.

באָרעך האָט דעם צוזאָג אויסגעפּילט. האַגאַם זײַן אײַלעניש איז געווען אָן אומזיסטע. יורע באַגעגנט אים באַם אַרײַנגאַנג אין שטוב מיט אַן אויסגעשריי:

— מיר גייען אין וואַלד!

— ווער איז עס מיר? — פרעגט דער פאָטער, ער איז ניט צופרידן, וואָס די געשעענישן טוען זיך אזוי א קער.

— אונדזער קלאַס! — ענטפערט הייס יורע. ער שטעלט זיך מיטאַמאָל אָפּ, דערקלערט: — ניט דער גאַנצער קלאַס — בלויז פרײַוויליקע.

דער טאַטע קוקט אַרײַן נײַגעריק אין יורעס גלאַנצנדיקע אויגן.

— מיר גייען נאָך קווייטן, — זאָגט יורע, ענטפערנדיק אף אָט דעם פאָטערס פרעגנדיקן בליק.

באָרעכן ווערט אומעטיקלעך. ער ווייסט נאָך ניט, אַז דאָס קליינוואַרג איז באַופטראָגט אונטערטראָגן אף דעם יאָמטעוו, געווידמעט דעם לעצטן קלונג, מאַטאָנעס די שילער פונעם צענטן קלאַס, וועלכע פאַרענדיקן האַיאָר די שול — יעדערער דאַרף ברענגען מיט זיך א בוקעט: נישקאָשע, טאַטע־מאַמעס וועלן קריגן. אַזאַ פאַראָרדענונג האָט געגעבן הינדע סעמיאָנאָווגען די פאַרוואַלטערן פון דעם לערן־טייל. הינדע סעמיאָנאָוונע איז אָבער ניט מאַסקים מיט אָט דעם באַפעל, זי באַשליסט אַנדערש: אירע דערצויגלינגען וועלן צונויפקלײַבן קווייטן מיט די אייגענע הענט.

— אונדזער קינאָ, ווי איך פאַרשטיי, ווערט אָפּגעלייגט? — רופט זיך אָן באָרעך.

יורע קנייטשט דעם שטערן, טרעט איבער פון איין פוס אפן צווייטן. וועגן דעם האָט ער גאָר פאַרגעסן. איצט, אַז דער טאַטע דערמאָנט אים, הייבט ער זיך אָן קווענקלען.

— עפשער וועט דיך הינדע סעמיאָנאָוונע באַפרײַען, — זאָגט באָרעך. — טו א פּרוּוו.

ער האָפט, אַז די לערערן וועט באַפרידיקן זײַן ביטע. ווען יורע קערט זיך אום א פריילעכער, מיינט באָרעך, אַז אַלץ איז גוט, אָבער דער זון ענטפערט אומדערוואַרט:

— מע טאָר ניט!

זײַן קורץ אונטערגעשוירענער קאָפּ איז, ווי געווײנלעך נאָכן לויפן, שווייסיק־פײַכט.

אָפּלאָזן יורען אין וואַלד ווילט זיך ניט, אומפאַרשטענדלעך איז דער לערערנס אַקשאָנעס, באָרעך איז אין קאַס אף איר, אַף פאַר איר אײַנגעשפּאַרטקייט, אַף דערפאַר, וואָס זי איז אים איבערגעלאָפן דעם וועג. און זיך אַליין קאָן ער אויך זיך ניט מוחל זײַן, וואָס ער האָט דערלאָזט, די לערערן זאָל אים אין די אויגן ארײַנפאַלן, און וואָס ער קען ניט אויסבאַהאַלטן זײַן שטימונג.

— נו, זאָל זײַן אַזוי, — זאָגט ער ענדלעך, פאַרטויבנדיק אין זיך דעם אומרו. — קלײַב זיך, כאַוועריל, אין וועג.

— כ'בין גרייט! — זאָגט יורע.

באָרעך באַגלייט אים מיט א זיפץ. ער קאָן ניט פאַרגעסן, אַז ניט לאַנג צוריק, בייס א שפּאַציר אונטער דער שטאָט, איז אים אויסגעקומען זיך א ראַנגל טאָן מיט א ווייפּער. די גיפטיקע שלאַנג איז, ווײַזט אויס, געקומען צו שווימען פון יענער זײַט טײַך אָקאַ, עפשער אפילע אָן בייזע פאַר־

לאנגען, פּאַשעט זיך וואַרעמען אַף דער זון. זי איז אַ שוואַרצע געלעגן אַף דעם געלבלעכן בײַברעג־זאמד, אָבער דערנעבן האָבן זיך געשפּילט קינדער...

דער וויפּער האָט ניט געוואָלט קראַפּירן. באָרעך האָט אים שוין צע־האַקט מיט דער לײַכטער אַליומיני־ווע סלע אַף פיר שטיקלעך, נאָר ער אָבער האָט פאַרגעזעצט זיך דרייען, שלענגלען זיך מיט אַלע זײַנע רינ־גען. מע האָט געדאַרפט אַ קלאַפּ טאָן מיט דער ווע סלע גלײַך אינעם קאָפּ פון דעם וויפּער, פאַרניכטן די גיפטיקע צונג, נאָר פּונקט דאָס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אופצוטאָן...

אויב אַ וויפּער וועט, כאָלילע, אַרויספּויזען אַף יורעס וועג איצטער, ווער וועט אים באַשיצן? אים און זײַנע כאַווײרים? די לערערן? ס'איז נאָך דערווײַל ניט באַוווּסט, וויאַזוי וועט זי זיך אופירן אין אַזאַ פאַל.

פאַרטיפן זיך אין זײַן אַרבעט בא דעם שרײַבטיש האָט באָרעך ניט באַוויזן. עמעצער האָט שטאַרק געקלאַפּט אין טיר. אַף דער שוועל שטייט יורע.

— צײַטונגען זײַנען בא אונדז פאַראַן? — פרעגט ער אומגעדולדיק.

— אין ביכער־שראַנק... אַף דער אונטערשטער פּאָליצע, — ענטפערט באָרעך. די האַנט האַלט ער אַפן האַרצן.

— אַ סאַך?

— צוליב וואָס דאַרפסטו זיי?

— קעדיי מאַכן היטלעך, — דערקלערט יורע, שלינגענדיק די ווער־טער. — אַלע כעוורע זײַנען געקומען מיט הוילע קעפּ, און די זון סמאַ־ליעט, הינדע סעמיאָנאָוונע האָט געזאָגט...

— דו קענסט אויסמײַסטרעווען אַ הוט?

— וואָדען — ניין? קוק!

יורע וויקלט פונאַנדער אַ צײַטונג, זײַנע הענט באַוועגן זיך געשיקט, לײַכט, לייגן צונויף די זײַטלעך, בייגן זיי אונטער, פאַרפעס־טיקן.

— אָט! אַדעראַבע! — רופט אויס יורע, אָנטוענדיק אַפן קאָפּ דעם הוט, וועלכן ער האָט אַזוי קונציק אויסגעקנייטשט, — אַ בודיאָנאָווקע!

— טאַקע ענלעך, — איז מאַסקים באָרעך. — ערשטקלאַסיקע אַרבעט!

— בא אונדז איז אַלץ ערשטקלאַסיק, אַ גאַנץ יאָר, — באַמערקט יורע מיט אַ שמייכל, — און די לערערן אונדזערע איז אַן ערשטקלאַסיקע.

— פאַרוואָס? — פרעגט מיט נײַגער באָרעך.

— דערפאַר ווײַל הינדע סעמיאָנאָוונע איז אַ לערערן פונעם ערשטן קלאַס. פאַרשטאַנען?

באָרעך צעלאַכט זיך. ער טוט דערבײַ א קלער, אז הינדע סעמיאָנאָוונע איז טאקע אינדערעמעסן א זיכערער מענטש, אף איר מעג מען זיך פארלאָזן. אין דער זעלבער רעגע ווערט ער פולקאָם רויק. קיין שלעכטס וועט ניט פאסירן, עס קאָן ניט געשען, עס טאָר ניט... שוין צײַט, שוין צײַט אופהערן ציטערן איבער יעדן יורעס טראָט...

פון וואלד קערט זיך יורע אום א מידער, א הונגעריקער און א גליקלעכער. באָרעך דארף אים גאָרנישט ניט אויספרעגן. אלץ אינעם יאטל האָט איידעס געזאָגט, ניט נאָר געזאָגט — געשריגן וועגן דער פרייד, וועלכע האָט אים איבערגעפולט. פריילעכע זײַנען געווען יורעס אויגן, פארשאָטנטע מיט לאנגע, שיינע, מיידלשע וויִעס, און די פולע שמייכלענדיקע, עטוואָס צוגעטריקנטע פונעם ווינט, ליפן, און די פארויטלטע באקן. ארומגעגאנגען איז ער איבער די צימערן עפּעס באזונדערס שטיל, און זײַנע הענט, פארשטייט זיך, מיט וווּנדן, וועלכע עס וואָלט ניט געשאט אויסוואשן אין הייסער וואסער, די דאָזיקע הענט האָבן אויסגעזען גאָר ניט אזוי שמוציק, גאָר ניט אזוי מעגושעמדיק, פארקערט, אויך זיי האָבן דעראָבערט א מין איידעלע ווייכקײַט, גלײַך אף זיי וואָלט זיך נאָך פארהאלטן די צארטקײַט פון די קווייטן, וואָס יורע האָט געקליבן אין וואלד. דאָס בילד איז קלאָר, דאָך טוט באָרעך א פרעג:

— נו, וויִאזוי?

אופשטעלנדיק דעם דיקן פינגער צום הימל, ראפּאָרטירט יורע:

— אָט! דו זעסט? א פינף מיט א פליוס! פערציק בוקעטן האָבן מיר צונויפגעזאמלט! אָבער די קאָמארן בײַסן — א שרעק! זיי באשיצן די לאנדישן. מיר שמירן זיך מיט א זאלב, — הינדע סעמיאָנאָוונע האָט אונדז געגעבן, — נאָר די מוקן פרעסן אונדז סײַוויסײַ. בא זיי אין די מײַלער זײַנען, מיסטאם, נאָדלען פאראן.

באָרעך שטעלט ארויס אפן טיש די וועטשערע. יורע וואשט זיך. די וואסער אונטערן קראן שוימט, יורע בלאָזט אף איר, קרעכצט ראשנדיק און דערציילט פריילעך, וואָס פאר א גראָבן סוקעוואטן שטעקן עס האָט געהאלטן אין די הענט הינדע סעמיאָנאָוונע, קעדיי דראָען די שלאנגען, וויִאזוי, בייס ער און זײַנע כאווערים זײַנען געפאָרן אפן אווטאָבוס, איז א הענדל איבערגעלאָפן דעם וועג — מע האָט עס שיר ניט צעקוועטשט. יורע דערמאָנט זיך, וויִאזוי די כעוורע האָבן אאוקעט — איבערגערופן זיך אינעם דעמב־וועלדל — און וואָס פאר א פאפּאראָטניקעס עס וואקסן דאָרטן פראכטפולע, זיי זײַנען שוין, ווײַזט אויס, אלט טויזנט יאָר, אויב ניט

מער, און ביז די פּאָזעמקעס וועלן רויט ווערן, וועט נאָך דורכגיין א סאך צײַט...

— דו ווייסט, וואָס פאר אן אויסגעצייכנטן שטעג כ׳האָב אָפּגעזוכט אין וואלד?! אן ערשטקלאסישן! כ׳האָב געשפּאנט און געשפּאנט, און עס גלוסט זיך גיין ווײַטער און ווײַטער, כ׳בין אזוי ווײַט אוועק, אזוי ווײַט, אז אלע האָבן מיך פארלאָרן, דערנאָך האָב איך זיך אליין אומגעקערט, טאקע מיט אָט אָ־דעם שטעג, און מע האָט מיך געפונען...

באָרעך טוט א קוק אפן זון מיט אומרו, כאָטש דאָס איז שוין איצט איבעריק.

יורע דערפילט אומדערווארט, אז ער איז שטארק הונגעריק, און ער הייבט אָן כניקען.

— עסן! גיכער, עסן!

אופוועקן יורען אינדערפרי איז גאָר ניט אזוי פּאָשעט. ער פארשטייט ניט, וואָס מע פאָדערט פון אים, ער ברומט שלעפעריק, בורטשעט, ציט אײַנגעשפּארט די קאָלדרע איבערן פּאָנעם. ווען דער טאטע רײַסט פון אים אראָפּ אלץ — אי די קאָלדרע, אי די קישן, אי די לײַלעכער, — בלײַבט ער ליגן אפן הוילן מאטראץ. נאָר דאָ דערמאָנט ער זיך סאָפּקאָל־סאָף, וואָס פאר א טאָג ס׳איז הײַנט, צוליב וואָס ער איז בעכטן געווען אין וואלד, ער טוט זיך א הייב אין בעט, צווערשט אף די קני, דערנאָך גלײַכט ער זיך אויס, רײַבט מיט די פויסטן די פארשלאָפענע אויגן. אף אָט דער פּראָצעדור גיט יורע אויס א מינוט אָדער עטוואָס מערער, אָבער דערפאר שפּעטער פאטערט ער שוין ניט קיין צײַט אומזיסט. ער שפּרינגט אראָפּ אפן דיל, זוכט אפילע ניט די שטעקשיך, וועלכע ווארטן אף אים, ווי געוויינלעך, אין פארשיידענע ווינקלען פונעם צימער, ער ברענגט זיך אין אָרדענונג געשווינד און געשמאק, שטעלט אפילע אוועק דעם גוף אונטער א ווארעמען דוש.

— זייף! — פאָדערט ער מיט דער מאמעס קאָל. — זייף פרעסט אוף אלע מיקראָבן.

באָרעך לאָזט אראָפּ די לאכנדיקע אויגן. עס טוט אים באנק, וואָס יורעס מאמע איז ניט מיט זיי און זעט ניט דעם זון.

דערנאָך באשטימען די מאנצבלען וואָס אָנצוטאָן. אונטערגעקליבן דאָס העמדל, די הויזן, דעם בערעט. ס׳איז נאָך גוט, וואָס אין אײַלעניש פאר־געסט מען ניט וועגן דעם אָקטיאבער־שטערנדל, נאָר מע שפּיליעט שוין עס צו אף די טרעפּ.

— ווו טראָגט איר אָט דעם צייכן? — פרעגט באָרעך, ער צווייפלט, צי האָט ער אים ריכטיק צוגעפּעסטיקט.

— אף דער לינקער זײַט, — ענטפערט יורע און גיט צו: — נעענטער צום הארצן.

באָרעך טוט אף אים א קוק פארוואונדערט.

— יאָ, יאָ, הינדע סעמיאָנאָוונע האָט געזאָגט, — באשטעטיקט יורע.

זיי לאָזן זיך אראָפּ פון די טרעפּ, גייען ארויס אף דער גאס, שפּאנען ביזן ראָג, פארקערעווען. דאָ זאָגט באָרעך צום זון:

— מײַן לעקציע איז הײַנט צוועלף אזייגער. כ'וואָלט וועלן זען, ווי מע באגלייט דעם צענטן קלאס. מע מעג?

יורע טוט א וווּנק אָן היספּײַלעס.

ווי אלעמאָל, נעמט באָרעך דעם זונס האנט צו זיך אין דער דלאָניע ארײַן און דערפילט עפּעס א מאָדנע שווערקײַט. וואָס איז געשען? א, יורעס ארבעט: ער באפרײַט שטילערהייט זײַן דלאָניעטשקע פונעם טאטנס. באָרעך זיפצט — זײַן קלייניטשקער יוירעש ווערט שוין א גרויסער...

רייענווײַז, א קלאס נאָך א קלאס, שטייען די קינדער אינעם שול־הויף, לעבן דער טריבונע — א ייִנגלשער בלאָז־אָרקעסטער, פונויבן — די אָנגעזעענע געסט — דער שול־דירעקטאָר, זײַנע פארטרעטער. ארום־און־ארום — א גערויש, א געפילדער, ווי פאראיאָרן, ווען באָרעך האָט צום ערשטן מאָל געבראכט צו פירן אהער יורען. אייגס איז איצט ניט קלאָר — קיין עלטערן זעט מען דאָ ניט. פארוואָס? א רעטעניש. ניטאָ, און שוין.

אומבאמערקט ווערט יורע באלד אנטרונען, באָרעך זוכט אים קוים אָפּ מיט די אויגן צווישן זײַנע כאווירים. אין די הענט באם זון — לאנדישן.

מיטאמאָל ווערט דער געפילדער אין הויף צוגעלאָשן — עס דערהערט זיך דער ניגן פונעם הימן.

נאָך דעם טוט א קנאל א מארש — דער פּאָנענטרעגער מיט זײַנע אסיס־טענטן מארשירן פארבײַ דעם סטראָי. זיי שטעלן זיך אָפּ לעבן דער טריבונע, ווערן פארגליווערט.

אלץ קומט פאָר קימאט ווי אין פאָריקן הארבסט. רעדעס, באגריסונ־גען, ווונטשן, דער פײַערלעכער מארש איבער די שול־עטאזשן — עס שפּאנען די סאמע ייִנגסטע און די סאמע עלטסטע שילער. מאטאָנעס... נאָר אן אונטערשייד איז פונדעסטוועגן פאראן — איצט פילן זיך געקאָ־וועט די עלטערע, ניט דאָס קליינוואַרג. איצט האָט זיך שוין יורע מיט זײַנע כאווירים א לאָז געטאָן פאָרויס מיט קווייטן אין די הענט צו די

ייִנגלעך און מיידלעך פון די צענטע קלאסן — ניט פארקערט. און צום סאמע סאָף גיט צו וויסן דער דירעקטאָר פון דער שול מיט א פּאָכע פון דער האנט: צײַט צו געבן א קלונג — ניט דעם ערשטן, נאָר דעם לעצטן קלונג.

באָרעך קוקט פון יענער זײַט פּלויט אפן יאָמטעוו און דערמאָנט זיך אין זײַנע שול־יאָרן. ליידער, האָט מען אזעלכס דעמלט ניט צוגעטראכט. טראדיציעס זײַנען אויך דאן געווען. אי אן אָרקעסטער — דער ערשטער אין שטאָט, אי פּאָנען, אי קארנאוואלן — ברענענדיקע פאקעלן.

פון זײַן פארגליווערטקײַט וועקט אוף דעם טאטן יורע. ער רירט זיך צו צו זײַן ארבל:

— דו ווייסט, טאטע, כ׳האָב מײַן בוקעט געשענקט דעם פאראיאָריקן באָכער.

באָרעך פארשטייט ניט.

— נו, אָט דעם יאט, וואָס האָט מיר פאראיאָרן די קוויטן געגעבן בייס מײַן ערשטן קלונג.

— א, קלאָר, — זאָגט באָרעך און קלערט אף א קאָל: — דער, וואָס וועט שענקען בלומען דיר, ווען דו וועסט ענדיקן דעם צענטן קלאס, איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן.

יורע לייגט ניט קיין אכט אף אָט דעם טאטנס ווערטער, אים אינטע־רעסירט עפּעס אנדערס:

— דו ווייסט, פארוואָס מע קושט די פאָן, ווען מע גיט א שוווּע?

— אלס צייכן פון ליבע און טרײַשאפט, — דערקלערט באָרעך שטיל.

— טאטע, דו... דו האָסט ווען־ס׳ניט־איז געגעבן א שוווּע בא דער פאָן?

— יאָ, יוריק. בייס דער מילכאָמע. דעם ארטילערישן פּאָלק, אין וועלכן כ׳האָב געדינט, איז צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל „גווארדייישער", און מיר האָבן זיך געשוואָרן לעבן דער גווארדייִשער פאָן.

יורע טוט א צי מיט דער נאָז, ער וויל נאָך פרעגן, פארוואָס שטעלט מען זיך אף די קני בייס דער שוווּע, נאָר ער באווײַזט ניט. ארומגע־רינגלט מיט שילערנס, שפּאנט פארבײַ הינדע סעמיאָנאָוונע, דער טאטע בייגט אָן צו איר דעם קאָפּ. וואָס קומט עס פאָר מיטן טאטן, פארשטייט ניט יורע. קענטיק, אז באָרעכן איז עס אויך ניט קלאָר.

די שפּאַרגאַלקע

פאַינע סאַמוילאָװנע שאָבט בײַז מיטן נאָגל דעם טינט־פלעק אױף דער עקזאַמען־ליסטע. דער טאָג ציט זיך עפּעס זײער לאַנג, און אױפן טיש, באַנאַנד מיטן ציגאַר־שאַכטל, ליגן נאָך צװײ „זאַטשאָט־קעס". בײדע אײגנטימער פֿון אָט די ביכעלעך — אַ צעשױבערטער קװאַרער באָכער אין אַ ליזשע־זשאַקעטל און אַ מײדל מיט לאַנגע צעפּ — זיצן אין פֿאַרשײדענע רײען פֿון דער אַאודיטאָריע און שרײַבן. ער מעקט פֿאַרדײַגעט אײן שורע נאָך דער צװײטער; זי האָט נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און טרערן רינען איבער אירע באַקן.

פֿאַינע סאַמוילאָװנע װאַרט, עמעצער פֿון זײ זאָל אַ הײב טאָן די אױגן. זי שמײכלט, נאָר אַלע אין אינסטיטוט װײסן גוט, אַז גלײבן אָט דעם שמײכל דאַרף מען ניט. זי איז אַ מײַסטער צו לאַכן, װען ס'איז אומעטיק, ליבן דאָס, װאָס זי האָט פֿײַנט, די צאָרע אױסבאַהאַלטן, דעם פֿאַרגעניגן פֿאַרשװײַגן. אַלץ איז בײַ איר אױף צו באַװײַזן, אַז מענטשן זאָלן זען ניט דאָס, װאָס עס איז, נאָר דאָס, װאָס ס'װאָלט געמעגט זײַן. מיט איר פּאָנעם האָט זי געטאָן אַלץ, װאָס עס טוען די שױן ניט־יונגע פֿרױען, װעלכע װילן אָפּהיטן זײער שײנקײַט. געקלײדט איז זי געװען באַשײדן, אָבער די דאָזיקע פּאָשעטקײַט פֿלעגט שטענדיק פֿלעטן. װען דו קוקסט אױף איר, קומט דיר ניט אױפֿן זינען, אַז זי איז שױן לאַנג אַריבערגעטראָטן די שװעל פֿון פֿערציק יאָר.

דער צערודערטער רעװיאַקין שפּירט גנײװיש נאָך פֿאַינע סאַמוילאָװ־נען, װײַל ער מוז איבערגעבן אַ צעטעלע זײַן שכײנע. ער לאָקערט אַ װײַלע, װען די לעקטאָרן װעט זיך אָפּקערעװען. אָבער מיט עפּעס דעמאָס־

קירט ער זיך, ס׳קאָן זײַן, אז די אויגן גלאַנצן בא אים אומגעווײנלעך. פאַינע סאַמוילאָווגע כאַפּט איבער זײַן בליק.

— איר הײַעט זיך צופיל, — ברענגט זי אַרויס מיט א וואָרקענדיק קאָל, האָגאם אף איר פּאָנעם מערקט זיך לאַכלוטן ניט קיין פרײַנטלעכער אויסדרוק.

— כ׳בין נאָך ניט גרייט, פאַינע סאַמוילאָוונע, — זאָגט טויבלעך רעוויאַקין און שטופּט אַרײַן די נאָז אין זײַן העפטל.

פאַינע סאַמוילאָוונע שטייט אוף, צעעפנט דעם פּאָרטסיגאַר, פאַרייכערט. זי רײַבט אָן איין שוועבעלע נאָכן אַנדערן, נאָר ביידע ברעכן זיך איבער, און דאָס אַנטפּלעקט איר אופגערעגטקײַט. זי דערנעענטערט זיך צום פענצטער, אף וועלכן דער פראָסט האָט אָנגעמאָלט קרענצעלעך און בלימעלעך, שפּאַרט זיך אָן אין בײַשטידל, זי לאָזט אַרויס דעם רויך ריינגעוויײַז, באַטראַכט, דוכט זיך, אופמערקזאם דעם דרויסן דורך די לעכלעך אינעם פראָסט־געמעל.

א מינוט וואָרט וואַסיע, דערנאָך טוט ער א שלײַדער דאָס צעטעלע.

פאַינע סאַמוילאָוונע כמורעט זיך אָן. זי האָט אַלץ געזען, זי קאָן, לאָזט זיך אויס, קוקן איינצײַטיק אין פאַרשיידענע זײַטן.

פאַרקלעמענדיק דאָס פּאַפּיראָסל אין די ציין, באַקלערט זי, וואָס צו טאָן — באַשטראָפן דעם מאַמזערוק אָדער ניין? אָן אַנדערש מאָל וואָלט זי מיסטאָם אופגעהויבן א טומל. איצטער אָבער גלוסט זיך איר ניט צו באַקן א געפּעפּערטן קניש. זי איז שטאַרק מיד. און, ווײַזט אויס, דערפאַר טאַקע פאַרשטייט זי קלאָרער, ווי געווײנלעך, אז דער גורל האָט זי באַליידיקט. אָט דער באַשטענדיק מאַטערנדיקער געפיל צעוואַקסט זיך אַלץ מער אין איר. פאַינע סאַמוילאָוונע ווייסט, אז די סטודענטן האָבן זי ניט ליב, און דאָס איז אָן אַלטער ווייטעק. האָט דען א זין גראָד איצט, ווען זי כאַלעשט פון מידקײַט, אָנהייבן אומגעהיט יאַטערן די ווונד? צוליב וואָס? זי רייכערט אויס באַם פענצטער דאָס ציגאַרל און קערט זיך אום מיט פאַרפרעסטע ליפּן צום טיש.

פאַרבײַגייענדיק שטעכט זי אײַן איר בליק אין דער סטודענטקע. זי איז דערשטוינט, ווײַל דאָס מיידל איז אופגעלעבט געוואָרן. דער סטודענטקעס אויגן פינקלען, אין זיי ציטערן נאָך אַלץ טרערן, אָבער זיי גלאַנצן רעגנבויגנדיק. אַזוי שײַנען רעגן־טראָפּנס אף דער זון, ווען זי קוקט אַרויס פון אונטער די וואָלקנס. „כ׳האָב א טאָעס געהאַט, — זאָגט צו זיך אַליין פאַינע סאַמוילאָוונע. — געמיינט, אז איטעלע איז א פּייַיק מיידל, אינדערעמעסן, ווײַזט אויס, טויג זי אָן א שפּאַרגאַלקע אף קאַפּאָרעס".

וואסיע טוט זיך א הייב פונעם אָרט:

— ענטפערן קאָן מען?

פאַינע סאמוילאָוונע פארזשמורעט די וויִעס:

— עפּעס זייער גיך האָט איר זיך אונטערגעקאָוועט.

רעוויאקין ווערט וואכזאם: „צי דען האָט זי באמערקט, ווי דאָס צעטעלע איז געפלויגן צו איטעלען?"

פאַינע סאמוילאָוונע זעצט פאָר מיט שפּאָט:

— איר זײַנט א בראַווער יאַט, רעוויאקין... נו, איך הער אײַך.

אין א קנאפּן צענדליק מינוט ארום באַווײַזט זיך אין וואסיעס אויספּרוּוו־ביכעלע א שפּאָגל־נײַער „פינף". וואסיע שטופּט ארײַן דאָס ביכעלע אין קעשענע, טוט זיך א קער צו איטעלען און דערזעט, אז זי שמייכלט. אף דעם טאקע האָט ער מיט אומגעדולד געוואַרט. איצט מעג מען פארלאָזן די אַאודיטאָריע. ס'איז אָבער ניט אדורך אפילו קיין מינוט, און ער איז ווידער אף דער שוועל.

— אנטשולדיקט, פאַינע סאמוילאָוונע, — זאָגט ער קלינגעוודיק. — פארגעסן זיך געזעגענען. א גוטן, פאַינע סאמוילאָוונע...

אין זײַנע אויגן טאנצן דערבײַ שרעטעלעך.

איטעלען הערט אויס פאַינע סאמוילאָוונע אופמערקזאַמער, ווי רעוויאקינען, האָגאָם די סטודענטקע ענטפערט מיט ענטוזיאַזם, דערהויבן, דערווײַזנדיק קלאָר, קוקט אפילו ניט ארײַן אין אירע פאַפּירלעך. די לערערן לאָזט זי ניט ארויסזאָגן ביזן סאָף די געדאנקען — פאַלט ארײַן אין אירע רייד, שיטנדיק אף איר צוגאָב־פראגעס. בעקיוון שטערן דער סטודענטקע וויל זי ניט, זי מוז אָבער זיך דערקלײַבן ביזן טאָך: וואָס הייסט עס, וויִאזוי ווערט עס מיטאמאָל א מיידל איבערגעאנדערשט? „איך וואָלט אזוי ניט געקאָנט, — קלערט פאַינע סאמוילאָוונע. — מיט א שפּארגאלקע, און אזוי פײַן ענטפערן!" אָפּצושאַצן דעם ענטפער איז איר געווען זייער שווער. ער איז אַן אויסגעצייכנטער. אין דעם איז פאַינע סאמוילאָוונע איבערצײַגט. נאָר זי צווייפלט אויך ניט אין דעם, אז בא איטעלען זײַנען געווען גרויסע שוועריקײַטן בײַסן צוגרייטן אָט דעם גלענצנדיקן ענטפער, און אויסגעלייזט זי האָט פונדעסטוועגן רעוויאקין.

און דאָ פאַראַט פאַינע סאמוילאָוונע איר געווײנלעכע אויסגעהאַלטנקײַט.

— גיט נאָר אהער די שפּארגאלקע, — פאָדערט זי שטרענג.

איטעלע ווערט פארויטלט:

— אוי, פאַינע סאמוילאָוונע, כ'בעט אײַך, מע דארף ניט...

— נו, ניין! האָט ניט קיין פאַריבל, — זאָגט פאַראַקשנט די לערערן, — אָדער איר באַוויַיזט, אָדער דער עקזאַמען איז ניט פאָרגעקומען.

וואָס זאָל מען טאָן? די סטודענטקע איז געצוווּנגען איבערגעבן דעם עקזאַמענאַטאָר דאָס צעטעלע.

„איך האָב דיך ליב...

כ'האָב דיך שטאַרק ליב, איטעלעטשקע"... — לייענט פאַינע סאַמוילאָוונע. צוויי פּורפּור־פלעקן קריכן אַרויס אַף אירע בלאַסע באַקן. זי קוקט פאַרלאָרן אַף איטעלען.

דאָס מיידל לאָזט אַראָפּ די וויעס און שוויַיגט. זי איז ניט אימשטאַנד דערציילן פאַינע סאַמוילאָוונען, אַז האַרט ערעוו דעם עקזאַמען האָבן זיי זיך צעקריגט, זי און וואַסיע, אומזיסט און אומנישט, צוויי נאַראָנים, צוויי טיפּשים, בלויז צוויי פאַרליבטע קאָנען זיך אַזעלכס פאַרגינען. וואַסיע איז באַרויגעז געוואָרן, אין דער אַאודיטאָריע זיַינען זיי אַריַין, ווי סאָנים. דאָס וואָלט געקאָנט זיך פאַרענדיקן שלעכט. נאָר באַקומען האָט זיך ניט אַזוי, זיי האָבן זיך איבערגעבעטן. אַלץ איז גוט.

— זיַיט אונדז מויכל, — ברענגט אַרויס דאָס מיידל.

פאַינע סאַמוילאָוונע איז פריטשמעליעט. זי קאָן אַפילע ניט אויסבאַהאַלטן אירע געפילן. דאָס פרעמדע גליק האָט זי ווייטעקדיק פאַרוווּנדעט. קיינמאָל איז בא איר אַזעלכס ניט געווען — עכטס, פעסטס, אייגנס. עס וואָלט עפּשער יאָ פּאַסירט, עס וואָלט געקאָנט זיַין אַזעלכס — בא איר מיט סטיאָפּען, האָבן זיך אָבער אַריַינגעמישט טאַטע־מאַמע: פאַרשטערט איר דאָס גליק אַף אייביק. אַך, ווי קליינשטעטלדיק באַגרענעצט זיַינען זיי געווען... און זי אַליין, פאַינע, אויך צוזאַמען מיט די עלטערן...

אַ פאַרדראָס פאַרפלייצט פאַינע סאַמוילאָוונען. עס פאַרגלוסט זיך שוידערלעך, ניט נאָר זי אַליין זאָל וויסן פון ליידן — זאָל אויך די יונגע סטודענטקע געניסן דעם ביטערן טאַם. „וואָס וועט זיַין, אויב כ'וועל פּאַסקענען, אַז איר ענטפער איז געווען אַ ביז גאָר שוואַכער? אַ שלעכטער ענטפער?! אַ פלאָקן שטעל איך איר אַריַין אין דער עקזאַמען־ליסטע! אָט וואָס! קיינער וועט ניט דערוויַיזן, אַז כ'בין אומגערעכט".

מיט אָט דעם געדאַנק טוט זיך פאַינע סאַמוילאָוונע אַ קער צו דער טיר, וועלכע האָט זיך פלוצעם צעסקריפּעט, דערזעט וואַסיעס צעשויבערטן קאָפּ, זיַינע פאַרשיַיטע אויגן, פירט איבער דעם בליק אַף איטעלעס פאַרשעמט, אָבער יובלדיק פּאָנעם, און דער לערערקעס האַנט הייבט אָן ציטערן — לאָזט זיך אָנמעכטיק אַראָפּ אַף די קני.

קליאַנטן

אונדזער ערשטע דירע אין מוראָם איז געווען א געדונגענע. מיר האָבן א גאַנץ יאָר געלעבט, ווי אף א ווולקאַן — יעדע מינוט געוואַרט אף אַן אויסברוך: קוים וווינסטו באַ א באַלעבאָסטע, און דערצו נאָך באַ אַן „אַנטיקל", ביסטו פולשטענדיק איר אונטערטעניקער. אָבער סאָפּקאָלסאָף האָט אונדז אויסגעלייזט דער פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט, אין וועלכן מיר האָבן אונטעריכט, מײַן פרוי — רוסישע ליטעראַטור, איך — צייכענונגס־געאָמעטריע. דער אינסטיטוט האָט אונדז אויסגעטיילט צוויי שמאָלע צימערלעך אין איינער פון זײַנע צוזאַמענוווינונגען.

אין דער נײַער דירע זײַנען מיר אַריבערגעפאָרן אומגעריכט: אָנגעלאָדן די טשעמאָדאַנדלעך און דאָס בעטגעוואַנט אף א וואָגן, איבערגעבונדן דאָס ביסל גוטס מיט א שטריקל, און וויאָ, מײַנע פערדעלעך, אַפילע זיך ניט אַרומגעקוקט צוריק.

איך האָב געהאָלפן דעם אינסטיטוטישן פורמאַן דעם טאָטער סאַמאַטן, וועלכער האָט אַלץ געטאָן פּאַוואָליע, שווײַגנדיק. געהאָלפן צוטראָגן די כפייצים, פאַנאַנדערשטעלן זיי, אַראָפּנעמען אַלץ פונעם וואָגן, און דערווײַל זיך צוגעקוקט צו אים, זיך געסטאַרעט פאַרשטעלן, וואָס פאַר א מענטש איז ער, מײַן קינפטיקער שאָכן.

דער ערשטער אײַנדרוק נאַרט קיינמאָל ניט אָפּ. דער פעטער סעריאָזשע — סאַמאַט האָט געבעטן, מע זאָל אים אַזוי רופן — איז מיר געפעלן. ער האָט אַרויסגערופן צוטרוי. „ס'וועט זײַן רעכט. מירן זיך, מיסטאָם, מיט אים ניט קריגן", — האָב איך געקלערט.

אפדערנאכט, נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך מער־ווייניקער אײַנגעאָרדנט אפֿן נײַעם אָרט, זײַנען מיר זאלבעדריט — איך, מײַן פרוי און דער זון ליאָווע — ארויס אין הויף א ביסל זיך אָפּרוען. מיר זײַנען גלײַך ארײַנ־געפאלן אין דער ארומרינגלונג פון א טשאטע שווארץ־אויגיקע קינדער־לעך, איבערראשנדיק ענלעכע אפֿן פעטער סעריאָזשע. מיר האָט זיך גע־דאכט, אז דאָס עלטערע יאטל איז אלט א יאָר צוועלף, די איבעריקע האָב איך ניט באוויזן ווי עס באדארף צו זײַן באטראכטן: מײַן אופמערקזאמ־קײַט האָט צוגעצויגן דאָס סאמע קלענסטע אייפעלע — א מיידעלע מיט פוכקע אויסגעשמירטע באקן און אזעלכע שווארצע גלאנצנדיקע אויגן, וואָס פארגלײַכן וואָלט מען זיי קאָנען עפשער נאָר מיט רײַפע גרויסע קארשן.

— ווי רופט מען דיך?

— ליובע.

איך האָב א גלעט געטאָן אירע צעשויבערטע האָר.

— און מיך — פארוק!

— מיך — דזשאודאט!

די קינדער האָבן געשריגן, איבערגעשלאָגן איינס דאָס אנדערע, גע־שטופט זיך מיט די אקסלען.

א יאטל פון א יאָר זיבן טוט א שטופּ אין א זײַט די ברידער, וועלכע האָבן זיך אָנגעכאפט אין מײַנע קני, און רופט אויס:

— מיך פרעג! איך וויל זאָגן. איך בין אכמעט.

פארוק צערעוועט זיך. עס הייבט זיך אוף א גוואלד. בלויז דער עלטס־טער — א דארער, ברוינער, גרויסשטערנדיקער — שווײַגט ווירדיק. נאָר ווען איך פרעג, ווי ער הייסט, ענטפערט ער גערן:

— גענקע.

מײַן פרוי קוקט אף מיר און שמייכלט, אָבער אין אירע אויגן פינקלט אַן אומעטיקער פאָרוואורף, גיי ווייס, וואָס עס קימערט זי.

א דורכדרינגענדיקער קוויטש, וואָס קומט פון אויבן, צעקאלויצעט די לופט. מיר טוען זיך א דריי אלע מיטאמאָל. די קינדערלעך ווערן אנ־שוויגן: אין א צעעפנט פענצטער פונעם צווייטשטאָקיקן מויער שטייט די מאמע פון די קינדער, די מומע מאריאם, און פאָכעט צו זיי מיט די הענט. איר שטערן איז איבערגעבונדן מיט א האנטעך.

אַן כיישעק הייבן אָן די קינדער אָפּטרעטן פון אונדז. מיר פארשטייען, אז די שכיינע רופט זיי אהיים. גענקע נעמט ליובען פאר א הענטל און פירט זי אוועק, נאָך אים לאָזן זיך די איבעריקע.

מיר זעצן זיך אוועק אף א באנק לעבן פלויט.

לויט דעם, וויאזוי מײַן פרוי נעמט זיך אײַנהילן אין איר כאלאטל, ארופלייגנדיק איין פּאָלע אף דער צווייטער, פארשטיי איך, אז זי דאַרף מיר עפּעס זאָגן. איך שווײַג, כאָטש איך שטויס זיך אָן, פאַרוואָס זי איז אומעטיק. און בעעמעס, זיפּצנדיק, ברענגט זי ארויס:

— ווען כ'זע דיך מיט קינדער, צווישן א סאך אייפּעלעך, קום איך צום אויספיר, אז מיר זײַנען דאלפּאָנים.

דערווידערן איז ניטאָ מיט וואָס.

זיצן מיר אזוי זאלבעדריט, אקסל צו אקסל, און קוקן, ווי עס דער־ברענט די שקיִע איבער אונדזער גרויסן הויף.

— ס'וואָלט גוט געווען פארפלאנצן דאָ א גאָרטן, — זאָגט שטילערהייט מײַן פרוי. — און בלומען אויך.

איך צווייפל:

— וואָס פאר א פרוכט־בוים וועט עס אויסשטיין קעגן דעם פּעטער סעריאָזשעס כאליאסטרע? און אף קווייטן זײַנען הינער באלאָנים.

— פאראַן סאָרטן, וואָס הינער פּיקן ניט.

— הער מיך אויס, לענע, — זאָג איך, אן אופגערודערטער, און דערפיל זיך אף א רעגע ווי א דערפינדער. — ס'איז אן אידיי! מע מוז דען אומ־באדינגט פרוכט־ביימער? מע קאָן דאָך פארזעצן אנדערע מינים.

אף מאָרגן האָבן מיר זיך שוין באשעפטיקט מיט גרייטן דעם באָדן פאר די פארפלאנצונגען. דאָס איז געווען, ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, א זאך א קאָמפּליצירטע. מיט פיל יאָרן צוריק, נאָך פאר דער רעוואָליו־ציע, איז דאָ געווען אן ארײַנפאָר־הויף, דאָ פלעגן זיך אָפּשטעלן אף נאכטלעגער באלעגאָלעס. דער באלעבאָס האָט ספּעציִעל פארברוקירט דעם הויף מיט שטיינער, קעדיי די וועגענער זאָלן ניט זינקען. די יאָרן האָבן באדעקט דעם ברוק מיט א פלאסט ערד. גראָז וואקסט דאָ, אָבער די בוים־וואָרצלען וועט זײַן זייער שווער זיך דורכרײַסן דורכן גראניט. אף דעם מישפּאָכע־סאָוועט איז באשטימט געוואָרן: די שטיינער אויס־גראָבן.

אינמיטן דער ארבעט גייט צו צו אונדז ליובע, ווי אן אלטע באקאנ־טע, שטרעקט אויס איר הענטל, זאָגט מיט א דינינק קעלכל:

— א גוט־העלף אײַך! וואָס טוט איר?

— מיר גראָבן אויס שטיינער, — ענטפער איך און דערלאנג איר די האנט.

— צוליב וואָס דארפסטו די שטיינער?

איך דערקלער איר, און ליובע שליסט זיך באלד איַן אין אונדזער ארבעט. פליַסיק אייסעקט זי זיך מיט א שווערן שטיין, קרעכצנדיק שלעפּט זי אים פון דער ערד. ליאָווע העלפט איר. אינצווייען קיַקלען זיי ארוף דעם שטיין אף דעם הויפן שטיינער. ליובע קוקט אף אונדז מיט שטאָלץ: זי וויל דערגיין, צי האָבן מיר אָפּגעשאצט ווי עס באדארף צו זיַן איר טירכע.

— ביסט א העלד, — לויבט זי ליאָווע. — אָן דיר איז די ארבעט געגאנגען שווערער. איצט זעסטו, סארא בארג ס'איז אויסגעוואקסן!

ליובע זעצט זיך צו אָפּרוען א ביסל.

אינגיכן האָבן זיך צו אונדז פארייניקט די יינגלעך. איינער פון זיי רוקט אריַן דעם קאָפּ אין דעם צעעפנטן טירל, קריכט אריַן אין הויף, גייט צו צו ליאָווען און רירט אָן מיט די פינגער זיַן ארבל.

— אָ, פארוק! — רופט זיך אָן ליאָווע, אויסגליַכנדיק די פּלייצע.

— איך בין ניט פארוק. — דערווידערט אומצופרידן דאָס יינגעלע. — מיך רופט מען גומער.

— אויב דו ביסט גומער, טאָ שטעל זיך לעבן מיר, אהער.

דאָס יינגעלע טוט א שמאָרע מיט דער נאָז, שטעלט אוועק דעם פוס אף א שטיין:

— איך מעג?

— פארוואָס ניט?

דאָס יינגעלע טוט זיך א דריי און אנטלויפט. אָבער אין עטלעכע מינוט ארום איז ער ווידער דאָ — שוין מיט אלע זיַנע ברידער צוזאמען.

וויַזט זיך ארויס, אז די כעוורע זיַנען זעלטענע ארבעטער. אלע האָבן זיך געסטארעט, און די עלטערע, באזונדערס גענקע, האָבן טאקע איַנגעטרעמעסן א סאך אופגעטאָן. כאָטש אָן קיין סקאנדאל איז מען זיך אויך דאָס מאָל ניט באגאנגען. גומער און אכמעט האָבן פארפירט א געשלעג איבער עפּעס א שטיין, אָן שום סיבעס האָט געוויינט פארוק.

אין א וואָך ארום האָט דער פעטער סעריאָזשע געבראכט צו פירן א פולן וואָגן מיט פלאנצונגען. ער האָט מיטן אקסל אופגעהויבן פון איין זיַט דעם וואָגן, און די דארע קליאָנעלעך האָבן מיטאמאָל, שורשענדיק, זיך אראָפּגעגליטשט אפן גראָז.

דערזען דעם טאטן, לאָזט זיך ליובע לויפן צו אים. דער פעטער סעריאָזשע צעשמייכלט זיך ווייך מיט זיַנע שמאָלע אויגן. ליובע שטעקט אריַן די האנט אינעם טאטנס קעשענע, שלעפּט ארויס פונדאָרטן א קאָנפעטל, באוויַזט עס באַרימעריש די ברידער. אָבער קיבעד באקומען דערנאָך אלע.

איך קוק אף זיי דורך דעם פענצטער.

די קינדער בעטן דעם טאטן, ער זאָל זיי לאָזן אפן וואָגן. דער פעטער סעריאָזשע שאָקלט מיטן קאָפּ אף יאָ. ער זעצט ארוף ליובען אין דער סאמע מיט, גענקע העלפט די ברידער. מיט א פריילעכן געפילדער קײַקלען זיך ארוף די קינדער אפן וואָגן און פאָרן ארויס פונעם הויף.

ווען די כעוורע קערן זיך אום, טרעפן זיי אונדז בא דער ארבעט. עטלעכע קליאָניקלעך שטייען שוין אין זייערע נעסטן.

— איר פארשפעטיקט! — שרײַט אויס ליאָווע.

די קינדער טאָפּטשען זיך שווײַגנדיק אף איין אָרט.

ביז ס'איז טונקל געוואָרן האָבן מיר פארפלאנצט אלע ביימלעך.

רעגנס האָבן אָנגעהויבן גיסן, פארפלייצט מיט קאליוזשעס אונדזערע פלאנצונגען. מיר האָבן געמיינט, אז אלץ איז שוין פארפאלן. שפּעטער מיט א צײַט האָבן א קלאַפּ געטאָן פרעסט אָן שנייען. די ביימלעך האָבן זיך פארוואנדלט אין אײַז־ליכטלעך. נאָר אונדזער שרעק איז געווען אומזיסט.

איינמאָל, אין פריִען פרילינג, רופט מען מיך אין אינסטיטוט דרינגענד צום טעלעפאָן.

— די קנאָספּן ווערן אָנגעבראקנעט, — דערהער איך לענעס קאָל. איך בין דערשראָקן, כ'פארשטיי זי ניט.

— וואָס איז געשען? — שרײַ איך אין טרײַבל.

— זיי לעבן! די קליאָנען! אינגיכן וועלן זיך אויספיקן בלעטלעך.

די ביימער זײַנען געוואקסן גיך און ווילד. פארוואָס, ווייס איך ניט. מיסטאָם האָט אונדז פּאָשעט אָפּגעגליקט — באקומען אזא מין שנעלוואקסיקן סאָרט פלאנצונגען. שוין אינמיטן זומער האָבן אפילע מיר, די דערוואקסענע, זיך געקאָנט אויסבאהאלטן פון דער זון אין די קליאָנענשאָטנס, דאָס קליינוואַרג איז ביכלאל פון אונטער די ביימער ניט ארויסגעקראָכן.

איינמאָל, סאָף יוני, בין איך אופגעשטאנען גאנצפרי. אין הויף האָב איך געטראָפן גענען. ער האָט עפּעס מאָדנע באטראכט די קליאָנען.

— זיי געפעלן דיר? — האָב איך אים א פרעג געטאָן.

— מעסוקן! — האָט ער געענטפערט מיט א ציטעריק קאָל און צוגעגעבן היספּײַלעסדיק: — זייער בייגעוודיקע!

„באם יאטל איז בעלי־סאָפעק פאראן א געפיל פאר שיינקײַט״, — האָב איך א טראכט געטאָן. מיך האָט אויך דערפרייט דאָס, וואָס גענע קלײַבט נאכעס פון זײַן טירכע — נאָר פארוואָס האָט ער זיך פארלאָרן, באגעגענענדיק מײַן בליק?

אין צוויי טעג ארום, אומקערנדיק זיך פון אינסטיטוט, האָב איך לעבן טויער פון אונדזער הויף זיך אָנגעשטויסן אף גענקען. ער האָט געטראָגן א בויגן מיט א פעקל פײַלן אין די הענט. דאָס יינגל איז פלינק דורכגעלאָפן פארבײַ מיר. איך בין ארײַן אין הויף און דערשטוינט געוואָרן: אונדזערע קליאָנעז זײַנען פארשוווּנדן! אָנשטאָט זיי האָבן פון דער ערד געשטעקט הוילע האָלץ־הערנער.

אָט פון וואָס גענקע האָט געמאכט זײַן בויגן מיט די פײַלן!

א דערצאָרנטער, טו איך זיך א ריס צו די שכיינים — קיינער פון זיי איז אין שטוב ניטאָ. לענען און ליאָוועז האָב איך אויך ניט געטראָפן. עס איז דורכגעגאנגען עפשער א האלבע שאָ. די קריוודע האָט אין מיר אײַנגעזאָטן. ערשט איצט האָט זיך אין הויף באוויזן די מומע מאריאם. זי איז ארײַן פון דער גאס־זײַט, פירנדיק פאר א הענטל די טאָכטערקע. ליובע איז געווען פארבאנדאזשירט — דער קאָפּ און דאָס פּאָנעם פארוויקלט אין א בלוילעכער מארליע. אפן פּאָנעם האָבן געפינקלט בלויז צוויי גרויסע שווארצע קארשן.

— אין שפּיטאָל געווען! — האָט בייז געזאָגט די מומע מאריאם, נאָר אין אירע אויגן און אף דעם אויסגעמאטערטן פּאָנעם איז געלעגן אזויפיל גוטסקײַט, אזויפיל אומבאהאָלפנקײַט, אז באליידיקן זיך אף איר האָט מען ניט געטאָרט. זי טוט א ווונק אף דער טאָכטערקע. — א באנדאזש געמאכט. גענקעס פײַל־און־בויגן. פארוואונדעט!

די פארווייגטע ליובע האָט אומעטיק א שמייכל געטאָן.

איך האָב באשטימט מאכן א שווײַג וועגן די אומגעבראכטע ביימלעך. דער מומען מאריאם איז גענוג אירע אייגענע צאָרעס. גענקע האָט יענעם טאָג מיך אויסגעמיטן. באגעגנט האָבן מיר זיך צופעליק, א ביסל שפּעטער, לעבן קוואל מיט שטארק קאלטער און, ווי בא אונדז האָט מען געהאלטן, היילבארער וואסער. גענקע האָט געשלעפּט בארג־ארוף אף א קאָראָמיסלע צוויי פולע עמער. דערזעענדיק מיך, האָט ער זיך פארויטלט און אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

קוקנדיק אף גענקען, האָב איך באשלאָסן, אז מוסערן אים איז ניט קעדײַ. קינדער בלײַבן שטענדיק קינדער.

איך האָב אָנגעשעפּט וואסער אין מײַן בידאָנדל און געמאכט אן אָנשטעל, אז איך האָב גענקען ניט באמערקט.

מיר זײַנען געווען איבערצײַגט, אז די קליאָנען־עפּאָפּיי איז פארענדיקט.

נאָר באקומען האָט זיך אנדערש. די איבערגעבליבענע צווײַגן האָבן מיט נאָך א גרעסערן אימפּעט זיך א צי געטאָן צו דער זון. די דרעמ־

לענדיקע קנאָספּן אָף די פֿארבליבענע האָלץ־הערנער האָבן זיך אופגעכאפט פון שלאָף און פארשייט געגומען וואקסן. אזויארום האָבן מיר אין הארבסט נאָכאמאָל באקומען א וועלדל, אפילע א בעסערס, ווי פריער, איצט שוין א צווייקאָליריקס — פון אונטן, ביז יענע ערטער, ווו עס הייבן זיך אָן די יונגע שפּראָצונגען — א טונקלס, און ווייטער — איידל־גרינע בלעטער.

און דאָך שטרענג אויסמוסערן געגקען, וואָרענען אים, וואָלט איך געדארפט. פילנדיק זיך אומבאשטראָפט, זיינען די מאמזיירים, בעראָש מיט געגקען, ווידעראמאָל אָנגעפאלן אָף אונדזערע ביימער: דאָס מאָל האָבן זיי, זעט איר, געדארפט מאכן שטעקלעך מיט פארשיידענע שניצערייַ.

איצט זיינען שוין פון אונדזערע קליאָנען געבליבן בלויז פניאָקלעך.

גיי פארשווייַג אזא גאזלאָנעס.

עס האָט זיך פארקאָכט אָן עסיקפליישׁ: די מומע מאריאם גוואלדעוועט; דאָס קליינווארג שרייט, פארענטפערט זיך; פארוק וויינט; דער פעטער סעריאָזשע דראָעט ניט אָף קאטאָוועס געגקען אָפשמייסן מיט די ווישקעס, ער זאָל אָף אייביק פארלירן דעם כיישעק צו אזעלכע זאכן.

לענען האָט זיך מיט גרויסע שוועריקייטן איינגעגעבן שטילן דעם געוויטער. עטלעכע כאדאָשים נאָכאנאנד האָט געגקע זיך געסטארעט מיך ניט צו באגעגענען.

ס'איז אָנגעקומען דער ווינטער מיט זאווייען, אָפטע אָדליהעס, פארשאָטן מיט שניי די רעשטלעך פון אונדזערע פלאנצונגען, און מיר האָבן שוין קימאט פארגעסן אין זיי.

נאָר אין פרילינג האָט פאסירט א נעס. די קליאָנען זיינען ווידער לעבעדיק געוואָרן, אָבעראמאָל זיך א יאָג געטאָן צום הימל, אפסנייַ זיך באפעדערט מיט גרינס.

איך האָב געקוקט אָף זיי און געטראכט וועגן מיין אייגענעם גוירל. אין טאָך איז דאָס גאָר ניט קיין וווּנדער, אזוי איז שטענדיק. וואָס ביטערער די ליידן, אלץ שטארקער דער ווידערשטאנד, אלץ מערער וואכן אוף קויכעס צום לעבן.

וואָס איז שייַעך די קארבן און שראמען? אָן זיי, ווייַזט אויס, איז זיך ניט צו באגיין. וויכטיק איז, די וואָרצלען זאָלן ניט אומקומען.

אינהאלט

דערציילונגען

מײַ אין קאזאן 6
פאר שקיַע 134

נאָוועלן

א פרײַער דיפּלאָם 266
אן עקזאמען 274
די בערעזקע 281
א מאטאָנע 286
פרוזשינעס 293
דער לעצטער קלונג 298
די שפארגאלקע 307
קליאָנען 311

Борис Юрьевич Могильнер

МАЙ В КАЗАНИ

(На еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1981, 320 стр.
План выпуска 1981 г. № 276

Художник Е. Р. Скакальский

Редактор Х. В. Бейдер
Худож. редактор Е. Ф. Капустин
Техн. редактор И. М. Минская
Корректор Б. А. Гершман

ИБ № 2784

Сдано в набор 14.04.81. Подписано к печати 13.11.81. Формат $70 \times 108^1/_{32}$. Бумага тип. № 1. Высокая печать. Усл. печ. 14. Уч.-изд. л. 16,88. Тираж 2000 экз. Заказ № 295. Цена 1 р. 30 к.

Издательство «Советский писатель», 121069, Москва, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» Государственного Комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. 121019, Москва, пер. Аксакова, 13.

באָריס מאַגילנער

מײַ אין קאזאן

מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל“, 1981. 320 זײַטן.
ארויסלאָז־פּלאן פון 1981 י. נומ. 276.

קינסטלער יע. סקאקאלסקי

רעדאקטאָר כ. ביידער
קינסטלערישער רעדאקטאָר
יע. קאפּוסטין
טעכנישער רעדאקטאָר י. מינסקאיא
קאָרעקטאָר ב. גערשמאן

אינפאָרמאציע־ביולעטען נומ. 2784

אָפּגעגעבן אין זאץ 14.04.81. אונטערגעשריבן צום דרוק 13.11.81. פאָרמאט $1/_{32}$ 70×108. טיפּאָגראפיש פּאפּיר נומ. 1. הויכדרוק. באדינגלעכע דרוקבויגן 14. פארלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 16,88. טיראזש 2000 עקז. באשטעלונג נומ. 295. פּרײַז 1 ר. 30 ק. פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“, 121069. מאָסקווע, וואָראָווסקי־גאס, הויז נומ. 11. באלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן טיפּאָגראפיע נומ. 7 „איסקרא רעוואָליוציִי“ פון „סאָיוזפּאָליגראפּראָם“ פונעם מעלוכע־קאָמיטעט פון פססר איבער די איניאָנים פון פארלאגן, פּאָליגראפיע און בוך־האנדל. 121019, מאָסקווע, אקסאקאָוו־געסל, הויז נומ. 13.